STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07149

ROYTE FELDER

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רויטע פעלדער

ראָמאַן

פון

פרץ הירשביין

אין
צוויי ביכער

Copyright, 1935
by
PERETZ HIRSHBEIN

ASTORIA PRESS
New York City

490

ערשט בוך

באַגינען

I

די פרילינגזון איז אויפגעגאַנגען אַ וואַרימע איבער קרימער סטעפּ און אָנגעהויבן אויסצוזייגן די פייכטקייטן, וואָס האָבן דורך נאַכט געקילט מאַמע־ערד. די פרילינגזון האָט אויך אַרויסגערופן צום לעבן ניט נאָר די זריעה, וואָס דער מענטש האָט ערב ווינטער פאַרזייט, — נאָר אויך דער ווילדער מאָן איז אין צייט אַרויסגעקומען צו באַשיינען מיט רויטן חן דעם פאַרוואָרלאָזטן קרימער סטעפּ.

די פייכטקייטן, וואָס האָבן זיך אין אַ פאַרע אויפגעלייזט אַנטקעגן דער באַגינען־זון, האָבן לייכט־ראָז פאַרנעבלט דעם רוים, און אין דעם דאָזיקן נעבל האָבן זיך באַוויזן ווייטע אָפּשפּיגלונגען פון כלומרשטע דערפער און וועלדער, וואָס זענען אויפגעקומען און פאַרשוואונדן; וועלדער — וואו מען זעט קיין בוים אויף מיילן ניט אַרום — מיראַזשן אין לייכט־פאַרנעבלטע באַגינענס. . . .

כאָטש די ווינטער־זריעה דאָ־און־דאָרטן האָט אַ געראָטענע אויפגעלעבט אַנטקעגן פרילינג — איז דאָס אָבער ניט גענוג געווען צוצודעקן די פאַרלאָזענע שטרעקעס, וואו אַנטקעגן דער זון האָבן דאָרנדיקע געוויקסן אויפגעוואַקסט. נאָר דער וועג וואָס ציט פון ברעג ים, פון יעווּפּאַטאריע, טיפער אין לאַנד אַריין; דער ניט־באַצייכנטער מיט צופיל ביימער־וועג — ער האָט אויף אַ גאָר אויסטערלישן אופן אָפּגעלעבט: אידישע איבערוואַנדערער, שוין דאָס צווייטע יאָר זינט זיי האָבן זיך אויף דעם דאָזיקן וועג באַוויזן מיט האַק־און־פּאַק, צו באַזעצן זיך אויף אָנגעוויזענע שטיקער באַפרייטע ערד. און איצטער, דורך נאַכט און באַגינען, ציען די וואַנדערער מיט אָקסן־געשפּאַנען, ציען דורך טעג און נעכט פון יעווּפּאַטאריער האַפן, פירן ברעטער, טירן און פענצטער, ציגל און רויטע דאַכעווקעס די הייזער צו באַדעקן. אויף חידושים ביז גאָר פאַר די שיטערע דערפער פון די אַלטגעזעסענע, טאָטערן, דייטשן און אוקראַינער, וואָס זענען ניט נאָר אינגאַנצן צופרידן מיט אידנס אָנקומען אין קרימער סטעפּ.

אָבער מאַמע־ערד איז גוט, מאַמע־ערד האָט געדולד. קרימער ערד האַלט אין זיך דורות'דיקע סודות; זי האָט געדולד צו דורות'דיקע בית־עולמ'ס און צו דער נייער, לעבעדיקער צייט, וואָס האָט אויף איר דערוואַכט. אויף קרימער סטעפּ און בערג־קייטן זענען פאַר־צייכנט טריט פון פאַרצייטיקע מענטשן און אויך די טריט פון רוימער, סקיפן, הונען און גאָטן. אידישע וואַנדערער פון גאָר אַלטע צייטן האָבן דאָ אויך געלאָזן ביתעולמ'ס. מאַמע־ערד באַהאַלט שפּורן פון אידישע גולים; קרימער ערד וואָלט געקענט אַ סך סודות דערציילן פון גולים, פון אייגן לאַנד פאַרטריבענע, וואָס זענען דורכן מיטלענ־דישן ים, דורכן באָספאָר און שוואַרצן ים אַהער געקומען.

און פאַר מאַמע־ערד איז אויך איצטער, אין יאָר נײַנצן־זעקס־און־זיבן־און־צוואַנציק קיין חידוש ניט געווען, ווען אידישע איבער־וואַנדערער האָבן זיך באַוויזן מיט זייער אָרימקייט אויף אָקסן־געשפּאַן אַנגעלאָדן; איבער זיי — דער בלויער הימל און אַ צייכן פון סערפּ און האַמער, וואָס ווייזט אָן דעם וועג, ווייזט אָן דעם פרייגעמאַכטן פּלאַץ, די פּעקלעך אַראָפּצואוואַרפן, זעמליאַנקעס גראָבן, בויען הײַזער און אויפּאַקערן דעם פאַרלאָזענעם גרונט.

* * *

פרידריך באַגנער איז, ווי דער שטייגער, די לעצטע צייט וואַך אויף דער באַנק ביי דער דרויסן־טיר. ער קוקט אַריבער צום וועג, צום ברייטן שליאַך, וואו עס באַווייזן זיך די לעצטע צייט די אויס־טערלישע אָקסן־געשפּאַנען. ער קוקט און גאַפט. צומאָל האָט ער פאַר דעם קיין ווערטער ניט. הײַנטיקן באַגינען זענען שוין דריי געשפּאַנען פאַרביי מיט דער ברייטער דאָרפס־גאַס, אָנגעלאָדענע מיט רויטע דאַכוואַקעס, מיט ברעטער; אָפּגעריסענע, באָרוועסע אידן — די אַנטרייבער.

— דאָס איז נאָך שלימער פון פאַרפלוכטן קריג — האָט ער געמורמלט אויף דער זייט פון זיין ווייב יאָהאַנאַ, וואָס איז אָנגעקומען פון דער דערבייאיקער שטאָל מיט אַ פולן שעפל מילך — די לומפּיקע יודן טראָגן אודאי ניט קיין גליק פאַר אונדזער קרים. ווען פאַרליר־

זיקן מאַמע ערד, אויב די פאַרשאָלטענע מאָסקווער מאַכט וועט נאָך ווייטער אַזוי טרייבן אירע משוגעת׳ן.

יאָהאַנאַ האָט אָפּגעווישט אַן אַרבל די נאָז, האַלטנדיק דעם שעפל מילך מיט ביידע הענט; איז פאַרבייגעגאַנגען אין שטוב אַריין גאָרניט זאָגנדיק.

שווערוואָגיק, ברייטפּלייציק און מיט אַ שווערן קאָפּ אויפן קורצן האַלדז איז געווען פרידריך באַגנער. יאָהאַנאַ — אַ שמאָלע, אויס־געצויגענע, מיט אַ קליינעם קאָפּ אויף אַ דינעם האַלדז.

ניט קיין חידוש: פרידריך באַגנער איז אין צפון־קרים מער ווי אַן אַלטגעזעסענער. זיינע זיידעס האָט די גרויסע מלכה יעקאַ־טערינע בכבודה ובעצמה אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד, זיי זאָלן לערנען דעם רוס ווי אַזוי די ערד צו באַנעמען און ווערן אַ טיכטי־קער פּויער. זיינע זיידעס זענען דאָ ניט געווען קיין איינגעבעטענע; און ער, דאָס שטאָלצע אייניקל, האָט דערווייל נאָך קיין שלום ניט געמאַכט מיט קיינעם, וואָס „קראַצט די ערד און זויפט״; מיט דעם „וואָס גייט צו מאַמע־ערד ווי צו אַ פאַרשעמטער פרוי״.

יאָהאַנאַ איז ווידער אַרויסגעקומען און מיטן פאַרטעך געווישט אירע רויט־פאַרוויינטע אויגן. זי האָט פונדעסטוועגן אָנגעהויבן צו רעדן פון שיינעם פרילינג־פרימאָרגן און פון דעם, וואָס די ערד פאַרעט אַנטקעגן דער זון; אַז די ווינטער־זריעה איז אויפגעקומען און ס׳וואָלט ניט שאַטן, מען זאָל פונדעסטוועגן אויפאַקערן נאָך אַ פּאָר פּאַסן ערד, אפשר וועט פּאָרט לוינען עפּעס פאַרזייען, ווי מען האָט עס געטאָן אין פרידנסצייט. . . .

דערווייל איז אָנגעקומען אַן אויסטערלישער געשפּאַן מיטן וועג. אַ פּאָר גרוי, לאַנגהאָרנדיקע אָקסן, געשפּאַנט אין אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט ברעטער; אויף די ברעטער — אַן עלטערער איד מיט אַ ווייסער באָרד, אין טלית־און־תפילין; אַ אינגערער איד מיט אַ שוואַרץ בערדל און בייטש אין האַנט; און אַ מיידל, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף די ברעטער, מיט אַ טלומיקל צוקאָפּנס. אויף דעם אַלעמען האָט געלויכטן די קרימער פרילינג־זון.

שוין אַנטקעגן באַגנערס טויער, האָבן די אָקסן אָנגעהויבן עקשנות׳דיק קערעווען אויף רעכטס — צו באַגנערן אויפן הויף.

דער שוואַרצבערדיקער איד און דער איד אין טלית־און־תפילין האָבן געשריגן צאָב־צאָבע... געפּאַכעט מיט דער בייטש און געוואָלט אָפּנייגן דעם געשפּאַן פון באַגנערס הויף. די אָקסן האָבן באַקומען שמיץ נאָך שמיץ — ס׳האָט ניט געהאָלפן. מיט פאַרזשמורעטע אויגן, מיט געפּאַלדעוועטן קאַרק אונטערן יאָך — האָבן די אָקסן געצויגן דעם וואָגן צו באַגנערן; אָנגעקומען מיטן גאַנצן געזינדל אַנטקעגן באַגנערס טיר און געבליבן שטיין.

עס איז אָנגעשטאַנען אַ רגע פון באַקוקעניש, שפּאַטנעפּילן, נאַרישער פּחד און בייזקייט ביי ביידע צדדים.

— אַ שווערע צייט אָנגעשטאַנען פאַר די אָקסן זינט די יודן האָבן זיי אָנגעהויבן שפּאַנען, כאַ־כאַ־כאַ — האָט פרידריך באַגנער זיך צעלאַכט און זיין ברייטער, קנאַכנדיקער פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַ דעמבענער בלאַט אין האַרבסט.

פונדעסטוועגן איז באַגנער אויפגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען צום אָקסן־געשפּאַן, אַ גלעט געטאָן אַ יעדן אָקס באַזונדער, דאָרטן וואו דער יאָך האָט געדריקט און געזאָגט:

— צייט, דער יודע זאָל ווייסן, אז דער אָקס האָט אויך אַ צונג און וויל פון צייט־צו־צייט טרינקען. ווי אַזוי איז דיין נאָמען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן דעם שוואַרצבערדיקן אידן, וואָס האָט אָנגעהויבן מאַכן הכנות אַראָפּצוקריכן פון וואָגן.

— וואָווע ברעזער, ניט געהערט פון אַזאַ נאָמען . . . דאָס איז מיין פאָטער, ער בעט גאָט אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן. און דאָ שלאָפט מיין טאָכטער לאַנע. אַ גאַנצע נאַכט שלעפּט מען זיך פון יעוופּאַטאָריע — ברעטער פאַר מיין שטוב.

יאָהאַנאַ איז געשטאַנען אין טיר, געקנייטשט צווישן די פינגער דעם ברעג פון פאַרטעך; האָט געקוקט צום געשפּאַן מיטן „קאָמישן געזינדל״ און האָט ניט געוואוסט צי זי זאָל לאַכן, זידלען, אָדער וויינען.

— אייערע ליט קומען גאָר ניט אויף געלעכטער. . . . כ׳קוק ווי זיי ציען דאָ פאַרביי מיט די בעבעכעס. האָב כסדר געוואָלט איינעם אָפּשטעלן און אַ פרעג טאָן. כ׳האָב אין גרונט דעם יודע

ניט פיינט. ער איז נאָך אַלץ מיר ליבער געווען ווי דער לייזיקער רוס, אָדער די שעפּסענע פּאַלקע — דער טאַטער. . . . נאָר איצטער זעט עס אויס גאָר אַנדערש. וועט מען נאָך הײַ־יאָר ווידער שניידן שטיקער ערד פון אונדזעריקע און צעטיילן עס פאַר אייערע?

וואָווע ברעזער איז דערווייל אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן און האָט פון אַ זייט באַטראַכט באַגנערס הויף. ס'היטל איז אים געווען פאַרשאַרט און אויף זיין הויכן, געפּאַלדעוועטן שטערן איז געלעגן דער שלאָף. זייט טאַטע, דער אַלטער יאשע, האָט פאַר דער צייט אַראָפּגענומען די תפילין, ווי ס'איז זיי אַריינגעפּאַקט אין אַ קעשענע, ער האָט אויף טאַנדעט צונויפגעלייגט דעם געלן, פאַרפּעצטן טלית; האָט אויך געמאַכט הכנות אַראָפּצוקריכן פון וואָגן.

— איך האָב געזאָגט, די אָקסן זענען דורשטיק — האָט ער מער פאַר זיך גערעדט ווי צו וואָווען.

באַגנער איז אַוועק צום שטאַל, האָט פון דאָרטן געבראַכט אַן עמער, דערלאַנגט וואָווען און אָנגעוויזן אים צום וואַסער־פּעסל אויף צוויי רעדער, וואָס איז געשטאַנען אַן אַ זייט אויפן הויף:

— גיי, צאַפּ דיר אָן וואַסער און גיב די אָקסן אַ טרונק. און צום אַלטן יאשען האָט ער זיך געווענדט: — וואָס האָסטו נאָך אַהער באַדאַרפט שלעפּן די אַלטע ביינער? וואָס וועט דאָ פון דיר ווערן און וואָס וועסטו פון דער ערד מאַכן? ניקס וועט פון דיר ווערן און ניקס וועסטו פון דער ערד מאַכן.

דער אַלטער יאשע האָט תחילת ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. פונדעסטוועגן האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ס'איז אַ גאָט זאַך.

— יאָ, דו רעדסט נאָך פון גאָט—האָט באַגנער ניט געוואָלט מסכים זיין—וואו איז דאָ גאָט? אים האָט מען פאַרשעמט און פאַרטריבן. ס'איז אַן אומגליק באַפאַלן מאַמע־ערד, ווייל אים, גאָט, האָט מען פאַרשעמט. האָט דאַריבער אַ מלוכה גענומען און צעשניטן, צעפּיצלט קרים אויף שטיק־שטיקלעך און אַזעלכע ווי דו אויף אַ שטיקל אַרויפגעזעצט, דו זאָלסט פון דעם מאַכן... צי איך וויים, וואָס איר, יודען, וועט פון קרימער ערד מאַכן.

לאַנע האָט שוין אַ פּאָר מאָל אויפגעעפנט אַ שפּעלטעלע פון

דעם לינקן אויג און געוואָלט דערגיין וואוהין די אָקסן האָבן פאַר־שלעפּט. דער שלאָף איז נאָך אומגעגאַנגען איבער איר הויט און געצויגן אירע ראָזע, באָרוועסע פיס אונטערן קליידל און גאָל־גרויען, אַלטן מענער־מאַנטל, וואָס איז אויף איר געווען אָנגעוואָרפן. אויפצו־שטיין איז קיין חשק ניט געווען. דער שמועס איז איר ניט געפעלן געווען. זי האָט געוואוסט, אַז אין די דייטשע דערפער וואוינען נאָך שטאַרקע בעל־הגופים, און דאָס איז מען צו אַזעלכן פאַרפאָרן. ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען, איר טאַטע זאָל נעמען און בכיון אהער פאַרפאָרן? זי האָט געשפּירט, אַז אויף איר פאַרשלאָפענעם גוף גייען אום בליקן פון די אייגענע און פרעמדע, וואָס האָבן פאַרפירט אַזאַ אומנויטיקן און ניט־פריינטלעכן שמועס.

וואָווע האָט אָנגעצאַפּט אַן עמער וואַסער פון פעסל; און סאַי פרידריך באַגנער און סאַי יאָהאַנאַ, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דרויסן־טיר — האָבן געקוקט צום וואַסער־פעסל; ביידע האָבן געהאַט תרעומות, הלמאַי דער איד איז אפילו ניט „געשיקט" גענוג אָנצוצאַפּן וואַסער פון פעסל און ניט פאַרגיסן אויף דער ערד. פרידריך האָט שיעור־שיעור ניט אַ וואָרף געטאָן אַ שלעכט ווערטל וועגן דעם אידן, וואָס קאָן אפילו ניט אָפּהיטן דאָס ביסל שווער־באַקומענע וואַסער; אָבער ער איז אין האַרצן צופרידן געווען, וואָס דער גאַנצער אויסטערלישער געשפּאַן איז צו אים אויפן הויף פאַר־קראָכן — האָט ער בעסער באַשטימט מקרב צו זיין דעם אַלטן יאָשען.

— וואָס האָסטו געטאָן, האָסט געבעטן? לאָבן ניט די יונגע, די פאַרשייטע, דיך אוים פאַר דיין גאָט בעטן? יאָ, דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז ס'איז פרידנסצייט אויף דער ערד...

דער אַלטער יאָשע איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, האָט אַרויסגע־נומען אַ פּאָר שטרויעלעך פון זיין ניט־צעקאַמטער באָרד און האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אויסגעצויגענער לאַנען, וואָס איז געלעגן אויף די ברעטער, און געטראַכט: וואָלט זי איצט ניט געשלאָפן, וואָלט זי שוין וויסן וואָס צו ענטפערן דעם ברוגז'ן דייטש. און ווייל לאַנע איז נאָך אַלץ געלעגן און זיך ניט גערירט, האָט ער אַליין אַ ברייטן שמייכל געטאָן און אַ ביסל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געזאָגט:

— זאָלן זיי דערציילן, אַז קיין גאָט איז נישטאָ—אָבער ווער האָט פּאָרט איצטער אויפגעוועקט די ווינטער־זריעה, וואָס איז אַזוי פיין אויפגעגאַנגען פון דער ערד?

— אויפגיין פון דער ערד, מיינט: ניקס—האָט פרידריך מיט אַ ביטערער צופרידנקייט אַרויסגעזאָגט פון אונטער זיינע שווערע, ברוין־גרויע וואָנצעס—אַלץ גייט אויף פון דער ערד אין אַ פרילינג ווי היינטיקער. אָבער נישט אַלץ גראָט שפּעטער... דער הער־גאָט מאַכט נאָר שפּאַס דערמיט, וואָס די תבואה גייט אויף אין פרילינג.

וואָווע איז צוגעקומען צום וואָגן. ער האָט אונטערגעכאַפּט דעם שמועס צווישן באַגנערן און זיין טאַטן. ס'איז אים ניט ניחא געווען דער שמועס, כאָטש ענטפערן וואָלט'ן אים באַדאַרפט. מען וואָלט אים באַדאַרפט אַזוי זאָגן: „מיר אידן ווייסן, אַז די ערד געהער ניט צו איין מענטשן אויף אייביק. די ערד געהער ניט צו קיינעם אויף אייביק. די ערד איז היינט ביי איינעם און מאָרגן בא'ן אַ צווייטן... אַזויפיל הונדערטער, אפשר טויזנטער יאָרן האָט דער איד קיין ערד ניט געהאַט; דער רוס, צי דער דייטש האָט די ערד געהאַט—איז איצטער קיין עולה ניט, אַז מען שניידט אָפּ אַ שטיקל ערד פאַר דעם אידן אויך..."

אָבער די דאָזיקע קלוגע רייד זענען ניט געווען דרייסט גענוג; זענען געבליבן פאַרשטעקט אין סאַמע האַלדז, וואו די צונג איז פאַרוואָרצלט; און אָנשטאָט דעם, האָט ער מיט אַ שמייכל, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט חניפה, אַ זאָג געטאָן, האַלב אויף דער זייט פון דער אויסגעצויגענער יאָהאַנען, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין טיר:

— ס'ציט אין האַרצן... אַ גאַנצע נאַכט האָבן די אָקסן אַזוי געשלעפּט. ביז האַלבן טאָג וועט אודאי געדויערן ביז מע וועט דערציען צום ערד־חלק... וואָלט געבעטן אַ שטיקל ברויט... וועל אַמאָל אָפּגעבן פון אייגענעם...

אַ ווײַלע איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. אַלע דריי מענער און די הויכע, דינע יאָהאַנאַ האָבן אַ ווײַלע אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד. ביי פרידריך באַגנער זענען דוקא אָנגעקוואָלן אונטער דער צונג ווערטער, ווי פריער ביי וואָווע ברעזער; באַגנער האָט

געוואָלט נעמען און און א זאָג טאָן: „גענוג פאַר אייך אביסל וואסער; אפשר זענט איר קיין ווערט אויך ניט ווערט — איר, וואָס זענט אראָפּגעקומען צו פאַרדאַרבן מאַמע־ערד...” ער האָט אָבער די דאָזיקע ווערטער אראָפּגעשלונגען.

דערווייל האָט גאָר אומגעריכט לאַנע אויפגעהויבן איר שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ; א טרייסל געטאָן מיט די אַקסלען און מיט אירע צוויי פאַרטאָיעטע, שוואַרצע אויגן האָט זי פריער א קוק געטאָן צו יאָהאַנען און דערנאָכדעם צו פרידריך באַגנער. זי האָט מיטביידע זשמעניעס אויפגעלופּטערט אירע געקרויזטע האָר — אַרויסגעטרייסלט פון זיי דעם שלאָף און א באַרוועסע, מיט איין פלינקן שפּרונג — אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן.

— גוטנמאָרגן! — האָט פרידריך באַגנער א זאָג געטאָן צו לאַנען—מען קאָן געשמאַק שלאָפן אין קרים, ווען אפילו אויף אַזאַ געלעגער, כאַ־כאַ־כאַ.

לאַנע האָט מיט די הענט געגלעט איר רויטע בלוזע און שוואַרץ־סיצן קליידל; האָט א לאַך געטאָן אין אייגענעם בוזים אַריין. זי האָט געהערט ווי איר טאַטע האָט ביים דייטשן פויער געבעטן א שטיקל ברויט איבערצוכאַפּן און זי האָט ניט געקאָנט באַנעמען, פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן, ווען אין וואָגן ליגט אין א רויטער פאַטשיילקע א לעבל שוואַרץ ברויט, וואָס מען פירט פון יעוופּאַטאָריע. וואָלט דאָס ניט געווען אַן אָקסן־געשפּאַן, נאָר א פּאָר פלינקע, שטאַרקע פערד איינגעשפּאַנט אין וואָגן מיט די ברעטער—וואָלט זי איצטער א קנאָק געטאָן מיט דער בייטש איבער די פערדס גריוועס און היידאַ פון שונא׳ס טיר! איצטער איז דער וואָגן ווי צוגעוואָקסן צו באַגנערס פייכטן און מיט־מיסט־באַדעקטן גרונט; די אָקסן האָבן חשק צו קניען, אָוועקפאַלן און אַזוי מעלה־גירה זיין ביז...

— ניט נויטיק קיין ברויט — האָט זי געזאָגט אויף פרידריך באַגנערס זייט — באַנ׳אונדז שטאַרבט מען ניט פון הונגער. אונדז וועט קרימער ערד געבן ברויט פונקט ווי זי האָט דאָס ביז איצטער אייערע לייט געגעבן...

און זי האָט גענומען אויפמונטערן די אָקסן; זי האָט באַטראַכט

דעם הויף, ווי אזוי צו פארקערעווען דעם געשפאן מיטן דישל צום טויער.

— גיי, יאהאנא, ברענג ארויס א האלבן לעבל ברויט — האט באגנער אומגעריכט געזאגט צו יאהאנאן; און מיט א שמייכל צו לאנען: — איינס מיטן אנדערן האט עס ניט צו טאן. קאמיש זעט איר אויס אין מיינע אויגן. איך וואלט ניט גערעדט קיין ווארט, ווען די ערד, וואס מען האט ביי מיר און מיינע שכנים אפגעשניטן, פאלט אריין אין רעכטע הענט; אבער דאס, וואס די מאכט האט געטאן — איז שווינעריי. די ערד וועט שעלטן, און פארשעלטן... אייער און מיין גערעטעניש וועט פארפוילט ווערן, אדער אויסגע־ברענט ווערן. ניט וועט די ערד דעם יודע בראט געבע...

יאהאנא האט ארויסגעבראכט א האלב־ווייצענעם לעבל ברויט; האט עס מיטן פארטעך ארומגעווישט און דערלאנגט וואווען.

— נעמע זי — האט זי קאלט צוגעגעבן צום ברויט — מאן ברויך ניכט פרעגע דען הונגעריקן ווער ער איזט...

לאנע האט געקוקט צום ברויט און דער אלטער יאשע האט געקוקט צום ברויט. פארביידן האט עס ניט אויסגעזען קיין ברויט — נאר א שטיק ציגל, אדער א הארטע גרודע ערד, גיט צום עסן. וואווען האט נאך אלעמען פארדראסן, פארוואס ער האט דאס האלבע לעבל ברויט אנגענומען. יאהאנא האט עס דערקענט און האט אויף פרידריכס זייט איבערגע'חזר'ט די איניגע ווערטער: „מאן ברויך ניכט פרעגע דען הונגעריקן ווער ער איזט..."

— מיר זענען ניט קיין פיינט — האט באגנער געזאגט. פאר אייך אליין פארדריסט מיר: ווייל, אז איך קוק אויף אייך, זע איך, אז קיין פרידן וועט נאך אזוי גיך ניט אנטשטיין אויף דער ערד... ניין, דעם יודע וועט זי ניט בראט געבע...

האט לאנע צוגענומען ביי וואווען דאס האלבע לעבל ברויט, צוגעטראגן צו יאהאנען, און ווערטער איר עס אפגעגעבן צוריק; און באלד א קערעווע געטאן די אקסן. צאב, צאבע! די אקסן האבן געפאלגט און געקערעוועט צום טויער. דער אלטער יאשע און וואווע ברעזער זענען דעם וואגן נאכגעגאנגען. דורך דער

גאַנצער לענג פון ברייטן דאָרף האָט לאַנע געפירט די אָקסן און וואָווע און יאשע זענען פון הינטן נאָכגעגאַנגען.

יאָהאַנאַ איז געבליבן מיטן האַלבן לעבל ברויט אַן איבערגע־שראָקענע. זי האָט געוואַרט וואָס איר מאַן וועט אויף דעם זאָגן. פרידריך באַגנער האָט שווער אויסגעשפּיגן און איז געגאַנגען אַריינ־האַקן מיט דער האַנט טיפער דעם שפּונט פון וואַסער־פעסל, ווייל „דער יודע" האָט געלאָזן וואַסער זאָל טריפן פון פעסל.

אַרויס הינטערן דאָרף, זענען די ברעזערס אַלע דריי צוריק אַרויף אויפן וואָגן. קיינער האָט אַ צייט ניט געוואָלט עפענען ס'מויל און עפּעס זאָגן. דער אַלטער יאשע האָט מיטן געדאַנק דערענדיקט דאָס דאַוונען און געטראַכט פון די אָקסן, וואָס האָבן ווי ניט־גוטע זיך אַ טראָג געטאָן מיטן וואָגן צו אַ שונא. וואָווע האָט זיך געשפּירט אַביסל פאַרשעמט פאַר דער אייגענער טאָכטער.

לאַנע האָט ניט געקענט באַהאַלטן אירע תרעומות אויפן טאַטן:

— ווי איז דאָס דיר מיטאַמאָל איינגעפאַלן בעטן ברויט? עס ליגט דאָך אין וואָגן אַ גאַנץ לעבל ברויט...

— וואָרט געוועזן אויסצוגעפינען צווישן וועמען מיר לעבן דאָ. נאָר איך זאָג דיר, לאַנע, דו ביסט דאָך געשלאָפן, אָבער ממש אַ ניט־גוטער האָט די אָקסן געצויגן פאַר די הערנער צו אים אויפן הויף. כ'ווייס, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים.

די זון איז אַרויסגעשוואומען העכער און אָפּגעדעקט דעם רחבות'דיקן סטעפּ. פון דער ערד האָט נאָך אַלץ געצויגן אַ דינע פּאַרע און באַגרויט די שוין אויפגעלעבטע ווינטער־זריעה. קוקנדיק אויף די גרינע ווייצנפעלדער, האָט לאַנע אַ טראַכט געטאָן פון די אייגענע זעקס אַקער אויפגעגאַנגענע ווייץ, און האָט פאַר זיך געמאָלן אַ סוף־זומערדיקע גערעטעניש.

— וועסט זען, טאַטע, וואָס פאַר אַ ברויט איך וועל אָפּבאַקן; זאָל נאָר אונדזער ווייץ געראָטן. כ'ווייס, אַז כדי אַ ברויט זאָל זיין געראָטן, באַדאַרף מען אים לאַנג און גוט קנעטן — איי, וועל איך אים קנעטן!

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, אַראָפּ פון וועג אין אָפּע־

נעם סטעפּ אַריין און אָנגעהויבן קלייבן ווילדע מאָן־בלומען; די מאַנסבילן האָבן איר נאָכגעקוקט.

דער אַלטער יאַשע האָט אַריינגעשטעקט אַלע צען פינגער אין זיין צעפּאַטלטער באָרד, זי געלופּטערט אַנטקעגן דער זון און גע־שמייכלט:

— אַז זי זאָגט, מיינט זי. זי איז איינע אין דאָרף. דעם קאָוואַלס זון איז אויך אַזאַ בריה ווי זי. טאַקע מער נישטאָ אין גאַנצן דאָרף.

לאַנע איז אָנגעקומען צום וואָגן, מיט רויטע בלימלעך אין די האָר. האָט ביים פאָטער אַרויסגענומען די בייטש און געפּאָכט איבער די אָקסן.

— צאָב, צאָבע! עך, ווען מיר וואָלטן האָבן פערד אָנשטאָט די קריכערס; איך וואָלט שוין איצטער מיט ביילקען געקנאַטן די ליים. צאָב, צאָבע!

— קריך אַרויף אויפן וואָגן — האָט דער אַלטער מיט ליבשאַפט געקוקט צו אירע פיס — טוען דיר גאָר ניט וויי די פיס, האַ, מיין אייניקל? איך קוק אויף דיר און האָב אויך אמונה, אַז די ערד וועט אונדז פון זיך ניט אַראָפּוואַרפן.

לאַנע, אַזוי ביים וואָגן גייענדיק, האָט באַקומען פון צווישן די ברעטער דאָס רויטע פּעקלע, פונוואַנען זי האָט אַרויסגענומען אַ שווערן, שוואַרצן ברויט; האָט אָפּגעבראָכן פאַר זיך אַ שטיקל ברויט, און אָן ווערטער דעם לעבל אַריבערדערלאַנגט צום פאָטער. זי האָט געקייט דעם ברויט און געקוקט אין דער ריכטונג וואו ס'האָט זיך שוין באַדאַרפט באַווייזן דער ערד־חלק. זי האָט געקייט און פאַר־טריבן דעם שלאָף, וואָס האָט ווידער אָנגעהויבן גלעטן איר פּנים. אויך זי האָט מיטן געדאַנק געציילט אַלע איבערוואַנדערער פון ערד־חלק און דער געדאַנק איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין לייזער קאָ־וואַלסקיס משפּחה, וועמעס הויז האַלט שוין אויך ביי די קראַקוועס...

— איך וועל זען, טאַטע, אַז אונדזער שטוב זאָל ווערן פריער פאַרטיק ווי ביי די קאָוואַלסקים — ווי מיינסטו, טאַטע?

וואָוע האָט געהאַלטן דעם ברויט אויף די קני און ניט געגעסן. זיינע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן פרידריך באַגנערס רייד

וועגן אידן און זיין טאַכטערס מוטיקע ווערטער. און אים איז אַ ווײַלע טרויעריק געוואָרן.

לאַנע איז ווידער אַרויף אויפן וואָגן, זיך אַנידערגעשטעלט אויף די ברעטער, מיט דער לינקער האַנט געמאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן, לאַנג געקוקט אַהין וואוהין די אָקסן האָבן זיך געצויגן און אויסגערופן:

— זיידע, טאַטע, שטעלט זיך אַנידער, וועט איר אַרויסזען אונדזער שטוב!

די צוויי מאַנסבילן האָבן ווי קינדער געפאָלגט, מען האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן, אַליין זיך אַנידערגעשטעלט אויפן וואָגן, און געקוקט אַהין וואוהין לאַנע האָט אָנגעוויזן.

— יאָ, איך זע, איך זע — האָט דער אַלטער יאָשע, קינדיש־באַגייסטערט, געטייט מיטן פינגער אין דער ווייט.

— יאָ, איך זע — האָט זיך וואָווע געחידושט.

די אָקסן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און האָבן אויך אַהין גע־קוקט.

II

אויף אַ שטיק ברוינעם פלאַכלאַנד איז געוואַקסן די האָפענונג; דערוויל אַן אָרימע האָפענונג; צומאָל אַ פאַרטרערטע. אַ אידישער דאָרף האָט געשפּראָצט פון דער ערד. אַ דאָרף, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרמאָגן ניינציק היימען, איין לאַנגע, ברייטע גאַס — אויף חידושים פאַרן דורכפאָרער. אָבער דערוויל...

פינף אָנגעהויבענע הייזער; צוויי פון זיי האָבן שוין געהאַלטן ביי די קראַקוועס. אַ צען „בודעס", כלומרשטע שטעלכעלעך, און די איינציקע גאַנצע שטוב פון „אַגראַדזשאַינט", די איבערוואַנדערער־שטוב, אָדער „הקדש" — ווי זלמן קאַסאַי האָט די שטוב אָנגערופן. אויף בערגלעך אָנגעפירטע פלאַכע שטיינער; צוביסלעך געהילץ־מאַטעריאַלן פון ביידע זייטן — דאָס האָט אָנגעצייכנט די צוקונפטיקע ברייטע און לאַנגע דאָרף־גאַס. אין עק דאָרף, דערוויל נאָך אין וויסטן פעלד, איז געווען דער טיפער, ברייטער ברונעם, לעבן וועלכן,

געשפּאַנט צו אַ דישל, האָט דער איינציקער ווייסער פערד פון דאָרף, זיך אין קרייזן געדרייט און געצויגן וואַסער פון טיפן ברונעם.

ווי אָרים עס האָט דערוויל די האָפענונג געלויכטן, אַזוי אָרימ־לעך האָט אויסגעזען דאָס מענטשן־געזינדל, וואָס האָט זיך דאָ גע־טאָפּטשעט, ווער באָרוועס און ווער באַשוכט, און איינגעטראָטן דעם דאָרנדיקן פנים פון דערברייטער גאַס. ניט־אידישע מוליאַרעס האָבן פּאַוואָליעדיק געמויערט. ביים זייט — די בריות, וואָס האָבן געקנאָטן מיט די פיס ליים געמישט מיט שטאָלמיסט.

מיט מער בריה'שקייט האָבן זיך באַוועגט די מענטשן אַרום לייזער קאָוואַלסקיס שטוב. דאָרטן זענען געווען טאַטע־מאַמע און צוויי זין — די גאַנצע משפחה. די צייטווייליקע קוזשניע אויף דרויסן, ביים זייט פון דער צוקונפטיקער היים; דער קלאַנג פון העמער אויף דער קאָוואַדלע — דאָס האָט געוועקט די פאַרשלאָפנקייט אונ־טערן בלויען הימל. דאָס פעלד האָט פון דאָרף צוגענומען אַ סך פון די בריות, וואָס האָבן געאַקערט אונטער דער השגחה פון אַן אינ־סטרוקטאָר. די אָקסן־געשפּאַנען, די אָקסן אַליין האָבן געפּענטעט דעם אידנס אימפּעט. ווען אַזאַ געשפּאַן האָט זיך באַוויזן אין פעלד; ווען אַזאַ געשפּאַן האָט אַריינגעצויגן אין דאָרף אַריין — זענען אַלע דריי געווען פאַרזאָרגט: דער איד און די אָקסן; אַלע דריי ניט גענעסן צו־זאַט.

די אומגלויביקע, אומצופרידענע, וואָס זענען געשטאַנען מיטן פנים צום שטעטל, געוואַרט אויפן ווינט, וואָס וועט זיי אונטערכאַפּן און פאַרטראָגן צוריק — זיי האָבן זיך צומיינסטן אויפגעהאַלטן אין דער פאַרטיקער שטוב, וואָס דער אַגראַדזשאָינט האָט צוגעגרייט פאַר די איבערוואַנדערער, זיי זאָלן האָבן וואו די פעקלעך אַראָפּצוואַרפן. דאָ האָט מען זיך באַזעצט און געפוילט אַרויסצוקריכן. שמאַטעס, לאָכעס און בעבעכעס; קאַסטנס און טאַפּטשאַנעס, קופערטלעך און צעבראָכענע שטיקלעך מעבל — אַ „הקדש" אויף אַ נייער ערד, אין אַ נייער, עזות'דיקער צייט. די איינציקע האָרעפּאַשניצע אין דעם דאָזיקן הקדש איז געווען כאַסיע אָסטראָווער, וואָס האָט פרייוויליק געבאַקן ברויט פאַרן עולם; האָט געוואַשן וועש און פאַרשטשאָבעט די אָפּגעריסנקייט. זי איז געוואָרן אַ מאַמע פאַר דערוואַקסענע,

בערדיקע און פאַר׳יאוש׳טע אידן, וואָס האָבן ווייב און קינד געלאָזן ערגעצוואו אין שטעטל.

שוין געוועזן ארום צען אזייגער אינדערפרי; דער עולם האָט זיך נאָך אלץ געריבן אין דעם דאָזיקן „הקדש". אויף צוויי קאסטנס איז געלעגן זלמן קאסאי, פון שטעטל — אַ דאָרפישער שניידער, און דאָ — דער פילאָזאָף־פעסימיסט. האָט געפּיפּקעט זיין מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס, געצופּט דאָס שוין באַלד אויסגעצופּטע גרוי־שווארצע בערדל און גע׳טענה׳ט:

— אויף קאַטעגאָריעס האָט מען גענומען און צעטיילט דאָס ביסל איבערגעבליבענע אידעלעך. דער פּאָגראָמשטשיק האָט פון קיין קאַטעגאָריעס ניט געוואוסט. וואוהין דער מעסער איז געקראָכן — אהין האָט ער געשטאָכן. מיך האָט די מלוכה געמאַכט פאַר אַ מענטשן פון דער צווייטער קאַטעגאָריע און געגעבן מיר אַ שותּף צו מיין דאליע. וועל איך דאָ זיצן און צוליב אַ שטיקל ברויט וועל איך אַ גאַנצן זומער קייען די ערד.

דער בעל־בטחון, שמערל דער מלמד, מיט אַ שיינענדיקער רויטער באָרד און בלויע אויגן, האָט גוטמוטיק מסביר געווען:

— אַ מענטש איז ווי אַ בוים; שטייט אזוי בפירוש. אזוי ווי אַ בוים קען מען נעמען און איבערפלאַנצן פון איין ערד אין אַן אנדערער, אזוי קען מען עס טאָן מיט אַ מענטשן אויך.

— מוחל מען זאָל מיך איבערפלאַנצן. איך בין פונדערהיים אַ פערדהענדלער, געטריבן פערד נאַשפּיץ און דאָ האָט מען מיך חתונה געמאַכט מיט אַ פּאָר אָקסן, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן.

דאָס האָט פּיניע זייטשיק געגעבן צו פאַרשטיין. לויט זיין בויגיק, ציגיינעריש געשטאַלט, זיין רויט גאַרטעלע ארום אַ שוואַרץ־געוועטענער קורטקע; דאָס ברוין בערדעלע, וואָס האָט געזוימט זיין שמאָלן פּנים, זיינע פלינקע, ברוינע אייגעלעך פון אונטער אַ ברוינער קוטשמע, וואָס האָט צוגעדעקט דעם שטערן — אים האָט נאָך איצטער אויך געפּאַסט צו זיצן אין אַ ברייטער בריטשקע מיט אַ פייערדיקן געשפּאַן; פערד פון פאָרנט, פערד צוגעבונדן פון הינטן און פאָרן אויף אַ יאריד, אָפּנאַרן די דאָזיקע לייט, וואָס פאַרשטייען ניט אַ פערד אין די ציינער אריינצוקוקן.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו שמועסן אַ סך? מע האָט גענומען אַ אידיש פאָלק, געקוילעט אָן אַ מעסער און ניט דערקוילעט... — האָט קאסאי גע'דרשנ'ט.

שמערל דער מלמד האָט ווידער אָנגעהויבן מסביר צו זיין:

— סאַי די מלוכה און סאַי דער אַגראַדזשאָינט און אַפילו „געזערד" האָבן געמאַכט אַ טעות, וואָס זיי האָבן גענומען און צעטיילט די איבערוואַנדערער אין קאַטעגאָריעס לויט זייער פאַרמעגן נאָך. מען האָט באַדאַרפט אָפּוועגן יעדנס בריה'שקייט און חשק צו בויען ביי דער ערד אַ היים. דיך האָט מען געמאַכט פאַר אַן ערשטן קאַטעגאָרניק; דיר געגעבן אָקסן, אַ וואָגן, מכשירים צום פעלד און אַ שטוב וועט מען דיר בויען — בשעת דו האָסט גאָר פיינט די ערד. דאָס זאָג איך, איז אַ טעות. מע באַדאַרף עס ליב האָבן, ווי די דייטשן האָבן די ערד ליב. אונדז וועט ניט זיין ערגער פון די דייטשן.

— ווי די דייטשן, פּכע... ווער וועט עס דיר דערלאָזן ווערן ווי די דייטשן? דעם דייטש וועט מען אַראָפּדרייען דעם קאָפּ און דיך וועט מען אַפילו ניט לאָזן אויפהייבן דעם קאָפּ.

כאַסיע, וואָס האָט געקנאָטן דעם ברויט און מיטן אָרעם גע־ווישט דעם שוויים פון שטערן, איז געבליבן מיטביידע הענט איינגע־זונקען אין געדיכט־פאַרקנאָטענעם טייג און געערעדט צו די מאַנסבילן:

— אָט, קנעט איך איצטער דאָס ברויט און קוק ווי קעגנאיבער האָבן די קאָוואַלסקים געמאַכט אַ קוזשניע און שמידן; שמידן און אַקערן. מען זאָגט, זיי האָבן שוין אַפילו האָבער און קוקורוזע פאַרזייט; אָט שטייט שוין זייער שטוב איבער די פענצטער... איך קנעט ברויט פון געשענקטן מעל און טראַכט: ס'וואָלט מיר אַ סך ליבער געווען צו קנעטן ברויט פון ווייץ, וואָס איז אויף אונדזערע פעלדער אויפגעגאַנגען. אָט קוק איך צו די ברעזערס, מע זאָגט, עשירים געווען אינדערהיים; מיידלעך, אַזעלכע האַרעפּאַשניצעס — האָבן שוין אויך באַלד אַ שטוב פאַרטיק; און מיין שמערל, זאָל ער מיר געזונט זיין, כאָטש אַ מלמד פונדערהיים . . .

— אַנטקעגן וואָס דערציילט איר עס, חבר'טע אַסטראָוועצ? — האָט זלמן קאסאי אַ בלאָז געטאָן צו איר זיין מאַכאָרקע־רויך.

— איך זאָג, אַז פון אייגענעם מעל וואָלט דאָס ברויט גאָר אַנדערש געראָטן.

אויף די דאָזיקע ווערטער איז אַריינגעקומען בערע קאָוואַלסקי; ער האָט אָנגעשאַרפט אַ מעסער פאַר דער חבר'טע אַסטראָווער

באַסיע האָט אים געשמייכלט אַנטקעגן:

— אָט זעט איר העגט, וואָס טויגן צו אַלצדינג: אָנגעשאַרפט, איז טאַקע אָנגעשאַרפט. כ'האָב דעם מעסער געריבן אָן אַ ציגל און ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען.

— אונדזער דאָרף האָט אַ שמיד; פעלט אונדז נאָך איצטער אַ מילנער, וואָס זאָל מאָלן אונדזערע תבואות — האָט זלמן קאַסאַי פון זיין אָרט גע'חוזק'ט און צעריבן צווישן די פינגער ס'רעשטל פון זיין פּאַפּיראָס.

בערע, לייזער קאָוואַלסקיס עלטסטער זון, אַ בלאָנדער, מיט בלויע אויגן און שטעכעדיק באַוואַקסענע געמבע, האָט פאַרשטאַנען זלמן קאַסאַיס חוזק.

— איר, חבר'טע, האָט ניט באַדאַרפט ווערן קיין דינסט ביי די דאָזיקע טאַבאַקשמעקער; זאָלן זיי אַליין באַקן און קאָכן. אַ נאַריש־קייט, וואָס איר טוט עס.

און צו די אַרומיקע האָט ער געזאָגט:

— מ'זעט שוין, אַז די ערד וועט אייך ניט צונעמען מיט גוטן, כאַ־כאַ־כאַ.

— מיט וואָס האָט עס די ערד ביי דיר אַזוי נושא חן געווען?

— האָט קאַסאַי געפרעגט.

בערע קאָוואַלסקי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג קאַסטן און גערעדט קאַסאַיען גלייך אין פּנים אַריין:

— איך פאַרשטיי אַזוי: איר זייט פונדערהיים אַ שניידער, וואָס האָט געניייט פאַר די פּויערים סערמיגעס. אודאי, גענוג פּויערשן געוואַנט אָפּגעשטשאָבעט; גענוג פּויערים געמאָסטן די ביינערדיקע פּלייצעס; און איך האָב אין שטעטל געשאַרפט זייערע סאָכעס און פּלוגן. ס'האָט געטראָפן, אַז צו אַ סאָשניק איז געלעגן צוגעקלעפּט שוואַרצע ערד, ברוינע ערד, רויטע ערד . . . איז מיר אַזאַ סאָשניק אַ שאָד געווען צו לייגן אין פייער אַריין. די ערד האָט געשמעקט.

איצטער איז געקומען די רעוואָלוציע און האָט מיר אַליין געגעבן אַ סאַבע אין האַנט; איך אַליין זאָל אויפּאַקערן די ערד. פון דער ערד האָט געשמעקט מיט ברויט, ווען איך האָב מיט דריי וואָכן צוריק צום ערשטן מאָל געאַקערט. איך האָב צוליבן פויער ליב גע־קראָגן די ערד, און איר, צוליבן פויער, פאַר וועמען איר האָט געניית אַ סערמינע, האָט איר פיינט די ערד.

— מסכים מיט דיר — האָט קאָסאָי רואיק געענטפערט—כ'האָב דעם פויער נישט ליב. כ'האָב דעם גוי אויך נישט ליב. און פאַר־וואָס זאָל איך אים ליב האָבן? קנאַפּ בלוט האָט ער פאַרגאָסן אין מיין געגנט אַרום פּאַסטאָוו, אָט, דער פויער? ער'ט זיך געבאָדן אין אידיש בולט. וועל דיר זאָגן דעם אמת: אין אוקראַינע, ווען מען שענקט מיר אַוועק זייער ערד, וואָלט איך אויף דעם אַ שפּיי געטאָן. אָבער דאָ אין קרים...

עס איז אַריינגעקומען ביילקע ברעזער; ווי דער שטייגער, אירע שוואַרצע אויגן צו דער ערד. אירע באָרוועסע פיס זענען געווען ביז די קני פאַרשמירט אין ליים; די הענט — אויך אין ליים. זי האָט זיך אַביסל איינגעקניטשט, ווען בערע קאָוואַלסקי האָט אויף איר אַ בליק געטאָן.

— איך קנעט ברויט און דו קנעטסט ליים; כ'וואָלט שוין געוואָלט קנעטן ליים פאַר מיין שטוב, ווי דו. אפשר וועט נאָך שמערל זיך אַרומטאָן און אָנהייבן פירן שטיינער אויף אַ שטוב. לאַנע איז נאָך ניטאָ?

— שוין באַלד האַלבער טאָג — האָבן שוין באַדאַרפט זיין. איך האָב מורא, טאָמער האָט עפּעס געטראָפן מיט זיי אין וועג.

— נאַריש קינד, דער טאַטע איז קיין נעבעך ניט; און אַז לאַנע פאָרט מיט, וועט זי קומען — האָט זי קאָסאָי באַרואיקט.

— וואָס זאָגט איר, חבר קאָוואַלסקי? — האָט זיך ביילקע צו אים געווענדט.

— פאַר אייערע לייט דאגה איך ניט . . . מסתמא וועלן זיי באַלד אָנקומען; וואָלט גוט געווען, זיי זאָלן קומען באַצייטנס — דער אַגראָנאָם וועט דאָ הייגט זיין.

דער עולם האָט זיך אין בערעס געגנוואַרט דערשפּירט אומבאַ־קוועם. מען האָט זיך אויפגערודערט און צוביסלעך אַרויס דרויסן.

ווען דער עולם מאַנסבילן איז אַרויסגעגאַנגען, האָט בערע קאָ־וואַלסקי אביסל ווייכער געזאָגט צו ביילקען:

— האָב ניט קיין מורא; ניטאָ מער קיין גזלנים ביי אונדז אין לאַנד. מען הערט ניט, אַז מען זאָל אומיצן באַפאַלן אין קרים. מסתמא וועלן זיי באַלד אָנקומען.

בערע האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעדרייט איבערן שטוב און איז אַרויסגעגאַנגען דרויסן. ביילקע און כאַסיע אַסטראָווער זענען איבער־געבליבן.

כאַסיע האָט שוין געהאַט פאַרקנאַטן דאָס ברויט און צוגעטראָטן מאַכן אַ פייער אין באַק־אויוון; האָט געצונדן שטרוי און דערוואַרמט דעם קיזיאַק — געפּרעסטע, שאַפענע מיסט. אַ פאַרזאָרגטע האָט זי זיך געווענדט צו ביילקען:

— וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין פון אונדז דאָ אויף דער ערד? פאַרשטייסט, אַז די מאַנסבילן באַקלאָגן זיך, פּאַסט מיר ניט מיטצו־האַלטן מיט זיי. ווארום פאַרשטייסט, אויב די מאַנסבילן וועלן אַראָפּ־לאָזן דעם קאָפּ, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ־מיט־אַנאַנדער, וועט שוין זיין אָך־און־וויי צו אונדז.

— לאַנע איז גערעכט—האָט ביילקע אויפגעהויבן אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן — זי זאָגט, אַז די פרויען מוזן איצטער וויזן אַ גוטן ביישפּיל די מענער. זי איז גערעכט. דעריבער איז מיר גוט צו קנעטן און קנעטן ליים פאַר דער שטוב. אַז איך קוק אָן די, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אויפן ערד־חלק, קלערן אויף צו פאָרן צוריק, טראַכט איך: אונדז איז בעסער פון זיי. לאַנע קען שוין אַקערן. איך וועל נאָר ענדיקן ליים קנעטן, וועל איך אויך אַוועקגיין אין פעלד.

— וועסט דאָ קריגן דיין חתן אויך; לאַנע וועט אויך דאָ גע־פינען איר חתן...

— לאַנע איז אַנדערש פון מיר. איך וואָלט מורא געהאַט זיין אַ גאַנצע נאַכט אין וועג; כאָטש מען זאָגט, אַז אין קרים זענען ניט געווען קיין פּאָגראָמען אויף אידן. אָבער וואָס קומט אַרויס? מיר

שטייט פאַר די אויגן די געקוילעטע מאַמע, ווי זי איז געלעגן אין קאַליוזשע בלוט; די רעכטע ברוסט, כמעט אינגאַנצן אָן אָפּגעשני־טענע, איז געלעגן נעבן איר אין פאַרגליווערטן בלוט...

— אוי, אוי, אוי, ווי קען מען עס פאַרגעסן? — האָט כאַסיע זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ — זיי רואיק, מסתמא וועלן זיי באַלד אָנקומען.

דערווייל איז אַריין נחום קאָוואַלסקי, בערעס אינגערער ברודער; ער האָט וואויל־יונגעריש אַרומגענומען ביילקען און געוואָלט זי אַ קוש טאָן. ביילקע האָט זיך אַרויסגעריסן און זיך געשטעלט אַהינטער כאַסיען:

— מע וועט דיך פאַר׳מסר׳ן אין די הויכע פענצטער, אַז דו שאַרסט זיך צו אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם נעפּמאַן און דעקלאַ־סירטן תבואה־הענדלער.

— איך וויל דיר אַ קוש געבן פאַרן באַרג ליים וואָס דו האָסט אויסגעקנאָטן. ווילסט טאַקע אייער שטוב זאָל פריער פאַרטיק ווערן פאַר אונדזערער?

ער האָט זיך ווידער געלאָזן צו ביילקען — איז זי אַרויסגעלאָפן אויף דרויסן.

— וואָס זאָגסטו עפּעס צו זיי, נחום? וועסט זעען, די וואָס זענען געווען בריות אין שטאָט — זענען אויך בריות דאָ. מיינסט, מיין מאַן וועט זיין בכח אַליין אָנפירן שטיינער אויף אַ שטוב? כאָטש איך האָב מורא דעם ערשטן ווינטער דאָ בלייבן אויפן ערד־חלק. זומער — ווי זומער; לעבט מען מיט פרישע לופט. וואָס מיינסטו, נחום, ס׳וועט אונדז דאָ זיין גוט?... איך בין דאָ אַזוי פאַריאָגט, אַז איך קען אפילו צום פעלד ניט צוגיין. זעט עס טאַקע אויס ווי אידישע פעלדער? און טאַקע אַזוי שיין, ווי אויף די ניט־אידישע פעלדער?

כאַסיע, האָט אַזוי רעדנדיק, זיך געפּאַרקעט ביים פייער. ניט אַזוי גרינג איז איר אָנגעקומען דעם קיזיאַק אונטערצוצינדן. עס האָט מער גערויכערט ווי געברענט.

— ווער האָט עס געקענט גלויבן, מען זאָל זשעדנע זיין אַ שטיקל

האַלץ? איך מאָל מיר גאָר ניט אויס, מען זאָל אַזוי אַ לעבן־לאַנג הייצן דעם אויוון, קאָכן און באַקן מיט שאָפּענע מיסט. איך ווער פאַרטשאַדעט איעדעס מאָל ביז איך ליג אָן אַ פייער.

— דאגה'ט ניט. מיר וועלן נאָך האָבן אַלערליי אויוונס. מע וועט אַהער ברענגען אויוונס, וואָס וועלן ברענען מיט קוילן, מיט בענזין און אַפילו לעקטרישע אויוונס וועט מען אויך ברענגען אַהער; שוין ניט מער די אַמאָליקע רוסלאַנד!

— פון דיין מויל — אין גאָטס אויערן.

— איר'ט זעען, איר'ט זעען, וואָס ביי אונדז וועט נאָך דאָ זיין — האָט נחום זיינע לעצטע ווערטער שוין דערשריען פון דרויסן.

אַז קיינער האָט ניט געזען, האָט כאַסיע אויסגעווישט די טרערן, גערעדט אין אויוון אַריין צום פייער, וואָס האָט גערויכערט: „אַוודאי איז שיין צו זען אידן אומגיין איבער אייגענע פעלדער . . . אַוודאי וועט זיין געשמאַק צו באַקן ברויט פון אייגענעם ווייץ..”

זלמן קאַסאַי איז אַריינגעקומען. אָנגעצונדן אַ שטרוי אין אויוון און גענומען פאַררויכערן זיין מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס.

— ער זאָגט מיר, אַז איך האָב ניט ליב געהאַט דעם פויער, באַשר איך האָב געניצט זיינע סערמיגעס. איך האָב צום פויער גאָרניט געהאַט, ביז ער איז געוואָרן אַ גזלן.. איר, חבר'טע כאַסיע, זאָגט, אַז איך וואַרף אויף אַלעמען אָן אַ מרה־שחורה; וואָס זאָל איך טאָן? אַז מיר קלעפּן זיך פאָרט ניט די הענט. איך וועל אייך זאָגן אַ סוד:

ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו כאַסיען אַריינגערעדט איר אין אויער מעשה סוד:

— אַז איך זע דעם עולם דאָ אומקריכן מיט די אָקסן איבער די פעלדער, אַז איך זע זיי דאָ אויפן וויסטן ערד־חלק, קוקן זיי מיר אויס ווי געקוילעטע און פאָרט נישט־דערקוילעטע. יאַ, יאַ, חבר'טע אַסטראַווער, מע האָט גענומען און מע האָט דעם אידן געקוילעט און נישט דערקוילעט.

— איר זייט אַ מאַנסביל, באַדאַרפט איר אַזוי נישט רעדן — האָט כאַסיע אים מוטערלעך גע׳מוסר׳ט.

— די צרות רעדן פון מיר אַרויס, חבר׳טע אַסטראָווער.

III

די קאָוואַלסקי משפחה: פון דור־דורות אָן שמידן. עק־שטעטל, אַרום דניעסטער אין פּאָדאָליע איז די קוזשניע געשטאַנען. די צייט האָט זיי ניט באַדאַרפט אויפהייבן פון שטויב — זענען אַליין גע־גאַנגען דער נייער צייט אַנטקעגן.

אַז די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך באַוויזן פאַר דער קוזשניע איז מען זיי אַנטקעגן געקומען מיט פאַרשפּיצטע, צונטער־רויטע שטאַבעס אייזן; פונקען האָבן געזשומעט אַרום אייזן. האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס פאַרשטאַנען: „מיט די קאָוואַלסקיס, וואָס האָבן ניט קיין מורא פאַר היים אייזן, איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. אַז דער אַלטער עוזר איז נאָך אַזוי — טאָ זאָל מען זיי לאָזן צורו...״

מען האָט טאַקע געמוזט לאָזן צורו. דער אַלטער עוזר דער שמיד, לייזערס טאַטע און בערעס זיידע האָט נאָך יעמאָלט געלעבט. פון זיינע אויגן האָבן פונקען געשפּיזלט ווי פון דער אָנגעגליטער שטאַבע אייזן אין זיין האַנט, ווען ער האָט די פּאָגאָמשטשיקעס באַ־געגנט. לייזער און דער זיבעצן־יאָריקער בערע זענען הינטער עוזר׳ן געשטאַנען מיט די אָנגעגליטע שטאַבעס אייזן, גרייט צו באַגעגענען דעם שונא. דריי דורות האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס דערזען; דריי שטאָלענע דורות — און האָבן זיך אונטערגעגעבן.

בלויז רייזל — די מאַמע, זי האָט זיך יאָ דערשראָקן. האָט אין שטוב געטוליעט צו זיך דעם אַכט־יאָריקן נחום׳ען. ס׳האָט דער פּחד רייזלען אין קעלט אַריינגעוואָרפן נאָך צוליב דעם, וואָס צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס האָט זי דערקענט פויערים, וואָס האָבן נאָך אַנומעלטן אַריינגעבראַכט אין קוזשניע קאָסעס, סערפּן, העק, אַקערס און וועגענער צו שמידן.

דער אַלטער עוזר האָט עס לאַנג ניט איבערגעלעבט: ער איז אין איינעם יאָר געשטאָרבן. די פּאָגראָמען האָבן זיין לעצטע

גבורה און גאָר זיין חיות פאַרצערט. די יונגוואַרג האָבן די בלענדנ־דיקע צייט דערקענט. בערע איז אַוועק מיט די ערשטע וואָס זענען געקומען אין די פּוסטריט פון די פּאָגראָמשטשיקעס אויסצוראַמען דאָס שלעכטס. ס'האָבן טאַטע־מאַמע קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, און בערע איז שוין געווען אין דער אויפגייענדיקער רויטער אַרמיי. לייזער איז אים מיטן געדאַנק נאָכגעגאַנגען. רייזל האָט דאָס איינגערע קינד געטוליעט צו זיך. ס'האַרץ האָט איר גע־זאָגט, אַז איר בערע וועט בשלום צוריקקומען. איר בערע איז אַוועק העלפן אויסראַמען די שלעכציקייט, וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבער דער ערד. בערע איז אַוועק און צוריקגעקומען; איז ווידער אַוועק און ווידער געקומען — ער איז געוואַקסן מיט דער נייער צייט. ער האָט שפּעטער די קלעשטשעס געהאַלטן, אין די קלעשטשעס אָנ־געגליט אייזן, געהאַמערט אויף דער קאָוואַדלע, האָט עס פאַר אים געהאַט גאָר אַן אַנדער זינען: ער האָט אין האַמער דערקענט דעם נייעם וואָפן אין האַנט פון אויפגעקומענעם הערשער און באַפרייער — דעם אַרבעטסמאַן.

בערע איז אויך געווען פון די ערשטע אַנטקעגן צו קומען דעם רוף, אַז אידן זאָלן גיין צו דער ערד; אידן זאָלן בויען זייערע היימען, זייער ניי לעבן אויף אַ נייער ערד. ער וועט טאַקע די קוזשניע פאַרנעמען, וועט דעם האַמער פאַרנעמען אין פעלד אַריין—דער סערפּ מיטן האַמער זאָלן אויף אייביק זיין פאַרבונדן.

לייזער דער שמיד האָט תיכף מסכים געווען. אמת, ס'איז אים געווען אַ שאָד איבערצולאָזן די קוזשניע, וואו זיין טאַטע עוזר האָט אין איר געשמידט און אויסגעשמידט חיונה פאַר אַ גרויס געזינד; וואו ער אַליין איז געוואָרן אַ טאַטע פון קינדער. „אַ צייט אַן אַנדערע אָנגעשטאַנען, מע טאָר שוין באַם אַלטן ניט בלייבן" — האָט ער אָפּט איבערגע'חזר'ט. — „בלייבן באַם שטעטל, קוקן ווי אַ שטעטל גייט איין, איז שוין בעסער אַוועק, אַוועק אויף אַן ערד, וואו מע זאָל אַלץ בעדאַרפן אָנהייבן פון אָנהייב..."

רייזל וואָלט דוקא געבליבן דאָרטן וואו זי איז געבוירן געוואָרן. רייזל וואָלט דוקא געבליבן דאָרטן וואו זי האָט אירע קינדער געבוירן און אויסגעהאָדעוועט. איינקלייניקייט, שטיין ביי דער האַרנע מיט

א קינד אויפן לינקן אָרעם און מיט דער רעכטער האַנט ציען דעם בלאָז־זאַק, בשעת איר לייזער, דער בלאָנדער, ווי בערע איצטער, מיטן זיידענעם בערדל און פאַרמורזעטער לענגלעכער נאָז, בשעת ער שמידט א שטיק אייזן אויף דער קאָוואַדלע — שפּירן זיינע הענט אויף זיך רייזלס אויגן... א סך, גאָר א סך חלומות זענען נאָך באַהאַלטן אין די ווינקלען פון דער קוזשניע, וואוהין זי איז נאָך מיידלווייז גע־קומען, כלומרשט א מעסער אָנשאַרפן ביי לייזער עוזר דעם שמידס.

גייט אָבער איר, רייזלען, פּאַרט ניט אַרוים פון רעיון די באַנדע פאַגראַמשטשיקעס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן מיט דרענגענער און מיט העק. אודאי האָבן זיי געוואָלט אַלעמען אין קוזשניע אויס־הרג׳ענען. „וואָלט אפשר טאַקע רעכט געווען אַוועקצוגיין פון דער געגנט און פאַרגעסן אָן יענע שרעקן...״ מער איז זי שוין רואיק ביינאַכט ניט געשלאָפן; דעם פּחד האָט זי שוין ניט געקענט פאַר־טרייבן פון זיך. זי דערקענט אין לייזערן, אַז ער שלאָפט אויך ניט אַזוי רואיק זינט דעמאָלט. און דעריבער האָבן זיך די מאַנסלייט אַזוי אָנגעכאַפּט אָן פּלאַן צו פאָרן קיין קרים. דאָרטן אויפשטעלן א קוזשניע — מאַלע וואָס. דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך אַרוים־געריסן פון פּאָדאָליער ערד און אַוועק בויען א נייע היים אין קרים. געווען נאָר א שאָד איבערצולאָזן די צוויי הויכע טאָפּאָלן אַהינטער דער קוזשניע און די באַיאָרנטע ליפּע, וואָס האָט אירע שאָטנס גע־וואָרפן איבער דער גאַנצער ברייט פאַרן קוזשניע.

בערע האָט, צווישן אַנדערע מכשירים וואָס ער האָט געקליבן פאַר קרים, מיטגענומען א נייעם אַקער. ער האָט מיט א באַזונדערער כונה געשמידט איעדן טייל באַזונדער; מיט א באַזונדערער כונה געצויגן און געשפּיצט די סאָשניקעס. טאַטע־מאַמע האָבן פון דעם שטאַרק הנאה געהאַט. בערע האָט אויסגעקלעפּעט איינענע צוויי קאָסעס; צוגעקליבן דריי סערפּן פון פיינעם שטאָל...

קרימער סטעפּ האָט זיי גוט אויפגענומען. קרימער זון איז געוואָרן היימיש; און היימיש — די ערד, וואו מען האָט געגראָבן די זעמליאַנקע. זענען ניט געווען די איינציקע איבערוואַנדערער: זיי זענען געווען פיר צווישן געגנויע פערציק; אָבער זייער גלייכער ווילן איז כמעט געווען דער איינציקער. די קוזשניע האָט מען צייט־

וויליק איינגעשטעלט ביי דער זעמליאַנקע; עטלעכע זעק קוילן האָט מען מיטגעבראַכט. פאַר פריילעכקייט וועגן האָט מען געוועקט מיטן האַמער די פאַרשלאָפענע קאָוואַדלע. ס'איז פריילעכער געוואָרן אויפן ערד־חלק. די מאַנסבילן האָבן באַקומען פאַרמורזעטע נעזער, ווי ס'פּאַסט פאַר שמידן. רייזל, די מאַמע, איז דאָ אויך געוועזן „רייזל־לייזער־דעם־שמידס”, און דעריבער איז איר פּנים אָפט געווען אויסגעשמירט אין סאַזשע.

בערע האָט געהאָפט צו געפינען ביי אַלעמען אויפן ערד־חלק די איבערגעבנקייט און גוטן ווילן אָנצוהייבן פון סאַמע אָנהייב, ווי שווער אַזאַ לעבן זאָל ניט זיין. ער האָט זיך ניט גענאַרט, ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס וועלן קומען אַנטקעגן. זיין טאַטע־מאַמע האָבן אויך מיט אַ געדולדיקן פּנים באַגעגנט דאָס רויע לעבן, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט ניט צו שאַנעווען. אָבער ניט אַזוי איז דאָס אויסגעקומען ביי דעם גרעסטן טייל איבערוואַנדערער; אַפילו בעל־מלאכות פונדערהיים האָבן אַראָפּגעלאָזן די הענט, אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ; געפאַלן מיטן געמיט ווי באַלד מען איז געקומען און ניט געפונען קיין דאַך איבערן קאָפּ.

די איינציקע וואָס האָבן מיט דעם אייגענעם גוטן ווילן אָנגע־הויבן פון אָנהייב, ווי די קאָוואַלסקיס, זענען עס תחילת געווען די ברעזערס — תבואה־סוחרים; היימישע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַ־טים. אַ טאַטע מיט צוויי מיידלעך, און מיט אַ צולאַג — אַן אַלטן זיידן.

מען האָט ביי די קאָוואַלסקיס ניט איינמאָל איבערגערעדט:

— אויף די דאָזיקע לייט קען מען זיך פאַרלאָזן; האָבן אין שטעטל געוואוסט ווי צו רייטן אויף יענעם און וועלן עס באַווייזן אין קרים אויך.

אָבער פאַרט מיידלעך: דאָס עלטסטע מיידל, לאַנע, די באָרוועסע האַרעפּאַשניצע לאַנע — בערע איז צופרידן וואָס זיי האָבן זייער זעמליאַנקע געגראָבן כמעט אין אַנדערן עק צוקינפטיקן דאָרף, און איצטער שטעלן זיי אויף די שטוב דאָרטן. ער שפּירט, אַז די דאָזיקע לאַנע לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו האָבן די שטוב פריער פאַרטיק פאַר די קאָוואַלסקיס. „זאָל עס טאַקע זיין,

די דאָזיקע לייט האָבן זיך אויסגעטאָן פון זייער אַמאָליקער גאווה, האָבן פאַרגעסן אַמאָליקן שטאַט און געוואָרן אוים מפונקים? יאָ, אַ צייט אַ נייע, אפשר..."

ער ווייס, אַז די מיידלעך זענען יתומות. זייער מאַמען האָבן פאַגראָמשטשיקעס מיט אכזריות דער׳הרג׳עט. צומאָל, ווען ער זעט די קינדער קנעטן ליים מיט די באָרוועסע פיס, די עלטערע, לאַנגע, ווי זי שלעפּט זיך הין־און־צוריק מיט די אָקסן, שלעפּט מאַטעריאַלן פון יעוופּאַטאָריע פאַר דער שטוב — קומען אים אויפן זינען די פאַגראָמען: „ווען איך וואָלט דאָרטן בשעת מעשה געווען... אַזאַ לאַנגע האָט ניט באַדאַרפט ווערן קיין יתומה אויף אַזאַ אופן..."

פונדעסטוועגן וויל ער פאָרט ארויסדרינגען, אַז די דאָזיקע לייט וועט מען פון זייער פעל ניט ארויסשיילן; די דאָזיקע לייט זענען גרויסהאַלטער. איצטער האָבן זיי כלומרשט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ; די צייט וועט קומען — וועט מען דעם קאָפּ אויפהייבן.

ער, בערע, איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן עלטסטן אויפן ערד־חלק. ער ווייסט, די ברעזערס האָבן זיין נאָמען דערמאָנט די ערשטע. ער איז צייטנווייז חושד, אַז אין דעם איז געווען אַ מיין צו באַווייזן: „וואָס גייט שוין אונדז איצטער אָן כבוד און גבאות? זאָלן שוין מיט דעם זיך לאָבן די אַמאָליקע גבזה׳ניקעס". אויפן ערד־חלק האָט מען זינט יעמאָלט אונטערגעמורמלט: „דער עלטסטער קאָוואַלסקי האָט אַ ביסעלע גאווה..." „ממש אַ מלוכה־מענטש..." „ממש ער איז די רעוואָלוציע אַליין..."

מען קען ניט זאָגן, אַז בערע איז געוואָרן אַ בעל־גאווה. מען האָט אויף אים ארויפגעלייגט שווערע התחיבותן; ארויפגעלייגט אויף אים די השגחה איבערן גאַנצן ערד־חלק — איז ער ערנסטער געוואָרן; האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן פאַלדעווען דער שטערן; האָט מען אויף אים ארויפגערוקט די עלטער פאַר דער צייט. אים איז שווער גע־וואָרן צו לאַכן אויפן הויכן קול. און דער עיקר איז אים שווער אריבערצוקומען צו די ברעזערס, ווי זיין אינגערער ברודער נחום טוט עס. ער האָט נחום׳ען עטלעכע מאָל אויסגע־מוסר׳ט, ער זאָל זיך האַלטן ביי זיין קלאַס. האָט אים נחום ארייגעלאַכט אין פּנים אריין.

— אַ שאָד, וואָס אַזוי ווינציק פּרויען זענען געקומען. אודאי האָבן דאָך די דאָזיקע לייט ווייבער און קינדער; האָבן דערוואַקסענע טעכטער... זענען דווקא די בעל־מלאכות געקומען אַליין... האָט גענומען דווקא אַ היימישער בורזשוי און אַריבערגעבראַכט מיידלעך אַהער; געבראַכט אַזאַ לאַנגען אַהער...

בערען איז ניט ניחא, וואָס די מלוכה איז ניט ביכולת אַליין אָנצופירן מיט דער אידישער ערד־איינאָרדענונג. אים האָט פאַרדראָסן וואָס די מלוכה באַדאַרף אָנקומען צו אַמעריקאַנער רייכע פעטערס, צום „דזשאָינט”, וואָס באַלעבאַטעוועט אין קרים. ער האָט געהאָפט צו געפינען אויפן ערד־חלק ביי אַלעמען אַ חשק צו אַ קאָלעקטיווער בויאונג. צום סוף — קוקט איעדערער אין זיין אייגענעם ווינקל; איעדערער האָט אַזוי הנאה צו דערקענען זיין אייגן שטיקל ערד, וואָס די מלוכה האָט פאַר אים אָפגעצייכנט. ער האָט געהאָפט צו זיין אַ שמיד ביי אַ גרויסן קאָלעקטיוו; צום סוף געפינט ער גאָר אויס, אַז אַפילו די, וואָס זענען כלומרשט אַראָפּגעקומען פון שטעטל פאַראייניקטע, האָבן זיך דאָ איינס פון אַנדערן אָפגעריסן, באשר איעדערער וויל האָבן אַ קליינע ממשלה פאַר זיך. אים איז גאָר קשה ווי אַזוי די מלוכה דערלאָזט, אַז דער אַלטער שטייגער זאָל אָנהייבן צו געוועלטיקן אויף קרימער ערד, וואו מען וואָלט באַדאַרפט בויען דאָס לעבן אויף אַ גאָר נייעם יסוד. נאָר ווען זיינע געדאַנקען זענען אַוועק צו די ברעזוערס, איז אים קלאָר געוואָרן פאַרוואָס יעדערער וויל דאָ פּראַוון יחידות: „ס'איז אַ ברעזוער־גייסט וואָס הערשט דערוויל אויפן ערד־חלק. מסתמא הערשט אַזאַ גייסט איבער אַלע אַנדערע ערד־חלקים, וואו אידישע איבערוואַנדערער בויען איצטער זייערע דערפער”.

פונדעסטוועגן, ווען אים גלוסט ערנסט זיך דורכרעדן וועגן דעם וואָס אים עגבערט — פאַלט ווידער זיין בליק אויף דער זייט וואו די ברעזוערס בויען. ער קען זיך ניט אָפּגעבן קיין חשבון פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. ער וויל זיך איינרעדן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דער גרעסטער טייל איבערוואַנדערער אויפן ערד־חלק באַשטייט פון אַ סך שלימעזאַלניקעס. דווקא די דאָזיקע בריות באַדאַרף מען איבעררעדן זיי זאָלן ניט ווייזן קיין שלעכטן ביישפּיל. ער האָט

שוין עטלעכע מאָל חשק געהאַט אריבערצוגיין צו די ברעזערס, מיט זיי האָבן אַן ערנסטן שמועס, דערווייַזן אַז מען באַראַדזש פון סאַמע אָנהייב ניט דערלאָזן צו קיין צעשפּליטערונג.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז יעדעס מאָל ווען ער שטייט פּנים־אל־פּנים מיט לאַנען — פֿאַרלויפֿט דאָס בלוט אין פּנים אַריין. ער באַמיט זיך עס ניט אַרויסצואווייַזן. אים געפעלט אויך ניט, וואָס זיין טאַטע דערמאָנט אָפט לאַנעס נאָמען. זי האָט אַמאָל אוועקגע־שיקט מיטן אינגסטן אינגל צוויי קעפּלעך קנאָבל צו די ברעזערס און פון דאָרטן האָט מען צוריקגעשיקט אַ שטיקל טרוקענעם קעז. ער האָט דער מאַמען אויסגערעדט און געזאָגט: אַז אויפן ערד־חלק זענען פאַראַן איר גלייכן... ער האָט דערקענט אין דער מאַמעס אויגן אַ פייערל פון צופרידנקייט, וואָס מען קען נאָר טרעפן ביי מאַמעס, ווען עס ליגט שטאַרק אין זינען די מערכה פון קינדער.

בערע האָט צום אינסטרוקטאָר ניט באַדאַרפט אָנקומען. ער איז אוועק נאָכן אַקער ווי אַ געפּרואווטער פויער. ס'האָט אים ניט געפּאַסט צו ווערן אַ תּלמיד ביים אגראַדזשאָינטס אינסטרוקטאָר. ער איז ניט געווען שווה־בשווה מיטן אַגראָנאָם, כאָטש ער האָט עס ניט אַרויסגעוויזן, דערפאַר וואָס דער אַגראָנאָם האָט אויסגעפירט אינ־סטרוקציעס פון אַמעריקע. אים איז ניט ניחא, וואָס די אָקסן האָט ער באַדאַרפט נעמען אַ נדבה ביי די רייכע פעטערס פון אַמעריקע. דעריבער האָט אים געוואָרימט זיין האַרץ זיין אייגענער אַקער: בשעת ער גייט נאָך די אָקסן, טרעטנדיק די פריש־אויפגעריסענע בראַזנע — הערט ער דעם בריאַנג־קלאַנג פון האַמער אויף דער קאָוואַדלע, וואָס האָט דעם אָנגעגליטן סאַשניק געצווינגען און פאַרשפּיצט; הערט ער דאָס פשיקען פון אָנגעגליטן סאַשניק, בשעת ער האָט אים, אַן אָנגעגליטן, געהאַרטעוועט אין קאַלטן קרעניצע וואַסער.

צי האָט ער יעמאָלט אַרויסגעזען ווי פון איצטער אָן ווערט ער אַ קינד ביי מאַמע־ערד? צי האָט ער געזען דורך זיך, ווי אַ פאָלק פון ווינט־מענטשן הייבט איצטער אָן אַ לעבן ביי דער ערד? צי איז דאָס געווען אַ באַפעל פון דער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט איידער ער איז פון זיין שטעטל אוועק?

צו דער ערד איז ער געקומען מיט אַ יונגן ווילן; מיט שטאָלענער

בוינעוודיקייט. צווישן אַן עולם, פון דער ערד אָפּגעריסענע, האָט ער זיך תחילת פאַרלאָרן.

נאָך מער:

ווען דאָס בלוט האָט זיך צעוואַרימט אונטער דער פרילינג־זון אויף אַ נייער פרילינג־ערד — האָט ער באַדאַרפט פון זיך טרייבן אַ נאָמען, לאַנע, וואָס האָט ווי אַ פליג אַן אָנשיקעניש, געזשומעט אין זיינעביידע אויערן...

ניין, ער וועט עס קיינעם ניט דערציילן; ער וויל פון דער מאַמעס פּנים ניט לייענען איר צופרידנקייט. כאָטש ער אַליין האָט היינט עטלעכע מאָל אַרויסגעקוקט צום וועג, צי דער ברעזער־געשפּאַן קומט שוין אָן און מיט אים — די ספּריטנע, שוואַרץ־געקרויזטע לאַנע...

IV

געווען שוין אַ שעה דריי נאָך האַלבן טאָג, ווען דעם אַגראָנאָמס אָנקומען האָט אויפגעוועקט די דרימלענדיקע כחות אויפן ערד־חלק. ער איז, ווי דער שטייגער, אָנגעקומען אין זיין אַמעריקאַנער אויטאָ־מאָבילכל, וואָס איז אַזאַ זעלטנקייט אין דער געגנט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן קאָוואַלסקיס קוזשניע, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן — ווי פון אונטער דער ערד איז אַ מענטשהייט אַרויסגעקומען. פון די נאָענטע פעלדער האָט מען דעם אַגראָנאָמס אָנקומען געהערט און מען האָט זיך געלאָזט לויפן אין דאָרף אַריין.

— די אַם איז דאָ!

דאָס איז אויך געווען זלמן קאַסאַיס איינפאַל אַ נאָמען צו געבן דעם אַגראָנאָם „די אַם". וואָרום ניט קיין אַגראָנאָם איז ער געווען פאַר די דערוואַקסענע איבערוואַנדערער, נאָר טאַקע אַ געטרייע אַם, אויף וועמעס הענט אַ מאַמע האָט איבערגעלאָזן אירע קינדער צו האָדעווען.

חבר לערנער, כאָטש ער איז ניט געווען קיין שמאַל־פּלייציקער און ניט קיין קליין־געוויקסיקער, אַז די איבערוואַנדערער האָבן אים

אַרומגערינגלט מיט זייערע טענות, מיט זייערע זאָרגן, מיט זייערע פאָדערונגען און תרעומות — איז זיין פּלייצע שמעלער געוואָרן, זיינע גוטע שוואַרצע אויגן זענען ווי פאַרטרערט געוואָרן און אַ מאַמישע גוטסקייט האָט געריזלט אַרום מויל.

ווי דער שטייגער, איז דער אַגראָנאָם געקומען איעדע עטלעכע טעג, ווייל אין זיין רשות האָט ער געהאַט אַ גאַנצן ראַיאָן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען. פון זיין האַנט האָבן די איבערוואַנדע־רער געקראָגן פון שטיינער ביז ברויט; פון שוועבעלעך ביז אַ צוזאָג אויף אַ היים און מעלקעדיקער קו, ווען באַלעבאָסטע און שטאַל וועלן זיין.

איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, איז ער שוין געווען אַרומגערינגלט מיט דער גאַנצער מענטשן־משפּחה, וואָס דער דאָרף האָט דערוויילן פאַרמאָגט. כמעט דורכאויס אַ מאַנסבילשער עולם; אַ באָרוועסער און רויער עולם. כאָטש די פרילינג־זון האָט אַזוי זומערדיק געוואַרימט, האָט פונדעסטוועגן נאָך אַ גרויסער טייל פון עולם זיך געפוילט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שטעטלשע, האַלב־צעריסענע, האַלב־פאַרלאַטעטע רעקלעך, טוליפּלעך און קאַפּאָטעס. כאָטש דער קרימער פרילינג האָט זומערדיק געוואַרימט, פונדעסטוועגן האָט דער גרעסטער טייל איבערוואַנדערער נאָך ניט אַרויסגעטריבן פון נפש דעם שטעטלשן ווינטער. קוקנדיק אויף זיי, איז שווער געווען צו באַשטימען, צי די דאָזיקע מענטשן וועלן דאָ ביים לעבן זיך פאַר־וואָרצלען אין מאַמע־ערד. גיכער האָט עס אויסגעזען — גלייך אַ שטורם האָט זיי פון ערגעץ געטראָגן און דאָ אָנגעוואוירן.

דער יונגער אַגראָנאָם, חבר לערנער, מיט אַ רחמנות־שמייכל אַרום מויל, האָט באַטראַכט דעם עולם, און ס'איז אים פריקרע געווען, וואָס ער איז בעסער געקליידט; וואָס ער האָט אָפּגעגעסן צוזאַט, איידער ער איז אַרויסגעפאָרן פון זיין קאַנטאָר, ערגעץ אין אַן אַלטגעזעסענעם ניט־אידישן דאָרף.

אַ ווײַלע האָט דער עולם מיט די בליקן אים אויסגעפאָרשט. יעדערער אויף זיין אופן האָט פון אים געוואָלט דערגיין דעם סוד און שכל פון דעם דאָ־זיין ביי דער ערד; מען האָט געוואָלט דורכ־בליקן דעם אַגראָנאָם און אפשר אויסגעפינען דעם דרך־הישר, וואָס

וועט ארויספירן צו א רואיקן ווינקל; געפינען גלויבן און כח איבערצולעבן די איצטיקע אַנגעשטרענגטע טעג און נעכט.

— נו, וואָס, חבר לערנער—האָט זלמן קאָסאָי דער ערשטער אָנגעהויבן — איר זענט אודאי געקומען אונדז זאָגן אביסל מוסר, אז אויף אנדערע ערד־חלקים טאַנצט מען... איר באַדאַרפט אונדז ניט זאָגן קיין מוסר, חבר לערנער; מיר פאַרשטייען אליין דעם גאַנצן ענין גאַנץ גוט: אפריער וועט מען באַדאַרפן אויסציען די פיס, ביז מע וועט דערלעבן ווערן א שטיקל פויער. אודאי וואָלט גרינגער געווען צו גריזשען די גאָלע ערד, אויב מע זאָל עס נאָר קענען...

— לאָז געמאַכט, קאָסאָי; וואָס פאַרלויפסטו דעם וועג? חבר לערנער האָט אודאי געבראַכט גוטע נייעס.

— אַן אגראָנאָם מוז דאָך אודאי באַצייטנס וויסן, צי ס'וועט זיין א גוטע גערעטעניש.

— ווי זעט עס טאַקע אויס, חבר לערנער, האַי־יאָר וועט זיין א גערעטעניש?

חבר לערנער האָט גוטמוטיק א לאַך געטאָן און אפשר צום צענטן מאָל אָנגעהויבן איבער'חזר'ן זיין שוין אויף אויסווייניק אויס־גע'חזר'טע דרשה:

— איר זינדיקט, חברים. אייך איז גאָרניט אזוי שלעכט. נאָר גערולד און אביסל מער ענערגיע, וועט אַלץ זיין גוט. די מלוכה האָט אייך געגעבן ערד אומזיסט. דער אַמעריקאַנער דזשאָינט גיט קרעדיט און בויט אייך הייזער. צו זעקס אקער לאַנד פאַר איעדערן האָט מען נאָך ערב־ווינטער פאַר אייערטוועגן פאַראַקערט און פאַר־זייט — ס'איז גוט אויפגעגאַנגען. ווער עס וועט אַריינכאַפּן און נאָך פאַרזייען מיט האָבער, דאָס וואָס איר האָט איצטער אַליין צעאַקערט — וועט עס נאָך פיין אויפגיין; די ערד איז פייכט. אָבער ס'איינציקע אומגליק, וואָס איר שטייט אויף איין פוס. נייַנציק הייזער באַדאַרף דער דאָרף פאַרמאָגן. צעטיילט עס אויף דריי יאָר בויען — קומט אויס דרייסיק הייזער א יאָר. דערווייל וואַקסן פּאַמעלעך פינף הייזער. נאָך עטלעכע איבערוואַנדערער פירן שטיינער. ווי עס זעט מיר אויס, וועלן ביז סוף־זומער דאָ קיין דרייסיק הייזער ניט שטיין.

— יאָ, חבר לערנער — האָט רייזל לייזער דעם שמידס א שאַר

געטאָן איר פּאַסמע בלאָנד־גרויע האָר, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען איבער דער רעכטער באַק — ס׳וואָלט אודאי געווען אַ נחת צו קוקן ווי אַלע בויען זייערע היימען. אונדז וואָלט גאָר היימלעכער געווען. קומט אָפּטער אַהער, חבר לערנער, טרייבט זיי צו — ס׳וועט לע־בעדיקער ווערן.

— דער אינסטרוקטאָר פּאַרטרעט מיך. אָבער די צרה ביי אייך איז, וואָס מענער זענען געקומען אָן ווייבער; געלוסט זיך דעריבער ניט צו בויען קיין היים. אָט, איר אַלע — האָט דער אַגראָ־נאָם געדעדט אויף דער זייט פון די מאַנסבילן — צוליב וואָס האָט איר די היים איבערגעלאָזן אין שטעטל? קוקט אָן חבר׳טע קאָוואַלסקי — זי האָט ניט געלאָזט דעם מאַן אַליין אַהער...

— כאַ־כאַ־כאַ...

— וואָס אמת, איז אמת... אָן ווייבער איז דאָס לעבן ניט ניחא.

— וואָלטן ווייבער געווען — וואָלט טאַקע אַ היים געווען.

— דאָס איז אמת — האָט שווערלעך אָנגעהויבן נאָמע קרעטש־מער, אַ שוואַרץ, רוי־באַוואַקסענער, געוועזענער פעסטער איד, אַ בעקער פונדערהיים, — דאָס איז אמת. ווייבער האָט מען באַדאַרפט פאַרנעמען אַהער מיט געוואַלט. ס׳פעלן באַלעבאָסטעס אויס. מיט די ווייבער וואָלטן מיר אַזוי ניט אַרומגעגאַנגען אָפּגעלאָזן; פאַר־קראָכענע און ניט־אַרומגעוואַשענע. אָט זעט איר, חבר לערנער, שטענדיק ווערט דאָס מענטשן־רעדל ביי די פאַר זעמליאַנקעס, וואו ווייבער זענען פאַראַנען. וואו ווייבער — איז שוין אַ שטיקל ברויט אויך פאַראַן.

— ווער נאָך וויל אָנהייבן פירן שטיינער, חברים, זאָל ער עס טאָן ווי נאָר מען וועט פאַרזייען דעם האָבער. נעמט אייך אַראָפּ אַ גוטן ביישפּיל פון די ברעזוערס; די עלטערע טאָכטער פאָרט מיט די אָקסן נאָך מאַטעריאַל; העלפט דעם פאָטער אַרויס... אָט, קוקט — די אינגערע קנעט דאָרטן ליים. זייער שטוב וועט זיין פאַרטיק פריער פון אַלעמענס.

לייזער דער שמיד האָט געוואַרט זיין זון בערע זאָל אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער. זינט מען האָט זיין זון געמאַכט פאַר דעם עלטסטן פון דאָרף, האָט ער אויפגעהערט פאָדערן פאַר דער אייגענער היים;

פאַסט אים ניט צו בעטן ביי דער קאַנטאָר; באשר מען וועט זאָגן: „די קאָוואַלסקים פּראַצעווען, דעריבער האָבן זיי...״

בערע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געצופּט די קורצע, שטעכיקע האָר אויף זיין ניט־געגאָלטער געמבע. מיט דעם, וואָס ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן עלטסטן אין דאָרף האָט ער ניט ווילנדיק באַקומען אַ טרוקענע חשיבות פון אַ מלוכה־מענטשן. ער האָט אין הארצן מקנא געווען דעם אָרגאַנאָם, וואָס האָט נאָך אַרום זיין מויל די גוטסקייט פון אַן איבערגעגעבענער און ליידנדיקער מאַמען. ער וואָלט אויך געוואָלט רעדן אַזוי ווייך און אַזוי חנינה׳דיק ווי דער חבר לערנער. ער האָט שוין אַ סך מאָל אויף אַ הארבן אופן אַרויסגעזאָגט זיינע תרעומות אויף די איבער־וואַנדערער. ער ווייסט, אַז מען האָט אים שוין אין דער שטיל אָנגע־רופן עטלעכע שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון זיין ווערן עלטסטער אין דאָרף. ער פילט, אַז ער טוט זיין פליכט און וואָלט וועלן, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט זאָל מען אָננעמען פאַר גוט. ווייל ער פאָדערט דאָך פאַר זיך גאָרניט פון די איבערוואַנדערער. ער מיינט נאָר זייער טובה.

האָט ער, בערע, גאָר אַ נעם געטאָן דעם אָגראָנאָם אונטערן אָרעם און אַוועק מיט אים אַהין, וואו דאָס ווייסע פערד האָט געקרייזט אין קאַראַהאָד געשפּאַנט צו אַ דישל, געצויגן וואַסער פון קהל׳שן ברונעם.

דעם עולם איז דאָס ניט געפעלן געווען. קיין סודות זענען דערווייל אין דאָרף ניט פאַראַן. אויב דער עלטסטער פון דאָרף האָט עפּעס צו רעדן מיטן אָגראָנאָם — מעגן דאָך אַלע הערן.

— געווען אַ גינציקער מענטש, איידער מע האָט אים געמאַכט פאַר אַן עלטסטן.

— ווי מע ווערט אַ מלוכה־מענטש, הייבט מען אָן קוקן אויף אונדזערן אַ מענטשן פון אויבן־אַראָפּ.

— רעדט ניט קיין קינדישקייטן — האָט לייזער דער שמיד אָנגעהויבן — מיר איז נישט ניחא מע זאָל אַזוי רעדן אויף מיין זון; איר האָט אים אויסגעקליבן. קאַרג אייגענע קאָפּדרייעניש, באַדאַרף ער נאָך דזשווינגען אַ דאָרף אויפן קאָפּ.

כאַסיע אָסטראָוואָער איז העגדום־פּעגדום אָנגעקומען מיט פאַר־

קאשערטע ארבל, ס'קליידל פארשטעקט ביז די קני, די רעכטע נאקעטע פום אָפּגעדעקט, אַ ניט־פּאַרקעמטע — מיט אַ לעבל ברויט און מיט פאַרשנדיקע אויגן איז זי אַריין אין עולם.

— וואו איז דער אגראָנאָם, איך וועל צו אים מיין ביטער האַרץ אויסלאָזן; אַ צולאָג צו מיין ביטער לעבן. גיי, באַק ברויט פאַר די איבערוואַנדערער — איז דאָס זאַמד און ניט קיין מעל! און וואָס קען שוין אַרויסקומען פאַר אַ גוטס, אַז הייצן דעם אויוון הייצט מען מיט קיזיאַק, מיט שעפּסענע מיסט, וואָס מאַכט מער עיפּוש ווי פייער...

— חבר'טע אַסטראָוווער, איר אַליין האָט אַנגענומען דעם קלאַ־פּאָט, באַקן ברויט פאַר די מאַנסבילן, רעכט אויף אייך — האָט איר רייזל קאָוואַלסקי צוגעוואָרפן.

דער עולם האָט מיט כּאַסיען מיטגעפילט. דאָס לעבל ברויט איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מען האָט עס געוואויגן און גע־שמעקט און זיך געוויצלט:

— אַזאַ ברויט האָט צאַר ניקאָלאַי מיט זיין מלכה אין די אויגן ניט אַנגעזען.

— מיט אַזאַ ברויט האָט מען באַדאַרפט מכבד זיין אונדזערע אַמעריקאַנער בעל־טובות.

— פאַרוואָס נאָר אַמעריקאַנער בעל־טובות? די מאָסקווער צדיקים און גוטע אידן האָבן אויך געמעגט פאַרזוכן פון דעם דאָזיקן ברויט.

— כ'וואָלט מכבד געווען אונדזערע מאָסקווער פאַרזאָרגער מע זאָל ביי זיי הייצן די אויוונס מיט שעפּסענע מיסט.

— האָט קיין יסורים ניט, חבר'טע אַסטראָוווער, זאָל נאָר אַזאַ ברויט זיין לרוב און זאָל מען שוין האָבן מיסט פון אייגענע שעפּסן, וואָלט שוין קיין דאגה ניט געווען.

פונדעסטוועגן, ווען פון עולם האָט מען אָפּגעבראָכן צו שטיקלעך פון איר פריש־אָפּגעבאַקענעם, ציגל־שווערן ברויט, האָט זי, כּאַסיע, געקוקט אין די פּנים'ער פון די קייערס; געפּאַרשט וואָס פאַר אַ טעם מען פילט אין איר ברויט.

— גאָרניט שלעכט, חבר'טע אַסטראָווער... ווען נאָר אַ קעפּל קנאָבל וואָלט געווען אָנצורייבן די סקאָרינקע... גאָרניט שלעכט.

— עסט זיך ניט אָפּ ס'הארץ, חבר'טע — די מלוכה עסט זיך אויך ניט אָפּ ס'הארץ.

— דער אַגראָנאָם איז אודאי ניט שולדיק. מער ניט, ווען ער וואָלט געווען אַביסל מער מאַנסביל; האָט ער אַפּנים מורא צו פאַר־דערן מער.

אין דאָרף האָט אַריינגעצויגן וואָווע ברעזערס שפּאַן. אַלעמענס אויגן זענען איצטער געווען געווענדט צום אָקסן־געשפּאַן, וואָס האָט געצויגן אין צוקונפטיקן דאָרף אַריין:

— זעט נאָר ווי די ברעזערס זענען אַזוי פּרי אָנגעקומען!

— אַפּנים אַ גאַנצע נאַכט געווען אין וועג.

— אַזאַ טאַכטער איז גינציקער פון דריי זין; אין לעבן האָב איך אַזעלכעס נישט געטראָפן.

— זעט נאָר ווי זי גייטביים זייט וואָגן, ווי אַ סאָלדאַט גייט זי.

— זעט נאָר, ס'ליגט איר אין זינען אָנצושטעקן קווייטן אין די האָר.

— אַז מע וויל געפינט מען שטעכלקעס; און אַז מע וויל — געפינט מען קווייטן.

דער אָקסן־געשפּאַן האָט דערצויגן דעם וואָגן ברעטער ביז צו דער נייער שטוב. וואָווע ברעזער, וואָס איז אַליין אויך מיטגעגאַנגען ביים זייט, האָט געהאָלפן דעם אַלטן יאַשען אַראָפּקריכן פון וואָגן. לאַנע האָט אויסגעשפּאַנט די אָקסן, זיי אָפּגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט מיטן יאָך אויפן קאַרק און איז צוגעגאַנגען צום אָרט, וואו צוויי מוליאַרעס האָבן געמויערט איר היים, און וואו איר אינגערע שוועס־טער ביילקע האָט מיט די פּיס געקנאָטן ליים.

דער עולם איז ביסלעכווייז אַריבערגעגאַנגען אויף ברעזערס זייט. מען האָט אַרומגערינגלט דעם וואָגן, באַטראַכט די ברעטער, טירן און פענצטער, וואָס זענען געווען אָנגעלאָדן אויפן וואָגן; ווער ס'האָט מקנא געווען און ווער ס'האָט אין הארצן גע'חוזק'ט פון גאַנצן ענין, באַשר „סאַי־ווי וועט מען פונדאַנענען בקרוב לויפן אַהין, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט".

— ווי איז געווען דער וועג, לאַנע? אַט פאַרזוך פון מיין פריש־אַפּגעבאַקענעם ברויט... אודאי באַקט מען אין שטאָט בעסערן ברויט— האָט כאַסיע אַסטראָווער איר געטראָגן צום מויל אַ שטיקל ברויט.

לאַנע האָט עס גערן גענומען, געקייט דאָס שטיקל ברויט און גערעדט:

— אין שטאָט? וואו שטאָט — ווען שטאָט? ווער האָט די שטאָט אָנגעזעען און ווער באַדאַרף זי? אייער ברויט, חבר׳טע כאַסיע, איז דער גרעאָטנסטער.

לאַנע האָט געקייט דאָס ברויט געשמאַק און דער עולם האָט עס איר פאַרגונען:

— נישקשה, געקומען צוריק מיט איינגעצויגענע באַקן; אַ נאַכט ניט געשלאָפן...

— וואָס־זשע הערט מען עפּעס אויף דער וועלט?

— כלו־האי, מסתמא האָט מען דאָך יאָ אימיצן געזען אין שטאָט...

דער עולם, ווי אַ פאַרשיקטער און פאַרוואָרפענער אויף אַ ווייטן, וויסטן אינדזל, האָט נייגעריק געקוקט צו די אָנגעקומענע און געוואַרט, אַז די דריי, דער אַלטער יאַשע, וואַווע און לאַנע, וועלן באַלד אויפ־עפענען אַ רענצל און פון דאָרט אַרויסנעמען בריוולעך פון ווייטע לענדער און ווייטע היימען; מען האָט געוואַרט...

לאַנע האָט געקייט דעם ברויט, און אַ זאַג געטאָן צו וואַווען:

— דערציייל, טאַטע, ווי מיר זענען אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן אויפן וואָגן און די אָקסן האָבן פאַרפירט צו אַ דייטשן בעל־הגוף אויפן הויף, כאַ־כאַ־כאַ.

— אַט דאָס האָבן די אָקסן געטאָן? — איז דער עולם אַריינגע־פאַלן אין התפעלות.

— דער דייטש זאָגט, אַז אידן וועלן נאָר קאַליע מאַכן די ערד; קיין ברויט וועט ביים אידן קיינמאָל ניט וואַקסן — האָט וואָווע אומעטיקלעך דערציילט.

— איין קלייניקייט, סע שטעכט זיי געגנוג אין די אויגן הלמאי

די מלוכה האָט גענומען, צעשניטן קרים און אוועקגעגעבן אידן. וואָס מיינט איר — מיר אַליין בויען דאָ? איר מיינט עפּעס, אַז נאָר אונדזער ערד־חלק האָט מען צוגענומען ביי זיי? וואָס זעט מען עפּעס אין וועג, חבר ברעזער? מע בויט, האָ? אַ סך איבערוואַנדערער באַגעגנט? — האָט נאָטע קרעטשמער פּאָוואָליעדיק צעקייט דעם ענין און געפרעגט.

— דאָס קען מען ניט פאַרלייקענען — האָט וואָווע דערציילט — האָב אָנגעזען גענוג אידן; באַגעגנט נאָך אַ סך איבערוואַנדערער אין שטאָט וואָס קומען פאַרנעמען מאַטעריאַלן. אין יעווּפּאַטאָריער איבערוואַנדערער־הויז ווארט נאָך אַ היפּשער עולם מע זאָל אויסטיילן ערד.

— אַזוי, אַזוי, האָבן די אָקסן דוקא צום דייטש געצויגן, כאַ־כאַ, אַ שטומע צונג און פאַרשטייט, אַז באַם דייטש איז נאָך פאַראַן שטרוי און מעקענע — האָט קאָסאָי זיך געוויצלט.

— טאָן, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן, וועט אונדז זיין אַזוי גוט ווי זיי! — האָט לאַנע אריינגעוואָרפן.

— עס וועלן גיכער די דייטשן קומען צו אונדזער מצב, איידער מיר וועלן קומען צו זייער מצב. ס'איז אָך־און־וויי צו זיי און אַ בראָך צו אונדז — האָט זלמן קאָסאָי ניט נאָכגעגעבן.

דערווייל איז אונטערגעקומען דער אַגראָנאָם מיט בערע קאָ־וואַלסקין. דער אַגראָנאָם האָט ביי לאַנען פון די האָר אַרויסגעצויגן אַ בלימל און דאָס באַטראַכט. בערע קאָוואַלסקי, כאָטש ער האָט עס אָנגענומען פאַר צו דרייסט מצד דעם אַגראָנאָם, האָט אים פונ־דעסטוועגן פאַרדראָסן, הלמאי ער האָט פריער ניט אַרויסגעצויגן דאָס בלימל פון לאַנעס געקרייזלטן קאָפּ.

— ווער וויל אָנהייבן בויען זיין שטוב וועל איך אַרויסגעבן מאַטעריאַלן — האָט זיך דער אַגראָנאָם ווידער געווענדט צום עולם, — נעמט אַראָפּ אַ גוטן ביישפּיל פון חבר'טע ברעזער.

— די ברעזערס וועלן איינגיכן ווערן אונדזערע קולאַקעס, כאַ־כאַ־כאַ — האָט גאָר אומגעריכט בערע אַ זאָג געטאָן — אמת, חבר'טע לאַנע?

דעם עולם איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. מען האָט זיך אָן ווערטער דורכגעוואָרפן מיט בליקן.

לאָנע האָט זיך ניט פאַרלאָרן. האָט אַ שמייכל געטאָן צום עולם און באַוויזן בערען אַ פאַרמאַכטן פויסט:

— דאָס איז ניט קיין קולאַק, ס'איז אַ מענטשישע האַנט, חבר קאָוואַלסקי... און איר — האָט זי זיך געווענדט צום עולם — דרייט זיך ניט אַרום גלאַט אַזוי אויפן ערד־חלק; איך האָב אויך געהערט וואָס דער דייטש האָט היינט גערעדט; לאָמיר זען די דייטשן זאָלן ניט בלייבן גערעכט. טרייבט זיי צו, חבר לערנער!

— וואָס־פריער איר וועט האָבן אייער שטוב און שטאַל פאַרטיק, אַלץ פריער וועט איר באַקומען אייער קו, חבר'טע לאָנע. איר וועט זי קענען מעלקן? — האָט דער אַגראָנאָם געלאַכט.

— איין קלייניקייט, די ערשטע קו אין אונדזער דאָרף. מיר אַלע וועלן זי מעלקן...

די עלטערע אידן האָבן וואָווען און יאָשען אָוועקגענומען אָן אַ זייט אויסצופאָרשן וואָס אַזוינס האָבן די דייטשן געזאָגט אויף אידן.

לאָנע, דער אַגראָנאָם און בערע זענען אַריין באַטראַכטן ברעזערס האַלב־אויפגעבויטע שטוב.

בערע האָט ביים אַגראָנאָם גענומען דאָס האַלב־פאַרוועלקטע בלימל, כלומרשט אַזוי גענומען צו באַטראַכטן, און אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין האָט ער עס לאָנען ווידער אַריינגעשטעקט אין די האָר.

לאָנע האָט דערפילט, ווי אַ צאַרטע וואַרימקייט האָט דורכגענומען איר געביין; זי האָט גענומען פאַרן האַנט בערען און גע'מוסר'ט:

— אינגאַנצן אַ וואָך זינט דו ביסט אונדזער עלטסטער, האָסטו שוין דעם האַרעפּאַשניק אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פאַרן צוקונפטיקן קולאַק. בין ברוגז אויף דיר.

— איך האָב גאָרניט געמיינט מיט דעם, חבר'טע לאָנע — האָט זיך בערע גענומען פאַרענטפערן, — כ'האָב עס געזאָגט דערפאַר, ווייל מיר האָט פאַרדראָסן, וואָס כ'בין אינאיינעם מיט אייך ניט מיטגע־

פאַרן אין שטאָט אריין נאָך מאַטעריאַל. אַ שיינע נאַכט געווען אין וועג, חבר'טע לאַנע?

— יאָ, ס'האָט געקענט זיין אַ שיינע נאַכט...

און זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

V

אויף דער בלוטיקער גרעניץ פון דער נייער צייט איז צייטיק געוואָרן לאַנעס געשטאַלט. אויף דער בלוטיקער גרעניץ פון דער נייער צייט האָבן אירע אויגן דערבליקט דעם גרויסן אָפּרים צווישן דער נייער צייט און דער אידישער וועלט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך, גאָר אַ סך, אַזעלכע ווי איר טאַטע. אין איר מהות, פּונקט ווי ביי איר אינגערער שוועסטערביילקע, האָט געלעבט דאָס מורא'דיק בילד פון איר צעהאַקטער, פאַרפּייניקטער מאַמען. זי דערקענט אין איר אייגן געשטאַלט סמנים פון דער אומגעקומענער מאַמען.

לאַנע איז ניט געווען די איינציקע, וואָס די דערציאונג האָט זי אפשר באַדאַרפט מאַכן פאַר אַ פּוסט-און-פּאַסניצע; און אפשר פאַר אַ קליינשטעטלדיק געבילדעט מיידל, וואָס באַדאַרף אויסקוקן אַ חתן פון מרחקים, פאַר וועלכן דער טאַטע האָט געקליבן אַ גוטן נדן — ניין, זי איז ניט געווען די איינציקע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן מיט אַ שוידער אין לייב די דאָזיקע מעגלעכקייטן. די רעוואָלוציע האָט געהאַט דעם נאַטירלעכן אָפּקלאַנג אין איר יונג בלוט. זי האָט אויף קיין רגע ניט געוואָלט פאַרטיידיקן יענע אָרדענונג, וואָס האָט צוגעגרייט פּאָגראָמשטשיקעס.

איר טאַטע, וואָווע ברעזער, אָדער וואָווע דער תבואה־הענדלער, איז אַ צייט איר געשטאַנען אין וועג. אים האָט עס געצויגן אויף צוריק. ער האָט געהאָפט אויף דעם צוריקקער פון דער אַלטער אָרדענונג; אים האָט ניט געאַרט צו זען ווידער אויף זייער אָרט די, וואָס האָבן פאַרגאָסן אַזויפיל אידיש בלוט: „מען קען זיך איבערבעטן און אַלץ וועט זיין ווי געווען.. אַ איד מוז מוחל זיין אפילו זיינע שונאים...” אַזוי האָט ער אָפט איינגע'טענה'ט מיט לאַנען. ער האָט ניט געקענט סובל זיין וואָס די נייע מאַכט קומט און

נעמט צו ביי אידן דאָס רעכט צו האַנדלען: „וואָס וועט ווערן פון אידן אויב מען וועט זיי ניט לאָזן האַנדלען?...

די יונגע לאַנע האָט אים ניט געקענט אָנווייזן דאָס פּנים פון דער נייער, גוטער צייט. זי האָט יאָ געהאַט די מעגלעכקייט פאַר אים צו מאָלן די פינצטערע טעג פון מלחמה, בירגערקריג, פּאָגראָמען; טעג אין שרפות געבוירענע, וואָס האָבן דער יונגער לאַנען ארויס־געטראָגן צום לעבן.

— וואָס זאָל איך איצטער ווערן צו דער עלטער? — האָט וואָווע געפרעגט ביי זיין יונגער טאָכטער — זאָל איך איצטער נעמען און ווערן אַ שוסטער, אַ שניידער, אַ סטאָליער אָדער שמיד?

ווען איר טאַטע, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, האָט אַזוי צו איר גע'טענה'ט — האָט זי געשפּירט איר דערוואַקסנקייט איבער אים.

— ביסט ניט אַלט און דו באַדאַרפסט ניט ווערן קיין שוסטער אָדער שניידער, אויב דו קענסט ניט. דו בעט נאָר ניט, אַז דאָס אַלטע זאָל זיך אומקערן צוריק און זיך ווידער באַפעסטיקן. דו קוק נאָר ניט אויף צוריק. בויען באַדאַרפן מיר אַ ניי לעבן לויט דעם שטייגער און גייסט פון דער נייער צייט, וואָס פאָדערט פון אַלע־מען צו זיין נוצלעך אין דער געזעלשאַפט.

— יאָ, מיין טאָכטער, — האָט ער גע'טענה'ט, — ניט מיט רוסלאַנד הייבט זיך אָן די וועלט, און מיט רוסלאַנד לאָזט זיך די וועלט ניט אויס. איך בין פאַר דער מלחמה געווען אין דייטשלאַנד, געזען ווי דאָרטן לעבט אַ פאָלק און איך ווייס, אַז איצטער לעבט מען נאָך דאָרטן אויך ווי מענטשן. אפשר זאָל מען אריבער די גרעניץ; כ'ווייס, אפשר זיך ארויסרייסן קיין אמעריקע...

אויף אַזעלכע רייד האָט זי ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אין קיין אַנדער לאַנד איז זי ניט געווען; קיין אַנדער לאַנד אויסער רוסלאַנד האָט זי ניט געקענט. אמת, דער טאַטע, אַז ער איז פאַר דער מלחמה געפאָרן קיין דייטשלאַנד, האָט ער, ווי דער שטייגער, פאַר אַלעמען אין שטוב געבראַכט אַזעלכע זאַכן, וואָס ביי איר אין שטעטל האָט זי עס ניט געזען. אפילו דאָס קליין גאָלדן זייגערל, וואָס זי היט נאָך אָפּ פון יענער צייט, האָט דער טאַטע איר געבראַכט פון דייטשלאַנד; אפילו די צוויי קליינע, דימענטענע אוירינגלעך,

וואָס זי האָט נאָך אַזוי ליב צו טראָגן אין אירע אויערן־לעפּלעך, שטאַמען אויך פון יענער צייט. פונדעסטוועגן זענען דעם טאַטנס רייד אַוועק ווי אין נעפּל.

— אַנטלויף ניט פונדאַנען, — האָט זי געענטפערט, — אמת, איך בין יונג, אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר אונטער, אַז מיר טאָרן פונדאַנען ניט אַנטלויפן. דו ביסט אַזוי יונג ווי איך.

וואָווע האָט אויף איר גוטמוטיק געקוקט; אין האַרצן האָט ער הנאה געהאַט פון אירע רייד.

וואָווע ברעזער, ווי ווייט נאָר ער האָט געקענט, האָט ער גע־האַנדלט. ווי אַ גרויסער עקשן האָט ער געהאַנדלט. אים איז אין לעבן געגאַנגען צו באַווייזן, אַז אַ מענטש ליגט אין זיין אייגענעם רשות, און אַפילו אַ מלוכה קען אים ניט פאַרווערן צו האַנדלען, אויב קיין אַנדער עסק פונוואַנען צו ציען חיונה האָט ער ניט. ווען לאַנע איז נאָך אַלט געווען זיבעצן יאָר, האָט זי שוין אָנגעהויבן אין אים אַריינ'טענה'ן ער זאָל ניט גיין אַנטקעגן דער מאַכט. זי האָט דאָס ניט אויפגעהערט, ווען אַפילו אים איז געלונגען זיך אַרויסצו־דרייען פון פין־אינספּעקטאָר, וואָס האָט אים גע'רודפ'ט; אַפילו יעמאָלט, ווען אין שטוב האָט מען זיך געבאָדן אין אַלדאָסגוטס; ווען איר טאַטע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויסדרוק פון נצחון אין פּנים, באַווייזן, אַז וואָווע ברעזערן וועט מען לעבעדיקערהייט ניט באַגראָבן — יעמאָלט האָט לאַנע זיך געשפּירט אַ נידערגעשלאָגענע, אַ געפאַלענע.

ערשט אויפן צענטן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע איז געלונגען איינצוברעכן וואָווע דעם תבואה־הענדלער. ס'איז געווען גאַנץ נאַ־טירלעך, וואָס ער, וואָווע דער תבואה־הענדלער, ווען ער האָט שוין פאַרלאָרן זיין געלט, מוט און כח; ווען ער האָט דערזען די פּאָר־דער־צייט גרוי געוואָרענע האָר פון זיין קאָפּ און באָרד — ווען אין די דערשלאָגענע אידישע שטעטלעך האָט מען אָנגעהויבן רעדן פון אידנס איבערגיין צו ערד־אַרבעט אין אוקראַינע און אין קרים — אַז יעמאָלט זאָל ער אויך דערשמעקן דעם ריח פון ערד. ער האָט טיף אין האַרצן געהאָפט, אַז די ערד וועט אים, דעם תבואה־הענדלער, באַשענקען ווי אין די אַמאָליקע טעג, ווען ער האָט תבואות אויפ־

געקויפט אין אַלע ארומיקע דערפער. ער האָט איצטער אויך אין דמיון געזען ווי ער לאָדט אָן וואַגאָנעס מיט תבואה און שיקט זיי איבער דער גרעניץ.

לאַנע האָט בלויז אַרויסגעזען דעם טאָג, ווען זי פאַרלאָזט דאָס שטעטל, וואָס פאַלט פאַנאַנדער און זינקט אַלץ טיפער. קרים, סטעפּ, באַרוועס גיין, יאָגן דעם ווינט אין פעלד, פריי לעבן ווי די נייע צייט פאָדערט — אַ גרויסע פרייד האָט איר אַרומגעכאַפּט, ווען זי האָט געטראַכט פון אַזאַ צייט. זי האָט ניט דערוואַרט, אַז מאַמע־ערד וועט אויף איר יונגן נאַקן אַזאַ שווערן יאָך אָנטאָן. כאָטש מען מוז צוגעבן, אַז איר יונגע לעבן האָט דעם יאָך אויפגענומען אָן תרעומות. לאַנעס מונטערקייט האָט געוואַרימט דאָס בלוט פון דער אינגערער, ביילקען. די זיבעצן יאָריקע ביילקע איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שטיל קינד גייט נאָך אַ מאַמען.

די ברעזערס זענען אָנגעקומען קיין קרים ווי איבערוואַנדערער פון אַ רייכערער קאַטעגאָריע, וואָס האָבן נאָר באַדאַרפט קריגן ערד פריי, קרעדיט אויף אַ שטוב און טיילן פון אינווענטאַר. פאַר אייגן געלט האָבן זיי געקויפט אָקסן. אַ קליין ביסל געלט האָבן זיי נאָך געהאַט בשתיקה. און ווייל וואָווע ברעזער האָט מיט זיך פאַרנומען דאָס גאַנצע הויזגעזינד, אַריינרעכנדיק דעם אַלטן, זיבעציק יאָריקן יאָשען — אויך אַ געוועזענער תבואה־הענדלער — איז געבליבן צו בויען די שטוב וואָס פריער. דערווייל האָט מען זיך איינגעגראָבן אין אַ זעמליאַנקע צוגעדעקט מיט אַ ברעטער־דעכעלע. אַרום דער זעמליאַנקע זענען געווען אָנגעשטעלט שיריים פון מעבל וואָס האָבן געוואַרט אויף דער נייער היים. מען האָט אויך מיטגעבראַכט אַ קאָכלאָמפּ, וואָס האָט פאַרשאַפט גאָר די פרייד איעדעס מאָל, ווען ביילקע האָט אָפּגעקאָכט אַן אמת'ן געקעכץ.

עס וואָלט אודאי די זעמליאַנקע און דאָס רויע לעבן אויפן ערד־חלק ניט געווען אַזוי צום הארצן, כאָטש דער קרימער פרילינג האָט אַ סך זאָרג אויסגעוואַשן פון געמיט — ווען ניט דאָס לעבן גופא, וואָס קלאַפּט אָן אין איעדער פאַרפרוירענער טיר אין מענטשנס וועזן, רופט צו דערקענטעניש; רופט צו אָן אייגענעם פרילינג, וואָס טראָגט אין זיך אויך סמנים פון מאַמע־ערד אין איר דערוואַכונג.

דאָס, וואָס צווישן די קרוב פּערציק מענער־נפשות אויפן ערד־חלק זענען איינגאַנצן געווען אַרום זעקס פון דעם פּרויען־מין — שוין אַריינגערעכנט די צוויי באַיאָרנטע מאַמעס — האָבן מענערשע אויגן כסדר געזוכט דאָס אָרט וואו לאַנג גייט און לאַנג שטייט. אירע וואַכע צוואַנציק יאָר זענען נאָך וואַכער געוואָרן. איר שוואַרץ־געקרויזטער קאָפּ איז געווען אָפּגעדעקט צום סטעפּ־ווינט און אויך צו די פּאָטערלעכע און ליבעסבליקן. אירע אויגן האָבן געזען נאָנט; געזען איר לעבן אין דער נאָנטער צוקונפט אין דעם דאָזיקן דאָרף, וואָס שפּראָצט פון דער ערד; און אירע אויגן האָבן אָפּט פאַר־בלאָנדזשעט אין דער ווייט. אירע אויגן האָבן אָבער קלערער געזען דאָס לעבן אָט־אָ־דאָ נאָנט אויף דעם ערד־חלק, אַרומגערינגלט מיט קי, אָקסן, פערד, שאָף און קינדער. ווען זי האָט מיטן דמיון געוואָלט זען די ווייטע, גרויסע שטאָט — איז דאָס אַרויסגעקומען בלאַנק און לער.

אויפן אייגענעם ערד־חלק, צווישן די ערשטע געקומענע האָרע־פּאַשניקעס און פאַרהאָרעוועטע, וואָס האָבן זיך פון ערשטן טאָג אָן צוגעטוליעט צום אייגענעם און דערווייל נאָך פרעמדן קרימער גרונט — זענען אין דער ערשטער ריי געווען די פּשוט׳ע, פאַרהאָרטעוועטע קאָוואַלסקיס. די גאַנצע משפּחה, אַלע בלאָנדע, האָבן זעלטן ווען זיך געפּרואווט באַקלאָגן.

די רעוואָלוציע האָט אַזעלכע קאָוואַלסקיס אַריינגעגעבן שטאָלץ און אַ טראָפּעלע גאווה; זיי געמאַכט פאַר די באַלעבאַטים אין דער נייער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך ערשט איצטער אָנגעהויבן אויסצו־פורעמען. האָט עס דעם עלטסטן זון, בערע קאָוואַלסקין, אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרויסגעשטעלט ווי דעם עלטסטן אין דער משפּחה און פאָרלויפיק ווי דעם עלטסטן אין דאָרף. ער האָט דעריבער צו די ברעזערס און צו לאַנגען תחילת געהאַט געמישטע געפילן. ער אַליין האָט שוין פאַרמאָגט אַ קליין ביסעלע באַהאַלטענע גאווה; דאָס האָט צומאָל פאַר אים פאַרטונקלט לאַנגס לעבעדיק געשטאַלט. זייערע זעמליאַנקעס זענען געווען ניט נאָנט איינס צום אַנדערן. ס׳איז אים אויסגעקומען, גלייך ווי די ברעזערס האָבן זיך אומישנע אָפּגע־רוקט, כדי ווען דאָס דאָרף וועט פאַרטיק ווערן — זאָלן זיי אויס־

קומען אין סאַמע אויבנאָן פון דאָרף, ווי עס פּאַסט פאַר אַמאָליקע שטעטלשע פיינע לייט, וואָס קלייבן זיך דאָ אויך פירן די גרענדע.

וואָווע ברעזער איז געווען געבויגן. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן מער אַריינגעקוקט אין זיין פאַר־דער־צייט גרויליך געוואָרענער באָרד. די איינגערע טאָכטער, קוקנדיק אויפן פאָטער, איז אויך געווען דער־שלאָגן. איר האָרעוואַניע ביים בויען די שטוב איז געווען אונטער אַ שווערן יאָך. לאַנע, די איינציקע, האָט שטאָלץ געטראָגן איר קאָפּ אויף די אַקסלען. אירע באָרוועסע פיס, וואָס זענען פאַר אַ חודש צייט מענערישער געוואָרן, האָט זי ניט באַהאַלטן; אירע הענט, וואָס זענען פאַרגרעבט געוואָרן מיט מאַזאָליעס, געוועזענע בלאָטערס, וואָס האָבן זיך רוי־געדרויטלט — אירע הענט האָט זי ניט געשוינט און האָט זיי ניט באַהאַלטן. זי האָט דרייסטער אַריבערגעקוקט צום אָרט, וואו די קאָוואַלסקיס האָבן זיך געדרודערט. זי האָט אויפגענומען דעם קלינג־בראַנג פון האַמער אויף דער קאָוואַדלע; זי האָט געוואוסט, אַז בערע קלאַפּט בכיון מיטן האַמער אויף דער נאַקעטער קאָוואַדלע נאָר לפנים ווענן — זי, לאַנע, זאָל עס הערן. ס'איז אָבער אויסגע־קומען, אַז לאַנע איז אָפּטער געווען אויף דער זייט וואו די קאָ־וואַלסקיס האָבן געבויט זייער היים. בערע איז זעלטענער אַריבער־געקומען אויף איר זייט. ס'האָט געהייסן: „ער געטרויט ניט די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן שטענדיק געלעבט פון יענעמס פּראַצע...״

איינמאָל בלויז — ס'איז געווען צום ערשטן מאָל — ווען בערע האָט זי גוט באַטראַכט. זי איז אַריבערגעקומען צו אים, געבראַכט אַ מעסער מיט אַן אָפּגעבראָכענעם שפּיץ און געבעטן, ער, בערע, זאָל דאָס מעסער ווי ס'איז אויסציען, מען זאָל די צעבראָכנקייט ניט אַרויסזען. יעמאָלט האָט ער עס מיט באַזונדערער חשיבות געטאָן! צום ערשטן מאָל קען מען זאָגן האָט ער פאַרנומען אירע רייד. ער האָט אויפגעבלאָזן אַ פייער אויף דער האַרנע; געהייסן זי זאָל ציען דעם בלאָז־זאַק.

זי האָט געזאָגט:

— זינט מיין מאַמען האָבן די גזלנים צעפּערטלט אויף שטיק־לעך, קען איך גלייכגילטיק ניט קוקן אויף אַ צעבראָכענעם מעסער. ביי אונדז אין שטוב, נאָכדעם ווי מען האָט צוגעראַמט דאָס פאַר־

גליווערטע בלוט, האָט מען געפונען אַ מעסער, האַלב אָפּגעבראָכן. אַ פרעמדער מעסער; ער איז געלעגן נעבן דער מאַמעס אָפּגעשניטע־נער ברוסט.

איר האָט זיך אויסגעדאכט, אַז די דערציילונג פון איר מאַמעס טויט רופט ביי אים ניט אַרויס קיין מיטגעפיל. ער האָט יעמאָלט די אויגן געהאַלטן אויפן אָנגעגליטן מעסער, וואָס ער האָט מיטן האַמער אויף דער קאָוואַדלע אויסגעצויגן און פאַרשפּיצט. דווקא יעמאָלט, ווען זיי זענען געשטאַנען אַזוי נאָנט איינס צום אַנדערן, איז צווישן זיי געווען אַ מחיצה; אַ טונקעלע מחיצה; האָבן יעמאָלט ניט געהאַט וואָס צו רעדן. כאָטש אַ סך מאָל אויף פאַרזאַמלונגען, ווען מען האָט אַרומגערעדט דאָרף־ענינים, האָבן זיי יאָ געפונען וואָס צו זאָגן איינס דעם אַנדערן — זענען זיי פאַרט ביידע שטיל געבליבן נאָכדעם ווי זי האָט דערציילט די מעשה מיטן צעבראָכענעם מעסער. איר איז אויסגעקומען, גלייך ווי ער האַלט איר האַרצן צופרידן געיועז, וואָס אַ בורזשויקע איז מיט אַזאַ מיתה־משונה אומגעקומען. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז זי יעמאָלט ניט אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די קאָוואַלסקים.

איינמאָל בלויז איז ער צו איר צוגעגאַנגען — דאָס איז געווען אין פעלד, בשעת זי, אינאיינעם מיטן טאַטן, האָבן פון אַ דייטשן אינסטרוקטאָר גענומען אַ לעקציע ווי צו אַקערן. זי האָט נאָך פלינקער פון וואָס איבערגענומען די מלאכה און חכמה פון אַקערן. בערע איז יעמאָלט געפאָרן מיט זיינע אָקסן נאָך שטיינער — האָט עס אים ווי אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז: „שטיי!" די אָקסן האָבן עס דערשפּירט און געבליבן שטיין. ער איז אַוועק צו די ברעזערס, געוואָלט זיך אויספיינען, באַווייזן ווי דער אַקער פאָלגט אים; ווי די אָקסן שפּירן ווער עס האַלט דעם אַקער און ווער עס פאָכט מיט דער בייטש.

יעמאָלט האָט עס אים אויך ניט דערנענטערט צו איר; יעמאָלט גאָר האָט אים אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אויף אים פון אויבן־אַראָפּ:

— אָ, ניט אַזוי האָט די רעוואָלוציע זיי באַדאַרפט שלאָגן איבערן קאָפּ; זייער גאווה האָט נאָך די רעוואָלוציע פון זיי ניט אַרויסגעשלאָגן...

דאָס זענען יעמאָלט געווען זיינע מחשבות.

זינט לאַנע האָט אָנגעהויבן פאָרן אין שטאָט, מיטן אָקסן־געשפאַן, געשלעפּט מאַטעריאַל צום הויז — האָט עס אים אַ וואַרימ־קייט אַרומגענומען אַרום האַרצן: ער האָט געוואָלט מיט עפּעס איר קומען צו הילף.

ס׳האָט אים אַליין און אויך לאַנען גע׳חידוש׳ט, ווען, נאָכדעם ווי דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער צוגעקומען צו איר וואָגן, גאָרניט פרעגנדיק, אָנגעהויבן פאָרזיכטיק אַראָפּליגן פון וואָגן די ברעטער, פענצטער און טירן; אויסגעלייגט אין אַ שיינעם סדר אויף דער ערד.

ער האָט געפרעגט:

— חבר׳טע לאַנע איז ניט מיד פון וועג?

— ניט איך וועל דאָ מיד ווערן די ערשטע.

— ווער דען וועט דאָ מיד ווערן?

— אפשר וועט אימיצער ביי די קאָוואַלסקים מיד ווערן — האָט זי אַ לאַך געטאָן.

ער האָט אויך מיטגעלאַכט. באמת האָט ער איר יעמאָלט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט פאַר איר געמאַכט אַ נייעם מעסער, כדי זי זאָל דעם צורעכטגעמאַכטן אים אָוועקגעבן, וועט ער דאָס אייזן אויף עפּעס אַנדערש איבערשמידן...

האָט ער גאָר גענומען און אַ שמועס געטאָן פון אַן אַנדער וויכטיקן ענין:

— איך האָב איבערגערעדט מיטן אַגראָנאָם, מע זאָל איינשאַפן נויטיקע ביכלעך וועגן ערד־אַרבעט; די אַלטע — ווי די אַלטע, זאָלן זיי גיין מיט זייער אייגענעם דרך; נאָר די יונגנט באַדאַרף צו דער ערד־אַרבעט צוטרעטן מיט מער וויסן און מיט צוגעגרייטקייט. בכלל וואָלט מען באַדאַרפט וויסן — ווער ס׳איז יונג און ווער ס׳איז אַלט.

כאָטש אין האַרצן האָט זי מיטגעפילט מיט אים, האָט זי פונ־דעסטוועגן אויסגעזעצט:

— איך ווייס ניט וואָס מען וויל אויסטיילן די טאַטעס באַזונ־דער. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען, אויב ביי דער ערד וועט מען די טאַטעס פאַרטויטשען אָן אַ זייט? מען טוט זיי אפנים אַ טובה,

ווען מען נעמט אָן פאַר ליב זייער פּראַצע... דו מיינסט טאַקע, אַז די יוגנט וואָס מיר פאַרמאָגן שוין דאָ אויפן ערד־חלק, איז אַ יוגנט?

די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט מיט אַן אינגלשן שמייכל און געקוקט אים גלייך אין די אויגן.

די צוויי קליינע, דימענטענע אוירינגלעך — אַן איבערבלייבעכץ פון די אַמאָליקע צייטן — האָבן אַ פינקל געטאָן אין אירע ראָזע אויערן־לעפּלעך; האָט אים אויסגעוויזן, אַז די דימענטלעך האָבן פון אים חוזק געמאַכט... אים איז אויסגעקומען, אַז ניט מיט אים, נאָר מיט דער רעוואָלוציע האָט איצטער לאַנע זיך אַ שפּיל געטאָן — כאָטש די הויט אויף זיין רוקן האָט זיך געפּעלדלט צוליבן פּרעסטעלע, וואָס איז אים אויף־און־אָפּ אונטער דער הויט אומגעלאָפן.

— וואו זאָל מען זיך באַגעגענען? — האָט זי געפרעגט.

— ווער וועמען באַגעגענען?... — האָט ער אַביסל ברוגז׳לעך געפרעגט.

VI

אהינטער דעם צוקינפטיקן דאָרף, ביים ראַנד פון אַ גרין ווייצנ־פעלד, האָט זיך פאַרזאַמלט די יוגנט. חבר לערנער איז אויך איבער־געבליבן; אויף לאַנעס בקשה איז ער געבליבן.

לערנער גופא האָט ניט געהאַט קיין צו גרויסע אמונה אין דער דערוויילקער יוגנט, וואָס האָט באַגלייט די טאַטעס צום קרימער סטעפּ. ווי ווייט ער אַליין איז געווען יונג; ווי ווייט זיין לעבן איז געווען פאַרקניפּט מיט דער ערד — האָט ער דערוואַרט אַ פּיאָנערן־באַוועגונג צווישן דער אידישער יוגנט, וואָס וועט זיך אַ לאָז טאָן צו פאַרנעמען די שטחים פריי לאַנד, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט אַזוי ברייטהאַרציק אָפּגעצייכנט פאַר דער אידישער איבערוואַנדערונג. ער, וואָס האָט געענדיקט אַזוי אויסגעצייכנט די אַגריקולטור־שול און האָט געקענט געפינען באַשעפטיקונג אויף רוסישע, אוקראַאינישע אָדער ווייסרוסישע פעלדער, — האָט זיך גערן אָנגעבאָטן צו אַרבעטן אויף די יונגע אידישע פעלדער; מאַכן פון געוויזענע הענדלער,

געוועזענע ווינטמענטשן — געזונטע ערד־מענטשן. אים איז ניט פרעמד געווען דער גייסט, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג באַהערשט א טייל פון דער יוגנט, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געריסן קיין ארץ־ישראל; ער האָט די איינענע באַגייסטערונג איצטער געוואָלט געפינען ביי דער יוגנט, וואָס איז געקומען אין קרימער סטעפּ.

לערנער איז געבליבן, ווייל לאַנע האָט געבעטן; ער האָט געטראַכט אַראָפּרעדן פון הארצן דאָס, וואָס האָט אים גערודערט. ער האָט געזען ווי די פאַרזאָרגטע טאַטעס ליינן צו מער קאָפּ, ווען ער ווייזט אָן ווי אַזוי צו אַקערן און בראַנעווען. ער זעט, אַז אפילו צו די אָקסן האָבן די טאַטעס מער געדולד ווי די יונגע זין. פונדעסטוועגן האָט ער ניט געוואָלט זיין דער ערשטער אָנצוהייבן; ער האָט געוואָלט הערן, וואָס האָט די יוגנט אַליין עפּעס צו דערציילן.

די ערשטע עטליכע מינוט האָט די טיף־בלויע און אויסגעשטערנטע פרילינגנאַכט א רעד געטאָן מיט די הערצער פון דער יוגנט אויף איר אייגענער שפּראַך; די פרילינג־נאַכט האָט גערעדט מיט דעם פרילינג־דערוואַכטן בלוט. עס זענען געווען פאַרזאַמלט ביי א צוועלף יונגעלייט און צוויי מיידלעך — די ברעזער מיידלעך. לאַנעס קעגנוואַרט און אויך די שטילע ביילקע, וואָס איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, — די פרילינגנאַכט האָט זייער קעגנוואַרט געשפּירט. האָט מען תחילת חשק געהאַט צו פאַרציען א ניגון. נחום קאָוואַלסקי, וואָס איז געזעסן נאָענט צו ביילקען, האָט זיך פאַרקוקט אין די שטערן. א ווײַלע איז ניט געווען ווער עס זאָל איבעררייסן די שטילע רייד פון דער נאַכט און אַליין אָנהייבן רעדן אויפן הויכן קול.

בערע קאָוואַלסקי האָט עס געטאָן:

— אפשר וועט חבר'טע לאַנע דערציילן, וואָס זי האָט געזען און געהערט אין געזערד־צענטער; ווי האַלט עס מיט די איבערוואַנדערער אויף די אַנדערע ערד־חלקים, וואָס זענען דעם פרילינג געקומען?

לאַנע האָט באַטראַכט די פּנים'ער, וואָס האָבן זיך ארויסגעבליכט פון דער נאַכט, און עס איז איר אומעטיק געוואָרן. כאָטש

זי האָט ניט געהאַט קיין חשק צו זיין פון די ערשטע — האָט זי פונדעסטוועגן שטיל, ווי פאַר זיך, געזאָגט:

— וואָלט אפשר געווען אַ שכל, מיר זאָלן אַרומרעדן אונדזער אייגענעם מצב. אָט זיצן מיר אַלע דאָ, און פּונקט ווי עס וואָלט איטלעכער מורא געהאַט צו עפענען זיין מויל, זאָגן וואָס ער פילט. ניטאָ ביי אונדז קיין צוטרוי איינס צום אַנדערן. צייטנווייז זעט מיר אויס, ווי ניט אַלע זענען מיר אַהער געקומען צוליב דעם אייגענעם צוועק. זאָלן זיך אַלע צונויפנעמען, כ'מיין, די גאַנצע יוגנט זאָל זיך צונויפנעמען און העלפן בויען הייזער. ווען הייזער וועלן ווערן אויפגעבויט, וועט עס ניט זיין איעדנס היים באַזונדער — עס וועט זיין אַ דאָרף. אַ אידישער דאָרף. אַנטלויפט פון דעם מיסטבאַרג, וואָס איר האָט אונטער זיך אויסגעבעט אין דעם הקדש. פון דעם גרויסן יעוופּאַטאָריער הקדש האָט מען זיך אַריבערגעקליבן אין דער פּאַרטיקער שטוב פון אַגראָדזשאָינט. הלואי וואָלט די שטוב אויף אונדזער ערד־חלק ניט געווען, וואָלט מען אפשר געבויט.

דער אַגראָנאָם האָט שטיל און באַשיידן אָנגעהויבן:

— אין אַ יאָר דריי אַרום וועלן אין קרים שטיין אַרום הונדערט אידישע דערפער. ווען די אידישע יוגנט וואָלט דאָס באַגריפן, איך מיין די יוגנט אין יעדן דאָרף באַזונדער, — וואָלטן מיר איצטער געשטאַנען ביי דעם אָנהייב פון אַ גרויסן אידישן צענטער דאָ אין קרים.

— די מלוכה קלייבט זיך ניט צו מאַכן פון קרים אַן ארץ־ישראל — האָט גאָר אומגעריכט איבערגעריסן בערע קאָוואַלסקי.

אַ ווײַלע האָט ביים עולם אָפּגענומען דאָס לשון. בערעס רייד האָבן שלעכט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט.

אָבער לערנער האָט ווידער שטיל אָנגעהויבן:

— ארץ ישראל, מיינט אידיש לאַנד. דאָס וויל די ראַטנמאַכט שאַפן. די מלוכה וויל, אַז אויף איעדן שטח ערד, וואו אידן וועלן זיין קאָנצענטרירט און אַרבעטן אין גייסט פון דער רעוואָלוציע, זאָל ווערן אידיש לאַנד. זעט, ווי אוקראַינע האָט שוין געקראָגן אידישע דאָרף־ראַטן. אַז מיר וועלן דאָ האָבן גענוג קינדער, וועט די מלוכה

אויפּעפּענען אידישע שולן. צוליב וואָס זאָלט איר, חבר קאָוואַלסקי, אַזוי שלעכט אויסטייטשן דעם ווילן פון דער סאָוועטנמאַכט?

נאָכן אַגראָנאָמס ווערטער האָט מען ווידער לאַנג געשוויגן. זיינע רייד זענען געווען אומגעריכט און ניי פאַר אַלעמען. לאַנג האָט מיטאַמאָל געקראָגן אַ קלאָרן זינען פאַר איר שווערן יאָך, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. דעם אַגראָנאָמס בלאַס געשטאַלט איז אין דער בלויער פרילינגנאַכט נאָך בלאַסער געוואָרן.

פון דאָרף זענען פאַמעלעך אַרויסגעקומען עטלעכע עלטערע איבערוואַנדערער, אונטערגעשטעלט אַן אויער, אויפגעכאַפּן וואָס מען רעדט עפּעס ביי דער יוגנט. אגב, האָט מען געוואָלט זען נאָכאַמאָל דעם אַגראָנאָם און עפּעס ביי אים בעטן. גאָר אומגעריכט זענען די טאַטעס אָנגעקומען אויף די לעצטע ווערטער פון אַגראָנאָם.

זלמן קאָסאָי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן:

— גרינג צו זאָגן באַנ'איך — אַ אידיש לאַנד... אַ הייפל אידן, וואָס דרייט זיך אַרום אויף ווינד־און־וויי, ווער טאַקע דאָ מאַכן אַן ארץ־ישראל, כאַ־כאַ־כאַ... אָט דערציילט ברעזער, וואָס די דייטשן זאָגן; די דייטשן זאָגן, אַז ביי אידן וועט קיינמאָל קיין ברויט נישט וואַקסן. און איר, חבר אַגראָנאָם, מיינט טאַקע, אַז מיט אָקסן וועלן מיר בויען אַ אידיש לאַנד? ביי די אָקסן וועלן מיר ווערן געראָטן אין די אַמאָליקע אָדער היינטיקע פּויערים. דער אָקס קייט שטרוי, באַנוגנט זיך מיט שטרוי, און מיר וועלן קייען די ערד...

— מיר רעדן היינט ניט מיט איך, חבר קאָסאָי, — האָט בערע קאָוואַלסקי אים איבערגעשלאָגן. — דאָ האָט די יוגנט זיך צונויפגענומען, אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר דער יוגנט, וואָס זאָל זי צובינדן צום ערד־חלק. מע וועט אויסשרייבן פון צענטער ביכער און זשורנאַלן; חבר לערנער וועט פאַר אונדז אויסשרייבן ביכער וועגן פעלדאַרבעט...

עס האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער; גאָר אומדערוואַרטעט האָט עס געטאָן איינער, וואָס איז געזעסן אַן אַ זייט. יוסף ראַטנער האָט עס געטאָן. ער איז מיט עטלעכע טעג צוריקגעקומען געוואָויר ווערן צו זייניקע, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין הקדש. ער האָט פאַר דער וואָך כמעט מיט קיינעם ניט גערעדט.

— האַ? וואָס מיינט איר, חבר? — האָט בערע קאָוואַלסקי געצילט צו ראַטנערן.

— איך קען עס אייך זאָגן — האָט יוסף ראַטנער געענטפערט — פאַר דער וואָך, וואָס איך דריי זיך דאָ אַרום, האָב איך גענוג געזען. מיין טאַטע, זאָל דער שניידער, איז אינדערהיים געווען אַ שניידער און אַ מענטש; מיין עלטערער ברודער טעוויע און דער אינגערער ברודער סענדער — זענען אויך געווען מענטשן. דאָ דערקען איך זיי ניט; פון זיי וועט ווערן גאָרניט. דער איד איז בטבע ניט קיין פויער. און ווערן ווי די אַרומיקע פויערים — וועט זיך אים ניט איינגעבן; און ער באַדאַרף עס ניט ווערן.

— ניין, חבר, איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט — האָבן זיך עטלעכע שטימען מיטאַמאָל צו אים געווענדט.

— איך ווייס וואָס איך רעד; ס'טוט מיר ווי ביין, ווייל ווי מיסט האָט מען אונדז דאָ אין קרים אויסגעשאָטן... איך ווייס ניט ווי אַזוי מע וועט זיך דאָ שטעלן אויף די פיס.

— חבר ראַטנער, דרייט זיך דאָ ניט אַרום, ווי איר טוט עס. איר זייט שוין דאָ אַ וואָך צייט. אדרבה, אויב איר זייט אַזוי פול מיט מוט און איר האָט מורא, אַז איר זאָלט דאָ דעם מוט ניט אָנווערן — נעמט אַרויס אייערע פון איבערוואַנדערער־הויז; גראָבט תחילת אַ זעמליאַנקע. מיר אַלע וועלן אייך העלפן. דאָ איז חבר לערנער, ער וועט אייך היינט אַרויסגעבן צעטלען אויף מאַטעריאַלן; הייבט אָן בויען אַ הויז, ווי מיר, ווי די חבר'טע לאַנע טוט עס. וואָס ט'איר געמיינט צו געפינען דאָ אויפן ערד־חלק — פאַרטיקע הייזער? פאַר־טיקע לעבלעך ברויט?

דאָס האָט גערעדט בערע קאָוואַלסקי. ער איז אָבער ניט געווען שטרענג, ווי זיין שטייגער; ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַן איינדרוק.

— חברים, איר רעדט פאָרט ניט צו דער זאַך — האָט דער אַגראָנאָם שטיל אָנגעהויבן — דאָס וואָס דער עולם וואַלגערט זיך נאָך דערווייל אויפן ערד־חלק, איז קיין בייז ניט. ווען דער איבער־וואַנדערער וועט דערשפירן, אַז די ערד אונטער זיינע פיס איז טאַקע זיינע, וועט ער מיט גרויס הנאה שלאָפן דעם זומער אויפדרויסן.

איר, חבר ראַטנער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, העלפֿט אַרויס אייערע לייט. כ׳האָב דערוויל פֿון זיי ניט קיין נחת.

— גיט אַ האַנט, חבר ראַטנער — האָט לאַנע אויסגערופֿן — מיר וועלן אייך העלפֿן; הייבט אָן בויען די זעקסטע שטוב אויפֿן ערד־חלק.

דער עולם איז מונטערער געוואָרן. ביילקע האָט פֿאַרצויגן אַ ליד און מען האָט איר מיטגעהאָלפֿן. די פּרילינגנאַכט האָט גובר געווען. די פֿאַרביטערטע רייד, האַרבע ווערטער, זענען אין דער נאַכט אָוועקגעשוואומען. געפֿילן זענען בולטער געוואָרן; רייד זענען געוואָרן איבעריק. ניט אַלע אמת׳ן, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָבן געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. ראַטנערס פֿאַרגלייכן די איבערוואַנדערער צו מיסט — האָט דווקא יאָ געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין האַרצן פֿון אַ סך שוויגער.

לאַנע האָט עס באַגריפֿן. ניט איינמאָל האָט זי זיך אַליין באַטראַכט פֿאַר אַ קינד פֿון קלאַס וועמען די רעוואָלוציע האָט פֿאַרוואַנדלט אין מענטשן־מיסט; זי האָט געוואוסט איר אָפּשטאַמונג. זי האָט געהאַט אַ גרונט אַזוי צו פֿילן. אָבער זי האָט עס ניט דערוואַרט צו הערן פֿון אַ שניידערס אַ זון, וועמען די רעוואָלוציע האָט דערהייבן פֿון שטויב; וואָס איז איצטער געקומען פֿון דער גרויסער שטאָט, געלערנט אין דער גרויסער שטאָט — געקומען אַהער און געפֿונען, אַז די אידישע איבערוואַנדערער האָט מען ווי מיסט אויסגעשאָטן.

דער עולם האָט זיך צוביסלעך אויפֿגעהויבן און גענומען ציען צוריק צום אָרט, וואו אַ אידישער דאָרף האָט געשפּראָצט פֿון דער ערד. לאַנע האָט געהאַט חשק צו רעדן מיט ראַטנערן. פֿאַר דער וואָך צייט האָט זי אים כמעט ניט באַמערקט. איצטער, אין דער פֿינצטער, האָט זי געוואָלט פֿאַר זיך אויסמאָלן זיין געשטאַלט: אַ רויטער איז ער ווי דער טאַטע זיינער, און דאָס פּנים — בלאַס־געלבלעך. אַ לאַנגער פּנים מיט גרויסע, ברוינע אויגן. פֿאַרוואָס האָט ער געשוויגן די גאַנצע צייט און איצטער האָט ער ס׳מויל געעפֿנט? האָט ער געשפּירט, וואָס זי האָט געטראַכט בשעת בערע קאָוואַלסקי האָט גערעדט?

פונדעסטוועגן, ווען זי האָט נאָר געפּרואווט אָנידערשטעלן אויף איין שאָל בערע קאָוואַלסקי און אויף דער אַנדערער — יוסף ראַטנער, האָט פּאַרט אַריבערגעוואויגן קאָוואַלסקי. זי איז מסכים מיט זיין גראָדליניקייט, מיט זיין שטרענגקייט. בערע איז ווי אַ שטאָבע אייזן, וואָס מען קאָן בייגן, ווען אָנגעגליט אין פייער... בערע קאָוואַלסקי איז אַ געבוירענער פאַר דער רעוואָלוציע און איצטער איז ער גערעכט.

גייענדיק פון פעלד, שוין באַלד אינמיטן דאָרף, איז בערע קאָוואַלסקי פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו לאַנען נאָר נאָנט, גענומען איר האַנט, כלומרשט איר העלפן אויסמיידן אַ גרוב, וואָס איז געווען אין וועג. זי האָט אַ ציטער געטאָן; האָט ער איר האַנט אָפּגעלאָזן.

— האַלט זיך שטאַרק, חבר'טע; זאָל מען פון דיר אַראָפּנעמען אַ גוטן ביישפּיל.

— פאַרוואָס עפּעס פון מיר? זאָל מען זיך פון די קאָוואַלסקיס אַראָפּנעמען אַ גוטן ביישפּיל. די קאָוואַלסקיס זענען אמת'ע האָרע־פּאַשניקעס; דו ביסט אַ זון פון אַ האָרעפּאַשניק; און איך — אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם תבואה־הענדלער, וואָס האָט נאָך ביז מיט צוויי חדשים צוריק קיין שטימרעכט ניט געהאַט.

בערע האָט געזוכט ווערטער, ווי בעסער איר צו ענטפערן. דער־ווייל איז אונטערגעקומען דער אַגראָנאָם און געפרעגט אין שפּאַס:

— אפשר וועט חבר'טע ברעזער מיך אַריינגעמען אין זעמ־ליאַנקע אַריין נעכטיקן? איך פויל זיך פאָרן אַהיים; אַ צו שיינע פרילינגנאַכט, צו פאָרן שלאָפן צווישן אַלטמאָדישע דייטשן.

— פאַרוואָס שלאָפן? מ'קען אַזאַ נאַכט איבערזיצן.

— איר זענט די לעצטע נאַכט געווען אין וועג אַ גאַנצע נאַכט.

— מיר בויען דאָך אַ נייעם דאָרף, חבר לערנער, כאַ־כאַ־כאַ; דער אָנהייב פון אַ אידיש לאַנד אין קרים... קומט־נאָר אַרויס צו אונדזערע פעלדער; ווי זעען זיי אויס אין אַזאַ נאַכט? קום, חבר קאָוואַלסקי...

בערען איז מיטאַמאָל שווער געוואָרן. ער האָט אין לאַנעס לעצטע רייד דערקענט צו־להכעיס־ווערטער.

— מע קען די לייט ניט געטרויען — האָט ער געטראַכט — די רעוואָלוציע האָט זיי נאָך אינגאַנצן ניט איינגעבראָכן...

און ער האָט גאָר אומגעריכט פאַרקערעוועט צו זיך אהיים.

לאַנע איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן; איר גאַנצע פרייד־לעכקייט איז צערונען געוואָרן.

לערנער האָט עס געשפּירט; ווי אַן עלטערער האָט ער זיך צו איר געווענדט:

— ס'איז שוין שפּעט, חבר'טע לאַנע; איר האָט דאָך יענע נאַכט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן...

זיי האָבן זיך אָן ווערטער געזעגנט.

* * *

די נאַכט האָט געשמעקט מיט ערד; די נאַכט איז געווען וואַך און פאַרנומען דעם שטילן גערויש אין מאַמע־ערדס שויס פון איעדן גראָז און פלאַנץ, וואָס ווערט געבוירן. אין אַזאַ פרילינגנאַכט קען יוגנט ניט שלאָפן. מידקייט ווערט אויפגעלייזט, און אויגן פאַרבענקטע זוכן אין דער ווייט דאָס, וואָס איז צום האַרצן און בלוט נאָענט.

ביי לאַנען, וואָס איז אַ מידע אָנגעקומען פון וועג, אַזוי מיד ווי די אָקסן, וואָס האָבן דעם אָנגעלאָדענעם וואָגן געשלעפּט אַ קאַרגן מעת־לעת פון האַפּנשטאָט צום ערד־חלק, איז די מידקייט אויפגעלייזט געוואָרן וואָס־שפּעטער אין דער נאַכט אַריין. דער אַגראָנאָם האָט זי באַגלייט ביז צו דער זעמליאַנקע און געזאָגט אַ גוטע נאַכט, געהייסן גיין רוען — ווען אין איר האַרץ האָט זיך גערירט דאָס גאַנצע ווייצנפעלד, וואָס איז אַזוי גערדיכט אַרויסגע־קומען פון אונטערן שניי און זילבערט זיך גרין אַנטקעגן זון און ווינט.

די יוגנט, וואָס האָט אַביסל פריער זיך פאַרזאַמלט הינטערן דאָרף צו באַטראַכטן דעם אייגענעם מצב און ווייטערדיקע אַרבעט— די דאָזיקע יוגנט האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון עלטער. לאַנעס האַרץ איז ניט גאָר אינגאַנצן נאָכגעגאַנגען זייערע רייד. אין אַזאַ

נאַכט פאַרמאָגט דאָס לעבן פאַרן מענטשן דאָס אייגענע וואָס פאַר גראָז און בוים; דאָס אייגענע וואָס פאַר איעדער לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס האָט אין שפּאַלטן פון דער ערד איבערגעלעבט דעם שווערן ווינטער; ס'אייגענע ווי פאַרן שטיין, וואָס ווערט אויך באַצווּנגען מיט אַ גרין־מאָכיקער הויט. אפשר דערפאַר האָט זיך די רייד ביי דער יוגנט אַזוי שווער געקלעפּט; די יוגנט, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי אַ ווייצנפעלד אַרומצוּרעדן דעם תכלית פון אידנס איבערגיין צו ערד־אַרבעט; דעם תכלית פון ווערן אויסגעוואָרצלט, כדי צו פאַרזוכן דעם טעם פון שווערן ווידערגעבוירט. האָט דאָס האַרץ גאָר דער נאַכט זיך איבערגעגעבן מיט אַ שטילער בענקעניש; נאָגעניש האָט געצויגן, וואָס איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן, ווען בערע קאָוואַלסקי האָט אַ זאָג געטאָן: „די ראַטנמאַכט גייט ניט שאַפן אין קרים קיין ארץ ישראל...״

— צוליב וואָס איז דאָס נויטיק געווען?

אָבער אויך דאָס איז בלייך געוואָרן אין דער פרילינגנאַכט. אַזויפיל יונגע מענער און זי, לאַנע, — כמעט די איינציקע יונגע פרוי. דאָס האָט דאָך אויך אַ שייכות מיט אַ וואַכער פרילינגנאַכט, וואָס שמעקט מיט ערד; אַן ערד, וואָס איז שוואַנגער געווען אַ גאַנצן ווינטער און איצט קוועלט זי און געבערט, יערט און געבערט. דער אַגראָנאָם קוקט צו איר מעשה פאָטער; וויל איר אַרויסהעלפן, ווי אַ פאָטער קומט צוהילף אַ שוואַך קינד. בערע קאָוואַלסקי טראָגט צו איר אַ פאַרוואָרצלטן האַס. זי ווייסט עס. „ס'וואָלט ווערט געווען אַזאַ איינעם אַ גלי טאָן, ווי ער גליט שטאָל און אייזן אויף דער האָרנע...״ זיינע בלויע אויגן זענען דער היפּוך פון זיינע פאַרביסענע ליפּן. די ווייכע, בלאָנדע האָר, וואָס פאַלן ווינקלדיק ביי דער זייט שטערן, ווי ביי דער מאַמע זיינער — איז דאָס פאַרקערטע פון זיין שטעכיק, פאַרלאָזן בלאָנד בערדל. זי שפּירט, אַז ער איז אויך ניט אָוועק שלאָפן. אפשר דאָס גאַנצע ביסל יוגנט, וואָס איז גיט לאַנג געזעסן ביים ווייצנפעלד, איז אַזוי וואַך געבליבן ווי זי איצטער.

לאַנע איז צוגעקומען צו דער זעמליאַנקע, האָט זיך צוגעהערט, צי מען שלאָפט אינעווייניק; וואָלט שוין מער שכל געווען דאָ דאַביי דרויסן אויפן געהילץ זיך אָוועקלייגן, ווען זי זאָל נאָר קענען

ארויסבאַקומען פון זעמליאַנקע אַ שטיקל צודעק. אונטערלייגן אונ־טער דער זייט איז ניט נויטיק.

דערווייל איז שטיל, מיט אַ פּאַטשיילע אויף די אַקסלען,ביילקע ארויסגעקומען.

— כ'זע, דו ווילסט ניט שלאָפן, ביילקע; האָסט זיך דאָך אַזוי אָנגעהאָרעוועט ביים לייס אַ גאַנצן טאָג.

— זיי שלאָפן אַלע.

— ווילסט אפשר ארויסגיין אין פעלד?

— איצטער, אַזוי שפּעט?

יאָ, ביילקע. מירן אויסגעפינען אונדזער פעלד; מיר אַנטאָפּן די גרעזעלעך, וואָס זענען אויפגעגאַנגען פון פּאַרזייטן געוויינטן.

— איך האָב מורא אַליין...

— צייט, ביילקע, אויפצוהערן מורא האָבן. מיר זענען אַהער אריבערגעקומען, מער שוין ניט מורא צו האָבן.

— ווילסט, וועט נחום קאָוואַלסקי מיטגיין.

— ער גאָר?

ביילקע האָט אומגעריכט אַ פּאַרטייעטן לאַך געטאָן.

לאַנע האָט זיך אריינגעקליבן צו ביילקען אונטער דער פּאַטשיילע, ארומגענומען איר וואָך־יונגן קערפּער, האָט זי צוגעפירט צום קאָס־טער ברעטער דערביי און אַזוי, איינגעטוליעט אין פּאַטשיילע, האָבן זיי זיך צוגעזעצט. לאַנע האָט געוואַרט, ביילקע זאָל אָנהייבן רעדן. געווען פּאַר איר אומגעריכט, וואָס די אין זיך באַהאַלטענע, איבער־געשראָקענע ביילקע זאָל מיטאַמאָל דערמאָנען דעם אינגערן קאָוואַל־סקי: „הייסט עס, ביילקע גאָר וועט אָנהייבן אויסטרעטן די סטעזש־קע צווישן די קאָוואַלסקים און די ברעזערס."

— ער איז ניט אַזאַ פּאַרביסענער ווי בערע — האָט ביילקע שטיל געזאָגט — ער איז היינט אַ פּאָר מאָל געווען ביי אונדזער שטוב און געהאָלפן קנעטן די לייס.

לאַנע האָט געשוויגן. פון דער אינגערער שוועסטערס רייד איז איר אַרום האַרצן ווארים געוואָרן. זי האָט זיך ביז איצטער געשפּירט ווי אַ מוטער צו דער איבערגעשראָקענער ביילקען; זי האָט שטענדיק געזוכט אַ וועג ווי צוצוקומען צו ביילקעס באַהאַלטענע

מחשבות. לאנע האט א סך מאל מורא געהאט, ביילקע זאל ניט אריינפאלן אין א מרה־שחורה. צו אפט האט ביילקע געוויינט; צו אפט האט זי דערמאנט דער דער׳הרג׳עטער מאמען.

איצטער, ווען ביילקע האט גענומען רעדן פון קאוואלסקיס אינ־גערן זון, האט זי צום ערשטן מאל דערשפירט, אז ביילקעס לייב איז ווארים און וואך.

— אויב דו ווילסט, קען מען אים מיטנעמען; כ׳בין אבער ניט זיכער, צי ער וועט וועלן מיטגיין; ער וועט מורא האבן פאר בערען.

— ער ווארט איצטער ביים ברונעם; כ׳ווייס, אז ער ווארט דארטן...

ביילקע האט זיך צוגעטוליעט צו לאנען און א לייכטן ציטער געטאן; קעגן איר ווילן האט זיך עס ביי איר ארויסגעכאפט. זי האט תחילת געטראכט צו האלטן עס פאר א סוד: לאנע וועט גיין שלאפן; לאנע איז מיד; וועט ניט הערן, ווען זי וועט זיך ארויס־שלייכן פון זעמליאנקע. איז גאר לאנע אזא וואכע איצטער... אפשר גוט, וואס לאנע איז וואך. לאנע איז די עלטערע, די קליגערע — אפשר טאקע גוט אזוי.

— קום, לאנע, מיט מיר; ער האט מיך געבעטן, איך זאל ארויסקומען צו אים. כ׳האב אים ניט צוגעזאגט; קען גאר זיין, אז ער איז אפילו דארט ניטא.

לאנע האט אין הארצן זיך צעלאכט. זי האט איר שוועסטער א קוש געטאן און גוטמוטיק געזאגט:

— אויב דו האסט מיט אים אפגערעדט ארויסצוקומען צום ברונעם, באדארפסטו האלטןווארט. איך קען מיך אויף דיר פארלאזן. כ׳האב קיין מורא ניט צו לאזן דיך אליין. איך וועל גיין שלאפן. איך בין זייער מיד, ביילקע.

לאנע איז ערלעך געווען מיט דעם פארלאנג, אפצוטרעטן דער שוועסטער די פרילינגנאכט. איר איז פלוצלונג באפאלן א מידקייט. דער לאנג־צעצויגענער וועג פון שטאט אהער איז ארויסגעשוואומען; די רייד פון דייטשן בעל־הגוף, וואס זי האט מיט פארשלאפענע נערוון געהערט היינט באגינען, האבן אויך אנגעהויבן צו בראדזשען

פארן רעיון. ס'וואָלט איצטער גלייכער געווען, ווען זי קען דעם טאַטן אויפוועקן און אויפנעמען מיט אים דאָס, וואָס איז ניט לאַנג ביי דער יוגנט ארומגערעדט געוואָרן. לאַנען איז אומעטיק געוואָרן.

ביילקע האָט עם אביסל אַנדערש פארשטאַנען. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער שוועסטער איז אומעטיק געוואָרן, הלמאי זי, די אינגערע, איז איר דעם וועג פארלאָפן. כאָטש וואָס האָט נחום צו טאָן מיט לאַנען? און וואָס געהער זיך די קאָוואַלסקי־משפחה בכלל אָן מיט די ברעזערס? זי איז נאָך א קליין מיידל... נחום איז א איינגל, אַכצן יאָר איז ער אַלט. איר שוועסטערס געמיט האָט אויף איר מיטאַמאָל געווירקט, און איר האָט זיך גאָר פארגלוסט, ווי דער שטיינער, פאַרציען א שמועס וועגן דער מאַמען, ווי זי איז געלעגן אין א קאַלוזשע בלוט מיט אַן אָפגעשניטענער ברוסט.ביידע זענען אַזוי מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן, ווי שנעל עס לעשט זיך אויס א ווינטער־פארנאַכט

— ווּעסט ניט מורא האָבן צו בלייבן אַליין, ביילקע, אויב איך וועל אריינגיין אין זעמליאַנקע?

ביילקע האָט ניט געענטפערט; האָט א ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער און נאָך נענטער זיך איינגעטוליעט אין לאַנען.

— נו, גוט, ביילקע, קום, לאָמיר גיין צום ברונעם...

לאַנע האָט זיך געגעבן א ריס פון אָרט און ביילקען אויך מיטגעצויגן.

— צוליב וואָס גיין שלאָפן, ווען די נאַכט איז אַזוי שיין? — האָט לאַנע מונטער גערעדט — קום, וועלן מיר הערן, צי מען שלאָפט שוין אומעטום. די נאַכט שלאָפט ניט, די ערד שלאָפט ניט, און מענטשן ווילן דוקא שלאָפן... לאָמיר טאַקע באַווייזן, אַז די ברע־זערס פארשלאָפן ניט.

ווי צעטומלט זענען זיי ביידע געוואָרן, ווען שוין ביים סאַמע ברונעם איז גאָר זיי אַנטקעגנגעקומען בערע קאָוואַלסקי!

ער איז געבליבן שטיין, גלייך ווי מען וואָלט אים די פיס אונ־טערגעהאַקט.

— וואוהין גייט איר אַזוי שפּעט?

בערעס שטים האָט געציטערט.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? — האָט לאַנע ענערגיש געפרעגט.

בערע האָט אַ לאַך געטאָן און גענומען לאַנעס האַנט:

— ווערסט קיין מאַנספּאַרשוין דאָ ניט ווערן, לאַנע; מאַטערסט דער שוועסטער אויך צופיל. מיט ווערמען שפּילסטו דאָ אין אַ געיעג?

— מיט די קאָוואַלסקיס, וואָס מיינען, אַז נאָר צוליב זיי איז די רעוואָלוציע געקומען; וואָס מיינען, אַז נאָר זיי האָט די רעוואָלוציע באַפרייט, כאַ־כאַ־כאַ.

זי האָט זיך שטיפעריש צעלאַכט; אַ צי געטאָן בערעס האַנט — ער איז שיעור איבער אַ שטיין ניט געפאַלן.

— וואָס טוט איר דאָ, מיידלעך, אַזוי שפּעט?

— מיידלעך שלאָפן ניט אין אַזאַ נאַכט. קום אַרויס צו אונדזערע פעלדער; ביילקע האָט מורא ביינאַכט, קום!

— בין געגאַנגען זען, צי דער קיבל ביים ברונעם איז גאַנץ; ס'איז דאָך אונדזער באַלעבאַטישקייט; קיינער גיט אויף דעם ניט אַכטונג.

— וואָס אַרט דיר, אויב אימיצער וועט צו'גנב'ענען דעם קיבל? ס'וועט דאָך אודאי נעמען אַ מענטש וואָס באַדאַרף... סע פּאַסט נאָר פאַר אַ בעל־הגוף אַזוי צו ציטערן איבער אַ קיבל — ניט פאַר בערע קאָוואַלסקי.

— זי איז אונדזערער אַ מענטש, כאָטש זי איז אינגער פון דיר. דו ביסט נאָך אַלץ אין אַ פרעמדער פעל. ביילקען וועל איך נעמען פאַר אַ ווייב... ווערסט מיט מיר חתונה האָבן ביילקע?

ער האָט ביילקען אויפגעהויבן, האָט זי אַנידערגעזעצט ביי זיך אויפן אַקסל און אַזוי געגאַנגען מיט איר טיפער אין דער נאַכט אַריין. ביילקע האָט זיך ניט געוועהרט, בשעת לאַנע איז נאָכגעגאַנגען און אַלעמאָל אַרויסגעפּוישט מיט אַ פאַרטייעטן געלעכטער.

בערע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און געהאַלטן ביילקען ביי זיך אויף די קני. לאַנע איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַנטקעגן און שפּעטער זיך אויך אַנידערגעזעצט. אַ ווײַלע האָבן זיי אַלע דריי געשוויגן. ביילקע איז געזעסן אונטערטעניק, האָט קיין מוט ניט געהאַט זיך צו באַפרייען פון אים. לאַנע ווידער האָט ניט געהאַט

קיין מוט זיך אויפצוהייבן, לאָזן איר אינגערער שוועסטער מיט דעם מענטשן, וואָס זי האָט גאָר ניט דערוואַרט צו באַגעגענען. לאַנע איז געזעסן אַ צעטומלטע; האָט אין דער ערשטער רגע זיך גאָר ניט געקענט דורכקלייבן אין דעם געשעענעם: „צי האָט בערע געוואוסט פון דעם אָפּרייד וואָס זיין אינגערער ברודער האָט געמאַכט מיט איר אינגערער שוועסטער? אפשר האָט עס גאָר נחום תחילת געמאַכט דעם אָפּרייד מיט ביילקען צוליב בערעס וועגן? און ווי קומט עס, וואָס די שווייגנדיקע ביילקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, די האַלב־צעשראָקענע ביילקע, זאָל גאָר זיין די, וואָס הייבט אָן צו בינדן די קאָוואַלסקיס מיט די ברעזערס?..."

— יאָ, זאָל עס זיין אַזוי — האָט לאַנע אויף שנעל ביי זיך איבערגעקלערט — ביילקע באַדאַרף זיך באַרואיקן. גוט אַזוי, וואָס ביילקע נעמט אוים; ביילקע טאָר ניט אומגיין מיט איר טרויער און מרה־שחורה. און אפשר — האָט זי ווייטער געטראַכט — איז דאָס נאָר די שלעכציקייט פון זיין צד, צו נעמען ביילקען אויף די הענט; דאָס וויל ער מיר ווייַ טאָן — ווייל קיין אַנדערע מיידלעך זענען אויפן ערד־חלק ניט פאַראַן, האָט ער ביילקען גענומען מיט בלומרשטער ליבשאַפט אויפן האַנט, כדי אַזוי אַרום מיר ווייַ טאָן.

עס פאַרדריסט איר, וואָס עס איז אַזוי אויסגעקומען. זי ווייסט אַליין ניט ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דעם.

ביילקע האָט דערשפּירט איר עלטערער שוועסטערס געפילן; איז איבערגעגאַנגען צו לאַנען און זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר.

— דו האָסט געהערט, ביילקע, וואָס בערע קאָוואַלסקי האָט דיך געפרעגט? פרעג אים, צי ער האָט עס געמיינט.

— איך געטרוי איך ניט — האָט בערע אויף דעם געענטפערט.

— די סאָוועטנמאַכט וויל אייערע לייט אויך ניט געטרויען.

— דאָס איז נאָך קלוג, אַז מע זאָגט עס בייטאָג; אָדער יעמאָלט, ווען מע שפּירט זיך ווי אַ מלוכה־מאַן; אָבער אַרום האַלבע־נאַכט, אין אַזאַ פרילינגנאַכט, — קלינגען אַזעלכע רייד נאָך ערגער ווי אומפריינטלעך. ווי אַזוי האָט עס טאַקע די סאָוועטנמאַכט גענומען און האָט אונדז אַלעמען דאָ אויסגעשאָטן ווי...

— ווי מיסט — האָט בערע אונטערגעכאַפּט.

— ניין, כ'האָב עס ניט געמיינט צו זאָגן — האָט זיך לאַנע געהיצט — האָב געמיינט צו זאָגן — ווי חיות, וואָס קענען איינס דאָס אַנדערע ניט פאַרטראָגן. יאָ, חבר קאַוואַלסקי, ביי די ברעזער־מיידלעך אין די אָדערן ריזלט אויך הייס בלוט, הייס און רויט ווי ביי די קאַוואַלסקיס.

איר שטים האָט געציטערט. זי האָט עס אַרויסגערעדט קעגן איר איינענעם ווילן; נאָר ווען שוין אַרויסגערעדט — איז זי געווען צופרידן. אַ היץ האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, ס'פּנים האָט געפלאַמט. זי איז געווען צופרידן, וואָס איר פּנים איז באַהאַלטן אין דער נאַכט.

— אָ, איך ווייס גוט וואָס אונדז דערוואַרט נאָך ביז דער דאָרף וועט ווערן אויפגעבויט — האָט לאַנע ווידער גערעדט — ביז די הונדערט אידישע דערפער וועלן שוין שטיין אין קרים. ביז יענער צייט איז נאָך ווייט, חבר קאַוואַלסקי. אונדזערע לײדן הייבן זיך אָן. ווייל אַזעלכע ווי איר זענט נאָר פּיאַיק צו זוכן די וואונדן ביי אונדזער קלאַס און שיטן זאַלץ אויף די וואונדן.

— דו ביסט אַרויסגעקומען זען דיין פעלד, באַטראַכטן די ברע־זער־נחלה — האָט בערע סאַרקאַסטיש גערעדט — ווי גוט דו גע־דענקסט וואו דער ברעזער ערד־חלק איז, כאַ־כאַ־כאַ... און איך וואָלט וועלן, אַז וואָס־פריער זאָלן די ערד־חלקים זיך אויסמישן אינאיינעם. אין דעם גייען מיר זיך פאַנאַנדער. אויב באַנ'אייך שאַפט עס אַ וואונד — מעג מען אויף אַזאַ וואונד שיטן זאַלץ.

— דיין ווייב, אַז דו וועסט נעמען אַ ווייב, וועסטו זי אויך אויסמישן מיט יענעמס ווייבער, כאַכאַ־כאַ... אַ ווייב איז דאָך אויך סאָוועטישע ערד...

זי האָט געצילט צו אים און האָט פון דער נאַכט אַרויסגעזען זיין פּנים, זיינע אויגן, און געשפּירט, פאַרוואָס ער איז אַרויסגעקומען אין פעלד; פאַרוואָס עס נעמט אים ניט קיין שלאָף.

— קום, ביילקע, לויף — זאָל ער אונדז פרואוון כאַפּן!

לאַנע האָט געהאַלפן ביילקען אויפשטיין און זיך אַוועקגעלאָזט לויפן צום דאָרף.

בערע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

לאנע און ביילקע זענען ביידע שטיל אריין אין זעמליאנקע, אזוי אין די זאכן זיך איינגעטוליעט. ביילקע איז ווי א קינד געלעגן אין לאנעס אָרעמס. ביידן האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי הערן טריט אַרום זייער זעמליאַנקע.

VII

די האָפנונג איז אויפגעגאַנגען אין געראַטענעם פעלד. ניט נאָר האָט די ווינטער־זריעה אויף די אידישע פעלדער דערציילט פון אַ בעסערער צייט, נאָר דער פרילינג־פאַרזוי, וואָס אידן האָבן באַהאַלטן אין אַן ערד, וואָס זיי האָבן אַליין אויף „לייטישע געלעכטער" גע־אַקערט און געבראָנעוועט, האָבער, גערשטן און קוקורוזע געזייט — איז שוין אויפגעגאַנגען און געערדט צו די אידישע איבערוואַנדערער און געמאָנט פון זיי מער אמונה אין דער מאַמע־ערד.

אין דער איינענער צייט זענען אין יונגן דאָרף אָנגעקומען בריוולעך פון ווייטע שטעטלעך. האַלבע און פערטל איבערגעבליבענע משפחות דערציילן, ווי זיי קוקן שוין אוים די שעה, מען זאָל קענען אַנטלויפן פון וויסטן שטעטל, באַשר די מלוכה האָט שוין האַנדל־וואַנדל מיט די פיס צעטראָטן.

אין אַ העלן פרימאָרגן איז אַרויסגעקומען אויפן מיטן צוקינפטיקן דאָרף זלמן קאַסאַי און פאַר אַלעמען געלייענט אַ ביטער בריוול פון זייניקע, וואָס בעטן זיך ביי אים, ער זאָל פאַרגעסן אַן שטעטל און בעסער זען אָנהייבן בויען אַ היים אויף קרימער ערד. מען בעט אים, ער זאָל אַריבערברענגען דעם עלטערן זון פייוול און זיין בת־יחידה פערל, באַשר ס'איז וויסט און ווי... באַשר דער „פינאַנס־ספעקטאָר" איז נאָך ערגער פון אַ גזלן; „באַשר אַ גזלן הרג'עט און נעמט צו דאָס פאַרמעגן, און דער פינאַנספעקטאָר הרג'עט ניט, ער נעמט נאָר צו אַלץ וואָס מען האָט און הייסט פאָרן אהין, וואו מע גיט אידן ערד... ס'מיינט גיין לעבעדיקערהייט אין דער ערד אריין..."

האָט דאַריבער זלמן קאַסאַי אָנגעוואָרן זיין שפּאַטישן שמייכל, וואָס האָט געוואַרימט זיין קאַלט־גרוילעכע, אויסגעצופטע באָרד.

ער איז אַוועק צופוס אין אַגראָדזשאָינט קאַנטאָר מודיע זיין, אַז ער שטעלט זיך בויען; ער וועט אָנהייבן פירן שטיינער. אין קאַנטאָר האָט ער געטראָפן נאָך אידן פאַרטראָגענע, וואָס דאָס שטעטל האָט פון זיך אַרויסגעשפּיגן. מען האָט אים דאָרט אונטערגעגעבן חשק. ער האָט ניט געוואָלט זיין דער איינציקער, וואָס שטעלט זיך שפּעט בויען. ער האָט אָנגעצונדן מיט זיין חשק אפילו דעם געוועזענעם פערד־הענדלער פּיניע זייטשיק. שמערל אָסטראָווער, דער היימישער מלמד, האָט סאַי־ווי אָנגעהויבן פירן שטיינער; און נאָטע קרעטשמער, דער גרויסער בעל־בטחון, האָט פּאַמעלעכקע שוין געפירט שטיינער צום ערד־חלק. צאָב־צאָבע, דער אידישער רוף צו די אָקסן, זיי זאָלן זיך אַביסל אַ ריר טאָן... דער צאָב־צאָבע איז געוואָרן אַ מער געדולדיקער. אַביסעלע מער אמונה אין פעלד קען דאָך טאַקע ניט שאַדן. פאַרוואָס טאַקע ניט לערנען פון דעם אָקס, וואָס האָט זיך געלאָזט איינשפּאַנען צו באַדינען דעם אידישן אומגעדולדיקן פּויער?

אין אַזאַ לויטערן און גלויביקן פרימאָרגן איז גאָר אומגעריכט צוגעקומען צו לאַנען דער אָנגעכמורעטער, שווייגנדיקער יוסף ראַטנער. לאַנע האָט יעמאָלט פאַנאַנדערגעגראָבן אַ שטיקל ערד ניט ווייט פון איר ווייצנפעלד. יוסף ראַטנער איז געקומען איר אָנבאָטן צו העלפן גראָבן; אין אמת'ן האָט ער געוואָלט זיך דורכרעדן מיט איר, געבן איר צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז שוין אַ פּאָר מאָל אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דער אידישער איבערוואַנדערונג צו ערד־אַרבעט.

לאַנע האָט געגראָבן די ערד מיט אַ רידל, און ס'איז איר שווער אָנגעקומען איינצושניידן דעם פאַרהאַרטעוועטן, דאָרנדיקן, ברוינעם גרונט. טשיקאַווע, ווען ער איז צוגעקומען מיט זיין געלבלעך־רויטן קאָפּ און געלבלעך־געשפּרענקלטן פּנים — האָט זי אין זיין געשטאַלט דערקענט דעם אָנבליק פון דער ערד, וואָס זי גראָבט מיטן רידל. אינעווייניק האָט עס אין איר אַ לאַך געטאָן. זי האָט אויף שנעל דעם דאָזיקן געפיל פאַרבאָרגן.

יוסף האָט אויסגעצויגן די האַנט, געוואָלט ביי איר איבערנעמען דעם רידל.

— גראָב בעסער דיין אייגן שטיקל ערד — האָט זי געענטפערט אויף זיין אָנבאָט — ס'איז טאַקע אמת, אַז דו ביסט אַהער געקומען פאַרנעמען דיינע לייט צוריק קיין ווייסרוסלאַנד?

— איך ווייס אַליין ניט צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען. מעגלעך, כ'האָב עס ניט געדאַרפט טאָן. דער טאַטע איז אַ שניידער, האָט ער נאָך געקענט געפינען אינדערהיים וואָס צו טאָן. איך פאַרשטיי ניט וואָס אים האָט אַהער געצויגן. דער אינגערער ברודער האָט געקענט אַוועק אויף אַ זאַוואָד אַרבעטן. די מאַמע האָט קיין חשק ניט צו קומען אַהער. דאָרטן גייט זי אום איבער די דערפער מיט קליינינקייטן און ברענגט צוריק וואָס צו עסן. דאָ קייט מען דערוויילע די ערד. דערצו ווייס איך נישט וואָס אידן וועלן אויף קרימער ערד טאָן.

— פונדעסטוועגן ביסטו געקומען מיר העלפן פאַנאַנדערגראָבן די ערד...

— דו רייצסט מיך מיט דיין מוט און ענערגיע; וואָס זאָל איך עס פאַרלייקענען? איך קוק ווי די ברעזערס וועלן באַלד האָבן אַ שטוב, אַ שטאַל, אַ היים. ס'איז מיר טאַקע אַ חידוש — כאַ־כאַ־כאַ... וואָס וועסטו דאָ פאַרזעצן?

— כ'ווייס נאָך ניט. אפשר קאַרטאָפּליעס און אפשר גאָר בלומען. כ'האָב אַלערליי נאָסעניעס מיטגעבראַכט.

— ווילסט ,איך זאָל זיך דאָ פאַרנעמען מיט אַ שטוב?

— אודאי וויל איך — האָט לאַנע מוטיק געענטפערט — מיר וואָלט אַ סך גרינגער אָנגעקומען מיין האָרעוואַניע, ווען אַלע איבער־וואַנדערער טוען זיך אַ נעם און זעען, אַז ווינטערצו זאָל מען שוין דאָ דערקענען אַ דאָרף.

זי האָט גוט פאַרשטאַנען זיין צווייטיידיקע שאלה. זי האָט גוט געוואוסט וואָס אונטער זיינע ווערטער איז געווען באַהאַלטן — ווי זי האָט געשפּירט די ליבשאַפט, וואָס ער האָט איבערגעגעבן דעם רידל, גראָבנדיק די ערד. ער האָט דעם רידל געטריבן טיף אין דער ערד אַריין און גאָר גרינג איבערגעקערט די פייכטע גליבעס ערד; איינס־נאָך־איינס, גליבע נאָך גליבע האָט ער אויסגעלייגט אַ פרישן בייט, מיט די אויגן איינגאַנצן צו דער ערד...

דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר וואָכן פריער. יעמאָלט האָט נאָך יוסף חשק געהאַט דערציילן לאַנגע ווי ווייט אַזעלכע מענטשן ווי די קאָוואַלסקיס זענען געוואָרן די ניט־געבעטענע טשינאָווניקעס ביי דער סאָוועטנמאַכט, וואָס מיינט זייער גוט מיטן באַזעצן אידן ביי דער ערד; נאָר אַזעלכע קאָוואַלסקיס און זייער גלייכן וועלן פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן געדאַנק מאַכן ניט מער ווי אַ שטיקל אָפּגעזועסן ברויט.

פונדעסטוועגן האָט יוסף ראַטנער פאַר די פּאָר וואָכן אויסגעגראָבן אַ זעמליאַנקע; אַרויסגעצויגן פון הקדש, פאַרנומען פון דאָרטן זיין באַוואָקסענעם, רויטן טאַטן און נאָך רויטערן, מיט קלייען געשפּרענקלטן איינגערן ברודער. ער האָט אויך צעגראָבן אַ פּאָר פּאַסיקלעך ערד ניט ווייט פון האָבער־פעלד, און היינט האָט ער שוין אַריינגעפירט דעם פערטן וואָגן שטיינער.

עס איז אויסגעקומען גלייך ווי אַ שווערער אייז האָט זיך גענומען ברעכן איבער אַ שווער־פאַרפרוירענעם טייך; די אייז־שטיקער האָבן זיך אוועקגערודערט פון אַ טיפערן כח, וואָס דער לעבעדיקער שטראָם האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגן דעם געוועלבטן אייז. דאָ־און־דאָרטן זעט מען שוין דעם לעבעדיקן שטראָם אַרויס. פון אַנדערע ערד־חלקים קומען אָן גוטע ידיעות. אומעטום בויט מען. איין דאָרף רופט דעם אַנדערן אַרויס אויף אַ וועט און מען מאָנט.

איצטער שטייען שוין דאָ צוויי נייע הייזער, מיט רויטע קוימענס און רויטע דאַכעווקעס. די רויטע קוימענס קוקן צום בלויען הימל. דאָס זיינען די קאָוואַלסקי־ און די ברעזער־שטיבער. אין ביידע שטיבער פלייסט מען זיך אויסצושמירן דעם דיל — וואָס־גלייכער און וואָס־גלאַטיקער. ביי די קאָוואַלסקיס טוען עס די מאַמע רייזל מיט איר זון נחום, און ביי די ברעזערס — לאַנע און ביילקע. דאָ גייט אויך אָן אַ ניט־אָפּגעמאַכטער געוועט, ווער ס׳וועט פריער האָבן די היים פאַרטיק; ביי וועמען ס׳וועט זיין די שטוב אינעווייניק גלאַטער אויסגעשמירט.

וואָווע ברעזער טראָגט די ליים אין שטוב אַריין, און זיין געמיט איז צעבראָכן. ער באַהאַלט עס פון די קינדער. אין פאַרנומענקייט האָט מען ניט באַמערקט ווי ביי וואָווע ברעזער איז פון דער לינקער

זייט באָרד צוגעקומען נאָך אַ בולט'ער פּאַס גרויקייט. ס'איז אים אַ רעטעניש די גאַנצע זאַך. די גאַנצע לאַנע איז אים אַ רעטעניש. ביילקע, די אינגערע, פאַרשטייט ער; זי ווערט געטריבן פון דער עלטערערס חשק. אָבער לאַנע... מיט וואָס פּאַר אַ ליבשאַפט זי גלעט די ליים מיט מיסט געמישט אויפן ערדערנעם דיל! ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל אינדערשטיל אויסגעווישט די טרערן, וואָס קוועלן אים פון גאַנצן לייב און פאַרגלייזן אים די אויגן. עפּעס וואָלט ער חשק האָבן זאָגן לאַנען; ער וואָלט איר ווען טרייסטן און זאָגן: — אַז גערעכטיקייט איז נאָך אינגאַנצן ניט געשטאָרבן; גערעכטיקייט וועט נאָך אַראָפּקומען אַהער און אויפהייבן פון שטויב דעם, וואָס באַדאַרף אין שטויב ניט ליגן.

ער וואָלט חשק האָבן טרייסטן זיין טאָכטער און זאָגן, אַז די גוטע צייטן זענען נאָך ניט געשטאָרבן אויף אייביק, ער וועט נאָך צוריק אַרויף אויפן בענקל: ער וועט נאָך קריגן צוריק זיין גרויסע שטוב; ער וועט נאָך בויען אַ נייע שטוב אין אַ גרעסערער שטאָט, וואו זי, לאַנע... עס פאַרקוועטשט אים אין האַלדז; און איעדעס מאָל ווען ער קומט אריין מיטן עמער געקנאָטענער ליים און געפינט, אַז די פריער אריינגעבראַכטע ליים איז שוין פאַרנוצט, אַ שטיק דיל אַזוי גלאַט אויסגעשמירט — ווערט אים היים אין האַלדז, די ווערטער ווערן צעגליט, און ער קאָן גאָרניט זאָגן.

דער אַלטער יאָשע זיצט אויף דער שוועל און בענטשט די הענט פון זיינע צוויי אייניקלעך, וואָס ווערן גאָרניט פאַרמאַטערט. ער חזר'ט איבער דאָס, וואָס ער האָט שוין אַ סך מאָל געזאָגט צו די אייניקלעך: „אומעטום גאָטס וועלט; אומעטום, וואו מען איז זיכער מיטן לעבן, איז אָנגעלייגט... איז היים...״

ער, דער אַלטער יאָשע, קען נאָר ניט פאַרשטיין, צוליב וואָס און צוליב וועמען שמירט מען אַ דיל פון ליים געמישט מיט מיסט, ווען מען האָט באַדאַרפט גאָר לייגן אַ דיל פון ברעטער. „וואָס הייסט, ניט אויפרייסן לייטן די אויגן מיט אַ הילצערנעם דיל? ווער ס'קען באַווייזן — דער מאַכט פון האָליץ.״ ער טראַכט פון דעם און וויל עס אָבער ניט זאָגן. ער ווייסט, מען לעבט אין אַ צייט וואָס מע באַדאַרף האַלטן ס'מויל...

ביי די קאָוואַלסקים האָט מען אויך געגלויבט, אַז די ברעזוערס וועלן לייגן אַ הילצערנעם דיל. מען האָט אפילו אויסגערעכנט, אַז די ברעטער, וואָס לאַנע האָט אַנגעפירט, וועט מען מסתמא אויף דעם אויסנוצן.

— כ'האָב אַזוינס אין מיין לעבן ניט געזען — האָט רייזל געגאַפט, ווען נחום איז געקומען פון די ברעזוערס און געבראַכט די נייעס, אַז די ברעזוער־מיידלעך האָבן שוין באַלד דעם דיל פאַרטיק.

בערע האָט געטראָגן ליים אין שטוב אריין, וואָס ער מיטן טאַטן זיינעם האָבן אָנגעקנאָטן.

— כ'מיין, מיין זון, אומזיסט קוקסטו אויף זיי מיט רוגזה; האָבן נאָך דערווייל נישט אַרויסגעוויזן קיין שלעכציקייט; מאַלע וואָס זיי זענען אַמאָל געווען.

בערע האָט אויף דעם ניט געענטפערט. אים איז בכלל ניט גרינג געווען צו רעדן מיט דער מאַמען פון זיינע געפילן, וואָס זענען אַזוי פאַרפּלאָנטערט, זינט די ברעזוערס האָבן זיך באַוויזן אויפן ערד־חלק. ער, בערע, קען גאָר ניט באַנעמען, ווי אַזוי יעמאָלט ביינאַכט האָט ער זיך פון די ברעזוער־מיידלעך געלאָזט פאַרפירן אין פעלד אריין, זיי זאָלן פון אים חוזק מאַכן. זיי זענען יעמאָלט אַנטלאָפן אין דאָרף, אים געלאָזט זיצן אין פעלד אַן אָפּגענאַרטן, אַן אויסגעלאַכטן. האָבן עם בביזן געטאָן... אָ, די לאַנע, זי איז אַ פויגל; זי איז אַ פאַרשטעלטע. דער טאַטע אירער איז אַן אָפענער שונא; גייט אַרום אַ שווייגעוודיקער און מאַכט פּלענער ווי אַזוי ניט אויסצופאָלגן וואָס די מלוכה הייסט..." אים קען ער גוט. וואָוווע ברעזוער וועט זיך ניט אויסבאַהאַלטן. אָבער זי... גיי און דערצייל דער מאַמען וואָס ער טראַכט פון איר, בשעת די מאַמע האָט זיך אפּנים אַריינגענומען אין זינען עפּעס אַנדערש. „די מאַמע האָט נאָך ליב יענע צייטן, ווען די שטעטלשע יחסנים האָבן אויף איר געקוקט פון אויבן־אַראָפּ און זי באַטראַכט פאַר אַ נבזה. געווען אַנגעלייגט, ווען יענע לייט האָבן אַ חסד געטאָן און פאַרוואָרפן אַ פּאָר ווערטער צו די 'נבזה'ניקעס... יאָ, אפּנים איר איז נאָך איצטער אויך אַ גרויסער כבוד צו רעדן מיט די ברעזוערס..." זינט יענער נאַכט האָט ער מיט די ברעזוערס כמעט ניט גערעדט, אויסער

ווען דער אַגראָנאָם איז געווען און אַרומגערעדט דעם אופן ווי מען זאָל באַזאָרגן די קי פאַר די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן שוין היימען.

דערווײַל האָט זיך באַוויזן לאַנע אין טיר; פון דער העלער הויט איז זי אויסגעוואַקסן; דאָס רויט און גרין געקווייטלט קליידל ביז צו די קני אונטערגעהויבן; די הענט אונטער די באַקעס — מיט דער גאַנצער ספּריטנעקייט אירער איז זי געשטאַנען אין טיר.

רייזל האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דיל מיט צוויי זשמעניעס ליים און געוואַרט אויף אַ באַפעל. בערע האָט ניט־ווילנדיק באַמערקט לאַנעס טריט, ווי זיי זענען שווער און ברייט געוואָרן; באַלײמיקט, בלויז איין גראָבער פינגער פון רעכטן פוס איז אַן אַרומגעוואַשענער.

מיט אַ פרייליכן פנים און מיט אַן איבערגעטריבענער דרייסט־קייט איז זי אָנגעקומען:

— איך בין געקומען אַ קוק טאָן ווי איר שמירט און וואו איר האַלט שוין; ביי מיר, דאָרטן וואו כ׳האָב נעכטן געשמירט, האָט אָנגעהויבן צו פּלאַצן. וואָס טוט מען סע זאָל ניט פּלאַצן?

זי האָט גערעדט, און די קאָוואַלסקיס האָבן איר שטים געהערט, גלייך ווי איר שטים וואָלט געקלונגען פון אַן אַנדער וועלט. זיי האָט אויסגעוויזן, אַז די שטאָטישע, גבירישע לאַנע ברעזער האָט זיך בכיון פאַרשטעלט פאַר אַ פּויערטע, פאַרשמירט די הענט, פאַר־שמירט די פיס אין ליים, פאַרשטעקט דאָס געבלימלטע קליידל צו באַווייזן די רויטע קני...

— לאָמיר דיר זאָגן — האָט רייזל אומגעריכט אָנגעהויבן — איך גלויב ניט מײַנע אויגן דיך צו זען אַזאַ־אַ. וואַרט, מירן ווערן פאַרטיק מיט אונדזער דיל, וועלן מיר אַריבערקומען אַרויס־העלפן.

— ס׳איז זייער גוט פון אייך, חבר׳טע קאָוואַלסקי; איר האָט אַ בעסער הארץ פון אייער זון, כאַ־כאַ־כאַ! ער איז אפילו ניט צוגעקומען אַ קוק טאָן ווי מײַדלעך שמירן אַ ליימענעם דיל...

— גיי צו, בערע, זע וואָס דאָרטן איז דער חסרון אין זייער ליים; אפשר ניט צוגעטראָפן מיטן זאַמד... גיי צו, מיין זון.

— ס'וועט זיי דער רוח ניט נעמען; זאָלן זיי זיך לערנען בייגן דעם קאַרק — —

די דאָזיקע ווערטער זענען ביי אים גרייט געווען אַרויסצוזאָגן, נאָר לאַנע האָט זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול:

— איך בין געקומען גאָר אייך אַרויסהעלפן; כ'ווייס, אַז מאַנסבילן טויגן ניט פאַר אַזאַ מלאכה. אוואו האַלט איר, חבר'טע רייזל?

צו בערעס דערשטוינונג האָט זיך לאַנע אַראָפּגעלאָזן נעבן רייזלען און אָנגעהויבן העלפן שמירן דעם דיל.

ברענג אַריין ליים, חבר קאָוואַלסקי. באַוויז, אַז דו ביסט דער עלטסטער פון אונדזער דאָרף! — האָט לאַנע פון איר אָרט באַפוילן.

בערע האָט זיך דערשפּירט נאַריש. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז אַרוים דרויסן און געווישט דעם שווייס, וואָס האָט אים פּלוצלונג אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן.

ער איז צוריק אין שטוב ניט אַריינגעגאַנגען, כאָטש לאַנע האָט אים אַרויסגעשיקט, ער זאָל אַריינברענגען ליים פאַרן דיל. אַ וואַרימער ווינט האָט אים אַ בלאָז געטאָן איבערן פּנים, געבלאָזן מיטן ריח פון פעלד און אים אָפּגעצייגט צום פעלד צו.

— וואָס האָט זי געבראַכט צו אונדז אין שטוב אַריין, טאַקע העלפן דער מאַמען שמירן דעם דיל? קאַרג אַרבעט האָט זי ביי זיך אין שטוב?...

ער האָט מיט שווערע טריט געשפּרייזט צו די פעלדער און זיך דערווייטערט פון דאָרף, פון דער שטוב, וואו ביי דער זייט פון זיין מאַמען האָט איצטער לאַנע, אַ לאַכעדיקע, געהאָלפן שמירן דעם ליימענעם דיל אין זיין נייער היים. אָבער דער נאָמען לאַנע איז אים נאָכגעגאַנגען. אירע לעצטע רייד, ווי זי האָט זיך מיט אים אַ שאַף געטאָן — הע... זיי קלינגען אין די אויערן. אים איז ליב און דערווידער אין דער אייגענער צייט. ליב, ווייל דער נאָמען לאַנע געהערט צו דער גרעסטער בריה וואָס ער האָט אַמאָל באַגעגנט; און אויך דערווידער, ווייל זי געהערט פאָרט צו אַ קלאַס וואָס רופט ביי אים אַרויס שנאה און עקל. ער זעט בחוש, ווי די ברעזערס האָבן אים און זיין גלייכן פיינט; די לאַנע אַליין לאַכט אים געוויס

אוים הינטער זיינע פּלייצעס. פונדעסטוועגן טוט עס זי פלוצלונג ווי דעם ווינט אַ טראַג אַן אויף זיין שטעג. ניט די דראָבנע, ספּריטנע לאַנע איז דאָס — נאָר אַ פרעמדער כח, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פּרויען־וואַרימקייט, ליגט זיך אַן אויף אים; רופט אַרויס אַ זיסע מידקייט אין זיין גאַנצן מהות; די מידקייט גייט שפּעטער איבער אין פּראָטעסט.

— און וואָס וועט זיין, אויב קיין אַנדער לאַנע, אַזאַ איינע פון מיין קלאַס, וועט זיך ניט באַווייזן?...

די דאָזיקע לאַנע האָט שוין אַ טרייסל געטאָן זיין גלייכגעוויכט. געגנומען און איז געוואָרן אַן אָפּטע איינגייערן אין שטוב; געקומען אונטערקויפן דער מאַמען זיינער, העלפן איר שמירן דעם דיל...

בערע ווישט דעם שווייס פון שטערן און וויל מיט דעם אָפּווישן די מחשבות, וואָס באַגלייטן אים אין פעלד אריין. ער האָט אַליין ניט געשפּירט ווי ער איז אַראָפּ פון וועג און אַוועק מיט שווערע טריט איבער זיין אייגן פעלד; ניט געשפּירט ווי ער טרעט אין זיין אייגן פעלד; טרעט איין די ווייצן, וואָס האָבן שוין פון זיך אַרויסגעלאָזן האַריקע זאַנגען.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער טרעט אַ ווייצנפעלד. ס'איז אים געוואָרן ניט שיין פאַר זיך אַליין. און וואָס וועט זיין, אויב אימיצער באַמערקט ווי בערע קאַוואַלסקי, דער עלטסטער פון דאָרף, צעטרעט דאָס אויפגעגאַנגענע פעלד? „גאָרניט שיין וועט עס אויסזען. מאַלע וואָס בייזע ציינגער קענען אַמאָל אַ זאָג טאָן..."

אַ פאַרשעמטער איז ער אַראָפּ צום שטעג צווישן באַזונדערע צוויי ווייצנפעלדער; אַראָפּ אויף דער מעזשע, וואָס טיילט פאַנאַנדער צוויי ערד־חלקים, און אים איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן: ער האָט געפונען אַ פאַרענטפערונג פאַר זיין אַרוים אין פעלד גאָר אַן אַ ציל. אָט די דאָזיקע מעזשעס צווישן די פעלדער האָט ער שוין לאַנג געוואָלט באַטראַכטן און אַריינטראַכטן זיך אין זיי. די דאָזיקע שטעגן, וואָס גרעניצן אָפּ פעלד פון פעלד, וועט די רעוואָלוציע צעאַקערן, ניט לאָזן קיין שפּור פון זיי... די רעוואָלוציע וועט מאַכן פון אַלע פעלדער איין פעלד — איין גרויסער קאָלעקטיוו וועט באַ־אַרבעטן אַלע פעלדער; פון אַלע דערפער — איין דאָרף; פון אַלע

באזונדערע באַלעבאַטישקייטן — איין באַלעבאַטישקייט..." ער האָט ניט לאַנג געליענט אין אַ בוך, אַז אויף די דאָזיקע מעזשעס, וואָס ווערן קיינמאָל ניט צעאַקערט, אין די ווילדע גראָזן וואָס אויף די מעזשעס, פּרוכפּערן זיך אַלערליי פּאַראַזיטן און פרעסן אויף די תבואות. „יאָ, מעזשעס און פּאַראַזיטן, ווי קלוג עס איז געזאָגט געוואָרן... דאָס זענען טאַקע פּאַראַזיטן די אַלע לייט וואָס זענען אהער אָנגעקומען און איעדער וויל פאַר זיך אַליין זיין נחלה."

ווי קומט עס טאַקע, וואָס די קאָוואַלסקים זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פעלד מיט אַ באַזונדערער מעזשע?

לאַנע, זי איז איצטער זייט־ביי־זייט מיט זיין מאַמען; העלפט אַרוים זיין מאַמען. „אפשר האָט זי גוט געמיינט; אפשר איז זי געקומען אַרויסהעלפן דער מאַמען; ניט באַדאַרפט נעמען און זי אַזוי שלעכט פאַרשטיין... אפשר האָב איך פאָרט באַדאַרפט אַריינטראָגן ליים פון דרויסן..." עס פאַרדריסט אים, הלמאי ער האָט גענומען און אַוועק אין פעלד אַריין. געווען אַ נאַרישקייט. די מאַמע זיינע וועט פון אים חוזק מאַכן. דאָסמאָל וועט זי זיין גערעכט.

ער האָט אַליין ניט געשפּירט, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו ברעזערס פעלד; אָנגעקומען צו אַ פּאַסיקל ערד, וואו לאַנע האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק צעגראָבן און פאַרזעצט אַרבוזן־קערלעך און דיניע־קערלעך. דאָ־און־דאָרטן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון דער ערד גרינע אָדערלעך און אַרויסגעבראַכט צום דרויסן סמנים פון בלעטלעך; ווי גרינע שלענגעלעך ציען זיך די יונגע פלאַנצן מיט די קעפּלעך צום פרייען דרויסן.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, באַטראַכט פון נאָנטן די אויפגייענדיקע זריעה; האָט פאָרזיכטיק אַרויסגעשלעפּט פון דער ערד אַ פלאַנץ, מיטשלעפּנדיק אַן אָנגעקוואָלענעם, צעשפּאָלטענעם קערל, פון־וואַנען דער פלאַנץ האָט זיך אָנגעהויבן; דינע אָדערלעך־וואָרצעלעך; ווייסינקע און צאַרטע האָבן פון ביידע זייטן קערל דערשפּירט די נאַקעטקייט. ער האָט אויף שנעל צוריק אַריינגעזעצט דעם פלאַנץ אַרומגעשאַרט די ערד, באַוואָרנט, אַז די זריעה זאָל צוליב אים ניט פאַרלאָרן גיין.

— לאַנע... מהום, די איינציקע וואָס וועט האָבן באַשטאַנעס.

קיינעם איז דאָס ניט איינגעפאַלן. ווי ספּריטנע די בלעטלעך האָבן דורכגעבראָכן די האַרטע ערד! ספּריטנע ווי די לאַנע...

אַ לייכטע קלעמעניש האָט אַרומגענומען זיין האַרץ. ממש עס טוט אים ווייַ אַרום האַרצן. אַ חרפּה אַפילו אימיצן צו דערציילן, אַז סע קלעמט אים אין האַרצן. ער האָט חשק איבערציילן, וויפיל קערלעך ס'האָבן זיך אויף זיכער צוגענומען. ער ציילט די בלעטלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד. ער ציילט אָן ביז זיבעציק. אַ סך, אַ סך זענען נאָך מסתמא געבליבן אין דער ערד. איעדן קערל באַזונדער האָט זי אַריינגעזעצט; האָט עס געטאָן שטיל; גאָרניט באַרימט זיך מיט דער אַרבעט.

— ס'וואָלט געווען שיין, ווען זי נעמט און ווי דער שטייגער, טוט זי אַ קום אָן און כאַפּט מיך דאָ ביי אירע באַשטאַנעס... אויף איר קען מען דאָס גלויבן; זי וואַקסט דאָך שטענדיק אויס פון דער העלער הויט דאָרט, וואו מען דערוואַרט זי ניט...

פונדערווייטנס מיטן וועג איז אָנגעקומען מיט זיין גרויען אָקסן־געשפּאַן יוסף ראַטנער. ער פירט שטיינער צום דאָרף. אַ וויערסט אַכט האָט ער געהאַט צו מאַכן פאַר דער צייט. יאָ, דער יוסף ראַטנער איז גאָר אַ רעטעניש פאַר בערען. אַ טאַטע אַ שניידער; ברידער שניידער, שלימעזאַלניקעס, און ער, יוסף, אַ גאַנצער סטודענט — ער איז גאָר אַראָפּגעקומען און מיט חשק זיך גענומען שלעפּן שטיינער, אויפשטעלן אַ היים אין סטעפּ. בערע ווייסט, אַז לאַנע האָט אין דעם אַ האַנט; זי האָט יוסף'ן אונטערגעגעבן חשק. מעגלעך, ווען ניט לאַנע, וואָלט ער גאָר איצטער, אָן אָפּגעריסענער, האַלב־הונגעריקער, ניט אָוועקגעוואָרפן זיין שטודירן און אַזוי־אָ איצטער...

בערע איז מיט דער מעזשע אַרויסגעקומען צום וועג, אָפּגעוואַרט יוסף'ם אָקסן־געשפּאַן. ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק אַ שמועס צו טאָן מיט דעם דאָזיקן רויטהאָריקן, מיטן פאַרקלייענטן פּנים, וואָס הייסט יוסף ראַטנער. דער דאָזיקער יוסף ראַטנער האָט אָפּן אויס־געדריקט זיין אידעאַל צו מאַכן פון קרים אַן ארץ־ישראל. מיינט ער טאַקע אויף צום אמת'ן, אַז דאָס וועט אַמאָל געמאָלט זיין?

— גאָר אַליין, און וואו איז דער אינגערער ברודער?

יוסף האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן. ס'האָט אים גע'חידוש'ט צו

באַגעגענען בערע קאָוואַלסקי גלאַט אַזוי דאָ אין פעלד. מסתמא האָט עס אַ באַטיט. מסתמא האָט עס אַ מיין... ער האָט חשק, ווייזט אויס, צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס אויג־אויף־אויג. ניט שוין־זשע איז דער דאָזיקער האַרטער בערע אַרויסגעקומען אים באַגעגענען? יוסף האָט גלייך ניט געענטפערט בערען. ער האָט מיט זיין שטעקל אַראָפּגעשאַרט דעם גראָבן שטויב פון די באָרוועסע פיס און געוואַרט, בערע זאָל נאָך עפּעס פרעגן.

— גוט געטאָן, חבר; גוט געטאָן... געקומען מיט אַ גוטן מיין און זיך אָפּגעשאָקלט פון די בטלנים — האָט בערע געקלאַפּט יוספ'ן איבער דער פּלייצע — מע וועט זיך אַרומטאָן אַליין, וועט'ן אונטערהעלפן. דער וויפלטער וואָגן?

— דער אַכטער.

— פאַרוואָס העלפן זיי נישט אונטער דיינע לייט?

— דער טאַטע וואָלט געשטשאָבעט פויערשע סערמיגעס, ווען ס'מאַכט זיך אים; דער ברודער וועט זיך מסתמא פאַנאַנדערטרייס־לען; די מאַמע מיט דער שוועסטער — זיי וועלן קומען, ווען דאָ וועט ווערן גרינגער. האָב נעכטן אָוועקגעשריבן, די מאַמע זאָל קומען.

— דו, חבר ראַטנער, באַדאַרפסט נאָר ווערן אַביסל באַוואוסט־זיניקער, וועט שוין אַלץ זיין אויפן דרך.

— באַוואוסטזיניקער? באַדאַרף מען אַ סך באַוואוסטזיניקייט צו שלעפּן שטיינער אין אַזאַ הייסן טאָג, ווען דאָס שטיקל ברויט פעלט? די נויט טרייבט — טו איך עס.

— נאָר צוליב דער נויט?

— דעם גרעסטן טייל איבערוואַנדערער טרייבט אָהער די נויט. ס'האָט געקענט זיין רעכט...

יוסף האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן און האָט זיך פאַרכאַפּט; דערשפּירט, אַז מיט דעם עלטסטן פון דאָרף באַדאַרף מען ניט זיין אַזוי אָפנהאַרציק; ווען ער, בערע, האָט אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען יעמאָלט, ווען מען האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן חלוצים.

בערע קאָוואַלסקי האָט אַ לאַך געטאָן און יוספ'ן גאָר אומגעריכט דערמאָנט יענעם שמועס, בעת די יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט ביים ווייצנפעלד אַרומצורעדן די אַרבעט פון דער יוגנט אין דער צוקונפט:

— געדענקסט, חבר ראַטנער, ווי דו האָסט זיך יעמאָלט ביינאַכט געהיצט און באַוויזן, אַז אָן פּיאָנערן וועלן אידן דאָ קיין היים ניט בויען? מסכים. אָבער פּיאָנערן צו פּיאָנערן זענען ניט גלייך. דאָ זענען זיי רעקרוטן ביי דער רעוואָלוציע, וואָס פאַרלאַנגט צו בויען אַ סאָציאַליסטישע וועלט, און אָן רחמנות אָפּקערן פון וועג איעדן, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם דאָזיקן ציל. און דו, חבר, פאַרלאַנגסט חלוצים, וואָס זאָלן באַדינען דער אָפּשטאַרבנדיקער וועלט. מיר מוזן פריער אָפּראַמען די טויטע וועלט; אַז ניט — וועלן מיר קיין נייע ניט בויען.

יוסף האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן און ניט געגלויבט זיינע אויערן. בערע קאָוואַלסקים ווערטער זענען פאַר אים געווען גאָר ניי, ווייל פון בערע קאָוואַלסקים מויל זענען זיי אַרויסגעקומען. ער, יוסף ראַטנער, וואָס איז געווען צוויי יאָר סטודענט אויפן מעדיציניש[ן] פאַקולטעט, האָט געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף אַזעלכע בערעס. די נויט האָט אים אַהער געבראַכט אויפן ערד־חלק, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויסהעלפן דער שלימאַזלדיקער משפּחה. ער האָפט, ווי נאָר אים וועט געלינגען צו באַזעצן דאָ זיינע לייט, וויינטערצו, וועט ער אַוועק צוריק קיין מאָסקווע. בערע קאָוואַלסקי׳ס פּשוט׳ע אָבער קלאָרע ווערטער האָבן אים ווי מיט אַ קאַלטן, שאַרפן מעסער אַ שניט געטאָן.

— איך פאַרשטיי דיך גוט, חבר קאָוואַלסקי; כ׳האָב דיך יענעם ביינאַכט אויך גוט פאַרשטאַנען. מיר טוען אַלע די אייגענע זאַך — ס׳הייסט, חרוב מאַכן דאָס אַלטע לעבן; גענוג אַלט לעבן חרוב צו מאַכן איז נאָך פאַראַן אויף אונדזער ערד־חלק... צאָב!

די אָקסן האָבן אַ וויג געטאָן מיט די קעפּ; דער יאָך האָט אַ סקריפּ געטאָן אויף די געפּאַלדעוועטע נאַקנס, און יוסף ראַטנער, מיט די אויגן צו די פאַרשטויבטע פיס, איז דעם וואָגן נאָכגעגאַנגען.

בערע קאָוואַלסקי האָט אַ ווייַלע נאָכגעקוקט דעם וואָגן שטייגער און דעם באָרוועסן יוסף ראַטנער, וואָס איז ביי דער זייט געגאַנגען. אים האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן: פאַרן געדאַנק איז אים פאַרביי די ברעזער־משפּחה, דער שווייגנדיקער וואַווע ברעזער, וואָס האַלט אויך די אויגן אַראָפּגעלאָזן ווי דער דאָזיקער יוסף ראַטנער, און לאַנע, וואָס האָט באַוויזן פריער פון אַלעמען אַ שטוב אויפצו־

שטעלן . . . „אַ שווערער ביסן אַראָפּצושלינגען — האָט ער געטראַכט — אַט בויען זיי און שעלטן; בויען און פאַרשווערן; בויען הייזער און מיינען, דאָס גראָבן זיי פאַר זיך קברים.״

אַ וואַרימער געפיל האָט אים אַרומגענומען איצטער צו לאַנען. ער האָט געזען דעם חילוק, מיט וואָס פאַר אַ פרייד לאַנע בויט איר היים און ווי דערשלאָגן דער דאָזיקער יוסף ראַטנער איז איצטער; אַ מאַן, אַ זון פון אַ פּראָלעטאַריער, און אַזוי דערשלאָגן . . . לאַנעס באַשטאַנען־גאָרטן — ווי שיין די קערלעך זענען אויפגעגאַנגען! לאַנע איז דערווייל די איינציקע . . . ער וואָלט באַדאַרפט זיין גוט צו איר; קומען און מיט אַ גוטן שמייכל איר אַ זאָג טאָן: „איך גיי איצטער פון דיין פעלד, האָב אפילו אַרויסגעצויגן אַ יונג שפּראָ־צערל און באַטראַכט די וואָרצעלעך . . .״ דאָס וואָלט ער באַדאַרפט טאָן. זי איז דאָס ווערט. דער דאָזיקער יוסף ראַטנער פירט דאָך איצטער שטיינער, ווייל זי האָט עס אים געהייסן טאָן. זי האָט געהייסן — און ער פאָלגט.

בערע איז צוגעקומען צו דער שטוב; האָט דערקענט, אַז מען האָט ליים געטראָגן אין שטוב אַריין אָן אים. ווער ווייסט, אפשר האָט לאַנע אַליין געשלעפּט ליים אין שטוב אַריין און פון אים חוזק געמאַכט.

ער איז אַריין אינעווייניק. די מאַמע רייזל און נחום האָבן צוגעגלעט דעם שוין־אויסגעשמירטן דיל. ביידע האָבן אויף אים צווײַדייטיק אַ קוק געטאָן; ער האָט זיך דערפילט אַביסל נאַריש:

— בין געגאַנגען באַטראַכטן ווי די פעלדער זעען אויס; וואָלט ניט געשאַדט אַביסל רעגן.

רייזל האָט זיך אויפגעהויבן פון דיל, מיטן אָרעם אַרויפגעשאַרט די בלאָנדע פּאַסמע האָר וואָס איז געפאַלן איבערן פּנים; האָט אַ רגע בערען אָנגעקוקט און גאַנץ אָפנהאַרציק געזאָגט:

— איך פאַרשטיי דיך ניט, מיין זון, וואָס דו האָסט זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ אַריין צו ווייכן דאָס אָרט, וואו לאַנע גייט און שטייט; האָסט נישט פאַרוואָס זי צו פאַרשעמען, מיין קינד.

— כ׳פאַרשעם זי נישט.

— האָסט זי יאָ פאַרשעמט; ביסט אַנטלאָפן געוואָרן; מעג דיר אָנשטיין, אויב זי איז געקומען מיר העלפן.

— כ׳פאַרשטיי, פאַרוואָס זי איז געקומען.

— באַנ׳איר איז אַ פרייד, וואָס נאָך אַ שטוב איז צוגעקומען אין דאָרף; אַן אמת׳ע פרייד זאָג איך דיר, מיין זון. זי וויל, מע זאָל אינאיינעם פּראַווען אַ שמחה פאַרן גאַנצן דאָרף.

— וואָס פאַר אַ שמחה?

— באַנייען די צוויי שטיבער, ווי די ערשטע אידישע שטיבער אין אונדזער דאָרף אויף קרימער ערד.

— דאָס גאָר וויל זי?

— איך זאָג, מע זאָל עס טאַקע טאָן אינאיינעם... זיי וועלן העלפן צוגרייטן כיבוד, און באַנ׳אונדז אין שטוב וועט׳ן צונויפרופן דעם עולם. וואָס זאָגסטו צו דעם?

— איך זאָג, אַז נחום באַדאַרף אויך וויסן זיין אָרט, און ניט נאָכלויפן דער אינגערער.

נחום איז בלאָס געוואָרן; האָט אויף דעם ניט געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב.

רייזל האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן און האָט באַשטימט בעסער פאַרשוויגן דעם גאַנצן ענין.

אָנשטאָט דעם, האָט זי איבערגעגעבן בערען לאַנעס אַ בקשה:

— זי מוז אָנקומען צו דיין הילף, בערע; די בעטן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון שטאָט, וועלן נישט אַריינקריכן דורך דער טיר אין שטוב אַריין... זי וויל, דו זאָלסט זיי פאַנאַנדערנעמען

— האַ, וואָס זאָגסטו?

— כ׳האָב ניט קיין חשק צו גיין זיך עסק׳ן מיט זייערע בעטן.

— נו, וועל איך בעטן דעם טאַטן. זי וויל מאָרגן שוין אַריינשטעלן דאָס ביסל מעבל. זי זאָגט, אַז זי האָט אויך פאַרהענגלעך פאַר אונדזערטווענגן; זי וועט קומען און העלפן מאַכן. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? איך רעד חלילה נישט פון היץ...

— איך קלייב מיך האָבן אַן ערנסטן שמועס מיט איר טאַטן.

רייזל האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע פינקלענדיקע און נייגעריקע אויגן.

— ווײל מיט אים רעדן מכח דעם, וואָס ער, קאַסאַי און פּיניע זייטשיק קלייבן זיך פאַרפירן אַ האַנדל מיט פערד. וועל אים וואָרע־נען, אַז מע וועט אים אָראָפּזועצן פון ערד־חלק, אויב ער וועט עס נאָר אָנהייבן.

בערע איז שנעל אַרויס פון שטוב.

דערפאַר האָבן זיך אויסגעלאָשן רייזלס אויגן. ס'פּנים איז בלאַס געוואָרן. זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צו דער טיר, געוואָלט עפּעס נאָכשרייען בערען. איז אָבער אַ פריטשמעלעטע געבליבן שטיין אין טיר.

VIII

ביי די ברעזערס האָט מען אויסגעשטעלט אין שטוב דאָס ביסל מעבל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט דרויסן. דער ליימענער דיל איז נאָך אינגאַנצן ניט געווען טרוקן, און די שווערע שטאָטישע פּאָר שטיקער מעבל, אַן אַלטמאָדישער בופעט און שווערע קליידעראַלמער, זענען געזונקען אין דיל אַריין.

אין לאַנעס אויגן האָט עס פונדעסטוועגן אויסגעזען גוט און שיין; ביי לאַנען האָבן אין די אויגן געקוואָלן טרערן פאַר פרייד, ווען זי האָט באַטראַכט די געקאַלכטע ווענט. דער ריח פון פרישן קאַלך האָט געשמעקט מיט ליבער נייקייט. ביילקע האָט מיטגעפילט דער פאַרהאָרעוועטער און מיט פרייד־איבערגעפילטער לאַנען.

דער אַלטער יאָשע, מיט דער יאַרמולקע פאַרשאַרצט אויף דער פּאַטילניצע, האָט געקליבן נחת פון דער היים:

— ווען נישט דו, לאַנע, וואָלטן זיך גאָר די הענט נישט געהויבן ביים טאַטן צו נעמען און דאָ אינמיטן פעלד אויפשטעלן אַ היים.

ביי וואָוועז האָבן זיך די הענט ניט געהויבן; ער איז מיט־געשלעפּט געוואָרן פון לאַנעס אימפּעט. און איצטער, ווען די שטוב איז שוין פאַרטיק (ער אַליין האָט געהאָלפן אַריינגעמען אין שטוב די שטיקער מעבל) — קוועלן אים אויך די טרערן, מאַכן פול די אויגן און פאַרשטעלן די ליכטיקע שיין. די פאַרמיטאָגדיקע זון שטראָמט דורך צוויי מזרח־פענצטער און באַגיסט מיט העלן ליכט

דעם לײמענעם דיל, און װאָװע גײט אַרום װי אױפֿן עולם התוהו. אפילו דאָס װאָס אין פעלד האָבן שױן זאַנגען אַרױסגעשטעקט צום דרויסן די גרינע הערעלעך — דאָס רופט בײ אים ניט אַרױס קײן שום פרײד.

לאַנע באַמערקט דעם טרויער אין פֿאָטערס אויגן. זי באַגרײפט פאַרװאָס דוקא הײנט איז ער אַזױ צעקלעמט. װען װאָװע איז אַרױס דרויסן, האָט זי דעם אַלטן יאָשע אַ פרעג געטאָן און געבעטן, ער זאָל איר געבן צו פאַרשטײן פאַרװאָס דער טאַטע עקשנ'ט זיך אַזױ; פאַרװאָס דער טאַטע קען ניט פאַרגעסן די אַמאָליקע יאָרן, װאָס װעלן שױן מער ניט צוריקקומען.

— מײנסט, מײן אײניקל, איך זע עס נישט? דוקא דערפאַר װאָס דו ביסט זיך מוסר נפש, לײגסט גאָר דײנע יונגע כחות אַװעק — דערפאַר איז ער בײ זיך שפּל'דיק. אָט, למשל, זיצט מען אין פעלד, און קײן ברויט איז דערװײל נישטאָ. לאָמיר דיר זאָגן דעם רײנעם אמת, ס'חידוש'ט מיך, פונװאַנען בײ דיר נעמען זיך די כחות אַזױ אײנצולײגן די װעלט.

— װײל מיר בויען אַ נײע װעלט, װאו אידן װעלן אין איר געפינען אַן אײגענעם אָרט; דאַריבער, זײדע, האָב איך אַזױפיל כח צו טאָן דאָס, װאָס עס קען אױסזען צו שװער פאַר אַזאַ יונג מײדל װי איך. פאַרשטײסט שױן איצטער, זײדע? מיר זענען דאָך נישט אַלײן. אין אַלע נײע דערפער װאָס בויען זיך אין קרים זענען פאַראַן צופרידענע און אומצופרידענע.

אױף די דאָזיקע רײד זענען אין שטוב אַרײנגעקומען װאָװע און זלמן קאָסאָי. זינט זלמן קאָסאָי האָט אָנגעהױבן בויען זײן שטוב, איז אין אים פאָרגעקומען אַ גרױסע ענדערונג: פאַרשװאונדן פון זײן פּנים דער ביטערער שמײכל; ער האָט אױפגעהערט צופּן זײן שװאַרץ־גרױ, שטעכעדיק בערדל; קײן צײט ניטאָ דערפאַר. זײן באָרד איז גאָר לײטיש אױסגעװאָקסן. דערפאַר האָבן זיך צעפּליקט די מלבושים אױף אים: צװײ גרױסע לעכער אױסגעריבן אין די הױזן אױף די קני, און די קני, ניט קײן געװאַשענע, קוקן דורך די לעכער אַרױס.

— אָט זעסטו, לאַנע, כ'האָב זיך פאַרקוקט אױף דיר; נישטאָ אפילו קײן צײט צו פאַרלאַטען די הױזן... אָט, דאָס איז שױן

א היים! ווען איך וועל אזוי ווייט האלטן; זאָל נאָר מיין ווייב אריבערקומען און פערל... מיין פערל וועט דיר זיין א גרויסע קאָנקורענטקע, לאָנע; איז א בריה מיין פערל...

— אדרבה, זאָלן דאָ זיין א צען בריות מיידלעך, וואָלט איר דאָס דאָרף ניט דערקענט.

— און רעכטע בחורים, ווען זיי לאָזן זיך אהער אראָפּ, וואָלט אויך ניט שאַטן, כי־כי־כי — האָט קאָסאָי אָפּגעצאָלט לאָנען.

קאָסאָי איז א ווײַלע שטיל געוואָרן. האָט זיך ארומגעקוקט און מיטאמאָל געביטן זיין שטים:

— מיינסט, וואָווע, מען קען רעדן, זי זאָל הערן?

— אַז איך וועל שוין באדאַרפן מורא האָבן פאר אן אייגן קינד, וועט יעמאָלט שוין זיין אָך־און־ווי...

לאָנע האָט ניט גאָר גוט פארשטאַנען. זי איז אומעטיק געוואָרן. זי האָט אָנגעקוקט קאָסאָיען און געוואַרט אויף ווייטערדיקע רייד.

— איך שמועס מיט דיין טאַטן...

— מע זאָל אינאיינעם אָנהייבן האַנדלען? — האָט לאָנע אונ־טערגעכאַפּט.

— זע נאָר ווי דיין טאַטער פארלויפט דעם וועג!

— איך זאָג דיר, לאָנע, — האָט וואָווע אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן — אויב מע וועט ניט אָנהייבן עפּעס טאָן אָן א צייט, וועט'ן שטאַרבן פון הונגער.

— וואָס־זשע גייסטו טאָן? — האָט לאָנע קאַלט געפרעגט.

— דערווייל ווייס איך נאָך ניט. איין זאַך איז מיר קלאָר — וואַרטן אויף נסים קען איך ניט. דו האָסט אמונה אין פעלד; האָסט אמונה אין ביסל ווייץ, וואָס וועט אפשר זיין פון אונדזער פעלד; און איך זע ארויס, אַז ווינטערצו וועט מען ליידן הונגער.

ביילקע האָט בלאָס אָנגעקוקט לאָנען; זי האָט געוואַרט וואָס לאָנע וועט אויף דעם ענטפערן. זי, ביילקע, האָט שוין א סך מאָל אויסגעהערט וואָווע׳ס באַקלאָגן זיך. מען קען זאָגן, אַז וואָווע איז צום גרעסטן טייל שולדיק געווען אין ביילקעס מרה־שחורה.

— ווילסט גיין אָנטקעגן דער מלוכה? מיינסט, אַז דו וועסט דיינס אויספירן? — האָט לאָנע געפרעגט.

— אויב די מלוכה קען ניט פאַרזאָרגן מיט אַ שטיקל ברויט — באַדאַרף מען אַליין זוכן אַן אויסוועג. אָט איז נאָך אַ איד, איז אַ בעל־מלאכה פונדערהיים — ער זאָגט אויך דאָס אייגענע.

— אודאי מוז מען עפּעס זוכן אָן אַ זייט — האָט קאָסאָי אונטערגעהאָלפן וואָוועז — וואָרן אין שטאָט איז מען נאָך נישט אַזוי אויסגעשטעלט צום הונגער ווי דאָ. די מלוכה האָט אונדז דערוויייל געלאָזט אויף הפקר... כ'מיין נישט האַנדלען בשתיקה. מ'עט האַנדלען מיט דער מלוכה: געהערט, די מלוכה זוכט צו קויפן שעפּסן. דאָ קען מען אויפקויפן שעפּסן ביי די טאָטערן...

— מען האָט דיר, טאָכטער מיינע, אויך איינגערעדט, אז האַנדל איז אַ שאַנדפלעק. דער טאַטע דיינער גייט אַרום, ברוך השם, מיט אַ שאַנדפלעק... לאָמיר גיין דרויסן, קאָסאָי, אויב דאָס איז אַ שאַנדפלעק...

וואָווע האָט זיך ביטער צעלאַכט און אַרויס דרויסן, מיטציענדיק מיט זיך קאָסאָיען. דער אַלטער יאָשע איז זיי נאָכגעגאַנגען.

ביילקע האָט אויך געוואָלט אַרויסגיין דרויסן, האָט לאַנע איר פאַרשטעלט דעם וועג, זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין ביידע אויגן. לאַנע האָט דערשפּירט טרערן אין ביילקעס אויגן:

— זאָלסט ניט זיין ווי דער טאַטע, ביילקע; ער איז אַ איד פון עלטערן דור שוין. אים וועט די מלוכה ניט איבערמאַכן; זי וועט אים צעברעכן, אויב ער וועט זיך שטאַרק עקשנ'ען. אָבער דו ביסט דאָך יונג; פאַר דיר וואַרט אַ נײַ לעבן.

— פון אונדז וועט דאָ ווערן גאָרנישט־מיט־נישט. יונגע מענטשן האָבן באַדאַרפט בלייבן אין שטאָט. זעסט דאָך, אַז קיין סך יונגע מענטשן קומען נישט אַהער.

— דאָס איז דעם אינגערן קאַוואַלסקיס קאָפּ; איך זע ווי ער דרייט זיך דאָ אַרום ווי אויף יענער וועלט. דאָס האָט ער דיר דערציילט פון שטאָטישע גליקן.

— ער איז גערעכט; אין שטאָט, זאָגט ער, וואָלט ער זיך געלערנט. ער איז אַ פּראָלעטאַריש קינד; אים וואָלט מען צוגע־לאָזן. איצטער, אַז מיר זענען געוואָרן פּויערים, דער טאַטע האָט שטימערעכט — וועט מען מיך אויך צולאָזן.

לאנע האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו ביילקען און האָט גענומען מיט אַ שטריקל אויסמעסטן די ברייט פון די פענצטער. זי האָט פון אַ פּאָר אַלטע ווייסע העמדער אויסגעשניטן האַלבע פאָרהענגלעך און געמאַכט פּלענער ווי זיי אָנצוציען אויף די פענצטער. ס'האַרץ האָט געקלעמט. איר געגלוסט זיך גוט אויסוויינען, אָבער ניט פאַר דער שוועסטער אין די אויגן. ביילקע וועט אירע טרערן שלעכט אויסטייטשן. ביילקע וועט עס פאַרשטיין, אַז איר, לאַנען, איז אויך טרויעריק דאָ אין קרימער סטעפּ; לאַנע באַדויערט אויך, וואָס זי האָט זיך געלאָזט פאַרשלעפּן אַהער אין קרימער סטעפּ. אירע טרערן וועט זי ניט באַווייזן, ניט פאַר אייגענע און ניט פאַר פרעמדע.

לאַנע האָט געשפּירט דער שוועסטערס בליקן אויף איר פּלייצע; די שוועסטער וואַרט אויף עטליכע ווערטער פון איר. איז זי צוגע־גאַנגען צו ביילקען, מיט אַ גוטן שמייכל אַ קוק געטאָן צו איר און שטיל געפרעגט:

— האָסט אים ליב?

— וועמען?

— ווייסט דאָך וועמען...

ביילקע איז רויט געוואָרן; אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— איך מיין, צי דו האָסט ליב נחום'ען. ער איז אַ וואוילער בחור; ער געפעלט מיר בעסער פון זיין ברודער.

ביילקע האָט אין זיך אַ לאַך געטאָן; ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן אויף לאַנעס אומגעריכטער שאלה. זי האָט זיך פון לאַנען ניט אויסבאַהאַלטן. לאַנע ווייסט, אַז זי גייט מיט נחום'ען אַרויס אָפט אין פעלד. נחום איז דער איינציקער וואָס קומט גאַנץ אָפט אַריבער צו די ברעזערס; נחום האָט זיך מיט דער ברעזער־שטוב אָפּגעגעבן מער ווי מיט זיין אייגענער היים. פונדעסטוועגן, אַז לאַנע האָט גענומען, מיר־ניט, דיר־ניט, און אַ פרעג געטאָן, צי ביילקע האָט ליב דעם אינגערן קאָוואַלסקי — האָט עס מסתמא אַן ערנסטן מיין; האָט עס מסתמא אַ שייכות מיט אירע ווערטער וועגן דער שטאָט, וואו מען וואָלט זיך נאָך געקענט לערנען.

— איך זאָג ניט, לאַנע, אַז איך גיי אַנטלויפן פונדאַנען. איך בין דיך מקנא. הלואי וואָלט איך געקענט גלויבן ווי דו, אַז דאָ אין פעלד איז אונדזער אָרט; אַז די דאָזיקע מענטשן וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום, וועלן אויפבויען אַ נייע וועלט.

— פאַרוואָס האָסטו געשוויגן די גאַנצע צייט, ווען מען האָט געשלעפּט שטיינער, געקנאָטן ליים מיט די פיס — דו אַליין האָסט דאָך אַזוי געשמאַק געקנאָטן די ליים; און איצטער גאָר פּלוצלונג?...

— פריער, אַז מען איז געווען פאַרטאָן מיט בויען אַ היים, האָט מען פאַרגעסן. איך אַליין בין געווען פאַרטאָן מיט דער אַרבעט. איצטער, די היים איז שוין דאָ...

ביילקע האָט ווייטער ניט געקאָנט רעדן; זי האָט אירע געפילן מער ניט געקאָנט באַהאַלטן. זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. אַריין אין צווייטן חדר און דאָרטן געכליפּעט אויפן הויכן קול.

לאַנע האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו דער שוועסטער; האָט באַשטימט לאָזן דער שוועסטער זיך אויסוויינען. פאַר איר איז ניט געווען ניי ביילקעס געוויין; זי האָט זיך גאָר ניט געריכט צו הערן פון דער שוועסטער דאָס, וואָס זי האָט איר נאָר־וואָס געזאָגט. אפשר אַזוי איז עס: כל זמן מען איז געווען פאַרנומען מיטן בויען אַ היים — האָט מען זיך פאַרגעסן; און איצטער, די היים איז שוין פאַרטיק, אַרויסגעצויגן פון דער זעמליאַנקע — איז גאָר אַ טרויער באַפאַלן.

נאָך אַ סך שווערער ווי דער שוועסטערס כליפּען אין צווייטן חדר, ווייטיקן איר דעם טאַטנס רייד מכח אָנהייבן האַנדלען אויפסניי. זי זעט קלאָר אַרוים די פינצטערע גרוב, אין וועלכער דער טאַטע אירער קען ווידער פאַרקריכן. וואָרים וואָס וועט טאָקע זיין, אויב דער טאַטע וועט אָנהייבן אינדערשטיל אונטערהאַנדלען; מען וועט זיך דערוויסן; ווידער דעקלאַסירן, און אפשר גאָר אַראָפּטרייבן פון ערד־חלק; מען וועט ביי זיי צונעמען די שטוב דאָ, ווי מען האָט צוגענומען זייער שטוב אין שטאָט...

— ביילקע, איך וויל דיך עפּעס בעטן — האָט לאַנע אַ רוף געטאָן פון איר אָרט.

ביילקע איז אַריינגעקומען. איר פּנים איז געווען שטאַרק

פאַרוויינט; האָט זיך ניט באַמיט צו באַהאַלטן אירע געפילן פון לאַנען, ווי זי האָט עס אַ סך מאָל געטאָן. זי איז געבליבן אין טיר פון אַנדערן חדר, געוואַרט וואָס לאַנע וויל פון איר.

— איך קען דיך אָבער מיט אַזאַ פּנים ניט אַרויסלאָזן פון שטוב.

— וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?

— גיי אַריבער צו די קאָוואַלסקים, בעט בערען, ער זאָל אַהער אַריבערקומען; כ'וויל מיט אים וועגן עפּעס איבעררעדן... פאַר־שטייסט ניט? ער איז איצטער אינדערהיים, בערע; גיי אַריבער און בעט אים אַהער.

— וואָס ווילסטו רעדן מיט אים?

— כ'וויל אים פרעגן, צי ער ווייסט, אַז נחום קלערט צו פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין.

ביי ביילקען האָבן אַ פינקל געטאָן די אויגן. אין איר פּנים האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעקליבן אַ בייזקייט.

— פאַרוואָס, ביילקע, קוקסטו מיך אָן אַזוי בייז? איך מיין מיט דעם גאָרניט. אויב נחום וויל פאָרן אין שטאָט אַריין — איז דאָס זיינע אַ זאַך.

— דו ווילסט מיט בערען רעדן וועגן דעם; דאָס וויל איך ניט. ער האָט בערען ניט ליב.

— אַזוי גאָר...

— יאָ, ער האָט בערען ניט ליב.

אין שטוב איז אַריינגעקומען כאַסיע אָסטראָווער; געקומען אויסדריקן איר באַוואונדערונג:

— אוי, אַ שטוב; אוי, אַ היים... ס'ווילט זיך מיר אויסקושן אייערע ביינדעלעך. אַלע זאָגן, אַז ווען נישט די ברעזער־מיידלעך, וואָלט די היים דאָ נישט געשטאַנען. וואָרן איצטער, קוקנדיק אויף די קאָוואַלסקים און אויף די ברעזערס, האָט עס אַלעמען אָנגענומען אַ חשק צו שלעפּן שטיינער. איינקלייניקייט, סע זעען זיך שוין אַרויס פּערצן שטיבער; איינקלייניקייט, אַז מיין שמערע איז שוין אויך געוואָרן אַ בריה!

— הערסט, ביילקע, וואָס מען זאָגט אויף דיר? — האָט לאַנע אַרומגענומען ביילקען — זאָל מען שוין דערלעבן שניטצייט, וועט עס ערשט פריילעך ווערן באַנ׳אונדז.

— יאָ, מיין מאַן זאָגט אויך דאָס אייגענע; ער זאָגט, אפשר וועלן זיך אידעלעך דערפרייען, אַז מע וועט שוין דרעשען אייגענע ווייץ... ווייסט, לאַנע, צוליב וואָס איך בין איצטער געקומען? רייזל קאָוואַלסקי האָט מיך געבעטן איבעררעדן מיט דיר, אַז אויב דו ווילסט, וועט׳ן זיך צונויפקלייבן באַנ׳אייך אין שטוב. זי וויל אייך אָפּגעבן דעם כבוד: זי זאָגט, דערפאַר וואָס באַנ׳אייך האָבן מיידלעך די כחות אוועקגעגעבן — קומט אייך די שמחה.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט לאַנע פאַרוואָרפן דעם קאָפּ — סע געפעלט מיר, חבר׳טע כאַסיע. אודאי וועט מען פראַווען אַ שמחה, אָבער ביי די קאָוואַלסקים אין שטוב. בערע איז דאָך דער עלטסטער פון דאָרף. זייער שטוב קומט דער כבוד. זאָגט רייזלען, אַז מיר וועלן אַלע קומען איר העלפן.

— וועל איך טאַקע גיין דאָס איר דערציילן. קום מיט מיר, ביילקע, קום דו אפשר אויך, לאַנע, אַהינצוצו...

כאַסיע און ביילקע זענען אַרויסגעגאַנגען. ערשט איצטער, אַז קיינער איז אין שטוב מיט לאַנען ניט געווען, האָט זיך איר פאַר־גלוסט גוט־גוט אויסוויינען. זי האָט זיך איינגעגראָבן אין די קישנס פון דער ניט־פאַרבעטער בעט, און איר גאַנץ לעבן האָט געציטערט פון געוויין...

אין אַ ווײַלע אַרום איז לאַנע אַרויס פון שטוב. דער לויטערער דרויסן האָט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, און ס׳האָט זיך איר געוואָלט לויפן, לויפן און איגערגעצן זיך אויסבאַהאַלטן; זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר. ווייל אין טאָג, ווען די נייע הֵיים איז פאַרטיק געוואָרן — זענען איר פאָטערס אויגן געווען פאַרלאָפן מיט טרערן, און די אינגערע שוועסטער האָט געקלאָגט אויפן הויכן קול.

זי האָט תחילת געטראַכט אַריינגיין צו די קאָוואַלסקים און אַרומרעדן דעם ענין פון חנוכת־הבית, אָבער די טרערן האָבן נאָך אַלץ געגליט אין איר לייב; מיט פאַרנעפּלטע אויגן האָט זי באַ־

מערקט דעם יונגן דאָרף, וואָס וואַקסט ביסלעכווייז פון ברוינעם גרונט אַרויס; באַמערקט די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אונטער דער זון, און די אָקסן, וואָס זענען מעלה־גירה אונטער זייערע יאָכן, וואַרטן, מען זאָל שטיינער פון די וועגענער אויסלאָדן.

לאַנע האָט איבערגעשניטן די דאָרפישע גאַס, און גלייך ווי אימיצער וואָלט זי געיאָגט, איז זי אַוועק אין פעלד אַריין, פון איר אייגענעם טרויער אַנטלויפן. זי האָט ניט געוואָלט אירע טרערן זאָלן פאַלן אין דער גאַס פון יונגן דאָרף, וואו איר היים איז אַזוי געראָטן אַרויסגעוואַקסן פון ברוינעם גרונט. דער אימפּעט האָט זי געטראָגן צו איר אייגן פעלד, צום באַשיידענעם גאָרטן, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע כחות פאַנאַנדערגעגראָבן. די הייסע טרערן האָבן אַ שטראָם געטאָן נאָך איידער זי איז אַהין אָנגעקומען. די טרערן האָבן זי געצווינגן צו דער ערד. זי איז אַנידערגעפאַלן מיט דער פּלייצע צום דאָרף און פּנים צום פעלד, געשמאַק געוויינט צו פאַרטרייבן אויף אַ ווײַלע דעם וויטיק, וואָס האָט גענאָגט אַרום ברוסט. איר ביז־איצטיקע האַרעוואַניע, אירע ביז־איצטיקע באַליידיגונגען מצד דעם מענטשן וואָס זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר גלויבן; אַלע דערשטיקטע פאַרלאַנגען וואָס זי האָט דאָ דערדריקט, פאַרטומלט מיטן שלעפּן שטיינער, שלעפּן געהילצן פון שטאָט, — דאָס אַלץ האָט געפונען דעם וועג דורך אירע הייסע טרערן.

באַדאַרפט האָט עס זיין גאָר אַנדערש; באַדאַרפט האָט איצטער די פרייד מיט איר אינאיינעם טאַנצן אין סטעפּ; באַדאַרפט האָט איצטער זיין דער שענסטער טאָג אין איר יונג לעבן, ווען זי, אַ מיידל, אַ קינד פון שטורם און כאַאָס, אַ קינד פון בלוטיקער מלחמה און גליענדיקער רעוואָלוציע, איז פאַרטראָגן געוואָרן אין נאַקעטן, אומ־פריינטלעכן סטעפּ, וואו זי האָט אין אַזאַ קורצער צייט דערלעבט צו זען אַן אייגענע היים, איז גאָר אָנשטאָט פרייד — אַזאַ אומגעריכ־טער טרויער אָנגעקומען. ניט צו באַגרייפן פונוואַנען־און־ווען אַזאַ חשכות איז אָנגעקומען און פאַרוויקלט איר ליכטיקן טאָג.

פון דאָרף האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג פון אַ האַמער אויף דער קאָוואַדלע. בערעס האַמערן. זי דערקענט אים, בערעס האַ־מער־קלאַנג. זי טיילט אים אָפּ פון לייזער דעם שמידס האַמערן.

דאָס איז בערעס ריטמישער טאנג־טאנג, טאנג־טאנג... „פאַרוואָס פאַרשטייט ער מיך אַזוי שלעכט? פאַרוואָס געטרויט ער מיר ניט?...” טאנג־טאנג — — — טאנג־טאנג — — — אפשר טוט ער עס בכיון אַזוי. ער האָט פונדערווייטנס געזען ווי לאַנע איז אַוועק אין פעלד אַריין — רופט ער זי צוריק.

זי הייבט אָן צום הונדערטסטן און אפשר צום טויזנטסטן מאָל באַטראַכט איר אַוועקגיין פון שטאָט אהער; איר צווינגען דעם פאָטער, ער זאָל אַוועק צו דער ערד. זי האָט יעמאָלט געפונען דעם קלאָרן זינען, איידער מען האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין קרים: דער זינען איז איצטער אויך דער אייגענער. זי האָט געוואָלט איבעררייסן מיטן לעבן, צו וועלכן מען האָט זי נאָך קינדווייז געגרייט. זי האָט ניט געקאָנט שטאַרבן און נאָכאמאָל געבוירן ווערן, אָבער זי האָט געקענט פאָלגן דאָס, וואָס דאָס בלוט האָט איר אונטערגעזאָגט. אירע געצערטלטע הענט זענען איר מער ניט געפעלן געווען. אין די אויס־געאיידלטע הענט האָט זי דערקענט איר אָפּשטאַם, וואָס איז איר געווען דערווידער. אין אירע פאַראיידלטע הענט האָט זי דערקענט די, וואָס האָבן זיך אין צייט פון פּאָגראָמען געלאָזט שחט'ן. אין אירע שמאָלע טריט האָט זי דערקענט טריט פון מיידלעך, וואָס זענען געבוירן געוואָרן צו קאָקעטירן און וואַרטן אויף חתנים; וואַרטן אויף מענער, וואָס זאָלן — פון נאָך דער חתונה אָן טראָגן זיי אויף די אַקסלען. ווען דער טאַטע אירער האָט באַמערקט, אַז אירע הענט זענען פאַרגרעבט געוואָרן — האָט עס איר הנאה געטאָן. ווען זי האָט געפּרואווט אָנמעסטן אירע יום־טוב'דיקע שיך און אויסגעפונען, אַז אירע באָרוועסע פיס זענען שוין ווייט איבערגעוואַקסן אַזעלכע שטאָטישע שיך — האָט עס איר הנאה געטאָן. איר גוף האָט הנאה געהאַט פון דער שעה רו נאָך אַ טאָג אָנגעשטרענגטער פיזישער אַרבעט. זי האָט געזען קלאָר דעם דור, וואָס שטייט אויף נאָך איר; וואָס קומט אַרויס פון איר לייב אַרויס. אַ דור אַ שטאַרקערער פון וואָוועס ברעזער און זיינע קינדער; אַ דור אַ גלייכערער, אַ הויכגע־וויקסיקער, אויפן פרייער ערד, אונטער אַ שטענדיק זומערדיקן הימל.

איצטער איז זי אין פעלד און שפּירט ווי פון צער איז זי איינ־געשרומפּן געוואָרן ווי די מאָגערע, ניט־דערוואַקסענע שפּראָצונגען,

וואָס קריכן פון דער ערד אַרום איר. זי האָט געוואונדערט איר פּנים צום דאָרף. אָט איז איר היים; היינט אינדערפרי אָהין אַריינגעצויגן. אין דער היים דרייט זיך אַרום וואָוועצע ברעזער אַ טרויעריקער, דער זיידע יאָשע, וואָס האָט שוין אויף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט; די שוועסטער ביילקע, וואָס אפילו איר קינדישע ליבע צום אינגערן קאָוואַלסקי האָט זי שוין דערטרונקען אין טרערן.

און אָט איז די קאָוואַלסקי־שטוב; די אייגענע גרוים ווי איר היים... דער רויטער קוימען קוקט פאַרשייט צום בלויען דרויסן. פון קוימען גייט אַ רויך, אַ געל־בלוילעכער רויך, וואָס קומט אַ וויילע אַרויס געדיכטער פון קוימען און ווערט באַלד ווי אָפּגעריסן; דער רויך שפּילט זיך מיטן בלויען דרויסן. זי זעט פון ווייטן אָנקומען אַן אָקסן־געשפּאַן מיט שטיינער, וואָס ציט אַוועק צום יונגן דאָרף; פון דאָרף אַרויס ציען געשפּאַנען לײדיקע אין פעלד אַריין; איבער־וואַנדערער פאָרן צו דער שטיינשניידעריי, ציען פּאַמעלעך מיט אַ בלייכער האָפענונג... ס'פעלט אין זיי דער אימפּעט, מיט וועלכן זי און די קאָוואַלסקיס האָבן געשלעפּט מאַטעריאַל פאַר די צוויי שוין־פאַרטיקע היימען. און ווען זי קוקט אָנגעשטרענקט צום אָנהייב דאָרף, ווען די אויגן פאַרלויפן איר ווידער מיט טרערן — זעט זי ווי פון אונטער אַ ווייס־בלוילעכן פאָרהאַנג אַ לאַנגן דאָרף, אפשר אַ ווייערסט די לענג... אַרום דאָרף און אין דאָרף שווינבלט עס מיט לעבן: מענטשן, בהמות, פערד... אַ גערודער פון מענטשן, מרוקען פון קי, בלעקען פון שאָף, קרייען פון הענער, קוואַקען פון הינער... און מיטאַמאָל ווערט דאָס בילד פאַרשוואונדן, ווי אַ מיראַזש צעגייט עס זיך אין דער בלוי־ראָזלעכער לופט; און ווידער דערשיינט דער אָנהייב פון דאָרף, וואו צוויי היימען, אירע און קאָוואַלסקיס...

זי איז אויפגעשטאַנען, אויסגעריסן פון דער ערד אַ יונגן פאַלין־וואָרצל, געצויגן אין זיך דעם שאַרפן פאַלין־ריח און מיט ענערגישע טריט אַוועק צום ברעזער־פעלד, צום שמאָלן גאָרטן אירן, וואָס זי האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַנאַנדערגעגראָבן און קערלעך פון אַרבוזן און דיניעס פאַרזעצט. זי איז געווען אַזוי פאַרהאָרעוועט די לעצטע צען טעג אַרום שטוב — זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט אַ קוק צו טאָן ווי די זריעה איז אויפגעגאַנגען. ס'בלוט האָט

איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין: זי האָט דעם גאָרטן ניט דערקענט. אַלע קערלעך פון דער ערד אַרויס, און אָדערלעך־וואָרצע־לעך און בלעטעלעך ציען זיך צום דרויסן...

אָבער וואָס פאַר אַ טריט דערקענט זי ביי דער זייט פון די בייטען און אין די בראָזנעס! גרויסע, מענערשע שטיוול האָבן דאָ געטראָטן. אַ סך שפּראָצונגען זענען אַרומגעשאַרט. אָט וואַלגערן זיך אויסגעריסענע ווילדע גראָזן... ווער איז דאָ געווען אַרום איר גאָרטן? ווער האָט עס בשתיקה אַכטונג געגעבן אויף איר גאָרטן, בשעת זי איז געווען פאַרהאַוועט מיט דער שטוב? וועמעס שווערע טריט זענען עס?

דער טרויער האָט מיטאַמאָל אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר דער אויסטערלישער זעאונג. ניט די טריט, וואָס האָבן דאָ שווערע שפּורן געלאָזן אַרום אירע בייטן, נאָר די הענט, וואָס צערטלען די פּלאַנצן, אַרויסגעשפּראָצטע פון אירע פאַרזעצטע קערלעך, — דאָס זענען דאָך ניט איר פאָטערס הענט. ער,איר פאָטער, האָט פאַר די לעצטע טעג אפילו פאַרן מויל ניט געבראַכט דאָס פעלד און גאָרטן. דער זיידע יאָשע איז דאָ אודאי ניט געווען, ווייל ער האָט אויך ניט דערמאָנט קיין וואָרט וועגן גאָרטן... זאָל עס זיין דער אַגראָנאָם, חבר לערנער, מיט פינף טעג צוריק איז ער דאָ געווען... אָבער די שפּורן זענען נאָך גאָר פרישע.

זי פאָרשט די שפּורן און דערקענט טריט, כמעט שוין פאַר־ווישטע, פאַרבלאָזענע, און טריט פרישע — אפשר נעכטן דאָ געווען. אַרום די שפּראָצונגען — אויך דאָס אייגענע: דערקענט זי פינגער־צייכנס שוין פאַרמעקטע און צייכנס, וואָס אָט נעכטן און אפשר נאָך היינט אינדערפרי האָט זיי אַ האַנט איבערגעלאָזן אַרום די שפּראָ־צונגען... בערע קאָוואַלסקי טוט אַ בליץ פאַרן געדאַנק. אָבער דאָס איז דאָך גאָר ניט מעגלעך, אַז בערע קאָוואַלסקי, אָט דער גרויסהאַלטער; דער געבוירענער שמיד, וואָס ווייסט נאָר צו גלעטן אייזן און בייגן נאָך זיין אייגענעם ווילן נאָך — ער זאָל קומען אַהער צו איר גאָרטן און מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט אַרומשאַרן די געוויקסן און אויסרייסן ווילדע גראָזן. ער וואָלט דאָך אַנדערש געקוקט אויף איר; ער וואָלט דאָך גלאַט אַזוי ניט־מיר, ניט־דיר אַמאָל צוגעקומען

צום ברעזער־ווינקל און פּאַרוואָרפן עטלעכע וואַרימע ווערטער, אויסער די סקאַרבאָווע, טרוקענע ווערטער, וואָס ער, מעשה רעוואָלוציאָנע־רער טשינאָווניק, פּאַרוואָרפט אַמאָל צו איר בנוגע דער צוקונפט פון דאָרף, אָדער צוקונפט פון אידישער איבערוואַנדערונג קיין קרים.

און אפשר יוסף ראַטנער... ער איז צו איר אַ סך צערטלעכער ווי בערע קאָוואַלסקי. נאָר אַ מענטש, וואָס האָט צו איר, צו לאַנען, אַזעלכע געפילן, ווייסט ווי לאַנע האָט פון איר שלאָף אָפּגעריסן צייט און צעגראָבן די פּאָר פּאַסיקלעך ערד... ער, יוסף ראַטנער, אויף איר באַפעל שלעפּט ער איצטער שטיינער און מויערט אַ שטוב...

זי האָט דערהערט טריט גאָר נאָנט. זי איז אַזוי געווען פאַר־כאַפּט פון דער אויסטערלישער זעאונג אַרום איר גאָרטן און האָט גאָר ניט באַמערקט ווי ביילקע איז אָנגעקומען; טריט־ביי־טריט איז זי אָנגעקומען, אַרויפגעפאַלן אויף לאַנעס האַלדז און אויסגעקושט איעדן ווינקעלע פון איר נאָר־וואָס־פאַרוויינטן פּנים. אין ביילקעס פּנים איז שוין ניט געווען קיין שפּור פון פריערדיקן טרויער, פון איר פריערדיקן געוויין.

— זיי מיר מוחל, לאַנע... איך בין ניט ווערט אפילו דיך צו האָבן פאַר מיין שוועסטער, פאַר די אַלע יסורים וואָס כ'פאַרשאַף דיר. איך בין אַ גרויסער חזיר, לאַנע, אַז איך קען נעמען און וויינען — אָנשטאָט פרייען זיך מיט דיין האַרעוואַניע. דו האָסט דאָך אויסגע־פירט וואָס דו האָסט געוואָלט. בין גליקלעך וואָס אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזן.

לאַנע האָט אָנגעקוקט איר אינגערער שוועסטער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. איר האָט זיך געוואָלט זיין גוט צו איר שוועסטער, באַצאָלן איר מיט דער אייגענער מאָס גוטסקייט און צערטלעכקייט, אָבער ס'איז איר אין דער דאָזיקער רגע שווער אויס־געקומען. די הייסע טרערן, וואָס זי האָט דאָ אין פעלד פאַרגאָסן מיט אַ ווילע פריער, האָבן איבערגעלאָזט אַ טרוקנקייט אין איר ליב; די טרערן האָבן זיך געריסן פון אַ צו טיפער פאַרבאָרגעניש. אַזעלכע טרערן האָבן גאָר קיינמאָל ניט באַדאַרפט ווערן אַרויסגערופן צום לעבן. איצטער, ווען איר אינגערע שוועסטער האָט אַזוי נאַטירלעך געריידט צו איר, איז אָנגעשטאַנען אַ טרוקנקייט אין איר מהות;

זי האָט זיך געשפּירט ניט מיט צוויי יאָר עלטער פון איר שוועסטער — נאָר עלטער מיט אַ סך, גאָר אַ סך יאָרן, פול מיט שווערע איבער־לעבונגען, אָנגעלאָדענע מיט יסורים, מיט שטייגן און פאַלן — ביז זי איז אַרויסגעקומען צום קרימער סטעפּ, וואו זי וויל שוין מער ניט פאַלן, וויל שוין מער ניט שטרויכלען.

זי האָט אָנגעקוקט ביילקען און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. ס'וואָלט אודאי בעסער געווען, ווען ביילקע, ווי זי, לאַנע, באַמערקט ווי שיין איר גאָרטן איז אַרויסגעקומען; זי, ביילקע, זאָל באַמערקן און אַזוי זיך חידוש'ן צו דערקענען מענערשע טריט צווישן די בראַזנעס און אַרום די בייטן; מענערשע הענט וואָס האָבן פאַנאַנ־דערגעריירט די ערד אַרום די אויפגעגאַנגענע שפּראָצונגען.

— קום אַהיים, לאַנע, — האָט ביילקע געגלעט לאַנעס פּנים — קום אַהיים, כ'האָב דיר עפּעס צו דערציילן.

— האַ?

— יאָ, לאַנע, איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן, וואָס דיר וועט עס הנאה טאָן.

— דערצייל.

— דאָרטן, לאַנע, וועל איך דיר דערציילן.

— קום, ביילקע, דאָס איז דאָך אונדזער גאָרטן; זע, ווי שיין די קערלעך זענען אויפגעגאַנגען. קוק, אימיצער איז דאָ געווען — זעסט ניט די טריט... אָטאָ־דאָ־אָ, זע די הענט...

ביילקע האָט געקוקט צעשטרייט און ניט תופס געווען וואָס לאַנע מיינט דאָ מיט די פיס־און־הענט־שפּורן.

— אָבער קום אַהיים, בערע קאָוואַלסקי איז געקומען, ער דאַרף דיך זען... ער איז געקומען מיט אַן אַרומגעוואָשענעם פּנים, כאַ־כאַ־כאַ.

איצטער האָט לאַנע אָנגעקוקט ביילקען, געהערט אירע רייד, געהערט בערע קאָוואַלסקיס נאָמען און האָט ניט באַגריפן, וואָס די אינגערע שוועסטער רעדט צו איר.

— וואָס קוקסטו מיך אָן, לאַנע. גלייבסט ניט, אַז ער איז באַנ'אונדז אין שטוב?

— איך גלויב, ביילקע.

— טו וואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי, ווי דו וואָלסט ניט הערן וואָס איך רעד צו דיר?

— גיי אַהיים און זאָג, אַז דו האָסט מיך ניט געקענט געפינען.

— דאָס וויל איך ניט.

— גיי און זאָג אים, אַז איך בין פאַרנומען ביים גאָרטן; אויב ער וויל, זאָל ער קומען אַהער. פאַרשטייסט ניט וואָס איך רעד?

— עפּעס פאַרשטיי איך ניט. אַז איך בין געקומען מיט פרייד־לעכקייט — ביסטו טרויעריק.

— איך וועל איצטער אַהיים ניט גיין; איצטער איז מיר דאָ גוט. דאָ, ביילקע, איז מיר בעסער ווי אומעטום.

לאַנע האָט זיך אָוועקגעלייגט מיטן פּנים אַראָפּ, פּאַזע איר גאָרטן, באַהאַלטן דאָס פּנים אויף אירע אָרעמס. די זון האָט באַ־לויכטן לאַנעס פּלייצעס און די אַנטבלויזטע שמאָלע אַקסלען. אַ מידקייט איז איר באַפאַלן. איר ליב האָט ווידער געגלוסט צו וויינען, זי האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן, שטאַרק, שטאַרק געביסן די ליפּן. אַ שטים האָט פון דער טיף צו איר גערופן: „נאָר ניט וויינען מער, נאָר ניט וויינען מער... זיי שטאַרק, נאָר ניט וויינען מער..."

ביילקע איז אַ צייט געזעסן ביי דער זייט און ניט גע׳פּועל׳ט ביי זיך איבערצו׳חזר׳ן נאָך אַמאָל דאָס וואָס זי האָט פריער געזאָגט. איר שוועסטער פאַרשטייט מסתמא, אַז זי, ביילקע, האָט נאָר געוואָלט איר פאַרשאַפן אַ נחת־רוח, דאַריבער האָט זי דערציילט, אַז בערע איז געקומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף לאַנען. יאָ, לאַנען קען מען ניט אָפּנאַרן.

זי האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צו לאַנען און אַריינגערעדט צו איר:

— קום אַהיים, לאַנע. איך וועל זיין גוט. איך זאָג דיר צו מער ניט צו וויינען. איך זאָג דיר צו, לאַנע. די היים דאָ — איז אונדזער היים... אויף שטענדיק, לאַנע, וועט דאָ זיין אונדזער היים. וועסט זען, דער טאַטע וועט אויך ווערן אַנדערש. איך זאָג דיר צו, לאַנע...

לאַנגע האָט אַלץ שטאַרקער געביסן אירע ליפּן און געהערט ווי דער שוועסטערס רייד און די זון גלעטן אירע נאַקעטע אַקסלען.

* * *

זי האָט געהערט ווי די זון גייט אום איבער אירע אָפּגעדעקטע אָרעמס און נאַקן. זי האָט אויך געהערט ווי איר שוועסטער ביילקע גלעט איר פּלייצע און רעדט צו איר מאַמיש־צערטלעך. נאָר איר איז איצטער ליב געווען צו ווערן אַ שטויבעלע צווישן שטויב ביי דער זייט פון אירע געראַטענע בייטן, וואו איר זריעה איז שוין אויפ־געגאַנגען.

ניט קיין מידקייט איז באַפאַלן לאַנען און אַוועקגעשליידערט ביי מאַמע־ערד אויף דער ברוסט, זי זאָל אויסלערן איר אומבאַגרע־ניצטע בענקשאַפט צו אַ לעבן, וואָס איז אַזוי נאָנט און פאָרט ווייט. אמת, זי האָט ביים בויען די שטוב צופיל כחות אַוועקגעלייגט, און ווען די רויע שטוב איז שוין געוואָרן היים — איז זי גאָר באַשענקט געוואָרן מיט דער שוועסטערס געוויין און פאָטערס טרויער. אויף אַ שמאָל ברעט, וואָס ליגט איבער אַ תהום, טרעט זי איצטער אַריבער פון אַ וועלט מיט אַלטע באַגריפן צו אַ נייער וועלט; אין די לעצטע פאָר טעג האָט זיך דאָס ברעט אונטער אירע פיס גענומען וויגן — אַזש אין די אויגן ווערט צומאָל פינצטער.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: איר לעבן צערייסט איצטער אויף שטיקער אַ האַנט, וואָס איז דאָ אויפן ערד־חלק אַזוי נאַטיר־לעך ווי דער וואוקס פון יונגן דאָרף: אַ יונגער שמיד מיטן נאָמען בערע קאָוואַלסקי האָט איר האַרץ גאָר אָן רחמנות אַרויסגעריסן, אַנידערגעלייגט אויף זיין קאָוואַדלע אין דער פּשוט'ער קוזשניע און ער פאַרמעסט זיך מיטן האַמער איבער איר האַרץ.

זי ווייסט, די נייע צייט האָט זיי ביידן איינס צום אַנדערן ניט דערנענטערט; די נייע צייט האָט אים געגעבן רשות איבער איר; און ניט דער רוף פון איר אייגן בלוט, האָט אים אַרויסגערופן צו הערשן איבער אירע געפילן. וואָס פאַר אַ כח האָט לאַנען געטריבן צו בויען אַ שטוב אין סטעפּ; צו יאָגן און אַרויסיאָגן פון זיך גאָר

דעם יונגן כח, אבי די שטוב זאָל פּאַרטיק ווערן אין איין צייט מיט דער קאָוואַלסקי־שטוב? איז דאָס די נייע צייט וואָס האָט דער פרוי באַפוילן שטאַרק צו זיין און שטיין זייט־ביי־זייט מיטן מאַן? אָדער איז דאָס אפשר אַ מיידלשער קאַפּריז און ניט מער; אַ מיידלשער קאַפּריז, צו באַווייזן דעם שטאַרקן בערע קאָוואַלסקי איר יוגנט און איר צייטיק לעבן...

זי ווייסט, אַז דאָ, וואו זי ליגט איצטער איז ער אומגעגאַנגען; ער האָט עס געטאָן בגנבה, זי זאָל ניט וויסן; ער האָט געטאָן מיט אַ געוויסן צו׳להכעיס. זי וועט אים אודאי ניט פרעגן, צי ער איז געווען אין איר גאָרטן און אַרומגעשאַרט די יונגע פּלאַנצן און אויס־געיעט די ווילדע גראָזן. ער האָט עס געטאָן פונקט ווי פאַר זיך, ער איז דאָ אומגעגאַנגען ווי אין אַן אייגענעם גאָרטן און פונדעסט־וועגן, אין דאָרף, פאַר אַלעמען אין די אויגן — קוקט ער אויף איר פון אויבן־אַראָפּ...

ביי דעם ווערט אויף אַ רגע פאַרטונקלט אין מוח; עס העלפט איר דער שכל ניט אַרויס; זי געפינט ניט קיין תירוץ און קיין באַ־רעכטיקונג אויף אַזאַ באַציאונג צו זיך. זי באַגרייפט די רעוואָלוציע; זי ווייסט אויך וואָס די רעוואָלוציע האָט באַפוילן צו טאָן מיט די וואָס עקשנ׳ען זיך און ווילן בלייבן ביים אַלטן; איז זי דאָך אַ קינד פון דער רעוואָלוציע וואָס איז שוין אַזוי ווייט, אַזוי ווייט אַוועק פון איר אַמאָליקער וועלט.

אַ שטויבעלע וויל זי איצטער זיין צווישן שטויב. ווען די זון גייט אום איבער אירע אָרעמס און נאַקן; ווען איר שוועסטער גלעט איצטער איר פּלייצע, פילט זי, ווי מאַמע־ערד אונטער איר ווערט ווייכער, ווערט וואַרימער — ווי אויף אַ פאַכענער פערענע וואָלט זי געלעגן. זי געדענקט נאָך אַזאַ געלעגער, ווען זי איז נאָך געווען גאָר יונג און צומאָל געלעגן מיט דער מאַמען אין בעט. געווען יעמאָלט ווייך צו זינקען אין ווייכן געלעגער אַריין... גוט איז איר איצטער אַזוי צו שפּירן ביי מאַמע־ערד אויפן האַרצן. גוט איז איר אַזוי צו שפּירן, נאָך דעם ווי גאַנצע אכט וואָכן אַן אָפּרו האָט זי זיך נאָכגעשלעפּט די אָקסן, געדזשוויגעט שטיינער, ברעטער און קלעצער; געקנאָטן ליים און געשלונגען ניכטערן שפּייעכץ. ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן.

א שטוב שטייט פּאַרטיק. אַ היים איז דאָך אויסגעוואַקסן נאָך פריער פון די ווייצן וואָס וואַקסן דאָ נעבן איר... גוט, וואָס עס איז אַזוי געשען. איצטער איז טאַקע גוט אַ דרימל צו טאָן... וואָלט איר שוועסטער איצטער נעבן איר ניט געווען — וואָלט זי זיך אַזוי איינ־געגראָבן אין דער ווייכער, פּוכיקער ערד און שלאָפן, שלאָפן... אַלע גלידער אירע, איעדער גליד באַזונדער נורעט זיך קינדיש אין מאַמע־ערד; נורעט זיך ווי דאָס זשוקעלע, ווי דער וואָרים; אָדער אפשר ווי דער וואָרצל, וואָס גראָבט זיך טיפער, טיפער און זוכט זיין חיונה ביי מאַמע־ערד — — — — — — — — — — — — —

— — — — — האַ, דער טאַטע איז געקומען פון בערלין. זומער־לעב. דרוסן, די ביימער פאַר דער שטוב גרין באַבלעטערט. בלומען פאַרן שטוב. וואַזאָנעס אויף די פענצטער. די מאַמע לויפט אנט־קעגן דעם טאַטן וואָס איז געקומען פון בערלין. אַז דער טאַטע פאָרט קיין בערלין, און ווען ער קומט צוריק — עפנט מען אויף די נייע טשעמאָדאַנעס וואָס ער ברענגט פון דאָרטן; נעמט מען אַרויס מתנות פאַר דער מאַמען און פאַר איר; פאַר דער קליינער לאַנען... דער טאַטע האָט געטראָפן די מאָס: אַ ווייס קליידעלע מיט רויטע בלימעלעך און מיט קרייזעלעך אַרום — פונקט אויף איר. שיכעלעך ווייסע האָט אויך דער טאַטע געבראַכט און האָט צוגעטראָפן די מאָס. פרייט זיך די מאַמע, וואָס דער טאַטע האָט געטראָפן די מאָס. דער טאַטע נעמט זי אויפן האַנט. זי איז שוין אַ שפּאַר־גרויס מיידל — טאַטן איז שווער. אגב ציט צונ׳אים אירע הענטעלעך דאָס אינגערע שוועסטערל ביילקע. איר האָט אויך געבראַכט דער טאַטע אַ קליי־דעלע און שיכעלעך. ציט זי די הענטלעך און וויל אויך אַרויף צום טאַטן אויפן האַנט... דערפאַר לויפט זי, לאַנע, אַרויס דרויסן; זי וויל ווייזן די קינדער אין גאַס, וואָס דער טאַטע האָט איר געבראַכט. קינדער רינגלען זי אַרום. מען טאַפּט דאָס קליידעלע, מען באַטראַכט די קרייזעלעך; מען באַטראַכט אירע שיכעלעך. קינדערלעך קוקן זי אָן און זענען איר מקנא.

דער ווילע שטייען ביים זייט באָרוועסע קינדער, אינגלעך און מיידלעך; אָרימע — פון די אָרימע הייזער. זיי קוקן פונוויטנס צו איר און זייערע פּנים׳ער זענען אומעטיקע; די פּנים׳ער ברוגז׳ע...

אין זייערע פּנים'ער וואַקסט אויס אַ כעס צו איר. מיט די באָר־וועסע פיסלעך הויבן זיי אָן צו קאָפּיען און שיטן אויף איר זייט שטויב פון דער ערד. מיט די באָרוועסע פיסלעך שליידערן זיי צו איר שטיקלעך מיסט... דערנאָכדעם שטעקן זיי אַלע אַרויס צו איר רויטע צינגער, טוען אַלע אַ שפּיי אויף איר ניי קלייד און לויפן אַוועק... ווערט איר אַזוי באַנג ביז צום וויינען. זיי האָבן טאַקע איר ווייס קליידעלע באַשאָטן מיט שטויב, באַוואָרפן מיט מיסט. זי הייבט אָן וויינען און לויפט מיטן געוויין צוריק אין שטוב אַריין, פאַר'מסרן פאַר טאַטע־מאַמע... זי וועט דערציילן, אַז די אָרימע קינ־דער האָבן זי באַשפּיגן. זי וועט פרעגן — פאַרוואָס האָבן זיי באַ־שפּיגן איר ניי קליידעלע...

אָבער ווען זי קומט אַריין אין שטוב, גלייך ביים טיר, ליגט גאָר די מאַמע אַ טויטע, די קליידער אויף איר צעריסן און אַן אָפּ־געשניטענע ברוסט ליגט ביים זייט... איר שוועסטער ביילקע זיצט דאַביי אַ נאַקעטע אויף ד'ערד און שמירט זיך אויס מיט דער מאַמעס בלוט. זי האָט שוין בלוט־רויט דאָס גאַנצע פּנים; מיט בלוט איז אויסגעשמירט איר בויך; און איצטער שמירט זי מיט בלוט די פיס־לעך. ווען זי דערזעט זי, לאַנען, שפּרינגט איר שוועסטערל ביילקע אויף און אַזאַ אויסגעשמירטע און בלוט־רויטע הייבט זי אָן טאַנצן איבערן שטוב...

נעמט זי און טוט אויס דאָס קליידעלע וואָס דער טאַטע האָט איר געבראַכט און וויל מיט געוואַלד אָנטאָן איר שוועסטערל, זי זאָל ניט זיין אַזוי נאַקעט. נעמט איר שוועסטערל און לויפט אַרויס דרויסן. בלייבט זי, לאַנע, אויך אַ נאַקעטע אַליין מיט דער טויטער מאַמען. וויל זי אָנהייבן שרייען, רופן דעם טאַטן — קען זי ניט. האָט זי דאָס לשון אָנגעוואָרן — גלייך ווי מען וואָלט איר האַלדז מיט עפּעס פאַרשטאָפּט, זי זאָל ניט קענען שרייען... און ווי זי קומט אַזוי צו דער מאַמען, צו דער אָפּגעשניטענער ברוסט, נעמט דאָס פאַרבלוטיקטע מעסער וואָס איז געלעגן נעבן דער מאַמען, נעמט און שטעלט זיך אויף. דער טראַניק פון מעסער באַקומט צוויי פיסעלעך... אויפן שפּיץ מעסער — אַ קעפּעלע מיט אַן אַרויסגעשטעקט רויט צינגעלע, מיט צוויי רויטע, בלוטיקע אייגעלעך. און דאָס מעסער־

מענטשעלע הייבט אָן טאַנצן אַרום און אַרום איר טויטער מאַמען; טאַנצט און שפּעטער טאַנצט עס אַרויף אויף דער טויטער מאַמען, שטעלט זיך אַוועק אויף דער מאַמעס בלוי־בלאַסן שטערן און וואַרט אויס מענטשעלע... ווערט צוריק אַ מעסער, וואָס שטעקט ביי דער מאַמען אין שטערן...

נעמט זי זיך אָן מיט אַלע כחות און שרייט אויס — טאַטע!

פון איר אייגענעם אַנגסט־געשריי האָט זיך לאַנג אויפגעכאַפּט. אַ שוויים האָט באַדעקט איר גאַנץ לייב. איר פּנים, וואָס איז געווען איינגעגראָבן אין דאַרנדיקן און שטויביקן גרונט ביי דער זייט פון אירע בייטן, איז אויך נאָס געווען. נעבן איר איז קיינער ניט געווען.

אין דער ערשטער רגע האָט לאַנע געוואָלט אויפשפּרינגען און זיך לאָזן לויפן, ניט צום דאָרף, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זי איז נאָך פול געווען מיט דער שווידערלעכער זעאונג. חלום און וואָר — אַלץ אינאיינעם. ס׳האַרץ האָט הויך געשלאָגן — אַזש אין די שלייפן האָט עס געשלאָגן. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט עס איר גע׳חידושט פאַרוואָס ביילקע איז נעבן איר ניט געווען. זי האָט ניט געקענט אָפּשאַצן אויף קלאָר ווי לאַנג זי איז געשלאָפן. דער־נאָכדעם האָט זי דערשפּירט אַ טעמפּן ווייטיק אין דער לינקער ברוסט, און אַזוי האָט עס אויך גענאָגט אין דער לינקער זייט.

זי האָט אַ בליק געטאָן צום דאָרף. איר שטוב איז געקומען פאַר די אויגן. דער רויטער ציגל־קוימען איבער אַ רויטן מיט דאַ־כעווקעס געדעקטן דאַך... „וואָס האָט די שטוב מיט מיר פאַר אַ שייכות? וואָס קוקט זי אַריבער אַזוי צו מיר? וואָס נאָך וויל די שטוב פון מיר, האָב איך קאָרג כחות אין איר אַריינגעלייגט? וואָס איז אַזוינס אַ שטוב — האָט זי ווייטער געטראַכט — וואָס איז דען אַ שטוב, אויב אין שטוב איז קיין שלוה ניטאָ, אויב אין איר אַליין איז אויסגערונען איעדער סימן פון פרייד?

אַזוי טאַקע איז דאָך עס. אַ שטוב אויפגעשטעלט און ס׳איז ניטאָ קיין חשק צו באַנייען. פאַרוואָס איז דאָס גאָר אַנדערש מיט דער קאָוואַלסקי־שטוב? גאָר אַנדערע מענטשן דאָרטן. זייער שטוב איז געבוירן געוואָרן אַ געזונטע, אַ פריילעכע שטוב; אַ פולע שטוב מיט צופרידענע האָרעפּאַשניקעס. און איר שטוב — אַ קראַנקע

שטוב. זי האָט נאָר אַליין ניט געוואוסט, אַז זי האָרעוועט אַרום אַ קראַנקער היים.

— יאָ, היינט אין אָוונט וועל איך צו זיי אַריינגיין — באַשטימט זי — וועל אַריינגיין ווי אַן אומבאַקאַנטע, ווי אַ פרעמדע. וועל זאָגן: גוטנאָוונט, גלייך ווי איך וואָלט זיי קיינעם ניט געקענט. וועל זיצן און וואַרטן וואָס זיי וועלן מיר זאָגן... וועל צונ'אים, צו בערען, אַפילו קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן; וועל זיך מאַכן, ווי איך האָב אים קיינמאָל אַפילו אין די אויגן ניט אָנגעזעען... אָבער ס'מוז דאָך פאָרט זיין אַ שטיקל תכלית — צוליב וואָס איך בין צו די קאָוואַלסקים אין שטוב אַריינגעגאַנגען...

זי דערקענט פון דערווייטנס ווי מיטן וועג קומט אָן בערע קאָוואַלסקי. זי דערקענט זיין אָקסן־געשפאַן; זי דערקענט זיין גאַנג און געשטעל: ער פירט אַ וואָגן מיט שטרוי, און אַליין גייט ער ביים זייט. ווי איז דאָס מעגלעך. ער זאָל אַזוי גיך שוין האָבן אָוועקגעפאָרן אין שכנות'ן, ניט אידישן דאָרף און פאָרט שוין צוריק מיט שטרוי, ווען זי האָט דאָך אים געזעען מיט אַ שטיקל צייט צוריק פאַרן שטוב? סיידן זי איז אַזוי לאַנג געשלאָפן. זי דערקענט אין דער זון, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרנייגט צו מערב פאַר דער צייט וואָס זי איז געשלאָפן.

וואָס זאָל זי טאָן?... ער, בערע, האָט אָפּגעשטעלט זיינע אָקסן און ער גייט אין דער ריכטונג צו איר. ער פאָכט מיט דער בייטש אין לופטן און קומט אַלץ נענטער צו איר. זאָל זי איצטער זיך אויפהייבן און אַנטלויפן אַהיים? אָבער וואָס פאַר אַ פנים וועט עס איצטער האָבן? ער וועט עס אָננעמען פאַר אַ קינדישקייט; און אפשר גאָר פאַר אַ באַליידיקונג. מער פון אַלץ וויל זי אים איצטער ניט באַליידיקן. ס'וואָלט ניט שאַדטן מיט אים זיך דורכרעדן... כאַ־כאַ־כאַ, זי וועט אים הייסן זיך מודה זיין, אַז ער האָט אַרומגעגראָבן אירע בורעקלעך און אויסגעיעט די ווילדע גראָזן. זי וועט עס אים איצטער צווינגען, ער זאָל זיך מודה זיין.

און אפשר טאַקע זיך אויפהייבן און גיין אַהיים, גלייך ווי זי וואָלט אים גאָר ניט באַמערקט — — —

האָט זי גאָר גענומען און זיך ווידער אַנידערגעלייגט מיטן פנים

צו דער ערד. זי לאָזט עס איבער צונ׳אים. אדרבה, זי וועט אים אויספרואוון, וואָס ער וועט זאָגן. וועט ער טאַקע זיך האַלטן גרויס און פאַרבייגיין, אָדער ער וועט צוקומען נאָנט צו איר און זי אָנרירן. אינעווייניק לאַכט די שטיפערישקייט אין איר. זי ווייסט, אַז אַ סך גלייכער וואָלט געווען, ווען זי שטייט אויף, שטייט אַנטקעגן זיין אָנקומען; זי וואַרט אויף אים; און ווען ער וועט קומען — וועט זי אָננעמען זיין האַנט און וועט אים אויך אַזוי קאַלט און מיט ווערדע אָנקוקן; זי וועט אים מאַכן צו פאַרשטיין וואָס זי מיינט. ער וועט זיך אודאי וועלן פאַרענטפערן פאַר איר, אַז צו איר, צו לאַנגן, האָט ער גאַרניט. אדרבה, ער איז געקומען איר זאָגן — — — —

זי ליגט מיטן פּנים צו דער ערד און הערט זיינע טריט. זענען נאָך ווייט, אָבער זענען איר נאָנט. איעדער טראָט האָט אַן אָפּקלאַנג אין מאַמע־ערד און פון מאַמע־ערד קלאַפּט עס אָפּ אין איר ברוסט. אָט באַלד וועט ער זיך אַראָפּלאָזן נעבן איר, ער וועט אַפּריער אָנרירן איר לינקן אָרעם; דערנאָכדעם וועט ער אָנרירן איר אויבערשטן טייל פּלייצע וואָס איז אָפּגעדעקט... דערנאָכדעם וועט ער מיט אַלע פינף פינגער פון דער רעכטער האַנט אַריין אין אירע געקרויזטע האָר און אַזוי, ביז ווייטיק, וועט ער ציען אירע האָר, ביז זי וועט אויפהייבן דעם קאָפּ צו אים...

אָבער פאַרוואָס ווערן זיינע טריט אַזוי ווייט און ווייטער? דער אָפּקלאַנג פון דער ערד, דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט אין איר בלוט ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער — האָט ער פאַרקערעוועט אויף צוריק? ניט שוין־זשע האָט זי אים באַליידיקט מיט דעם, וואָס זי האָט זיך אַנידערגעלייגט און באַהאַלטן ס׳פּנים אויף ד׳ערד יעמאָלט, ווען זי האָט אים געזעען אָנקומען?

די טריט זענען אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן. ניט אַנדערש, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט; ער קוקט צו איר, וואַרט, זי זאָל אויפשטיין. וועט זי דאַריבער בלייבן ליגן ביז ער זאָל צוקומען צו איר, ביז ער וועט מיט זיין האַנט אָנרירן איר אָרעם. ביז ער וועט זי מיט געוואַלד אויפהייבן פון דער ערד און זאָגן: „קום, לאַנע, קריך אַרויף אויפן וואָגן שטרוי, כ׳וועל דיך אַריינפירן אין דאָרף אַריין“. ער וועט זי אונטערהייבן און אַרויפזעצן אויפן וואָגן שטרוי. כאַ־

כא־כא, זי וועט אויפהייבן דעם קאָפּ און אים אַריינלאַכן גלייך אין פּנים אַריין.

ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — איז שוין בערע קאָ־וואַלסקי געווען ווידער אויפן וועג נעבן זיין געשפּאַן; האָט צורעכט געמאַכט דעם יאָך אויף די אָקסן. זי האָט געקוקט צו׳אים און ס׳האָט איר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נאָך אַלץ אַ טייל פון איר חלום.

זי איז אויפגעשטאַנען, אַ טרייסל געטאָן מיטן גאַנצן גוף; האָט צורעכט געמאַכט מיט די פינגער אירע האָר; האָט אויסגעגלעט דאָס צוגעלעגן קליידל, און מיט פעסטע טריט אָנגעהויבן שפּאַנען אין דאָרף אַריין. זי האָט פעסט געשטעלט טריט — כדי אָנצוקומען אין דאָרף אַריין פריער פון אים.

IX

וואָווע ברעזער האָט לאַנגן אָפּגעוואַרט אין טיר. ער האָט געוואוסט וואו זי איז געווען. ביילקע האָט אים דערציילט ווי לאַנע האָט זיך איינגעגראָבן מיטן פּנים אין דער ערד און געוויינט.

וואָווע האָט זיך אָנגענומען מיט כח און זי באַגעגנט מיט אַ פריילעך פּנים:

— אָט ביסטו גאָר, און איך זוך דיך אַ גאַנצן טאָג אַרום — האָט ער פאָטערלעך צו איר גערעדט און אַראָפּגעווישט פון איר שטערן אַ צוגעקלעפּטן שטרוי — האָסט נישט באַדאַרפט אַזוי שווער האָרעווען; איצטער פילסטו עס. כ׳זע, ביסט געשלאָפן אין פעלד.

לאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן; זי האָט פאַרשטאַנען דעם פאָ־טערס געדאַנקען, און האָט עס אָנגענומען פאַר גוט.

— ס׳איז מיר באַפאַלן אַ מידקייט, אַז כ׳האָב מיר פשוט אַליין פאַר זיך געשעמט. איך זאָג דיר, טאַטע, נאָר אַזוי זאָל מען איבער־שלאָפן די מידקייט; נאָר אַזוי אַנידערפאַלן אין פעלד און אָנזעטיקן זיך מיטן כח פון דער ערד.

זי האָט אַ־צי געטאָן מיט אַלע גלידער און אָנגעהויבן באַטראַכטן די שטוב.

— כאַ־כאַ־כאַ, אַ היים אין מיטן פעלד; ס׳גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז דאָס איז אונדזער היים. אַוואו איז ביילקע?

— מען איז דאָ אַ פּאָר מאָל געווען פון די קאָוואַלסקיס; די קאָוואַלשטשיכע איז געקומען פרעגן אויף דיר. זי וויל, מע זאָל איינאיינעם פּראַוועןאַ חנוכת־הבית; וויל זיך מיט דיר מישב זיין.

און אַביסל שפּעטער, ווי עפּעס געמיינט, האָט וואָווע אָן אַ זייט געזאָגט:

— ער, דער עלטערער זון, איז דאָ אויך געווען, כלומרשט זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר, אָבער אין אמת׳ן האָט ער געוואָלט ביי מיר דערגיין, צי איך גיי אַריין מיט זייטשיקן אין בשותפות׳דיקן פערד־האַנדל.

לאַנע האָט די צווייטע העלפט פון פאָטערס רייד כלומרשט פאַר־הערט און אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט ניט וואָס ער באַדאַרף מיך האָבן?

אירע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן. זי האָט ניט געקענט באַהאַלטן די אויפרעגונג וואָס האָט אָנגעכאַפּט איר לייב.

— אודאי האָט ער אויך געוואָלט מיט מיר רעדן וועגן מאַכן אַ שטיקל יום־טוב... איך זאָג זיך אָפּ צו מאַכן ביי אונדז אין שטוב. זאָלן זיי דעם עולם פאַרבעטן צו זיך.

דערווייל איז אַריינגעקומען רייזל קאָוואַלסקי; האָט זיך ממש געוואָרפן לאַנען אויפן האַלדז:

— אָט איז זי, אייער טאָכטער, אַז מע זעט זי נישט אַרום שטוב, אַז זי ווערט פאַרפאַלן אויף אַ ווײַלע פון די אויגן, ווערט גאָר אומעטיק אַרום. אַ שיין פּנים וואָלטן מיר האָבן אָן לאַנען! מיין בערע זאָגט אויך ס׳אייגענע. ער זאָגט, ווען אונדזער דאָרף זאָל האָבן אַ צען לאַנעס, וואָלט גאָר אַלצדינג אַן אַנדער פּנים געהאַט.

לאַנען איז אָנגעקומען די פאַרב אין פּנים אַריין. גאָר די נאָגעניש, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרקליבן אַרום הארצן איז מיטאַמאָל פאַר־שוואונדן. אַזוי גרינג איז איר מיטאַמאָל געוואָרן, ווייסנדיק, אַז בערע איז אין שטוב געווען. און איצטער נאָך אַ צולאָג, רייזלס רייד... „ווען צען לאַנעס, וואָלט דער דאָרף געהאַט..." קען עס טאַקע זיין, אַז ער זאָל דאָס זאָגן? פאַרוואָס מאַכט ער אַזאַ אָנגעצויגענע

מינע, ווען ער רעדט צו איר? פאַרוואָס באמת ער זיך שטענדיק אויסצוגעפינען אַן אָרט, וואו איר ווי צו טאָן? זי פילט, אַז ווייטער קען עס אַזוי ניט גיין. זי מוז מיט אים רעדן אויף איר אייגענעם שטייגער: מענטש־צו־מענטש, האַרץ־צו־האַרץ... ער איז דאָך אודאי געווען ביי איר אין גאָרטן און אַרומגעשאַרט די יונגע בורעקעס און אויסגעיעט ווילדע גראָזן... שנעל, שנעל זענען די מחשבות געלאָפן, בעת זי האָט געוואָלט פון רייזלס צופרידענעם פנים אַראָפּלייענען דעם אמת מכח בערעס רייד.

רייזל האָט אויפגעכאַפּט לאַנעס אויפרעגונג; כאָטש איר איז ניט געווען קלאָר וואָס די יונגע לאַנע לעבט איצט איבער. ווי אַ מאַמע, וואָס וויל האָבן נחת פון אירע קינדער; זי, רייזל, וואָס האָט צוויי אינגלעך און קיין איין מיידל ניט — האָט מיט איר מאַמעשן חוש אָנגעכאַפּט אַ פּאָר פּעדים, וואָס ציען זיך פון דער דאָזיקער לאַנען צו איר בערען. זי האָט נאָר ניט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס לאַנע און בערע שפּילן עפּעס אַ ברוגז. אמת, אַ נייע צייט אָנגעשטאַנען; ניטאָ שוין מער דער אַמאָליקער יחוס; שטייט שוין אָן פּאָר אַ יחסנ׳ס אַ טאָכטער חתונה צו האָבן פּאַר אַ שמיד... אָבער לאַנע איז דאָך לאַנע; און בערע איז בערע. פּאַסן זיך ביידע איינער צום אַנדערן. אין איר מאַמעשער פאַרשטעלונג האָט זי געזען לאַנען ביי דער זייט פון בערען. כאָטש צוויי שטיבער האָט מען אויפגעשטעלט, בערע באַזונדער און לאַנע באַזונדער, אָבער אין אירע אויגן האָט עס אויסגעזען ווי אַ כלומרשטער געוועט — ווער וועמען וועט אַריבעריאָגן. אין אמת׳ן האָט מען גאָר איין שטוב אויפגעשטעלט. הלואי וואָלט זיך לאַנע שפּירן באַנ׳איר, ביי רייזלען אין שטוב, ווי זי שפּירט זיך איצטער דאָ נעבן לאַנען. ס׳האָט זי אַ פּאָר מאָל אַ ציי געטאָן צו לאַנען, אַרומנעמען זי און אויסקושן אירע ביידע באַקן; זי וואָלט עס אפילו געטאָן פאַר וואָווע ברעזער אין די אויגן. נאָר גאָר אַן אומקלאָרער כח האָט רייזלען אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן.

— מע מוז פּראַווען אַ יום־טוב, אַז מע האָט דערלעבט אַריינצוציען אין אַן אייגענער שטוב, וואו קיין פּאַגראָמען וועלן שוין מער ניט זיין. ביידע שטיבער זענען כמעט אין איין טאָג פאַרטיק

געוואָרן; אפשר האָסטו, לאַנע, אַן עצה, ווי אַזוי מע זאָל מאַכן, סע זאָל אויסקומען גוט? וואָס זאָגט איר? — האָט זיך רייזל געווענדט צו וואָווען.

וואָווע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט; אַגב, האָט ער געוואָלט, לאַנע זאָל הערן, ווען איר הנאה טאָן. אודאי טוט ער ניט גוט, וואָס ער גייט אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— דער כבוד קומט די קאָוואַלסקים — האָט ער אָנגעהויבן — פון די קאָוואַלסקים האָב איך זיך אַ סך אָפּגעלערנט. הלוואי וואָלטן מיר אַלע אַראָפּגענומען אַ גוטן ביישפיל פון אייערע. אַגב, איז דאָך אייער שטוב פּאַרטיק געוואָרן מיט אַ טאָג פריער; געדענקסט דאָך, לאַנע...

— איך זאָג אויך, אַז באַנ'אייך זאָל זיין דער חנוכת־הבית. מיר וועלן קומען אייך העלפן. אַלץ וואָס מיר האָבן — וועלן מיר צונויפלייגן אינאיינעם. באַנ'אונדז איז פאַראַן אַביסל ווייסע מעל; מירן בעטן כאַסיען, זי זאָל העלפן אָפּבאַקן געשמאַקע זאַכן... אודאי נאָך באַנ'אייך.

— וועל איך עס גיין זאָגן בערען; וועל אים זאָגן, ער זאָל זיך מיט דיר מישב זיין, ווי אַזוי און ווען. טוט מיר הנאה, וואָס מע'וועט האָבן אַ שטיקל שמחה.

אַ צופרידענע איז רייזל אַרויסגעגאַנגען. אָבער אין שטוב ביי די ברעזערס איז ווידער אָנגעשטאַנען אַ שטילער אומעט. דאָס וואָס לאַנע האָט אַליין איבערגעלעבט אין פעלד האָט ווידער אָנגעהויבן נאָגן אין האַרצן. מיטן פאָטער וואָלט זי געהאַט חשק צו רעדן; אַ סך רעדן; אָנהייבן ווידער פון אָנהייב. ווייל זי ווייסט, אַז דער טרויער, וואָס קלעמט זי, קומט פון אים אַרויס, פון איר פאָטער, וועלכער גייט שטילערהייט איין, זינט מען האָט אַריבערגעוואַנדערט אַהער.

— דו ווייסט, טאַטע, בין אַנטשלאָפן געוואָרן נעבן אונדזער פעלד. אַזאַ שטאַרקער שלאָף איז אויף מיר אָנגעפאַלן, גלייך ווי פאַר די אַלע טעג, וואָס מיר זענען דאָ האָב איך מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. און טרעף וואָס מיר האָט זיך גע'חלום'ט? וועסט אודאי ניט טרעפן. מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז דו ביסט געקומען פון דייטש־

לאַנד, געבראַכט פאַר די קינדער קליידלעך. איך בין נאָך אַ יונג קינד. אַ ווייס קליידעלע מיט ראָזע בלימעלעך איז מיינס געווען. האָב איך עס אָנגעטאָן און ארויס אין גאַס, ווייזן די קינדער, וואָס פאַר אַ קליידעלע דו האָסט מיר געבראַכט. נעמען די קינדער און פאַרוואַרפן מיך מיט בלאָטע. האָב איך אַזויפיל געוויינט, אַזויפיל געוויינט... כ'קלער, ס'נעמט זיך דערפון, וואָס דו, טאַטע, טראַכסט נאָך אַלץ פון יענע צייטן. כ'ווייס, אַז דו טראַכטסט פון יענע צייטן.

לאַנע האָט ניט געבלאָנדזשעט מיט אירע געפילן. וואָווע האָט אָבער ניט געוואָלט מודה זיין, אַז זיין קלוגע טאָכטער איז גערעכט. פאַרקערט, ער האָט געמאַכט אַ פריילעכן פנים און געזאָגט:

— איך האָב געהאַט אַ ידיעה, אַז דער אַגראָנאָם האָט שוין געקויפט אַ קו פאַראונדזערטוועגן. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זי ברענגען.

— אַ קו אין אַ פּאָר טעג אַרום? ווייסט ניט — אַ רויטע, צי אַ שוואַרצע?

לאַנע האָט זיך אַזש צעטאַנצט, אָנגעכאַפּט וואָווען פאַר די הענט און אים מיטגעצויגן:

— אַ קו וועט זיין, און איך וועל זי מעלקן... אַוואו איז ביילקע? זי ווייסט דערפון?

— דאַגה נישט, לאַנע, קוק זיך נישט אום אויף מיר. באַדאַרפסט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן דווקא יעמאָלט, ווען מען האָט אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין. וויל מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ אָפּגעריסן. נישטאָ מער דער אַמאָל. ס'איז מיר נאָך קלערער געוואָרן, אַז דער אַמאָל איז נישטאָ מער. אָבער ס'וועט איבערגיין. איך ווייס אַזוי גוט ווי דו, מיין טאָכטער, אַז איך באַדאַרף צום אַמאָל נישט בענקען מער. נו, זאָל זיין אַזוי; וועסט זיי העלפן, די קאָוואַלסקיס, וועט'ן זיך אַביסל משמח זיין.

— ס'וועט זיין גוט, טאַטע. ס'איז שוין איצטער בעסער ווי געווען. וויפל איז דאָס ווערט ביי דיר וואָס דו ביסט געוואָרן אַ מענטש; האָסט שוין אַלע רעכט ווי דער אַרבעטער, ווי דער פּויער?

— איצטער, לאַנע, זאָג איך גאָרניט; ביסט אויסגעהאָרעוועט. מען דערעסט נישט. קיין חידוש נישט. נאָר ווען ס'איז געקומען צו

רייד, זאָג איך דיר, אַז איך טראַכט נישט אַנדערש: אויפֿן ווינטער וועסטו פאַרן קיין מאָסקווע און וועסט זיך לערנען. קיין תּכלית נישט, דו זאָלסט דאָ פאַרגרעבט ווערן. פריער איז געווען פאַרשפּאַרט די טיר פון גימנאַזיע, איז נישט שייך. אָבער איצטער — — — —

פאַר לאַנען איז דאָס געווען גאָר אומדערוואַרט. ניט שוין־זשע מיט דעם טראָגט זיך איר פאָטער אַרום? זי האָט אַ ווײַלע דעם פאָטער אָנגעקוקט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן אויף דעם.

אַז זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט זי ווי אַליין פאַר זיך באַמערקט:

— מיינסט, כ'וועל דיך איבערלאָזן אַליין?

— ביילקע וועט מיט מיר זיין ביז־וואַנען, ביז־וואָס.

לאַנע האָט אים אָנגעקוקט, געוואָלט דערגיין נאָך אַנדערע סודות וואָס ליגן הינטער די אַרויסגעזאָגטע ווערטער.

וואָווע האָט דערשפּירט לאַנעס בליק; ער האָט באַמערקט אַ חשד אין אירע אויגן. ניט פאַררירכטן האָט ער געוואָלט דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק קאַליע געמאַכט; נאָר שטאַרקער מאַכן דאָס אַרויסגעזאָגטע; אויף לאַנען צו מאַכן אַ שטאַרקערן איינדרוק:

— וואָס מיינסטו, איך וועל זיך דאָ באַגראָבן אויף אייביק און זען ווי די קינדער ווערן דאָ פאַרגרעבט? זאָל מען נאָר לאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, וועל איך צוריק אַרויף אויפֿן פערד. כ'בין נאָך דערווייל נישט קיין צעטראָטענער. איך בין אַהער געגאַנגען, כדי איך זאָל צוריק באַקומען רעכט, טאַקע ווי דער אַרבעטער און דער פויער; מיינע קינדער זאָלן זיך קענען לערנען, קומען צו אַ תּכלית.

— מאַכסטו אַ טעות, אויב דו טראַכסט אויף אַזאַ אופן מיר גוטס טאָן. איך רעד ניט פאַר ביילקען. איר איז אפשר דאָ ניט גוט. אָבער פאַר מיר — דאגה ניט. אויף אַזאַ שטייגער וועסטו מיר קיין גוטס ניט טאָן. איך ווייס וואָס איך האָב מיך אונטערגענומען.

— ווילסט נישט לערנען מער? וואָלסט נישט וועלן אַריין אין אוניווערזיטעט?

— פאַרוואָס איז עס דיר פּלוצלונג געקומען אויפֿן זינען יעמאָלט ווען די שטוב איז פאַרטיק געוואָרן; ווען אויף דיר

קוקנדיק, האָבן נאָך איבערוואַנדערער אָנגעהויבן מיט חשק צו מאַכן זייער היים? ניין, טאַטע, איך טראַכט ניט מער פון דער שטאָט. וואָס איך באַדאַרף נאָך לערנען — וועל איך דאָ לערנען. ביים לעבן וועל איך לערנען; ביי דער צייט וועל איך לערנען. מיטביילקען קענסטו רעדן פון דעם; זי וועט זיך דערשפּירן גליקלעך, אויב דו וועסט איר דערציילן, אַז צו ווינטערצו וועט זי פאָרן אין שטאָט אַריין.

דערוויילע איז אַריינגעקומען דער אַלטער יאָשע:

— איך בין געווען ביי דיין גאָרטן, לאַנע; ס'איז דאָך אַ פיינער גאָרטן. אַלץ קריכט פון דער ערד אַרויס. וועלן זיין בורעקעס, וועלן זיין קאַווענעס. און דו ווייסט, מיין זון, מע שמועסט, אַז גאָר בקרוב וועט'ן דאָ האָבן אַ ספר־תורה און מע'וועט קענען דאַווענען שבת. איי־איי־איי, וועט עס זיין גוט... שמערל אָסטראָווער זאָגט, אַז אַ ספר־תורה גייט שוין אַהער. וואָס זאָגסטו, מיין אייניקל? איינקלייני־קייט, אַ ספר־תורה... דאָ אין שטוב וועט זיין דער מנין.

לאַנע האָט שלעכט געהערט, וואָס דער אַלטער יאָשע האָט גערעדט. זי איז געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט וואָס דער אַלטער איז אַריינגעקומען און איבערגעריסן דעם שמועס וואָס זי האָט געהאַט מיטן פאָטער. זי איז אַרויס דרויסן און אַוועק צום אַנדערן עק דאָרף, וואו די ראַטנערס האָבן זיך גע'עסק'ט אַרום דער שטוב, וואָס איז שוין געשטאַנען ביז צו די קראַקוועס.

יוסף ראַטנער איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע קני און גע־קנעטן ליים פאַר די צוויי ניט־אידישע מוליאַרעס, וואָס האָבן איינ־געמויערט די קאַלכשטיינער איבער די פענצטער. ער איז אַביסל מטושטש געוואָרן, ווען זי איז אָנגעקומען. ער האָט אין איר פּנים דערקענט די אויפרעגונג.

— גוט אַזוי, חבר ראַטנער. ווען דו וועסט זיך פאַרמאַטערן, זאָלסטו מיך אַ רוף טאָן, וועל איך קומען העלפן. אָבער מיטן תנאי, אַז אין דערדאָזיקער שטוב זאָלסטו איבערווינטערן.

יוסף ראַטנער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איר פּלוצלונגער אָנקומען, איר אָנבאָט אים צו העלפן — איז פאַר אים געווען אַ סוד, ווייל זי האָט זיך די גאַנצע צייט ווי געהאַלטן פונדער־ווייטן. אמת, איעדן טאָג קומט זי צו, וואַרפט אַ בליק אויף זיין

ארבעט — אָבער אַזוי ווי איצטער, מיט אַזאַ גרייטקייט... ס'פאַר־דריסט אים, וואָס ער איז ביז די קני אויסגעשמירט אין ליים; די הענט באַנ'אים אין ליים. דער סטודענט אין אים וואָלט חשק האָבן אַרויסצוקריכן פון דער איצטיקער פאַרלייִמיקטער פעל אַרוים און מיט דער אַביסל פאַרכמורעטער לאַנען אַוועק אין פעלד אַריין און טאַקע אַראָפּרעדן פון האַרצן אַלץ וואָס ס'האָט זיך פאַר די עטלעכע וואָכן אָנגעקליבן.

— כ'האָב אַ סך פון וואָס צו ריידן מיט דיר, חבר'טע לאַנע... גו, האַלסטו זיך פון ווייטן. יאָ, חבר'טע לאַנע, דאָ באַדאַרפן זיך מענטשן ניט האַלטן גרויס ביי זיך.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך לאַנע פּלוצלונג צעלאַכט.

— אָט דאָס איז עס, חבר'טע לאַנע; ביסט געקומען איצטער, געוואָלט מיט מיר שמועסן; כ'האָב עס אין דיר דערקענט; אָבער ווי נאָר איך האָב אַרויסגעוויזן מיין גרייטקייט — האָסטו אָנגעהויבן צו לאַכן. דיין טבע, דאָס טוסטו שטענדיק.

— כ'וועל עס אויפהערן צו טאָן, ווען דיין שטוב וועט זיין פּאַרטיק; ווען דיין גאַנצע משפּחה וועט זיך אַריינזעצן אין שטוב אַריין און זיך דערשפּירן גליקלעך, ווי נאָר אַ מענטש קען שפּירן אין אַ היים אויף אַ נייער ערד, אין אַ נייער צייט; אין אַ היים אַליין אַ פאַרהאָרעוועטער — כאַ־כאַ־כאַ.

— אָט לאַכסטו ווידער. לאַכסט פון דיינע אייגענע קלוגע רייד. אודאי איז דאָס קלוג וואָס דו האָסט נאָר־וואָס געזאָגט. אַזוי טראַכט איך אויך. אַ־ניט וואָלט איך דאָ איצטער ניט געשטאַנען אָן אויס־געשמירטער אין ליים און אין בלאָטע.

— כ'מיין גאָרניט מיט מיין לאַכן, חבר ראַטנער. איך בין געקומען, מיר זאָלן איינאַיינעם אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי צו פּראַווען אַ חנוכת־הבית. ניט ביי אונדז, ביי די קאָוואַלסקיס וועלן מיר דאָס טאָן.

— דאָס האָסטו באַדאַרפט אַרומרעדן מיט די קאָוואַלסקיס; מיט אים, מיט אונדזער עלטסטן פון דאָרף.

— ניין, ניט וועגן דעם האָב איך געמיינט צו רעדן; דאָס וועל איך טאַקע באַדאַרפן איבעררעדן מיט בערען.

— כ׳וויל זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת, חבר׳טע לאַנע, צי טראַכסטו טאַקע דאָ אין דאָרף לעבן; כ׳מיין ווינטערן?

— כ׳טראַכט צו טאָן דאָס איינענע, וואָס דו טראַכסט צו טאָן.

— איך קלער, אַז כ׳וועל העלפן מיינע אויפשטעלן די שטוב, וועל נאָך מיט זיי בלייבן ביז איבער שניט־צייט און נאָכדעם וועל איך אוועק קיין מאָסקווע.

— אזוי האָסטו באַשלאָסן?

—כמעט ווי באַשלאָסן.

— ווען איך וועל דאָ אפילו בלייבן ווינטערן? — האָט לאַנע צונ׳אים שטיפעריש אַ פּינטל געטאָן מיטן רעכטן אויג.

— דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען... אויב ס׳וועט ווערט זיין צו בלייבן — וועל איך. נאָר איך קוק ווי דו גייסט אַרום נאָר פּוסט־און־פּאַס; בין ניט געוואוינט געוועז צו זען לאַנען אזוי... וואָס, איבערגעגעסן זיך מיט די גוטע האָפענונגען, הא?

— שלעכט פאַרשטייסטו לאַנען. היינט איז ביי מיר אַ יום־טוב, נאָר איך האָב ניט מיט וועמען מיטצו׳יום־טוב׳ן; דריי מיך אַליין איבערן סטעפּ.

זי האָט געזען פון וויטן ביילקען אָנקומען און זיך געלאָזן איר אַנטקעגן.

X

דערווייל האָט זיך אויף די אידישע פעלדער באַוויזן אַ שונא, אין געשטאַלט פון פרעמדע טשערעדעס שאָף און רינדער. פון ניט־אידישע אַרומיקע דערפער האָט מען די דאָזיקע „שונאים" אַרויסגע־שיקט אויסצושפּירן דעם כח פון די ניי־אַריבערגעקומענע אין קרימער סטעפּ. טריט פון שאָף און רינד; אָפּגעגריזשעטע תבואה; אויס־געטראָטענע און אויסגעוואַלגערטע, האַלבצייטיקע ווייצן, האָבער און גערשטן. אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף די פעלדער! פון וויטן קומען ידיעות; פּחדים׳דיקע ידיעות. קאָוואַלסקים קוקורוזע און לאַנעס באַשטאַנעס זענען נישט געשוינט געוואָרן. דער עולם איז צערודערט. דער עולם איז אומרואיק.

אַן אומרואיקער פרימאָרגן איז דאָס געווען. אין אַ רעדל שטייט דער עולם פאַר קאָוואַלסקים קוזשניע. ווער עס קוקט אין דער ווייט, ווער עס קוקט צו דער ערד — אָבער איינער דעם אַנדערן אין די אויגן האָט מורא צו קוקן; איינער אין דעם אַנדערנס אויגן קען די שרעק אַרויסלייענען.

— זיי פאַרגינען נישט.

—שונאים ווילן אָנוואַרפן אַ פּחד אויף די אידישע איבער־וואַנדערער.

— אַפריער האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז אידן וועלן גיין צו דער ערד, האָבן זיי געשוויגן; איצטער ווילן זיי פאַרלויפן דעם וועג און איבערשרעקן.

— ווייסט גאָר נישט די מלוכה, אַז שונאים ווילן אונדז פאַרטרייבן?

— אַפריער לאָזן זיי אַרויף די בהמות אויף די אידישע פעלדער, און שפּעטער וועלן זיי קומען צינדן אונדזערע הייזער.

— אַ־וואַ, ס׳איז גאָר נישט פרייליך, — האָט דער אַלטער יאָשע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מירן טשאַטעווען ביינאַכט, פאַרנעמען זייערע בהמות, פאַר־נעמען און מעלדן דער מאַכט — האָט בערע קאָוואַלסקי געמונטערט.

— זיי זענען די מאַכט, זענען זיי שטאַרקער, — האָט וואָווע ברעזער שטיל געענטפערט, — מען האָט ביי זיי צוגענומען פעלדער און אָפּגעגעבן אידן; פאַרדריסט עס זיי.

— זאָלן זיי וויסן, אַז אַ רעוואָלוציע איז געווען אין רוסלאַנד— האָט לייזער דער שמיד אַריינגערעדט מיט כעס גלייך וואָווע ברעזער אין פּנים אַריין.

— מירן זיך שטעלן אַנטקעגן און געבן קלעפּ — האָט געפּאָכעט מיט דער פויסט אין דער לופטן נאָטע קרעטשמער — די מלוכה איז מיט אונדז.

— אויף ווי־און־וויסט האָט מען אונדז אַהער אַראָפּגעבראַכט— האָט געברומט אין זיין רויטער באָרד אַריין יוסף ראַטנערס טאַטע.

— אודאי איז מען נאָך מיטן לעבן אינגאַנצן נישט זיכער — האָט אַ צעשראָקענע כאַסיע אַסטראָווער געוויישט די טרערן.

— חברים, ווער וועט היינט ביינאכט גיין טשאַטעווען אין פעלד? לאָמיר באַווייזן, אַז אידן זענען אַהער געקומען נישט אויף ליטיש געלעכטער; זאָלן עס זיין דייטשן, זאָלן עס זיין טאַטערן — לאָמיר זיי באַווייזן!

אויף בערע קאַוואַלסקיס רוף האָט מען ניט געענטפערט. פונ־דעסטוועגן, אַז דער טאָג איז אַריבער, די נאַכט איז אָנגעקומען — האָבן די שטאַרקע, די יונגע און די גלויביקע זיך צונויפגענומען און באַשטימט גיין וואַכן אין די פעלדער. אויב אַ געשלעג — זאָל זיין אַ געשלעג. אַז די שטאַרקע און די גלויביקע זענען אַוועק אין פעלד אַריין, איז אין דאָרף געבליבן די אומרואיקייט. די קאַוואַל־סקי־מאַנסבילן זענען אַוועק. פיניע זייטשיק און נאָטע קרעטשמער האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און זענען אויך מיטגעגאַנגען. צווישן די שוואַכע זענען געווען וואָווע ברעזער און זלמן קאַסאַי.

וואָווע ברעזער האָט די מיידלעך ניט געוואָלט לאָזן גיין אויף אַ וואַך־נאַכט אין פעלד אַריין. לאַנע האָט געגלויבט, אַז די יונגע מענער וועלן זיי קומען רופן, אָבער קיינער האָט עס ניט געטאָן. האָט זי זיך דערשפּירט צווישן די שוואַכערע. דווקא ביילקען האָט דער אינגערער קאַוואַלסקי איינגעלאַדן מיטצוגיין. לאַנע איז אויס־געמיטן געוואָרן, כאָטש לאַנעס גאָרטן האָט מען אויך שטאַרק צע־טראָטן; דער גאָרטן איז איר ניט געגאַנגען אין לעבן איצטער. די פּאָר בייטן זענען נעלם געוואָרן פון איר דמיון; עס איז גיכער געווען אירע לויטערע האָפענונג, וואָס איז פּלוצלונג פאַרשאָטנט געוואָרן.

ביילקע האָט ניט געוואָלט גיין צוליב לאַנען; זי האָט געשפּירט, אַז מיט לאַנען האָט אימיצער ניט גוט געהאַנדלט. זי ווייסט ווער דער אימיצער איז, און זי קען אים איצטער ניט אַרויסברענגען פאַר די ליפּן. רעדן מיט לאַנען וואָלט ניט געווען שכל׳דיק; כאָטש בייביידן אויף די ליפּן איז געלעגן דער נאָמען בערע.

ווען די שטאַרקערע זענען אַוועק זיך פאַרטאַיען אין די פעלדער, זענען צו די ברעזערס אַריינגעקומען די צעשראָקענע. כאַסיע אָסטראָ־ווער און איר מאַן שמערל, זלמן קאַסאַי און דער רויט־באַוואַקסענער

אַלטער ראַטנער זענען אַריינגעקומען מיט פּחד אין די אויגן — ווי ערב אַן אומגליק.

— וואָס האָט איר אַזוי אַראָפּגעלאָזן די קעפּ? — האָט לאַנע געפרעגט.

— צי איך ווייס וואו איך בין אין דער וועלט? — האָט קאָסאַי נעקראַצט זיין באָרד — מע׳איז אַרומגערינגלט מיט שונאים... פון די גוי׳אישע דערפער לאָקערט מען אויף אונדז. האָבן געוואָרט, געוואָרט — ביז אויף די פעלדער וועט זיך די תבואה אויפהייבן. ווער ווייסט, אפשר האָט זיי אימיצער אַ וואונק געטאָן, אַז מע מעג.

— שטעלן זיך אַנטקעגן זענען מיר נישט בכח — האָט וואָווע מסכים געווען.

— זאָל שוין זיין וואָס סע וויל, אַבי־נאָר חלילה קיין פּאָגראָם זאָל נישט זיין... כ׳האָף, אַז מע וועט אָפּקומען נאָר מיט שרעק; וועלן מיר נאָך מאָרגן פּראַווען דעם חנוכת־הבית...

— נע, אַז מע האָט לחלוטין פאַרגעסן אָן דעם וואָס אין הימל... נע, באַווייזט ער אַ פינגער — האָט דער אַלטער יאָשע געשאָקלט מיט זיין לאַנגער באָרד.

לאַנע האָט זיך איבערגעקוקט מיט ביילקען; זי האָט פאַרביסן די ליפּן און אַרויס דרויסן. געווען אַרום האַלבע נאַכט. אַ וואַרימער ווינט האָט געבלאָזן פון מערב־זייט און אָנגעבלאָזן אַ שלעפעריקייט. אַן אויסגעשטערנטער הימל איז לויז געהאַנגען; האָט אויסגעזען ווי די שטערן בייטן זיך מיט די ערטער.

לאַנע האָט אָנגעשטעלט די אויערן און זיך איינגעהערט צו דער נאַכט. האָט נאָכגעפּאָרשט די קלאַנגען, וואָס די נאַכט האָט איבערגעשיקט דיכט ביי דר׳ערד. זי האָט געוואָלט מיטן חוש דערגיין וואו די שטאַרקערע האָבן זיך פאַרטאַיעט. פול מיט סודות איז געווען דער ביינאַכטיקער דרויסן. לאַנע וואָלט חשק האָבן אַוועק שטיל, טריט־ביי־טריט,, ווייטער פון דאָרף; איז דוקא איצטער כאַפּט זי אַרום אַ פּחד. זי איז דאָך אַזויפיל מאָל שפּעט ביינאַכט געווען אַליין דרויסן, געווען ווייט אין פעלד, און דאַסמאָל האָבן גענומען מענטשן און אָנגעוואָרפן אַ פּחד איבער די אידישע פעלדער.

— ווי איז דאָס פונדעסטוועגן אַזוי, אַז ער זאָל מיך אפילו

ניט דערמאָנען מיטגיין? — בויערט אַ מחשבה אין לאַנעס מוח, און טוט וויי.

ביילקע איז שטיל אַרויסגעקומען דרויסן, זיך געשטעלט זייט־ביי־זייט נעבן לאַנען.

— וואָס טראַכסטו, לאַנע?

— האַ? איך טראַכט גאָרניט. מיר ווערט שווער, אַז איך הייב אָן צו טראַכטן. האָבן זיך צונויפגענומען אין שטוב און וואַרטן אויף אַ פּאָגראָם. ס'פאַרדריסט מיר נאָר, וואָס כ'האָב דעם טאַטן אַהער גענומען. צופרי האָבן מיר אים אַהער געבראַכט. כ'בין מקנא יעדן איינעם וואָס איז ניט געראָטן אין אונדזערע. מיר האָבן זיך ניט מיט וואָס צו באַרימען, ביילקע. מיט וואָס איז וואָווע ברעזער מער יחסן פון לייזער דעם שמיד?

— ניט קיין יחסן; איז ניט שטאַרק גענוג — האָט ביילקע שטיל געזאָגט.

— אַ יחסן איז אַ טרוס. נאָר צוליבן יחסן זענען די פּאָגראָמען געווען. דער יחסן האָט אפילו ניט געוואוסט ווי זיך אַנטקעגן צו שטעלן. און איצטער, ביי דער ערד, איז ווידער דאָס אייגענע.

— וואָס־זשע ווילסטו טאָן, לאַנע?

— מיר פאַרדריסט; מיר טוט שטאַרק וויי, ביילקע.

— וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן?

— קום מיט מיר, ביילקע, כ'קען אין שטוב ניט איינזיצן.

ביילקע איז מיטן חוש נאָכגעגאַנגען לאַנעס מחשבות. רעדן מיט לאַנען אָפנהאַרציק האָט זי זייער אָפּט געהאַט חשק; זי האָט ניט איינמאָל געוואָלט פאַרציען מיט לאַנען דעם שמועס און איר אויפווייזן, אַז פאַר די ברעזער־מיידלעך איז ניט קיין אָרט אין דאָרף; אַז בויען פאַר זיך אַ היים אין אַ דאָרף — איז ווי גראָבן אַ קבר. זי איז חושד, אַז לאַנעס גאַנצע צוגעבונדנקייט צום שווערן לעבן דאָ, ליגט אין דער באַהאַלטענער ליבע צום עלטערן קאָוואַלסקי; ווען ניט דאָס, וואָלט לאַנע שוין דאָ לאַנג ניט געווען. לאַנע איז איר אַ שאָד. לאַנע וועט איינגיין גאָר אינגיכן, ווען די ערשטע אַנטוישונגען וועלן אָנקומען.

אָבער איצטער האָט זי מיט עפּעס געוואָלט העלפן לאַנען; ווען אפילו איבער איר אייגענעם כח — וועט זי לאַנען העלפן:

— גוט, לאַנע, קום איך גיי מיט דיר. זיי מוזן זיין ערגעץ נעבן די גרינערע פעלדער, נעבן האָבער — ווילסט ניט גיין, לאַנע?

לאַנע האָט ניט געענטפערט; זי האָט געכאַפּט ביילקען פאַר דער האַנט און גענומען זי ציען טיפער אין דער נאַכט אריין. אַלע־ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, און ווייטער געשפּאַנט אויפן וועג צו די האָבער־פעלדער.

און מיטאַמאָל — אַ שאָרך איבערן סטעפּ! טריט; אַ סך דראָבנע טריט. גאָר אומגעריכט איז יוסף ראַטנער אָנגעקומען אַ צעשראָקענער אַנטקעגן.

— ווער גייט עס? — האָט לאַנע פאַרוואונדערט געפרעגט.

יוסף ראַטנער איז צוגעקומען נאָענט, און אריינגעקוקט די מיידלעך אין פּנים אריין:

— כ'האָב געמיינט, איר זענט אוועק מיט די מענער אין פעלד אריין; איר האָט אויך מורא?

— איך האָב ניט קיין מורא, — האָט לאַנע טרוקן געענטפערט.

—ס'וואָלט שוין מיין פוס דאָ לאַנג ניט געווען, ווען כ'וואָלט האָבן מורא... קום, לאָמיר אַלע דריי אינאיינעם גיין זיי אויפזוכן!

— איך ווייס דעם וועג צו די האָבער־פעלדער, קומט, כ'וועל אייך פירן, — האָט ביילקע געמונטערט.

כאָטש קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט גיין, פונדעסטוועגן זענען זיי טריט־ביי־טריט געגאַנגען אַלץ ווייטער אין סטעפּ. אַלע דריי זענען געגאַנגען מיט אַן אומקלאָרן וועג און מיט אומקלאָרע געפילן. אַלע דריי האָבן געמוזט גיין, ווייל אַלע דריי זענען געצויגן געוואָרן פון אַ כח, וואָס האָט גע'כישופ'ט און געהייסן גיין. דער כח איז געווען אין דעם יונגן און הייסן בלוט, וואָס איז אוועק וואַכן איבער די פעלדער.

מיטאַמאָל, גאָר ניט ווייט — צענדליקער און אפשר הונדערטער גליענדיקע פייערלעך אַנטקעגן... די פייערלעך מיגלען זיך און גלאָצן פונקט אויף זיי.

— וואָס איז דאָס?

— האָ, ווער איז דאָרט?

— אַ סטאַדע שעפּסן קוקט אויף אונדז!... זייערע אויגן גליען.

— יאָ, דאָס זענען זיי, די שעפּסן!

— וואָס טוט מען? — האָט ביילקע אַ צעשראָקענע געפרעגט — אפשר זאָל מען רופן די מענער אַהער?

— אפשר איז דאָ נאָענט זייער פּאַסטעך, אָדער עטלעכע פּאַסטע־כער... וועלן באַפאַלן — האָט יוסף ראַטנער געוואָרנט.

— פאַרנעמען! — האָט לאַנע מיט אַ שיפּען באַפוילן. — אויב פּאַסטעכער — וועלן מיר די שעפּסן אָפּשלאָגן... דו, יוסף, פאַרלויף זיי פון הינטן, און איך און ביילקע פון ביידע זייטן; צום דאָרף וועלן מיר זיי טרייבן!

דאָס אָנגעשטרענגטע בלוט איז אויפגעלייזט געוואָרן, און אַ שלאָג געטאָן מיט אימפּעט און היים איבער אַלע גלידער. ס'האַרץ האָט געקלאַפּט — ניט בלויז אויס פּחד, נאָר מיט אַ געמיש פון פרייד און נצחון.

— קומט אַהער, שעפּ—סען! — האָט לאַנע גערופן.

— שעפּ—סען, פרעמדע שעפּ—סען! — האָט ביילקע אונטער־געהאָלפן.

יוסף איז געשטאַנען אַ געפּאַלענער ביי זיך. ער האָט באַשטימט ניט מיטצוגיין נאָך לאַנעס געפילן. ער האָט שווייגנדיק געמאַכט זיינע פּלענער. לאַנע איז אים ניט געקומען אַנטקעגן אויף זיין שטעג, און איצטער האָט ער ניט געוואָלט, אַז לאַנע זאָל אויספירן. איצטער, אין דער פינצטערניש, מיט די פיס באַפעסטיקט אויף זיין אָרט, הערט ער דאָס אָטעמען פון פרעמדע שעפּסן, און עס שרעקן אים די גליענ־דיקע שעפּסענע אויגן. דוכט אים, אַזאַ פייערל גליט איצטער אין לאַנעס אויגן; לאַנע באַפעלט אים צו שרייען: שעפּסן! און ער קען עס ניט אויסשרייען.

— וועסט טאַקע די פרעמדע שעפּסן פאַרנעמען? — האָט יוסף געגאַפט.

— הוליאַ־האָ!... הוליאַ־האָ!... העלפט מיר זיי טרייבן צום דאָרף; מירן זיי ברענגען ביז צום סאַמע דאָרף... הוליאַ־האָ... הוליאַ־האָ!... לאָזט זיי ניט אָן אַ זייט... הוליאַ־האָ!... הוליאַ־האָ!...

די שעפסן האָבן געפאָלגט לאַנעס באַפעל; זיך געריבן זייט־אָן־זייט, מיט אַ שטויב און מיט פייער אין די אויגן זענען זיי געטריבן געוואָרן צום אידישן יונגן דאָרף. און אַזוי זענען אַלע אָנגעקומען אין דאָרף אַריין.

לאַנע האָט געלאָזט ביילקען און יוסף'ן ביי די שעפסן און אַליין איז זי אַריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב:

— קומט אַרויס, קומט אַלע אַרויס און גיט אַכטונג זיי זאָלן ניט אַנטלויפן; אַ סטאַדע שעפסן האָבן מיר פאַרנומען!

און איידער־וואָס, איידער־ווען, איז לאַנע אַרויס פון שטוב; אַוועק אין דער נאַכט; מען האָט אַפילו ניט געקענט אויפכאַפּן וואָהין זי איז אַוועק.

לאַנע איז אַוועק צוריק אין פעלד. אַפּלויפנדיק אַ שטיק וועג, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געהערט. האַ, יוסף... עפּעס אַזוי פּרעמד און מיט שנאה האָט ער אויף איר געקוקט... וואָס וויל ער, יוסף, פון איר?

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד און זיך איינגעהערט.

וואָס וועלן זיי זאָגן אויף אַזאַ סטאַדע שעפסן? האַ, וואָס וועט ער זאָגן, ווען מען וועט אים דערציילן, אַז לאַנע האָט פאַרנומען די סטאַדע שעפסן? כאַ־כאַ־כאַ — לאַכט עס אין איר — ער וועט גאָר ניט וועלן גלויבן, אַז מען וועט אים דערציילן.

זי ליגט אין סטעפּ מיט אַן אויער צו דער ערד. זיינע טריט וויל זי דערהערן. אפשר וועט ער אויך קומען מיט אַ טשערעדע אָקסן. זי פאַרגינט עס אים. ער איז דער שטאַרקער אין דאָרף. אָ, זי פאַרגינט אים, ער זאָל קומען מיט אַ טשערעדע אָקסן... זי דערשפּירט אַ מידקייט אין אַלע גלידער. כאָטש די נאַכט איז אַזאַ וואַרימע, פונדעסטוועגן לויפט הין־און־צוריק אַ קאַלטער שוידער דורך איר לייב.

זי ציט די באָרוועסע פיס אונטער, קליידל אַרונטער, און הערט זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו די קולות וואָס קומען פון אַנדערן עק דאָרף.

— לאַ—נע!... לאַ—נע!...

מען זוכט זי אַרום. זי דערקענט ביילקעס שטים. פון דאָרף

קומען די קולות. עס ווערט שטאַרקער דער גערודער, וואָס קומט מיט דער נאַכט פון דאָרף: „לאַ—נע!...‟ און ביילקעס רוף ווערט אויס־געמישט מיט אַנדערע קולות.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַ טרייסל געטאָן מיט די פּלייצעס, צו פאַרטרייבן פון זיך די קעלט, און געפּרואווט באַנעמען וואָס דאָ איז געשען. „אַ חרפּה, וואָס אַזוי איז דאָס געשען... סטייטש, פאַרנומען אַ טשערעדע שעפּסן און אַנטלאָפן צוריק אין פעלד אריין... ניט אַזוי האָב איך אים באַדאַרפט באַגעגענען. ער באַדאַרף מיך איצטער זען; זאָלן זיי אָנקומען די שטאַרקע און זען, אַז לאַנע...‟

די קולות אין דאָרף ווערן שטאַרקער. זי דערקענט אַ סך אייגענע און אַ סך פרעמדע קולות. עס טוט זי אַ ריס פון אָרט, סטראָמגעלאָף לאָזט זי זיך לויפן צוריק אין דאָרף אריין.

— אַז זי קומט אָן — גלויבט זי ניט אירע אויגן: ניט נאָר שעפּסן — פערד און אָקסן גליען מיט די אויגן אין דער פינצטערניש. דער גאַנצער דאָרף איז אויף די פיס. אַ פּאָר גויים זענען דאָ, און קוקן צעשראָקענע אין דער נאַכט אריין. מען שרייט, מען קריגט זיך — איינער דעם אַנדערן שרייט איבער.

— ביילקע, דאָ בין איך.

לאַנע האָט געכאַפּט ביילקען אונטערן אָרעם, זיך געצויגן אויף די שפּיץ־פינגער און אריינגעקוקט אין עולם אריין. די גויים האָבן זיך פאַרענטפערט. די גויים דערציילן, אַז זיי האָבן ניט געמיינט צו טאָן קיין שלעכטס.

— אדרבה, — טענה'ט אַ צעשראָקענער פּויער, — מיר זענען אַליין אַרוים זוכן אונדזערע בהמות, וואָס צוליב אַן אַלטער געוואוינ־הייט קריכן זיי נאָך, די פאַרשאָלטענע, אויף די אידישע פעלדער... דאָס זענען דאָך פריער אונדזערע פעלדער געווען, טאָווארישטשי, טפּוי אויף זיי, די פאַרשאָלטענע, — ציט עס זיי נאָך; ליגט זיי נאָך דער טעם פון דעם גראָז, וואָס וואַקסט אויף אייערע פעלדער... מער וועט אַזעלכעס נישט געשען... מיר ווייסן, מיר ווייסן, אַז די סאָוועט־טישע וולאַסט האָט נישט ליב קיין באָבע־מעשיות... זאָג איך דאַרי־בער, מע זאָל לעבן בשלום. אדרבה, שניט־צייט — וועט'ן נאָך קומען אייך באַהילפיק זיין...

— זאָל מען פרעגן לאַנען, זי האָט די שעפּסן פאַרנומען; וואָס זי וועט הייסן, אַזוי וועט מען טאָן.

גאָר אומגעריכט פאַר אַלעמען האָט עס געזאָגט בערע קאָוואַלסקי.

אָבער אידן זענען קיין גזלנים ניט. נאָך איידער לאַנע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם; איידער לאַנע האָט זיך דורכגעקליבן אין די אומגעריכטע ווערטער — האָט מען פון עולם אויסגערופן:

— לאָזט אַרויס די שעפּסן און די אָקסן, זאָלן זיי גיין בשלום!

— לאָמיר זיי באַווייזן, אַז מיר זענען נישט געקומען פאַרכאַפּן זייערס.

— נעמט אייך אייערע שעפּסן און אייערע אָקסן און גייט אייך געזונטערהייט...

אידן האָבן נאָך אונטערגעהאָלפן אַרויסצוטרייבן פון דאָרף די פרעמדע שעפּסן און די פרעמדע אָקסן. און ערשט יעמאָלט, ווען די פויערים האָבן זייערס פאַרנומען, האָט דער אידישער עולם גרינגער אָפּגעזיפצט. אַ ווײַלע איז מען נאָך געשטאַנען און נאָכגעקוקט אין דער פינצטער וואו דער „שונא" איז פאַרשוואונדן; זיך צוגעהערט צו די דראָבנע שעפּסן־טריט און שווערע אָקסן־און־פערדישע טריט, וואָס האָבן זיך דערווייטערט.

יעדערער אויף זיין אופן האָט באַטראַכט דאָס געשעענע. כאַסיע אַסטראָוואַער האָט עס פאַרטייטשט:

— קיין חידוש נישט, ווען ס'באַפאַלט אַ פחד אויף אַ מענטשן. נאָר כ'האָב געמיינט, אַז אידן האָבן מורא פאַר די גויים; לאָזט זיך גאָר אויס, אַז די גויים האָבן מורא פאַר די אידן... מע זעט, אַז ס'איז טאַקע אַן אַנדער צייט אָנגעשטאַנען.

ווען דער עולם האָט צוביסלעך אַוועקגעצויגן יעדערער אין זיין זייט, איז בערע נאָענט צוגעגאַנגען צו לאַנען, האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און מיט אַ לאַכעדיקן פנים געזאָגט:

— נעם מיך אַריין צו זיך אין שטוב אַריין שלאָפן אויף היינט ביינאַכט; מיט דיר וועל איך קיין מורא ניט האָבן צו שלאָפן היינט ביינאַכט...

לאָנע האָט זיך געמאַכט, אַז זי פאַרשטייט ניט וואָס ער מיינט. פונדעסטוועגן האָט זי ניט געוואָלט בלייבן שולדיק:

— דו בעסער גרייט זיך צו אויף מאָרגן, וועלן מיר זען ווער עס קען בעסער טאַנצן. אַ גוטע נאַכט.

אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

XI

די טעג זענען געשטאַנען שיינע. אויף קרימער פעלדער האָט די תבואה געצייטיקט. די שרעק וואָס דער אומגעריכטער שונא אין געשטאַלט פון שעפסן און רינדער, וואָס זענען ביינאַכט באַפאַלן אידישע פעלדער, — די דאָזיקע שרעק איז שנעל אַריבער. מיט די לויטערע טעג איז גלויבן געקומען; אַ גלויבן, אַז די ערד וועט מען שוין פון אונטער די אידישע פיס ניט אַרויסנעמען; און די האַנט פון דער מאַכט וואָרנט יעדן שונא, וואָס וויל שטערן דעם אידישן איבערבוי ביי דער ערד.

די פּאָר פּאַרטיקע שטיבער האָבן שוין צום פעלד אַרויסגעקוקט, און געמונטערט די וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך איבערן פעלד באַוועגט. אפילו די וואָס האָבן געקלערט אָפּלייגן דאָס בויען אויפן צווייטן זומער — זענען אויך מיט מער האָפענונג אומגעגאַנגען אין פעלד, ווען פונדערווייטנס האָבן אַרויסגעבליקט די גאַנצע און האַלב־פּאַר־טיקע שטיבער. דאָס פעלד אַליין, דאָס גערעטענע פעלד, האָט גע־וועקט ביי די איבערוואַנדערער דעם גלויבן, אַז מאַמע־ערד איז געטריי; מען קען זיך צו איר דערנענטערן מיט דער האָפענונג אויף אַ רואיק לעבן. אָבער היימלאָזע, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זענען דאָך די מערערע געווען. גענומען און אָפּגעזאָגט זיך פון שטעטלשן לעבן — און ס'פעלט אַ דאַך איבערן קאָפּ. האָט מען זיך געפרייט מיט די פּאָר שטיבער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון יונגן דאָרף צום ווייטן און ברייטן קרימער סטעפּ. ס'האָרץ האָט געגלוסט אַראָפּוואַרפן פון זיך אויף אַ ווייַלע די שווערמוטיקייט; אַראָפּשיילן אויף אַ ווייל פון לייב די אָנגעוואַקסענע קאָרע... דער יום־טוב פון בויען איז

געקומען צו דער שוועל פון דאָרף און געמאָנט. דער עולם האָט אין בלוט דערשפּירט אַ פרייד, וואָס האָט געזוכט אַ וועג צום דרויסן.

די טעג זענען געשטאַנען שיינע. לאַנע האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די מרה־שחורה, וואָס האָט זי אַ פּאָר טעג געהאַלטן אין קלעם. זי האָט ביילקען גע׳מוסר׳ט אויפן הויכן קול פאַר איר דערשלאָגנקייט, און מיינען האָט זי געמיינט זיך אַליין. זי איז אַוועק צו די קאָוואַל־סקים און געבראַכט איר באַשלוס, אַז דעם חנוכת־הבית זאָל מען פּראַווען ביי די קאָוואַלסקים אין שטוב.

רייזל דעם שמידס האָט געוואָלט באַווייזן, אַז נאָר די ברעזערס קומט דער כבוד, באַשר זייער שטוב איז דאָך פּאַרטיק געוואָרן אַביסל פריער. רייזל דעם שמידס האָט עס ניט אַרויסגעבראַכט; אין האַרצן האָט זי געשפּירט — אַז ס׳וואָלט געווען אַ יושר אָנצוטאָן דעם נחת די ברעזער־מיידלעך: „מיידלעך, נעבעך אַליין, אָן אַ מאַמען; אַליין מיט אייגענע כחות, אַליץ געטאָן אַרום שטוב — איז ניט קיין עולה, די שמחה זאָל זיין ביי זיי אין שטוב...״

לאַנע האָט אויסגעפירט. ביי די קאָוואַלסקים האָט מען געגרייט דעם יום־טוב. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געהייצט דעם באַק־אויוון מיט וואָס מען האָט געקענט: מיט שטרוי, מיט פערדישע־און־שאָפענע־מיסט, און מען האָט געבאַקן פון אויסגעזיפּטע קאָרענע מעל געל־גרויע, שווערע קיכלעך. די האָרעפּאַשניצע באַסיע אָסטראָוועך האָט אַרויסגעוויזן גאָר איר בריה׳שקייט, און פון אויסגעזיפּטע ווייצענע מעל האָט זי אָפּגעבאַקן אַ מין שטרודל, אינעווייניק מיט ראָזשינקעס און מיט צימערונג אפילו...

ביי די ברעזערס אין שטוב איז נאָך געווען אַביסל אמת׳ע ווייצענע מעל; טאַקע פיין געביטלטע, נגיד׳ישע מעל; און אַביסל אייל. האָט לאַנע ביי זיך אין אויוון געבאַקן קיילעכדיקע קיכלעך. מיט אַ פלאַש געוועלגערט דאָס טייג און מיט אַ בראָנפן־גלעזל אויס־געשניטן קיילעכדיקע קיכלעך. אפילו וואָווע ברעזער האָט אָן אויג געוואָרפן צו דער טאָכטערס געבעקס, און געשמייכלט צופרידן. ביי אַלעמען איז דאָס געבעקס געלונגען. פאַרשמירט, אין אַש צעברענט, אַביסל אָפּגעזעסן און מיט זשליוביקעס — אָבער ס׳איז פאָרט גע־

לונגען... ערשטע געבעקס, אין ערשטן אויוון, אין אַ נייער היים אין פרייען סטעפּ.

די אידן אין פעלד האָבן פונדערווייטנס געזען ווי עס שפּאַרט אַ טונקל, גרוי־געלער רויך פון די נייע, רויטע קוימענס; די מיטן גוטן חוש הריח האָבן פונדערווייטנס דערשמעקט דעם באַ'טעמ'טן ריח פון יום־טוב'דיקע געבעקסן. נחום, דעם שמידס אינגערער בחור, איז אַלעווײַלע אַרײַנגעלאָפן צו די ברעזערס, פאַרקוקט צו די מיידלעך און געכאַפּט התפעלות פון זייער געניטקייט אין קיכלעך באַקן. כאַסיע אַסטראָווער איז עטליכע מאָל אַרײַנגעקומען צו די ברעזערס. אינדער־שטיל אײַנגערוימט אַ סוד די מיידלעך, אַז ביי די קאָוואַלסקיס קען מען זיך ניט אָפּלויבן פון זייער גוטסקייט: „אין אמת'ן האָט עס באַדאַרף זיין ביי די ברעזערס; נאָר אַ דאגה, וואָס איז דער חילוק — ס'איז דאָך אַלעמענס יום־טוב.”

מער ניט, וואָס יוסף ראַטנער האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיינע געפילן. נאָך בייטאָג, ווען לאַנע איז געפאָרן מיט די אָקסן צום ברונעם אָנגיסן אַ פעסל וואַסער, האָט יוסף ראַטנער זיך ניט געקענט באַהערשן, האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט ביי דער שטוב, אַרויסגעקומען צום וועג, פאַרשטעלט די אָקסן דעם וועג און אַ קוק געטאָן אויף לאַנען מיט ביטול.

לאַנע האָט אַ לאַך געטאָן און געפרעגט וואָס דאָס באַטייט.
האָט ער געזאָגט:

— חבר'טע ברעזער האָט צופיל דרך־ארץ פאַרן געבוירענעם פּראָלעטאַריער.

לאַנע האָט געמאַכט אַ פּנים ווי זי פאַרשטייט ניט דעם מיין פון זיינע ווערטער. מיט אַ צאָב־צאָבע צו די אָקסן, האָט זי אַוועק־געצויגן צום ברונעם. אָבער יוסף'ס שטעכווערטער האָבן געטראָפן אין אַ קראַנקן אָרט. ניט געווען די ריכטיקע צייט דאָס איר צו זאָגן. וויפל זי האָט דערנאָכדעם די דאָזיקע ווערטער ניט געטריבן פון זיך, זענען זיי איר נאָכגעלאָפן און געזומט אין די אויערן אריין: „חבר'־טע לאַנע האָט צופיל דרך־ארץ פאַרן געבוירענעם האַרעפּאַשניק”.

לייזער דער שמיד און זיין זון בערע האָבן אַ גאַנצן טאָג „גע־מיינסטרעוועט”. פון אויסגעבאָרגטע ברעטער האָבן זיי קונציק

צונויפגעשלאָגן טישן — ניט צו שעדיקן די ברעטער מיט די טשוועקעס. ביי די ווענט האָט מען אויף אויסגעבאָרגטע קאַלכשטיינער אַנידערגעלייגט ברעטער און געמאַכט חשוב׳ע בענק צום זיצן.

פאַרנאַכטצו האָט דער עולם שוין דעם יום־טוב געשפּירט אין די ביינער. די פּאָר דער צייט אויסגעבויגענע פּלייצעס האָבן דערשפּירט באַנייטע יוגנט און געגלוסט זיך אויסצוגלייכן. מען האָט געגנישטערט אין די פּעקלעך, קופערטלעך און טלומיקעס, און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט צעקנייטשטע בגדים. פיניע זייטשיק האָט אויסגעפּוצט זיינע שטיוועלעך מיט די לאַדעשקעכאָלעווקעס — זיי האָבן געגלאַנצט ווי לאַקירטע. שמערל, דער מלמד, דער גרויסער בעל־בטחון, האָט זיין זאַפּרען־באָרד צעקעמט, און זי געלופּטערט אַנטקעגן בלויען, זוניקן הימל. זלמן קאַסאַי האָט זיינע שטיוול אַוועקגעטראָגן אין נאָנטן דאָרף אַריין צו פאַרריכטן און ניט באַוויזן צו באַקומען זיי אין צייט — האָט ער זיינע פיס אָרומגעוואַשן, אַ באָרוועסער, אין שבת׳דיקן, צעקנייטשטן סורדוט, וואָס ער האָט נאָך אַמאָל אַליין געניייט; נאָך אַ שעה פאַרנאַכט איז ער אַרוים מיט דער לענג פון דאָרף, געמאָסטן מיט די אויסגעוואַשענע פיס די לענג פון דאָרף, און צום ערשטן מאָל געשפּירט דעם טעם פון אייגן לאַנד.

אויך כאַסיע אַסטראָווער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז אין שטעטל איז זי ניט געווען פון די לעצטע; ווען אַ יום־טוב, ווען מען האָט באַדאַרפט — האָט זי פון זיך אַראָפּגעוואַשן די אָרימקייט. ווען מען האָט באַדאַרפט, האָט זי געקענט נאָך פאַרבעטן אירע יונגע יאָרעלעך, וואָס האָבן אַזאַ הארציקן געלעכטער פאַרמאָגט. ס׳איז ביי איר איצטער געווען גלייך, ווי זי וואָלט זיך געגרייט גיין אויף אַ חתונה, וואו איר לייבלעכע שוועסטער וועט פירן צו דער חופּה אַ בת־יחידה... אין אמת׳ן איז כאַסיע געווען די, וואָס האָט באַמערקט און זיך ניט געקענט אָנזעטיקן געננוג מיט דער גערעטעניש אָרום. זי האָט גוט געדענקט ווי דער דאָזיקער סטעפּ האָט אויסגעזען בסך־הכל מיט אַ עטלעכע וואָכן צוריק, און איצטער — אַ חנוכת־הבית! קענטיק שוין אַ אידישער דאָרף, ווי ער וואַקסט און וואַקסט ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. איצטער, ווען זי האָט זיך דערשפּירט יום־טוב׳דיק —

באַגרייפֿט זי וואָס דער יום־טוב באַטייט. אודאי באַדאַרף מען באַווייזן פֿאַר דער וועלט אַ איינגערן פּנים.

אַז די זון איז פֿאַרגאַנגען, האָט שוין ביי די קאָוואַלסקים יעדעס ווינקעלע אין שטוב אומגעדולדיק געוואַרט, דער יום־טוב זאָל זיך אָנהייבן. „עך, קלעזמאָרים ווען מע האָט — אַ חתונה וואָלט מען דאָך אָפּגעשפּילט!...” רייזל האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגעקוקט צום דאָרף אַרויס, פונדערווייטנס געזען לאַנגעס פּראַצע, און געטראַכט... אוי, וואָס האָט זי דען ניט איבערגעטראַכט? מיט אַלדאָס־גוטס איז איר קאָפּ פֿול געווען: מיט אַלדאָס־גוטס אָנגעלאָדן; ווי נאָר אַ מאַמע קען עס באַווייזן, ווען נחת איז פֿול איבער די ראַנדן — אָט־אָט, גיסט זיך עס אַריבער.

— וואָלסט, מיין זון, אַריבערגעגאַנגען צו די ברעזערס, פֿאַר־בעטן די מיידלעך אַהער... כ'ווייס, זיי וועלן אַליין קומען. אָבער ס'פּאַסט אַזוי, דו זאָלסט זיי פֿאַרבעטן.

דאַביי האָט נאָך רייזל אַ פּילדייטיקן שמייכל געטאָן.

בערע האָט געוואָלט אָפּענטפֿערן; ער האָט געוואָלט, ווי זיין שטייגער, דער מאַמען אויפוואַרפֿן, אַז זי האָט נאָך אַלץ דרך־ארץ פֿאַר די שטעטלשע יחסנים, — ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. אַ ווייטער געדאַנק האָט אים איצטער באַלויכטן אַ שטיקעלע פֿון לעבנס־אמת. ער האָט אָפּגעשאַצט דער מאַמעס געפֿילן. אָבער ווען ער איז אַרויס דרויסן, האָט ער דערהערט דאָס אָנקומען פֿון אַגראַנאָמס אויטאָמאָביל, און געבליבן וואַרטן.

חבר לערנער איז ניט געקומען אַליין. ער האָט מיטגעבראַכט פֿון אַן אַנדער ערשט־געבוירענעם דאָרף עטלעכע אידישע פּויערים, יאָדערדיקע אידן, שבת'דיק אויסגעפּוצט, וואָס האָבן מיטגעבראַכט עטלעכע פּלעשלעך משקה; און איינער פֿון זיי, דער ליבלינג פֿון אומבאַקאַנטן יונגן דאָרף, דער עלטסטער פֿון יענעם דאָרף, — האָט אַ פֿידעלע מיטגעבראַכט. די געסט זענען צוגעפֿאָרן צו די קאָוואַל־סקים.

איצטער האָט שוין דער עולם פֿון אומעטום געצויגן צו די קאָוואַלסקים. די געסט זענען געווען שטאַרק אָנגעלייגט. די געסט האָבן מיט זייער אָנקומען שטאַרק געמונטערט:

— דערלעבט! — האָט לערנער געקלאַפּט אין פּלייצע לייזער דעם שמיד — ס'איז ניט בלויז אַ שטוב, חבר קאָוואַלסקי, ס'איז אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייעם לעבן, פאַר אַ נייעם ישוב אויף אַ באַ־פרייטער ערד.

די אָנגעקומענע געסט האָבן מסכים געווען מיט חבר לערנער.

— זאָלן נאָר אויסוואַקסן די ערשטע אידישע דערפער, וועט מען באַווייזן דער וועלט, אַז אידן זענען נאָך אויך עפּעס ווערט ביי גאָט.

— פאַרוואָס עפּעס ביי גאָט? ביי דער רעוואָלוציע באַדאַרפן אידן זיך דערדינען, — האָט דער גאַסט מיטן פידעלע אונטערגעכאַפּט.

— האָבן פאַרדינט, סיי ביי גאָט און סיי ביי דער רעוואָלוציע, כאַ־כאַ־כאַ — האָט זלמן קאַסאַי מנצח געווען.

די ברעזערס זענען אויך מיטן עולם אָנגעקומען. לאַנע האָט זיך ניט איבעריק אויסגעפּוצט. האָט נאָר גוט דאָס פּנים אויסגעוואַשן — אַזש דאָס בלוט האָט זיך געוואָלט פון די באַקן ארויסרייסן. זי האָט דעם חבר לערנער גענומען אונטערן אָרעם און אָפּגעפירט אָן אַ זייט.

— פאַרוואָס קומט איר צונ'אונדז אַזוי זעלטן, חבר לערנער? מיר איז אַזוי טרויעריק געווען, און איר האָט גאָר ניט געוואוסט. נעמט מיך אַמאָל ארוים אין אייער אויטאָמאָביל אַהין — וואו אידן בויען דערפער. כ'וועל זען ווי נאָך אידן בויען, וועל איך צוקריגן אביסל מוט, חבר לערנער.

— ווערט איר נאָר ניט אָן אייער מוט. איך דערצייל אין אַלע דערפער, ווי אַזוי איר יאָגט איבער אונדזערע מענער. אָבער גוט, מיר'ן טאַקע ווען־עס־איז אַרויספאָרן. מיר'ן נאָך שפּעטער רעדן דערפון. קומט, באַקענט זיך מיט די איבערוואַנדערער וואָס כ'האָב אהער געבראַכט. זיי האָבן שוין אויך זייערע שטיבער פאַרטיק.

ביסלעכווייז איז ביי די קאָוואַלסקיס די שטוב פול געוואָרן. דער עולם האָט באַטראַכט די ווענט; געטאַפּט די ווענט; געשמעקט די ווענט, צי דער ריח פון מיסט, וואָס איז איינגעקנעטן אין ליים, האָט אויסגעוועפּט. די שטוב האָט אויף חידושים אויסגעזען; גלייך ווי צום ערשטן מאָל האָבן זיך די אידן דערשפּירט אין אַ שטוב, מיט אַ סטעליע און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. דערוואַקסענע אידן האָבן

זיך דערשפירט קינדיש, געגלוסט ארויפצושטעלן זיך העכער אויף די בענק ביי דער זייט וואנט.

די ערשטע לחיים׳ס האט מען געמאכט, און די שטוב איז געראמער געווארן. די ערשטע לחיים׳ס האט מען געמאכט, און די צוויי קעראסין־לעמפלעך אויף די ווענט האבן גאר העלער אויפגעלויכטן:

— לחיים!

— לחיים!

— לחיים!

— דערלעבט, אידן בויען דערפער; אידן אקערן און זייען!

— אך, אך, ווי מע האט עס דערלעבט!

— מע זעט שוין, אז דער איד וועט באלוינט ווערן פאר זיינע יסורים און פלאגענישן פון אלע יארן...

— לחיים!

— לחיים!

— לחיים!

— ווען נאר אן אמת׳ע גערעטעניש...

— ס׳גלויבט זיך דערווייל נישט, אז דאס האט׳ן אידן אוועקגעגעבן די ערד אויף צו׳אמת׳ן.

— כאטש אליין געאקערט, אליין געזייעט — גלויבט זיך פונדעסטוועגן נישט, אז דאס איז מיין פראצע פון דער ערד אויפגעגאנגען!

— לחיים!

— לחיים!

— לחיים!

— איך זאג, אידן, מע איז פון גלות פטור געווארן!...

— נישט נאר פון גלות — טאקע פון מצרים ארויס, לחיים!

— לחיים!

— לחיים!

— זאל עפעס אונדזער אגראנאם זאגן, חבר לערנער!

— זאל עפעס אונדזער עלטסטער זאגן, חבר קאוואלסקי!

נאטע קרעטשמאר האט זיך אנידערגעשטעלט אויף א באנק און

געמאַכט אַ צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן. כאָטש ער איז געווען אַביסל בגלופינ׳דיק, האָט ער פונדעסטוועגן געוואוסט וואָס ער וויל זאָגן. מיט אַ גלעזל בראָנפן אין האַנט, האָט ער אָנגעהויבן:

— אָט דאָס איז, חברים, אַ נייע שטוב. וואָס איז אַ נייע שטוב? אַ שטוב איז נישט מער ווי אַ שטוב... געווענדט נאָר — וואו די שטוב שטייט, און ווער ס׳האָט זי אַוועקגעשטעלט. די מלוכה אַליין האָט געהייסן, דאָ זאָל שטיין די שטוב וואָס די קאָוואַלסקים האָבן געוואָלט... איז דאָס שוין אַן אַנדער שטוב. איז דעריבער, לחיים, חברים! זאָלן מיר נחת האָבן פון אַזאַ־אַ שטוב... כ׳מע, ס׳קומט עפּעס ביי מיר נישט אַרויס... לחיים, חברים, לחיים!

— אונדזער אַגראָנאָם, חבר לערנער, זאָל עפּעס זאָגן... חבר לערנער!

— איך האָב פון אייך נחת, אָט וואָס איך וויל אייך זאָגן, — האָט דער ניכטערער חבר לערנער גערעדט. מען האָט אים קוים געהערט. — איר וועט פאָרן זומער האָבן צוואַנציק הייזער. ס׳קען גאָר בעסער ניט זיין, חברים. די געסט זענען געקומען אָנקוקן, וואָס איר האָט באַוויזן פאַר אַזאַ קורצער צייט. נאָר מוט, נאָר חשק, וועט איר זיך אַליין ניט אַרומקוקן, ווי אַ אידישער דאָרף וועט דאָ שטיין. פאַרקוקט זיך אַלע אויף די קאָוואַלסקים און אויף די ברע־זערס.

— צונויפרוקןביידע שטיבער — האָט זלמן קאַסאַי, שוין אַ צוגעשנעבעטער, אויסגעשריען — לאָמיר אַלע אַרויסגיין דרויסן און צונויפרוקן ביידע שטיבער!...

ביי דעם האָט דער עולם פאַרוואָרפן האַנט אויף אַקסל, אָנגע־הויבן צו זינגען אַ ברייטן, צעיאָכמערטן ניגון, און זיך אַוועקגעלאָזן טאַנצן אויפן ווייכן דיל. דער ווייכער, ערדענער דיל האָט זיך אונ־טערגעגעבן אונטער די שווערע שטיוואַליעס, אונטער די שווער־געוואָרענע פיס. קיין אמת׳דיק געזאַנג האָט זיך ביים עולם ניט אַרויסגעריסן. יעדער איינער האָט געפּרוואווט דאָס וואָס ער קען; ווער מיט אַ ראש־השנה׳דיקן ניגון און ווער ס׳האָט געהויבן די פיס מיט אַ שמחת־תורה׳דיקן ניגון... די ניגונים האָבן זיך געריסן צום

פענצטער, דערגרייכט צו דער סטעליע און זיך געפּלאָנטערט צווישן די שווערע, האָפּענדיקע פּים...

וואָווע ברעזער איז געבליבן מיט זיין דערשטיקטן געמיט. אין פאַרלויף פון טאָג איז ער אַ פּאָר מאָל געווען אין פעלד; פאַרן פעלד געוואָלט אויסגיסן זיין געמיט. און איצטער אויך, ווען דער עולם האָט געטרונקען און געטאַנצט, — האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ פרעמדער. קיין לחיים האָט ער ניט געמאַכט; בלויז מיטן קאָפּ צוגע־שאָקלט, אַז מען האָט אים געוואונטשן לחיים. נאָר איצטער, ווען זלמן קאַסאַי האָט דערמאָנט זיין שטוב, און דער בגלופינ׳דיקער עולם האָט געפּאָדערט, מען זאָל די שטיבער צונויפרוקן — איז ער גאָר אינגאַנצן שטיל ארויסגעגאַנגען פון שטוב.

לאַנע האָט עס באַמערקט. זי האָט געבעטן ביילקען, זי זאָל אַרויס דרויסן און איבעררעדן דעם טאַטן, צוריק אַריינקומען אין שטוב אַריין. ביילקע האָט געפאָלגט און איז אַרויס דרויסן.

יוסף ראַטנער האָט דאָס באַמערקט און איז אויך אַרויס. לאַנע האָט דעריבער גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. איצטער האָט זי ניט געוואָלט אַרויסגיין. איר איז געווען קשה׳דיק יוסף׳ס האַלטונג; אַרויסצוגיין איצטער און אים באַגעגענען האָט זי ניט געוואָלט. זי האָט אַריבערגעקוקט צו בערען, וועלכער איז געשטאַנען אין ווינקל צווישן צוויי בענק. ער האָט ניט געטרונקען קיין סך, אָבער זיין פּנים איז געווען בלאַסער ווי שטענדיק. ער איז איצטער געווען דער איינציקער מענטש, וואָס וואָלט זי געקענט דערמוטיקן און דערמונטערן, זי זאָל ווידער ניט אַריינפאַלן אין דעם טרויער, וואָס האָט פון איר שטיקער געריסן מיט עטלעכע טעג צוריק.

„צי איז ער טאַקע אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אָדער דאָס איז ער נאָר צו מיר אַזוי?... ווען ס׳וואָלט אַן אַנדער מיידל געווען...״

לאַנע האָט פּלוצלונג אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן בלוט אירן; אַ נעם געטאָן כאַסיע אָסטראָוווער און זיך אַוועקגעלאָזן מיט איר טאַנצן:

— דאגה׳ט ניט, חבר׳טע כאַסיע! היינטיקן זומער וועט דאָ אייער היים אויך שטיין. איך וועל אַרויסהעלפן אייער מאַן... מאָרגן

וועל איך נאָך פֿאָרן ברענגען שטיינער פֿונזיינעטוועגן. אַ, ווי שיין איר טאַנצט! איר טאַנצט דאָך ווי אַ יונג מיידעלע...

לאַנע האָט געפֿילט ווי סע שטיקט איר אין האַלדז, אָבער זי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. מיט בערען וואָלט זי באַדאַרפֿט טאַנצן — וועט זי מיט כאַסיע אַסטראָווער... אָט אַזוי... זי וועט די טרערן דערשלינגען; קיינעם, קיינעם ניט באַווייזן.

אָבער וואָס איז דאָס? זי גלייבט ניט אירע אויגן: בערע שטעלט זיך אויף אַ באַנק. ער קלייבט זיך אויך עפּעס זאָגן. ער וואַרט, ס'זאָל ווערן שטילער. דער עולם באַמערקט עס און מען שרייט אויס:

— שווייגט, שטיל זאָל זיין! אונדזער עלטסטער וויל עפּעס זאָגן. שטילער זאָל זיין!

דאָס האָט נאָטע קרעטשמאַר, כאָטש אַ שיכור'ער, דעם עולם איינגעשטילט.

בערע, נאָך בלאַסער ווי פֿריער, מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט ער גערעדט:

— כ'וויל זאָגן, חברים, ס'איז ניט ריכטיק, וואָס דעם גאַנצן יום־טוב פֿראַוועט מען ביי אונדז אין שטוב... פֿאַראַן דאָ נאָך אַ שטוב, וואָס איז מיט צוויי טעג פֿריער פֿאַרטיק געוואָרן. ניט גוט צו פֿאַרגעסן אָן יענער שטוב. לאָמיר איצטער אַלע גיין אַהין!

— אודאי וואָלט געוועזן אַן עולה — האָט כאַסיע גע'טענה'ט — די מיידלעך מיט די אייגענע הענט האָבן אַזאַ פֿראַצע אַריינגעלייגט!

— חבר'טע לאַנע ברעזער!... לאָמיר זי הייבן! אַ בריה אַזאַ!... לאָמיר זי הייבן! — האָט זייטשיק געקאָמאַנדעוועט.

און איידער לאַנע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי בערע קאָוואַל־סקי אונטערגעכאַפּט און אַרויסגעהויבן אויף זיינע שטאַרקע הענט.

— טראָג זי צונ'איר אין שטוב אַריין! — האָט קאָסאַי געקאָמאַנדעוועט.

דער עולם, אַ שיכור'ער, האָט זיך גענומען לאָזן צו דער טיר. ערשט איצטער האָט דער גאַסט מיטן פֿידעלע זיך דערמאָנט אָן זיין

פידל; כּאַטש שטאַרק בגלופינ׳דיק, האָט דער פידלשפּילער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן סמיק איבער די סטרונעס, און מיט זיינע סענקעוואַטע פינגער געזוכט צווישן די סטרונעס אַ קאַזאַצקע.

די קאַזאַצקע האָט דעם עולם ווידער די פּיס אונטערגעשווענקט; מען איז ווייטער אַריינגעפאַלן אין ימים־נוראים׳דיקע ניגונים, און ברייטער איז געוואָרן די טיר, בשעת דער זינגעוודיקער עולם, מיט לאַנען אויף די הענט, האָט זיך געשפּאַרט צום קילן, נאַכטיקן דרויסן.

דער עולם איז בגלופינ׳דיק אַרויס פון די קאָוואַלסקיס; פון דער נאַכט איז אַנטקעגנגעקומען די פרייד; גלייך ווי צום ערשטן מאָל האָט זיי די פרייד באַגעגנט אין דער זומער־נאַכט.

לאַנע האָט געפאָדערט פון פרעמדן גאַסט, ער זאָל שפּילן אַ פריילעכס. דער גאַסט האָט שוין אויף זיין נעבעכדיק פידעלע מער ווי צוויי סטרונעס ניט פאַרמאָגט; פונדעסטוועגן, אַז מען פאַרלאַנגט אַ פריילעכס, און דוקא אונטערן פרייען הימל — האָט ער אויף די צוויי סטרונעס אַ רימפּל געטאָן; מיטן סמיק אַ קלאַפּ געטאָן אויף די סטרונעס — אַזשביים עולם האָט זיך אַ זיסער קרעכץ אַרויס־געריסן.

בערע האָט לאַנען אַזוי אומגעריכט אַרויסגעטראָגן אויף די הענט; ס׳האָט גאָר געפלעפּט די אינגערע, און אַ סימן פון אמת׳ער שמחה איז דאָס געווען פאַר די עלטערע.

לאַנע, וואָס איז די לעצטע טעג געווען געבויגן פון מרה־שחורה, —האָט פלוצלונג דערשפּירט ווי צען זונען זענען אין איר האַרצן אויפגעגאַנגען.

— דאָ אויפדרויסן וועלן מיר אַלע טאַנצן; טאַנץ מיט מיר, בערע... טאַנץ מיר אַנטקעגן, בערע!

ווי פון שטורעם אויפגעוועקט, איז לאַנע אין טאַנץ אַריינגע־שפּרונגען. דער טאַנץ, וואָס האָט יאָרן־לאַנג אין איר געדרימלט, — האָט אינאיינעם מיט איר אויפגעוואַכט. פלינק און ווי אַן אָנגעצווי־גענער בויגן, האָבן אירע הענט און פיס, אַלע גלידער — זיך געבויגן און פאַרויס אַרויסגעפרענגט. דער שטייפער, אין זיך פאַרשלאָסענער בערע האָט געפאָלגט און צו איר אַנטקעגן אַרויסגעטאַנצט: בויגיק, אַרויף־און־אַראָפּ האָט ער געטאַנצט; געפּאַטשט מיט די הענט און

געצילט צו איר אַנטקעגן, צו לאַנעם לאַכעדיקע, אַנגעצונדענע אויגן.

דער עולם האָט געפּלעסקעט מיט די הענט. דאָס פידעלע האָט געקרימפּלט, און די טענצער האָבן די בלויע נאַכט מיט זיך אין טאַנץ מיטגעשלעפּט. לאַנעם בלוט האָט ווידער אויפגעוואַכט און אונטער־געזאָגט — אַז לעבן איז ווערט... נאָר ניט טשאַכנען מער; נאָר קיין מרה־שחורה ניט מער...

— הוי—הא — — הוי־הא — — טאַנצט, אידן, וואָס שטייט איר? — האָט בערע אַ געשריי געטאָן צום עולם. — לערנער! ראַט־נער! חברים! גיט די הענט...

דער עולם האָט געפּאָלגט: האַנט־אין־האַנט און האַנט־אויף אַקסל — האָבן זיך די שווערגעוואָרענע האָרעפּאַשנע און אויך פאַר־שלאָפענע גופים אַ וויג געטאָן — אַט ווי די אויפגעהורבעטע אייז־שטיקער, וואָס ווערן אויפגערודערט פון טיפן פרילינג־שטראָם, נעמען זיך פלוצלונג דרייען אין קאַראַהאָד און ווערן אַזוי ביסלעכווייז צעשמאָלצן און אויפגעלייזט...

— אוי, ס'איז מיר גוט, אידן! — האָט קאָסאַי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, אַ שפּרונג געטאָן אַנטקעגן הימל, ווי ער וואָלט וועלן די שטערן פון הימל אַרויסכאַפּן, — אוי, ס'איז גוט, אידן, אַז מע קען אַט אַזוי טאַנצן פאַר נחת, ווייל מע איז זיכער געוואָרן מיטן לעבן.

— שפּיל, לאַפּאַצאַן! — האָט פּיניע זייטשיק געשריגן צום קלעזמער, וואָס האָט זיך שוין אַרויסגעשלאָגן פון די כחות גובר צו זיין זיין צוויי־סטרונעדיק פידעלע.

ביסלעכווייז האָט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן אַליין צו זינגען, אונטערגעכאַפּט אַ שטיקל ניגון פון פידעלע אַרויס, און אַוועק כאָדאָ־ראָם מיט אַ חסידישן טאַנץ. די שווערע פיס אויף דער רויער ערד האָבן געטופּעט, און צום ערשטן מאָל געשפּירט די זיכערקייט פון דער ערד.

— חברים! — האָט קאָסאַי געשריגן פון טאַנץ אַרויס, — שעמען באַדאַרפן מיר זיך אין וויטן האַלדז אַריין, וואָס מיר האָבן דעם גאַנצן יום־טוב אַוועקגעגעבן די קאָוואַלסקים און די ברעזוערס — אַ גאַנצער דאָרף האָט שוין איצט באַדאַרפט שטיין אַטאָ־דאָ־אָ!... אַלע שטיבער האָבן שוין געקענט זיין פּאַרטיק... אַלע שטיבער האָבן

איצטער שוין באדארפט מיט אונדז מיטטאנצן! שעמען באדארפן מיר זיך אין ווייטן האלדז אריין!

— גערעכט, חבר קאסאי! — האט דער בלייכער לערנער מסכים געווען, — ס'איז נאך ניט שפעט; נעמט זיך איצטער צו דער ארבעט מיט חשק, וועט ביז סוף־זומער א האלבער דארף דא שטיין.

— גיט א האנט, חבר'טע אסטראווער! — האט לאנע א כאפ געטאן כאסיען — איינגיכן באנ'אייך, חבר'טע כאסיע!

און די יונגע, ספריטנע לאנע האט זיך אנגעהויבן דרייען — מיט כאסיע אסטראווער; אין דער נאכט איז שווער געווען אפצו־שיידן ווער־איז־ווער. זיי האבן געטאנצט, און די מענער האבן געפלעסקעט מיט די הענט, אין הארצן הנאה געהאט און געלאכט — ביז כאסיע האט זיך ארויסגעשלאגן פון די כחות:

— אוי, מאמעלעך מיינע, די גאנצע וועלט דרייט זיך שוין מיט מיר... אוי, טאטעלעך מיינע, דער דארף איז אנטלאפן געווארן...

כאסיען האט דאס ביסעלע נחת צענומען; זי האט זיך דער־שפירט מעשה־קינד: האט זיך אראפגעלאזן אויף דר'ערד און גע־קרעכצט פאר נחת:

— ווערט געווען די פלאגעניש, זאג איך אייך; דיר, שמערל, גלויבט זיך גארנישט, אז דאס וועט שוין אזוי בלייבן... אוי, מאמע־לעך, ס'וואלט שוין טאקע צו גוט געווען... יא, מיר גייען דאך צו די ברעזערס, גייען מיר דאך; העלף מיר, לאנע, — אוי, איך האב שוין קיין כח נישט צו טאנצן... זאלן שוין די יונגע טאנצן.

— צו די ברעזערס, חברים! אין זייער שטוב האט'ן זיך נאך ניט משמח געווען; צו די ברעזערס! — האט לערנער א קאמאנ־דעווע געטאן.

דער עולם האט דאס ביסל דערוועקטע פרייד און דרימלענדיקן כח פארטאכלעוועט ביי די קאוואלסקיס אין דער נייער שטוב, און שפעטער אויסגעטאנצט עס אונטערן בלויען הימל; איצטער, אריינ־קומענדיק צו די ברעזערס, האבן זיך אלע דערשפירט ניכטער, ארויס־געשלאגן פון די כחות און אומעטיקלעך. אפשר איז אין דעם שולדיק געווען וואווע ברעזער אליין, וואס האט דעם גאנצן אוונט כמעט קיין אנטייל ניט גענומען אין דער שמחה ביי די קאוואלסקים, כאטש

אים האָט עס שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס לאַנע האָט אַזוי געטאַנצט און אַלעמען מיטגעצויגן מיטן טאַנץ. אים האָט, אגב, הנאה געטאָן, וואָס בערע האָט זיין טאָכטער אַרויסגעטראָגן דרויסן אויף די הענט. אין תוך געפעלט אים דער דאָזיקער יונגער שמיד וואָס הייסט בערע. איצטער, אין זיינע פיר ווענט, אונטער זיין דאַך, האָט וואָווע באַטראַכט די קאָוואַלסקים, און דערקענט אין זיי אַ פּרעמדקייט.

— פאַרוואָס איז דער עולם אומעטיק? — האָט כאַסיע אָסטראָווער זיך גע'חידוש'ט אויפן הויכן קול — נאָר נחת זאָלט איר האָבן אין דער דאָזיקער שטוב, חבר ברעזער... נאָר נחת; זעט איר דאָך, אַז מע לעבט, דערלעבט מען.

דער עולם האָט זיך דערשפּירט מיד. דאָס פאַרבייסעכץ אויפן טיש האָט מען יאָ אָנגערירט, נאָר טרינקען האָט זיך ניט געגלוסט.

האָט דער אַלטער יאָשע, וואָוועס טאַטע, געפונען דעם שעת־הכושר צו זאָגן דאָס וואָס ער האָט זיך שוין געקליבן צו זאָגן; ער האָט נאָר געוואַרט אויף אַזאַ צייט, ווען אַלע וועלן זיין אינאיינעם, און טאַקע אַזוי אומעטיקלעך ווי איצטער.

ער האָט דער ערשטער אָנגעגאָסן אַ גלעזל משקה, און פּאַוואָליע אָנגעהויבן:

— איך וויל אייך זאָגן, אידן, אַז מע איז נאָך אידן... לחיים! נעמט, מאַכט לחיים פון מיין זונס טיש אויך. געזאָגט, אַז צוויי שמחות אין איין טאָג קומען ניט אַרויס; וויל איך דעריבער זאָגן, מע זאָל איצטער אַרומשמועסן אַ נויטיקן ענין; ס'הייסט מכח אַ מנין. אַז אַ שטוב איז שוין פאַראַן — קען שוין אַ מנין אויך זיין.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט. ווער ס'האָט געשפּירט, אַז דער אַלטער יאָשע האָט געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט אין דער פּאַסיקער צייט; און ביי וועמען ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן... קיינער האָט ניט געוואָלט דער ערשטער אַרויסקומען מיט אַ וואָרט מכח דעם ענין.

אומדערוואַרט איז חבר לערנער צוגעגאַנגען צום אַלטן יאָשען, פאַמעלעך אים אַ קלעפּל געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

— קומט, לאָמיר גאָר ביידע טאַנצן, חבר ברעזער; באַווייזט די יונגוואַרג ווער ס'קאָן נאָך האַלטן ס'בייטש־שטעקל אין האַנט.

אָבער דער אַלטער יאָשע איז באַשטאַנען אויף זיינס. איצטער איז די צייט, דער עולם איז אומעטיקלעך, באַדאַרף מען אים דער־מאָנען, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט:

— טאַנצן איז איין זאַך; אַ שמחה לכבוד אַ נייער שטוב איז איין זאַך, און מיט אַ מנין האָט עס ניט צו טאָן. דער רבונו של עולם וועט פאַראיבל האָבן.

— דער אַלטער איז גערעכט, — האָט קאָסאַי געזאָגט, — שטיבער זענען פאַראַן און קיין מנין איז נישטאָ. און בכלל, וואָס קען עס שאַדן אויב מ'וועט האָבן אַ מנין?

— וואָס איז מיט אייך, חברים? — האָט לאַנע מיט אַ ציטער אין שטים זיך געווענדט צום עולם — האָט איר זיך שוין פון די כחות אַרויסגעשלאָגן, צי איר זענט שלעפערדיק? חברים, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזן די קעפּ?... ס'איז אַ שטוב, אַ נייע שטוב; מיט אַ טאָג פריער געווען פאַרטיק פאַר די קאָוואַלסקים...

— האָב ניט קיין צער, חבר'טע לאַנע; צופרי פאַרלאַנגט מען פונם אידן, ער זאָל זיך פרעגלען אין פרייד. אידן האָבן אַ טאַנץ געטאָן, אַ שפּרונג געטאָן, און זיך דערשראָקן פאַר דער אייגענער פרייד. מע האָט אַ קראַץ געטאָן אונטערן האַרצן — לאָזט זיך אויס, אַז די זאָרג איז נאָך ניט אַנטשלאָפן געוואָרן...

דאָס האָט אויפגעקלערט איינער פון די פרעמדע געסט.

די אידן זענען באמת געבליבן הינטערשטעליק; גלייך ווי דער ערשטער חנוכת־הבית האָט ביי זיי גאָר די כחות אַרויסגעצויגן. ווען אימיצער טוט אַ געשריי: אידן, גייט שלאָפן, איר זענט דאָך מיד! — וואָלטן אַלע גאָר אָן אַ פּיפּס אוועקגעגאַנגען זוכן געלעגערס.

חבר לערנער, וואָס איז די גאַנצע צייט געבליבן ניכטער און ביים קלאָרן שכל, — ער האָט ביי זיך געטראַכט, קוקנדיק אויפן עולם, וואָס איז געבליבן אַזוי אָפּהענטיק: „אַביסל צופרי צו באַ־גרייפן דאָס וואָס מיט זיי איז געשען. צופרי צו באַגרייפן, אַז אַן ערשטע שטוב אין קרימער סטעפּ, אַ אידישע שטוב אויף אַ באַפריי־טער ערד — מיינט מער ווי אַ שטוב...” יאָ. דאָס ביסל משקה, וואָס האָט תחילת צעגומען, האָט שפּעטער ביי די אויסגעהאָרעוועטע, ניט־דערעסענע אידן אַרויסגעבראַכט אין דרימלענדיקן דמיון גאָר די

זאָרגן, גאָר די שווערע איבערלעבונגען פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. דאָס איז געווען מיטן עלטערן עולם.

דער אינגערער עולם איז געווען געפּלעפט צוליב דעם, וואָס בערע קאָוואַלסקי האָט אַזוי אומגעריכט גענומען לאַנען אויף די הענט, אַרויסגעטראָגן דרויסן און מיט איר געטאַנצט. אפילו בערע אַליין איז איצטער, ווען דאָס ביסל משקה איז אַרויס פון קאָפּ, געווען צעטומלט פון זיין אייגענעם טאַט. ענג איז אים געוואָרן ביי די ברעזערס.

לערנערן האָט אַ שטילער טרויער געמאָנט. אים איז פאַרגע־קומען גלייך ווי די לאַנע, וואָס ער האָט אַזוי אין הארצן באַוואונ־דערט, איז מיטאַמאָל ווי פון הימל אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן. ער האָט לאַנען ניט גאָר גוט תופס געווען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין צו־נאָנט צו איר. ער האָט ניט געקענט באַגרייפן, פונוואַנען לאַנע שעפּט אַזויפיל כח, וואָס איז אפילו פאַר אַ מאַן גאָר אַ סך. אים איז ליב געווען לאַנעס קעגנוואַרט אין סטעפּ. אין די געגויע צען דערפער פון זיין ראַיאָן וואָס ער העלפט בויען — איז מער קיין לאַנעס ניט פאַראַן. די פליכט האָט אים ניט דערלויבט צו פאַר־ברענגען אויף דעם דאָזיקן ערד־חלק מער ווי ער באַדאַרף. אגב, באַדאַרף מען ניט זאָגן אויף אים, אַז ער איז צו איין דאָרף גינציקער ווי צום אַנדערן. מיטן הארצן איז ער געווען צוממיינסטן אויף דעם ערד־חלק, וואו די ברעזער־מיידלעך האָבן געבויט אַ היים. ער האָט די לעצטע צייט באַמערקט אַ טרויער אין לאַנעס אויגן און ניט געוואָלט ביי איר פרעגן די סיבה. און איצטער האָט ער עפּעס באַנומען. נאָך מער, ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער רויטער, מיטן קלייענדיקן פּנים, יוסף ראַטנער, האָט זיך אַזוי אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, און וועמעס שטוב ס׳וועט זיין די דריטע פאַרטיק. ער, לערנער, קוקט איצטער צו יוסף ראַטנער און פאַרשטייט עפּעס. יוספ׳ן קלעמט אויך דאָס אייגענע, כאָטש זיי האָבן זיך ביידע ניט צונויפגערעדט.

דער אַלטער יאָשע האָט ווידער אָנגעהויבן וועגן אַ מנין:

— מע שמועסט, אַז מיר׳ן בקרוב האָבן אַן אייגענע ספר־תורה אויך... הערסט, וואָווע, שפּעטער וועלן זיין מער הייזער און מער

בעלנים אויף מנין... איצטער, מיין זון, זיי מודיע, אז דאָ וועלן מיר אם ירצה השם האָבן דעם מנין.

— לאָז געמאַך, טאַטע, — האָט וואָווע אַ בלאַסער געזאָגט — אידן קריכט נישט אין קאָפּ קיין מנין.

וואָווע האָט גאָר אומגעריכט אָנגעגאָסן פאַר זיך אַ גלעזל משקה און גאָר אומדערוואַרט פאַר אַלעמען האָט ער אָנגעהויבן:

— קום אַהער, טאָכטער מיינע לאַנע. איך וויל פאַר אַלעמען דערציילן, אַז נישט איך — נאָר דו ביסט שולדיק אין דעם וואָס מיר אַלע זענען דאָ. כ'וויל זאָגן, אַז ביי מיר האָבן זיך אין אמת'ן נישט געהויבן די הענט דאָ אַ שטעקל אפילו אריינצושטעקן אין דער ערד. דו, טאָכטער מיינע, האָסט מיך אַהער געבראַכט; דו האָסט מיך געטריבן און געשלעפּט מיט די אָקסן אין שטאָט אריין, איבער־שלעפּן דאָס געהילץ... איצטער זענט איר, אידן, ביי מיר אין שטוב. אפשר איז דאָס מיין שטוב... אפשר וועט מען דאָ קענען לעבן. אפשר וועל איך דאָ פאַרגעסן אין מיין אומגליק... אפשר וואָלט איך גאָר אַן אַנדער מענטש געווען, ווען די רוצחים הרג'ענען ניט ביי מיר אַוועק זייער מאַמען... טאַ, טרינקט דאַריבער, אידן! חברים, לחיים! ווינטשט, אַז מע זאָל שוין מער פון קיין שרעק נישט וויסן. לחיים!

זיינע רייד האָבן דעם עולם אויפגעמונטערט. ס'האָט לאַנען אי געמונטערט, אי אויפגערירט אַ וואונדיקן אָרט אין איר וועזן. די רייד פון איר פאָטער האָט זי ניט דערוואַרט. און ווען ער האָט עס שוין יאָ געזאָגט — האָט זיך איר געגלוסט איבערשרייען אַ טיפן ווייטיק וואָס האָט אָנגעהויבן אויפצוואַקסן פון פאַרבאָרגעניש. זי איז אויפגעשפּרונגען ווי צו וועלן זיך ראַטעווען פון אַ שטורם אָדער אומגליק, וואָס רוקט זיך אויף איר.

לאַנע האָט אַ נעם געטאָן לייזער דעם שמיד פאַר די הענט, אים צוגעפירט צום טיש, האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפן פאַר אים און איינם — פאַר זיך, און מיט אַ געצוואונגענעם געלעכטער געזאָגט:

— וואָס וויסן די יונגע, וואָס וויסן די אַלטע וואו זיי זענען אויף דער וועלט?!... אביסל געטאַנצט, אביסל זיך משמח געווען, און שוין אָן כחות. באַווייזט, חבר קאָוואַלסקי, אייער יונגוואַרג — ווער זייער טאַטע איז! אונדזערע שטיבער קען מען ניט צורוקן

נענטער, אָבער מיר קענען דאָך זיין אַביסל נענטער, כאַ־כאַ־כאַ. פריער האָבן מיר זיך משמח געווען באַנ׳אייך אין שטוב; איצטער זענט איר באַנ׳אונדז אין שטוב... וואָס, ניט אמת, חבר בערע? לחיים, לחיים!

זי האָט דערוואַרימט און אויפגעמונטערט דעם עולם אויף אַ ווײַלע; מען האָט זיך פּאַמעלעך גענומען צו דער משקה, אויסגעלײדיקט אַ פּאָר פלעשלעך; אָבער־און־ווידער פאַרצויגן אַ ניגון — אָבער דער ניגון האָט אפילו צו דער סטעליע ניט דערגרייכט.

לערנער איז שטיל צוגעגאַנגען צו לאַנען און האָט געבעטן, זי זאָל מער ניט טרינקען:

— איך קוק אויף אייך די גאַנצע צייט; איר, לאַנע, באַדאַרפט כסדר פאַרבלײַבן די שטאַרקע, די קלוגע לאַנע. איר זענט אַ בײַשפּיל פאַר אַלעמען. טרינקט ניט מער, כ׳בעט אייך. דער עולם איז שיכור׳לעך און מיד — זאָל מען גיין אַהיים שלאָפן. איך ווייס, איר האָט צער וואָס באַנ׳אייך איז די שמחה ניט אַרויסגעקומען...

און צום עולם האָט לערנער געזאָגט:

— שפּעט, חברים; איך באַדאַרף פאָרן אַהיים. פאַר אייך איז שוין אויך צייט צו גיין שלאָפן.

לערנער איז דערנאָכדעם אַרויסגעגאַנגען. לאַנע איז אים נאָכגעגאַנגען. זי האָט פעסט אַרײַנגענומען אַלע פינף פינגער פון זיין לינקער האַנט און געדריקט אין איר ברענענדיקער האַנט:

— איך דאַנק אייך, חבר לערנער, פאַר די רייד. איר זענט דער אײנציקער, וואָס פאַרשטייט מיך. כ׳בעט אייך, טײַטשט ניט אויס שלעכט היינטיקן אָוונט. כ׳ווייס, איך האָב זיך ניט אויפגעפירט ווי לאַנע האָט זיך באַדאַרפט אויפפירן. כ׳ווייס, איך האָב איגגאַנצן ניט באַדאַרפט טרייבן דערצו, אַז בײַ זיי אין שטוב זאָל זיין דער חנוכת־הבית. ווי אָרים ס׳איז אַלץ ניט אַרויסגעקומען — איז דאָס פאָרט געווען זייער שמחה. באַנ׳אונדז דאָ איז נאָך אַלץ, אַלץ פאַרשאָלטן.

— אַ גוטע נאַכט, לאַנע. גייט אַריין צוריק צו די געסט, און שיקט מיר אַרויס די דריי איבערוואַנדערער; זאָגט, איך וואַרט אויף זיי.

— ניין, איר פאַרט נאָך ניט, חבר לערנער; לאָזט מיך ניט איבער אַזוי.

— איך לאָז אייך ניט איבער אַליין; דער יונגער קאָוואַלסקי, וואָס האָט אייך אַרויסגעטראָגן פון שטוב אויף די הענט, — ער וועט אייך גערן אומטראָגן אויף די הענט.

— איר באַדאַרפט ניט רעדן אַזוי. איך גיי אום אויף מיינע אייגענע פיס; איך לעב מיט מיין אייגענעם שכל, חבר לערנער.

— איך מיין צו זאָגן, אַז ער האָט באַוויזן...

לאָנע האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט לערנערס מויל און ניט געלאָזט אים מער רעדן.

— ניין, ניין, — האָט זי גיך גערעדט — ניט אַלץ ווייסט איר; ניט אַלץ פאַרשטייט איר אַזוי גוט. כ'ווייס, אַז אויסער ערד, פאַר־שטייט איר מענטשן אויך; אָבער דאָסמאָל...

זי האָט באַגראָבן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

לערנער האָט דערשפּירט, אַז זי וויינט אויף זיין ברוסט; האָט ער אויפגעהויבן איר קאָפּ און אויף איר אָנגעשריען מעשה־זיידע:

— כ'היים ניט וויינען, לאָנע... כ'וועל זיין אויף אייך ברוגז. גייט אַריין אין שטוב און וועקט אויף דעם פאַרשלאָפענעם עולם. פּאַסט ניט, מען זאָל יום־טוב'ן אייער חנוכת־הבית אויף אַזא אופן.

— טאָ קומט מיט מיר צוריק אין שטוב אַריין; אָן אייך וועל איך ניט גיין.

דערווייל איז בערע אַרויסגעקומען.

— וואו ביסטו, לאָנע, איך בין געקומען צו דיר אַהיים, און דו ביסט גאָר אַרויס פון שטוב... קומט אַריין, חבר לערנער; מיר וועלן אַריינכאַפּן אַ טענצל אינאיינעם!

— מיר טוט וויי דער קאָפּ; און כ'באַדאַרף שוין פאָרן. שיקט מיר אַרויס די איבערוואַנדערער, וואָס זענען מיט מיר געקומען.

— אָ, חבר לערנער, קומט אַריין, — האָט בערע געמונטערט לערנערן, — באַוויזט, אַז איר זענט אונדזער אַגראָנאָם...

און בערע האָט ווידער אַ כאַפּ געטאָן לאַנען אויף די הענט, געוואָלט זי טראָגן אין שטוב אַריין. אָבער לאַנע האָט זיך פון זיינע הענט באַפרייט און איז אַליין אַריינגעלאָפן אין שטוב.

בערע און לערנער האָבן איר פאַרגאַפּט נאָכגעקוקט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט לערנער געזאָגט צו בערען:

— איר שאַנעוועט זי ניט גענוג, חבר קאָוואַלסקי; זי איז איינע אין אידישן סטעפּ.

בערע איז געשטאַנען מיט די אויגן צו דער ערד און געקלערט, צי זאָל ער נאָכאַמאָל אַריינגיין צו די ברעזערס. אָבער איצטער האָט אים לערנער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און אים אויפגעוועקט:

— קומט, חבר קאָוואַלסקי, קומט מיט מיר אינאיינעם, לאָמיר ניט פאַרשטערן איר שמחה.

XII

דער חנוכת־הבית האָט קיין צופיל פרייד ניט איבערגעלאָזן ביי די ברעזערס אין שטוב. לאַנע איז אַ גאַנצע נאַכט ניט איינגעשלאָפן.

— ווייטער אַזוי טאָר עס ניט גיין; אַריינפאַלן אין מרה־שחורה, ווערן געראָטן אין טאַטן, אין גרעסטן טייל פון די שלימזל'דיקע איבערוואַנדערער — ניין! וואָס־גיכער אַרויס פון שווערן טרויער, וואָס איז מיך באַפאַלן!...

מיט טאָג צוגלייך איז לאַנע אַוועק צו איר גאָרטן וואָס נעבן ווייצן־פעלד, האָט זיך גוט אויסגעווײנט, און אָנגעהויבן אויסיעטן ווילדע גראָזן פון צווישן די פּורפּור־גרינע בוריק־בלעטער. זי האָט אַרויסגעצויגן אַ יונגן קוראי־וואָרצל און האָט מיט אים אַרויסגעשלעפּט אַ ראָזן, לאַנגן ערד־וואָרעם, וואָס האָט אין געאייל זיך צוריק געוואָלט באַגראָבן אין דער ערד. זי האָט דעם וואָרעם אַרויפגעלייגט אויף דער לינקער האַנט, געפילט ווי דער וואָרעם, אַזאַ קילער, אַ בלינדער, זוכט ווייכע ערד אויף איר האַנט זיך איינצוגראָבן, זוכט און געפינט ניט. האָט זי דעם וואָרעם צוריק אַרויפגעלייגט אויפן ווייך־צערודערטן שטיקל ערד און געקוקט ווי ער גראָבט זיך, גראָבט זיך איין, און ווערט פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער ערד.

— יעדער לעבט וואו ער קען... נאָר ניט ווי דער דאָזיקער וואָרעם...

דערווייל האָט לאַנע דערהערט דאָס אָנקומען פון אַן אויטאָ־מאָביל. „לערנער, דער אַגראָנאָם! אוי, ווי גוט וואָס ער קומט...‟ דער אויטאָמאָביל איז אַראָפּ פון וועג, מיטן אָפענעם פעלד אָנגעקומען צו לאַנען און געבליבן שטיין. לערנער און לאַנע, ביידע זענען אַ ווייל געבליבן פאַר׳חידוש׳ט; פאַר ביידן איז דער פרי־באַגינען געווען אַזאַ אומגעריכטער.

לערנער האָט ניט געוואָרט, ביז לאַנע וועט עפּעס זאָגן; ער איז אַליין פאַרלאָפן דעם וועג:

— איך האָב אָפּגעפירט די דריי איבערוואַנדערער אַהיים, און ס׳איז קיין חשק ניט געווען צו פאָרן צו זיך אין דאָרף אַריין שלאָפן. איך דאַרף באַזוכן אַלע ערד־חלקים פון מיין ראַיאָן, בין איך פאַרלאָפן אַהער, אפשר וועט איר חבר׳טע לאַנע מיטפאָרן; קומט איך וועל אייך צופירן צום שטוב; וואַרטן ביז איר וועט זיין גרייט צו פאָרן.

לאַנעס פאַרשוואונדענער מוט האָט אין איין רגע ווידער אַרויס־געוויזן אַ לויטערן פּנים. איר יוגנטלעכער חשק, וואָס האָט אָנגע־הויבן איינצודרעמלען און וועלקן, האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, און לאַנען, אַ באַגייסטערטער, אויפגעהויבן פון דער ערד.

— אָ, ווי גוט האָט איר געטאָן, חבר לערנער! ווי אַזוי האָט איר געפילט מיין האַרץ? פונוואַנען האָט איר געוואוסט צו קומען אַהער? אָט, באַלד גיי איך שוין... אוי, ווי גוט מיר איז!

איר ערשטער פאַרלאַנג איז געווען אַרומצוכאַפּן דעם אַגראָנאָם, אַ שליידער טאָן אים אויף דער בראָזנע, קושן זיין גוטן פּנים, וואָס האָט איר איצטער אויסגעזען נאָך בעסער און געטרייער. זי האָט זיך באַהערשט, אַריין אין אויטאָמאָביל און געפאָרן מיט לערנערן צו דער שטוב. אין דער ערשטער רגע איז איר איינגעפאַלן בעטן, ער זאָל מיטנעמען בערע קאָוואַלסקי, ווי דעם עלטסטן פון דאָרף. זי האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט. „דאָס באַדאַרף לערנער אַליין טאָן; פאַר איר פּאַסט עס ניט.‟

— אפשר זאָל איך דער שוועסטער מיטנעמען; זאָל זי אויך מיטפאָרן; ווי מיינט איר, חבר לערנער?

— כ׳וועל זי מיטנעמען; אדרבה, אויב איר ווילט נאָר.

ביילקע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן. כאָטש זי האָט אָנגעגעבן אַ תירוץ, אַז זי קען די שטוב ניט לאָזן אַליין, איז פּאָרט קענטיק געווען, אַז ביילקע וויל דאָס מאָל ניט מיטפאָרן מיט לאַנען— ווייל דער עלטערער שוועסטער קומט אַליין דער גאַנצער פאַרגעניגן. וואָווע ברעזער האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער באַדאַרף ביילקען האָבן אינדערהיים.

לאַנע האָט אינדערגיך אַרויסגעכאַפּט שיך, אויסגעגלעט דאָס קליידל, מיט אַלע צען פינגער אַריין אין די געדיכטע, שוואַרצע קרויזן, און פון דאָרטן אַרויסגעיאָגט דעם שלאָף. צוריק די פלינקע לאַנע; צוריק די ספּריטנע לאַנע. איז אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָמאָביל און ניט געוואָלט קוקן ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. ווען דער אויטאָמאָביל האָט אַ ריר געטאָן פון אָרט, האָט אין לאַנען דאָס גאַנצע לעבן אַ געשריי געטאָן פאַר פרייד. זי האָט זיך דערפילט ווי אַ פויגל וואָס האָט זיך פון שטייג אַרויסגעריסן.

לאַנע איז געזעסן זייט־ביי־זייט מיטן אַגראָנאָם, און געשפּירט זיין צופרידנקייט.

— וואוהין פאָרן מיר איצטער, חבר לערנער?

— צום אידישן ערד־חלק נומער...

— פאָרט נאָך דערווייל ניט אהין, חבר לערנער; פּאָרט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין... די וועלט איז אַזוי שיין—אוי, ווי פריי!

— מיר זענען דערווייל נאָך אויף די פעלדער פון אייער אייגענעם ערד־חלק — האָט דער אַגראָנאָם גוטמוטיק געזאָגט.

— כ׳ווייס ניט וואו איך בין; אויף אַ ווײַלע בין איך אַליין פון זיך אַרויסגעפלויגן. ס׳איז מיר גוט אַזוי, חבר לערנער. פאַר די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך צופיל איבערגעלעבט און צופיל איבערגעטראַכט. האָב שוין אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז איך גיי זיך אונטערגעבן.

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן. דער פרימאָרגן איז געווען אַ לויטערער, און די ווייצענע יונגע זאַנגען זענען געווען אַריבערגעבויגן צו מזרח, וואוהין די פרימאָרגן־זון האָט זיי געצויגן. נאָך אַ סך האָט לאַנע געהאַט צו רעדן און האָט פּאָרט באַשטימט צו

שווייגן. זי האָט געטראַכט פון אַגראַנאָמס אײדעלע געפילן; צו אַזאַ איינעם איז ניט קיין נאַרישקייט צו רעדן, אויפדעקן דאָס האַרץ — אָבער צוליב וואָס צעשטערן די איצטיקע נסיעה? בעסער שווייגן. אָדער גאָר אפשר רעדן פון עפּעס אַנדערש. דער אַגראָנאָם איז ניט קיין נאַר; ער פאַרשטייט, ווי איר יוגנט איז אַריין אין דעם פּלאָנטער פון דער נייער צייט, וואָס האָט דערהויבן די געפאַלענע און געלאָזט פאַלן די דערהויבענע. חבר לערנער איז געקומען זי אַרויסנעמען און האָט אפילו אויסגעמיטן צו זען בערע קאָוואַלסקי — דעם עלטסטן פון דאָרף. לערנער ווייסט, וואָס בערע קאָוואַלסקי מיינט פאַר לאַנעס לעבן. געוויס איז ער ניט אײפערזיכטיק.

— ווי אַזוי האָט איר פאָרט געשפּירט מיין געמיט און געקומען מיך אַרויסנעמען?

לאַנע האָט אַריינגעקוקט אין לערנערס אויגן און געוואָלט פון זיי אַרויסלייענען אַן ענטפער. לערנער האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געקוקט צום צעבראָכענעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פאָרויס צווישן וויינצפעלדער.

— מיינט ניט, איך בין פאַרליבט אין אונדזער עלטסטן... אָ, וואָס לאַכט איר, חבר לערנער? אייך גאָר האָב איך ליב, נאָר איר האָט ניט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף די יונגע מיידלעך וואָס זענען אַהער געקומען און פאַרגרעבט געוואָרן. אמת, חבר לערנער?

— דאָס איז אַ האַלבער אמת, חבר'טע ברעזער; אויף אייך וואָלט ניט געשאַדט זיך אומצוקוקן אַביסל מער.

לאַנע האָט אַ פאַרטאַיעטן לאַך געטאָן. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וועט ער איר זאָגן. זי האָט אויך גוט געוואוסט, אַז דעם אַגראָנאָמס באַציאונג צו איר איז ניט מער ווי צו איינעם פון די איבערוואַנדערער וואָס ער פאַרזעצט דאָ אין סטעפּ.

האָט זי אַליין איצטער געוואָלט אַרויספירן דעם שמועס אויפן ריכטיקן וועג:

— זאָגט, חבר לערנער, פאַרוואָס בין איך מיטאַמאָל אַזוי מיד געוואָרן? שוין־זשע איז דאָס אַ סימן, אַז אַ פרוי גיט זיך אונטער פריער?

— איר האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. דאָס, וואָס איר האָט

אויפגעטאָן פאַר דער קורצער צייט, האָט איך געקאָכט צופיל כח. אַ שטוב האָט איר. אייער שטוב, אייער היים. אָבער אַ סך זאַכן האָט איר אָנגעהויבן צו טאָן אינאיינעם מיט אַנדערע; און דאָ האַלטן מיר נאָך ביים סאַמע אָנהייב. אייער דערפאָלג איז פאַרבונדן מיט די, וואָס האָבן נאָך מורא פאַר דער ערד.

— דאָס איז אמת, חבר לערנער. כ'האָב וועגן דעם ניט גע־טראַכט ווי עס באַדאַרף צו זיין. איר זענט גערעכט; שוין צופיל האַלטן מיר נאָך ביים סאַמע אָנהייב. מיר אידן זענען צו־קלוג און צו־דערוואַקסן צו ווערן פויערים. איך זע עס אַרויס פון מיין טאַטן, ווי ווייט ער שטייט נאָך ביים סאַמע אָנהייב. ס'וואָלט געווען אַ סך גלייכער, ווען מיין טאַטע קען זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין.

— און איר וועט דאָ אַליין בלייבן?

— אינאיינעם מיט דער שוועסטער וואָלטן מיר אונדזער שטעטל געקענט אַליין באַשטיין; נאָר צי קען מען אים אָפּלאָזן אַליין?

— פאַלט נאָר אויך ניט מיט אייער מוט, וועט שוין אַלץ זיין גוט. אַגראָנאָמען באַדאַרפן אויך האָבן דערמוטיקונג.

מען איז אַריינגעפאָרן אין ערשטן אידישן דאָרף. אַ צען הייזער זענען געשטאַנען פאַרענדיקט, און נאָך קאַרגע צען האָבן זיך געהאַלטן אין בויען.

— אָט, אויף דעם דאָזיקן ערד־חלק זענען אויך פאַראַן עטלעכע בריה'ס מיט באַגייסטערונג און אַ סך, וועמען מען באַדאַרף נאָך דערוויל טראָגן אויף די הענט. דאָ זענען ניטאָ קיין ברעזער־מיידלעך; דאָ זענען פאַראַן קאַפּלאַן־בחורים. אין אַ צווייטן דאָרף זענען פאַראַן גרינבערגס; אין אַנדערן — פעלדמאַנס. יעדער דאָרף האָט זיינע בריה'ס און זיינע שלים־מזל'ניקעס. איר וועט זיי באַלד דערקענען.

אַרום אַגראָנאָמס אויטאָמאָביל האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקלייבן אַן עולם אידן און אידענעס. אַ מוטער מיט צוויי מיידלעך ביים פאַרטעך און אַ אינגעלע אויף דער האַנט, איז צוגעקומען צום אויטאָ־מאָביל, גערעכנט אויסלאָזן צום אַגראָנאָם אַלע בייזע חלומות, הלמאי ער האָט איר געגעבן אַ קו וואָס גיט ניט קיין מילך. די פרוי האָט

אָבער באַמערקט לאַנען און איז צוגעטראָטן צום ענין קו מיט אַן אַנדער וועג:

— איר זענט דאָך מסתמא פון די איבערוואַנדערער — האָט מען באַנ'אייך אויך אַרויסגעגעבן קי, וואָס מעלקן זיך ניט?

לאַנע האָט מיטאַמאָל צוריקגעקראָגן איר אַלטן פייער: האָט אַ טרייסל געטאָן מיט די שוואַרצע קרויזן אויף דער זייט פון די איבער־וואַנדערער:

— אַ דאַגה האָט איר, אויב די קי מעלקן זיך ניט, אַבי אַ דאָרף האָט איר שוין באַלד! און קינדערלעך זענען באַנ'אייך פאַראַן; באַנ'אונדז זענען פאַראַן אַ סך דערנער און ווייניק קינדער, כאַ־כאַ־כאַ.

דער עולם, וואָס איז צוגעקומען שמועסן מיטן אַגראָנאָם, האָט זיך פאַרקוקט אויף לאַנען. מען האָט געוואָלט דערגיין פונוואַנען זי קומט; צי איז זי אָפּטמאָל ניט אַ כלה.

— מען איז אַזוי צעוואָרפן איבערן סטעפּ, אַזש מען ווייסט נישט איינס פון אַנדערן.

— דאָס איז חבר'טע לאַנע ברעזער פון ערד־חלק נומער... איר האָט געמעגט קומען און זען וואָס אַ מיידל אַליין האָט אויפגעטאָן אין אַ פּאָר חדשים צייט. איר שטוב איז די ערשטע פּאַרטיק געוואָרן.

— אָ, די ברעזערס, מיר האָבן געהערט. וואָס־זשע הערט מען עפּעס באַנ'אייך, ווייזט זיך אַ געראַטעניש?

— עך ,ס'וועט זיין גוט; אין אַ יאָר, אין אַ פּאָר יאָר, ווען אַלע אידישע דערפער וועלן זיין אויפגעבויט — האָט לאַנע אָנגעהויבן אויף איר שטייגער זיך באַגייסטערן — עך ,וועט עס יעמאָלט זיין אַ וועלט אין קרים! אמת, חבר לערנער?

דעם עולם איז דאָס געפעלן געוואָרן. עטלעכע בחורים האָבן זיך נאָנט צוגערוקט און לאַנען געטאַטעמט אויף אירע נאַקעטע אָרעמס. איינער, אַ באָרוועסער יונגערמאַן, ניט גאָר רעכט אַרומגעוואַשן, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינקע פאַרשאַרצט אַרויף, האָט לאַנען אַ נעם געטאָן פאַר אַ האַנט און פאַרקוקט גלייך אין די אויגן אַריין:

— נעכאַי, חבר'טע, וואָלט איר זיך אויף אונדזער ערד־חלק באַזעצט; וואָלט גאָר אַנדערש די אַרבעט געגאַנגען!

—וועט איר פאַר מיר אַקערן און זייען? וועט איר מיר העלפן

א שטוב אויפשטעלן? וועל איך! — האָט לאַנע כוואָטסקע זיך צעלאַכט.

— ס'איז שוין נאָך דער רעוואָלוציע, חבר'טע; נישטאָ שוין די אַמאָליקע פּריצטעס.

— זי איז שוין גאָר קיין פּריצטע ניט אין קרימער סטעפּ; טוט נאָר א טאָפּ סאַרא הענט — שטאָל און אייזן!

ביי לאַנען האָבן געפלאַמט די באַקן. לערנערן האָט שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ער האָט לאַנען אַרויסגענומען. ער איז מיט איר דורכגעגאַנגען די עטלעכע הייזער. אומעטום האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט; אין יעדער שטוב האָט זי אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אונטער־געגעבן מוט; זי האָט זיך דערשפּירט גוט אין דער ראָלע פון מונטערן און וועקן. ס'איז אויסגעקומען, גלייך ווי צו זיך אַליין האָט זי גערעדט; זיך אַליין האָט זי אויסגע'מוסר'ט. איר איז גוט געוואָרן אויפן האַרצן. „וואָלט ניט געשאַדט, בערע קאָוואַלסקי זאָל איצטער שטיין אָן אַ זייט און הערן אירע רייד..." יאָ, בערעס געשטאַלט איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט אים געוואָלט פאַרגלייכן מיט די בחורים, וואָס זענען איר איצטער נאָכגעגאַנגען, און ס'איז אויס־געקומען, אַז בערע האָט זיי אַלעמען איבערגעשטיגן.

— קיין בערע קאָוואַלסקי זע איך נאָך דערווייל ניט אויף דעם דאָזיקן ערד־חלק — האָט זי שטיל איינגערוימט דעם אַגראָנאָם אין אין אויער, ווען מען איז צוריקגעקומען צום אויטאָמאָביל.

לערנער האָט אויף דעם תיכף ניט געענטפערט. ווען מען איז שוין געווען אויסערן דאָרף, האָט לערנער געזאָגט:

— באַנ'אייך אויפן ערד־חלק זענען פאַראַן די קאָוואַלסקיס און די ברעזערס; פונדעסטוועגן זעט איר דאָך, אַז דער דאָזיקער דאָרף, פונוואַנען מיר פאָרן איצטער,, וואַקסט צו זיין אַ מער געראָ־טענער פון אייערן. דאָ וועט היינטיקן זומער זיין אַ האַלבער דאָרף פּאַרטיק. באַנ'אייך וועט עס ניט זיין. מירן באַלד אַריינפאָרן אין אַ דאָרף, וואו איר וועט זיך באַקענען מיט אמת'ע פּיאָנערן. מאַמעס און טעכטער, טאַטעס און זין; אַ שאָד נאָר וואָס מען איז אַזוי צעזייט און צעשפּרייט איבערן סטעפּ. מען איז אַזוי דערווייטערט און אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן. ניטאָ נאָך דער גייסטיקער קשר

צווישן די אידישע איבערוואנדערער. די וועגן צווישן דאָרף־און־דאָרף זענען נאָך דערוייל פרעמדע. וואָלט בעסער געווען, ווען כ'זאָג פאַרפרעמדטע... ווילט איר נאָך ווייטער פאָרן, אָדער אפשר צוריק?

— כ'ווייס ניט וואָס איך וויל איצטער. פירט מיך גאָר איבערן סטעפּ. איך בין אַזויפיל מאָל מיט די אָקסן געפאָרן הין־און־צוריק מיט דעם דאָזיקן וועג; האָב אפילו קיין געדולד ניט געהאַט צו באַטראַכטן די געגנט. גלויבט איר טאַקע, חבר לערנער, אַז דאָ וועט אַמאָל זיין אַ אידישע היים? זאָגט מיר גאַנץ אָפנהאַרציק, וועלן מיר דאָ ביי דער ערד ניט אויסגעטריקנט ווערן, חבר לערנער?

— דאָס קען איך איצטער פאָרויס ניט זאָגן, חבר'טע ברעזער. דאָס ליגט אין אונדזערע אייגענע הענט. איך בין דער אַגראָנאָם און איך העלף בויען. אַז מע וועט וועלן, קען פון דעם אויסוואַקסן אַ אידישע היים. מע העלפט אונדז. די מלוכה האָט געלאָזט, אידן זאָלן אונדז העלפן; זענען אידן פון אַמעריקע געקומען העלפן. איך בין אָנגעשטעלט ביי די אידן פון אַמעריקע. באמת האָב איך ניט באַדאַרפט זיין קיין אַגראָנאָם ביים אַמעריקאַנער „דזשאָינט". מיט אַזעלכע ווי איר, חבר'טע ברעזער, זייט־ביי־זייט, האָב איך באַדאַרפט זיין אַ פּיאָנער, באַאַרבעטן מיין ערד־חלק — וואָלט איך איצטער געוואוסט וואָס אייך צו ענטפערן. זאָגט מיר, צי האָט איר אַמאָל געהאַט אַן ערנסטן שמועס מיט דעם בחור, וואָס איר האָט ניט ליב?...

— ניט ליב? — איז לאַנע רויט געוואָרן — מיינט איר ניט יוסף ראַטנער?

— אים מיין איך. מיט אים מעגט איר זיך דורכשמועסן פון צייט צו צייט. ער איז אַ שווייגער, אָבער מען מעג אים אויסהערן.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך האָב אים ניט ליב? צי דען באַדאַרף איך אַלעמען ליב האָבן, כ'מיין פאַרליבט זיין? איך שמועס מיט אים גאַנץ אָפט. ער זאָגט, אַז אויף די אידישע פעלדער פעלט די באַגייסטערונג. אידן פילן ניט, אַז זיי בויען אַ אידישע היים, אַ נאַציאָנאַלע היים.

— איך זאָג דאָס אויך, חבר'טע ברעזער. אידן וואַרטן צופיל

אויף שניט־צייט. און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט די תבואה אָפּשניידן, אויסדרעשען; וואָס וועט יעמאָלט זיין? איך מיין ניט אייך שווער צו מאַכן אויפן האַרצן. פאַר אייך האָב איך ניט קיין מורא, חבר'טע ברעזער.

לאָנע איז מיטן געדאַנק אַוועק צוריק צו איר אייגענעם דאָרף, צו דער ראַטנער־משפחה און דעם רויט־געשפרענקלטן יוסף ראַטנער, וואָס שפּרייזט נאָך אַ באָרוועסער דעם אָקסן־געשפּאַן, אַ באָרוועסער מיט אַן אָראַפּגעלאָזטן קאָפּ. „צוליב וואָס האָט לערנער געגומען און אים דערמאָנט? ער וויל אפשר אָפּשוואַכן מיין באַציאונג צו בערען...״ זי האָט חושד געווען, אַז לערנער, וואָס האָט לויט איר מיינונג בערען ניט שטאַרק ליב, האָט אומישנע זי היינט אַרויסגענומען פון דאָרף, פאַרנומען מיט זיך, כדי וויי צו טאָן קאָוואַלסקין.

ביי לאָנען האָט די פרוי דערוואַכט פון באַהעלטעניש און אַ רודער געטאָן איר יונג בלוט. „אויב דאָס איז לערנער אויסן געווען, האָט ער גוט געטאָן; איז דאָס אַרויסגעקומען צום גוטן...״ פונדעסטוועגן איז איר ניט איינגעפאַלן אַ פאַרש צו טאָן ביי לערנערן, אויב דאָס איז ער טאַקע אויסן געווען. איר פרויען־אינסטינקט זאָגט איר אונטער, אַז לערנער איז דער אַגראָנאָם, וואָס צו מענטשן האָט ער די אייגענע באַציאונג וואָס צו דער ערד: פאַראַנען בעסערע שטיקער ערד, געראָטענערע פעלדער, און פאַראַנען איבערוואַנדערער מער געראָטענע און ווינציק געראָטענע. זי איז דאָך אַ יונג מיידל, פונדעסטוועגן איז זיין צערטלעכקייט צו איר ניט פון קיין מאַן. גוט אַזוי, איר טוט הנאה, וואָס לערנער האָט צו איר אַן אַגראָנאָמישע באַציאונג.

— ווייסט איר, חבר לערנער, שטעלט זיך מער ניט אָפּ אין די אידישע דערפער; פאָרט נאָר דורך; פאָרט דורך אַזויפיל וויפל איר קענט באַווייזן פאַרן טאָג; פאָרט דאָרף־איין, דאָרף־אויס — כ'וויל זען וויפל דערפער מען בויט; כ'וויל נאָר זען פונוויטנס די איבערוואַנדערער, אַ סך איבערוואַנדערער... איך וויל זען וויפל מיר זענען שוין דאָ אויף צום אמת'ן.

— כ'וועל זיך מוזן אָפּשטעלן כאָטש אויף אַ ווײַלע. ס'וועט

ניט אויסזען גוט, ווען איך זאָל זיך דורכטראָגן איבער די ערד־חלקים און ניט אויסהערן די איבערוואָנדערער כאָטש עטלעכע מינוט.

— איז גוט; אָבער ס'זאָל אַזוי אויסקומען ווי מיר פאָרן, פאָרן, טראָגן זיך פון ערד־חלק צו ערד־חלק; פון איין אידישן דאָרף צום אַנדערן... טרייבט שנעלער, חבר לערנער! ס'איז גוט אין אַזאַ רחבות... ס'איז גוט. איך זע איצטער אַרוים וואָס איך באַדאַרף טאָן. נאָר האַלטן הויך דעם קאָפּ, חבר לערנער. איר לאָזט אויך ניט אַראָפּ דעם קאָפּ. ס'איז אַן אָנהייב... נאָך גאָר־גאָר פון סאַמע אָנהייב.

לערנער האָט זיך צוגעהערט צו אירע באַגייסטערטע רייד און געטריבן דעם אויטאָמאָביל אַלץ שנעלער און שנעלער, אויפגעוועקט אַ ווינט צווישן די ווייצנפעלדער אויף ביידע זייטן וועג.

— מיט אייך איז מיר גוט, חבר לערנער. לאָזט מיך גאָר איצטער אָנשפּאַרן מיין קאָפּ אָן אייך, און איר טרייבט פּאַמעלעכער. אַ נאַכט ניט געשלאָפן. איצטער בין איך שיכור פון גליק... לאָזט מיך אַזוי האַלטן מיין קאָפּ... פּאַרט פּאַמעלעכער, פּאַמעלעכער.

לערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געדולדיק געהאַלטן אויף זיין ברוסט לאַנעס איינגעדרימלטן שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ. געווען שוין אַרום האַלבן טאָג. די ווייצענע זאַנגען האָבן זיך געצויגן אַרויף צו דער זון.

XIII

בלוט איז ניט קיין וואַסער, און דאָס האַרץ פירט גאַנץ אָפט אַרום דעם שכל ביי דער האַנט. געווען אַ טאָג אַזאַ, וואָס בערע קאָ־וואַלסקין האָט דאָס האַרץ אַרומגעפירט אין אומרואיקייט. אויף אַלערליי אופנים האָט ער געוואָלט פאַר זיך אַליין דערקלערן לאַנעס פּלוצלונג אַוועקפאָרן מיט דעם אַגראָנאָם. קיין גלייכן וועג ווי אויסצו־געפינען די סיבה, האָט בערע ניט געהאַט. גיין און פרעגן ביי די ברעזערס וואוהין לאַנע איז געפאָרן און צוליב וואָס זי איז געפאָרן — דאָס האָט ניט געפּאַסט.

די ערשטע, וואָס האָט וועגן דעם ענין פאַרוואָרפן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, איז געווען די מאַמע זיינע:

— זאָלסטו מיר געזונט זיין, בערע, וואוהין האָט זיך עס לאַנע אוועקגעיאָגט?

זי, די מאַמע, האָט עס אויף איר אופן פאַרשטאַנען: „גענומען אַ מיידל, זיך געזעצט צום אַגראָנאָם אין אויטאָמאָביל אריין... ווער ווייסט, אפשר האָט דער אַגראָנאָם אַן אויג אויף איר...״

אביסל שפּעטער האָט רייזל בערען אויסגע׳מוסר׳ט:

— ס׳איז נישט רעכט אַזוי, מיין זון: פּונקט ווי דו וואָלסט פון איר געמאַכט חוזק; קיין חידוש נישט, וואָס זי דאָרטן... כ׳וויס, אַ מיידל איז צוגעלאָזן — קומט איר פון אַנדערן צד אויך אַ שמייכל.

— אויב זי באַדאַרף פאָרן, קען זי פאָרן; וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן?

ס׳האָט אָבער מיט בערען יאָ געהאַט צו טאָן. ער האָט זיך פאַרן טאָג גענומען צו אַלערליי מלאכות, און קיין שום מלאכה איז אים ניט געגאַנגען. ער האָט געשפּאַנט די אָקסן, אוועק אין פעלד אריין, געזוכט עפּעס אונטערהעלפן דעם ווייצנפעלד; אָבער דאָס פעלד האָט ניט באַדאַרפט אָנקומען צו זיין טרחה. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן ווייצנפעלד, האָט זיין האַרץ פאַרקלעמט אַ בענקעניש — אַזש אַ נעפּל האָט זיך פאַרצויגן פאַר די אויגן. מען קען זאָגן, אַז צום ערשטן מאָל זינט בערע איז אין קרימער סטעפּ האָט ער דערשפּירט דעם דאָזיקן זיסן פּיין, וואָס צעגייט זיך איבער אַלע גלידער; ווען דאָס ארומיקע לעבן רוקט זיך אָפּ אַן אַ זייט און ס׳גלוסט זיך אויפשטייגן, אָדער אוועקפאַלן אין אַ פּוסטן חלל, וואָס הייבט אָן שפּרייטן ארום.

אַזעלכע שווערע, מאָנענדיקע רגע׳ס האָט בערע געהאַט די לעצטע צייט, אָבער זיי האָבן ניט געמאָנט פון אים אַזויפיל. לאַנעס געשטאַלט איז ביז איצטער אין אַזעלכע רגע׳ס ניט ארויסגעשוואומען פאַר אים אַזוי בולט ווי איצטער. לאַנעס געשטאַלט האָט אים אָן ווערטער געשטראָפט, בעת ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון אין וואָס זיין זינד באַשטייט: „נו, איז וואָס, אויב איך אַליין, אַ פּראָלעטאַריער, וויל האָבן אַ ווייב, וואָס זאָל מיר זיין נאָענט צום לייב און צו דער נשמה, אַ טאָכטער פון מיין קלאַס און מיין גלייכן —

וואָס קומט מיר דערפאַר?״ ניט געווען ווער עס זאָל אים ענטפערן. די רעוואָלוציע האָט אים יאָ געקענט ענטפערן און ניט געקענט ענטפערן. די רעוואָלוציע האָט ניט ארויסגעגעבן קיין באַפעל צו באַשטראָפן אומשולדיקע פאַר די שולדיקע. אמת, דאָס קומט נאָך פאָר; אמת, געוויג אומשולדיקע קינדער ווערן באַשטראָפט פאַר דער שולד פון די עלטערן — אָבער די רעוואָלוציע האָט ניט געמיינט אזא לאַנען; בפירוש ניט געמיינט... און דאָך איז בערע אויסן אויסצופאָלגן אַ געהיימען באַפעל פון דער רעוואָלוציע. זיין מאַמע פאַרשטייט עס ניט. זיין מאַמע קוקט אויף אים, ווי אַ מאַמע קוקט אויף איר קינד. זי וויל נחת האָבן פון איר קינד אויף דעם אייגענעם אופן ווי אירע טאַטע־מאַמע האָבן פון איר געוואָלט נחת האָבן. אָבער איצטער איז אַן אנדער צייט.

וואָס־זשע טוט מען, אויב דאָס בלוט ווייסט ניט קיין גרעניצן? וואָס־זשע טוט מען, אויב דאָס לעבן גופא ברעכט גרעניצן און ווייזט אַן דעם בלוט אריבערצוטראָגן זיך איבער פאַרבאָטענע גרעניצן?

בערע איז אַוועק צום ברעזער פעלד; צוגעקומען צו לאַנעס גאָרטן, צו די צוויי שמאָלע בייטן, וואו ער איז שוין ניט איינמאָל בשתיקה געווען און אַרומגעשאַרט מיט ערד די בוריקעס, די באַשטאַ־נעס און אויסגעריסן ווילדע גראָזן, וואָס זענען אויפגעקומען אין לאַנעס גאָרטן. ער איז צוגעקומען צו איר גאָרטן, און אויף אַ ווייל־ע האָט אים אַרומגעכאַפט אַ פאַרדראָס. דווקא דאָ האָט ער דעם פאַר־דראָס געשפּירט. ווייל ס'איז געווען דאָס איינציקע אָרט וואו בערע האָט אינדערשטיל מודה געווען אויף זיין ליבע צו לאַנען; דאָס איינציקע אָרט, וואָס איז געווען אויסער אַלע פאַרבאָטענע גרעניצן. ער איז זיכער, אַז לאַנע האָט דאָ דערקענט זיינע טריט; און אפשר דערקענט זיין זאָרג: „ניין, אויב זי האָט עס געטאָן אויף צו־להכעיס, געוומען פאַר אַלעמען אין די אויגן און אַוועקגעפאָרן מיטן אַגראָנאָם, איז זי ווערט, איך זאָל זיך אויף איר ניט אומקוקן...״ ער וועט עס איר באַווייזן, ווען זי וועט קומען צוריק. ער וועט זיך מאַכן, גלייך ווי ער באַמערקט זי גאָרניט, ניט איר אַוועקפאָרן און ניט איר קומען.

דאָס פעלד האָט אים זיין שווער געמיט ניט גרינגער געמאַכט. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון פעלד, צוגעקומען צו די אָקסן, וואָס

זענען געשטאַנען מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָט אָנגעטאַפּט ביי די אָקסן דאָס אָנגעקוועטשטע, אויפגעפּאַלדעוועטע אָרט אונטערן יאָך. ביי איין אָקס איז די הויט געווען אָפּגעמוליעט, און עטלעכע זלידנע פליגן מיט גרין־גילדערנע בייכער האָבן גענאָגט פון דער אָנגעמור־ליעטער וואונד. בערע האָט די פליגן אַראָפּגעטריבן, אויסגעריסן אַ בלעטעלע „פּאָדראָזשניק" און צוגעלייגט צו דער וואונד. דער אָקס האָט געשפּירט בערעס גוטסקייט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ טרייסל געטאָן מיט דער גאַנצער פעל.

אפשר זאָל ער גאָר קריגן עפּעס אַ תירוץ, אַריינגיין צו די ברעזוערס אין שטוב; אפשר אַליין פון זיך וועט עס אַרויסקומען, מע וועט זיך צעשמועסן און ס'וועט קלאָר ווערן צוליב וואָס לאַנע איז אַוועקגעפאָרן מיטן אַגראָנאָם. אפשר ?... אפשר קען זיין, אַז נחום האָט עפּעס אַ שטיקל ידיעה. אָבער מיט נחום'ען רעדן וועגן אַזאַ ענין, פּאַסט ניט פאַר אים. בפרט, ער האָט נחום'ען ניט לאַנג געמאַכט אַ שטאַרקן אויסרייד, הלמאי ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער אינגע־רער, מיט ביילקען; ער האָט יעמאָלט פון נחום'ען קיין גוטן אָפּשניט ניט געהאַט. אפשר איז נחום געווען גערעכט. ניין, מיט נחום'ען פּאַסט ניט צו רעדן.

האָט בערע פאַרקערעוועט מיט די אָקסן צוריק אין דאָרף אַריין; האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן די ראַטנערס, וואו יוסף האָט אַרויסגע־האָלפן די מוליאַרעס ביי דער שטוב, און פשוט און פּראָסט געפרעגט יוסף'ן, צי ער, יוסף, נויטיקט זיך ניט אין הילף, וועט ער, בערע, אים אַרויסהעלפן — באשר ער איז שוין געבליבן ביז שניטצייט אָן אַ שטאָך אַרבעט, און אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס איז ניט זיין רגילות.

יוסף ראַטנער האָט דערקענט אין בערעס אויגן די אומרואיקייט. אים אַליין איז אויך דאָס בלוט געקומען אין זיין געשפּרענקלטן פּנים. זיין שטוב איז שוין געשטאַנען האַלב צוגעדעקט מיט רויטע דאַכעוור־קעס; דורך די פּירקאַנטיקע לעכער פון די צוקינפטיקע פענצטער האָט זיך געמיניעט דער לויטערער דרויסן.

— ביסט מיר מקנא מיין אַרבעט — האָט זיך יוסף ברייט צע־שמייכלט — אַ דאַנק, חבר; האָב שוין אַליין געקלערט, ווען אונדזער שטוב וועט ווערן פאַרטיק, זאָלן מיר זיך אַלע צונויפנעמען און

ארויסהעלפן די אָפּגעשטאַנענע — זיי זאָלן ביז שניט האָבן די שטיבער פּאַרטיק. וואָלסטו ניט געהאַט קיין חשק זיך אַריבערכאַפּן און געוואויר ווערן, וואָס עס הערט זיך אויף אַנדערע ערד־חלקים? געהערט, אַז לאַנגע ברעזער איז מיטן אַגראָנאָם אַוועקגעפאָרן איבער די ערד־חלקים.

בערע האָט עס אויך געהערט. און ס'וואָלט ניט שאַדן וועגן דעם ענין מיט יוסף'ן אַ שמועס צו טאָן. ווייסט אָבער בערע, אַז יוסף ראַטנער האָט צו אים ניט קיין גוטע געפילן. בערע האָט ניט קיין באַוויז אויף דעם — אָבער ער פילט עס.

— וואָלט ניט שאַדן... מיר באַדאַרפן ניט קיין אויטאָמאָבילן. מע קען מיט די אָקסן אָנשפּאַרן פאַרן טאָג אויף עטלעכע ערד־חלקים.

— אָט דאָס איז די צרה, וואָס דו פאַרשטייסט מיך אַזוי שלעכט, ווען איך קום אַרוים מיטן אמת — האָט יוסף אָנגעהויבן, מיט די אויגן צו דער ערד — איך ווייס, אַז מען בויט אין קרים אַ אידישע וועלט, אפשר אַ אידישע רעפּובליק; איבער גאַנץ קרים בויט מען אידישע דערפער; איבערוואַנדערער ציען אַהער פון אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך — און ס'איז ניטאָ דער גייסט, וואָס זאָל אַלעמען און אַלץ פאַרבינדן. מען בויט און סע פעלט די פרייד פון בויען. וואָס פאַר אַ חנוכת הבית איז דאָס געוועזן מיט אַ טאָג צוריק? וויינען האָט זיך געגלוסט, ניט טאַנצן. אויף קרימער פעלדער פעלט די פרייד פון בויען, חבר קאָוואַלסקי.

בערע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט ניט געענטפערט. ס'איז געווען אַ צו קלאָרער אמת. ביז היינט האָט עס בערע ניט געוואָלט שפּירן. היינט איז אים טרויעריק אויפן האַרצן; ער ווייסט, אַז אין זיין טרויער איז שולדיק לאַנגע מיט איר אַוועקפאָרן אין אַגראָנאָמס אויטאָמאָביל. ס'איז אַ פּלאָנטער. נאָר איצטער איז אים ליבער נאָכצוגעבן, אַז יוסף איז גערעכט. ס'פעלט די פרייד פון בויען. אַ שטוב האָט ער, בערע, שוין אויפגעשטעלט; איצטער וואַרט מען אויף שניט־צייט, און דערוויל איז מען געבליבן אין סטעפּ אָן אַ שטאָך אַרבעט. ער, בערע, איז געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. יוסף האָט געשפּירט, אַז דאָסמאָל פאַלן זיינע ווערטער ניט אומזיסט. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף בערעס אומרואיקייט; אָבער

ער האָט ניט געוואָלט צוקומען צו דער עיקר סיבה פון בערעס טרויער. יוסף האָט בעסער געוואָלט אויסנוצן בערעס איצטיקע שטימונג צו פאַר זייען אין אים די אידעע, אַז דער חלוצים־גייסט פעלט אין קרימער סטעפּ, דעריבער פעלט מזל און ברכה, און מיט דעם — די פרייד פון בויען. אַזאַ בערע מעג זיין באַוואוסטזיניקער; געבן זיין אַרבעט אַ העכערן באַטייט.

— איצטער בין איך אַליין אויך פול מיט האָפענונג — האָט יוסף ווידער אָנגעהויבן — איך שפּיר די פרייד פון בויען. איך פאַל ניט מיט מיין מוט. איצטער, אַז מירן האָבן דאָ די היים — וועלן מיר דאָ ווינטערן. מיין שוועסטער, אַ אינגערע פון מיר, קומט אַהער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. כ'האָף, איר וועט דאָ געפעלן. איר וועט מוזן געפעלן ווערן; איז אַ קאָמיונגיסטקע; זאָל זי נאָר זאָגן, אַז דאָ געפעלט איר ניט, כאַ־כאַ־כאַ...

— קאָמיונגיסטקעס באַדאַרף האָבן דער אידישער דאָרף. כ'האָב זיי פיינט די באַלעבאַטישע טעכטער, וואָס טוען אַ טובה דער סאָ־וועטנמאַכט. מיר האָבן ניט קיין רעכטע פרויען — האָט בערע פילאָזאָפירט.

זאַוול דער שניידער, אָדער זאַוול דער רויטער, יוסף'ס טאַטע, און יוסף'ס עלטערער ברודער, אויך אַ רויטער מיט זומערשפּרענקלעך אין פּנים, האָבן פונדערזייט זיך צוגעהערט צום שמועס.

זאַוול איז פאַוואָליע צוגעקומען.

— וואָס מיינסטו בערע, מיין זון איז אומגערעכט? אידן זענען שלאַבעריק, און טוען עס ווי מע וואָלט זיי געגויט צו טאָן...

— געוויס גויט די מלוכה; אַלעמען גויט זי צו טאָן וואָס די רעוואָלוציע פאָדערט. אידן וואָלטן נאָך געבליבן דאָרטן וואו די צאַרישע מאַכט האָט זיי אָנגעוויזן. מיט שטעקענער באַדאַרף מען טרייבן אידן פון די שטעטלעך.

— דאָ פאַרשטייען מיר זיך ניט, בערע, — האָט יוסף געזאָגט.

—מיינסט טאַקע, מען באַדאַרף אידן טרייבן פון די שטעטלעך, ברענ־גען דערצו, אַז אידן זאָלן שוין קיין אַנדער ברירה ניט האָבן און לויפן קיין קרים, צי קיין כערסאָן? איך זאָג ,אַז דער פרייער גייסט, דער פרייער ווילן האָט זיי באַדאַרפט אויפהייבן פון שטעטל און

ברענגען אהין, וואו ס'וואַרט אויף זיי אַ באַפרייטע ערד. איך וויס, בערע, אַז אַרום־און־אַרום איז די ערד אַ באַפרייטע — נאָר מיר אידן זענען ניט באַפרייט געוואָרן פון דער קנעכטשאַפט...

בערע האָט אַ לאַך געטאָן, געוואָלט אַוועקגיין; איז ער נאָך אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן און געזאָגט:

— אויב דו באַדאַרפסט נאָך פאָרן אין שטאָט אַרײַן אַ פּאָר מאָל נאָך געהילץ, וועל איך שפּאַנען מײַנע אָקסן און מיטפאָרן; מירן עס אָפּטאָן פּאַר אַ מאָל.

יוסף איז געווען פאַר'חידוש'ט פון בערעס אומגעריכטער צוגע־לאָזנקייט. ער האָט ניט באַגריפן דעם פרײַנטלעכן אָנבאָט ער האָט געענטפערט:

— פאַראַן דאָ אויפן ערד־חלק בילכערע פון מיר וואָס מע וואָלט זיי באַדאַרפט העלפן. די אָסטראָוועריס; קאַסאָיען וואָלט אויך ניט געשאַדט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע.

בערע האָט ווידער מיט די אָקסן פאַרקערעוועט אין פעלד אַרײַן: ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט יאָ עפּעס באַדאַרפט טאָן אין פעלד: זײַנע צוויי לאַנגע בייטן קוקורוזע האָט ער באַדאַרפט מיט דער האַנט־סאָכע אַרומשאַרן. אָבער קיינמאָל האָט נאָך יוסף מיט זײַנע עקשנות'דיקע רייד ניט געמאַכט אויף אים אַזאַ אײַנדרוק ווי איצטער. „די פרייד פון בויען פעלט אויף די אידישע קרימער פעלדער...״ כאַ, דאָס איז אמת. מיט דעם איז דער געשפּרענקלטער יוסף גערעכט. אַבי נאָר דער דאָזיקער רויטער הייבט ניט אָן זײַן לידל וועגן די גרויסע גליקן אין ארץ ישראל — איז ער, בערע, מיט אים מסכים. אָן פרייד פון בויען — בויט מען ניט; אָן פרייד פון אַרבעט — שלאָפט די אַרבעט. זעט מען דאָך אפילו אויף זײַן ערד־חלק, אַז די וואָס האָבן פאַרמאָגט די פרייד פון אַרבעט — ביי זיי שטייען שוין שטיבער. דוכט אים, אַז אפילו אויף די פעלדער איז צו דערקענען: ווער ס'האָט זיי געאַקערט, געבראָנעוועט און געזייעט מיט חשק — זענען די פעלדער לעבעדיקע. אָט, ביי די ברעזערס זענען די פעלדער געראָטענע.

ער איז אָנגעקומען צו זײַן קוקורוזע־פעלד, און ס'איז אים נאָך

טרויעריקער געוואָרן ווי פריער. אים האָט זיך אַ פּאָר מאָל אויסגע־דוכט, אַז ער הערט דאָס אָנקומען פון אַן אויטאָמאָביל; איז ער געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט. ער האָט אָנגעריסן ביי דער זייט וועג אַביסל גראָז און גרינע דערנער און געבראַכט עס די אָקסן אונטער דער נאָז. די אָקסן האָבן אינדערקרים אַרויסגעשטעקט די פייכטע צינגער און פאַרנומען דאָס גראָז פון זיין האַנט; פלעגמאַטיש געקייט. בערע האָט עס באַנומען, און ס'איז אים ווידער געקומען אויפ'ן רעיון יוסף ראַטנערס רייד. ער זעט עס. ביי די אָקסן איז אויך קיין פרייד ניטאָ; און די אידישע איבערוואַנדערער טוען נאָך די אָקסן, מיט וועמען מען האָט זיי פאַרבונדן. טאַקע גערעכט פיניע זייטשיק וואָס וויל קיין אָקסן ניט. ס'וואָלט גאָר ניט געווען קיין נאַרישקייט אָנצוהייבן אַ קאַמף, אָפּצושאַפן די אָקסן פון די אידישע פעלדער. ער וועט עס אויפנעמען מיט די איבערוואַנדערער. ער וועט עס זאָגן דעם אַגראָנאָם אויך.

אָבער וואָס טוט מען פאַרט מיטן טרויער וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט? טרויער און אומרואיקייט. ממש די ערד האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אונטער זיינע פיס.

ער האָט געלאָזן די אָקסן ביי דער זייט וועג, אָנגעהויבן בראָ־דזשען איבער די פעלדער און איז ווידער אַרויסגעקומען צו לאַנעס גאָרטן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן און אַרויסגעצויגן פאַר די בלעטער אַ יונגן בוריק־פלאַנץ. אַ גאָר יונג בוריקל האָט זיך נאָכגעצויגן — אָט, ווי אַ דין, פאַרשפּיצט טשוועקעלע... בערע האָט עס באַטראַכט, אַ שמעק געטאָן און פאַרזיכטיק צוריק אַריינגעזעצט אין דר'ערד אַריין.

— היינט וועל איך רעדן מיט איר. היינט וועל איך איר זאָגן, אַז ניט מיט אַזוינע ווי איר טאַטע מיינט די סאָוועטנמאַכט אויפצו־בויען אַ אידישע קרים. איך וועל עס איר זאָגן. זאָל זי זיך אַרויס־פאָרן מיט דעם אַגראָנאָם, און איך וועל עס איר זאָגן...

דאָס האָט ער באַשטימט אויפן הויכן קול. ער האָט זיך ענער־גיש אויפגעהויבן, אַוועק צוריק צו זיינע קוקורוזע־בייטן און אָנגע־הויבן מיטן האַנט־סאָכעלע אַרומשאַרן די קוקורוזע־פלאַנצן. „פרייד פון אַרבעט... אודאי באַדאַרף די אַרבעט גיין מיט פרייד. מיר אַרבע־

טער ווייסן עס. מיר האָבן שטענדיק געאַרבעט מיט געזאַנג. מיר'ן עס דאָ אויך באַווייזן. מיט געזאַנג ווען מיר אויפבויען אַ אידישע קרים. אַז מיר וועלן נאָך לעבן, וועלן מיר דערלעבן און זען, וואָס אַזעלכע ברעזערס וועלן דאָ אויפטאָן..."

דאַסמאַל האָט ער קלאָר געהערט דאָס גערויש פון אַן אויטאָמאָביל. ער האָט דערקענט פונוויטנס לערנערס אויטאָמאָביל, ווי ער קומט אָן צום דאָרף און בלייבט דאָרט שטיין.

ס'וואָלט ניט געווען קיין נאַרישקייט זיך דורכצושמועסן מיטן אַגראָנאָם, אָבער דאַסמאַל וויל ער זיך מיט אים ניט באַגעגענען. ער וויל ניט אויסזען נאַריש אין זיינע אויגן. וועט ער דאָ בלייבן אויף זיין פעלד, טאָן זיין אַרבעט.

אָבער די אַרבעט האָט זיך ניט געקלעפּט. וואָס אַ רגע איז זיין פעלד פאַרטונקלט געוואָרן; די קוקורוזע-פלאַנצן — ווי זיי וואָלטן חשק געהאַט צוריק אין דער ערד אריין זיך באַהאַלטן.

בערע האָט זיך אַנידערגעשטעלט מיטן פּנים צום יונגן דאָרף און באַטראַכט אין פאַרנאַכטיקן ליכט דעם אויפגייענדיקן דאָרף:

— די פרייד פון בויען... ווי וועקט מען אויף ביי די אידישע איבערוואַנדערער די פרייד פון בויען?

אַהינטער אים איז די זון פאַרגאַנגען און באַלויכטן מיט איר לעצט ליכט דעם אויפגייענדיקן דאָרף.

XIV

אויף די פעלדער איז געלעגן אַ שווערער טוי. די נאַכט איז אומגעגאַנגען איבערן סטעפּ. פון דער נאַכט און פון פעלד האָט געשמעקט מיט זיסע בליעכץ, וואָס האָט געוועלקט און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר קערנער. די ווייצן האָבן אָפּגעבליט; דער ווינט האָט פאַרטראָגן די בליטן-פליטערלעך, און איצטער האָט דער זאַנג געקוואָלן און געאָטעמט מיט גרינער זאַטקייט.

בערע איז געווען דער, וואָס האָט לאַנגען אָפּגעוואַרט כמעט ביים וועג; און זיין האַרץ האָט געציטערט, ווען ער האָט אָנגערירט לאַנעס האַנט. ער אַליין איז מיט אַ תירוץ געגאַנגען צו די ברעזערס,

נאָכדעם ווי לאַנע איז געקומען מיט לערנערן צוריק פון איר נסיעה איבער די קרימער אידישע פעלדער. ווי אַ שולדיק אינגל האָט ער אויף איר געקוקט. ער האָט איר אָן אַ זייט איינגערוימט אַ סוד, אַז ביינאַכט וועט ער אויף איר וואַרטן נעבן איר גאָרטן.

איז לאַנע אַרויסגעקומען; נאַטירלעך איז זי געקומען — ווי עס קומט אָן נאַטירלעך דער ווינט און רירט אָן די יונגע זאַנגען.

— כ'בין אין כעס אויף דיר, לאַנע, — האָט בערע געזאָגט — ווייל צופיל פאַרשטייסטו שוין מיט וואָס דו קענסט מיר פאַרשאַפן אַ וויטיק.

לאַנע האָט אין האַרצן אַ צופרידענעם לאַך געטאָן; דערנאָכדעם האָט זי גענומען זיינע הענט, אַנידערגעלייגט אויף אירע אַקסלען און געקוקט אים גלייך אין די אויגן:

— איך האָב היינט פון דיר אַ סך געטראַכט, בערע; כ'זאָג דיר דעם אמת. אַ סך מאָל האָט מיר אויסגעדוכט, אַז איך האָס דיך. אַ סך מאָל האָב איך געטראַכט: ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען דו ביסט ניטאָ אויף אונדזער ערד־חלק. כ'וועל דיר זאָגן פאַרוואָס: איך באַטראַכט דיך פאַר אַ קינד פון דער נייער צייט, וואָס באַדאַרף בויען אַ וועלט, וואו איין מענטש זאָל דעם אַנדערן ליב האָבן מיט דער נאַטירלעכער ליבע; וואָס זאָל אויסוואַשן פון לעבן דעם האַס, וואָס פרעסט נאָך אַלץ דעם מענטשן. ביסטו נאָך גאָר אַליין ניט פריי פון דער שנאה, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי דיין קלאַס. אָבער מען מוז זיך דאָך פאַרט דערנענטערן; איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז מען דאָך געפינען אַ ווינקל אין לעבן, וואו קלאַסנהאַס זאָל מער ניט זויגן אונדזער לייב. פאַרשטייסט, בערע, דאָ אין קרימער סטעפּ, וואו מענטשן זענען געקומען און פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער אַלטער צייט, — דאָ, בערע, האָסטו ניט באַדאַרפט וואַרימען דעם האַס צו דיין אַמאָליקן קלאַסן־שונא. יאָ, בערע, אויב דו האָסט מיך פיינט, איז דאָס ניט ווי אַ בחור האָט פיינט אַ מיידל וואָס איז אים ניט צום האַרצן; דיין האַס צו מיר איז ווי צו אַ קלאַסן־שונא. דאָס איז טרויעריק, בערע.

בערע האָט געהאַלטן זיינע הענט אויף לאַנעס אַקסלען און געהערט אירע רייד. זיין בלוט האָט זיך צוגעהערט צו לאַנעס בלוט.

זיין הארץ האָט געקלאַפּט און נאָכגעגאַנגען אירע רייד. איר שטים איז צו אים געקומען ווי פונדערווייט, און זאָגט אים מוסר; אפשר א געריכטן מוסר. לאַנע איז ניט די וואָס רעדט איצטער צו אים. צווישן אים און לאַנען קומט פאָר א געיעג — ווער וועט פריער אַרויסלויפן פון דער אַלטער צייט און קומען אַנטקעגן דער נייער צייט. איצטער שטייען זיי נעבן צוויי שמאַלע בייטן, לאַנעס גאָרטן, וואָס איז אויך איצטער וואַך און הערט זיך איין צו דער טוּיאיקער נאַכט. איצטער איז לאַנע די, וואָס האָט זיך א גאַנצן טאָג אומגע־טראָגן איבער אידישע פעלדער; געזען אָנהויבן פון נייע דערפער; אויסגעהערט אַלערליי מעשיות פון גליק און אומגליק; מיטגעווײנט מיט פאַרקלאָגטע מאַמעס און מיטגעלאַכט מיט מונטערע בחורים. איצטער, ווען א מאַנס הענט ליגן אויף אירע אַקסלען — איז זי אַליין א טייל פון דער נאַכט און א טייל פון איר גאָרטן; א טייל פון יונגן פעלד און אויסגעשטערנטן הימל איבער זיי. זי האָט געוואָלט מיט בערען רעדן, א סך רעדן. זי האָט נאָך בייטאָג ביי זיך אָפּגע־מאַכט, פאַרנעמען בערען אין פעלד אַריין און אַריינרעדן אין אים אַלץ, וואָס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן די לעצטע צייט אויפן הארצן. און איצטער, ווען זיי שטייען שוין ביידע ביי איר גאָרטן, פאַרשווינדט פון איר סאַי דער אומרואיקער טאָג, די אידישע פעלדער, און סאַי דער ערנסטער, טרוקענער, אין־זיך־פאַרשלאָסענער בערע קאָוואַלסקי.

— הייסט עס, דו האָסט מיך פיינט... ווי אַזוי האָסטו מיך פיינט, לאַנע?

— און דו האָסט מיך ליב — ווי אַזוי האָסטו מיך ליב, בערע?

בערע האָט אַראָפּגענומען זיינע הענט פון לאַנעס אַקסלען, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, לאַנען אַראָפּגעצויגן און אַנידערגעזעצט נעבן זיך. זי האָט אים געפרעגט: „ווי אַזוי האָסטו מיך ליב, בערע?" צי דען וואַרט זי אויף אַן ענטפער? צי דען באַדאַרף ער געבן אַן ענטפער אויף אַזאַ פראַגע.

— ווילסט וויסן, לאַנע, ווי איך האָב דיך ליב... ליבשאַפט אַרויסווייזן איז איינס, און ליב האָבן איז עפּעס אַנדערש. צופיל זענען מיר פאַרנומען מיט דער אַלגעמיינער זאַך. כ'ווייס ניט ווי דו,

לאַנע; איך האָב באַקומען אַ באַפעל פון דער רעוואָלוציע צו בויען און צעשטערן. ווען איך זאָג צעשטערן, מיין איך ניט שטערן אַרום זיך דאָס אַלטע — אין מיר אַליין האָב איך גענוג וואָס צו צעשטערן. איך אַליין פאַרש מיך אויס; איך אַליין בין איבער מיר דער פּראָקוראָר. איך מסר אויף זיך ביי זיך אַליין. ס'טרעפט, אַז איך נעם און פאַר'משפט זיך אַליין. היינט האָב איך זיך אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע אַ סך מאָל פאַר'משפט.

— אָ, אָ, איך ווייס, דו האָסט געזינדיקט מיט דיין ליבע צו אַ בורזשויקע, כאַ־כאַ־כאַ!

איר געלעכטער איז געווען מיט ווייטיק. זי האָט גאָר אומגעריכט אַנגערירט אַן אָרט, וואָס האָט ביידן ווי געטאָן. ווי נאַטירלעך ס'איז געווען זיין שלעפּן שטיינער, קנעטן ליים און בויען אַ היים! — אַזוי נאַטירלעך האָט עס לאַנע געטאָן. ווען לאַנע האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי שאַפט אַ היים אין קרימער סטעפּ, איז דאָס יעמאָלט פון די קאָוואַלסקיס זייט געקומען צו איר — סאַי די באַהאַלטענע פרייד און סאַי דער אומעט. דאָס אייגענע איז דאָך מיט בערען. ערשט היינט אינדערפרי, ווען לאַנע האָט פּלוצלונג גענומען און איז אַוועק מיט לערנערן פון איר אייגענעם דאָרף, פון איר היים — איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל, וואָס יונג בלוט איז געשטעלט געוואָרן צום פּרואוו. זי האָט בערען ליב. אָבער די ליבע גרעניצט זיך מיט מורא און צומאָל מיט האַס. ער זיצט איצטער אין פעלד, און נעבן אים די יונגע פרוי, וואָס ער וויל אַרומרינגלען מיט קלאַסן־חשד און קלאַסן־אומגלייכגילטיקייט. זענען אָבער אויך פאַראַן: דאָס טויאיקע פעלד, די נאַכט, דער אויסגעשטערנטער הימל, וואָס נעמען אַרויס ביי די קלאַסן־שונאים זייערע הערצער, פאַרטראָגן די הערצער אַהין, וואו צייט און מענטש זענען אויסער אַלע גרעניצן; פאַרטראָגן זייערע הערצער אַהין, וואו פאַרוועלקטע לעבנס בליען אויף ווי דאָס יונגע, זאַטע פעלד, וואו זיי זיצן איצטער.

— יאָ, בערע, עס באַדאַרף אַזוי ניט זיין; איך שטעל מיר ניט פאַר די רעוואָלוציע אויסער די גרעניצן פון לעבן. פונקט ווי די רעוואָלוציע איז אַ פייער, וואָס האָט שוין אַזויפיל פאַרגליווערטקייטן אין לעבן צעשמאָלצן — אַזוי האָט דאָס לעבן גופא זיינע פייערן וואָס

שמעלצן איבער האָס און חשד — אין ליבע און צוטרוי. יאָ, בערע, איך האָב צו דיר אַ סך צוטרוי. איך האָב דיך ניט געהאַסט און האָס דיך ניט, נאָר דערפאַר וואָס איך האָב צו דיר צוטרוי. און דו, בערע, האָסט ניט קיין צוטרוי צו אַ מיידל, וואָס הייסט לאַנע ברעזער. און אפשר גוט אַזוי — — —

בערע האָט זי אַריינגענומען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. אינדערנאַכט איז איר פּנים געווען בלאַס, און די אויגן האָבן געלאַכט. זי האָט אים אויך געקוקט גלייך אין די אויגן, און געשפּירט זיין הייסן אָטעם. צום ערשטן מאָל האָט ער אַזוי נאָענט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. צום ערשטן מאָל איז איר מיידלשער גוף געווען איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס. אים האָט גע׳חידוש׳ט די צאַרטקייט פון איר גוף; ס׳האָט אים גע׳חידוש׳ט ווי אַזוי אַזאַ לאַנע קען האָרעווען, האָרעווען פאַר צוויי שטאַרקע מאַנסבילן.

— אַ טייוול זיצט אין דיר, לאַנע; ניט אַנדערש ווי אַ טייוול, וואָס טרייבט דיך צו טאָן דאָס וואָס דו טוסט. דו, אַזאַ געצערטלט מיידל, ווילסטו איינגעמען קרימער סטעפּ!

— ניט קיין טייוול, בערע; ס׳פאַרדריסט, פאַרוואָס דו זאָלסט זיך ניט קענען דערקלייבן צו די געפילן פון אַ מיידל ווי לאַנע.

לאַנע האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס; איז געבליבן נאָענט צו אים, געגלעט אויף אַרויף זיינע גלייכע האָר איבערן שטערן און האָט געהאַט הנאה וואָס זיין שטערן איז אַנטקעגן דעם אויסגע־שטערנטן הימל אַזאַ גלייכער, בלאַסער און פאַרטראַכטער.

— יאָ, בערע, אַ שאָד וואָס דו ביסט היינט מיט מיר ניט אַרויסגעפאָרן איבער די אידישע ערד־חלקים. בשעת כ׳האָב זיך אַליין געשלעפּט מיט די אָקסן, האָב איך גאָר ניט באַמערקט וואָס דאָ אין קרים קומט איצט פאָר. ערשט היינט בין איך געקומען צו זיך; דורכגעפאָרן אפשר אַ פופצן יונגע דערפער! ס׳האָט מיר דעם אָטעם פאַרכאַפּט. אַ שאָד וואָס דו ביסט ניט מיטגעפאָרן.

— וועסט באַדאַרפן אָפּגעבן אַ באַריכט און דערציילן וואָס דו האָסט געזען. אדרבה, זאָלן אונדזערע ווייסן וואָס מען טוט אין

אנדערע דערפער. וועסט אפּגעבן א באריכט וואָס די סאָוועטנמאַכט טוט מיט אידן.

לאַנען האָבן גע׳חידוש׳ט די לעצטע ווערטער: בערע ווייזט ארויס צו איר דאָסמאָל ערנסטן צוטרוי; דאָס איז דאָך אַלץ וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך נאָך דערווייל ניט אָפּגערופן אויף דעם, וואָס זי האָט אביסל פריער געזאָגט.

— ניין, בערע, דאָס איז עפּעס אַנדערש. איך בין נאָך ניט גרייט צו טאָן אזא ארבעט; קיינער האָט דערווייל צו מיר ניט קיין צוטרוי. די מלוכה אודאי ניט. מיר וואָלט גוט געווען, ווען נאָך אימיצער איז מיט מיר היינט.

— ביסט דאָך ניט געווען אַליין.

— שלעכטער, שלעכטער וואָס דו ביסט — האָט זי אים אָנגעפּאַטשט איבער די הענט — אודאי בין איך ניט געווען אַליין! בין דיר אויף צו־להכעיס געפאָרן אָן דיר.

— אין דעם איז שוין פאַראַן מער אמת, לאַנע; אָבער איך נעם ניט צוריק דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט — וועסט דערציילן וואָס דו האָסט געזען; צו דיר וועט מען האָבן צוטרוי. אין א פּאָר וואָכן ארום וועל איך שפּאַנען מיינע אָקסן און מיר וועלן א פּאָר טאָן אינאיינעם איבער די ערד־חלקים. זעסטו, איך וויל דיר ניט טאָן קיין צו־להכעיס.

— לאַנ—נע! לאַ — — — נע!

עס האָט זיך דערטראָגן פונווייטן א שטים.ביילקע רופט... זיי האָבן ביידע איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געהערט.

— ענטפער איר אָפּ, לאַנע.

— ווילסט, זי זאָל קומען אהער?

— לאַ — — — נע! לאַ — — — — נע!...

ביילקעס רוף האָט זיך דערהערט צום פערטן מאָל.

— דאָ בין איך, ביילקע, קום אהער!

— דיין שוועסטער האָב איך ליבער פון דיר; זי איז א מיידל וואָס לײדט.

לאנע האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זי האָט געמיינט, אַז ביילקע שלאָפט שוין. צום סוף...

— אפשר וועלן מיר איר גיין אנטקעגן?

— זיי נאָך דאָ געבן מיר, לאנע; כ'האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן. שאַדט ניט, אויב דיין שוועסטער וועט זיין דאָביי.

ביילקעס טריט האָט מען געקענט הערן; איר געשטאַלט איז געווען קענטיק איבערן פעלד.

— אויב דו האָסט ליב מיין שוועסטער, וועל איך זען, זי זאָל דיך אויך ליב האָבן. זי איז זייער אַ גוטע. איז אַ בעסערע פון מיר. לאַך ניט, בערע; דו ווייסט, זי איז אַ בעסערע פון מיר.

ביילקע איז אָנגעקומען, האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי לאנען אויפן שוים, אַרומגענומען לאנען און זי געקושט היים. איר גוף האָט אַ פּאָר מאָל אַ ציטער געטאָן. לאנע האָט עס געשפּירט. אַ ווײַלע זענען אַלע דריי געבליבן שטיל.

— אַזאַ שיינע נאַכט — האָט ביילקע געזאָגט ווי פאַר זיך.

— נעכטיקע נאַכט איז אויך געווען אַ שיינע — האָט בערע געענטפערט.

— ביילקע, ווייסט, בערע האָט דיך ליב. ער האָט עס מיר נאָר־וואָס געזאָגט.

ביילקע האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף לאנעס אַקסל און אַריבערגעקוקט צו בערען.

— וואָס זאָגסטו צו דעם, ביילקע, האָסט געהערט וואָס לאנע זאָגט?

ביילקע האָט אַ שטילן לאַך געטאָן און ניט געענטפערט. געווען פאַר איר אַ רעטעניש דאָס, וואָס זי הערט איצטער. גאָר ניט דאָס האָט זי געטראַכט איצטער הערן פון איר שוועסטער.

— איך בין ניט ווערט, אימיצער זאָל מיך ליב האָבן — האָט ביילקע אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט בערע געפרעגט.

— איך אַליין האָב זיך פֿיינט; צוליב וואָס זאָלן אַנדערע מיך ליב האָבן?

בערע האָט ביילקען אַריבערגעצויגן צו זיך און זי שטאַרק געקושט.

לאַנע, מיט אַ געצוואונגענעם געלעכטער, האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער דער טויאיקער ערד און זיך דערקייקלט ביז צו דער אַנדערער זייט גאָרטן.

ביילקען איז געוואָרן אומבאַקוועם; האָט זיך באַפֿרייט פֿון בערען און איז אַריבער צו לאַנען. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און געלאַכט אין דער פֿייכטער ערד אַריין.

בערע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט.

— לאַכט, מיידלעך, אָט אַזוי, לאַכט! איר מעגט אַפֿילו לאַכן פֿון דעם נאַרישן בחור בערע קאָוואַלסקי. דערציייל, לאַנע, וואָס דו האָסט היינט געזען אויף די אידישע פֿעלדער. האָסטו דאָרטן געטראָפֿן אַזעלכע לעקעשעוואַטע בחורים ווי איך?

לאַנע, פֿון איר אָרט, האָט אויסגעשפּרייט אירע אָרעמס צו בערען. בערע איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט.

— קום, בויג זיך אַראָפּ צו מיר, כ׳וויל דיר עפּעס דערציילן.

לאַנע האָט בערען אַראָפּגעצויגן צו זיך און האָט אים אָנגעקושט זיין פּנים.

— וואָס זאָגסטו, ביילקע, איז ער ניט אַ צעלאָזענער בחור? איי, וועט מען עס אים שמייסן דערפֿאַר... איי, וועט עס אים די רעוואָלוציע שמייסן... זעסט, ביילקע, ווי ער האָט עס גאָרנישט קיין מורא צו פֿאַרשפּילן זיך מיט מיידלעך פֿון געוועזענע בורזשויעס!...

לאַנעס ווערטער האָבן געקלאַפּט אין בערעס שלייפֿן ווי מיט שפּיציקע האַמערס. ער האָט ניט געקענט באַגרייפֿן צוליב וואָס לאַנע האָט עס געטאָן. היינט ביינאַכט, ווען ער האָט אַזויפֿיל פֿאַרבויגן פֿון זיין זייט, נעמט גאָר לאַנע און צעברעכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט גאַנץ מאַכן. נעמען איצטער, זיי איבערלאָזן און אוועקגיין אין דאָרף אַריין — איז אים אויסגעקומען ניט אין צייט. אויב באַשטראָפֿן, וואָלט ער באַדאַרפֿט לאַנען באַשטראָפֿן גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. אודאי האָט ער געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס ער האָט

זיך אונטערגעגעבן... קיין צווייטע נארישקייט וועט ער אזוי גיך ניט טאָן. נעמען און, ווי א נאר, אוועקגיין — זיי וועלן אים נאָכקוקן און אין הארצן אים נאָכלאַכן...

האָט ער זיך אראָפּגעבויגן, אָנגענומען לאַנען פאַר ביידע הענט, זי אויפגעהויבן און צוגעצויגן צו זיך. ער האָט אין אירע אויגן דערקענט א בייז פייערל. שיעור־שיעור האָט ער איר ניט געזאָגט וואָס ער טראַכט פון איר און פון אזעלכע אין איר גלייכן. ער האָט אָבער אויף זיינס מוחל געווען. ער ווייסט, אז מיט א גוטן ווילן איז ער היינט ביינאַכט ארויסגעקומען אין פעלד. ער האָט פון קיינעם מער ניט געטראַכט, אויסער פון לאַנען, בשעת ער איז געגאַנגען אין פעלד. איצטער איז ער אריין אין א פּלאָנטער פון צוויי מיידלעך; ביידע אינאיינעם זענען אים דערווידער. ביידע אינאיינעם זענען א שטיק ברעזזער־משפּחה, וואָס ער האַסט אזוי. אים איז מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן. ער האָט דערשפּירט ווי א האַנט האָט זיך פאַר־קליבן צו זיין הארץ, פאַרדריקט זיין הארץ — ממש ביז צום פאַר־כלינען זיך.

לאַנע האָט עס דערשפּירט, און עס האָט איר פאַרדראָסן. זי האָט עס געוואָלט פאַרריכטן:

— אוי, ווי מיד איך בין, בערע! שוין באַלד צוויי נעכט ניט געשלאָפן. איך ווייס אליין ניט, וואָס איך רעד, בערע. זיי מיר מוחל, אויב איך האָב גערעדט נארישקייטן. איז ער ניט א שיינער—בערע? זעסט, ביילקע, ווי זיין פּנים איז בלאַס אנטקעגן דער נאַכט... קום, בערע, פיר מיך אהיים.

זי האָט בערען ארומגענומען און שטאַרק געקושט.

פון דער נאַכט און פון פעלד האָט געשמעקט מיט זיסע בליעכץ, וואָס האָט געוועלקט און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר קערנער; דער ווינט האָט פאַרטראָגן די בליטן־פליטערלעך, און דער זאַנג האָט גע־קוואָלן און געאָטעמט מיט גרינער זאַטקייט...

* * *

אויפמאָרגן איז בערע קאָוואַלסקי מיט זיין אָקסן־געשפּאַן פאַר־פאַלן געוואָרן אויף א קיילעכדיקן מעת־לעת, פון באַגינען ביז באַגי־

נען, און איז צוריקגעקומען מיט פיר־און־צוואַנציק יונגע אַקאַציע ביימלעך. פאַרזיכטיק די וואָרצלען מיט ערד און שמאַטעס אַרומגע־וויקלט. צוועלף ביימלעך האָט ער גענומען פאַר זיך, און צוועלף האָט ער געבראַכט לאַנען אַ מתנה.

קיינעם האָט ער ניט געזאָגט צוליב וואָס ער פאַרט. מען האָט חושד געווען, אַז ער איז אַוועק קויפן פערד; ווייל די לעצטע צייט האָט ער אונטערגעמורמלט אויף די אָקסן. איז ער גאָר אַראָפּגעקומען מיט פיר־און־צוואַנציק יונגע אַקאַציע־ ביימלעך — אַ חידוש פאַרן יונגן דאָרף. נאָך מער האָט עס גע׳חידוש׳ט זיין מאַמע רייזלען, וואָס בערע האָט איינזינען געהאַט די ברעזערס, ס׳הייסט פשוט, לאַנען איינזינען געהאַט.

אָבער מער פון אַלץ האָט עס גע׳חידוש׳ט לאַנען גופא. ער האָט ניט צוגעפירט מיט די אָקסן די ביימלעך צו דער ברעזער־שטוב, וואָס איז אויסגעקומען אין צווייטן עק דאָרף, נאָר אַליין אויף די הענט האָט ער, ווי ציטערדיקע קינדער, געטראָגען די צוועלף יונגע ביימלעך. ער האָט זיי געטראָגן דורכן יונגן דאָרף, און מיט ברייט־ געעפנטע אויגן האָט אים דאָס דאָרף נאָכגעקוקט. רייזל, זיין מאַמע, און נחום זענען נאָכגעגאַנגען, אונטערגעהאַלטן די ביימלעך ביי די צווייגן, זיי זאָלן חלילה ניט נכשל ווערן פון שאָקלען צו שטאַרק.

פון די ברעזערס זענען אַלע שטובלייט אַרויסגעקומען אַנטקעגן. געווען נאָך גאָר אינדערפרי. דער אַלטער יאָשע איז אין טלית־און־ תפילין אַרויסגעקומען מיט: נו־אָ, נו־אָ — — — אַ סימן — סע געפעלט אים. וואָס ברעזער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער דאַנקען צי זאָל ער זאָגן גלאַט אַזוי אַ גוט וואָרט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די יונגע ביימלעך האָט בערע קאָוואַלסקי געבראַכט אַ מתנה, ניט פאַר אים, נאָר פאַר לאַנען. וואָס האָט געוואָרט, לאַנע זאָל עפּעס זאָגן.

לאַנען איז תחילת היים געוואָרען, אַזש די היץ האָט געשלאָגן צום פּנים. דערנאָכדעם האָט זי אַ קילקייט אַרומגענומען און באַלד איז איר ווידער היים געוואָרן אין גאַנצן גוף. זי האָט אין דער ערש־ טער רגע מוחל געווען בערען אויף אַלע באַליידיקונגען און אומ־ נויטיקע ווייטיקן וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט יעדעס מאָל, ווען

ער האָט איר אַרויסגעוויזן אומצוטרוי צו איר אַרבעט. ווען קיינער שטייט איצטער ניט דערביי, אין דעם אויסטערלישן פאַר איר פרי־מאָרגן, וואָלט זי אַן ווערטער אַרויפגעפאַלן בערען אויפן האַלדז, אים איבערגעגעבן וואָס זי פילט איצטער צו אים. אַנגעשטאַנען אַ מאָמענט פון שטילשווייגן צווישן איר און בערען. ער, בערע, האָט געזען אין לאַנעס פּנים וואָס פאַר אַ רושם ער האָט געמאַכט מיט די צוועלף יונגע ביימלעך.

דערווייל איז אַ גרעסערער עולם אונטערגעקומען, אַרומגעטאַפּט די יונגע אַקאַציע־ביימלעך און געגאַפט:

— אַט דאָס הייסט אַ באַלעבאָס; נישקשה, מע האָט תחילת געוואוסט וועמען מע האָט אויסגעקליבן פאַרן עלטסטן פון דאָרף.

— וואָס פאַר אַ פּנים וועט האָבן אַזאַ לאַנגער דאָרף ווי אונדזערער, ווען קיין ביימער וועלן ניט וואַקסן ביי ביידע זייטן גאַס!

— זעסט, לאַנע, ביי וועמען די האָסט אויסגענומען מיט דיין בריה׳שקייט? — האָט כאַסיע אַסטראָווער גערעדט פאַר לאַנעס־וועגן. —בערע קאָוואַלסקי האָט אויף דיין זייט, דוכט זיך, גאָר ניט אַריבער־געקוקט; און זעסט, ער האָט דיך פאָרט געהאַט אינזינען.

בערע האָט ניט געוואָלט, מען זאָל די ביימלעך צורעכענען צו זיינע גוטע געפילן צו לאַנען. ער האָט דעם ענין געוואָלט געבן אַ וויכטיקן באַטייט:

— אידן האָבן ביז איצט קיין ביימער ניט געפלאַנצט, און דער קרימער סטעפּ איז אַ נאַקעטער. כ׳האָב גלייך ביים אָנקומען אין קרים דערקענט, אַז אויף אונדזער ערד פעלן ביימער. געטראַכט, זאָלן די אידישע איבערוואַנדערער באַווייזן, אַז ניט נאָר אויף ווייץ זענען זיי גרויסע בעלנים; טאַקע ביימער פלאַנצן זיי אויך, כדי צוגעבן אַ שיין פּנים צום דאָרף. וואַרט, חברטע אַסטראָווער, אַז אייער שטוב וועט ווערן פאַרטיק, וועלן מיר פאַר אייער שטוב אויך פאַרזעצן ביימלעך.

שטימען האָבן זיך צעוויגט:

— הלואי דערלעבט מען שוין צו זען אונדזער דאָרף אַן אויס־געבויטן, און טאַקע מיט שיינע ביימער פון ביידע זייטן ביי די הייזער!

—ביימער ווי ביימער — דערוויל זאָל נאָר אונדזער פעלד געראָטן.

— וואָס שאַדט עס טאַקע, פון ביידע זייטן דאַרף זאָלן בליען אַקאַציע־ביימער?

דערוויל איז אונטערגעקומען יוסף ראַטנער. בערעס איינפאַל האָט אים אינגאַנצן פריטשמעליעט. וואָס־וואָס, פון בערען האָט ער אַזוינס ניט דערוואַרט.

— נאַ דיר מיין האַנט, חבר, — האָט יוסף געדריקט בערעס האַנט — איצטער האָב איך דיך ליב; איצטער גלויב איך, אַז דו ווייסט אויך וואָס די סאָוועטנמאַכט וויל פון אידן.

— ווען דיין שטוב וועט זיין פּאַרטיק — האָט בערע גוטמוטיק און מיט אַ טראָפּעלע ווערדע געזאָגט — וועל איך דיר קומען העלפן פאַרזעצן ביימלעך ביי דער שטוב. כ'ווייס וואָס די סאָוועטנמאַכט וויל פון אידישע איבערוואַנדערער. און דו, חבר'טע לאַנע, וועסט באַדאַרפן האָבן אַרויסהעלפער צו פאַרזעצן די ביימלעך, אָדער דו וועסט אַליין באַווייזן דיין בריה'שקייט?

לאַנע איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך. אירע געדאַנקען האָבן געזוכט אַ פּונקט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. ווארים וואָס זענען פּראָסטע רייד, צי קלוגע רייד ווערט, אויב בערע קאָוואַלסקי וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן מיט די יונגע אַקאַציע־ביימלעך, איז איצטער נעבן אירע פענצטער? זי ווייסט, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט בערע קאָוואַלסקי זיך געשלעפּט מיט די אָקסן, כדי מיט די ביימלעך אָנצוקומען צו אירע פענצטער באַגינען.

— אויב דו וועסט מיר העלפן, וועט עס זיין גאָר גוט פון דיין זייט — האָט לאַנע מיט אַ קענטיקער דאַנקבאַרקייט אים געענטפערט.

—גריבער וועלן מיר אַליין אויסגראָבן; נאָר פאַרזעצן וועלן מיר אינאיינעם. און אפשר זאָלן מיר גאָר וואַרטן אויפן אַגראָנאָם?

— מירן עס מאַכן אָן דעם אַגראָנאָם. דאָס וואָס אַ פּשוט'ער פויער קען, וועלן מיר אויך טרעפן. נאָר מע באַדאַרף אויסמעסטן גלייך די שורות וואו צו פאַרזעצן די ביימלעך. מיט אַ סדר, מיט אַ גלייכן סדר...

דער אַלטער יאָשע, נאָך אין טלית־און־תפילין, האָט מיט דער

האנט און מיט א נר־אַ־אַ־ באַוויזן ווי אַזוי דער דאָרף וועט ליגן אויסגעצויגן, און וואו מען באַדאַרף פאַרזעצן די ביימלעך.

דער אַלטער זאוול ראַטנער האָט פאַרלייגט מיט דער רעכטער האַנט אַ דעכעלע איבער די אויגן און מיט דער לינקער האָט ער געמאָסטן דעם בלויען דרויסן, געוואָלט תופס זיין ווי דער דאָרף וועט ליגן אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער לענג, ווען זעכציק הייזער וועלן שטיין צעטיילט אין צוויי שורות — דרייסיק אַנטקעגן דרייסיק.

בערע האָט אָפּגעמאָסטן די נויטיקע צאָל טריט פון שטוב און אַזויפיל טריט צווישן ביימל און ביימל און געזאָגט:

— אַזוי, לאַנע, זאָלסטו גראָבן פון דיין זייט, און פונקט אַזויפיל אָפּגעטראָטן וועל איך גראָבן פון מיין זייט. דערנאָכדעם וועלן שוין אַלע קענען נאָכגיין אונדזער שורה.

וואָווע ברעזער האָט אַרויסגעבראַכט אַ רידל, און בערע האָט אָנגעצייכנט די ערטער, טיף דעם רידל אַריינגעגראָבן אין דער ערד און אַרויסגעוואָרפן ברוינע גליבעס. דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער דעם רידל איבערגעגעבן ביילקען און מיט אַ שווערער וויכטיקייט אַוועקגעשפּרייזט צו זיין עק דאָרף.

דער עולם האָט אים נאָכגעקוקט. בערע האָט די דאָזיקע בליקן געשפּירט אויף זיין פּלייצע.

— מע קען ניט אַ מענטשן ביז... — האָט כאַסיע אַסטראָוועד מיט פאַרוואונדערונג אין פּנים נאָכגעקוקט בערען.

איצטער, ווען בערע איז אַוועק, האָט פּיניע זייטשיק פאַרוואָרפן אַ וואָרט:

— ער איז אַביסל וויכער געוואָרן, זינט ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז מע איז אַהער ניט געקומען אויף קאַטאָוועס. דאָ זענען מיר אַלע פּראָלעטאַריער.

— איצטער זעט מען אַרויס, אַז אַ דאָרף וועט שוין דאָ שטיין — האָט נאָטע קרעטשמער גערעדט כמעט ווי צו זיך אַליין — דוכט זיך, אַ קלייניקייט: צוועלף ביימעלעך... זאָלן זיי זיך נאָר צונעמען; איר פאַרשטייט, צוועלף ביימעלעך פון דער זייט און צוועלף ביימעלעך פון יענער זייט, און די אָנגעהויבענע שטיבער וואָס סטאַרטשען שוין אַרויס — אָט איז דער דאָרף ווי אויף דער האַנט! לאָמיר גאָר אַלע

מאַנסבילן זיך אַ נעם טאָן, יעדערער זאָל אויסגראָבן פאַר לאַנען איין גריבעלע, וועט עס זיין ווי געפונען. די ערד איז האַרט; ט'זיין שווער פאַר אַ מיידל זי איינצוברעכן.

— ניין, ניין, — האָט לאַנע זיך געוועהרט, — מיר וועט עס ניט זיין שווער. כ'וועל אפילו דעם טאַטן אויך ניט צולאָזן. איך און ביילקע וועלן גראָבן און פאַרזעצן; איר'ט זען, ווי זיי וועלן זיך צונעמען!

מען האָט אין עולם גוטמוטיק געלאַכט און לאַנען פאַרגונען דעם גאַנצן פאַרגעניגן.

— אויב דו וועסט זיך איינמאַטערן, זאָלסטו נאָך מיר שיקן — האָט פיניע זייטשיק אָנגעבאָטן.

יוסף ראַטנער האָט שווייגנדיק גענומען דעם רידל און געפּרוּווט גראָבן אַ גריבל. ווען ער האָט אויפגערירט און אַרויסגעוואָרפן די ערשטע דריי רידלס ערד, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און געזאָגט:

— אַ גאַנצער דאָרף מיט הוילע בערע קאָוואַלסקיס וואָלט ניט געטויגט. אפילו דאָס פעלד וואָלט עס אויך ניט געוואָלט ליידן. אָבער איינער אַזאַ שאַדט ניט. אפשר באַדאַרף מען טאַקע אויף אונדז אַכטונג געבען, מיר זאָלן אָפּטמאָל ניט נעמען און מאַכן פון קרים אַן ארץ ישראל, כאַ־כאַ־כאַ... נאַ דיר, לאַנע, דעם רידל; גראָב און האָב הנאה. שפּעטער וועלן מיר קומען דיר העלפן באַגיסן. וועסט אַ סך וואַסער דאַרפן אַריינגיסן אין די גריבלעך.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען; געבליבן בלויז די ברעזער־משפּחה. יעדערער אויף זיין אופן האָט באַטראַכט דעם ענין. וואָווע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט אויף די ביימלעך און אויף די אָנגעצייכנטע גריבלעך. דער אַלטער יאָשע האָט עס פשוט און פּראָסט פאַרשטאַנען: נו־אָ, נו־אָ — ביימלעך פאַרזעצן איז אַ לייטישע זאַך; ווען ער וועט ענדיקן דאַווענען, וועט ער אויך אויסגראָבן אַ גריבל. „נו־אָ, תפילה...” ס'הייסט, ער וועט אַריינגיין אין שטוב פאַרענדיקן מיטן דאַווענען.

וואָווע ברעזער האָט אויפגעשטעלט אַ ביימעלע, צוגעהאַלטן עס גלייך און זיך געווענדט צו ביילקען:

— האָלט עס נאָר צו, אַט אַזוי גלייך...

ער האָט אָפּגעטראָטן עטלעכע טריט הינטעריקס, פאַרזשמורעט אַן אויג, געקוקט צום ביימעלע, געקוקט און איז צוגעגאַנגען, איבער־גענומען דאָס ביימל און פאַרזיכטיק אַנידערגעלייגט אויף דער ערד.

לאַנע האָט ניט פאַרשטאַנען דעם באַטייט.

— וואָס האָסטו געוואָלט טאָן, טאַטע?

— כ'טראַכט: אַ בוים איז אַ בוים; פונוואַנען מע האָט אים געבראַכט, אַרט אים אפשר ניט. מע וועט אים אַריינזעצן אין דער ערד — וועט ער זיצן. און מיט מענטשן, גאָט ווייסט...

— דאָס האָסטו געמיינט?

— יאָ, מיין טאָכטער; כ'מיין צו זאָגן, אַז דיר וועט דאָ גוט זיין; אויב ער האָט געקענט נעמען און ברענגען ביימלעך, איז דאָס אַ סימן, אַז מע וועט דאָ אַליין אויך באַדאַרפן וואַקסן... אַ יאָר פינף וועט דאָס ביימל באַדאַרפן וואַקסן, ביז ס'וועט זיך אויסגלייכן מיט דער שטוב. גראָב דו, לאַנע, כ'וועל באַלד אַרויסקומען און דיר אונטערהעלפן.

ווען וואָווע איז אַריין אין שטוב, האָט לאַנע אויף־שנעל געפרעגטביילקען:

— וואָס זאָגסטו צו דעם, האָסטו זיך גערעכט, ער זאָל דאָס טאָן?

ביילקע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— וואָס קלערסטו, ביילקע, מיינט ער מיט דעם?

—שעם זיך ניט, פרעג אים.

— כ'האָב אים ניט וואָס צו פרעגן. איך גלויב גאָר ניט מיינע אויגן, ער זאָל טאָן אַזאַ זאַך. מיינסטו טאַקע, ס'איז דערפאַר וואָס אונדזער שטוב איז די צווייטע פאַרטיק געוואָרן?

— איי, לאַנע, לאַנע, פאַרוואָס מאַכסטו זיך אַזוי גע'פּגר'ט? ער האָט עס ניט געטאָן ניט פאַרן טאַטן און ניט פאַרן זיידן; פאַר דיר האָט ער עס געטאָן.

לאַנע איז רויט געוואָרן; איר איז געפעלן געווען, וואָס ביילקע איז אָפנהאַרציק.

— וואָס וועט ווייטער זיין, ביילקע?

— וואָס זאָל זיין ווייטער?

— ביז ער וועט ניט קומען, און ניט צוליגן צו דיביימלעך עטלעכע פריינטלעכע ווערטער, וועט גאָרניט זיין.

ביילקע איז צוגעגאַנגען צו לאַנען, האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין פּנים.

— גראָב דו איין גרוב, און דערנאָך וועל איך גראָבן דעם אַנדערן גרוב. וועסט זען, ער וועט נאָך שפּעטער צוקומען; ער וועט דיר נאָך היינט עפּעס זאָגן, וואָס דיר וועט הנאה טאָן.

פאַר לאַנען איז דאָס געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין קרימער סטעפּ. באַדאַרפט האָט עס געשען אין טאָג, ווען די שטוב איז פאַרטיק געוואָרן, און מען האָט אַהין אַריינגעצויגן. פּונקט יעמאָלט איז וואָווע ברעזער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. איצטער איז די באַלוינונג געקומען. ווען לאַנע האָט אַריינגעקוקט אין די גריבער, וואָס זי און איר שוועסטער האָבן אויסגעגראָבן, האָט פון יעדן גרוב באַזונדער צו איר אַרויסגערעדט אַ פאַרפלאַנצטע ליבע. גרינג איז איר געווען אויסצומאָלן פאַר זיך דאָס גאַנצע דאָרף, ווי עס וואַקסט און בליט אינאיינעם מיט די ביימלעך; אויסצומאָלן דעם אויסגע־טראָטענעם שטעג, וואָס ציט זיך פון דער ברעזער־שטוב צו די קאָוואַלסקים. איר דמיון איז איבערגעגאַנגען פון חלום צו וואָר; פון טרויעריקן היינט — צו אַ נאָענטן, געזונטן מאָרגן.

דער מענטש, וואָס הייסט בערע קאָוואַלסקי, האָט נאָך ביז איצטער צו איר ניט פאַרוואָרפן קיין וואַרימע, אינטימע ווערטער. אמת, ער האָט עס נאָך היינט אויך ניט געטאָן. אָבער דאָסמאָל האָט ער פאָרט גערעדט מיט אַן אַנדער שפּראַך. ער האָט גערעדט צו איר דורך די צוועלף אַקאַציע־ביימלעך, וואָס ער האָט געבראַכט היינט באַגינען. לאַנע ווייסט, אַז די ביימלעך האָט ער געבראַכט ניט צום געוועזענעם תבואה־הענדלער וואָווע ברעזער. ווען זי קוקט אויף די צוועלף ביימלעך און אויף די גריבער וואָס מען האָט אויסגעגראָבן פונזייערטוועגן, ווען זי וויל דאָס איבערלייגן אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך, — געלינגט עס איר ניט. ווייל קיין בשותפות'דיקע שפּראַך האָט זי נאָך ניט געפונען, וואָס זאָל בינדן די צוויי מענטשן, וואָס הייסן לאַנע ברעזער און בערע קאָוואַלסקי. דערווייל האָט די רעוואָ־

לוציע צוגענומען די בשותפות'דיקע שפראך ביי די פארשידענע קלאסן, וואס האבן זיך אמאל, גאר אמאל, דוכט זיך, צונויפגערעדט. די דאזיקע שפראך איז דערווייל נאך ניט אויפגעקומען צווישן די פיינטלעכע קלאסן. ווארים די רעוואלוציע, וואס האט אנגעוויזן אויפן תהום צווישן קלאסן, האט דעם פראלעטאריער דערווייטערט פון בורזשוי; באפוילן, אז דער געוועזענער בורזשוי זאל טריט־ביי־טריט זיך דערנעענטערן צום פראלעטאריער, ניט נאר אין שטח, נאר מיט דער גאנצער פסיכאלאגיע. דאס האט לאנע גוט געוואוסט. דאריבער איז לאנע אין בערעס קעגנווארט גאנץ אפט שטום געווען. יעדעס מאל, ווען פון אים האט ארויסגערעדט זיין קלאס — האט זיך אין איר דערוועקט א פארבארגענער האס. זעלטן איז דאס פאר־געקומען. דעם דאזיקן האס האט זי געוואלט ארויסרייסן פון איר וועזן. זי האט געוואלט זיין די בעסערע; די, וואס קען מוחל זיין. אבער דער פרויען־שטאלץ האט דערפון געליטן.

איצטער איז ער געקומען און געבראכט ביימלעך צו איר שטוב. אזוי ציטערדיק האט ער זיי געבראכט; ווי צארטע קינדערלעך האט ער זיי אויף די הענט געטראגן!

פארנאכטצו איז בערע קאוואלסקי ווידער געקומען צו די ברעזערס און האט די ביימלעך פארזיכטיק ארייגעזעצט אין דער ערד אריין; ארומגעשארט די ערד; באגאסן מיט א סך וואסער און אנגעטרונקען די פארפלאנצטע ביימער. פארזיכטיק און מיט א סך איבערגעגעבנקייט האט ער עס געטאן. געקוקט פון א זייט צו די ביימלעך, צי זיי זענען גלייך אנידערגעשטעלט. אבער ווינציק האט ער גערעדט: איז געווען מיט די ביימער אזוי פארנומען — אז ער האט קיין צייט ניט געהאט אויף לאנען און ביילקען א קוק צו טאן...

ווען ער איז פארטיק געווארן מיט זיין ארבעט, שוין ביים סאמע אוועקגיין, — האט ער א שמייכל געטאן און געזאגט אויף ביילקעס זייט:

— וועסט אכטונג געבן, די אקסן זאלן זיי ניט צעברעכן...

ווען ער איז אוועקגעגאנגען, האט ביילקע געזאגט צו דער פאר־וואונדערטער לאנען:

— פרעג, לאנע, ביי די ביימלעך, אפשר וועלן זיי דיר עפּעס דערציילן.

לאנע האָט איבער די ביימלעך אַריבערגעקוקט צום סטעפּ, צו מערב־זייט, וואו די זון האָט אַלץ נידריקער אַראָפּגענידערט צום ראַנד פון סטעפּ. אַ שיינער טאָג איז דאָס געווען; אַ טאָג פון ביימער־פלאַנצן.

נאָך דעם ווי די זון איז פאַרגאַנגען, האָט דער אָוונט אויפגערירט אַ שטאַרקע בענקעניש אין האַרצן. אַלץ דערפאַר, וואָס אַזוי ווינציק רייד זענען געפאַלן ביים פלאַנצן די ביימער.

XV

— קוקוריקורא!... אהער, מיינע הינדעלעך... קערנדלעך האָב איך געפונען!

אַ כוואַטצקער דויטער האָן מיט זיינע זיבן הינער, ער גאָר האָט זיך גוט דערשפּירט אין אידישן יונגן דאָרף. די גאַס איז ברייט; ער שאַרט מיט די פיס אין שטויב, זוכט און געפינט צו באַפרידיקן זיינע געלע, שוואַרצע און ווייסע דראָבנע הינער.

— קוקוריקורא!

דער אָפּטימיסט פון דאָרף, נאָטע קרעטשמער, איז אויפגעריכט געוואָרן מיטאַמאָל: משפחה איז אָנגעקומען. זיין ווייב, אַ באַטאָגטע אידענע; צוויי קלענערע קינדער און אַ טאָכטער, סימקע; אַ רויט־לעכע, אַ רירעוודיקע, אַ ברייטביינערדיקע און קרעפּטיקע. די היים איז נאָך אינגאַנצן ניט פאַרטיק, אָבער ניי־לעבן איז שוין פאַראַן אַרום דער דאָזיקער היים. דאָס מיינט — ניי־לעבן פאַרן גאַנצן דאָרף.

סימקע האָט אויסגענומען ביים סטעפּ, אויסגענומען ביי די מאַנסבילן. זי ווייסט עס, און דאַריבער פאַרשטעקט זי דאָס קליידל העכער איבער דער רעכטער קני, ווען זי ווייזט אַרויס בריה'שקייט. ווען זי שפּרייזט מיט דער גאַס — שוועבט איר נאָך דער שטויב.

פּיניע זייטשיק האָט מנצח געווען. ער האָט פאַרקויפט די אָקסן, זיך אויסגע'חשבונ'ט מיטן דזשאָינט און איינגעהאַנדלט אַ פּאָר

סוסים: פלינקע סוסים, וואָס האָבן מער געטויגט פאַר יאַזדעס ווי צום אַקער.

דערפאַר האָבן די קאָוואַלסקים צוגעקויפט אַ פּאָר פערד, אַ צולאָג צו די אָקסן:

— אין אָקסן ליגט גבורה. אין אָקסן האָב איך אמונה — האָט לייזער דער שמיד גע'טענה'ט.

צי עס איז געווען נויטיק, צי ניין, האָט פונדעסטוועגן בערע די פערד איבערגעשמידט; מיט גרוים בקיאות געשניצט די קלאָיען ביי די פערד. טונקל־רויטע פערד זענען עס געווען; להיפוך צו פּיניעס, וואָס זענען געווען בלאָטיק־גרוי.

די אמת'ע פּראַצע־פערד, איינער אַ רויטער און דער אַנדערער אַ שוואַרצער מיט אַ ווייסן פּינטל אויפן שטערן, האָט איינגעהאַנדלט וואָווע ברעזער. ביי די קאָוואַלסקים האָט מען געשמידט די וועגענער. די פערד האָבן געהירזשעט און עפּעס געמאָנט ביי די מענטשן; געוועקט דאָס בלוט ביי די מענטשן.

דער עיקר זענען עס אָבער געווען די פינף קי, וואָס מיט זייער אָנקומען אין יונגן דאָרף האָבן זיי מיטגעבראַכט שפע. כאָטש אומע־טיקע, אָבער מילכיקע — מיט מילך אין די אייטערס. ביי די קאָוואַל־סקים און ביי די ברעזערס זענען די שטאַלן זאַט געוואָרן מיט זים־זויערן ריח פון בהמה און מיסט; אויפגעריכט געוואָרן מיט גילדערנע און זילבערנע פליגן. איין קו איז אָנגעקומען צו די ראַטנערס. אַ שוואַרצע, ביסטרע קו, וואָס יוסף האָט זי אָנגעהויבן מעלקן. דערפאַר זיינען געווען צוויי „פלאָכע" קי מיט קליינע הערנער, איינע אַ רויטע און די אַנדערע אַ ראַבע, שוואַרץ־און־וויים, ביי די ברעזערס, וואָס דיביידע מיידלעך האָבן ליב געקראָגן. צוויי רויטע קי מיט גרויסע הערנער — ביי די קאָוואַלסקים. אין איין וואָך איז עס געשען. אין איין וואָך צייט זענען די לעבעדיקע באַשעפעניש געוואָרן באַקאַנט מיטן דאָרף, און אָנגעהויבן קוקן אויף די מענטשן מיט פאַרוואָרף פאַר זייער אָפּגעלאָזנקייט.

— קוקוריקורא...

ס'פאַרשטייט זיך, דער האָן איז געווען דער גרעסטער בעל־גאווה;

ער, דער האָן, ער האָט ניט בלויז די קרעטשמערס האַלבפּאַרטיקע היים פאַררעכנט פאַר אייגנס, ער האָט מיט זיינע הענערשע טריט געמאָסטן די גאַנצע לענג פון דאָרף, אפילו דאָרטן וואו הייזער וועלן ערשט איבעראיאָר שטיין. מיט זיינע הינער האָט ער געצויגן צום ברונעם. וואו שטענדיק האָט ער געפונען אַ קאַליוזשקע מיט וואַסער. ס'האָט געשמעקט מיט שפע. און ווען דער אַלטער יאָשע האָט אינמיטן העלן פרימאָרגן געפונען אַ ברוין איי אינמיטן גאַס, אין שטויב, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז די שפע געהערט צו די קרעטשמערס, — האָט ער דאָס איי אַלעמען געוויזן, און יעדער באַזונדער האָט געגאַפט פאַר פאַרגעניגן, איידער דאָס איי איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די קרעטשמערס.

— אַ גוטער סימן; אַ סימן פון שפע.

דאָס פעלד איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען. רעגנדלעך זענען אין צייט געפאַלן. ווינטן האָבן די ווייץ־בליִעכץ פאַר דער צייט פון די זאַנגען ניט אַראָפּגעבלאָזן. פעלד שוואַנגערט שיין און שווער; פעלד שוואַנגערט מיט אַ גערעטעניש.

וואָווע ברעזער גייט איצטער אָפטער אַרוים אין פעלד; ער זשאַלעוועט אַ זאַנג אָפּצורייסן; אַזוי אויפן שטרוי רייבט ער דעם זאַנג אין האַנט, רייבט אַרוים די נאָך־גרינע ווייץ־קערנער און ציילט זיי. ער האָט ניט געהאַט קיין אמונה. ער געדענקט וואָס דער דייטש באַגנער האָט אים געזאָגט: „ניע וועט די ערדע דעם יודע בראָט געבע...” ער געדענקט עס. דער דייטש באַגנער האָט עס אים אַריינגעזאָגט אין אויער אַריין, ער זאָל עס געדענקען. וואָווע ציילט די קערנער. ווייץ־קערנער. אידישע קערנער. איז אים גוט און טרויעריק, ווען ער צערייבט אַ זאַנג אין האַנט. איז אים גוט און טרויעריק וואָס אַזוי, ביי דער ערד, וועט ער ווערן געבויגן צו דער ערד.

— קוקוריקורא...

אין דאָרף קרייט אַ רויטער האָן. ניט לאַנג זינט ער איז אָנגעקומען. ווער ווייסט וואו דער האָן איז געוואַקסן? ווי היימיש ער און די הינער זענען דאָ!

וואָווע ברעזער האָט שוין לאַנג געקענט האָבן קי און פערד;

הינער, קאַטשקעס, געגדז און ענדיקעס. האָט ער אָפּגעוואַרט; ניט אויפרייסן מענטשן די אויגן. ער וואָלט אויך געקענט באַווייזן צוצו־נעמען אַ מענטשן וואָס זאָל אַרויסהעלפן. ניט קיין תכלית, די קינדער זאָלן אַזוי האָרעווען. איצטער, ווען צוויי קי זענען פאַראַן, פערד און אָקסן, — איצטער וואָלט געווען די פּאַסיקע צייט אַריינ־צונעמען אַ מענטשן. ווייל לאַנגע פון דעם ניט הערן. ווייסט ער ניט וואָס צו טאָן.

עס האָט אויך אָנגעהויבן צו שמעקן מיט מילך און זויערמילך פון מענטשן. פליגן זענען דעם דאָזיקן ריח נאָכגעגאַנגען.

דערשפּירט האָט עס גאָר צום סאַמע אָנהייב נחום קאָוואַלסקי: ער האָט אַ קוש געטאָןביילקען, און דערשפּירט פון איר דעם מילך־ריח.

— וואָס פאַר אַ קו מעלקסטו, ביילקע? — האָט נחום געפרעגט מיט אַ פייערל אין די אויגן.

ביילקע האָט זיך פאַרשעמט. נחום און ביילקע זענען אויף אַ גאַטירלעכן אופן נאָנט געוואָרן, ווי נאָנט עס זענען געוואַקסן איינס נעבן אַנדערן צוויי קוראַי־קוסטעס, אויפגעקומענע מיטן פרי־לינג אין סטעפּ. האָבן זיך געקריגט — ניט אויף צו ווערן צעקריגט.

— יאָ, ביילקע, פון דיר שמעקט מיט מילך, אַ וואָס פאַר אַ קו מעלקסטו? — האָט נחום ווידער געפרעגט.

ביי ביילקען איז נאָך אַלץ געשטאַנען די פאַרשעמטקייט אין פּנים, האָט ער איר נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן און שטיל געזאָגט:

— אויב דו וועסט זיך ניט האַלטן גרויס, וועל איך דיר דער־ציילן וואָס איך טראַכט... איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן אויף די בורזשויקעס, כאָטש כ'האָב זיי פיינט געהאַט. די בורזשויקעס האָבן מער אײדלקייט. איך קוק איצטער — סימקע קרעטשמער, און דיין שוועסטער לאַנע...

דאָ איז ער געבליבן שטיין. דער שמועס איז פאָרגעקומען אונטער ברעזערס שטאָל, אין דער סאַמע זון פון האַלבן טאָג. ער האָט אין האַרצן חרטה געהאַט וואָס ער האָט עס געזאָגט. ביילקע האָט באמת געוואָלט נאָך עפּעס הערן פון אים. זי, ביילקע, וואָס איז צופרידן געווען, ווייל מען האַלט זי פאַר אַ יונג מיידל, פאַר אַ

קינד — זי איז געשטאַנען הינטער לאַנען. הינטער לאַנען האָט זיך אויסבאַהאַלטן איר קינדישקייט, און הינטער לאַנען איז אויך געווען פּאַרטאַיעט דאָס צייטיקע מיידל. זי איז צופרידן געווען וואָס צו איר האָט זיך צוגעבונדן דער אינגערער קאָוואַלסקי. ער האָט פאַר־שטעלט פאַר דער וועלט די אמת׳ע ביילקע, וואָס האָט אויך צומאָל אַריבערגעקוקט צום שווייגעוודיקן יוסף ראַטנער; כאָטש זי האָט מיט ראַטנערן קיינמאָל ניט גערעדט אַזוי, אַז ער זאָל עפּעס פאַרשטיין.

איצטער, ווען נחום האָט גאָר אומגעריכט מודה געווען, ווי ער האָט אַ בעסערן געפיל גאָר צו די בורזשוי־מיידלעך — האָט זיך איר געדאַנק אַוועקגעטראָגן צו לאַנען און בערען. זי האָט איצטער חשק צו פאַרפירן אַ שמועס מיט נחום׳ען מכח זיי: „וואָס וואָלט טאַקע געווען, ווען לאַנע נעמט פּלוצלונג און האָט חתונה מיט בערען? מיטאַמאָל, אין איין טאָג, ווערט זי, ביילקע, אַ גרויסע, אַ דער־וואַקסענע פרוי, און יעמאָלט?..״

— כ׳וועל אַלעמען דערציילן, וואָס דו האָסט געזאָגט — האָט ביילקע חוזק געמאַכט — כ׳וועל עס דערציילן סימקען.

לאַנע איז אונטערגעקומען, דערקענט אין די אויגן ביי ביילקען און נחומ׳ען, אַז מען האָט געשמועסט פון אַזוינס, וואָס זי האָט ניט באַדאַרפט הערן. ביידע האָבן לאַנען אָנגעקוקט.

ביילקע האָט געזאָגט:

— טו, נחום, אַ שמעק פון לאַנען, פון איר שמעקט אויך מיט מילך...

לאַנע איז רויט געוואָרן:

— וואָס מיינסטו, ביילקע?

— דאָס זאָגט נחום...

— שעם זיך, נחום; צו נאָנט רוקסטו זיך צו מיידלעך.

— ס׳איז דאָרף; שמעקט פון אונדז אַלעמען מיט דאָרף. פון איינעם שמעקט מיט שטאַל, מיט מיסט; פון איינעם שמעקט מיט היי, און פון אַנדערע שמעקט עס מיט מילך און זויערמילך.

לאַנע האָט פאַרדרייט נחומ׳ען די הענט אויף הינטן, האָט אים אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און באַפוילן ביילקען:

— קיצל אים, ביילקע, ביז וואנען ער וועט מודה זיין אוואו ער האט עס געהערט!

ביילקע האט געפאלגט. נחום האט געלאכט און געדריגעט מיט די פיס. דערנאכדעם האבן זיי בײדע אים אויפגעהויבן בײ הענט־און־פיס און אריינגעטראגן אין שטאל אריין. דארטן ערשט, אין שטרוי, פליגן און מיסט, האבן זיי זיך צו אים גענומען. בײדע מיידלעך זענען געזעסן רייטנדיק אויף זיין בויך און ברוסט. אלע דריי האבן געלאכט און ניט געוואוסט פונוואנען און וואס דער כח קוועלט. דער ריח פון שטאל האט גע׳שיכור׳ט און געזעטיקט, ווי עס זעטיקט שטאל־מיסט א מאגערע, אויסגעהונגערטע ערד.

אויף דער שוועל פון שטאל האט זיך באוויזן קרעטשמערס רויטער האן און הינטער אים די זיבן הינער. דער האן האט אויס־געצויגן דעם האלדז, און מיט א קא־קא, קאקאדאק, אויסגעדריקט זיין בייז־וואונדער אויף די מענטשן וואס וואלגערן זיך אין שטרוי אויף דער ערד.

דערנאכדעם האט לאנג ביי נחום׳ען אנגעהויבן אויספארשן אביסל ידיעות וועגן סימקען. ווייל פאר די פינף טעג זינט סימקע איז אנגעקומען, איז זי שוין צוויי מאל געוועז ביי די קאוואלסקיס, און א פאר מאל איז ביי די קרעטשמערס געוועזן בערע.

נחום׳ען איז ניט געוועזן גאר געשמאק צו דערציילן וואס ער ווייסט. ער ווייסט, זיין מאמע האט א זאג געטאן: „וואס די ברע־זער־מיידלעך האבן אין נאגל, האט זי ניט אין לייב־און־לעבן...״ די מאמע זיינע האט עס געזאגט נאכדעם ווי סימקע איז ביי זיי אין שטוב געוועזן. אבער דאס קען ער ניט דערציילן. ער אליין האט פריער עפעס געזאגט ביילקען מכח די בורזשויקעס, און דאס איז שוין געוועזן אויפן חשבון פון דער פריש־געקומענער סימקע.

אלעמען איז אויף א ווייל אומעטיק געווארן. אין שטאל איז ניט געוועזן איבעריק ליכטיק. דער רויטער האן מיט זיינע הינער האבן פון זיך געלאזט הערן הינטערן שטאל. דער טאג האט גערופן פון שטאל ארויס. ס׳הארץ האט געגלוסט. ווייל קי זענען געוועזן, און מילך גענוג; ווייל דער גוף האט זיך אביסל אויסגערוט און בעסער דער־נערט געווארן, איז די אומרו געקומען.

— אמת, נחום איז אַ שיינער בחור, שענער פון בערען?...
זאָלסט קיינעם ניט דערציילן — — — האָט לאַנע נחומ'ען אָנגעקושט
וויפל ס'איז נאָר אין אים אריינגעקראָכן — ער וועט קיינעם ניט
דערציילן,ביילקע; ער איז אַ שיינער בחור און איז ווערט; גיב
אים וואָס אים קומט!

האָט ביילקע געפאָלגט און דאָס אייגענע געטאָן צו נחומ'ען.

נחום האָט געפילט ווי מען וואָלט אים אויסגעטאָן נאַקעט און
געטונקט אין אַ קאַכיקער מקוה, אַזש די אויגן זענען אים מיט זיסער
שיכרות פאַרלאָפן געוואָרן.

— איצטער גיי און זאָג קיינעם ניט אויס - האָט לאַנע מיט
אַ צולאָג ליבשאַפט נחומ'ען ארויסגעפירט פון שטאַל, און פאַרמאַכט
די טיר הינטער אים.

אין דער האַלב־טונקעלער שטאַל האָבן ביידע מיידלעך אַ ווײַלע
געקוקט איינע אין דער אַנדערערס אָנגעצונדענע אויגן. איינע האָט
דער אַנדערער מיטגעפילט און פאַרשטאַנען.

— זעץ זיך נאָך אויף דער ערד — האָט לאַנע אַראָפּגעצויגן צו
זיך ביילקען — דו האָסט ליב דעם ריח פון שטאַל, ביילקע? איך
האָב אים זייער ליב. זינט די קי און פערד זענען אָנגעקומען אין
שטאַל אריין, בין איך פולער געוואָרן; בין איך זאַטער געוואָרן מיט
דער זאַטקייט פון זומער און פעלד. זעסט, ביילקע, ווי די בריסט
זענען ביי מיר אָנגעקוואָלן געוואָרן זינט די קי זענען דאָ און איך
מעלק זיי. זעסט, מיין לייב איז גאָר מילך און בלוט איצטער. דו
ביסט נאָך בלאַס, ביילקע. זעסט, דאָ סטאַרטשען ביי דיר אַרויס
די ריפּן און דאָ סטאַרטשען אַרויס די קלעמבעס... פילסט דען ניט
דעם זומער, ביילקע? קוועלט דען אין דיר ניט אַזוי דאָס נייע לעבן
ווי אין מיר, ביילקע?

ביילקע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געהערט ווי איר
שוועסטערס הענט גייען אום איבער אירע גלידער, און גוט איז איר
געווען וואָס די שוועסטער איז עלטער פון איר; גוט וואָס די שוועס־
טער איז רייפער פון איר; וואָס די שוועסטער פאַרשטעלט זי נאָך.
ס'טוט איר הנאה וואָס לאַנע האָט זיך געשפּירט אַזוי פריי מיט
נחומ'ען און האָט גאָר אומגעשטערט מיט אים געשטיפט. נחום איז

אויך הינטער בערען; ער איז אויך נעבן בערען א אינגל נאָך, וואָס וואָרט אויף דער צייט ווען בערע וועט אים מער ניט פאַרשטעלן. ביידע האָבן דערשפּירט אַ זיסע מידקייט ווי איינצושלאָפן.

— הערסט, ביילקע, ווי די זון גייט אַרום שטאָל און זוכט שפּעלטעלעך אין שטאָל אריין... זעסט דאָרט, דער זונס אַ פינגער קריכט דורך אַ שפּעלטל...

ביילקע האָט ניט געענטפערט. גוט איז איר געווען וואָס זי האָט איצטער אפילו ניט קיין ווערטער.

— בערע קאָוואַלסקי איז אַ גרויס־האַלטער; דער קלענערער איז צוגעלאָזענער פון אים.

ביילקע האָט געהערט לאַנעס רייד און האָט מסכים געווען מיט לאַנען.

— וואָלסט וועלען, איך זאָל חתונה האָבן מיט בערען?

ביילקע האָט שוין די לעצטע ווערטער ניט געהערט.

איז נאָך לאַנע אַביסל געזעסן נעבן ביילקען; דערנאָכדעם איז זי שטיל אויפגעשטאַנען, ביילקען ניט צו וועקן, און איז אַרויס דרויסן. דער לויטערער טאָג האָט זיך געצויגן ביז אַלע ראַנדן פון הימל; די זון עטוואָס אַריבערגעבויגן צו מערב. טריט־ביי־טריט איז לאַנע אַוועק צו די קרעטשמערס. דאָרטן איז געשטאַנען און גע־קנאָטן ליים מיט אירע פיס — סימקע, די ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע סימקע, די נאָך גאָר אומבאַקאַנטע סימקע...

— געשמאַק די פיס אין קילן ליים!... גיב מיר דיינע הענט, חבר׳טע קרעטשמער!

לאַנע האָט אָנגענומען סימקעס הענט און איז מיט ביידע פיס אין ליים אריין.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, חבר׳טע סימקע; פיר פיס איז מער ווי צוויי, ניט אמת?

סימקע האָט ניט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם ליים, וואו אירע פיס זענען געווען איינגעזונקען ביז די קני, און האָט אַ צופרי־דענעם לאַך געטאָן. ווען סימקע האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט

לאנע איצטער צום ערשטן מאָל אריינגעקוקט אין איר פּנים אריין. סימקעס פּנים איז געווען טרוקן, הארט און פארטאָן אין זיך. א יונג פּנים, אָבער א טרוקן פּנים.

לאנע איז געוואָרן אביסל אומרואיק; און סימקע האָט אויך צום ערשטן מאָל אריינגעקוקט אין לאנעס פּנים — א מילך־און־בלוט פּנים, מיט א הויכן, בלאסן שטערן און שווארצע אויגן אונטערן שטערן. לאנע איז געווען פאר סימקען א רעטעניש.

אונטן האָבן פיר פיס געקנאָטן, געטראָטן דעם געדיכטן ליים, און אויבן האָבן אויגן אין אויגן געקוקט. מיידלשע אויגן; אומרואיקע אויגן...

— קוקוריקורא.. — האָט געקרייט קרעטשמערס רויטער האָן.

ביידע מיידלעך האָבן זיך טיפזיניק צוגעהערט.

XVI

א וויכטיקער גאַסט איז געקומען פון מאָסקווע; זעט אויס ווי א ישיבה־בחור, אָבער ער איז פאַרט איינער פון די, וועמען די מלוכה האָט אוועקגעשטעלט אויף דער וואך, אכטונג צו געבן אויף די אידישע פעלדער און אידישער איבערוואנדערונג צו ערד־ארבעט.

נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָט מען געוואוסט, אז ער פאַרט אום איבער קרימער ערד־חלקים. איבערוואנדערער, וואָס זענען נאָך ניט געווען געוואוינט צו זען אידישע מלוכה־מענטשן, האָבן ניט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן די מאכט און גרויס פון דעם דאָזיקן מלוכה־מענטש און גאַסט. ביי קאָוואַלסקין אין שטוב איז דער עולם געווען פאַרזאַמלט. לערנער האָט דעם גאַסט געבראַכט אין זיין אויטאָמאָביל. עס איז געווען נאָך דעם ווי דער גאַסט האָט באַטראכט דעם יונגן דאָרף און אויף דרויסן, איינציקווייז, יעדן געפרעגט א פּאָר ווערטער.

איצטער האָט דער עולם דעם גאַסט געקוקט אין זיין מאָגערן, שמאָלן פּנים, פון אים געוואָלט דערגיין סודות פון מאָסקווע און פון דער ראַטנמאַכט; געוואָלט דערגיין דעם תּכלית פון אידן ביי דער ערד. געווען ביי א שעה פאַר זונפאַרגאַנג. א מידער פאַרנאַכט;

אויפן עולם איז געווען קענטיק די מידקייט. דער גאַסט האָט אויך צו־אָפּט געווישט דעם שוויים. דער גאַסט, ווען ער האָט גערעדט, האָט ער גאַנץ אָפּט געקוקט אויף דער זייט פון בערע קאָוואַלסקי, ווי צו דעם עלטסטן פון דאָרף. ער האָט אויך ניט פאַרפעלט אַ קוק צו טאָן צו די ברעזער־מיידלעך, וואָס זענען געזעסןביידע אויף איין בענקל.

וואָס טראַכט עפּעס פון אונדז מאָסקווע? — האָט זלמן קאַסאַי געפרעגט, — ביי אונדז שמועסט מען, אַז מאָסקווע האָט שוין לאַנג אָן אונדז פאַרגעסן.

דעם עולם האָט הנאה געטאָן וואָס קאַסאַי האָט צוגעגעבן די לעצטע עטלעכע ווערטער; עס איז אויפגעקוואָלן אַ צופרידענער שמייכל אויף די פּנים'ער. בערע קאָוואַלסקי האָט געהאַט אָן ענטפער, אָבער ער האָט געוואַרט, דער מאָסקווער גאַסט זאָל ענטפערן.

דער גאַסט האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. ער האָט געזאָגט:

— די מלוכה האָט איר פּלאַן אָנגעצייכנט; דעם דאָזיקן פּלאַן מוזן מיר אַליין דורכפירן. די מלוכה האָט אָנגעצייכנט אַ גראַנדיעזן פּלאַן, ניט נאָר בלויז פאַר דער באַפרייאונג פון די אידישע מאַסן; די מלוכה האָט באַפרייט אַלע אונטערדריקטע און פון מענטשלעכע רעכט בארויבטע פעלקער. דער סאָוועטנמאַכט איז אַ סך גרינגער מיט די, וואָס זיצן שוין פון לאַנג אויף דער ערד. אודאי איז שווער מיט די אידישע מאַסן, וואָס זענען געווען אָפּגעריסן פון דער ערד, און וואָס באַגרייפן אפילו ניט וואָס די מלוכה פאַרלאַנגט פון זיי. די מלוכה האָט קלאָר אויסגעדריקט איר פאַרלאַנג. ערשטנס, ווייל די סאָוועטנמאַכט, אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אויף באַשטימטע ערד־חלקים און אַזוי אַרום שאַפן אַ גרויסן אידישן נאַציאָנאַלן צענטער; און פון דער אַנדערער זייט, זאָל דער ערשטער אידישער צענטער בויען אַ פאַרברידערטן ישוב: קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן — אידן זאָלן תחילת בויען אַ סאָציאַליסטיש לעבן; ניט אָפּליינגן אויף שפּע־טער. צום באַדויערן, פאַר איך פון דאָרף צו דאָרף און זע, אַז באַנ'אייך דאָ — איז סאָציאַליזם אויפן הימל, אָבער ניט אויף דער ערד...

אין עולם האָט מען זיך דורכגעוואָרפן מיט בליקן. לאַנגע האָט

א לאך געטאָן; האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, געוואָלט עפעס זאָגן, און געבליבן זיצן אויף איר אָרט.

דער גאַסט האָט עס באַמערקט, און זיך געווענדט צו לאַנען:

— רעדט, רעדט; זייט פריי און אָפן; רעדט ווי פאַר אַן אייגענעם מענטשן.

— כ׳וועל אפשר שפּעטער מיינס אַרויסזאָגן — האָט לאַנע געענטפערט מיט אַן אָפּגעהאַקטער און טרוקענער שטים.

זי איז רויט געוואָרן, און תיכף איז די רויטקייט אָפּגעטראָטן פאַר אַ בלאַסקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אין די באַקן אַריין, און געמאַכט אירע שוואַרצע אויגן בולט׳ער.

סימקע קרעטשמער האָט געביסן די ליפּן. איר איז געווען אַ רעטעניש וואָס לאַנע האָט געוואָלט זאָגן. אויב לאַנע וועט זאָגן עפּעס צו דער זאַך, וועט זי לאַנען אונטערשטיצן; אַליין פון די ערשטע צו רעדן האָט זי ניט געהאַט קיין חשק.

גאָר אומגעריכט האָט יוסף ראַטנער געבעטן אַ וואָרט:

— דער גאַסט האָט נאָר־וואָס דערמאָנט, אַז מאָסקווע פאַר־לאַנגט, אידן זאָלן ביי דער ערד בויען אַ נאַציאָנאַלן צענטער; פאַרוואָס פאָדערט עס מאָסקווע ניט פון אונדז?

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט דער גאַסט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן.

— כ׳מיין צו זאָגן, ס׳וואָלט זיך גאָר אַנדערש גערודערט אויף די אידישע ערד־חלקים, ווען די מלוכה זאָגט עס בפירוש און פאָדערט פון אידן אויפצובויען אין קרים אַ אידישן נאַציאָנאַלן צענטער; וועל עס אָנרופן ביים נאָמען — אַ נאַציאָנאַלע היים!

— נו, געוויס פאַרלאַנגט עס די מלוכה פון די אידישע מאַסן.

יוסף ראַטנער האָט איראָניש אַ לאַך געטאָן.

— דערקלערט איר מיר, חבר, וואָס איר מיינט מיט אַ נאַציאָ־נאַלער היים — האָט דער גאַסט אביסל שטרענג געפרעגט.

— אַ נאַציאָנאַלע היים — האָט יוסף ראַטנער שוין אביסל צוגעשטאַמלט — סע זאָל ווערט זיין ברענגען קרבנות... אָט, ווי אידן טוען עס פאַר ארץ ישראל...

— פראַזן, חבר! דאָס זענען ניט מער ווי פראַזן... ווי איז

אייער נאָמען? יאָ, חבר ראַטנער... דאָ באַדאַרפט איר ניט ברענגען קיין קרבנות. דאָ גיט די מלוכה אידן ערד פריי. דאָ גיט די מלוכה אכטונג, אַז די אידישע איבערוואַנדערער זאָלן קענען רואיק אָנגיין מיט זייער אַרבעט; קיינער זאָל זיי קיין בייז ניט טאָן. ווייל דאָ באַשטראָפט די מלוכה שטרענג די, וואָס ווילן אידן שלעכטס טאָן.. און דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס אידן באַדאַרפן קיין קרבנות ניט ברענגען. נו, דאַריבער, חבר, איז אייך ניט געשמאַק קרימער ערד? אדרבה, זאָגט, וואָס פאַר אַ קרבנות וואָלט איר געוואָלט ברענגען? שכנ'ישע דערפער זאָלן אויף אייך מאַכן אַ באַוואָפנטן איבערפאַל, און איר זאָלט זיך באַדאַרפן באַשיצן? איר זאָלט באַדאַרפן ביינאַכט שטעלן שומרים אויף דער וואַך, כדי פון צייט צו צייט זאָל אַ שומר פאַלן אין שלאַכט? אויב אַזעלכע קרבנות מיינט איר, חבר, טוט מיר ניט לייד, אויב איר וועט זיך מוזן אַנטוישן.

בערע קאַוואַלסקי האָט שפּאָטיש אַריבערגעקוקט צו יוסף ראַטנער. לאַנג האָט עס באַמערקט, און איר איז ווידער געקומען אַ פאַרב אין פּנים אַריין. אין דער ערשטער רגע איז איר געווען שווער אויפצוכאַפּן דעם ויכוח צווישן ראַטנערן און דעם גאַסט. זי האָט מיטגעפילט מיט ראַטנערן, ווען יענער האָט געקלאָגט, אַז אויף די אידישע פעלדער פעלט באַגייסטערונג; פעלט דער פּיאָנערן־גייסט. אָבער וואָס האָט עס טאַקע צו טאָן מיט קרבנות? דאָ האָט זי מסכים געווען מיטן גאַסט; אָבער אינגאַנצן צופרידן איז זי פאָרט ניט געבליבן. פון אמת האָט מען ווייט ניט געקענט אַוועקגיין. באַגייסטערונג פעלט דאָך אַזוי שטאַרק.

— אויף דעם ערד־חלק איז נאָך קיין איין קאָלעקטיוו ניטאָ? — האָט דער גאַסט געפרעגט.

— דאָ זענען תחילת געווען דריי קאָלעקטיוון; באַלד ביים אָנהייב זענען זיי צעפאַלן געוואָרן — האָט לערנער שטיל געענטפערט.

— דאָ האָט איר באַגייסטערונג, חבר ראַטנער! — האָט דער גאַסט קאַלט פאַרענדיקט.

— איך זאָג אויך, אַז באַגייסטערונג פעלט, — האָט יוסף ראַטנער ווי געוואָלט פאַרריכטן זיין פריערדיקן ניט־געלונגענעם געדאַנק.

— באַוואוסטזיין פעלט ביי די אידישע מאַסן! — דאָס, פון

וואָס מען האָט אין דער צאַרישער רוסלאַנד בלויז גע׳חלום׳ט, איז דאָ געוואָרן וואָר. צופיל וואָר, חברים. צופיל אמת, חברים, כאַ־כאַ־כאַ... אידן באַדאַרפן חלום׳ען, וועט זיי זיין וואויל ווי די וועלט!

מיט דעם האָט זיך דער גאַסט אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן, אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, מיט פריינטלעכקייט און מיט חשיבות אים אַריינגעזאָגט כמעט אין אויער אַריין:

— אויב איר פאַרמאָגט טאַקע באַגייסטערונג, איז וואויל צו־אייך; אדרבה, באַגייסטערט דעם גאַנצן ערד־חלק. פון אַזוינע ווי איר פאַרלאַנגט עס די סאָוועטנמאַכט. בויט דאָ אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. דאָ איז עס גרינג צו טאָן; מחמת איר שטייט נאָך ביים סאַמע אָנהייב. אויב דאָס איז אַ קרבן, איז דאָס ניט קיין שווערער קרבן. דאָס פאַרלאַנגט פון אייך אַלעמען די סאָוועטנמאַכט.

בערע קאָוואַלסקי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דער גאַסט האָט שוין פאַר אים אויך גערעדט. נאָר אַז דער גאַסט איז שוין געווען נעבן דער טיר, האָט בערע זיך געווענדט צום עולם:

— איר האָט געהערט, דער חבר פון מאָסקווע האָט געפרעגט, פאַרוואָס באַנ׳אונדז איז ניטאָ קיין קאָלעקטיוו. וואָס ענטפערט איר אויף דעם? זאָלן מיר באַווייזן דעם גאַסט, אַז מיר ווייסן וואָס די סאָוועטנמאַכט פאַרלאַנגט פון אונדז! וואָס געווען, איז געווען; ווער וועט צושטיין צו אַ קאָלעקטיוו?

פּיניע זייטשיק האָט אַ לאַך געטאָן. ווייל אויף אים האָט בערע קאָוואַלסקי אָנגעשטעלט די אויגן, בשעת ער האָט גערעדט.

— וואָס לאַכט דער חבר? — האָט דער גאַסט געפרעגט.

— די סאָוועטנמאַכט וויל, מע זאָל מאַכן: „מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס...” און איך זאָג, ס׳וועט זיין געזינטער, אַז איך וועל מיר פּאַשען מיין אייגענעם פערד, און חבר קאָוואַלסקי וועט פּאַשען זיין פערד. מיינס איז טאַקע מיינס, און דיינס איז דיינס — דאָס פאַרשטיי איך. זאָגט דאָרטן דער מלוכה אין מאָסקווע, מע זאָל לאָזן צורו, ווי ס׳איז איצטער... פאַר מיינע הענט באַדאַרף איך ניט קיין שותף.

— אזוי וועט עס ניט טויגן, חבר, — האָט דער גאַסט גע־שמייכלט.

— זעט מען דאָך ווי סע טויג!

— וועט עס שפּעטער ניט טויגן.

— די מלוכה וועט צווינגען?

— אפשר.

— וועט עס טויגן אויף כפּרות...

— ווי די סאָוועטנמאַכט וועט געפינען פאַר רעכט און גוט, אזוי, חברים, וועט איר מוזן טאָן.

דער גאַסט איז ארויס דרויסן. כמעט דער גאַנצער עולם איז אים פּאַמעלעך נאָכגעגאַנגען.

ווען לאַנע איז שוין געווען ביי דער טיר, האָט זיך רייזל קאָוואַל־סקי צו איר געווענדט:

— בלייב אַ ווײַלע דאָ, לאַנע, כ'וויל מיט דיר עפּעס רעדן; קומסט אזוי זעלטן אריין צו אונדז.

לאַנע איז איבערגעבליבן. אַ ווארימקייט איז איר דורך איבערן גאַנצן לייב. כאָטש זי האָט ניט געוואוסט וואָס רייזל וועט מיט איר רעדן, האָט זי מיטן חוש עפּעס דערשפּירט.

לאַנע האָט נאָך אַ ווײַלע געקוקט אין פענצטער, נאָכגעקוקט דעם עולם, דערנאָכדעם האָט זי געזאָגט צו רייזלען:

— וואָס מיינט איר, ער איז ניט גערעכט? מיר דערנענטערן זיך ניט איינס צום אַנדערן. פאַרקערט, וואָס־אַ־טאָג ווייטער, פאַר־קלייבט זיך יעדערער אין זיין קאָנורע. איר וועט זען, ווען דער דאָרף וועט שוין זיין אויפגעבויט, אַלע הייזער פאַרטיק, וועט איינער אויפן אַנדערן אפילו ניט וועלן אַ קוק טאָן.

רייזל האָט ניט דאָס געמיינט; כאָטש איר איז געווען פאַר־שטענדלעך און ליב וואָס לאַנע האָט איצטער געזאָגט. זי האָט אָבער געוואָלט עפּעס דערגיין פון לאַנען מכח בערען, וואָס די לעצטע צייט גייט ער ארום מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. רייזל האָט געפּרואווט רעדן מיט בערען, איז פון דעם גאָרניט ארויסגעקומען.

כאָטש רייזל האָט געפילט, אַז איצטער איז ניט פּאַסיק צו רעדן פון דעם, האָט זי פונדעסטוועגן, מיט אַ טאָן פון חנינה, געזאָגט צו לאַנען:

— פאַרוואָס, מיין קינד, דערווייטערסטו זיך אַזוי פון בערען?

דאָס בלוט האָט לאַנען אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אריין. זי האָט ניט דערוואַרט, אַז בערעס מאַמע זאָל גאָר פּשוט און פּראָסט נעמען און דאָס פרעגן. לאַנע איז געוואָרן צעטומלט; ווייל אין אמת'ן איז גאָר די זאַך געווען פּונקט פאַרקערט. זי, לאַנע, האָט באמת, באַדאַרפט פרעגן ביי בערעס מאַמען, פאַרוואָס בערע דערווייטערט זיך אַזוי פון איר.

— מיינט איר טאַקע, אַז איך דערווייטער זיך פון אייער זון? — האָט לאַנע אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— כ'ווייס, מיר דוכט זיך אַזוי; ווייל ער גייט די לעצטע טעג אַרום ווי אָן אַ קאָפּ. ווי איז דאָס, איר רעדט ניט איינס מיטן אַנדערן?

— מיר רעדן...

— יאָ, אַלץ הייסט גערעדט... האָט מען איצטער דאָך אויך גערעדט.

— מיר רעדן וועגן אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט אויפן ערד-חלק; ווי אַזוי אונדזער דאָרף וועט אויסזען; ווי אַזוי מיר וועלן דאָ בויען קאָלעקטיוון; פון דעם רעדן מיר כמעט יעדן טאָג...

רייזל האָט ניט געוואוסט פון וואָס ווידער אָנצוהייבן. טאַקע אין אמת'ן איז דאָך לאַנע גערעכט; מען רעדט פון אַלערליי וויכטיקע זאַכן. איצטער איז אָנגעשטאַנען אַ צייט, וואָס נאָר פון וויכטיקע זאַכן מוז מען רעדן. חתונה האָבן איז אפנים שוין מער ניט קיין וויכטיקע זאַך...

— כ'וועל דיר, לאַנע, זאָגן דעם אמת; כ'ווייס אַליין נישט וואָס ס'הייסט וויכטיק און וואָס נישט. מיין זון האָט אָנגענומען צופיל אויפן קאָפּ. נעבאַי וואָלט אימיצער אַנדערש גענומען אויף זיך די קאָפּדרייעניש, נעבאַי...

רייזל איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו לאַנען; געוואָלט איר עפּעס פון נאָענטן זאָגן, איז איר אַליין דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין;

ס׳הארץ האָט איר אַזש הויך אָנגעהויבן צו קלאַפּן.- זי האָט אַרומגע־נומען לאַנען, געדריקט צום הארצן, און געקושט אין ביידע באַקן.

— איך בעט דיך, זיי גוט צו מיין זון, — האָט רייזל שטיל געשטאַמלט, — קענסט נישט מיין זון... ער האָט אַ גילדערנע האַרץ. אַז דו וועסט אים דערקענען נענטער... איך רעד נאַרישקייטן. אפשר האָב איך דאָס נישט באַדאַרפט רעדן; כ׳האָב דיך ליב ווי אַן אייגן קינד...

— כ׳דאַנק אייך זייער, חבר׳טע רייזל. כ׳ווייס, אַז איר האָט מיך ליב ווי אַן אייגן קינד; אָבער אייער זון האָט מיך ניט ליב... איר וועט מיר מוחל זיין, איך וועל אַרויס דרויסן, הערן וואָס זיי רעדן דאָרטן; זייער וויכטיק צו הערן...

לאַנע איז אַ צעהיצטע אַרויס דרויסן. באמת האָט זי איצטער געוואָלט פאַרדעקן מיט די הענט די אויגן, און פאַרקערעווען אין פעלד אַריין, ווי דאָס איז געווען איר שטייגער אין אַ צייט, ווען זי האָט מיט אירע שומיקע געפילן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. זי איז אָבער, ניט־ווילנדיק, אַריינגעצויגן געוואָרן אין עולם, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין אַ קרייז אין מיטן גאַס אַרום דעם גאַסט און אַגראָנאָם.

לערנער האָט גערעדט:

—אויף דעם דאָזיקן ערד־חלק, ווי אויף די מערערע ערד־חלקים, קען מען דעם עולם איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס. איין טייל, צום באַדויערן, אַ קלענערער טייל, איז אַהער געקומען מיט דער דעה צו בלייבן. ווער ס׳האָט שוין זיין הויז און היים; ווער ס׳האַלט נאָך אינמיטן דער אַרבעט. וועלן פאַרענדיקן זייער בוי־אַרבעט נאָך ביז שניט־צייט. דאָ וועלן זיי בלייבן פאַרצווזעצן זייער אַרבעט. אין דער צווייטער קאַטעגאָריע פאַלן אַריין אַזעלכע, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף שניט־צייט... וועלן מסתמא נאָך שניט־צייט פאָרן צוריק אין שטעטל אַריין. דאַריבער איז נאָך שווער צו רעדן פון קאָלעקטיוון און סאָציאַליזם, כל זמן ס׳איז ניט באַוואוסט ווער איז ווער.

לאַנען האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן רייזל׳ס רייד. זי האָט אויף זיך דערשפּירט בערעס בליקן. זי האָט אין זיין פּנים

דערקענט, אַז עפּעס פאַרשטייט ער פון איר בלייבן אין שטוב מיט זיין מאַמען. לאַנע האָט איצטער געוואָלט רעדן; אַליין הערן ווי זי רעדט. זי האָט נאָך געשפּירט אויף די באַקן רייזלס קושן; זיי האָבן די באַקן אירע געבריט. „עס איז אַזוי ניט געווען אין צייט; אַזוי ניט אויפן ריכטיקן אָרט”, האָט עס לאַנע געוואָלט איבערשרייען.

— איך וויל זאָגן דעם גאַסט — האָט לאַנע גערעדט מיט אַ טרוקענער שטים — די מלוכה קלייבט ניט איבער געגוג; ניט יעדן איינעם, וואָס מיינט, אַז ער וועט קענען ווערן אַ פּויער, באַדאַרף די מלוכה שיקן אַהער. ניט יעדן איינעם, וואָס וויל מיט פאַרמאַכטע אויגן לויפן פון שטעטל, זאָל מען שיקן קיין קרים. ווען מע וואָלט טאַקע איבערקלייבן די מענטשן, שיקן די פּאַסיקע, שטאַרקע, מיט באַגייסטערונג — וואָלטן מיר דאָ ביז סוף־זומער געהאַט דעם גאַנצן דאָרף! און אַז קאָלעקטיוון, איז וואָס? איך בין שטענדיק גרייט געווען צו גיין אין אַ קאָלעקטיוו; האַנט־ביי־האַנט מיט אַלעמען. שרעקט אונדז ניט, חברים, מיטן קאָלעקטיוו!

דער עולם האָט לאַנען אָנגעקוקט, און געגאַפט; ס'האָט גע־חידוש'ט איר דרייסטקייט אַזוי צו רעדן צו מלוכה־מענטשן.

סימקע קרעטשמער האָט ניט געגלויבט אירע אויערן. אָט אַזוי גאָר האָט זי, סימקע, באַדאַרפט רעדן. ס'קלעמט איר דאַריבער אין האַרצן. זי וואַרט אויף אַ געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן. כמעט דאָס אייגענע האָט געשפּירט יוסף ראַטנער. ממש ביי אים פון מויל האָט לאַנע די ווערטער אַרויסגעכאַפּט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער אַלטער יאָשע ברעזער אַרויסגערוקט פאָרויס; האָט זיך אָנגענומען מיט כח און געזאָגט צום גאַסט:

— מיר האָבן נאָך דערווייל נישט קיין מנין שבת, אפשר וואָלט דער גאַסט געבעטן, די מלוכה זאָל אונדז צושיקן פון מאָסקווע אַ ספר־תורה...

עס האָט אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער; דער אַלטער יאָשע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, ניט געקענט באַנעמען, פאַרוואָס דער עולם לאַכט פון אים.

דער גאַסט פון מאָסקווע האָט דעם אַלטן גוטמוטיק געענטפערט:

— אויב דאַוונען, זיידע, — קומט קיין מאַסקווע; דאָרטן האָבן מיר נאָך אַ גוטן חזן, וואָס די מלוכה האָט איבערגעלאָזן.

האָט ווידער ביים עולם אַ פּויש געטאָן אַ געלעכטער.

לערנער האָט ניט געוואָלט, אַז דעם אַלטן יאַשעס בקשה זאָל אַפּשוואַכן די רייד וואָס ער און דער מאָסקווער גאַסט האָבן דאָ גערעדט.

— מיר באַדאַרפן שוין פאָרן — האָט לערנער זיך געווענדט צום עולם — איך האָף, איר האָט אַלע גוט אויפגענומען, וואָס אונדזער חשוב'ער גאַסט האָט געזאָגט. די רייד פון גאַסט — זענען די רייד פון דער סאָוועטנמאַכט. נעמט אייך עס גוט אַריין אין זינען.

דער גאַסט האָט מיט אַ שמייכל געגעבן דעם עולם צו פאַרשטיין, אַז ער איז מסכים מיטן אָגראָנאָם; און שוין אין אויטאָמאָביל האָט דער גאַסט דערלאַנגט בערען די האַנט און געזאָגט:

— מיט אַזעלכע ווי איר, חבר, איז די סאָוועטנמאַכט צופרידן. לייענט אונדזערע באַריכטן; ווערט באַקאַנט מיט אונדזערע פאָדע־רונגען, וועט איר פאַרשטיין אויף וואָס פאַר אַ דרך איר זאָלט אַרויס־פירן די אַרבעט פון אייער ערד־חלק... און איר ,חבר'טע, — האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צו לאַנען — זייט אַ גוטער ביישפּיל פאַר אונדזערע פרויען, וואָס קומען העלפן די מענער זיך באַזעצן ביי דער ערד.

דער אויטאָמאָביל מיטן גאַסט האָט זיך גערירט פון אָרט, און דאָס בינטל מענטשן איז אַ ווילע געבליבן אויף אַן אָרט, געדולדיק אַנגענומען דעם שטויב, וואָס דער אויטאָמאָביל האָט נאָך זיך געלאָזן.

פּיניע זייטשיק האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש:

— מיר קענען זיי, די חכמים... „מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס..." — אויף כפּרות וועט עס טויגן! נישט קיין לעבן און נישט קיין טויט וועט עס זיין; אַ גע'פּגר'ט לעבן וועט עס זיין...

דער אויטאָמאָביל איז פאַרשוואונדן און איבערגעלאָזן אַן אומעט. שטיל איז זיך דער עולם צעגאַנגען. ביילקע און נחום קאָ־וואַלסקי האָבן אינאיינעם פאַרקערעוועט צום פעלד. בערע האָט געוואָלט צוגיין צו לאַנען, זי איינלאַדן אַרויסצוגיין אין פעלד. אָבער לאַנע האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים, און מיט

שטילע טריט איז זי געגאַנגען צו זיך אַהיים. וואָווע ברעזער איז איר נאָכגעגאַנגען.

דער אַלטער יאָשע, דער איינציקער, איז געבליבן אין גאַס, געקוקט אין דער ריכטונג וואו דער אויטאָמאָביל מיטן גאַסט איז פאַרשוואונדן. האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס מען האָט געלאַכט פון אים.

XVII

אויף די ווייצנפעלדער איז געלעגן די זאַטע מידקייט; די זאַנגען זענען אַראָפּגעהאַנגען שווער און מיד און מיטגעבויגן דאָס שטרוישטענגל. אַ גאָלדיקע מידקייט. אַ זאַטע און דערשטאַנענע.

— אָ, מיר קענען שוין באַלד די קערנער ניט איינהאַלטן; אָט באַלד וועלן מיר די קערנער לויז אַרויסשיטן!...

בלויז האָבער און גערשטן האָבן נאָך דעם זומער־גרין אויפגעהאַלטן; אַ שפּריי־רעגנלע האָט זיי געקענט אָפּפּרישן; זיי האָבן נאָך געגאַרט צום שווערן טוי. גרין־אויף־גאָלד — זענען די יאַרעווע פעלדער געשטאַנען ביי דער זייט פון דערשטאַנענע ווייצן. הייסע טעג; זומערדיקע טעג, פולע און זאַטע.

דער אַלטער יאָשע, אין הויזן און אַרבע־כנפות, איז געלעגן ניט ווייט פון זיין וואָוועס פעלד, געלעגן מיטן פּנים צום הימל, און אָן אויג געוואָרפן צו די צוויי קי וואָס האָבן געצופּט פאַרטריקנטע גראָז און דערביי אַלעמאָל אַריבערגעקוקט צום ווייצנפעלד. געווען ביי אַ שעה צו זונפאַרגאַנג. די קי האָט מען שוין באַדאַרפט טרייבן אַהיים מעלקן. אָבער יאָשע איז געווען מיט די מחשבות פאַרטראָגן, ניט אין הימל און ניט אויף דער ערד — צווישן הימל און ערד איז ער געווען מיט זיינע מחשבות. די וועלט דרייט זיך פאַר זיינע אויגן, און ער דרייט זיך מיט. ער זעט זיך אַליין אָן אויסגעפּוצטן אין אַ טוכענעם סורדוט... אַ שמחה; חתונה ביי זיין וואָווען... אָט, נעכטן איז דאָס געווען! איצטער האָט ער שוין אייניקלעך; ספּריטנע מיידלעך; און וואָווע, זייער טאַטע, איז גרוי און פאַרזאָרגט. אַ ווייצנפעלד; האָבער און גערשטן, באַשטאַנעס, — יאָ זיינס און

ניט זיינס. ווייל ער במחשבה זיין א איד — איז דאָס ניט זיינס. ווייל ער זיין א פויער — איז ער ניט קיין איד... „אַלע ווערן זיי פויערים; ער, אויף דער עלטער — א פאַסטעך..." „זאָל עס זיין, אַז דער רבונו של עולם ווייסט ניט דערפון? זאָל עס זיין, די באָלשעוויקעס האָבן אַן אייגענעם רצון; זיי אַליין ווילן פון אידן מאַכן פויערים?..." מילא, זיינע יאָרעלעך זענען דאָך שוין פאַרשפילט. א מענטש צעשיט זיך נישט. זאָל אים כאָטש ניט אויסקומען איינער אַליין ליגן דער ערשטער אויף א נייעם בית־עולם...

ער ווייל זיך אויסמאָלן דעם נייעם בית־עולם. קיינער אין נייעם דאָרף האָט נאָך קיין וואָרט ניט פאַרוואָרפן מכח א בית־עולם. וואָלט געווען א יושר; מילא, איצטער, פאַר שניט, מען איז פאַרהאָרעוועט. שפּעטערצו וועט ער זען, א מנין זאָל זיין כאָטש איינמאָל א וואָך, כאָטשבע שבת... און מכח א בית־עולם וועט ער אויך איבערשמועסן.

ער וואָלט חשק האָבן איינדרימלען, האָט ער מורא, די קי וועלן דערשמעקן, אַז ער שלאָפט, וועלן זיי אַריין אין ווייץ אַריין, כאַפּן אַן איבעריקן ביסן און חלילה קראַפּירן. נעבאַי וואָלט אַן איניקל צוגעקומען, וואָלט ער מיט דעם געשמועסט. לאַנע... ווי קומט צו נ׳אים אזא לאַנע, אזא האָרעפּאַשניצע? ווען זי האָט חתונה — — „נע, נאַכסאַל אַזוי פריי, ווי דאָס יונגוואַרג פירט זיך אויף?... וועט ווערן די שטוב פוסט אָן איר. סיידן זי וועט בלייבן וואוינען מיטן טאַטן." נאָר די גאַנצע זאַך איז קשה׳דיק. בסך־הכל פיר חדשים, שטייט א שטוב אין ברייטן אָפענעם פעלד; און די פעלדער...

דער אַלטער יאָשע האָט זיך אויפגעזעצט; דורכגעקוקט אַלע פיר ציצית אין ארבע־כנפות, באַטראַכט צי די פעדים זענען אין אָרדענונג; האָט מיט טריבע אויגן באַטראַכט דעם אַרום... יאָ, שווערלעך אויפצושטיין. וואָלט ניט געשאַדט, ער זאָל איצטער זיין כאָטש מיט א צוואַנציק יאָרעלעך אינגער; אפשר וואָלט ער דעם דאָזיקן גאַנצן ענין ניט אויפגענומען אַזוי שווער ווי זיין זון.

דערווייל איז וואָווע אונטערגעקומען; פאַרבייגייענדיק נעבן די קי, האָט ער דער ראַבער קו א גלעט געטאָן דעם געבויגענעם האַלדז און א פּרואוו געטאָן דעם אייטער. יאָשע האָט עס באַמערקט, און ס׳האָט אים הנאה געטאָן.

בעת וואָווע איז צוג׳אים צוגעקומען און זיך אראָפּגעלאָזן זייט־ביי־זייט מיט אים, האָט יאָשע באַמערקט אַ צופרידנקייט ביי זיין זון אין פּנים.

— וואָס, עפּעס גוטע נייעס, מיין זון?

— מע וועט שוין קומענדיקע וואָך אָנהייבן שניידן ווייץ; קלער איך, אַז מע וועט שוין אָפּשניידן דעם ווייץ, וואָס וועט זיין?

— וועט׳ן באַקן ברויט אָם ירצה השם פון אייגענעם ווייץ.

— אייגענער ווייץ; ס׳גלויבט זיך מיר נישט.

— האַ?

— יאָ, מע האָט עס מיר געגעבן אַן געלט; דערפאַר האָט מען ביי מיר אוועקגע׳הרג׳עט אַ מאַמע פון קינדער.

איז יאָשע אַביסל מבולבל געוואָרן, ניט געוואוסט ווי אַזוי פאַרגרייגערן זיין זונס געמיט. פאַרקערט, ער האָט געמיינט, אַז וואָווע קומט אַן אַ פריילעכער; וואָווע וועט אים דערציילן אַזאַ זאַך, וואָס וועט אים פאַרשאַפן נחת. ער, דער אַלטער, יאָשע, האָט געצויגן אַביסל פריידיקע חיונה פון זיין אייניקל לאַנע; דער קלענערער האָט ער אַביסל חושד געווען. צו אָפט האָט ער דער קלענערער באַמערקט ווי זי וויינט.

— נעם עס אַן פאַר גוט, מיין זון.

— איך נעם אַלץ אַן פאַר גוט.

און זיי זענען ביידע שטיל געוואָרן.

אין דער אייגענער צייט, ביי אַן אַנדער צייטיק פעלד, זענען געזעסן אין אַ רעדל טאַטעס, פאַר דער צייט שווער געוואָרענע, האַלבע און גאַנצע אידישע פּויערים, האָבן אַרומגעשמועסט אַ וויכ־טיקן ענין; טאַקע דעם ענין פון — „מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס" — קאָלעקטיוויזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם... מען האָט באַ־טראַכט צייטיקע זאַנגען; געציילט די קערנער און גערעדט, סאַי פון תכלית, פון עולם הזה, און מען האָט אויך גערעדט פון ענינים וואָס האָבן צו טאָן מיטן נפש, מיטן האַרצן.

שמערל, דער היימישער מלמד און דו — חבר אָסטראָוועער, האָט עס טאַקע אַזוי פאַרטייטשט:

— בלב ונפש באַדאַרף יעדערער אויספאָלגן וואָס די מלוכה

הייסט. מחמת דינא דמלכותא דינא; אז א מלוכה באפעלט, איז דאס מן השמים. ווארים עס איז אן עולה צו זאגן, אז בימי ניקאלאי השני, ימח שמו, איז רוסלאנד יא געווען א מלוכה... ס'הייסט, יעמאלט ווען א איד האט נישט געטארט וואוינען נישט אין פעטערבארג און נישט אין מאסקווע, איז רוסלאנד יא געווען א מלוכה; יעמאלט, ווען א איד האט אפילו פאר מזומן געלט נישט געטארט קויפן קיין שטיקל ערד — יעמאלט, הייסט עס, איז רוסלאנד יא געווען א מלוכה, און אלץ וואס ניקאלאי השני האט גוזר געווען פון אונטן האט מען, הייסט עס, אויף דעם אנגעוואונקען פון אויבן... און איצטער, ווען אידעלעך מעגן וואוינען אפילו אין מאסקווע; אידן גיט מען ערד אומזיסט, און ס'איז דערגאנגען דערצו, אז פאר אנרופן א אידן מיט א מיאוס'ן נאמען זעצט מען אריין אין חד־גדיא, — איז איצטער גאר רוסלאנד נישט קיין מלוכה, און אלץ וואס מע באפעלט פון אונטן — איז אויף דעם נישטא קיין רמז פון אויבן?... היתכן? שונאים האבן מיר לרוב. ארום און ארום שונאים און נישטפארגינער. פארגלייכט איר דאס, וואס שונאים לאזן ארויף שעפסן אויסצופאשען אויף א שטיקל אידיש פעלד מיט דעם, וואס איז פארלאפן מיט אידן אין צייט פון פאגראמען?... זאג איך, אז איר מאכט א טעות!

— טאקע מן השמים אנגעוויזן געווארן, מע זאל מער קיין מורא נישט האבן פאר גאט אין הימל? אויב טאקע א פריקאז פון אויבן... וואס זאגט איר אויף דעם, חבר אסטראווער?

זלמן קאסאי האט שוין באלד פארגעסן אויף וואס פאר א האנט מען לייגט תפילין; קיינער האט עס אים נישט גענויט; פונדעסט־וועגן, לשם שפאס, האט ער עס געפרעגט.

חבר ר' שמערל אסטראווער האט ברייט א שמייכל געטאן, אזש זיין ליכטיקע זאפרען באָרד איז ליכטיקער געווארן. „דער דאזיקער זלמן קאסאי איז א קונדס. דער דאזיקער קאסאי איז בטבע נאך גאר טע־טע־טע; מיט די יונגע וואלט ער גערנער געווען...” אים, דעם חבר ר' אסטראווער, ווילט זיך אבער נישט אויס'טענה'ן מיט דעם שווערוואגיקן זלמן קאסאי. ווייל מען איז נישט גאר קלוג מיט

אים, צי מיינט ער עס ערנסט, אָדער... וואָלט גוט געווען, נאָטע קרעטשמער זאָל אויף זיין אָרט זלמנ'ען ענטפערן.

נאָטע האָט עס ווי געפילט און טאַקע אָנגעהויבן:

— איך זאָג מיר מיינס: דאָס וואָס ס'איז געשען מיט אידן, און דאָס וואָס געשעט איצטער, קען מען זאָגן, איז נישט גאָר אינ־גאַנצן אויף דער וואָר. אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, ס'איז אַ חלום און נישט מער. אָט, ווי למשל דאָס פעלד מיט ווייץ איז וואָר?

— אַ שיינע מעשה — האָט פיניע זייטשיק אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש, וואָס ער האָט תמיד מיטגעטראָגן מיט זיך, — אַ שיינע מעשה, כ'לעבן, דאָס פעלד איז גאָרנישט אויף דער וואָר?!

— וואַרט, לאָז געמאַכט, — האָט נאָטע קרעטשמער געוואָלט אויסבעסערן — וואָס מיין איך מיט דעם צו זאָגן? כ'מיין, אַז דאָס האָט זיך אידן אפילו נישט געקענט חלומ'ען אַזאַ איבערקערעניש. ניקאָלאַי השני האָט נישט געקינינגט משמעות אַף אַ באַפעל פון אויבן. דער שטן טוט אַמאָל אָפּ זיינע מעשים. אָפּטמאָל איז דער שטן אַ גאַנצער יאַטיבעדאָס און ער קערט וועלטן. וואָס ט'איר מיר זאָגן, אַז די מלחמה מיט אַזויפיל שפיכת דמים, מיט פּאָגראָמען — איז דאָס געווען מעשה ידי השם? אַזאַ גאָט וואָלט איך געשפּיגן אין צורה אריין... יאָ, לאַכט נישט, געשפּיגן אין צורה אריין! ווייל גאָט איז אַן אל מלא רחמים; נאָר ס'טרעפט, דער שטן פאַרכאַפּט די ממשלה אויף דער ערד, פאַרכאַפּט זי אויף אַ סך, גאָר אַ סך יאָרן.

— און איצטער? — האָט קאָסאַי געזשמורעט די אויגן.

— איצטער גייט אום גאָט אַליין בכבודו ובעצמו, ער גייט אַרום אויף דער ערד. אָט וואַקסט דאָרט אַ אידישער דאָרף; און דאָרטן, עט־עט, וואו איך וויין אָן מיטן האַנט, וואַקסן נאָך און נאָך אידישע דערפער... און אָט איז אַ פעלד; וואָס זאָג איך אַ פעלד? פעלדער! פעלד־איין און פעלד־אויס; אידישע פעלדער... דאָס מיין איך צו זאָגן, אַז אין חלום האָט מען אפילו ניט געקענט זען.

— יאָ, וואָס אמת, איז אמת — האָט זאַוול דער שניידער געדרייט אויפן מיטלסטן פינגער זיין רויטע באָרד — איך נעם עס פון מיין יוספ'ן; ער טענה'ט מיט מיר אריין, אַז דאָ האַלט ביים ווערן ארץ ישראל. ער טענה'ט אריין, אַז ביים שוואַרצן ים פון

אונדזער זייט הייבט זיך אָן ארץ ישראל, און מיט דער צייט וועט זיך עס אוועקציען צו יענעם ארץ ישראל... מיע... אזוי זאָגט ער. כ׳האָב געקלערט פאָרן אין שטעטל אויפן ווינטער; זאָגט ער, דאָ וועט׳ן ווינטערן; מעט דער מאַמען מיט די פּאָר קלענערע קינדער אויך אַריבערנעמען. האָב זיך אויף אים נישט געריכט. געזאָלט ווערן אַ דאָקטאָר; נאַ דיר — מיע... וואָס האָב איך שוין צו זאָגן?

דער עולם האָט פּלוצלונג אויפגעהויבן די אויגן, געקוקט צום מערב אַריבערן פעלד; צוויי רייטערקעס האָבן אין גאַלאָפּ זיך געיאָגט אויף יענער זייט פעלד אויף מערב צו. די נידעריקע זון האָט געשלאָגן אויף זיי.

פּיניען האָט עס אַ הייב געטאָן פון אָרט. ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש אין דער ריכטונג פון די רייטערקעס.

— כ׳קען שווערן, דאָס איז ברעזערס טאָכטער און מיינע, — האָט קרעטשמער געגאַפּט.

— אָט־דאָס איז עס, — האָט חבר שמערל אַסטראָווער געטייט מיטן פינגער אַהין — דאָס זענען דאָך אונדזערע קינדער; באַטראַכטן מסתמא די פעלדער.

באַלד האָבן זיך באַוויזן נאָך צוויי רייטער, ניט ווייט אָפּגעטראָטן פון די רייטערקעס. אביסל שפּעטער זענען זיי זיך אַלע צונויפגע־קומען; די פיר פערד מיט די רייטער זענען נאָנט געבליבן.

— אידן; פון אַנדערע ערד־חלקים זאָל עס זיין. אַ פרייע וועלט, כ׳לעבן. ווען מע וואָלט כאָטש אויף אַ צוואַנציק יאָרעלעך אינגער געווען — האָט קאָסאָי זיך געקראַצט אין קאָפּ.

די יוגנט איז געווען אין מזרח־זייט פון דערשטאָנענעם פעלד. דאָס זאַטע און מידע פעלד האָט געגאָסן אַ זאַטע מידקייט אין די גלידער. בערע קאָוואַלסקי איז געלעגן אויסגעצויגן, און באַנ׳אים אויפן ברוסט האָט געהאַלטן ביילקע איר קאָפּ און געקוקט אין דער ווייט. לאָנע איז געזעסן אָפּגעזונדערט אַנטקעגן. סימקע איז געזעסן נעבן יוספ׳ן. אויך זיי האָבן פונדערווייטנס באַמערקט די פיר רייטער; האָבן אויך דערקענט צוויי פרויען און צוויי מענער, אידישע איבער־וואַנדערער. פון זייער אָרט איז אויסגעקומען אַ סך ווייטער. דאָס האָט איבערגעריסן דעם שמועס, פול מיט שטעכווערטלעך, וואָס יוסף

ראטנער האט פארצויגן מיט בערען אויף דער אלטער טעמע: צי קרים באדארף ווערן א צווייטע ארץ ישראל.

לאנע האט פון איר ארט געזאגט:

— באלד הייבט מען אן שניידן אונדזערע פעלדער, און מיר האבן נאך אפילו קיין אייגן ליד ניט צו זינגען. פארוואס האבן מיר ניט קיין לידער, קינדער?

— פאראן לידער — האט בערע א ברום געטאן — ביי גויים פעלן ניט קיין לידער.

— כ'מיין אייגענע לידער, — חבר קאוואלסקי, — האט לאנע אים טרוקן געענטפערט.

— וואס מיינט אייגנס און וואס מיינט פרעמדס אין סאוועטנ־פארבאנד? וואס שווייגסטו, חבר ראטנער?

יוסף האט ניט געוואלט ענטפערן. ער איז נאך ביי בערען קיינמאל ניט ארויסגעקומען קיין גערעכטער. ניט מער, וואס זינט ער, יוסף, האט זיך גענומען צו דער שטוב, האט בערע צו אים אנגעהויבן צושמייכלען.

יוסף האט ניט געוואלט דירעקט ענטפערן; אבער אפלאזן האט ער אויך ניט געקענט.

— כ'וויל זיך מיט דיר ניט קריגן, בערע. כ'האב דיך ליב אט אזוי ווי דו ביסט;ביידע זענען מיר געווען אין דער ארמיי; ביידע אין בירגער־קריג און ביידע ליגן מיר איצטער ביי א צייטיק פעלד. דו האסט געזייט, אלע האבן געזייט; ביי אלעמען איז געראטן. ס'פעלד קלייבט ניט איבער בערען באזונדער און יוספ'ן באזונדער; אידן מיט בערד, צי אידן אן בערד, כא־כא־כא — —

יוסף האט אליין הנאה געהאט פון זיינע לעצטע רייד.

— וואס זאגסטו, ביילקע, בורזשויקע דו, ס'איז דיר גוט צו האלטן דעם קאפ ביי א שמיד אויפן הארצן?... — האט בערע ארויפגעלייגט זיין שווערע, האריקע האנט אויף ביילקעס האלדז און זי צוגעדריקט צו זיך.

לאנע און סימקע האבן געקוקט צו בערען. האבן שוואך געהערט

דעם לעצטן שמועס. האָבן ביידע ניט מקנא געווען ביילקען, וואָס האָט געמיטלעך געהאַלטן איר קאָפּ אויף בערען. ביידע, סײַ סימקע, סײַ לאַנע, האָבן עס אויף זייער אופן באַגריפן. יעדעס מאָל, ווען לאַנע האָט געזען בערען, אויסטיילן ליבע צו ביילקען, האָט זי עס אָנגענומען פאַר אַ מין צו־להכעיס; דאָס וויל בערע באַווייזן לאַנען, אַז אים וועט זי ניט איבערצייגן מיט דעם וואָס זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלץ־מיט־אַן־אַנדער און געוואָרן די שטאַרקע האָרע־פּאַשניצע, און האָט אפילו די דימענטענע אוירינגלעך אַרויסגענומען פון די אויערן... דאָס אַלץ באַווייזט נאָך ניט, אַז זי איז ווערט, מען זאָל איר פאַרטרויען. מיט דעם וואָס ער ווייזט אַרויס ליבע צו דער אינגערער שוועסטער, צו דער פאַרבענקטער ביילקען, לאַכט ער זיך אויס פון זיי ביידן. „ביילקע האָט עס געמעגט פאַרשטיין און זיך האַלטן פונדערווייטנס.״

סימקען איז ניט געווען קלאָר בערעס באַנעמען זיך מיט די ברע־זער־מיידלעך. סימקע איז געקומען צו־שפּעט אויפן ערד־חלק; געקור־מען מיט אַן אייגענער מיינונג. בערע קאָוואַלסקי האָט דווקא ביי סימקען קיין באַזונדערן חן ניט געפונען. זי האָט מיטן אינסטינקט דערפילט ווי צווישן אים און לאַנען גייט אַן אַ מין צו להכעיס־שפּיל.

נאָר לאַנעס רייד וועגן דעם, אַז אָט באַלד וועט מען שניידן אידישע פעלדער, און קיין איין אידיש ליד פאַרמאָגן ניט די אידישע שניטער אין סאָוועטנלאַנד, דאָס האָט סימקען אויך אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. פונדעסטוועגן האָט זי לאַנען ניט פאַרשטאַנען.

— פאַרוואָס עפּעס אידישע לידער? — האָט זי אויך איבער־גע׳חזר׳ט בערעס שאלה.

— היינט ביינאַכט, חבר ראַטנער, וועלן מיר זיך זעצן פאַרפאַסן אַ ליד — האָט לאַנע אַ זאָג געטאָן אויף יוספ׳ס זייט.

בערע, אַזוי ווי ער איז געלעגן אויסגעצויגן, האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַזש ביילקעס קאָפּ אויף זיין ברוסט איז אונטער־געשפּרונגען.

ביילקע האָט זיך אויפגעהויבן און, מיט אַן אומעטיקן פּנים, געזאָגט:

— איך קוק אויף די פעלדער און מיר ווערט אַזוי טרויעריק.

אָט וועט מען זיי איינגיכן שניידן; ט'בלייבן אַ נאַקעטער סטעפּ; וואָס וועט דערנאָך זיין?

ביילקע האָט גאָר אַליין ניט געוואוסט, ווי ווייט איר אומשולדיקע באַמערקונג האָט געטראָפֿן אין ציל אַריין.

בערע האָט עס געוואָלט אָפּשרייען, און ס'איז אַרויסגעקומען אומגעלומפּערט:

— באַדאַרפֿט האָט עס זאָגן דיין שוועסטער לאַנע, וואָס האָט זיך שוין אַביסל איבערגעהאָרעוועט... אודאי וועט זיך ניט גלוסטן אָנהייבן אויפסניי; ווידער אַקערן, ווידער זייען, ווידער און נאָך אַמאָל!

לאַנע האָט אויף זיין שטאָך ניט געענטפערט; האָט אַ נעם געטאָן סימקען, אַנידערגעלייגט, שטאַרק זי איינגעקלאַמערט אין אירע אָרעמס, און אַוועקגעקייקלט זיך מיט איר אינאיינעם אין דער בראָזנע ווייץ. פֿאַר סימקען איז דאָס געווען אומגעריכט און אָנגענלייגט; אַזוי זיך געקייקלט, אַמאָל אויבן, אַמאָל אונטן, האָט זי געפֿילט לאַנעס צאַרטן גוף, און האָט אים ליב געקראָגן. ס'איז איר געפֿעלן געווען לאַנעס איינפֿאַל.

שוין אין צייטיקן ווייץ, האָט סימקע לאַנען אַ קוש געטאָן הינטערן אויער, און שטיל געזאָגט:

— ער איז אַ בעל־גאוה; אַזוי באַדאַרף מען אים באַהאַנדלען...

אויפֿן ערד־חלק איז אָנגעקומען דער אַגראָנאָם מיט זיין אויטאָמאָביל, געגעבן אַ סיגנאַל, מען זאָל זיך צונויפֿקומען. פֿון אַרום די דערשטאַנענע פֿעלדער האָבן זיך די אידישע פּויערים גענומען ציען צום דאָרף. חבר לערנער איז געקומען מודיע זיין, אַז די ווייצנפֿעלדער זענען שוין דערשטאַנען; איבערמאָרגן וועט מען קומען מיט שניידמאַשינען און מען וועט אויך אַראָפּברענגען אַ דרעשמאַשין. אַ בשורה איז דאָס געווען, וואָס ניט ביי אַלעמען האָט זי געוועקט די אייגענע געפֿילן.

אויפֿן וועג צום דאָרף איז לאַנע געגאַנגען מיט סימקען געאָרעמט;ביידע האָבן פֿון עפּעס שטאַרק געלאַכט. בערע האָט עס גענומען אויף זיין חשבון; איז געגאַנגען פֿון הינטן, אַביסל אָנגעדרונצלט.

שוין הינטערן דאָרף האָט בערע אָנגעיאָגט די מיידלעך, אָפּגעצויגן לאַנעַן אָן אַ זייט און איר איינגערוימט אַ סוד:

— לאַנע, איידער מען וועט דאָס פעלד אָפּשניידן, וויל איך מיט דיר זיין אַ נאַכט אין פעלד; היינט ביינאַכט...

לאַנע איז בלאַס געוואָרן; האָט אים אַ רגע שאַרף אָנגעקוקט. דערנאָכדעם איז זי צוריק איבערגעגאַנגען צו סימקען.

נחום קאָוואַלסקי האָט צום עולם, וואָס האָט געצויגן פון פעלד, אַריבערגעשריען פון דאָרף:

— איבער—מאָרגן וועט'ן שניידן ווייץ!

— ש נ י י ד ן ו ו י י ץ — — — האָט אווידער־קול אָפּגעענטפערט פון דער אַנדערער זייט סטעפּ.

XVIII

אַ הייסע זון האָט העליש געלויכטן און אָפּגעדעקט דעם רחבות'דיקן קרימער סטעפּ. מאַמע־ערד האָט איר געשענק איבערגעגעבן צו די פון לאַנג־אָן פאַרפרעמדטע קינדער; אַ סך, גאָר אַ סך ווייצנקערנדלעך האָט זי אַרויסגעדערלאַנגט צו די אומגעדולדיקע אידישע איבערוואַנדערער.

כאַסיע אָסטראָווער איז פאַר די עטלעכע חדשים אין קרימער סטעפּ נידעריקער און ברייטער געוואָרן; איז צעצווייגט געוואָרן. זי האָט גרוים בענקשאַפט נאָך אירע צוויי זין און איין טאָכטער, וואָס זענען איבערגעבליבן אין שטעטל און האָבן קיין חשק ניט געהאַט, אפילו איצטער, צו קומען און זען, ווי קרימער סטעפּ האָט, ווי אַ מאַמע, פאַרנומען די אידישע איבערוואַנדערער. כאַסיע אָסטראָווער און איר מאַן, שמערל דער מלמד, — צו ביידן האָט זיך קרימער הימל אַריינגעקליבן אין די אויגן אַריין, און קרימער ברוינער סטעפּ— אין פּנים אַריין. זייער שטוב האָבן גוטע פריינט „פאַר די אויערן געצויגן פון דער ערד אַרויס״. אַלע האַרעפּאַשניקעס זענען צו־הילף געקומען דער „מאַמע־כאַסיע״, זי זאָל ביז ווינטער האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

איצטער, אין דער הייסער זון פון קרימער, מיט זומערדיקן האַלבן

טאָג, האָט זי דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט, אין סאַמע מיטן גאַס פון יונגן אידישן דאָרף האָט זי לאַנען אַראָפּגעצויגן צו זיך און געטוליעט צום האַרצן:

— קום צו מיר, לאַנע, האָסט דאָך שוין באַלד זיך פון די כחות אַרויסגעשלאָגן; קום, זיץ דאָ אַ ווײַלע, הער ווי די קאָסילקע שעכט עם די תבואה; גאָר נישט צום גלויבן... איך זאָג דיר, לאַנע, אַז אַפּטמאָל ווייס איך אַליין נישט — צי בין איך גאָר אויף דער וועלט! אָפּטמאָל דוכט מיר אויס, אַז אין צייט פון מלחמה און פּאָגראָמען בין איך אומגעקומען, און דאָס, וואָס איך זע מיט מײַנע אויגן איצטער, איז דאָס נישט מיט כאַסיע שמערל דעם מלמד'ס אויגן... צי איז דאָס דאָרטן טאַקע מײַן שטוב אויף מײַן ערד? צי זענען עס דאָרטן אידישע פעלדער וואָס מען שנײַדט?... צי איז דאָס טאַקע אידישע ערד, און קיין בלוט וועט שוין דאָ נישט פאַרגאָסן ווערן? וואָס זאָגסטו, לאַנע, זענען מיר שוין טאַקע אויסגעלייזט געוואָרן פון אַלע צרות און אַלע יסורים, וואָס האָבן געלויערט אויף אונדז? וועלן שוין טאַקע מער קיין פּאָגראָמען נישט זײַן?...

מאַמע־ערד האָט אַ געשענק אַרויסגערלאַנגט די אידישע איבערוואַנדערער; אַסך, גאָר אַסך ווייצנקערנער אין רייפע זאַנגען, אויף הויכע שטרויען געגרייט. שנײַדן האָט מען באַדאַרפט די דערשטאַנענע תבואה — איז ניט צו אַלעמען גלײַך געווען דער ערשטער שניט. דער סערפּ איז מיטן האַמער אינאיינעם געבונדן, און אויף די פעלדער שלעפּן פערד, שלעפּן אָקסן די שנײַדמאַשינען, וואָס כיטשלען מיט אַ שטאָלענעם געמורמל די ווייצנשטרויען, און די זאַנגען פאַלן געשאָכטענע צו דער ערד. ביי לאַנען האָט עס אַ גערודער אין בלוט אַרויסגערופן; ניט אַזוי האָט זי דערוואַרט דעם ערשטן שניט. איר אַליין איז אומקלאָר געווען, ווי אַנדערש ס'האָט באַדאַרפט זײַן. אפשר האָט די גאַנצע יוגנט באַדאַרפט טאַנצן פאַרן דערשטאַנענעם פעלד; אפשר האָט מען באַדאַרפט אין כאָר זינגען און אויסזינגען דעם זינען פון אַן ערשטלינג־פעלד, וואָס האָט צו אידישע פויערים געגעבן די שפע!

ווען כאַסיע אָסטראָוור האָט לאַנען געטוליעט צו זיך און געפרעגט, צי דאָס אַלץ איז אויף דער וואָר — האָט לאַנע געהערט

כאַסיעס ווערטער און אַליין ניט באַנומען זייער קלאָרן זינען. געווען די צייט, ווען ס'רוב איבערוואַנדערער, וואָס זענען חדשים־לאַנג אומגעגאַנגען אַרום די פעלדער, באָרוועסע, מיט ליידיקע מאָגנס; קיינמאָל צו־זאַט ניט קיין דערעסענע, און געקוקט צום פעלד, וואו ווייצנזאַנגען האָבן געהאַלטן אין קוועלן — ס'האָט יעמאָלט דאָס רוב איבערוואַנדערער ניט געאַנט פון אַ שניט־צייט. ערשטער שניט!... אַזויפיל דורות אַוועק, און דער איד האָט ניט געאַנט פון קיין אייגן פעלד.

— ס'איז אַ גרויסער נצחון, — האָט זלמן קאָסאָי גאָר אומגעריכט אַריינגעטענה'ט צו וואָווע ברעזער, בעת ביידע האָבן נאָכגעשפּרייזט די אָקסן, וואָס האָבן געשלעפּט די שנײַדמאַשין, — איצטער האָב איך אמונה אין דער מלוכה; ס'איז גלייך, ווי איך האָב אמונה אין אַ כח, וואָס איז איבער מיין שכל משיג צו זיין. איר שווייגט, חבר ברעזער? איר זייט אומעטיק, חבר ברעזער, באשר איר האָט אַמאָל אויפגעקויפט הונדערטער וואַגאָנעס תבואה ביי די אַרומיקע פּויערים, און איצטער באַדאַרפט איר גאָר אַליין זיין אַ פּויער... וויפיל באַדאַרף האָבן אַ מענטש, חבר ברעזער? נישט מער וויפיל דאָס פעלד גיט דאָ יעדערן. אַ איד האָט עס תחילת באַדאַרפט פאַרשטיין און זיך נישט יאָגן נאָך עשירות.

וואָווע ברעזער האָט זיך צוגעהערט מיט כונה צו קאָסאָי'ס רייד. וואָווע ברעזער, מיט זיין אָפטן שווייגן, איז ניט פאַרבייגעגאַנגען גלאַט אַזוי ניט באַמערקטערהייט. ווער ס'האָט אין אים דערקענט דעם קלאַסן־שונא, דעם באַהאַלטענעם קולאַק; און ווער ס'האָט אין אים דערקענט דעם אייגענעם גורל — אַ גורל פון אַ פאַר'משפט'ן. די קאָוואַלסקים האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין מיטלייד מיט די ברעזערס. אפילו רייזל קאָוואַלסקי, די מאַמע, וואָס האָט אַזוי אויסגעקוקט, אַז לאַנע ברעזער זאָל זיין גוט געגייגט צו איר זון בערע, — אפילו זי האָט אין וואָווען געזען נאָר דעם אַמאָליקן גרויס־האַלטער. געווען אָבער אַנדערע, וואָס כאָטש אַליין האָבן זיי אָנגעווואוירן דעם חשק צו קעמפן מיט דער הערשאַפט פון אויפגעקומענעם האָרעפּאַשניק — האָבן זיי פונדעסטוועגן מיטגעפילט מיט אַזעלכע ווי וואָווע ברעזער, וואָס האָבן ניט געוואָלט גלאַט אַזוי זיך נעמען און

אונטערגעבן. זלמן קאַסאַי איז אַפּטער געשטאַנען צווישן די צוויי פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. ער האָט מיטביידע צדדים מיטגעפילט. איצטער איז געווען אַ שעת־הכושר צו פּרואוון וואָווע ברעזער אַ מונטער טאָן; דערמאָנען אים, אַז „ס'איז בעסער דער לעבעדיקער מערעשקע ווי דעם טויטן לייב...״

— האָט נישט געזאָגט דער חכם אין משלי: ״גיי, שטיק פויר־לער, לערן זיך ביי דער מערעשקע און זע, ווי זי גרייט אָן אויף ווינטער איר שפּייז...״?

דאָ האָט וואָווע ברעזער זיך נישט געקענט איינהאַלטן; האָט אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— אודאי, ווער ס'וויל זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס די מע־רעשקע באַנוגנט זיך, איז אַזוי וואויל צונ'אים.

— און אייער טאָכטער, חבר ברעזער?

— מיין טאָכטער וועט זיך אויך נישט באַנוגענען מיט דעם, וואָס אַ מערעשקע באַנוגנט זיך. איר'ט זען, אַז די קאָוואַלסקיס, צו וועמען אין די הענט די מלוכה האָט אונדז איבערגעגעבן, זיי וועלן זיך אויך מיט דער צייט אָרומזען, אַז אַ מענטש איז אַ מענטש, און נישט קיין מערעשקע...

וואָווע ברעזער איז פּאָרט געווען דער איינציקער, וואָס דער שטאָלענער געקלימפּער פון די שניידמאַשינען אויף די צייטיקע פעלדער האָט ניט געפאַרבן זיינע באַקן רויט; ווי די קרימער זון האָט זיינע בלאַסע באַקן ניט געברוינט. אָבער בכלל האָט דעם אַגראָנאָמ'ס אָנזאָג, מען זאָל אָנהייבן שניידן די ווייצנפעלדער — אַלעמען אויפגעוועקט. דער גוטער חבר לערנער אַליין האָט מיט אַ מינע פון נצחון אַלעמען אין דאָרף באַטראַכט, בשעת ער האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז שניט־צייט אין אידישע פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן. פערד און אָקסן, פרעמדע און אייגענע, זענען אויפגע־וועקט געוואָרן צום געראָטענעם שניט. די רייפקייט אין פעלד האָט אָנגעפילט מיט צייטיקייט דעם אַלט־יונגן, אידישן פויער.

נאָטע קרעטשמער, דער גרויסער בעל־בטחון, ער האָט פאַרקאַ־שערט די הויזן ביז איבער די קני און איז אומגעגאַנגען אין פעלד

צווישן די בערגלעך אָפּגעשניטענע תבואה; אים האָט זיך אויסגע־דוכט, אַז אין אַ פּלאַך, אָפּגעלאָפּן וואַסער איז ער אַריין, וואו לעבעדיקע פיש, הערכט און שלייען, זענען געבליבן ליגן פאַר׳חלש׳טע. אין אים האָט דערוואַכט דער היימישער בעקער; און גייענדיק צווישן די אָפּגעשניטענע ווייצן — האָט עס אים געשמעקט מיט פרישן ברויט.

די קאַוואַלסקים זענען געגאַנגען שניטצייט אָנטקעגן, ווי סע גייען גאַר אַלטגעזעסענע פּויערים, פאַר וועמען שניט איז שוין די באַלוינונג פאַר שווערע מי, האָפענונג אויף זאַטקייט; די אַלטגעזע־סענע פּויערים, וואָס דערקענען אין די נייע קערנער די זריעה פאַר נייע האָפענונגען און צוטרוי צו אייגענער האַרעוואַניע. ווייל ביי די קאַוואַלסקים איז דאָס איבערגיין צו דער ערד געווען דער גלייכסטער וועג אין דער נייער צייט; אַ וועג, וואָס האָט געפירט די באַפרייטע ביי דער האַנט. ביי זיך אין קוזשניע האָבן די קאַוואַלסקים פאַררירכט די קאָסילקע. די קוזשניע איז געווען דער נאַטירלעכער צוגאָב צום פעלד. ווען די קאַוואַלסקים זענען אַריין אין די דערשטאַנענע תבואות; ווען דאָס דערשטאַנענע פעלד האָט אַ ציטער געטאָן צום קלאַנג פון שורות שער־מעסערלעך און אונטערגעשניטענע, מיט קער־נער אָנגעלאָדענע ווייצנזאַנגען זענען געפאַלן מיט פלאַטערדיקן געררויש האָבן סאַי לייזער דער שמיד און סאַי זיין זון בערע אין דעם געזען אַ נצחון פון געשמידטן שטאָל, אַ נצחון פון האַמער... בערע, אַ שווייגעוודיקער און מיט שווערן ערנסט, האָט נאָכגעשפּרייזט זיינע פערד, וואָס האָבן געצויגן די קאָסילקע דורכן איבערגעזעטיקטן פעלד.

רייזל קאַוואַלסקי האָט געזוכט אַ שעת־הכושר צו פאַרוואַרפן עטלעכע ווערטער צו לאַנען:

— חבר׳טע ברעזער, דו זעסט ווי דאָס פעלד ווערט ווידער אָפּן און איינגאַנצן נאַקעט... נישט סומנע אביסל? ס׳פעלד איז פריער מיט די תבואות געווען אַן אייגנס און איצטער איז דאָס שטעבעדיק... נישט אַזוי, חבר׳טע ברעזער? אם ירצה השם ווינטערצו, וועט׳ן האָבן אביסל מער צייט איינס פאַרן אַנדערן. ווייסט, לאַנע, אַז פון נייע מעל, באַדאַרף מען וויסן ווי צו באַקן ברויט? אַז מע ווייסט נישט ווי אומצוגיין אַרום אַזאַ ראָשטשינע, פאַלט דאָס ברויט

איין. נאָר וואָס באַדאַרף איך דיך לערנען? איך באַדאַרף זיך שוין ביי דיר לערנען, כאַ־כאַ־כאַ.

לאַנע האָט פון איר פּנים געוואָלט אַרויסטיילן בערעס פּנים. זי, רייזל, די באַרעדעוודיקע, האָט שוין גערעדט פאַר לייזער דעם שמיד און פאַר איר זון בערע. צייטנווייז האָט לאַנע געוואָלט רייזלס ווערטער צוטיילן בערען; פון רייזלס נאַטירלעכער, מוטערלעכער פריינטשאַפט צו איר, לאַנען, — האָט לאַנע צומאָל געוואָלט צושרייבן א טייל צו בערען.

— איר, חבר׳טע רייזל, רעדט שוין פון ווינטער; מיר האָבן דאָך נאָך א שטיק זומער. אפשר וועלן מיר גאָר ביידע א בשותפות׳דיקן ברויט באַקן פון די ערשטע מעל.

ביי לאַנען זענען אַנגעקוואָלן אַסך וואַרימע און צייטיקע ווערטער; זי וואָלט חשק געהאַט אַרויסצוזאָגן די דאָזיקע ווערטער דאָ אין פעלד, וואו עס רוישן די שניידמאַשינען. זי גלוסט עפּעס צו זאָגן דער מאַמען פון יונגן שמיד; אַזעלכעס, וואָס א געטרייע מאַמע פאַרדינט צו הערן. די אומרואיקייט, וואָס רודערט אין לאַנעס בלוט, איז ניט נאָר צוליבן שניט אין צייטיקן פעלד; איצטער איז אין איר איינגן בלוט די צייטיקייט אָנגעשטאַנען. דאַריבער טרייבט עס זי פון פעלד אין דאָרף אריין, און פון דאָרף — צוריק אין פעלד אריין. איר האַרץ איז פול מיט גוטסקייט. כאַסיע אַסטראָווער איז אויך אַזוי איבערגעזעטיקט מיט אייגענער גוטסקייט — האָט לאַנע דער כאַסיע אַסטראָווער בלויז געקענט אויסהערן; אָבער רייזלען, בערעס מאַמען, וויל זי עפּעס גוטס אַריינזאָגן.

רייזל האָט עס דערקענט אין לאַנעס פּנים, און האָט געוואָלט מיט עפּעס באַרואיקן דער נאָנטער און פאָרט אַזוי וויטער לאַנען:

— קוק נישט אויף מיין זון, וואָס ער איז אַזאַ שווייגעוודיקער— האָט רייזל, אביסל צעטומלט, געקוקט אין לאַנעס שוואַרצע און הייסע אויגן — ס׳קען זיך דיר אויסדוכטן, אַז בערע איז א האַרטער מענטש. ער האָט דאָך א טייער האַרץ, גאָרנישט אָפּצושאַצן. ווער נאָך קען אים אַזוי גוט ווי זיין מאַמע?

די דאָזיקע אומגעריכטע ווערטער האָבן אויך געהאַט א שייכות מיטן ערשטן שניט ביי די אידישע איבערוואַנדערער; האָבן געהאַט

צו טאָן מיט אַ צייטיק פעלד, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון שניידמאַשינען. „אַ טייער הארץ האָט בערע, גאַרנישט אָפּצושאַצן" — בערעס מאַמע וויל, אַז לאַנע זאָל עס הערן און פאַרנעמען.

בערע איז ביי דער געלעגנהייט צוגעקומען צו ברעזערס פעלד, אויסגעפּרואווט עטלעכע זאַנגען, געציילט די קערנער אין די זאַנגען. ער האָט אָפּגעשאַצט די גערעטעניש אויפן ברעזער־פעלד. געווען אין דער צייט, ווען די פערד און די אָקסן האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און גערוט. לאַנע האָט עס באַמערקט און געשמייכלט אין איינגענעם בוזים אריין. „זיין מאַמעס רייד וועגן אים זענען אודאי קעגן זיין ווילן. זיין מאַמע וואָלט אודאי פון אים געקראָגן אַ שטאַרקן אויסרייד, ווען ער דערוויסט זיך וואָס זי האָט גערעדט מיט לאַנען". אָבער ס'איז פּאַרט שניטצייט. לאַנע באַמערקט אין אים די אַנדערשקייט. ווייל טיילן פון פעלד וואָס זענען מיטאַמאָל געוואָרן האַלב־נאַקעט — האָבן זיך אָנגעקליידט אין אומגעריכטן הארבסט. אַ רגע האָט אים אויסגעוויזן, אַז דער זומער גייט צו שנעל אַוועק. דאָס האָט אים אַ צי געטאָן צו לאַנעס פעלד. אויב ער קען איצטער ניט רעדן מיט לאַנען און זאָגן איר פון אָפּענעם הארצן, אַז אַ שאָד וואָס דער זומער גייט צו גיך אַוועק, מחמת זי וועט עס ניט פאַרשטיין ווי ער וויל — וועט ער דעריבער נאָר עטלעכע זאַנגען פון איר פעלד אויספּרואוון...

לאַנע איז צוגעקומען גאָר נאָנט צו אים:

— ציילסט די קערנער אין די ברעזער־זאַנגען?

בערע האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר געמיטלעך. אים האָט ניט געאַרט וואָס זי האָט עפּעס יאָ פאַרשטאַנען.

לאַנע האָט אים באַטראַכט. זיין פּנים איז געווען פאַרברוינט ווי דאָס צייטיקע און איבערגעזוניקטע פעלד. זיין פּנים — שטעכעדיק באַוואָקסן, ווי דאָס אָפּגעשניטענע ווייצנפעלד; די אויגן זיינע — ווי דער בלויער הימל איבערן אָפּגעשניטענעם פעלד.

— וואָלט ניט געווען שענער, מע זאָל מיט סערפּן שניידן די פעלדער, און מיט געזאַנג בינדן די סנאָפּעס?

אים איז דאָס געווען געפעלן. אַ, וויפל סערפּען האָט ער אין זיין לעבן ערב־שניטצייט געשאַרפט! ס'דוכט אים אויס, אַז מיט

סערפן איז אסך שענער צו שניידן די תבואה ווי מיט די קאָסילקעס. אָבער ער האָט אויף דעם געפונען עפּעס אַנדערש צו זאָגן:

— דער סערפּ וועט שוין בלייבן ווי אַ שיינער צייכן, געבונדן אינאיינעם מיטן האַמער, — אַ צייכן פון אַ נייער, באַפרייטער צייט. וועסט זען, לאַנע, ניט נאָר מיט אַזעלכע קאָסילקעס וועט מען כסדר שניידן די תבואות; וואַרט נאָר, וואַרט; איבעראַיאָר, איבער־צוויי־יאָר — וועסטו זען וואָס פאַר אַ מאַשינען עס וועלן שניידן אונדזערע פעלדער! דערווייל זענען עס מאַשינען, וואָס די רייכע מומע־אַמעריקע האָט אונדז געשענקט. הייגט, חבר'טע ברעזער, ווילט זיך מיר געבן גערעכט אפילו דיר, אפילו דעם ציוניסט ראַטנער... ווילסט ניט לײדן וואָס איך רעד אַזוי...מהום... מיך פאַרדריסט וואָס אַזויפיל טאַטעס קריכן דאָ אַרום איבער די פעלדער. ביי זיי איז היינט ניט קיין שניטצייט, נאָר אַ יאַריד, וואו זיי פאַרהאַנדלען שוין די תבואה. כ'וואַרט, די יוגנט זאָל אַהער אַראָפּקומען און פאַרנעמען די באַפרייטע פעלדער.

— זענען מיר ביידע ניט יונג גענוג פאַר די פעלדער, חבר בערע? — האָט לאַנע מיט אַ קאַלטן שמייכל געפרעגט.

— דאָס זענען דאָך דיינע רייד; דעם ציוניסט ראַטנערס רייד; ס'באַדאַרף דיר זייער געפעלן זיין.

— איך האָב דאָך עפּעס אַנדערש געפרעגט...

דאָס בלוט האָט בערען אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין — אַזש די שטעכעדיקע האָר האָבן קופּערדיק אַ גלי געטאָן אויף זיין פּנים.

— ווינטערצו וועט לאַנע אודאי אוועקפאָרן קיין מאָסקווע — האָט ער אַביסל פאַרשעמט אַ זאָג געטאָן.

— וואָס פאַר אַ ווינטער? — האָט לאַנע אים שאַרף אָנגעקוקט.

— דעם קומענדיקן ווינטער.

— אַז מע וועט אָפּשניידן די פעלדער, וועט לאַנע גיין אַקערן פאַר ווינטער־זריעה. אפשר וועלן די קאָוואַלסקים זיך צעפאָרן אויפן ווינטער...

בערע האָט לאַנען אָנגענומען ביי ביידע הענט, און ווערטער אַריינגעקוקט אין אירע אויגן אַריין.

— דו מעלקסט די קו, בערע? דאָס איז אמת, בערע?...

בערען האָט דאָס בלוט געשלאָגן אין פּנים אריין. ווען ניט דער אָפּענער אָרום; ווען ניט יוסף ראטנער, וואָס איז אָנגעקומען מיט שווערע, באַרוועסע טריט, וואָלט איצטער בערע חשק געהאַט אַ לייג טאָן לאַנען אויפֿן בערגל אָפּגעשניטן ווייץ און אַזוי, מיט זיין שטעכיק באַוואַקסן פּנים אריינגראָבן זיך אין איר צאַפּלדיקן האַלדז. ס'האָט אָבער אַ שטילער טרויער מיטאַמאָל אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן.

— ביסט אַ גרויסע צו־להכעיס'ניצע, לאַנע; מיר טוסטו דעם גרעסטן צו־להכעיס. ווייסט, כ'האָב אויף דיר געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם־אָ אָרט; מיט אַ פּאָר נעכט צוריק איז דאָס געווען.

לאַנע האָט געשטוינט. זי האָט אים אָנגעקוקט, און דערקענט אין זיין פּנים, אַז דאַסמאָל איז ער אויפריכטיק מיט זיינע רייד.

— פאַרוואָס דוקא אין פעלד און ביינאַכט ווילסטו זיך מיט מיר באַגעגענען, טאַקע דערפאַר וואָס די נאַכט און דאָס פעלד ווייסן ניט פון קיין חילוק צווישן קלאַסן?... איך וועל דאָ ווינטערן, בערע; אַזעלכע לאַנגע, לאַנגע נעכט וועלן אָנשטיין; וועלן עס זיין וואַרימע נעכט, בערע? כאַ־כאַ־כאַ־, וועסט העלפן האַלטן וואַרים די לאַנגע נעכט?

בערען האָבן אירע רייד געשמיסן ווי מיט הייסע בייטשן איבערן פּנים. ווען ער מאַכט צו איר איין טראָט — מאַכט זי צוויי; דאָס וואַרפט אים אריין אין שרעק. ער איז צופרידן געווען וואָס יוסף ראטנער איז אָנגעקומען.

— איך בין מיט דיר מסכים, חבר ראטנער; ווינציק יוגנט ביי אונדז אין פעלד. זע, ווי די תבואה־הענדלער גייען אום איבערן פעלד און וועגן שוין די תבואה, שאַצן אָפּ דעם ווערט...

— די ברכה פון דער ערד איז ניט פאַר אַלעמען דאָס אייגענע, —האָט יוסף געזאָגט — מיר ביידע קריגן זיך ניט. אדרבה, מיר פאַרשטייען זיך גאָר גוט. איך טראַכט אויך דאָס אייגענע. אָט איז שוין באַלד דאָס ווייצנפעלד אָפּגעשניטן, און וואָס וועט ווייטער זיין? ווייטער צום אָנהייב?

יוסף ראטנער האָט דערקענט דעם אומעט אין בערעס אויגן;

ער האָט אויך באַמערקט די אומרואיקייט אין לאַנגעס פּנים. ער האָט זיך דערפילט אַביסל שולדיק, וואָס ער איז איצטער אונטערגעקומען.

— מיר פאַרשטייען זיך גוט, בערע; כ׳ווייס, דאָס ווייצנפעלד, וואָס אידן שניידן איצטער, איז ניט אַבי־ווי אַ פעלד. כ׳ווייס אָבער אויך, אַז די דאָזיקע אידן איבערן פעלד, אפילו דער קאָניוך, פּיניע זייטשיק, אַטאַ־דאַרטן, איז אויך ניט מער קיין פּשוט׳ער איד. איבער זיי אַלעמען איז די צייט אַריבער מיט איר אייגענעם שווערן אַקער, ווי איבער אַ פאַרהאַרטעוועטן און דאַרנדיקן סטעפּ. אין זיי אַליין באַדאַרף מען זוכן די ברכה פון דער ערד.

בערען זענען יוספ׳ס רייד ניט געפעלן געוואָרן. דאָ איז שוין ווידער יוסף ראַטנער אוועק מיט זיינע רייד און בערען געשטאָכן, ניט ווינציקער ווי לאַנגעס צו־להכעיס׳דיקע רייד. אים איז אָבער געפעלן געוואָרן יוספ׳ס אויסדרוק: „די ברכה פון דער ערד... ניט רעוואָלוציאָנער געגנוג, אָבער פאַרט אמת׳דיק.״

פונדעסטוועגן האָט בערע ניט געקענט לאָזן, זיינס זאָל אַי־בערגיין:

— ניין, כ׳קלער, אפילו די ערד ווייסט אויך ועמען צו געבן איר ברכה, און ועמען ניט.

— די ערד האַלט ניט פון קיין רעוואָלוציעס, — האָט יוסף געשמייכלט, און די קלאַיען אויפן ברייטן פּנים האָבן זיך געמיניעט אין דער זון.

פּלוצלונג, האָט לאַנגע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אויף ביידע בחורים קוקנדיק. ביידע בחורים האָבן זיך פאַרשעמט און ניט געוואוסט פאַרוואָס. ביידן איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. אין אָנגעזיכט פון די בערגלעך געשניטענעם ווייץ, אין אירע פולע בריסט, וואָס האָבן זיך געצאַפּלט מיט געלעכטער — האָבן ביידע אין איר דערקענט די ברכה פון דער ערד...

XIX

ביי די ברעזערס איז געזעסן אַ שווערער גאַסט: פרידריך באַג־נער, דער דייטשער בעל־הגוף. אים איז שטאַרק טשיקאַווע געווען אַ קוק צו טאָן „וואָס די דרעקיקע יודען האָבען געמאַכט פון גאָטס

ערד...״ ער האָט דערקענט וואָווע ברעזוער, ווען ער האָט פאַרבייגע־צויגן מיט זיין פערדגעשפאַן דורכן נייעם דאָרף, און פאַרצויגן אַ שמועס. געווען אַרום האַלבן טאָג.

— אַ גוטען מאָרגע, ווי וואַר עס די ערענטע?

וואָווע ברעזוער האָט זיך געחידוש׳ט, דער דייטשער בעל־הגוף זאָל אים דערקענען. אגב, איז אים געווען אומבאַקוועם, וואָס יעמאָלט, ווען די אָקסן האָבן אים, וואָווען, פאַרשלעפּט צו באַגנערן אויפן הויף, איז אים איינגעפאַלן צו בעטן ביי באַגנערן אַ שטיקל ברויט. וואָווע האָט זיך געמאַכט האַרץ און פאַרבעטן באַגנערן אין שטוב אַריין. קיינער פון די קינדער איז בשעת מעשה ניט געווען.

— ניכט גוט, ניכט גוט, — האָט באַגנער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפן קורצן נאַקן — ניכט גוט! ווען מען אַזאַ הויז האַבט בעפאָר די ערדע האָט בראָט געגעבע...

יאָ, באַגנערן איז די שטוב ניט געפעלן געווען. אַפריער באַדאַרף אַ פּויער זיך איינגראָבן אין דער ערד ווי אַ פעלד־הונט; אַפריער — שטאַלן פאַר די בהמות, פאַר די שאָף; אַפריער — אַ שפּייכלער פאַר די תבואות און ניט אָנהייבן פון אַ גרויסער שטוב, ווי מען טוט עס ביי די אידן. ביי אידן הייבט מען אָן פון גרויסע שטיבער — „דאַריבער ווערדען די יודען קיין בראָט האַבע...״

— ס׳וועט סאַי־ווי קיין ברויט נישט זיין — האָט אים וואָווע ברעזוער געענטפערט — זאָל כאָטש זיין אַ דאַך איבערן קאָפּ.

פרידריך באַגנער האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן. ער האָט פאַר־שטאַנען וואָס פאַר אַ מחשבה עס שטעקט הינטער ברעזוערס ווערטער, וואָס זענען אַזוי שטיל אַרויסגעזאָגט געוואָרן. וואָרים אין אמת׳ן איז באַגנער געקומען אַ שמעק טאָן צווישן די אידישע איבערוואַנ־דערער, געוואויר ווערן, צי די מלוכה וועט ביי זיי, ביי די אידן, קומען נעמען תבואה. באַגנער האָט חושד געווען, אַז די אידן וועט די מלוכה ניט טשעפּען; אירע קעסטקינדער, וועמען זי באַזעצט אויף בעל־הגוף׳ישע שטיקער לאַנד. אין וואָווע ברעזוערס לעצטער באַמערקונג האָט באַגנער עפּעס יאָ פאַרשטאַנען.

— די פּרעסערקע, די שטאָט מיט אירע מענטשן, כלומרשטע

ארבעטער, זי וועט אַלעמען די ביינער צעגריזשען. געמיינט, אַז אייך וועט מאָסקווע שאַנעווען; צונ׳אייך וועט מען נישט קומען נאָך תבואה.

עס איז געווען אַן אָפּענע וואונד ביים גרעסטן טייל פון די אידי־שע איבערוואַנדערער: שלוחים פון דער מאַכט האָבן שוין אריינגע־קוקט אין דער געדרעטעניש אריין, און מודיע געווען, אַז אויפן אָפּענעם מאַרק צו ספּעקולירן מיט די תבואות, וואָס מען האָט פון די פעלדער אַראָפּגענומען — איז פאַרבאָטן. פאַר אַ באַשטימטן פּרייז וועט די מלוכה צונעמען אַ געוויסן טייל פון דער געדרעטעניש — אַ פּרייז, וואָס איז אַ דריטל פון דעם, וואָס מען קען קריגן אויפן אָפּענעם מאַרק, וואו די מלוכה האָט צייטווייליק דערלויבט צו ספּעקולירן. ביי אַ גרעסערן טייל איבערוואַנדערער, ווי נאָר מען האָט די תבואה אַראָפּגענומען פון פעלד און אויסגעדראָשן — איז דער אָפּענער מאַרק געקומען פאַר די אויגן. ביים גרעסטן טייל איבער־וואַנדערער, מיט שניטצייט, מיטן אויסדרעשן די תבואה — איז אָפּגעשניטן געוואָרן אַ שטיק פון זייער לעבן. דער סך־הכל פון ביסל אויסגעדראָשענער תבואה איז געווען דער סך־הכל פון איבער־געטריבענע האָפענונגען און פאַרנעפּלטע דמיונות. די אויסגעדראָ־שענע תבואה האָט יעדערער אויף זיין אופן געשלעפּט צום אָרט וואו ס׳איז געווען שטוב אָדער זעמליאַנקע. ווער ס׳האָט געהאַט זעק — האָט זיין ווייץ־פאַרמעגן אין זעק באַהאַלטן; ווער ס׳האָט געהאַט אַ פּאָר ברעטער — האָט אין שטוב, צי אין זעמליאַנקע צונויפגע־שלאָגן אַ „זאַסיעק״ און הנאה געהאַט פון די געלע ווייצנקערנער, וואָס האָבן פון „זאַסיעק״ אַרויסגעשיינט. ניט יעדערער האָט אין די דאָזיקע קערנער דערקענט די נייע זריעה; דעם אָנהייב פון וויִדערוואוקס; ניט יעדערער, קוקנדיק אויף די ליכטיקע קערנער, האָט אין דמיון געזען צעאַקערטע פעלדער, וואוהין מען וועט די קערנער פאַרזייען און האָפן אויף אַ נייעם פרילינג, אויף אַ נייעם זומער און נייעם שניט.

פיניע זייטשיק איז אריינגעקומען צו די ברעזערס. ס׳האָט אים צוגעצויגן באַגנערס געשפּאַן מיט די צוויי ווייסע פערד נעבן די ברע־זערס. ער איז אריינגעקומען אויף באַגנערס רייד; אויף באַגנערס

פארגלייך פון דער שטאט, און דער מלוכה צו א פרעסערקע: „וואָרן, ס'איז די אַלטע מעשה: אפריער האָבן די צארישע שיכורים געגריזשעט דעם פויער, און איצטער קומען די באָלשעוויקעס צום דאָרפסמענטשן, ארויסרייסן באַנ'אים דעם ביסן ברויט פון מויל."

פיניע זייטשיק האָט ניט גאָר גלייך צעקיט באַגנערס רייד. נאָר אַז ער האָט שוין יאָ באגריפן וועד די „פרעסערקע" איז — האָט ער א קנאַק געטאָן מיט דער בייטש און אָנגעשפּיגן אין לינקן פויסט אריין, ווי ער גייט מלחמה האלטן מיט א ווילד געוואָרענעם פערד. די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן:

— זיי זאָגן, אַז מע טאָר נישט רעדן אין דער הויך... שרייען אין דער הויך, געוואַלדעווען באַדאַרף מען!... אויף וואָס פאַר א צרות און קלאָגן האָט מען אונדז אהער פּארטריבן, מיר זאָלן סאָכניען א גאַנצן זומער, די אויגן זאָלן ארויסקריכן, ביז מע וועט א סערנדל דערזען אין פעלד, און איצטער — צוזען מיט די אויגן ווי מאָסקווע קומט און נעמט עס צו?... אין דער ערד — מיט דער ערד!

באַגנער האָט געלאַכט, אַזש זיין גאַנצער קאָפּ האָט זיך רויט אָנגעצונדן אויף זיין קורצן האַלדז. דאָס וואָס ער האָט געוואָלט וויסן — האָט ער זיך דערוואוסט. און אַז מען איז ביי די אידן נישט צופרידן — דאָס זעט ער אויך אַרויס. פונדעסטוועגן האָט ער ניט געוואָלט זיין אין דעם צענטער פון אומצופרידנקייט. „די דאָזיקע יודען וועט מען מוחל זיין פאַר אַזעלכע רייד, אָבער אים, דעם קולאַק, וועט מען ניט שאַנעווען..." האָט ער זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום „זאַסיעק", וואָס איז נעבן פענצטער געווען צוגויפגעשלאָגן, און איבערגעגרעקט מיט א פלאַכטע. ער האָט פון אונטער דעם צודעק ארויסגענומען א הויפן ווייץ און באַטראַכט נעבן פענצטער.

— די ערדע איז דאָך צו אַלעמען טריי — האָט ער פאַר זיך אַליין גערעדט, — מעג איך דאָס הייפעלע ווייץ נעמען?...

— כ'האָב ביי דיר אמאָל א האַלבן לעבל ברויט גענומען, כע־כע־כע, ווען די אָקסן האָבן מיך פארשלעפּט צו דיר אויפן הויף...

ברעזער האָט געלאַכט און באַגנער האָט געלאַכט. באַגנער האָט אין קעשענע אריינגעשאָטן דעם הויפן ווייץ, און איז ארויסגעגאַנגען, אביסל מיט א געבויגענעם קאָפּ.

באַלד נאָך באַגנערס אוועקגיין זענען אָנגעקומען לאַנע און זלמן קאַסאַי. לאַנע האָט באַגנערן דערקענט פונוווייטנס, און האָט ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרציען מיט אים קיין שמועס. זיין פּלוצלונגער באַזוך איז פאַר איר געווען אַ רעטעניש. ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט זי דערקענט אַן טאַטן און זייטשיקן, אַז פון עפּעס האָט מען אין שטוב גערעדט. זי האָט אָבער ניט באַדאַרפט פרעגן וואָס דער דייטשער קולאַק האָט געוואָלט. פיניע זייטשיק אַליין האָט פאַר לאַנען אַנטפּלעקט דעם סוד.

— אַ שאָד, לאַנע, — האָט זייטשיק אָנגעהויבן מיט אַ מינע פון נצחון — האָסט געמעגט הערן וואָס דער דייטש האָט דאָ געזאָגט. כאַ־כאַ־כאַ, די „פּרעסערקע"!...

זייטשיקן האָט געשטיקט דאָס געלעכטער; ער האָט ווייטער ניט געקענט ריידן. ער האָט זלמן קאַסאַיען אויך אָנגעשטעקט מיט זיין געלעכטער. אויף זיי קוקנדיק, האָט לאַנע אויך מיטגעלאַכט, כאָטש זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיט דער „פּרעסערקע".

— וואָס פאַר אַ פּרעסערקע? — האָט קאַסאַי געזשמורעט מיט די אויגן.

פיניע זייטשיק האָט דערציילט וועמען ער מיינט, און צוגעגעבן:

— פאַלגן, וואָס אַזאַ באַגנער זאָגט! אָט־דאָס איז אַ שכל. מיין שווער פאַרפּראַצעוועטער תבואה וועל איך דער פּרעסערקע נישט אוועקגעבן.

— מע טאָר אַזוי הויך נישט רעדן, פיניע, — האָט קאַסאַי שטיל געזאָגט, — ווענט האָבן אויערן. כאָטש ס'אי שלעכט און ביטער, באַדאַרף מען שווייגן.

לאַנע האָט ניט געהאַט קיין חשק אָנטייל צו נעמען אין דעם שמועס. זינט מען האָט אָפּגעשניטן דעם ווייץ, און זינט ס'איז געווען דער פאַרשטייער פון דער מאַכט און אָנגעזאָגט, אַז קיינער טאָר ניט פירן אויפן אָפּענעם מאַרק פאַרקויפן זיין תבואה, ביז די מלוכה וועט ניט נעמען דאָס וואָס איר קומט — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקן איבערן יונגן דאָרף; איבערן סטעפּ איז אַ שאָטן געלעגן אויסגע־שפּרייט. די פרייד פון ערב־שניט איז אַוועק; מיטן אויסדרעשן די תבואה איז אָנגעקומען אַן אומעט. דווקא איצטער וואָלט זי געוואָלט

זיין ארומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס האָבן מער זינען פאַר דער אַרבעט. איצטער איז איר ווינציק, וואָס בערע קאָוואַלסקי האָט זיך די לעצטע פאַר וואָכן צו איר אַסך מער דערנעענטערט. דווקא איצטער איז בערע קאָוואַלסקי ניט דער מענטש מיט וועמען זי קען רעדן און פּרואוון אויף איר אייגענעם אופן זיך דורכקלייבן אין דעם וואָס עס איז פאַרלאָפן פאַר די לעצטע פאַר וואָכן. זי קען מיט בערען ניט רעדן, ווייל פאַר אים זענען אַסך פון די איבערוואַנדערער ניט מער ווי פּאַראַזיטן, וואָס זענען געקומען זיך אָנזעטיקן פון דער באַפרייטער ערד; האָבן פאַר זיך קיין שום אידעאַל ניט; און דאָס פעלד איז פאַר זיי אַ נייער מאַרק. ניין, דאָס קען זי מיט אים ניט רעדן. ווייל ניט אַזוי פאַרשטייט זי די טאַטעס, די געוועזענע הענדלער; אָדער אפילו די בעל־מלאכות פון שטעטל. זי פילט זיי מיט. אויב זיי ווילן דאָס ביסל תבואה פון זייער פעלד באַהאַלטן פאַר זיך — איז דאָס ניט קיין גענוגנדיקער פאַרברעכן צו פאַר'משפּט'ן די דאָזיקע מענטשן. זי קען אויך ניט שמועסן מיט אַזעלכע ווי יוסף ראַטנער, וואָס איז אויף זיין אופן אַ קעגנער פון עלטערן דור, און וואָס האָפט אויף אַ נאַציאָנאַלער יוגנט, וואָס וועט קומען און בויען דעם נייעם דאָרף.

— ווער איז דאָס די פּרעסערקע? — האָט אַביסל שפּעטער לאַנע איבערגעפרעגט.

האָט וואָווע געענטפערט גאַנץ שטיל, מיט די אויגן צום דיל:

— דער דייטש טענה'ט, אַז מאָסקווע... ער מיינט — מאָסקווע איז די פּרעסערקע. מאָסקווע פרעסט אַלץ וואָס דער דאָרף קריגט אַרויס פון דער ערד... ער איז גערעכט, מיין טאַכטער. מיט וואָס איז דען דער פאַבריק־אַרבעטער בילכער צו קריגן דאָס שטיקל ברויט? ס'איז מער יושר, אַז דער פּויער זאָל ניט סאַכניען...

ער האָט ניט דערענדיקט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו לאַנען, געוואָלט דערקענען וואָס פאַר אַ רושם זיינע רייד מאַכן אויף איר. מיט לאַנען האָט ער זיך ניט געוואָלט קריגן. לאַנע איז נאָך אַלץ פאַר אים געוועזן אַ רעטעניש. ער האָט אָבער געוואָרט, אַז פון איר וועט ער סוף־כל־סוף דערהערן אַ האַרב וואָרט אויף דער מאַכט, וואָס איז אַזוי מעשה־באַלעבאָסטע אַראָפּגעקומען און פאַרבאָטן פאַר־

קויפן תבואה אויפן אָפענעם מאַרק, מחמת זי, די מלוכה, וועט עס באַדאַרפן פאַר זיך.

— די מלוכה בעט דען דאָס ברויט פאַר אומזיסט? — האָט לאַנע גאָר אומגעריכט געפרעגט, — די מלוכה צאָלט דאָך אַ נאָרמאַלן פּרייז. מאַלע־וואָס אויפן אָפענעם מאַרק ספּעקולירט מען, און דאָרטן איז ווייץ אַביסל טייערער.

— אַביסל טייערער... אַ שוין ביסל טייערער — האָט זייטשיק אויסגעשאָסן — דריי מאָל אַזויפיל ווי די מלוכה גיט!

— איז די מלוכה ניט באַרעכטיקט צו קריגן דעם ווייץ ביליקער? האָט זי דען ניט געגעבן קיין ערד, קרעדיטן? די מלוכה וועט העלפן צו דער נייער זריעה; אַזוי האָב איך געהערט...

— כ׳קען מיין שטעטל אַליין באַשטיין, חבר׳טע לאַנע, — האָט זייטשיק געקנאַקט מיט דער בייטש — כ׳בין נישט קיין פערד; פאַר אַביסל פּליעווע וועט׳ן מיך נישט אָפּקויפן.

— וואָס־זשע וועט איר טאָן? — האָט לאַנע גוטמוטיק געפרעגט זייטשיקן.

— דאָס באַדאַרף איך שוין קיינעם נישט זאָגן. וועגט האָבן אויערן...

מיט די ווערטער איז זייטשיק אַרויס פון שטוב. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. וואָווע ברעזער האָט מיט לאַנען יאָ געוואָלט רעדן, אָבער אויף פיר אויגן. ער איז זיכער, אַז וואָס ער וועט איר זאָגן, וועט זי ניט אַרויסטראָגן ווייטער פון שטוב.

זלמן קאַסאַי האָט דאָס דערשפּירט, און האָט אויך געמאַכט הכנות אַרויסצוגיין. שוין ביים שוועל, האָט ער געזאָגט:

— דיין טאָכטער, וואָווע, געפעלט מיר. אויב זי האָט קוראַזש, בין איך עס איר מקנא. הלואי וואָלט איך איצטער געקענט זאָגן, אַז דער מלוכה קומט אונדזער שווער־פאַרהאָרעוועטע תבואה. נאָר כ׳זאָג דיר, לאַנע, אַז די מלוכה אַליין מאַכט אַ טעות. אויב זי וועט זיך טאַקע האַלטן ביי אירס, זי וועט נישט לאָזן, דער איבערוואַנדע־רער זאָל אַליין הנאה האָבן פון שווער־פאַרפּראַצעוועטן שטיקל ברויט וועט׳ן זיך צעלויפן פון די פעלדער. וואָס זאָל איך מיר לייקע־נען? איך אַליין, וואָס האָב געוואָלט אַ שפּיי טאָן אויף מיין שטשאָ־

בען און לאַטען, און ווערן אַ מענטש ביי דער ערד — איך וועל אַוועק צוריק אין שטעטל אריין! וואָרן, אַז איך האָב פאַרלאָזט אימיצנס פּליודערן, אָדער איבערגעניצעוועט אימיצנס אַ קאַפטן, האָב איך געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט; און דאָ...

ביי די ווערטער איז זלמן קאַסאַי ארוים מיט אַ געבוינגענעם קאָפּ, און איבערגעלאָזן אין שטוב גאָר דעם געדריקטן געמיט פון דער מחנה אָפּגעריסענע אידישע פּויערים.

די לעצטע ווערטער קאַסאַיס זענען שווער געפאַלן: „אידן וועלן זיך צעלויפן פון די פעלדער" — דאָס איז דאָס ערגסטע. לאַנע איז ניט מסכים מיט בערען, וואָס מאַכט חוזק און זאָגט: „זאָל דער שטעטלשער אַפּפאַל זיך אָפּטראָגן צוריק אין שטעטל אריין..." צופיל אָפּפאַל האָט די רעוואָלוציע באַשאַפן. אָבער צי קען מען דען לאָזן דעם פאַבריק־ארבעטער, ער זאָל דאָרטן פאַלן פון די פיס? צי דען עסט די מלוכה אַליין אויף דאָס גאַנצע ברויט?...

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פאָטער און באַמערקט ביי אים אַ פאַרטאַיעטן שמייכל ארום מויל און אויגן; ווי מיט אַ געפיל פון נצחון האָט ער געקוקט צו איר. דער דאָזיקער שמייכל איז געווען ניי פאַר איר, און איז איר ניט געפעלן געוואָרן.

— וואָס קוקסטו מיך, טאַטע, אָן מיט אַזאַ מאָדנעם שמייכל?

— איך האָף, מיין טאָכטער, אַז איצטער זעסטו שוין איין, אַז דער טאַטע איז אַביסל גערעכט.

— וואָס מיינסטו? — האָט לאַנע רואיק געפרעגט.

— כ'מיין דאָס, וואָס דו האָסט נאָר־וואָס געהערט. דאָס, וואָס איך טענה כסדר. אַז די מלוכה לאָזט נישט אויפהייבן דעם קאָפּ. ס'טוט מיר הנאה, וואָס איך האָב נישט צוגעדונגען קיין ערד און נישט צוגענומען קיין פרעמדע ארבעטער, ווי כ'האָב תחילת געטראַכט צו טאָן. סאַי־ווי וואָלט פון דעם גאָרנישט ארויסגעקומען. נאָר כ'וועל פאָלגן וואָס באַנגער הייסט. וועל די תבואה נישט אוועקגעבן.

— כ'פאַרשטיי אַלץ נישט וואָס דו מיינסט.

— וועל דאָס ביסל ווייץ באַגראָבן אין דער ערד; אַז נישט, וועט'ן ווינטער געשוואָלן ווערן פון הונגער... קוקסט מיך אָן, באַגרייפסט נישט וואָס איך זאָג? אויב דו טראַכסט דאָ ווינטערן, מוז

איך מיך פאַרזאָרגן מיט אַ שטיקל ברויט; מער נישט ווי מיט אַ שטיקל ברויט... כ'וועל שפּעטער ביי דער מלוכה נישט גיין בעטלען, זי זאָל מיר אומקערן מיין ווייץ צוריק.

— מיינסט עס טאַקע? — האָט לאַנע אַ בלאַסע געפרעגט.

— יאָ, וועל נאָך היינט ביינאַכט אַ העלפט פון דעם ווייץ ערגעץ הינטער דער שטוב באַגראָבן. הלואי האָבן אַלע שכל דאָס אייגענע צו טאָן.

— אויב דו וועסט באַגראָבן, וועל איך אָנווייזן וואו סע ליגט...

לאַנע האָט תיכּף דערשפּירט איר טעות. ניט איר האָט געפּאַסט אַזעלכעס צו זאָגן. טראַכטן—יאָ, אָבער זאָגן—ניט. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. עפּעס האָט זי דערקענט אין איר פאָטערס אויגן, וואָס האָט אירע געדאַנקען איבערגעשריען. נעמען צוריק אירע רייד איז שוין געווען צו שפּעט. אַן אויגנבליק האָט עס געדויערט. וואָווע ברעזער איז צו איר צוגעגאַנגען, אַראָפּגעלאָזן איר אַ פייערדיקן פּאַטש, און איז שנעל אַרויס פון שטוב.

אויף אַ ווײַלע איז לאַנען פינצטער געוואָרן אין די אויגן. די רעכטע באַק האָט געפלאַקערט, גלייך ווי מען וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט ספּירט און אָנגעצונדן. אין די אויגן, אין גאַנצן קאָפּ איז איר מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן. זי וויל זיך דערמאָנען איר טאַטנס פּנים און קען ניט. אויך זיין געשטאַלט איז פאַרפינצטערט געוואָרן. זי האָט תחילת געוואָלט לויפן דרויסן — האָט זי די טיר ניט דערזען. פאַלן אויפן דיל און שרייען, וויינען — איז דער דיל אַלץ טיפער געזונקען, און מיט אים...

— הא... אפשר אָנפּאַטשן זיך אַליין די לינקע באַק, זאָל די אַנדערע באַק אויך אַזוי ברענען ווי די רעכטע...

קיינמאָל, קיינמאָל, זינט די מוטער אירע איז אומגעקומען, האָט דער פאָטער דאָס ניט געטאָן. זינט די מוטער איז אומגעקומען, האָט ער געקוקט מיט דרך־ארץ אויף דער נאָך יעמאָלט קליינער לאַנען. קיינמאָל, קיינמאָל האָט ער אויף איר קיין האַנט ניט אויפגעהויבן... אַזוי ווייט דערגרייכט שוין דער אָפּריים צווישן די צוויי דורות... צו וועמען רעדן? וועמען דערציילן און קעגן וועמען פּראָטעסטירן...

ווען זאָל זי באַשטראָפן?... גיין באַשטראָפן פאַר׳מסר׳ן אויפן אייגענעם טאַטן, מען זאָל אים אַרויסשיקן, פאַרשיקן?...

זי האָט ניט געהערט ווי ביילקע איז אַריינגעקומען. ביילקע האָט פונוויטנס געזען דעם טאַטן, וואָס איז אײַנאײַנגעלאָפן אַוועק אין פעלד אַריין, איז זי אַריינגעקומען אין שטוב געוואויר ווערן.

— וואָס איז, לאַנע? וואו איז דער טאַטע געלאָפן?...

א ווײַלע האָט לאַנע ביילקען אָנגעקוקט מיט פאַרלאָפענע אויגן; דערנאָכדעם האָט זי באַגראָבן איר פּנים אין ביילקעס פּנים, און איר גאַנצער גוף האָט אָנגעהויבן ציטערן, און אויפגעלייזט ווערן אין אייגענעם געוויין.

XX

יוסף ראַטנער האָט געהאַט דאָס וואָרט; בערע קאָוואַלסקי האָט אים גערולדיק אויסגעהערט. נאָך מער: בערע קאָוואַלסקי האָט אַליין געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט יוסף׳ן אַ שמועס, און הערן, וואָס ער, יוסף, האָט צו זאָגן.

געווען פאַרנאַכטצו, נאָך אַ טאָג שווערער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט ביים שניידן די זומער־תבואה. ביידע זענען געזעסן אויף אַ בערגל אָפּגעשניטענע גערשטן; עס האָט אויסגעפעלט די אויפרעגונג, וואָס האָט איבער אַלעמען געהערשט ביים ווייצן־שניט.

— שווייגסט די לעצטע צײַט גאָר אינגאַנצן, און איך האָב אויך ניט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן — האָט בערע קאָוואַלסקי אָנגעהויבן, און בשעת מעשה אַרויסגעקליבן קערנער פון אַ גערשטן־זאַנג און געלייגט אין מויל אַריין — מיט וועמען בויען מיר דעם נייעם דאָרף? מיט וועמען האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער גרויסע אַרבעט, איבערצופלאַנצן אידן פון חרוב׳ן און קראַנקן שטעטל אין קרימער געזונטן סטעפּ?

יוסף האָט אַ צוק געטאָן מיטן רעכטן אַקסל, געזשמורעט די אויגן, און געקוקט אַריבער צום אָפּגעלעבטן און ערב־האַרבסטיקן סטעפּ, געקוקט צום ווייטן מערב, וואו די זון, אַ ציגל־רויט צעגליטע,

האָט זיך געהאַלטן ביים אָראַפּלאָזן, און געגאָסן בורשטינען־רויט און שמאַראַגדן־גרין ביים ראַנד פון הימל און ערד.

— ווייסט דאָך ,יוסף, — האָט בערע ווייטער גערעדט, — ווייסט דאָך, איך בין ניט פאַרקאַכט ווי דו אין די דעקלאַסירטע קרעמערלעך, וואָס מיינען, זיי מאַכן דער ראַטנמאַכט גליקלעך מיט דעם וואָס זיי זענען געקומען זיך באַזעצן אויף דער ערד. איך האָב אין זיי קיינמאָל ניט געהאַט קיין אמונה. ניט מיט זייער הילף וועט די רעוואָלוציע אויסלייזן די אידישע מאַסן און מאַכן זיי פאַר פּראָדוקטיווע מענטשן... נאָר גאָרניט, בשעת איך האָב זיי געזען קאָפּאָשען זיך אַרום נייעם דאָרף, האָב איך אָפּטמאָל, ווי דו, איבערגעטראַכט: אפשר איז פאַרט אַ רעוואָלוציע געווען, און זיי הייבן עס אָן צו באַנעמען. אָבער סע זאָל קומען דערצו, די ראַטנמאַכט זאָל אויסשטרעקן צו זיי אַ האַנט און בעטן אַ טייל תבואה פון די געראָטענע פעלדער; חלילה ניט פאַר אומזיסט האָט דאָך די מלוכה געבעטן; האָט מען גענומען און אויפגעהויבן אַזאַ געיאָמער — טפוי זאָל עס ווערן!... בין איך שוין גאָר צעמישט. גלויב מיר, יוסף, ניט שטענדיק האָב איך געוואָלט גלייבן דער גערעכטער, בשעת איך האָב זיך מיט דיר געקריגט. איך בין נאָך אויך אַ מענטש מיט מענטשלעכע געפילן.

בעת בערע האָט גערעדט, האָט ער די גאַנצע צייט געקוקט אין יוסף׳ס קלייענדיקן, געלבלעך ברייטן פּנים. יוסף האָט די אויגן געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, געקוקט אויף זיינע באָרוועסע, פאַרשטויבטע און שווערגעוואָרענע פיס. בערעס רייד זענען פאַר אים ניט געווען קיין חידוש. איצטער, מער ווי שטענדיק, האָט ער בערען מיטגע־פילט. ער האָט דאָך פון בערען כסדר געפאָדערט חלוצים מיט פּיאָ־נערן־גייסט פאַר דער אידישער איבערוואַנדערונג צו דער ערד. ער האָט מיטגעפילט בערען. ער אַליין איז אויך זינט שניטצייט באַלאָדן מיט שווערע מחשבות. נאָר ווען ס׳קומט שוין צו רעדן מיט בערען, שפּירט ער, אַז צום אייגענעם געדאַנק קומען זיי ביידע צוליב גאָר פאַרשידענע איבערלעבונגען. דאָס האָט יוסף איצטער געוואָלט באַווייזן בערען.

— זעסטו, חבר קאַוואַלסקי, אונדז ביידן טוט עס ווי די לעצטע פּאָר וואָכן צוליב דער אייגענער זאַך; פונדעסטוועגן איז צווישן

אונדזביידן פאראן א חילוק. איך פיל־מיט די דעקלאסירטע אידן, וואס האבן זיך דערשראקן, ווען מען איז געקומען פון דער מאכט און געפאדערט א טייל פון דער גערעטעניש. דו זאגסט, די מלוכה האט זיי געגעבן ערד און שטיצע; די מלוכה בויט פאר זיי א נארמאל לעבן — ס'איז אמת, חבר קאוואלסקי... אבער די דאזיקע מענטשן, וואס לעבן דורך צום טויזנטסטן מאל דעם דורות'דיקן יאוש, די דורות'דיקע דערניִדערונגען ווי אידן, — זיי זענען נאך ניט געקומען צום באוואוסטזיין, אז די ערד וואס זיי זיצן אויף איר איז א זיכערע... דער באגריף, אז די ערד איז מיינע און פארט ניט מיינע; די ערד האט דיר די מלוכה אוועקגעגעבן און פארט ניט אוועקגעגעבן, ווייל דו ביסט אליין די מלוכה — דאס איז א גאר נייער באגריף פאר אלעמען. ס'איז פאר די ניט־אידישע פויערים אויך אומפארשטענד־לעך, ווייל דער פויער גלויבט דערווייל ניט, אז ער איז די מלוכה.

— סערפ און האמער! אונדזער פאראייניקטער כח, יוסף! — האט בערע אים איבערגעשלאגן.

— האמער און סערפ! חבר קאוואלסקי, — אזוי זעט עס דער־ווייל אויס...

— וואס רעדסטו? — האט בערע אויפגעעפנט ברייט די אויגן.

— דער האמער, ס'הייסט דער ארבעטער פון פאבריק, איז געקומען פאדערן פון סערפ, כ'מיין פון פויער, זיין שווער־פארהארע־וועטע תבואה... וויל עס דער סערפ ניט ליידן.

— ווי דען אנדערש זאל עס זיין? — האט בערע נאך אלץ פארשנדיק געקוקט אויף יוסף'ן — וואו זאל דען דער ארבעטער פון פאבריק נעמען ברויט?

— אין דעם שטעקט די צרה, וואס קיין אנדער אויסוועג איז טאקע ניטא. אבער דער ארבעטער קומט צום פויער נאך ברויט ניט ווי א ברודער — נאר ווי א טשינאווניק וואס פאדערט אומזיסט... קוק מיך ניט אן אזוי פאר'חידוש'ט, חבר קאוואלסקי... מיר זענען ווייט פון מאסקווע, אוי, ווי ווייט... דארטן זיצט דער ארבעטער; דארטן איז די הערשאפט פון האמער!

— איז דען דער פויער ניט פארטראטן אין דער מלוכה גלייך מיטן ארבעטער?

— ס'איז אָבער אַ פאַקט, וואָס דער אַרבעטער קומט צום פויער און פאָדערט, פאָדערט און קריגט; און אַז דער פויער זאָל קומען צום אַרבעטער און פאָדערן זיינס, פאָדערן כאָטש אַ פּאָר שטיוול, ער זאָל ווינטער די פיס ניט אָפּפרירן, וואָס קריגט ער?

— ווי דו רעדסט, איז קאָנטער־רעוואָלוציע, חבר ראַטנער...

— באַגרייף עס; אפשר איבעראיאָר, איבער־צוויי־יאָר וועט זיך דער מצב ענדערן; די פאַבריק וועט אַריינשיקן אין דאָרף צום פויער פון פייגלמילך... אָבער איצטער, קען מען דען צומאַכן די אויגן און ניט זען, וואָס פאַר אַ ווינטער סע דערוואַרט די איבערוואַנדערער?... מע האָט דאָך ביי זיי צוגענומען אַ גרויסן טייל תבואה, וואָס זיי וואָלטן באַדאַרפט האָבן פאַר ווינטער־זריעה.

— צוגענומען?...

— אודאי! אפשר איז געבליבן אביסל תבואה ביי דעם און ביי יענעם, וועט מען דאָך מוזן פאַרקויפן, מען זאָל קריגן אַ קענדל קעראָסין, צי אַנדערע קלייניקייטן; אויף אַ פּאָר שטיוול צו קויפן, וועט שוין ניט סטייען...

— רעדסט פּאָרט ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. אַזוי פּאַסט צו רעדן פאַר די ברעזערס, צי פאַר פיניע זייטשיק.

— באַליידיק ניט די ברעזערס, — האָט יוסף געשמייכלט, — דאָרטן איז פאַראַנען לאַנע ברעזער...

בערע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ; בערע איז אויף אַ רגע צעטומלט געוואָרן. יוסף האָט אין בערעס קעגנוואַרט זעלטן דערמאָנט לאַנעס נאָמען; יוסף האָט לאַנען און בערען נאָכגעקוקט, ניט מיט די אויגן, נאָר מיט זיין האַרץ, מיט זיינע אַלע חושים און מחשבות. יוסף האָט די לעצטע צייט באַמערקט לאַנעס נידערגעשלאָגנקייט, און האָט ניט געוואוסט די סיבה פון איר נידערגעשלאָגנקייט. נאָך מער, יוסף האָט די לעצטע עטלעכע טעג באַמערקט, ווי לאַנע דערנענטערט זיך צו דער ברייט־פּנים'דיקער און טרוקענער סימקע קרעטשמער. איצטער, ווען ער, יוסף, האָט דערמאָנט לאַנעס נאָמען, איז דאָס געווען אומגעריכט פאַר אים אַליין. ער האָט חושד געווען, אַז אין בערעס איצטיקער צוגעלאָזנקייט צו אים, איז אפשר גיכער לאַנע שולדיק.

— דאָס איז דיין קרומער בליק אויף די קרבנות פון דער רעוואָלוציע, — האָט יוסף ווידער געזאָגט, און בשעת מעשה ניט אראָפּגענומען קיין אויג פון דעם אנטשוויגן געוואָרענעם בערען, — ס'איז גיכער דער בליק פון די „האמער־מענטשן" און ניט פון די „סערפּ־מענטשן"... ס'איז גיכער דער בליק פון דעם אויפגעקומענעם פאבריק־ארבעטער, אין וועמעס אויגן דער דעקלאַסירטער הענדלער, צי קרעמער, וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסקויפן פון זיינע חטאים. די ברעזערס וועלן אין דיינע אויגן שוין אויף אייביק בלייבן די אומריינע, כאַ־כאַ־כאַ... כ'וויס, בערע, האָסט ליב לאַנען און פונדעסטוועגן...

בערע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קאַלט און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף יוספ'ן; אים האָט זיך גאָר ניט געגלויבט, אז פון יוספ'ן הערט ער די דאָזיקע רייד.

— וואָס מישסטו אריין לאַנען אין דעם דאָזיקן ענין? — האָט בערע געפּרואווט ארויסקריכן פון שמועס, וואָס האָט זיך קעגן זיין ווילן פארפּלאָנטערט; בעת ער באגרייפט אליין ניט פאַרוואָס פון אזא ערנסטן שמועס מכח סערפּ און האמער איז גאָר פּלוצלונג ארויסגעשוואומען לאַנעס נאָמען:

— וואָס האָט לאַנע צו טאָן מיטן גאַנצן ענין?

— אפשר האָט עס יאָ צו טאָן; ווען איך דערמאָן קרבנות פון דער רעוואָלוציע, בין איך אויסן אזעלכע ווי לאַנע און איר גלייכן, וואָס האָבן זיך שוין גע'כשר'ט אין פייער און אין וואסער, און זענען נאָך אַלץ אין די אויגן פון דער רעוואָלוציע ניט ריין. דו, בערע, קוקסט אויף אונדזער ביטערער ווירקלעכקייט דאָ ביי דער ערד מיט די אויגן פון דער רעוואָלוציע.

בערען האָט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן, הלמאי ער האָט זיך געלאָזט אריינשלעפּן אין אזא פאַרפּלאָנטערטן שמועס. דער געוועזענער סטודענט, יוסף ראטנער, כאָטש א שניידערס א זון, איז פאָרט אין בערעס אויגן ניט קיין אמת'ער פריינט פון דער רעוואָלוציע. אָט זעט ער דאָך, בערע, אז ווי נאָר ער לאָזט זיך פון יוספ'ן אריינציען אין א שמועס, פאַרענדיקט זיך עס שטענדיק אזוי, אז אים, בערען, הייבט עס אָן צו קוועטשן אונטערן הארצן ביז צום איבלען. ווינצי־

קער פון אַלץ איז אים ניט ניחא, ווען אַ זייטיקער מענטש הייבט מיט אים אָן צו רעדן מכח לאַנע ברעזער. אפילו פון זיין מאַמען איז אים דאָס פריקרע צו הערן.

— טראַכט זיך אַריין אין דעם, וואָס דו האָסט נאַר־וואָס געזאָגט, יוסף. ביסט אין מיינע אויגן אַ פאַרברעכער, ווען דו רעדסט אַזוי פון אַרבעטער; ווען דו נעמסט אַוועק דעם האַמער פון סערפּ — בלייבט דאָך אַ האַרטער האַמער, כאַ־כאַ־כאַ... כ׳האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו קענסט אַזוי קוקן אויף זאַכן. דער האַמער איז דאָסמאָל גערעכט. דער אַרבייטער מוז דערווייל אַליין האַלטן הויך די פאָן פון דער רעוואָלוציע, וואָרן דער פויער ווייסט נאָך ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז...

ביי די ווערטער האָט זיך בערע געוואָלט אויפהייבן, נאָר גאָר אומגעריכט זענען אָנגעקומען לאַנע און סימקע, ביידע מיט לאַכעדיקע פּנים׳ער. סימקע האָט געהאַלטן לאַנען אַרומגענומען מיט דער רעכטער האַנט אַרום טאַליע; האָבן ביידע אויסגעזען ווי אַ פּאָר פאַרליבטע. פון סימקעס פּנים האָט אַרויסגעשטראַלט דער נחת; פון לאַנעס פּנים האָט אַ שטילער טרויער אַרויסגעבליקט, און איר פּנים איז ווי שמעלער געוואָרן. ביידע זענען געווען באָרוועס, און די פיס כמעט ביז צו די קני אָפּגעדעקט: מיט שווער־פליישיקע און געלבלעכע ליטקעס, סימקעס פיס; אויסגעפורעמטע און בלויליך־באַשאָטנט — לאַנעס פיס. כאָטש די טריט זענען ביי ביידן געווען פאַרשטויבטע, זענען פאָרט לאַנעס טריט געווען די שטעטישע, און סימקעס — דאָרפישע.

ביידע מיידלעך, מיט דער פולער מאָס היימישקייט, האָבן זיך אַריינגעזעצט צווישן די צוויי בחורים. סימקע איז אויסגעקומען נעבן בערען, און לאַנע — נעבן יוסף׳ן.

— פון וואָס רעדט איר דאָ? — האָט לאַנע זיך באַקוועם אָנגעשפּאַרט אויף יוספ׳ס רעכטן אַקסל.

יוספ׳ס לייב האָט אַ וואָרימער שטראָם דורכגעשניטן. ער האָט אפילו ניט גע׳חלומ׳ט, אַז ווען־עס־איז וועט לאַנע נעמען און ווערן צוגעלאָזן צו׳נ׳אים. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף בערען, וואָס איז

געזעסן מיט א קאַלטער מינע, ווי ער וואָלט גאָר ניט געשפּירט די נאָענטקייט פון סימקען.

אין דער ערשטער רגע האָט יוסף אַ טראַכט געגעבן, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּרייד פון די מיידלעך, אַזוי אָנצוקומען און אַזוי זיך אָנידערזעצן. אפשר האָט לאַנע בכיון עס געטאָן, דערמיט בערען אויפצורודערן.

— פרעג בערען, וועט ער דיר זאָגן פון וואָס מיר האָבן דאָ געשמועסט.

— דערציייל, סימקע, פון וואָס מיר ביידע האָבן גערעדט, דערציייל — האָט לאַנע געזאָגט, און איר פּנים איז נאָך אומעטיקער געוואָרן.

לאַנעס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף יוספ׳ס שוים.

בערע האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט סימקען, וואָס איז געזעסן אַזוי נאָענט, אַ ווייט פון אים. אים איז געווען אַ רעטעניש דאָס אָנקומען פון די מיידלעך; און נאָך מער אומפאַרשטענדלעך איז אים געווען לאַנעס ווענדונג, סימקע זאָל דערציילן... „וואָס האָט מיטאַמאָל די דאָזיקע מיידלעך איינס צום אַנדערן צוגעצויגן?”

בערע האָט נאָענט אַריינגעקוקט סימקען אין פּנים אַריין, דערנאָך האָט ער מיט דער לינקער האַנט אַרומגענומען איר האַלדז און שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. כאָטש ביי סימקען האָט דער גאַנצער מהות הנאה׳דיק געלאַכט, האָט זי פונדעסטוועגן ניט געוואָלט אָנווערן דעם ערנסט מיט וועלכן זי איז געגאַנגען אַהער. זי האָט באַפרייט איר קאָפּ פון אונטער בערעס שווערן אָרעם. זי, סימקע, וואָס איז נאַר-וואָס פול געווען מיט די פּאַסיקע רייד, האָט מיטאַמאָל דאָס לשון אָנגעוואוירן.

— כ׳פּויל זיך צו רעדן, דערציייל דו, לאַנע, — האָט סימקע מיט אַ מיידלעכער שטים געבעטן לאַנען.

— דער זומער איז שוין באַלד אַוועק — האָט לאַנע אָנגעהויבן — באַלד-באַלד וועט מען נעמען און זיך צעפאָרן צוריק אין שטעטל אַריין. די, וואָס וועלן דאָ בלייבן, וועלן דאָ איינפרירן אינאיינעם מיטן סטעפּ. אויב עס וועט ניט טרעפן באַצייטנס אַ נס, און אַביסל יוגנט וועט אַהער ניט אָנקומען אין צייט, וועלן מיר דאָ באַקומען אַזאַ

פּנים ווי דער אָפּגעשניטענער סטעפּ... תיכּף ווי מע וועט זיך אַרומטאָן מיט דער אַרבעט, זאָלסטו, בערע, זיך אַוועקלאָזן איבער די שטעטלעך און ברענגען אַהער יונגע מענטשן. הערסט, בערע, יונגע מענטשן! אונדזער לעבן זאָל ווידער אָנהייבן צו ברויזן... הערסט, בערע, וואָס איך רעד? מיר אַלע וועלן דאָ ווערן אַלטע לייט פאַר דער צייט, אויב אַזוי וועט עס ווייטער גיין.

לאַנעס שטים האָט אינאיינעם מיט די רייד זיך צעוואָרימט און זילבערדיק געקלונגען. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַריינגע־קוקט יוספ'ן אין פּנים אַריין.

— זעסט דאָך שוין באַלד אויס ווי מיין זיידע, צו אַלדי רוחות... וואָס וועט דאָ פון אונדז ווערן? מיר זענען דאָך דער סערפּ, כאַ־כאַ־כאַ; דער סערפּ, וועמען דער האַמער האַלט אין איין שמידן, צי מען באַדאַרף, צי ניט...

— וואָס זאָגסטו, יוספּ, איר האָט זיך ניט צונויפגערעדט ביידע?

—האָט בערע איראָניש געפרעגט. — דו האָסט אויך טענות צום האַמער?...

— פאַרוואָס שווייגסטו, סימקע? — האָט לאַנע פאַרקוקט סימקען אין פּנים אַריין.

האָט סימקע מיט אַ מענערשער גבורה פאַרדרייט בערען די הענט אויף הינטן, מיט איר גוף זיך שווער אויף אים אָנגעלייגט, און אים אויסגעצויגן מיט זיין גאַנצער לענג אויפן בערגל גערשטן. דערנאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן, מיט דער אייגענער גבורה אַ צי געטאָן צו זיך לאַנען, און אַזוי שטייענדיק אַנטקעגן די בחורים, האָט זי אַביסל הייזעריקלעך גערעדט:

— לאַנע איז גערעכט. ס'קען אַזוי ווייטער ניט גיין. מירן דאָ פאַרפאַלן ווערן צווישן דעם בינטל אַלטוואַרג. אין שטאָט האָט די רעוואָלוציע פאַרכאַפּט די יוגנט; איז דאָרטן גוט, אַ מחיה... און דאָ, אין פעלד, וואו איז זי, די רעוואָלוציע?...

ביידע מענער זענען געזעסן אויף דער ערד און אַרויפגעקוקט צו די צוויי יונגע פרויען, וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. ביידע מענער האָבן מיט אַ געוויסער אומקלאָרקייט דאָס אייגענע געשפּירט. רעוואָלוציע און אומצופרידנקייט פון יונג

בלוט, וואָס וויל אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע פאַר דער צייט ניט אַלט ווערן. יוספ'ן האָט עס געקיצלט צום לאַכן, וואָס לאַנע האָט אים פאַרגלייכט מיט איר זיידן — דעם אַלטן יאַשען; אָבער צו זערנסט, צו אמת'דיק זענען די רייד פון די צוויי מיידלעך, ער זאָל איצטער נעמען און אַ לאַך טאָן.

— וואָס זאָגט דער חבר קאָוואַלסקי אויף דעם? — האָט יוסף אָנגעשטעלט זיין קלייענדיק פּנים אויף בערען.

— זענען ביידע גערעכט. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען זאָגן. די רעוואָלוציע איז דערווייל אָרום פאַבריק. דאָרטן איז די יוגנט; דאָרטן איז אפילו דער עלטערער אַרבעטער פאַרכאַפּט מיט דעם גייסט פון דער נייער צייט. דאָ איז דערווייל שלעכט. צווישן עלטערן, דעקלאַסירטן עולם וועלן מיר אונטערגיין. חבר'טעס, איר זענט גערעכט... מיך וואונדערט נאָר וואָס לאַנע האָט אַזוי געביטן איר מיינונג. נאָך גאָר ניט לאַנג האָב איך ניט געטאָרט עפענען אַ מויל, אַ שלעכט וואָרט זאָגן אויף די טאַטעס, און איצטער... איז דאָס טאַקע דערפאַר וואָס די טאַטעס ווילן ניט געבן דעם טייל תבואה, וואָס די מלוכה בעט? טאַקע דערפאַר, וואָס דער סערפּ וויל אויסהונגערן דעם האַמער? קום צו מיר, לאַנע, — האָט בערע אויסגעשטרעקט צו איר ביידע הענט.

לאַנע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. כאָטש זיינע רייד האָבן געטראָפן אין סאַמע האַרצן, האָט זי פונדעסטוועגן ניט געוואָלט צוגעבן, ווייל איר טאַטע, וואָווע ברעזער, וואָס האָט זי מיט עטלעכע טעג צוריק אויסגעפּאַטשט, האָט אָנגעצונדן אירע באַקן; דער דאָזי־קער פייער האָט זיך נאָך אין אירע באַקן ניט אויסגעלאָשן. אויך איצטער האָבן אירע באַקן פלוצלונג אָנגעהויבן צו גליען, און ווען אַ גרוב עפנט זיך איצטער פאַר אירע אויגן, וואָלט זי זיך אין גרוב אַריינגעוואָרפן. זינט יעמאָלט האָט לאַנע דערשפּירט אַ נאָנטקייט צו סימקען; האָט אין איר דערשפּירט די שטאַרקערע. דעריבער, ווען בערע האָט צונ'איר אויסגעשטרעקט זיינע הענט, האָט זי צו זיך צוגעצויגן סימקען, און שטום געקוקט צו בערען.

— זיי זענען גערעכט, בערע, — האָט יוסף געשמייכלט —

מיר זענען דאָ געוואָרן אַלטע לייט. גערעכט, מיידלעך... אַ דאַנק אייך פאַרן דערמאָנען.

— קום צו מיר, לאַנע — האָט בערע צו איר עקשנות'דיק געשפּריי די אָרעמס — קום אהער. איך זאָג דיר צו, אַז ווי־נאָר מען וועט פאַרזייען די ווינטער־תבואה, וועל איך זיך אַ לאָז טאָן איבער די שטעטלעך. דו ווייסט זען וואָס פאַר אַ יוגנט איך וועל נאָך אהער אַראָפּברענגען! קום צו מיר, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן.

לאַנע האָט אַ נעם געטאָן סימקען אונטערן אָרעם, זיך אומגע־קערט מיט דער פּלייצע צו די מענער און געצויגן צום דאָרף. ווייל דעם איינציקן מענטשן, וועמען זי האָט פאַרטרויט איר ווייטיק יעמאָלט, ווען דער טאַטע האָט זי צום ערשטן מאָל אין לעבן אויס־געפּאַטשט, איז געווען די פּשוט'ע סימקע, וואָס האָט מיט אַזעלכע גוטע ליפּן געקילט לאַנעס אָנגעצונדענע באַקן. אין סימקען האָבן זיך דערוועקט מענטשלעכע און מוטערלעכע געפילן צו דער אומגעריכט צעפּלאָנטער לאַנען.

— זיי זענען גערעכט, — האָט יוסף שטיל געזאָגט, — אָן אַ יוגנט וועלן מיר דעם נייעם דאָרף ניט אויפבויען.

— די רעוואָלוציע וועט באַפעלן, וועט אַ יוגנט זיך געפינען אויך פאַרן סטעפּ; די ערגסטע צרה, וואָס דו, און אַזעלכע ווי דו, האָבן צופרי דעם געדולד אָנגעוואוירן.

די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן געפאַרבן רויט די פּלייצעס ביי די צוויי פרויען, וואָס האָבן זיך, באָרוועסע, דערווייטערט פון די מענער, פון וועמען די רעוואָלוציע האָט, צווישן אַנדערע קרבנות, אויך געפאָדערט די ליבע.

ביידע מענער זענען אויפגעשטאַנען, שווייגנדיק זיך געלאָזן אין די פוסטריט פון די צוויי פרויען.

XXI

זלמן קאַסאַי איז אַוועק אויף עטלעכע טעג איבער די יונגע, אידישע דערפער, פאַרזייטע איבער קרימער סטעפּ; צופוס איז ער אַוועק; דער אימפּעט האָט אים געטראָגן, נאָכדעם ווי די מלוכה

האָט געפּאָדערט ביי די איבערוואַנדערער אַ טייל פון דער געַרעטעניש. קאָסאַי איז אַוועק אויספאַרשן און אויסשמעקן, וואָס סע הערט זיך אין אַנדערע דערפער: „מיט וואָס פאַר אַ האַרץ גייט מען אום ביי ליַיטן?...״

איז ער צוריקגעקומען אַ שטאַרקערער און אויפגעמונטערטער. געווען אַרום האַלבן טאָג ווען ער איז צוריקגעקומען. ער האָט באַגעגנט וואָווע ברעזער, וואָס איז געפאָרן פון ברונעם מיט אַ פעסל וואַסער.

— בין געקומען צוריק מיט אַ גרינגער האַרץ און שטאַרקערן געמיט — האָט ער אָנגעהויבן — כ׳וויל עס דיר זאָגן, קיינער זאָל נישט הערן.

וואָווע האָט אָנגעשטעלט די אויערן.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט קאָסאַי רואיק גערעדט, — די צרה איז וואָס כאָטש אַלע דערפער זענען אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן, דוכט זיך פאַרט אויס, אַז מיר דאָ זענען פאַרוואָרפן געוואָרן עק־וועלט. געווען אין דערפער וואו מע לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער זאַך. אַ מלוכה — איז אַ מלוכה — טענה׳ט מען. אַז אַ מלוכה זאָגט: „איצטער באָרג מיר אַ לעבל ברויט, און אַז איך וועל האָבן, וועל איך דיר אָפּצאָלן כופל־כפלים...״ איז נישט שייך! געשמועסט דאָרטן מיטן אַגראָנאָם; האָב גערעדט מיט אַן אמת׳ן סאָוועטישן מענטשן — לאַכט ער אין די פויסטן; זאָגט: „ס׳הייסט, די ראַטנמאַכט האַלט נישט קיין אויג אויף אייך? אַז אייך וועט אויספעלן ווינטער ברויט, וועט׳ן אייך נישט לאָזן הונגערן...״ בין געווען ביים דזשאַינט אין קאָנטאָר; גערעדט מיט די קאָנטאָר־מענטשן — אַלע הייסן נישט דאגה׳ן; דערוויַיל זאָל מען זיך נעמען פאַר דער ווינטער־זריעה... און דער עיקר, וואָווע, — האָט קאָסאַי מיט אַ שמייכל געצופּט זיין גרוי בערדל — אומעטום איז געווען אַ גערעטעניש און סע שמעקט מיט פריש ברויט איבער אַלע דערפער. איז נישטאָ, וואָווע, וואָס צו דאגה׳נען!

וואָווע ברעזער האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. ער האָט געלאָזט שטיין דאָס פעסל וואַסער אינמיטן גאַס, פאַרנומען זלמנ׳ען אָן אַ זייט, און איז מיט אים אַוועק אין פעלד אַריין. ס׳האָט געהייסן,

אז ער וויל באַנ'אים אויספרעגן בסוד, קיינער זאָל ניט וויסן — וואָס־און־ווען ס'הערט זיך אין אַנדערע דערפער. אָבער דער עיקר האָט וואָווע ברעזער אַליין געוואָלט פאַר זלמנ'ען אַראָפּרעדן פון האַרצן, וואָס האָט אים שטאַרק געקוועטשט די לעצטע צייט. זלמן קאָסאָי איז געווען דער איינציקער מענטש צו וועמען וואָווע ברעזער האָט געשפּירט אַ קרובה'שאַפט; כאָטש לויטן היימישן יחוס איז קאָסאָי געווען אַ שניידער, און וואָווע ברעזער — אַ רייכער תבואה־סוחר. וואָווע, זינט ער האָט לאַנען אויסגעפּאַטשט, האָט ער זיך קיין אָרט ניט געפונען; געווען אים אַ חרפּה אפילו פאַר די אייגענע ווענט פון זיין שטוב; מיט לאַנען האָט ער שוין מער ניט געקענט רעדן; אָבער אים איז שווער געווען אפילו מיט ביילקען אויסצורעדן אַ וואָרט; אפילו מיטן טאַטן זיינעם, מיטן אַלטן יאַשען, האָט ער אויך ווייניק־וואָס גערעדט. ס'איז אָבער ניט קיין דרך; פאַר אימיצן זיך אויס־רעדן מוז דאָך אַ מענטש. איז זלמן, דער איינציקער מענטש, פאַר־פאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג.

— כ'מוז דיר, זלמן, דערציילן, איידער איך קען ביי דיר עפּעס אויספרעגן, ווייל ס'לאָזט מיך נישט רוען: איך האָב מיין לאַנען אויסגעפּאַטשט, און איצטער, ווען איך הער וואָס דו דערציילסט, ווערט דער פאַרדראָס נאָך שטאַרקער...

— דו לאַנען?! — האָט קאָסאָי געשטוינט.

— יאָ, כ'האָב נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. דער קאָפּ איז מיר געלעגן אין דר'ערד...

— אָבער, סטייטש?... — האָט קאָסאָי אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך.

— ווייסט דאָך, יעמאָלט, ווען דער דייטש איז געווען ביי מיר אין שטוב; נאָכדעם ווי אַלע זענען זיך צעגאַנגען, מאַך איך צונ'איר: אז כ'וועל דער מלוכה די תבואה נישט געבן, וועל ליבערשט באַגראָבן אין דר'ערד, מע זאָל ווינטער נישט אויסגיין פון הונגער... קוקט זי מיך אָן און פּשוט און פּראָסט מאַכט זי: „אויב דו וועסט באַגראָבן אין דר'ערד תבואה, וועל איך אויף דעם אָנווייזן..."

— אַ פּחד און אַ שרעק... ס'גלויבט זיך מיר גאָרנישט, וואָווע, זי זאָל דאָס האָבן געזאָגט, און דערפאַר האָסטו איר אַ פּאַטש געטאָן...

אַ־וואַ! — האָט קאָסאַי ניט געקענט קומען צו זיך — ס׳פּאַטופּעט זיך מיר די גאַנצע זאַך נישט אין קאָפּ. כ׳זאָג דיר, וואָווע, אפשר פאַרשטייען מיר נישט די יונגוואַרג. אָט בין איך געווען אין די דערפער, איז אויך די אייגענע מעשה; די יונגוואַרג טענה׳ן זייערס; ביי דער מלוכה וועט׳ן שוין נישט שטאַרבן פון הונגער; אַז די מלוכה בעט, באַדאַרף מען אונטערטראָגן אַנטקעגן... אַ־וואַ, אַ־וואַ, וואָווע, דו האָסט עס נישט געטאָרט טאָן. האָסט אַליין זיך בעסער באַדאַרפט טאָן אַ קניפּ אין באַק און אויסלאַכן פון איר; זי האָט עס נישט געמיינט... זי רעדט מיט דיר?

— האַלט זיך ווייט פון שטוב.

— אַמאָל, וואָווע, איז געווען עפּעס אַנדערש; און איצטער, וואָווע, איז עפּעס אַנדערש. אַ רעוואָלוציע געווען. בעט זי איבער... כאָטש אַ טאָכטער, איז דאָס געגליכנט פּונקט ווי דו האָסט געזינדיקט אַנטקעגן דער מאַכט. אַן אַנדער צייט, וואָווע!

דאָס אָפּגעזאָגט, איז קאָסאַי ווידער איבערגעגאַנגען צום ריח פון פרישן ברויט:

— מסתמא האָט מען זיך דאָ אויך איינגעטכעמורעט; מע וועט ווידער באַדאַרפן אַקערן, ווידער זייען און ווידער וואַרטן אויף אַ זשניווע... דאָס שטיקל פריש ברויט בינדט מיך צו דער ערד...

ביי די ווערטער זענען זיי אַריין אין דאָרף. אַנטקעגן איז אָנגעקומען בערע קאָוואַלסקי.

— מע שמועסט דאָ, אַז חבר קאָסאַי האָט שוין אָנגעשפּאַרט אין מאָסקווע, און צוריקגעקומען אַ גאַנצער באָלשעוויק; אמת, חבר קאָסאַי? — האָט בערע מיט אַ לאַכעדיק פּנים באַגעגנט וואָווען און זלמנ׳ען.

— אַ באָלשעוויק — ווי אַ באָלשעוויק; נאָר מיט אַ רואיקערן קאָפּ בין איך יאָ געקומען... כ׳טענה עס איצטער איין מיט וואָווע ברעזער.

— וואָס הערט מען עפּעס אין אַנדערע דערפער, מע קלייבט זיך טאַקע מלחמה האַלטן מיט מאָסקווע? אויסהונגערן מאָסקווע, האַ?

— אַ געלעכטער אָן אַ זייט; צו דיר, בערע, האָב איך גאָרנישט.

אומעטום שמעקט עס מיט פריש ברויט. מע פארשטייט, אז אנטקעגן א מלוכה טאָר מען נישט מעיז־פּנים זיין.

— וואָס זאָגט איר, חבר ברעזער, ס'לויגט איינצורייסן מיט דער סאָוועטנמאַכט? — האָט בערע גאָר אומגעריכט א פרעג געטאָן וואָוועז.

וואָוועז האָט אין בערעס שאלה געשפּירט א שארפן שטאָך; ער האָט חושד געווען, אז עפּעס האָט געמוזט דערגיין צו בערען וועגן צוזאַמענשטוים מיט לאָנען. וואָוועז איז פונדעסטוועגן געווען א חידוש בערעס אָפענע דיבורים צו אים. ער האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן און ניט געענטפערט.

בערע קאָוואַלסקי האָט ניט געוואַרט אויף וואָוועס ענטפער, און אליין אָנגעהויבן:

— דאָס, וואָס איך האָב געפרעגט, האָב איך געמיינט, חבר ברעזער; קיין פּעולה ניט איינצורייסן מיט דער מאַכט. ס'איז גלייך ווי איר וואָלט איינרייסן מיט זיך אליין. כ'זאָג עס אייך אויך, חבר קאָסאָי... שלעכט, וואָס אין אונדזער דאָרף פעלן געזונטע כחות; מיר בויען אונדזער דאָרף ניט מיט די אמת'ע כחות. אונדזער דאָרף איז אפשר דער הינטערשטעליקסטער אין פארגלייך מיט אנדערע דערפער.

— ס'איז אמת, וואָוועז, — האָט קאָסאָי געזאָגט, — זאָל מען זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ האַיאַריקע זשניוועס; צייט שוין צו טראַכטן פון ווינטער־זריעה,ווי אמת'ע פּויערים... ביסט גערעכט, בערע; איינ־רייסן מיט דער מלוכה, איז ווי איינרייסן מיט זיך אליין.

פונדערווייטנס, מיט גראַבליעס אויף די אַקסלען, זענען פארביי־געגאַנגען: סימקע, לאָנע און ביילקע; האָבן איבערגעשניטן די ברייט פון דאָרף, און אַוועק אין פעלד. אלע דריי מענער זענען א ווײַלע שטיל געבליבן.

— א וואויל מיידל דעם קרעטשמערס — האָט קאָסאָי געזאָגט— א בעקערס א טאָכטער, האָט זי מסתמא אָפּגעבאַקן א פריש ברויט, כאַ־כאַ־כאַ.

וואָוועז האָט זיך געכאַפּט, אז ער האָט בערען ניט געענטפערט.

אויף דער הייסער רגע האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט ער איצטער אַ בלאָסן שמייכל געטאָן און געזאָגט צו בערען:

— וואָלט געווען אַ יושר היינט ביינאַכט זיך באַגעגענען און דורכשמועסן, הערן טאַקע וואָס זלמן האָט צו דערציילן. באַנ'אייך טאַקע אין שטוב וועט'ן זיך צונויפקומען. צייט שוין אַ טראַכט צו טאָן פון ווינטער...

אַזוי האָט וואָווע גערעדט, אָבער אויגן און האַרץ זענען נאָכ־געגאַנגען לאַנען, וואָס האָט זיך דערווייטערט.

— כ'וועל אַלעמען אָנזאָגן, מע זאָל זיך באַנ'אונדז צונויפקומען, הערן, וואָס חבר קאָסאַי האָט אונדז צו דערציילן.

— אָט וועל איך נאָר אָפּפירן ס'פּעסל וואַסער, וועל איך אַליין אַלעמען אָנזאָגן — האָט וואָווע גערן און מיט אַ שמייכל גערעדט צו בערען.

אָבער קומענדיק צו דער שטוב, איז וואָווע אריין אין דער פינצטערער שטאָל, און ס'האָט אים שטאַרק פּאַרקלעמט ביים האַרצן: „וואָס האָט דען געטראָפן? — האָט וואָווע צו זיך גע'טענה'ט — אַ טאַטע האָט אַ טאָכטער דערלאַנגט אַ פּאַטש... אַ נאָווינע, אַז אַ טאַטע גיט אַ טאָכטער אַ פּאַטש?... האָט דען מיך מיין טאַטע קנאָפּ מאָל געפּאַטשט, ווען איך בין שוין געווען אַ גרויסער בחור?..." וואָווע האָט געטראַכט און געוואָלט פּאַרגלייכן אַמאָליקע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור, מיט איצטיקער צייט, און זיין איצטיקער לאַנען. קיין פּאַרגלייך איז ניטאָ. ווען אים האָט זיין טאַטע פּאַר אַ פּאַרדינטער עולה געפּאַטשט, האָט זיך עס מיט קיינעם און מיט גאָרנישט ניט אָנגעקערט. טאַטעס אָדער מאַמעס האָבן באַשטראָפט קינדער; פון אייביקע יאָרן איז דאָס אָנגעגאַנגען. טאַטע־מאַמעס רעכט... איצטער איז גאָר אַן אַנדער צייט אָנגעשטאַנען. די רעוואָ־לוציע האָט די קינדער צוגענומען און געמאַכט זיי פּאַר די שומרים; געמאַכט פּאַר די סטראַזשניקעס, זיי זאָלן אויף טאַטע־מאַמע אַכטונג געבן — טאַטע־מאַמע זאָלן חלילה נישט בוגד זיין אין דער רעוואָ־לוציע...

— אַז אָך־און־ווי איז צו טאַטע־מאַמע!...

דאָס האָט וואָווע געזאָגט אויפן הויכן קול און איז אַרויס

דרויסן. האָט געקוקט אין דער ריכטונג, וואו די דריי מיידלעך זענען אוועק. זענען פאַרשוואונדן פון אויג.

יאָ, די רעוואָלוציע האָט געמאַכט די קינדער פאַר שומרים, זיי זאָלן האַלטן אַן אויג אויף טאַטע־מאַמע; די רעוואָלוציע האָט דעם יונגן דור אַנידערגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט אַנטקעגן דעם אַלטן דור, מיט זיינע ניגונגען און אמת׳ן. באוואוסטזיניק, צי ניט באוואוסטזיניק; קליין אין צאָל, צי גרויס אין צאָל — ניט קיין חילוק. ווען לאַנע האָט געקראָגן אויסגעפּאַטשט פון איר אייגענעם טאַטן, איז זי אַוועק ניט ווייט, בלויז איבער דער גאַס, און האָט געפונען דער שוויגעוודיקער, אין זיך אַליין באַגראָבענער סימקע קרעטשמער; צו דער פּשוט׳ער, הארטנעקיקער און רויער טאָכטער פון פאָלק; און ביי איר געזוכט רויען כח, צו קענען אויסהאַלטן די אומגעריכטע קלעפּ, וואָס זענען אויף אירע, ניט קיין גאָר שטאַרקע פּלייצעס געפאַלן. קלעפּ פון אייגענעם טאַטן, און קלעפּ פון אַ יונגן מענטשן מיטן נאָמען בערע קאָוואַלסקי, ביי וועמען זי האָט געגאַרט צו געפינען די צערטלעכקייט, אָן וועלכער עס ווערט פאַרקילט דאָס יונגע בלוט אין די אָדערן... ליבע און רעוואָלוציע — ס׳פּאַרט זיך ניט! די רעוואָלוציע פאַרלאַנגט פון דער ליבע, זי זאָל דינען ווי ברען־מאַטעריאַל, אָנצינדן ביים מאַן און פרוי די פאַרשלאָפענע רעוואָלוציאָנערע כחות. קומט עס ביי לאַנען אויס, אַז ביי דער פרוי פאָדערט די רעוואָלוציע אַ סך מער ווי פון מאַן...

לאַנע האָט פונדערווייטנס געזען, ווי בערע קאָוואַלסקי רעדט מיט וואָווע ברעזער — איר טאַטן. ס׳איז איר געווען אַ שטיקל רעטעניש. אָבער זי האָט דעם געדאַנק פאַרטריבן פון זיך. זינט זי האָט זיך דערנענטערט צו סימקען און דערשפּירט אין איר די געזונטע וואַרימקייט, וואָס האָט לאַנען אויסגעפעלט — פליסן אַנדערע רייד צווישן די צוויי פרויען. ביילקע, די דריטע, די אינגערע — זי הערט און שווייגט. זייערע רייד הייבן זיך כסדר אָן פון אַ מיטן; ווייל דאָס זענען רייד און געדאַנקען, וואָס קוועלן פון דער נייער צייט אַרויס. באַטש איצטער האָבן אַלע דריי פרויען פונווייטן געזען בערע קאָוואַלסקין, געטראַכט פון אים — האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט דערמאָנט זיין נאָמען.

— ערד, וואָס איז ערד ,סימקע? — האָט לאָנע געפרעגט ביי סימקען, ווען זי האָט מיט דער גראַבליע אַ גראַבל געטאָן איבער אַן אָפּגעשניטענעם פּאַס האָבער — זעסט, ווי די ערד גלוסט שוין ווידער, מע זאָל זי אַקערן; ווידער אין איר פאַרזייען קערנער! כאָטש מיר דאָ, מענטשן אויף דער ערד, זענען נאָך פול מיט דאגות און מיט דער ערשטער גערעטעניש... האַ, וואָס זאָגסטו, סימקע?

— כ׳וויים ניט, לאָנע, צי דו קלערסט דאָס אייגענע. זינט איך בין געקומען אַהער און, אָנשטאָט טייג, אָנגעהויבן צו קנעטן ליים, האָב איך אַ סך געטראַכט פון דעם, ווי מיר פרויען, אויב מירן ניט פאַרנעמען אַזאַ פּלאַץ ווי דער מאַן, און בויען אינאיינעם מיטן מאַן, יעמאָלט וועט אונדזער לעבן ווערן לײדיק און וויסט. איך טראַכט אַז אַמאָל, אין דער אַמאָליקער רוסלאַנד, איז געווען אַזאַ זאַך ווי ליבע. אַ בחור האָט גענומען און זיך איינגעליבט אין אַ מיידל; האָט ער איר אין אויער אַריינגערעדט אַלערליי שיינע רייד; האָט איר צוגעזאָגט אַ לעבן, וואו זי וועט זיך קענען ליגן, פוילן און חלומ׳ען, כאַ־כאַ־כאַ... כאָטש פון דעם איז מסתמא גאָרנישט אַרויסגעקומען... אָבער איצטער קען דאָך עס אַזוי ניט גיין מער. דער בחור פאַרמאָגט קיין אייגנס ניט וואָס צוצוזאָגן; ער פאַרמאָגט ניט קיין אייגענע, אויסגעטראַכטע גליקן. דער בחור קען נאָר איצטער דערלאַנגען אַ האַנט אַ מיידל און זאָגן: קום, מיידל, מירן ביידע אַרבעטן פאַר דער אייגענער זאַך, ביידע אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע... וואָס נישט, לאָנע? כ׳וויים וואָס דאָס מיינט. פונדעסטוועגן, אין שטעטל... כאַ־כאַ־כאַ... כמעט יעדער חבר, נאָך די שיינע, רעוואָלוציאָנערע רייד, האָט ער מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ביינאַכט וויל ער, אַז איך זאָל צונ׳אים אַרויסקומען הינטערן שטעטל, כאַ־כאַ־כאַ!

לאָנע האָט פּלוצלונג אויך געטאָן אַ לאַך, און מיט איר האָט ביילקע מיטגעלאַכט.

— לאַך ניט, לאָנע; ס׳איז אַ ביטערער אמת. און איך זאָג, אַז פונקט ווי דער מאַן קוקט איצטער אויף דער פרוי, אַזוי זאָל די פרוי אָנהייבן קוקן אויפן מאַן; באַווייזן דעם מאַן, אַז מיר פרויען שטייען פון אים ניט אָפּ; מיר העלפן דער רעוואָלוציע פונקט ווי ער!

צערטלעכקייטן צו דער פרוי פאַרמאַגט דער מאַן שוין מער ניט. איז גוט אַזוי; לאָמיר זיך מיט אים אויסגלייכן.

לאַנע האָט סימקען אַנגענומען ביי דער האַנט, און געשפּירט די מאַזאָליעס. אַ שווערע, מענערשע האַנט איז דאָס געווען. ווען סימקע האָט גערעדט, האָט לאַנע איר ניט געוואָלט איבעררייסן. איר האָט אויסגעוויזן, אַז ביי דער שווייגעוודיקער סימקען האָבן זיך נאָך אירע רייד ניט אויסגענומען. כאָטש לאַנע האָט זיך געשפּירט אַלץ נענטער צו סימקען, האָט זי פונדעסטוועגן ביי זיך באַשטימט, מיט סימקען מער ניט צו רעדן וועגן איר צוזאַמענשטויס מיטן פאָטער.

— וויסט, סימקע, — האָט לאַנע געהאַלטן סימקעס האַנט — מירן ביידע ווינטערצו אַרויספאָרן איבער די שטעטלעך און אַגיטירן צווישן יונגע מיידלעך, זיי זאָלן קומען אַהער... אַ, ווען מיר וואָלטן דאָ איצטער האָבן אַ הונדערט רעוואָלוציאָנערע מיידלעך! עך, וואָלטן מיר זיך איצטער גענומען פאַר דער ערד! עך, וואָלטן מיר זי ווידער געאַקערט פאַר דער ווינטער־זריעה!

ביילקע האָט אומגעריכט אַ פאַרטאַיעטן לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו, ביילקע? —

— איך קען ניט דערציילן — האָט ביילקע זיך גערויטלט.

— דערצייל; צווישן מיידלעך באַדאַרפן שוין מער קיין סודות ניט זיין — האָט לאַנע געפּאָרשט.

— יוסף ראַטנער זאָגט, אַז ער האָט מיך ליב...

— אַלע דריי מיידלעך האָבן זיך טרוקן צעלאַכט, און ביידע, לאַנע און סימקע, האָבן גענומען ביילקען פאַר די הענט, זי אַנידער־געלייגט אויף דר׳ערד, געקיצלט און געפּאָדערט, זי זאָל דערציילן, ווי אַזוי יוסף ראַטנער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע.

— זעסט, לאַנע, די ליבע איז נאָך דאָ אין פעלד ניט גע־שטאָרבן... דערצייל, ביילקע, ווי אַזוי איז דאָס געווען — האָט זיך ביי סימקען דאָס בלוט אין פּנים אַנגעצונדן.

— דערצייל, ביילקע, שעם זיך ניט, — האָט לאַנע געבעטן.

— איי, מיר איז געוואָרן אומעטיק פון אייערע רייד... מיר איז

גוט, אַז אַ בחור רעדט אַריין שיינע רייד אין אויער אַריין...
כאַ־כאַ־כאַ, ער זאָגט, אַז איך זאָל פאָרן אויפן ווינטער קיין מאָסקווע;
ער וועט אויך אַהין אַריבערקומען.

— אַזוי גאָר! אין מאָסקווע וועט ער זיין ליבע אויספירן; אין סטעפּ איז ניטאָ קיין צייט; הערסט, סימקע? זאָל ער דיך ליב האָבן — האָט לאַנע וויציק געלאַכט.

— כ'האָב ווער סע זאָל מיך דאָ ליב האָבן — האָט ביילקע מיט צופרידנקייט געזאָגט.

— אַ רחמנות אויף יוספ'ן. ער גייט אַרום און זוכט וועמען ליב צו האָבן... איך וועל היינט זען, אַז יוספ'ן זאָל זיין גוט; וועסט מיר העלפן, סימקע? קלער עפּעס צו, סימקע! — האָט לאַנע אַן אויפגעמונטערטע געקלאַפּט סימקען אין פּלייצע.

— כ'האָב געראַשטשיגעט ברויט — באַדאַרף מען אים פאַרקנעטן. וועלן מיר נעמען יוספ'ן אונטער די הענט און ברענגען צו אונדז אין שטוב אַריין, מירן אים מכבד זיין, ער זאָל אַרומוואַשן די הענט און פאַרקנעטן דעם ברויט; און דערפאַר וועל איך אים אַ קוש טאָן. דו, לאַנע, וועסט אים אַ קוש טאָן, און דו, ביילקע, וועסט אים אויך געבן אַ קוש...

— איך ניט, איך ניט! — האָט ביילקע זיך געוועהרט.

גאַנץ אומגעריכט איז אָנגעקומען וואַווע ברעזער. די דריי מיידלעך האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד.

גאָר אָן קיין שום הכנות, מיט בושה אין פּנים, האָט זיך וואַווע געווענדט צו לאַנען:

— זיי מיר מוחל, טאָכטער... אויב איך האָב פאַר יסורים דיר אַ פּאַטש געטאָן, איז דאָס ביי מיר גלייך ווי כ'וואָלט זיך אַליין אויסגעפּאַטשט... כ'וויים, אויף היינטיקע קינדער טאָר אַ טאַטע קיין האַנט נישט אויפהייבן, כ'וויים...

לאַנען האָבן זיך ווי אונטערגעבראָכן די פיס.

— וואָס רעדסטו, ווער האָט וועמען אַ פּאַטש געטאָן? — האָט לאַנע געפּרוּוט צונישט מאַכן דעם גאַנצן ענין.

אָבער וואַווע האָט עס ניט געהערט. ווען ער האָט זיינס אָפּגעזאָגט, האָט ער אויף קיין ענטפער ניט געוואַרט. ער האָט זיך שאַרף

אָפּגעקערט אָן אַ זייט, און איז מיט שנעלע און דראָבנע טריט אַוועק ווייטער אין פעלד.

לאַנען האָט עס אויך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אויך, ווי איר פאָטער, אַוועק אין דער אַנדערער זייט פעלד.

סימקע און ביילקע האָבן זיי אַ ווײַלע שטום נאָכגעקוקט, און מיט אַ שווער געמיט זיך גענומען אויפהייבן פון אָרט.

* * *

וואָווע ברעזער האָט געשפּרייזט מיט זיינע דראָבנע, אונטערגע־בראָכענע טריט, און געשפּירט, אַז מיטן פּאַטש־טאָן לאַנען איז ער פאַרשטויסן געוואָרן אין אַ מורא'דיקער ווילדערניש, וואו אויף אים לויערן אַלערליי געפאַרן פאַרצוקט צו ווערן. איצטער האָט ער דער־פילט, אַז לאַנע איז זיין שטאַרקער אָנלען; האָט ער גענומען און דעם דאָזיקן אָנלען פאַרשטויסן ביז עק־וועלט... ווען קאָסאַי האָט אים גע'עצה'ט איבערצובעטן זיין טאָכטער, האָט ער אויסגעפאָלגט, ווי עס פאָלגט אַן איבערגעשראָקן קינד, וואָס פילט אַ באַגאַנגענע עולה. אָבער דאָס אַליין איז ווינציק געווען. „זיי מיר מוחל, טאָכטער; כ'ווייס, אַז כ'האָב עס נישט געטאָרט טאָן..." — דאָס איז ניט גענוג. ער באַדאַרף רעדן מיט זיין טאָכטער, דערווייזן איר, אַז ער, איר טאַטע, האָט עס פאַר ווייטיק געטאָן; ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. ווי מיט זיינער אַ גלייכן אין יאָרן וויל ער מיט איר רעדן; אָבער ער ווייסט ניט ווי אַזוי.

ווען וואָווע איז צוריק אין שטוב אַריינגעקומען, איז שוין געווען טונקל. ער האָט געפונען לאַנען און ביילקען, ביידע פאַרטאָן אין שווייגן. לאַנע האָט זיך גע'עסק'ט ביים קוימען, מיט שטרוי און אַביסל דערנער אויפגעבלאָזן אַ פייער, וואָס האָט מער גערויכערט ווי געברענט.

וואָווע האָט געוואָלט איבעררייסן די שטילקייט:

— כ'הער, דער אַגראָנאָם לערנער איז געקומען; מע וויל זיך ביי קאָוואַלסקין צונויפנעמען...

וואָווע האָט געשפּירט, אַז זיינע ווערטער האָבן אינערגעצן ניט געטראָפן.

— וואָס שווייגסטו,ביילקע? — האָט וואָווע ווידער געפּרואווט איבעררייסן די שטילקייט.

ביילקע האָט אויך ניט געענטפערט.

— מע באַדאַרף נישט קאָכן — האָט וואָווע ווידער געזאָגט — אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז מילך וועט אויך רעכט זיין; אפשר וועט'ן באַלד באַדאַרפן אַריבערגיין צו די קאָוואַלסקיס...

אויף דעם האָט מען זיך אויך ניט אָפּגערופן.

לאַנגע איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן פּנים צום קוימען, געבלאָזן אין פּייער אַריין, און מיט די מחשבות איז זי געווען אין אַ ווייטער, ניט־היימישער וועלט: פעלדער, סטעפּעס, אידן קאַפּאַשען זיך איבער די פעלדער... אָט, נאָר־וואָס זענען זיי געווען גרויסע, שטאַרקע, און מיטאַמאָל זענען זיי קליין געוואָרן! קאַרליקלעך, מיט לאַנגע בערד, מיט לאַנגע בייטשן, שפּרייזן נאָך אַקער און בראָנע. אָקסן שלעפּן אַקער און בראָנע, שלעפּן אַזוי פּאַמעלעך, ממש ניט אויסצוהאַלטן, און די קאַרליקלעך כוואַשטשען איבער די רוקנס פון די אָקסן; די אָקסן מאַכן זיך ניט וויסנדיק, פּאָכען מיט די ווייִדלען און קריכן ווי פריער... איר טאַטנס שטים, וואָס רעדט צונ'איר איצטער, קומט צונ'איר פון אַזוי ווייט — זי קען גאָר מיטן דמיון ניט אויסמעסטן די ווייטקייט...

— קינדער, וואָס וועט זיין? — האָט וואָווע ווידער אָנגעהויבן —נעמט גאָר, גראָבט אויס אַ גרוב, באַגראָבט מיך, און אַן עק זאָל עס נעמען!

— קיינער וויל דיך ניט באַגראָבן, טאַטע — האָט ביילקע שטיל געזאָגט.

— פאַרוואָס־זשע ענטפערט מיר לאַנגע נישט?

— כ'האָב צו דיר גאָרנישט, טאַטע, — האָט לאַנגע גערעדט אין פּייער אַריין, — וואָס מיינסטו, אויב דער פּאַטש האָט ווי געטאָן, בין איך דערפאַר ברוגז אויף דיר? האָסט געמיינט, אַ פּאַטש טאָן דיינס אַ קינד; און אויף אַ קינד, האָסטו געמיינט, מעג מען נאָך אַלץ אויפהייבן אַ האַנט... ס'איז די מעשה גאָר, וואָס פון פּאַטש

איז ניטאָ מער וואָס צו רעדן. האָסט מיך דערפאַר ניט באַדאַרפט איבערבעטן. דער פּאַטש באַווייזט, אַז עס איז צייט, מיר ביידע זאָלן ווי‌סן, וואוהין איך גיי און וואוהין דו ציסט. וואָס איז אַ פּאַטש? גאָרניט! נאָר אַ נאַרישקייט צו מיינען, אַז מיר, וואָס וואוינען אין איין שטוב, בויען עפּעס אינאיינעם. דו, טאַטע, ביסט געוואָרן דער צעשטערער; ס׳באַפאַלט אַ שרעק, ווען איך זע, ווי צווישן דיר און מיר האָט זיך אויפגעעפנט אַזאַ ברייטער אָפּגרונט!

— דיין טאַטע איז אַ צעשטערער? וואָס און ווען צעשטער איך? — האָט וואָוועס שטים געציטערט.

— דו ציסט אויף צוריק; דו ציסט ניט צו דיין האַנדל מיט תבואה, נאָר צו די, וואָס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידן; צו די, וואָס האָבן פון דער מאַמען געשניטן שטיקער... יאָ־יאָ, צו זיי ווילסטו אויסשטרעקן די האַנט, וואָס האָט דיין טאָכטער אַ פּאַטש געטאָן...

— ביסט נישט ביים קלאָרן זינען, לאַנע! — האָט זיך וואָווע געווערט.

— ניין, טאַטע, צייט דו זאָלסט באַגרייפן, אַז קיין וועג אויף צוריק איז ניטאָ!

— פאַראַן אַ וועג צוריק אַהין, וואו מע וואָלט געקענט לעבן. דאָ וועלן אונדזערע ביינער אויסגעטריקנט ווערן. מיך באַפאַלט אַ פּחד, ווען כ׳הייב מיר אָן אויסצומאָלן וואָס פון אונדז וועט דאָ ווערן אין איינע צוויי־דריי יאָר. יאָ, טאָכטער, אַ פּחד באַפאַלט מיך! איך וויל זיך ראַטעווען...

— אומעטום די אייגענע סאָוועטנמאַכט, אומעטום וועט מען פון דיר פאַרלאַנגען, זאָלסט ווערן אַ נוצלעכער מענטש.

— איך בין אַ נוצלעכער מענטש; זאָל מען מיך לאָזן לעבן!...

—האָט וואָווע זיך געשלאָגן מיט דער האַנט אין ברוסט — איך קען זיין נוצלעכער, ווען מען זאָל מיך לאָזן לויפן פונדאַנען... ס׳וועלן זיין געגנוג אָן מיר און אָן דיר, וואָס וועלן איניען אין סטעפּ און אפילו קיין שטיקל ברויט פאַר די אויגן נישט אָנזען...

— אויב קיין בעסערס זעסטו ניט פאַר זיך, אַרט מיך ניט, אויב

דו וועסט נעמעןביילקען און אוועקפאָרן צוריק. אפשר וועסטו דאָרטן זיין גוצלעכער. איך וועל דאָ בלייבן.

— אַלע אינאיינעם לאָמיר לויפן פונדאַנען.

— מיך לאָזט צורו!

— וואָס וועט דאָ פון דיר ווערן?

—דאָס אייגענע, וואָס ס'וועט ווערן פון אַלע איבערוואַנדערער, וואָס בויען דאָ דערפער און ווערן ניי־געבוירן ביי דער ערד. איך בין דאָ ניי־געבוירן געוואָרן, טאַטע. דאָס, וואָס די ערד גיט מיר, איז פאַר מיר גענוג. איך בין דאָ באַפרייט געוואָרן פון די אַלע שרעקן, וואָס לאָזן דיך ניט זען די ליכטיקע וועלט.

— האָסט געהערט, ביילקע? לאַנע הייסט אונדזביידן פאָרן פונדאַנען צוריק. וואָס זאָגסטו, ביילקע? — האָט וואָווע, אַ בלאַסער, געשמייכלט אין פאַרנאַכט אריין.

ביילקע האָט זיך גוט צוגעהערט צו די ביטערע רייד, וואָס זענען געפאַלן אין טונקעלן חדר צווישן איר טאַטן און לאַנען. זי האָט ביידן ניט מיטגעפילט. ביילקע האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט איר ווילן צו פאָרן קיין מאָסקווע שטודירן. צוריק אין שטעטל האָט ביילקע קיינמאָל מער ניט געוואָלט פאָרן. לאַנען פאַרשטייט זי ניט קלאָר. אָפטמאָל גלויבט ביילקע, אַז גאָר אומגעריכט וועט זיך לאַנע אַ כאַפּ טאָן וואו זי איז אין דער וועלט, און וועט אַנטלויפן פונדאַנען. זי איז אין הארצן מסכים מיטן טאַטן, אַז פונדאַנען וועט מען נאָך מוזן לויפן — כאָטש זי זעט פאַר זיך ניט די מעגלעכקייטן, וואָס די נייע צייט גיט דער יוגנט, וואָס וויל שטודירן. מיטן אָנקומען פון סוף־זומער איז פאַר ביילקען איר צוקונפט פאַרנעפּלט געוואָרן. זי קען זיך אפילו ניט אויסמאָלן אין געדאַנק, ווי אַזוי זי וועט דאָ אין סטעפּ ווינטערן. איצטער, ווען וואָווע האָט ביילקען געפרעגט, צי זי האָט געהערט וואָס לאַנע האָט געזאָגט, האָט זי געקראָגן חשק איבערצו־רייסן דעם ביטערן שמועס.

מיט אַ געלעכטער אין שטים האָט ביילקע געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיר, לאַנע, ניט דערציילט, אַז דער טאַטע האָט דיר אַ פּאַטש געטאָן? ווי אַ קליין קינד האָסטו געמוזט אויס־זען, כאַ־כאַ־כאַ...

זי איז צוגעגאַנגען צו לאַנען, אַרומגענומען און איר געקושט אין באַק:

— זאָג, לאַנע, אין וואָס פֿאַר אַ באַק האָט עס דיר דער טאַטע געטאָן? קום אַהער, טאַטע, לאָמיר זי ביידע איבערבעטן... וואָס געווען, איז געוועזן, לאַנע; דער טאַטע האָט ניט געמיינט וואָס ער האָט געטאָן...

— האָב ניט קיין זאָרג, ביילקע, אויב איך וועל דאָ בלייבן אַליין; כ'וועל ניט בלייבן אַליין! הונדערטער, טויזנטער פֿרויען, יונגע און שיינע ווי מיר, וועלן אַהער אָנקומען און טאָן דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן... פֿאַר דיר געזונטערהייט, ביילקע, קיין מאָסקווע. איכ'ל דאָ ניט בלייבן אַליין...

ביי דיר ווערטער האָט לאַנע געלאָזט דאָס פֿייער ברענען און איז אַרויס פֿון שטוב.

— לאַנע! — האָט ביילקע געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל נאָכשרייען אין דער אָפֿענער טיר; קיין ענטפֿער איז ניט געקומען.

אָבער ביילקען איז אויך ענג געוואָרן אין שטוב.

— כ'וועל אַ לויף טאָן זען, וואוהין זי איז געגאַנגען; וועל זי אַריינרופֿן צוריק אין שטוב אַריין.

— לאָז צורו, ביילקע; זאָל זי גיין איר אייגענעם וועג. בעסער האָט מיר באַדאַרפֿט אָפּנעמען די האַנט, איידער כ'האָב זי אָנגערירט. כ'וויים גוט, זי איז מיר שוין נישט מער קיין קינד; אַ שונא איז זי מיר געוואָרן, ווי יעדער טשינאָווניק, צי פֿינאַנספּעקטאָר, וואָס האָט מיר אונטערגעקוקט, צי איך האַלט נאָך דעם קאָפּ גלייך. נאָר דו, ביילקע, אויב דו ווילסט פֿאָרן קיין מאָסקווע זיך לערנען, וועל איך צוליב דיר דאָ בלייבן... וואָרן אויב כ'וועל אַוועק פֿונדאַנען, וועט מען מיך ווידער דעקלאַסירן. יעמאָלט זענט איר גאָרנישט ניט ווערט אויף דער וועלט...

נחום, קאַוואַלסקיס אינגערער ברודער, איז אַריינגעקומען.

— וואָס זיצט איר אינדערפֿינצטער, איר האָט ניט קיין קע־ראָסין?

— מע האָט זיך געפּוילט אָנצינדן ליכט — האָט וואָווע געענט־פֿערט — סאַי־ווי וועט'ן דאָך באַלד באַדאַרפֿן אַריבערגיין צונ'אייך.

— בין דאריבער געקומען איך רופן; לאַנע האָט מיך געשיקט.
— לאַנע?!... — האָבן ביידע, וואָווע אוןביילקע, זיך גע־חידוש׳ט.
— יאָ, לאַנע. זי איז באַנ׳אונדז. דער אַגראָנאָם איז אויך באַנ׳אונדז.
— קום אריין, נחום; קום אהער, דערציי׳ל, וואָס דו האָסט געגעסן וועטשערע — האָט זיך ביילקע געוויצלט.
— כ׳הער, נחום, אַז ווינטערצו קלייבסטו זיך קיין מאָסקווע, וועט׳ן דיך אָפּלאָזן? — האָט וואָווע געפרעגט שוין כמעט אין טיר.
— ביז ווינטער איז נאָך ווייט, וואָס ניט, ביילקע? זייער ווייט... מעט נאָך באַדאַרפן אַקערן און ווידער זייען — — —
וואָווע ברעזער איז בכיון ארויסגעגאַנגען פאָרויס, כדי צו לאָזן דאָס יונגוואַרג אַליין.
— פונוואַנען ווייסט דיין טאַטע, אַז כ׳קלער פאָרן קיין מאָסקווע? כ׳האָב נאָך אפילו מיט אונדזערע ניט גערעדט; בערע וואָלט מיר דערפאַר אָנגעבראָכן די ביינער. דו האָסט דערציילט?
— אפשר האָב איך דערציילט — האָט ביילקע אים גענומען פאַר אַן אויער, צוגעצויגן זיין פּנים צו זיך און מיט הייסן אָטעם ארייַנגערעדט אים אין אויער אריין — ביידע וועלן מיר פאָרן... מוזן מיר איצטער גיין צונ׳איך, נחום?...
— פּאַסט ניט אוועקצוגיין איצטער אין פעלד; לאָמיר אָניאָגן דיין טאַטן! כ׳וויל הערן, וואָס מע וועט היינט רעדן. מסתמא וועט׳ן זיך קריגן. קום!
ווען זיי זענען אָנגעקומען, זענען שוין ביי די קאָוואַלסקיס אַלע געווען פאַרזאַמלט. צוויי וואַנטלעמפּלעך האָבן באַלויכטן די שטוב. פון אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן דער אַגראָנאָם, לערנער; פון זיין רעכטער האַנט — לאַנע און סימקע; און פון דער לינקער האַנט — בערע און יוסף.
כאַסיע אַסטראָווער האָט גערעדט:
— אַ האָרץ איז נישט פון אייזן, דאָס זעט מען דאָך; וואָרים אַז נישט, וואָלט דאָס האַרץ נישט אויסגעהאַלטן. די צרות וואָלטן עס איבערגעריזשעט. טאַקע, ווי אַזוי קען מען פועל׳ן ביי די קינדער,

זיי זאָלן אהער אריבערקומען? וואָס וועט דאָס אַלטווארג דאָ טאָן? מע וועט זיך נאָר ארויסשלאָגן פון די כחות... פאַרוואָס זאָל די מלוכה ניט אַנשרייען אויף די קינדער, זיי זאָלן אַזוי נישט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף טאַטע־מאַמע? כ'קלער, וואָס וועט פון מיר און פון מיין שמערלען ווערן, אויב די קינדער מיינע וועלן נישט קומען העלפן און לעבן מיט טאַטע־מאַמע? וואָס זאָגט איר, אַ האַרץ איז טאַקע פון אייזן?... — האָט זי אָנגעשטעלט אירע פאַרטרערטע אויגן צום אויבן־אָן וואו דער אַגראָנאָם איז געזעסן.

— איר האָט זיך איינגערעדט, חבר'טע אַסטראָווער, אַז איר און אייער מאַן זענען אַלטע לייט; לאַכט אייך אויס פונם יונגוואַרג... וועלן זיי קומען איז גוט; וועלן אייערע קינדער ניט קומען, וועלן אָנקומען קינדער פון אַנדערע טאַטע־מאַמע, און העלפן בויען אידישע דערפער אין קרים.

שמערל אַסטראָווער האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת; זיין זאַפּרען באָרד איז נאָך ליכטיקער געוואָרן, צוליב זיין כאַסיעס קלוגע רייד און פון אַגראָנאָמס ענטפער.

— איז שוין טאַקע דער זומער אַוועק, חבר אַגראָנאָם? — האָט קאָסאַי געפרעגט — פונוואַנען און פון וואָס הייבט מען ווידער אָן, חבר אַגראָנאָם?

— מע וועט אָנהייבן וואו מע האָט איבערגעלאָזן — האָט בערע זיך אריינגעמישט — ווער ס'וועט פאָרן אויפן ווינטער אהיים, וועט פאָרן! דערוויל באַדאַרף מען זיך נעמען פאָרן אַקער, אויפרייסן די ערד פאַר ווינטער־זריעה.

זייטשיק וואָס איז אויף די דאָזיקע ווערטער אריינגעקומען, האָט פון זיין אָרט ביי דער טיר אַ פרעג געטאָן:

— ווינטער־זריעה? וואו וועט'ן נעמען ווינטער־זריעה, אויב די מלוכה איז געקומען און האָט כמעט די גאַנצע תבואה צוגענומען?

— איר דאַגה'ט פאַר אַלעמען, חבר זייטשיק, — האָט לערנער גוטמוטיק געענטפערט — באַנ'אייך איז נאָך פאַראַנען אַביסל תבואה; און כ'גלויב, חברים, אַז איצטער איז ניט די צייט צו רעדן פון דעם...

לאַנע האָט איבערגעריסן דעם אָנגעצויגענעם שמועס:

— כ'וויל וויסן, חבר לערנער, צי טראַכט מען שוין אין די

מלוכה־קרייזן, ביים דזשאָינט און ביים אָזעט, פון נייע איבערוואַנ־דערער פאַר אונדזער דאָרף. מיר זענען געבליבן צווישן די הינטער־שטעליקע. ווען איך וואָלט ווייסן, אַז מיר וועלן בלייבן ביי צען הייזער, וואָלט איך דאָ גאָר ניט אָנגעהויבן. אונדז האָט מען פאַר־לאָזן, חבר לערנער; מיר זענען באַנ׳אייך שטיפקינדער.

— לאָנע און איך וועלן ווינטערצו אַוועק אין די שטעטלעך און אַגיטירן פאַר קרים... קענסט עס דערציילן, לאָנע, — האָט סימקע, אַ פאַררויטלטע ביז איבער די אויערן, שטאַמלענדיק געזאָגט.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך — איז רייזל קאָוואַלסקי, מיט מאַמישער שמחה, ארויסגעקומען — אָט דאָס וואָלט געהאָלפן. בערע קלייבט זיך אויך פאָרן איבער די שטעטלעך.

— דערווייל רוקט זיך אויף אונדז אַ ווינטער; אָט באַלד, אָט באַלד, און מיר וועלן דאָ ווערן איינגעפרוירן.

אַלע האָבן געווענדט די אויגן צו וואָוען, וואָס איז אַ בלאַסער געשטאַנען ניט ווייט פון טיר. ער האָט ביי זיך גע׳פועל׳ט צו רעדן קעגן זיין טאָכטער:

— מיין לאָנע זאָגט, זי וועט זיך לאָזן איבער די שטעטלעך, ארויסצוטרייבן קיין קרים אַ אידישן עולם... מע וואָלט זיך בעסער באַדאַרפט אַנידערזעצן און מיט אַ רואיקן קאָפּ ארומרעדן, צי ס׳איז בכלל אַ תכלית דאָ צו בלייבן. פון ביסל תבואה האָט מען אַ העלפט צוגענומען... מע וועט ווינטערצו פאַלן אינאיינעם מיט די פאָר בהמות.

— די מלוכה היט אונדז אָפּ, חבר ברעזער; און דער דזשאָינט ווייסט אויך, אַז אַ ווינטער וועט קומען — האָט לערנער שטיל געזאָגט.

— כ׳בין זיכער, אַז ביי די ברעזערס וועט מען פון הונגער ניט שטאַרבן — האָט בערע קאָוואַלסקי אַריבערגערעדט צו וואָוען.

— פונוואַנען ביסטו אַזוי זיכער, אַז ביי די ברעזערס וועט מען נישט שטאַרבן פון הונגער? — האָט וואָווע אַביסל צעשראָקן גע־פרעגט, און פון דער זייט געקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד מאַכן אויף לאָנען.

לאָנע האָט ניט דערוואַרט, אַז איר פאָטער וועט ארויסקומען מיט זיינע רייד איצטער אויף דער פאַרזאַמלונג. פאַרקערט, זי האָט

געהאָפּט, אַז צוליב זיין פאַרלאַנג, מיט איר זיך איבערצובעטן, וועט ער גאָר עפּעס אַנדערש רעדן. האָט זי באַשטימט איצטער מיט אים קיין מחלוקת ניט פאַרפירן פאַר אַלעמען אין די אויגן. אירע מחשבות זענען געלאָפן און דערלאָפן צום פאַטש; אין האַרצן האָט שטאַרק פאַרקלעמט. זי האָט געוואָלט איבערשרייען אַ טיפן וויטיק, און ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן.

דערוויל האָט לערנער זיך ווידער גענומען פאַר זיין ענין:

— חברים צופרי האָט איר אָנגעהויבן רעדן פון ווינטער. אויב איר זענט געקומען צו דער ערד; געקומען אהער אויפבויען אַ דאָרף, און דאָ לעבן, צוליב וואָס־זשע צעטיילט איר די צייט אויף זומערס און אויף ווינטערס? און בכלל, צוליב וואָס אַזוי צעטיילן דאָס לעבן? אַ צייט איז דאָך אָנגעשטאַנען, ווען מיר אידן, מיט אַלעמען צוגלייך, באַדאַרפן מיר בויען און בויען... איר בויט דאָ ביי דער ערד; אין שטאָט בויט דער אַרבעטער די פאַבריק; אַלע, אַלע דאָ אין לאַנד שטייען ביים אָנהייב. אַלע בויען און האַלטן נאָך ביים אָנהייב. לאָמיר דאַריבער אוועקלייגן אַלע דאגות אָן אַ זייט. לאָמיר בעסער אַרומרעדן, ווער ס'וועט דאָ בלייבן ווינטערן, און ווער עס קלייבט זיך אויף ווינטער אין שטעטל אַריין. איצטער מוזן אַלע, אָן אונטערשיד זיך נעמען צו דער ערד; אַקערן, בראַנעווען און זייען די ווינטער־זריעה. דערוויל איז נאָך דרויסן שיין. ממש זומער דרויסן; טאָ צוליב וואָס האָט איר אויף זיך אַרויפגעצויגן אַן אומזיסטיקע מרה־שחורה?

יוסף ראַטנער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, געדריקט דעם אַגראָנאָמס האַנט און געדאַנקט.

— אָט אַזוי רעדן אמת'ע בויער, חבר לערנער!...

דאָס אָפּגעזאָגט, איז יוסף, מיט אַ מינע פון נצחון, אַרויס פון שטוב. דער גאַנצער עולם האָט זיך גענומען רודערן.

— לאָמיר אַרויס אין פעלד אָנלייגן אַ פייער! ביים פייער וועט מען נאָך קענען אַלץ אַרומרעדן — האָט לאַנע געזאָגט, און האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער טיר.

אין טיר האָט זיך לאַנע באַגעגנט מיט וואַווע ברעזערס בליקן; אין זיינע אויגן איז געווען דער אויסדרוק פון אַ געשאָכטענער קאַלב,

וואָס קוקט מיט רחמנות און שרעק, בשעת דאָס בלוט שטראָמט פון אויפגעשניטענעם האַלדז. לאַנג האָט עס געשפּירט. שוין אין טיר, האָט זי אויסגעשריען צום אויבן־אָן:

— פאַר די ברעזערס זאָלט איר אויך קיין מורא ניט האָבן; זיי וועלן זיך ניט צעלויפן... אויב די נויט וועט קומען, וועלן די ברעזערס ניט עסן מער פון קיינעם. די ברעזערס וועלן ליידן מיט אַלעמען צוגלייך. קומט אַרויס דרויסן!

דרויסן האָט לאַנג גענומען לערנערן אונטערן אָרעם, האָט אים אָפּגעצויגן אָן אַ זייט און אים אַריינגעזאָגט גלייך אין פּנים אַריין:

— קומט צו אונדז אָפּטער, חבר לערנער... דאָס, וואָס איר האָט אונדז היינט געזאָגט, באַדאַרפן מיר אָפּטער הערן.

— דאגה'ט ניט, חבר'טע ברעזער, איבעראיאַר וועט אייער דאָרף מיטאַמאָל אַזאַ וואַקס טאָן — איר וועט זיך אַליין ניט דערקענען. זייט נאָר ניט געפאַלן ביי זיך...

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט לאַנג זיך קלינגענדיק צעלאַכט — קום אַהער, סימקע, לאָמיר פאַרנעמען דעם חבר לערנער צו דיר, און באַווייזן וואָס פאַר אַ גוטע מיידלעך מיר זענען. איר וועט זען, ווי מיר קענען באַצאָלן מיט גוטס פאַר גוטס. חבר ראַטנער, יוסף, קומט מיט אונדז, כאַ־כאַ־כאַ...

אַלע פיר זענען געגאַנגען, געלאַכט און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס.

אַז מען איז אַריינגעקומען צו די קרעטשמערס, האָט סימקע אָפּגעדעקט אין אַ טיפן מולטער אַ ברויט־ראָשטשינע, און זיך געווענדט צו יוסף'ן:

— זיי מוחל, וואַש אַרום די הענט און פאַרקנעט מיר דאָס ברויט... ברויט באַקן אין נייעם דאָרף וועט געהערן צו די מענער... זיי־זשע מוחל, באַוויז וואָס דו קענסט!

יוסף האָט קינדיש געפאָלגט, האָט אָפּגעוואַשן די הענט, און פאַרקראָכן אין דער ראָשטשינע אַריין, בשעת סימקע האָט צוגעשיט מעל. אַז יוסף איז שוין געווען ביז צו די עלנבויגנס אין טייג, האָט לאַנג אַ וואונק געטאָן צו סימקען. און ביידע מיידלעך, איינע האָט

אים אָנגענומען ביי איין אויער, און די צווייטע — ביים צווייטן אויער, האָבן אָנגעקושט זיינע קלייענדיקע באַקן.

יוספ'ס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן; אַ גאַרישער איז ער געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ביז איבער די עלנבויגנס אין טייג, און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך...

— אַזוי צאָלט מען באַנ'אונדז פאַר גוטסקייט, חבר לערנער; אַז איר וועט עס פאַרדינען, וועט מען אייך אויך גוט באַצאָלן, כאַ־כאַ־כאַ!

לאַנע האָט געלאַכט, און אַלע האָבן מיטגעלאַכט.

אָבער פאַר לאַנעס דמיון איז נאָך אַלץ געשטאַנען וואָוועס געשטאַלט, ווי ער קלאַפּט זיך אין ברוסט און שרייט: „איך בין אַ נוצלעכער מענטש, זאָל מען מיך לאָזן לעבן!...״

XXII

דער אומעטיקער ימים־נוראים־ווינט האָט געטראָפן צום קרימער סטעפּ, וואו אידישע איבערוואַנדערער האָבן זיך שוין פאַרנומען מיט אויפרייסן דעם ברוינעם גרונט פאַר דער ווינטער־זריעה. מיטאַמאָל איז דאָס גאַטספּאַרכטיקע ווינטל אָנגעקומען און אָנגעבלאָזן אַן אומעט.

דער אַלטער יאָשע און ר' שמערל אַסטראָוועך, זיי האָבן אים די ערשטע דערשמעקט. נאָך אַ שטיק פאַר ראש־השנה איז דורך זייערע לייבער אַ דין פרעסטעלע דורכגעלאָפן.

— וועט מען טאַקע פאַרגעסן, אַז אַ גאָט איז פאַראַן, וואָס גיט אַכטונג פון אויבן, און פאַדערט נאָך, מע זאָל אים אָפּגעבן אַ שטיקל חשבון?

אַזוי האָט דער אַלטער יאָשע אויפגעזוכט ר' שמערלען, וואָס האָט געטראָגן אַהיים אַביסל טרוקענע קוראַי־דערנער פאַר זיין כאַסיען, גרינגער מאַכן דאָס אונטערהייצן דעם אויוון.

ר' שמערל האָט אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: „וואָס קען אַ שוואַכער מענטש טאָן? ווי אַזוי קען מען זיך גאָר

שטעלן אנטקעגן דער מאכט?...״ דערנאָכדעם האָט ער מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד געזאָגט:

— נאָך אביסל, נאָך אביסל, וועט'ן גאָט באַדאַרפן טראָגן נאָר אין האַרצן, זיין נאָמען נישט דערמאָנען; באַשר, ס'וועט שוין באַלד אפילו קיין אידישער לוח נישט זיין, מע זאָל פאָרויס וויסן ווען א יום־טוב קומט אָן. נאָר גאָרנישט, מע וועט זיך באַדאַרפן ארייבערכאַפּן אין א גרעסערן דאָרף, וואו מער אידן זענען פאַראַן, און וואו א ספר־תורה איז פאַראַן, און וואו א גוטער בעל־תפילה וועט זיין...

נאָך ארויסגעקומען איז א סך אנדערש: וואָווע ברעזער, וואָס האָט אויך דעם ימים־נוראים־ווינט דערשפּירט באַצייטנס, — ער האָט באַזאָרגט, אז פון זיין שטעטל זאָל קומען א בעל־תפילה און מיטברענגען א ספר־תורה. מען האָט באַצייטנס מודיע געווען אין א פּאָר נאָענטע, יונגע דערפער; און ערב־ראש־השנה זענען עטלעכע אָקסן־געשפּאַנען אָנגעקומען מיט גאַנץ־אָנגעקלײדטע און האַלב־באַשוכטע איבערוואַנדערער, אידן און אידענעס און אביסל יונגוואַרג. ביי וואָווען אין שטוב און אין שטאַל האָט מען אָרט געמאַכט פאַר געסט; ביי די אָסטראָווערס און אפילו ביי די קאָוואַלסקים האָט מען געסט אריינגעלאָזן.

אין דער אייגענער צייט, מיטן בעל־תפילה און מיט דער ספר־תורה, וואָס זענען אָנגעקומען פון א פאָדאָליער שטעטל, זענען צו בערען אָנגעקומען פון מאָסקווע א פּאָר ביכלעך און עטלעכע בלעטלעך, וואו ס'ווערט געזאָגט, אז רעליגיע איז פינצטערניש און סם־המות; און וואו מען וואָרנט דער יוגנט, זי זאָל זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די פינצטערע כחות, וואָס קריכן ארויס פון זייערע לעכער אין די ימים־נוראים־טעג... „גלייכער די יוגנט זאָל זיך אָפּגעבן מיטן בויען דעם קאָמוניסטישן בנין; גלייכער גיין אין פעלד, נאָכגיין דעם אַקער און דער בראָנע...״

געווען א מין שטילער אָפּמאַך, די קינדער זאָלן די אַלטע ניט שטערן, און די טאַטעס זאָלן צורו לאָזן דער יוגנט. טאַקע ביי די ברעזערס אין שטוב איז געווען דער מנין. מיט א פּאָר טעג פריער איז זלמן קאַסאַי אוועק אין א טאָטערישן דאָרף, פון דאָרטן געבראַכט

אַ האָרן פון אַ באַראַן; האָט דעם האָרן אַזוי לאַנג געפּוצט און געריייניקט, געשניצט און געבלאָזן, און אַרויסבאַקומען אַ גאַנץ ניש־קשה׳דיקן שופר. ביי כאַסיע אָסטראָווער אין אויוון האָט מען געבאַקן האַלב־ווייסע חלות מיט „פייגלען״... אויגן, שוין צוגעוואוינטע צו קוקן צו דער ערד, האָבן געזוכט כחות אין די הימלען. דאָס ימים־נוראים־ווינטל האָט געבלאָזן איבערן סטעפּ, און פאַר די אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ סוף־זומער.

דער עלטערער דור, אַריינגערעכנט אפילו לייזער דעם שמיד, האָט דערפילט דעם זיסן פּיין אין האַרצן און אַ גלוסטונג צו פּיעש־טשען זיך פאַרן רבונו־של־עולם; כאָטש ס׳איז ניט געווען גענוג מוט ביים רבונו־של־עולם אַ פאָדער צו טאָן מיט דער אַמאָליקער חוצפּה און מיטן פולן מויל.

געווען דער ערשטער טאָג ראש־השנה פאַר האַלבן טאָג. כאַסיע אָסטראָווער האָט אַריינגעוואָרפן עטלעכע אפּיקורסישע ווערטלעך:

— כ׳לעבן, איך האָב נישט קיין פאַריבל אויף די קינדער, וואָס ווילן שוין נישט דאַווענען... צי האָב איך דען פאַרגעסן וואָס מיט אידן און מיט מענטשן האָט זיך אָפּגעטאָן גאָר נישט לאַנג? מע האָט דאָך אפילו פאַרגעסן אויפצוהייבן די אויגן צו גאָט און בעטן, ער זאָל די רציחות אָפּשטעלן... און אַז מע האָט יאָ געבעטן צו גאָט, האָט ער זיך אויך נישט צוגעהערט צו די געבעטן. די קינדער זאָגן, אַז אַקערן איז בילכער — האָב זיי אַ גוט יאָר!

די עלטערע האָבן געדאַוונט. דורך די פענצטער האָבן זיך די קולות געריסן און געשפּרייט איבער דעם אָפּגעזוימערטן סטעפּ; און די יוגנט האָט זיך צונויפגענומען אין סטעפּ, נעבן לאַנעם אָפּגעזוי־מערטן גאָרטן, וואו עס האָבן זיך נאָך געשפּרייט לאַנגע אָדערן מיט פאַרגעלטע בלעטער פון דיניעס און קאַווענעס. איין גרויסע דיניע, אַ גרינלעך־געלע, איז נאָך געלעגן אויפן בייט אַן אָנגעבלאָזענע, און הנאה געהאַט פון דער וואַרימער זון. צווישן די אָנגעקומענע געסט זענען געווען צוויי יונגען און אַ מיידל. אַלע דריי האָבן געהערט צו די האָרעפּאַשניקעס פון זייער דאָרף. די צוויי יונגען, ביידע פּאָלעסקין־ברידער; ביידע גלייכע, שוואַרץ־חנ׳עוודיקע מיט ברוינער הויט און פולע, שוואַרצע אויגן, ווי אַ צווילינג האָבן זיי אויסגעזען.

דער עלטערער, חיים פּאַלעסקין; און דער אינגערער, שמעון. דאָס מיידל, דעם אינגערנס אַ כלה, פעשקע בוימאַן, אַ בלאָנדע, מיט אַ צו־שמאָלן פּנים פאַר איר שווערלעכן גוף, — זיי זענען דאָ איצטער געזעסן צווישן דער יוגנט. מען קען ניט זאָגן, אַז דאָס ימים־נוראים־ווינטל האָט זיי אַלעמען ניט אָנגערירט. כאָטש מען האָט מיט טאַטע־מאַמעס געפילן ניט מסכים געווען, איז דערוויַיל נאָך דער מזוזות געווען צוגעגרייט פאַר אַ יום־טוב׳דיקייט, וואָס זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון ימים־נוראים. דעריבער האָט זיך די יוגנט ארומגעוואַשן; די מיידלעך האָבן אָנגעטאָן שיך, און די בחורים — ריינע העמדער; מען האָט זיך אונטערגעשוירן און לייטיש פאַרקעמט די האָר.

זינט לאַנעס צוזאַמענשטויס מיט איר פאָטער, און איר דער־נענטערונג צו סימקען — האָט זי אויפגעהערט נאָכצוקוקן בערעס טריט. בערע האָט עס געשפּירט, און ניט פאַרשטאַנען קלאָר די סיבה. בערע וויל עס צושרייבן צו איר באַהאַלטענער גאוה און פאַרריסנקייט. איצטער אויך זענען בײדע, סימקע און לאַנע, געזעסן איינע לעבן דער אַנדערער; אַנטקעגן זיי — ביילקע און די פרעמדע, פעשקע בוימאַן. די בחורים זענען געזעסן אַלע באַזונדער. מען האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן רעדן פון דער אידישער איבערוואַנדע־רונג צו ערד־אַרבעט; פון די נייע פאַבריקן וואָס די סאָוועטנמאַכט בויט, און וואוהין עס ציען זיך די אידישע האָרעפּאַשניקעס...

ביילקען האָט עפּעס געראָפּעט:

— אונדז, קינדער, וועט שוין זיין ניט זיין אַזוי גוט ווי די טאַטעס און מאַמעס.

מען האָט אויף איר אָנגעשטעלט די אויגן.

דער עלטערער פּאַלעסקין האָט פאַרשטאַנען ביילקעס כונה:

— זעסט, חבר׳טע, גאָט האָט אונדזערע טאַטע־מאַמעס ניט אויסגעהיט, ניט פון פּאָגראָמען און ניט פון הונגער. איינמאָל האָט ער אידן געגעבן אַ לאַנד — האָט ער זיי אויך ניט געלאָזט הנאה האָבן פון דעם. זעסטו, חבר׳טע, לענין האָט פון מענטשן געמאַכט אַ גאָט. די סאָוועטנמאַכט וועט אויפבויען אַ לעבן, וואו ס׳וועט ניט זיין — ניט קיין הונגער, ניט קיין מלחמה און פּאָגראָמען; די אידן

האָבן אויף שטענדיק געקראָגן אַ לאַנד, פונוואַנען קיינער וועט זיי ניט אַרויסטרייבן...

בערע קאָוואַלסקי האָט מיטן גאַנצן האַרצן מסכּים געווען מיט דעם גאַסט. ער האָט פאַרנומען ביילקען צו זיך, גוטמוטיק אַריינגע־קוקט אין אירע אויגן און געזאָגט:

— בענקסט נאָך גאָט, בורזשויקע, דו?... פאַרוואָס האָט דיר דיין עלטערע שוועסטער ניט דערציילט, אַז אין צייט פון מלחמה האָט זיך גאָט אָנגעטרונקען מיט בלוט און איז אַוועקגעפאַלן אַ שיכּור'ער? פאַרוואָס האָט עס חבר'טע לאַנע דיר ניט דערציילט?

לאַנען איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. מיט באַהאַל־טענער אויפרעגונג האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, סימקע, צונ'אים? בסך־הכּל, אַז ער וועט ווערן עלטער, וועט ער אַליין טאָן דאָס, וואָס זיין טאַטע טוט היינט, כאַ־כאַ־כאַ.

— היינט דאַוונען אידן אין מאָסקווע אויך — האָט געזאָגט פּעשקע בוימאַן—מיך אַרט ניט; זאָל זיך יעדער וואָס וויל—דאַוונען!

— עך, ווען מע וואָלט געקענט אַראָפּשלעפּן דעם הימל אויף דער ערד און באַווייזן, אַז דאָרטן איז גאָר נישטאָ... ס'וואָלטן אַלע דאַוונערס פון די ברעזערס באַטראַכט דעם פּוסטן הימל און זיך אויסגעלאַכט, כאַ־כאַ־כאַ —

סימקע האָט עס געזאָגט, און געקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט.

יוסף ראַטנער, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער שטעלט אַ סך איין מיט זיינע רייד, האָט באַזאָכט אָנגעהויבן:

— ניט נויטיק חוזק צו מאַכן פון די וואָס דאַוונען און דינען גאָט. אמת, רעליגיע איז סם און פינצטערניש; נאָר לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דער מענטש האָט זיך אייביק גענויטיקט אין אַן אויבערקראַפט, וואָס זאָל אים טרייבן און וועקן אין אים זיינע כּחות צו מעשׂים. רעליגיע האָט עס געטאָן. אודאי האָבן מיטן כּח פון אמונה געהערשט און הערשן נאָך איבער די מאַסן די אַלע, וואָס ווילן אויסנוצן די מאַסן פאַר זייערע פּאַראַזיטישע אינסטינקטן. אין נאָמען פון גאָט פירט מען מלחמה, אין נאָמען פון גאָט האָט געהערשט

איבער גאַנץ רוסלאַנד דער צאַר. אָבער שטענדיק וועט מוזן זיין ביי מענטשן אַזאַ גלויבן, וואָס זאָל שטאַרקן און וועקן זייערע כחות צו טאָן דאָס גערעכטיקע. ס׳וועט די רעוואָלוציע ניט מנצח זיין, אויב צונ׳איר וועלן זיך די מאַסן ניט אַ וואָרף טאָן מיט די אייגענע רעלי־גיעזע געפילן, וואָס טרייבן פרומע מענטשן דינען גאָט; טאַקע ווי אונדזערע טאַטעס דאַוונען איצטער, און זייער ליב און זעל איז פול מיט גאָטספאַרכטיקייט! אין רעוואָלוציאָנערן גייסט ליגט געטלעכ־קייט...

— טאָ ווי קען באַשאַפן ווערען אַ שטאַרקער גלויבן אין דער רעוואָלוציע, אויב די פאַרפינצטערטע מאַסן שטייען נאָך היינט גע־בויגן, דער טייוול ווייסט פאַר וועמען?! אָט ליגן די פעלדער און וואַרטן אויפן אַקער; נאַ דיר מיטאַמאָל אַ פחד; מען קלאַפּט זיך אין האַרצן חטאתי. פאַרוואָס קלאַפּן זיי זיך ניט חטאתי פאַר די אַלע פאַרברעכנס, וואָס זיי באַגייען אַנטקעגן דער רעוואָלוציע?!

בערע האָט עס אויסגעשריען; איז רויט און בלאַס, און ווידער רויט געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און אויסגערופן:

— קומט, חברים, לאָמיר איינשפּאַנען די אָקסן אין אַקער און מאַכן אַן אָנהויב! קום, בורזשויקע!... — האָט ער זיך געווענדט צו לאַנען.

ביי די געסט האָט עס אַרויסגערופן אַ צופרידענעם געלעכטער. אָבער לאַנע האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס בערע וואַרפט זיך אַזוי פריי מיט דער „בורזשויקע"; פריער האָט ער זיך אַזוי געווענדט צו ביילקען, און איצטער — צונ׳איר. לאַנע שפּירט אין דעם גאַל; בכיון טוט ער עס, צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די ברעזער־מיידלעך... דערנאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן חושד זיין, אַז בערען רופט עס, מחמת ביי די ברעזערס אין שטוב האָט מען געמאַכט אַ שול. דער חשד איז געווען אַ באַרעכטיקטער.

— איך פּראָטעסטיר פאַרן צונעמעניש „בורזשויקע" — האָט סימקע זיך איינגעשטעלט פאַר לאַנען — אויף אונדזער ערד־חלק זענען נאָך דערווייל קיין בורזשויען ניט פאַראַן. אויב מיר האָבן אויף אונדזער ערד־חלק אַזעטיקע, באַדאַרפן מיר זיי ניט זוכן ביי די ברעזערס...

די געסט האָבן די דאָזיקע שטעכווערטלעך ניט פאַרשטאַנען; האָבן ניט באַגריפן אויף וועמעס חשבון דאָס גייט. איז דאַריבער אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן.

בערע האָט געוואָלט אַרויסקומען דער גערעכטער; האָט איבער־געשלאָגן דאָס שטילשווייגן:

— זעט איר, קיינער רירט זיך ניט פון אָרט; כ׳האָב געמאַכט אַ פאָרשלאָג, מע זאָל שפּאַנען די אָקסן און אַרויס אַקערן! קיינער האָט זיך דערווייל ניט אָפּגערופן.

— אויב דו האָסט חשק, גיי איך מיט דיר — האָט יוסף גאַנץ רואיק געזאָגט — איך בין גרייט. פריער אָדער שפּעטער וועט מען דאָך באַדאַרפן פאַראַקערן די אַלטע ימים־טובים אין דער ערד, כדי אויף זייער אָרט זאָלן אויפגיין היינטצייטיקע ימים־טובים. קום, בערע; קום, לאַנע... קומט, איר — האָט ער זיך געווענדט צו די געסט — קומט, ט׳איר זען, ווי מע אַקערט באַנ׳אונדז!

אויף יוסף׳ס ענערגישן רוף האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און גענומען ציען צום דאָרף. אָבער וואָס־נענטער צום דאָרף, זענען ווינציקער געוואָרן די רייד; און די פיס — ווי מען וואָלט זיי געפּענטעט.

פּלוצלונג איז פּעשקע בוימאַן געבליבן שטיין און געזאָגט:

— איך שטים ניט איין מיט אייך. מיין טאַטן, ווי מיין טאַטן, אָבער דער מאַמען ווייל איך נישט פאַרשאַפן קיין ווייטיק, אויב איך קען עס אויסמיידן. כ׳זאָג, חברים: אויב מיר שטייען איצטער נישט מיט זיי אינאיינעם און דאַוונען נישט, איז דאָס שוין אַליין גענוג רעוואָלוציאָנער...

— ניין, נישט גענוג, — איז יוסף ראַטנער באַשטאַנען אויף זיינס, — היינט איז צייט אויסצופּרואוון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע כחות!

— נישט אויף טאַטע־מאַמע ווייל איך אויספּרואוון די רעוואָ־לוציאָנערע כחות — איז פּעשקע בוימאַן באַשטאַנען אויף אירס.

— חברים, — האָט דער עלטערער פּאָלעסקין אָנגעהויבן, — כ׳זאָג אויך, אַז דערווייל איז גענוג רעוואָלוציאָנער, אויב מירן נעלאָזן דאָס אַלטווארג דאַוונען, און אַליין שפּאַצירן מיר אום אין

סטעפּ... כ׳וויים נישט, ווי לענין וואָלט אויף אונדזער אָרט געהאַנדלט. איצטער זענען מיר נישט אין מאָסקווע.

סאַי בערע און סאַי לאַנע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי עס קומט צו יוספ׳ן זיין איצטיקער אַרויסטריט: מיינט ער טאַקע מיט אַן אמת׳ן, מען זאָל אויף צו־להכעיס טאַטע־מאַמע איצטער אַרויסגיין אַקערן? לאַנע האָט אָנגעקוקט יוספ׳ן, געוואָלט עפּעס אויספאָרשן פון זיין פּנים; אָבער זיין פּנים איז געווען רואיק ווען זי איז זיכער, אַז יוסף מיינט עס ערנסט — וואָלט זי אויך אונטערגעהאַלטן דעם פאָרשלאָג צו גיין אַקערן. אים, יוספ׳ן, וואָלט זי געפאָלגט. אָבער איצטער קען זי יוספ׳ן ניט באַנעמען.

— מיינסט עס מיט אַן אמת׳ן, יוסף? — האָט לאַנע שטיל געפרעגט, בערע זאָל ניט הערן.

— מיט אַן אמת! — האָט יוסף דורכגעזייט דורך די ציינער.

לאַנע האָט פאָרט ניט געקענט באַגרייפן די איבערגעטריבענע רואיקייט, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעקליבן אין יוספ׳ס פּנים.

— אין וועמעס נאָמען באַדאַרף מען פאַרשאַפן עגמת־נפש אַלטע טאַטע־מאַמע? — האָט ווידער דער עלטערער פאָלעסקין געפרעגט, — וואַרטן מיט געדולד; איבעראַיאָר, איר׳ט זען, וועלן אונדזערע טאַטעס אַליין אַרויסגיין אין פעלד אַקערן...

פּלוצלונג איז אין איין־געלאָף אָנגעקומען נחום. אַ צעשראָקענער איז ער אָנגעקומען און מודיע געווען בערען — דער מאַמען איז נישט גוט געוואָרן; זי האָט אינמיטן דאַוונען גע׳חלש׳ט! מען האָט זי באַדאַרפט אונטער די הענט פירן אַהיים...

ס׳האָט אויף אַלעמען אַ בלאָז געטאָן מיט אומהיימלעכקייט. בערע האָט זיך דער ערשטער געלאָזט לויפן צום דאָרף, און נאָך אים איז געלאָפן נחום. בערעס אימפּעט האָט אַלעמען געבונדן מיט שווייגן און געצויגן צום דאָרף.

פּלוצלונג איז יוסף געבליבן שטיין, זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול, און כמעט אויסגעשריען:

— אַט, ווי אַזוי מענטשן ווילן, אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע, דעם מענטש אין זיך באַגראָבן! קוקט, קוקט, ווי ער לויפט אין

איין־געלאָף: די מאַמע זיינע האָט גע׳חלש׳ט... און אַלץ האָט ער פאַרגעסן... זעט, זעט, אין דער רעוואָלוציע פאַרגעסן, כאַ־כאַ־כאַ!

— האָסט דאָך נאָר־וואָס גערופן אַלעמען, מע זאָל שפּאַנען די אָקסן און אַרויסגיין אין פעלד אַקערן, און איצטער גאָר... סיידן ביסט גאָרנישט ביים קלאָרן זינען; כ׳וואָלט דיר אויך געהייסן גיין דאַוונען... — האָט זיך לאַנע געהיצט.

— אַזוי פאַרשטייט איר אַ מענטשן — האָט יוסף מיט ביטער־ניש אָפּגעענטפערט — אַלץ אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע; אַלץ אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע... אויסראָטן טאַטע־מאַמע; שלאָגן זיך מיט ווינטמילן — אַלץ אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע... אודאי בין איך געווען אויפריכטיק, ווען איך האָב געפאָדערט איינשפּאַנען די אָקסן.

— ס׳איז נאָך ניט שפּעט — האָט סימקע געכאַפּט לאַנעס האַנט —— קום, לאַנע, לאָמיר איינשפּאַנען די אָקסן!

— גוט, סימקע, — האָט לאַנע מונטער אונטערגעכאַפּט — איך וועל דיך לערנען ווי אַזוי מען אַקערט... קום, לאָמיר גיין כאַפּן די אָקסן!

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך ווידער דערהערט יוספ׳ס געלעכטער — לאַנע איז גאָר דער העלד, כאַ־כאַ־כאַ. ניין, נישט ביי דיר, לאַנע, באַדאַרף מען זיך איצטער לערנען מענטשלעכקייט; באַנ׳אים, ביי אונדזער עלטסטן פון דאָרף, באַנ׳אים אַליין, מער ביי קיינעם נישט... האָסט געזען, ווי ער האָט זיך אַ ריס געטאָן און גענומען לויפן צו דער קראַנקער מאַמען? אָט, דאָס איז עס!...

— נישט אַנדערש, דו ביסט נישט ביים קלאָרן זינען, יוסף, — האָט לאַנע גערעדט און ניט געוואוסט, צי זאָל זי מיט אים מיטלאַכן, צי זי זאָל פאַרבייסן די ליפּן און זיך אויך לאָזן לויפן, ווי בערע, צו דער קראַנקער מאַמען.

אין אַ סודות׳דיקן פלאָנטער זענען דאָ אַלע אַריינגעפאַלן; דער קאָפּ האָט געוואָלט דעם האַרצן פאָרויס פאַרלויפן דעם וועג, און ס׳איז ניט אַרויסגעקומען. צוביסלעכווייז האָט זיך די יוגנט דערנענטערט צום דאָרף. אַנטקעגן האָט דער ווינט געטראָגן די וויינענדיקע קולות פון די דאַוונער, טאַטעס און מאַמעס, ביי די ברעזערס אין שטוב.

איז די יוגנט געבליבן שטיין, ניט גע'פועל'ט ביי זיך אריינ־צוגיין אין סאמע דאָרף אריין, און פארבייגיין די ברעזוערס שטוב. איז די יוגנט א ווײַלע געשטאַנען א צוגעשמידטע צום אָרט. די קולות פון די דאַוונער זענען געקומען פון נאָנט און פאָרט פון ווייט; די טרויעריקע קולות פון די מתפללים האָבן אָנגעוואָרפן אויף דער יוגנט א טרויער. פאר לאַנג זענען איצטער ביידע, סאַי יוסף און סאַי בערע, געווען א רעטעניש.

— לאָמיר גיין צוריק אין פעלד אריין — האָט לאַנע מיט א דערדריקטער שטים געבעטן.

די יוגנט האָט געפאָלגט און פאַמעלעך, אָן ווערטער, פארקערע־וועט צוריק אין פעלד אריין.

XXIII

די זון איבער קרימער סטעפ, כאָטש שוין דערוויטערט, האָט נאָך אַלץ זומערדיק געוואַרימט דעם טאָג, און געמאַכט פארגעסן אין דער נאָענטקייט פון ווינטער. דערפאר זענען די נעכט געווען קילע און טוי־פייכטע. דאָס האָט די באַגינענס לייכט פארנעבלט און פאר־האַנגען די סטעפישע ווייטקייטן. עטלעכע מאָל האָט שוין גע־פרואווט רעגענען, אָבער ניט געַנוג, אָנצוזעטיקן די ערד פאר ווידער־וואקסונג.

— ווי גוט די ערד האָט געקוקט צום מענטשן, ווען מיר זענען אהער אָנגעקומען אין אָנהייב וועסנע; אַלץ איז יעמאָלט פון דער ערד געקראָכן; ס'האָט זיך געגלויבט, אז סע וועט שוין גאָר קיינמאָל ניש'ט אויפהערן צו שפראָצן פון דער ערד; און איצטער, זאָלסטו מיר געזונט זיין, לאַנע, ווי די ערד האָט אַלצדינג אין זיך אריינגענו־מען און באהאַלטן... מיינסטו טאַקע, אז מיר וועלן איצטער פארזייען ווייץ אויפן ווינטער, וועט עס די ערד אָפגעבן צוריק?

די גוטע מאַמע כאַסיע אָסטראָוער, וואָס אירע קינדער האָבן ניט געוואָלט קומען פון שטעטל ווינטערן אין סטעפ, — זי האָט צו זיך געטוליעט לאַנען זייער אָפט; איר הארץ האָט זיך געשראָקן, ווען דער זומער האָט אָנגעהויבן אָוועקצוגיין. איר איז נאָך געלעגן

אינזינען דער לויטערער, גרינער פרילינג, ווען פון דער ערד ארויס האָט איעדער וואָרצל דערוואַכט און געשיקט זיינע שפּראָצונגען צום דרויסן. די זעקס אַקער פּאַרזייטע ווייץ, וואָס יעדער איבערוואַנדערער האָט אין פרילינג ביים אָנקומען געטראָפן אויפגעגאַנגען זאַפטיק און גרין, איז געווען גליך ווי די ברכה פון דער ערד איז אים ארויסגע־קומען באַנגעגענען; ער האָט געהאַט אמונה אין דער ערד... איצטער האָט זיך מאַמע־ערד געקליבן ליינען אַלע וואָרצלען שלאָפן אויף א ווינטערלאַנג. די פלאַנצן, די שפּראָצונגען, אָנהייבנדיק פון דאַרנ־דיקן קוראַי, ביז צום פּשוט'ן גראָז, איז שוין פאַרגעלט און צעטריקנט געוואָרן; מער ניט, דער הארבער, ביטערער פאַלין האָט מיט זיינע שמאָלע בלעטעלעך זיך געזילבערט דאָ־און־דאָרטן. זעלטן וואו א גינגאָלדן בלימעלע האָט א קעפּל ארויסגעשטעקט צופוסנס א שטיין, וואו פייכטקייט האָט זיך אָנגעזאמלט.

אַקערן האָט מען איצטער באַדאַרפט ווי אין פרילינג. מען האָט באַדאַרפט אַקערן צו פאַרזייען ווייץ, וואָס זאָל אויפגיין ביזן שניי־פאַל, און אַזוי ווינטערן אונטערן שניי — ווינטער־תבואה. מען האָט אויך באַדאַרפט צעאַקערן יונג־ערד, און דאָס אויפגעריסענע פנים פון דער ערד זאָל בלייבן ווינטערן, זיך גוט אויסלופטערן, כדי וואָרצלען אומנויטיקע זאָלן צעפוילט ווערן — ווינטער־פריר. די דאָזיקע מלאכה מוז דער פויער טאָן און האָבן אמונה, אז דאָס וועט ברענגען שפע אין דער ריכטיקער צייט.

די קאָוואַלסקי־משפּחה, ווי זי איז געגאַנגען דעם זומער אַנטקעגן, אַזוי אויך איצטער, זענען די קאָוואַלסקיס שווייגנדיק געוואָרן, און דער געדאַנק איז דער אַרבעט נאָכגעגאַנגען. רייזל קאָוואַלסקי, וואָס האָט דעם ערשטן טאָג ראש־השנה ביים דאַווענען גע'חלש'ט, האָט א סך צער געהאַט פון דעם, וואָס דעם אַנדערן טאָג ראש־השנה איז איר בערע ארוים אַקערן. ער, דער איינציקער, האָט עס געטאָן! ס'האַרץ האָט רייזלען געשראָקן. זי האָט מיט אים וועגן דעם ניט גערעדט; זי האָט מיט איר מאַן אויך ניט געוואָלט רעדן. בעסער אַזוי, האָט זי געטראַכט... „דאָס וואָס איז שוין אויסגעגאָסן, קען מען צוריק נישט אויפקלייבן...״ אפנים בערע האָט געשפּירט דער מוטערס צער, האָט ער יום־כיפור זיך פאַרקליבן אַליין ערגעץ אין פעלד, אָבער

אַקערן איז ער ניט אַרויסגעגאַנגען. דערפאַר האָט די מאַמע רייזל אים געבענטשט אין האַרצן. בערע, ווי צו ווען פאַרגיטיקן פאַר דעם צער וואָס ער האָט דער מאַמען אָנגעטאָן, האָט ער דערפאַר שמחת־תורה, בעת דער עולם האָט געמאַכט אַ כוס'ע און אַרויס אין אַ טענצל, — האָט ער אינאיינעם מיט יוספ'ן, סימקען און לאַנען אויך מיטגעטאַנצט.

איצטער איז בערע אַנטשוויגן געוואָרן און איז אין זיך אַריין; ער גייט נאָך די אָקסן, וואָס פאָלגן און ציען גלייך דעם אַקער. דער אַקער איז גוט איינגעשטעלט און ברעכט ניט די פלייצע. אַליין טוט ער עס; ער האָט אומישנע צוגעטראַכט פאַרן טאַטן אַרבעט ביי דער קוזשניע, כדי ער, בערע, זאָל בלייבן אַליין. אַ סך מחשבות בויערן; אַ סך ספקות קומען אויף. ער האָט ניט קיין אמונה אין געוועזענע שטעטלשע קרעמער אָדער בעל־מלאכות. ס'איז נאָך מער צרה, וואָס דער אָפּגעקומענער קרעמער איז אין פעלד מער בריה ווי דער געוועזענער שוסטער און שניידער. בערע טראַכט: „אָט די געוועזענע קרעמערלעך וועלן אַלץ פאַרקויפן; וועלן קיינמאָל ניט קוקן אויף דער סאָוועטנמאַכט ווי אויף אַן אייגענער, געטרייער מלוכה, וואָס איז נאָר אויסן גוטס פאַרן סאָוועטישן מענטשן..."

די ברעזער־פעלדער זענען געווען אַ דריי ווערסט דערווייטערט פון די קאָוואַלסקים. די ברעזער־פעלדער האָבן זיך געגרעניצט מיט די אָסטראָווערס. באַסיע אָסטראָווער האָט ביי לאַנען געוואָלט דער־גיין וואָס ביי איר אין האַרצן טוט זיך איצטער ביים אַקערן. וואָווע ברעזער איז דווקא אַרויס אין פעלד אַ מונטערער, און די אָקסן האָבן אים גוט געפאָלגט. ער האָט געזשאַלעוועט צו שפּאַנען אין אַקער די פערד. אגב, האָט ער דעם פאַמעלעכן גאַנג פון די אָקסן אַ סך ליבער געהאַט ביים אַקערן. שמערל אָסטראָווער האָט זיך ניט געקענט אַליין אַרויסהעלפן; אים איז נאָך געקומען צו־הילף דער אינסטרוק־טאָר. אָבער סאַי באַסיע און סאַי שמערל, ביידע האָבן זיך געשפּירט אינגער אין פעלד. באַסיע האָט זיך ניט געקענט אָפּחידוש'ן, ווען לאַנע האָט ביי וואָוען איבערגענומען די אָקסן; און איר „צאָב־צאָבע" האָבן די אָקסן גאָר גוט פאַרשטאַנען, געצויגן דעם אַקער, געוויגט שווער די קעפּ הין־און־הער אונטער דעם יאָך, וואָס האָט

געפּאָלדערוועט דעם נאָקן. וואָווע איז אַוועק אַהיים זיך אָפּרוען, און לאָנע האָט דעם געשפּאָן איבערגענומען.

כאַסיע איז לאָנען נאָכגעגאַנגען:

— וואָס־זשע זאָגסטו, לאָנע, צו דעם, וואָס די ערד פּאָדערט רק, מע זאָל זיך מיט איר עסק'ן; ממש ווי אַרום קליינע קינדער באַדאַרף מען אַרום איר אַרומגיין... כ'האָב שוין מיט מיין שמערלען גערעדט, זאָגט ער, ס'אי שוין דער שטייגער, מע זאָל אָפּגעגאָסן ווערן מיט שוויים, ביז מע דערלעבט צו זען אַ שטיקל אייגן ברויט. אין דער תורה, זאָגט ער, איז אַזוי געשריבן... וואָלט דאָך טאַקע ביי די, וואָס גלויבן נישט אין דער תורה, באַדאַרפט אַרויסקומען אַביסל גרינגער, כאַ־כאַ־כאַ.

כאַסיע האָט אַליין געלאַכט פון אירע רייד; זי איז נאָכגעגאַנגען לאָנען, ווייל אין לאָנען האָט זי געהאַט אמונה; אין לאָנען האָט כאַסיע דערקענט אירע אייגענע יונגע און בריה'שע יאָרן. אַזאַ טאָכטער גרויס ווי לאָנע האָט זי אין שטעטל; לאַכט די טאָכטער אין די פּויסטן, ווען די מאַמע בעט, זי זאָל קומען אַהער אויפן ווינטער. און לאָנע — איי, די לאָנע!

פונדעסטוועגן רופעט כאַסיען נאָך עפּעס:

— לאָנע, זאָלסטו מיר געזונט זיין; כ'בין דאָך אַמאָל אויך געווען אַ מיידל; געווען אין דיינע יאָרן; מע האָט מיר אָנגעוויזן אויף מיין שמערלען — טאַטע־מאַמע האָבן מיר אויף אים אָנגעוויזן — האָט עס מיך צענומען... זאָג מיר, זאָלסטו מיר געזונט זיין, ווי איז דאָס, וואָס דער עלטערער זון קאַוואַלסקיס—מע האָט געשמועסט, אַז מע וועט אויסדרעשן די ווייץ, וועט'ן פּראַווען אייער חתונה... איצטער גאָר, אַז ער גייט אין איין זייט גאַס, גייסטו אַריבער אויף דער אַנדערער זייט; וואָס פּאַר אַ גוטער יאָר האָט עפּעס געלאָזן, אַ שוואַרצע קאַץ זאָל דורכלויפן צווישן אייך?

לאָנע האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן, אַרומגענומען כאַסיען און אַריינגעלאַכט אין איר מאַמעשער ברוסט אַריין:

— איי, חבר'טע כאַסיע, ווי קומען צונ'אייך אַזעלכע מחשבות?!

— אַלע האָבן געשמועסט, אַז באַנ'אייך וועט'ן בקרוב פּראַווען חתונה...

— ווי קומט עס צונ׳אייך, אז איר זאָלט גאָר גלויבן אזא זאך?

— וואָרן וואָס דען, ביסט אים נישט ווערט?

— אודאי בין איך אים נישט ווערט.

— דו זאָלסט עס זאָגן!

— איך בין א בורזשויקע און ער — דער פּראָלעטאַריער...

— חלילה; נישט דאָס איז מסתמא די מעשה.

— מאַכט מיך ניט אַזוי פרי חתונה, חבר׳טע קאַסיע. פאַרוואָס פאַרגינט איר מיר ניט, איך זאָל אומגיין א מיידל?

— איעדערער פאַרשטייט עפּעס אַנדערש — האָט קאַסיע ווי צום ערשטן מאָל געוואָלט באַטראַכטן לאָנען — כ׳קוק דיך אָן, אַמאָל פרייט זיך מיין האַרץ אויף דיר קוקנדיק; און אַמאָל טוט מיר וויי מיין האַרץ, וואָס אויף דיר נעבעך איז אויסגעפאַלן צו שלעפּן אַזא יאָך.

— כאַ־כאַ־כאַ, די אָקסן שלעפּן דעם יאָך! לאָמיר ניט זיין געראָטן אין די אָקסן, וועלן מיר קיין יאָך ניט שלעפּן... אָט, פּרואווט נאָר, חבר׳טע קאַסיע, נעמט אָט אַזוי אָן די צוויי הענטלעך ביים אַקער; איך וועל פירן די אָקסן... אָט אַזוי, שפּאַרט זיך אַזוי שווער ניט אָן אויפן אַקער, קוועטשט ניט דעם אַקער אויף אַראָפּ; האַלט נאָר צו ביי די הענטלעך און מער ניט...

כאַסיע האָט זיך געלאָזט איינרעדן; ווי ביי א קינד האָט דאָס בלוט געשפּילט אין די באַקן, בעת זי האָט די הענטלעך פון אַקער אָנגענומען. זי אַליין האָט זיך איינגעבויגן ווי א דוהע, און מיט איר גאַנצן מהות איז זי אַריין אין די פייכטע גליבעס ערד וואָס דער אַקער האָט אויפגעריסן און איבערגעקערט.

— אוי, לאָנע, ס׳ווערט מיר אַזש היים אין די געבליטן... אוי, סאַראַ כח ביי די אָקסן, אוי סאַראַ גבורה!... האָב עס גאָרנישט געוואוסט... אוי, סאַראַ כח, אוי, סאַראַ גבורה...

— איר קענט דאָך, חבר׳טע קאַסיע! אָ, ווען אייער מאַן זאָל עס נאָר זען! איכ׳ל אים לויפן רופן...

אָבער ווי־נאָר לאָנע האָט דערמאָנט כאַסיעס מאַן, האָט דער

אקער אָנגעהויבן אַרויסשפּרינגען פון דער ערד אַרויס; כאַסיע האָט די הענטלעך אַרויסגעלאָזן און אַליין אַנידערגעפאַלן אין דער פייכטער בראָזנע.

— אוי־ווי איז מיר, ס'האָט זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייט... נאָר כ'זאָג דיר צו, לאַנעלע, איכ'ל שוין קענען אַקערן... וועל עס אַליין מיין שמערלען דערציילן. נאָר דו, לאַנע, דערצייל אים נישט, אַז איך האָב געפּרואווט און געפאַלן.

לאַנע האָט עס איבערגעלעבט מיט כאַסיען; איר אַליין איז הייס געוואָרן אין די געבליטן. זי האָט געהאָלפן כאַסיען אויפשטיין און געקושט אירע פאַרשוויצטע באַקן און שטערן.

— אודאי, חבר'טע כאַסיע, מיר פרויען טאָרן ניט אָפּשטיין פון די מענער. איר וועט קענען אַקערן פּונקט ווי די מענער.

— וואָס מיינסטו, לאַנע, איך פאַרשטיי נישט וואָס פון אונדז וועט דאָ ווערן? דיר, לאַנע, וועט נאָך ווערן גוט; ביסט נאָך יונג. דו וועסט שוין לעבן אַ לעבן ווי סע באַדאַרף צו זיין; ווי סע פּאַסט זיך אין היינטיקער רוסלאַנד. מירן שוין אונדזער וועלטל אָפּהינען ווי מיר האָבן אָנגעהויבן... כ'זאָג עס דיר אַנטקעגן דעם, וואָס אונדזער עלטסטער, בערע קאָוואַלסקי, האָט גענומען דעם אַנדערן טאָג ראש־השנה און אַרויס אין פעלד אַקערן, און גאָרנישט!... אַמאָל וואָלט מען אין חרם אַריינגעוואָרפן פאַר אַזאַ זאַך, און איצטער — קיינער דערוועגט זיך אפילו נישט דאָס צו ברענגען פאַרן מויל. איך מיין אויך גאָרנישט דערמיט. נאָר איך זאָג דיר, לאַנע, דיר איז נאָך באַשערט צו זען נחת אין לעבן...

כאַסיע האָט נאָך חשק געהאַט אָנצוציען דעם שמועס וועגן בערען, נאָר זי האָט באַמערקט, ווי לאַנעס פּנים ווערט מיט אומעט פאַרשאָטנט; האָט זי עס אָפּגעלאָזן. ביידע פרויען זענען שטיל געבליבן. ביידע האָבן געקוקט אַ ווײַלע צום סטעפּ, וואו שיטערלעך, ווייט איינס פון אַנדערן, מיט מרה־שחורה'דיקער יחידות, האָבן גע־צויגן גרויע אָקסן־פּאָרן; הינטער זיי — טונקעלע געשטאַלטן פון עלטערע אידן און יונגע פּויערים, וואָס זענען נאָכן אַקער נאָכגעגאַנ־גען, און פון צייט צו צייט געפּאָכעט מיט דער בייטש איבער די רוקנס פון די גרויע אָקסן. פרייד און טרויער אינאיינעם האָט עס

געוועקט אין הארצן. ס'האָט געהייסן, אָנהייבן נאָכאַמאָל פון סאַמע אָנהייב... ניט איעדער שפּרייזט הינטער די אָקסן מיט דער פולער מאָס אמונה אין דעם וואָס ער טוט. פעלט צוטרוי צו דער ערד; פעלט צטרוי צו דער נייער צייט און דער נייער מאַכט. וואָס פאַדערט דערווייל מער וויפיל זי קען געבן צוריק...

— כ'טראַכט — האָט כאַסיע געזאָגט — צי פאַר דעם אָפּגע־ראַטעוועטן לעבן איז ווערט אַזויפיל זיך אָנצופּלאָגן; צי איז נישט בעסער די, וואָס זענען אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אומגעקומען...

לאַנען האָט פאַרקלעמט ביים הארצן: לאַנע איז ניט געוואוינט געווען צו הערן אַזעלכע רייד פון כאַסיען. זומערצייט איז כאַסיע געווען די געטרייע מאַמע פון די דערוואַקסענע. פאַר אַלעמען האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט. איצטער גאָר, דוקא פאַר איר, פאַר לאַנען; דוקא, ווען מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זי זיך געשפּירט ווי אַ מיידעלע יונג, ווען די אָקסן האָבן אין אַ גלייכער שורה געצויגן דעם אַקער און איבערגעקערט גליבעם ערד — — —

— נאָר ניט גע'דאגה'ט, חבר'טע כאַסיע, — האָט לאַנע זי גע־מונטערט, — שולדיק זענען אייערע קינדער וואָס ווילן אַהער ניט קומען. איר וואָלט דאָס ניט געזאָגט, ווען אייערע קינדער זענען נעבן אייך. דאגה'ט ניט; מע וועט ווידער פאַרזייען ווייץ; ביז דער שניי וועט אַרויספאַלן, וועלן די ווייצן אויפגיין און די ערד וועט נאָך אויפסניי ווערן גרין און וועט ווי אין ווערנע אויסזען. איר'ט זען, ווי גרין ס'וועט נאָך דאָ ווערן ביז דער ווינטער וועט קומען!... אָט, קוקט, קוקט בעסער ווי אידן דאָרטן אַקערן און בראָנעווען! איר האָט געגלויבט, אַז מיר וועלן עס קענען אַליין טאָן?... געפעלט אייך בע־סער, כאַסיע, אַז מע אַקערט מיט אָקסן, צי מע אַקערט מיט פערד? אָטאָ דאָרטן אַקערט פיניע זייטשיק מיט פערד... זעט, ווי ער שמייסט די פערד...

* * *

אין אָוונט האָט זיך דער עולם צונויפגענומען ביי די קאָוואַל־סקיס. געווען אַ סיבה: בערע קאָוואַלסקי האָט בייטאָג אין פעלד זיך

אַנגעהויבן צו שפּירן אָפּגעשוואַכט און געקראָגן אַ שאַרפן קאַפּווייטיק. לייזער, זיין טאַטע, האָט אים פאַרביטן; און אַליין איז בערע אַוועק אַהיים און זיך אַנידערגעלייגט. ווען דער עולם האָט זיך צונויפגעגעל נומען אין אָוונט, האָט זיך בערע שוין געשפּירט אַ סך בעסער.

זלמן קאַסאַי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן:

— זעסט, בערע, כאָטש דו ביסט באַנ'אונדז דער עלטסטער פון דאָרף און אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער מאַכט, פונדעסטוועגן איז נאָך דער רבונו־של־עולם דערוויל אויף אַ שטיקל יאַטיבעדאַס... דאָס האָט ער דיר אָפּגעצאָלט פאַרן צווייטן טאָג ראש־השנה, כאַ־כאַ־כאַ...

דער עולם האָט גוטמוטיק מיטגעלאַכט; אָבער מען האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו רעדן מער פון בערעס אַקערן אום ראש־השנה; כאָטש איעדער פון עלטערן דור האָט אין האַרצן איבערגעטראַכט, אַז „גאָר טרוקן שניידט אַ איד ניט אָפּ פאַר אַזאַ חטא". מען האָט ביי דער געלעגנהייט אָנגעצויגן דעם אַלטן שמועס וועגן „וואָס וועט זיין ווינטער; און ווי אַזוי וועט מען דעם ווינטער באַגעגענען?..."
אין בערעס אויסגעצויגענעם פּנים האָט איעדערער זיך אַליין דערקענט.

רייזל קאָוואַלסקי וואָלט באמת איצטער געשעפּט נחת, כאָטש איר זון פילט זיך ניט גוט: מע זעט פּאָרט מיט וואָס פאַר אַ דרך־ארץ דער עולם איז אַריינגעקומען... ווי אויף אַן עלטסטן קוקט מען אַריבער צו אים; און איר זון ווייסט וואָס ער איז; ווייסט ווי אַזוי צו האַלטן דעם קאָפּ... נאָר קאַסאַים באַמערקונג, וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן געלעכטער, האָט ביי רייזלען באַשאַפן אַ קלעמעניש. אפשר איז טאַקע איר זון געגרעכט; אָבער פּאָרט, נעמען און אויסלאַכן זיך אַ גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין — דאָס קען נאָר דער יונגער דור, וואָס האָט אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט אויף טאַטע־מאַמע.

רייזל האָט אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר. די איינציקע שטוב וואו ווייכע קוילן איז געווען, און הייסע קוילן פון דער קוזשניע איז כמעט שטענדיק געווען גרייט. די לעצטע צייט, נאָך דעם ווי מען האָט אַביסל תבואה פאַרקויפט, האָט זיך אויך צוקער און טיי באַוויזן אין שטוב. רייזל האָט געמאַכט טיי, און לאַנג איז פּונקט

אריינגעקומען; ניט־געבעטענערהייט. אָן קיין ווערטער האָט זי געהאָלפן רייזלען די געסט באַדינען. רייזלען האָט ווי געטאָן, וואָס לאַנע האָט קיין וואָרט ניט פאַרוואָרפן צו בערען; האָט נאָר א שמייכל געטאָן, און מער גאָרניט.

— וואָס זאָגסטו, לאַנע, האָסט געגלויבט, אז בערע זאָל זיך נעמען און אזוי אנידערליינגן, האַ? א מענטש איז אפנים ניט פון אייזן; האָט זיך נעבעך איבערגעהאַרעוועט.

לאַנע האָט געהערט רייזלס רייד; אירע רייד זענען ניט פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי איר אויער גלאַט אזוי. לאַנע שפירט, אז ניט אזוי האָט עס באַדאַרפט זיין. דער דאָזיקער מענטש, וואָס ליגט איצטער אויף דער האַלב־וויכער, פשוט'ער סאָפקע, קוקט ניט אויף איר זייט — טראַכט אפשר מיט פאַרביטערטקייט וועגן איר. אירע מחשבות זענען מיט אים פאַרנומען. בעת לאַנע האָט דעם עולם דערלאַנגט טיי, האָט רייזל אין איר געוואָלט דערקענען די צוקינפטיקע שנור. איצטער איז דאָס רייזלען שווער געווען. דוקא איצטער איז דער שטח צווישן לאַנען און איר בערען געווען א ווייטער. זי האָט איר זון ניט געפרעגט, זי האָט לאַנען אודאי ניט געפרעגט—הלמאי?... אָבער זי באַמערקט ווי פאָר די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן זיך „די קינדער" דערווייטערט איינס פון אנדערן.

ווען נאָטע קרעטשמער האָט אָפּגעביסן א שטיקל צוקער, און מיט א סווישטש א זופּ געטאָן טיי פון גלאָז, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צו בערען און געזאָגט, אַלע זאָלן עס הערן:

— נו, וואָס, חבר בערע, ווער האָט זיך אביסל איינגעמידט, בערע דער שמיד, צי בערע דער אידישער פּויער?

בערע האָט באַטראַכט דעם עולם, וואָס איז צוליב זיין „נישטי־קער" קראַנקהייט געקומען. ער דערקענט, ווי ביים עולם פעלן ווער־טער אַרויסצורעדן, וואָס איעדערער טראָגט איצטער אויפן האַרצן.

— איך בין ניט מיד, חברים; כ'בין אויך ניט קראַנק, ווי אייך קען זיך אויסדוכטן... א מענטש איז אמאָל א מענטש; מאַכט ניט אויס. מיר זענען איצטער ביים סאַמע אָנהייב, איז ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן...

ביי דיווערטער האָט זיך בערע אויפגעהויבן און איז אראָפּ פון געלעגער.

— אָט אַזוי! — האָט זייטשיק בערען געקלאַפּט אין פּלייצע — ס'אי מיר אַליין אויך קאַלעמוטנע געוואָרן אויפן הארצן; נעמט אונ־דזער עלטסטער און לייגט זיך גאָר אַוועק, כאַ־כאַ־כאַ... נאָר אויב שוין אַזוי, קען מען דאָך אַ שמועס טאָן; אויב מע איז שוין אַלע אינ־איינעם, וויל איך פרעגן:

— וועט'ן טאַקע דאָ ווינטערן?

— צוליב וואָס דען אַקערט מען, און צוליב וואָס וועט'ן זייען?

—האָט קאַסאַי זיך אַריינגעמישט.

— איך ווייס צוליב וואָס מע פּאַטשקעט זיך מיט דער ערד ווידער?... אַ תכלית אַ גרויסער, איצטער אַקערן, בראָנעווען און זייען... ווערסנע ווידער; און איבעראיאָר סוף־זומער ווידער, כאַ־כאַ־כאַ... מע וועט דאָך דאָ קראַפּירן! איר מיינט, כ'דערקען נישט, אַז אפילו בערע האָט זיך שוין איינגעמאַטערט? קוקט אים אָן, ער האָט שוין דאָ זיינע כחות אַוועקגעלייגט!

— האָב נישט קיין מורא, חבר זייטשיק, די ערד וועט דיך לעבעדיקערהייט נישט צונעמען — האָט לייזער דער שמיד געקלאַפּט זייטשיקן אין פּלייצע.

— מיין זון, — האָט רייזל געגומען בערען פאַר דער האַנט — בעסער זעץ דיך צו, האָסט נעבעך קיין כח נישט.

— צו היים אין שטוב; קומט, חברים, אַרוים דרויסן!

און ניט וואַרטנדיק אויף קיינעם, איז בערע אַליין אַרוים דרויסן.

— אודאי, גוט אַזוי; אַן עלטסטער טאָר נישט זיין קראַנק; קומט, חברים, דרויסן — האָט נאָטע קרעטשמער דעם עולם נאָך זיך מיטגעצויגן.

אין שטוב זענען איבערגעבליבןביילקע און לאַנע. רייזל איז צוגעגאַנגען נענטער צו לאַנען:

— כ'זאָג דיר, לאַנע, ביילקע מעג עס הערן: נאָר אימיצן אויף צו־להכעיס איז בערע אַרויסגעגאַנגען אום ראש־השנה אַקערן, און איצטער האָט ער זיך געגומען צום הארצן...

— וועמען אויף צו־להכעיס? — האָט לאַנע ניט פאַרשטאַנען.

— כ'וויים נישט, כ'קען דיר נישט זאָגן... אָבער פאַרוואָס ביסטו אויף אים ברוגז?

— עך, חבר'טע רייזל, — האָט לאַנע אַרומגענומען רייזלען — האָט ניט קיין יסורים. איך בין מיט אייער זון ניט ברוגז; און ניט מיר אויף צו־להכעיס איז ער אַרויס ראש־השנה אַקערן. אויף צו־להכעיס די טאַטעס־און־מאַמעס האָט ער עס געטאָן... מירן דאָ ווינטערן; מירן נאָך דערלעבן אַ נייע וועסנע!...

ביילקע האָט אָנגעקוקט לאַנען; האָט אין לאַנעס אויגן דערקענט דעם אייגענעם טרויער וואָס אין בערעס; און זי, ווי בערעס מאַמע, האָט ניט געקענט באַגרייפן פאַרוואָס לאַנע און בערע האָבן זיך איינס פון אַנדערן דערווייטערט. אַריינמישן זיך אין שמועס האָט ביילקע ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער.

— זיי זאָגן, אַז מיר זענען ווידער ביים סאַמע אָנהייב; ווי מיינסטו, לאַנע, איז טאַקע די האַרעוואַניע ביז איצטער אַרויסגעוואָרפן?

— ניין, חבר'טע רייזל, ס'איז גאָר ניט אַרויסגעוואָרפן, כאָטש מיר זענען נאָך ביים סאַמע אָנהייב.

לאַנע האָט געשמייכלט, און רייזל האָט עס אַזוי צווויידייטיק פאַרשטאַנען. זי איז צוגעגאַנגען און האָט לאַנען אַ קוש געטאָן. אַ רגע שפּעטער האָט רייזל זיך געכאַפּט, אַז ביילקע שטייט דערביי, האָט זיי ביילקען אויך אַ קוש געטאָן, און בשעת מעשה איבערגעטראַכט: „זאָל עס חלילה בערע דורכן פענצטער נישט דערזען...”

XXIV

עס האָבן פון צפון־זייט אַ פּאָר מאָל אַ בלאָז געטאָן קאַלטע ווינטן, און איבערן סטעפּ האָט דער גאָלדיקער געוועלק זיך איבערגעגאָסן מיט אַשיקער גרויקייט. כאָטש דאָ־און־דאָרטן האָבן דורכזיכטיק אָנגעהויבן צו רעפלעקטירן מיט צאַרטן גרין די ערשטע שפּראָצונגען פון דער ווייצענער ווינטער־זריעה, האָט עס פונדעסטוועגן דעם איבערוואַנדערערס מהות אַלץ נענטער דערנענטערט מיטן פּנים צום ווינטער.

קרימער סטעפּ איז נאַקעט; זעלטן וואו אַ בוים. אין פאַרלויף פון זומער, אויפצוקאָכן אַ טעפּל, איז מען זיך באַגאַנגען מיט שטרוי, דערנער, מיסט און מיט נסים... אַזוי האָט מען צומאָל ברויט געבאַקן. איז געקומען דער צפון־ווינט, אַ בלאָז געטאָן, און דערמאָנט, אַז פון איצטער אָן און ווייטער וועט מען איעדן טאָג באַדאַרפן הייצן דעם אויוון. מען באַדאַרף נאָכטאָן די שכנים, טאַטער און דייטש, אַוועקלאָזן זיך איבער די פעלדער און זאַמלען דעם דאָרנדיקן קוראַי; אָנזאַמלען אים, און אַוועקשטעלן סטויגעס הינטער די שטאַלן — גרינגער זאָל ווערן צו טראַכטן פון ווינטער.

דער קוראַי, וואָס וואַקסט אין שיטערע קלומבעס, שוואַך פאַרוואָרצלט אין דער ערד, ווען ער ווערט פאַרטריקנט, רייסט אים דער שאַרפער ווינט אויס מיט די וואָרצלען און קייקלט אים איבער דעם נאַקעטן סטעפּ. די בריות האָבן שוין באַצייטנס זיך געפעדערט, מיט אָקסן־געשפּאַן, מיט גראַבליעס און בראָנעס צונויפצושאַרן אָטאָדי לויז געוואָרענע קוראַי־קלומבעס. ווי דערפאַרענע פויערים האָבן זיי עס געטאָן. בלויז יוסף ראַטנער און זיין עלטערער, שווייגעוודיקער ברודער, זיי זענען געווען פון די לעצטע אַרויסצופאָרן אין סטעפּ נאָך קוראַי.

געווען אַרום האַלבן טאָג. מיט אָקסן־געשפּאַן, און מיט אַ בראָנע, האָבן זיי אַרויסגעריסן די קוראַי־קלומבעס, און שפּעטער — מיט די הוילע הענט געשליידערט דעם קוראַי אין דעם דראָביאַסטן וואָגן אַריין. דערנער האָבן צעקראַצט די הויט; די הענט האָבן געבלוטיקט.

— כע, אידישע וועלדער... — האָט יוסף'ס ברודער געברומט.

יוסף האָט אויף דעם ניט געענטפערט. זיינע מחשבות זענען געווען פאַרטאָן מיט דעם אינגערן ברעזער־מיידל — מיט ביילקען; באָטש בלויז איין מאָל האָט ער איר געזאָגט עטלעכע ווערטער, צוליב וועלכע זי איז בלאַס געוואָרן, און ער — זיין בלוט האָט אויפגעזידט און דורך זיין קלייענדיקער הויט פון פּנים געוואָלט אַרויסשוימען... יוסף ווייסט, אַז ביילקע קוקט ווינציק אויף זיין זייט; ער ווייסט, אַז ביילקע טרייבט זיך אַרום אין פעלד מיטן אינגערן קאָוואַלסקי. אָבער ער פאַרשטייט אויך, וואָס אַ מיידל טראַכט בשעת אירע אויגן

נידערן צו דער ערד, ווען אויגן קוקן אין זיך אריין, בעת א בחור רעדט צונ'איר... דאס איז געשען מיט ביילקען, ווען ער האט צונ'איר גערעדט. אמת, אנהייב זומער האט לאנע זיין געמיט גערודערט... אבער יוסף האט גאנץ גיך פארשטאנען לאנען, וואס איז שוין פון דער ברעזער־הויט ארויסגעשפרונגען, און קוקט אריבער ווייט, ווייט פון איר אייגענער סביבה; קוקט אין קרייז, וואו די רעוואלוציע האט ארויסגעבראכט אזעלכע ווי בערע קאוואלסקי און זיין גלייכן; וואו סע זענען אויפגעקומען די גראדליניקע, הארטנעקיקע — די „אריסטאקראטן" פון דער רעוואלוציע. צו זיי קוקט לאנע אריבער! יא בערע קאוואלסקי, און ניט בערע קאוואלסקי; אבער אויף אזעלכע ווי ער, יוסף ראטנער, צו אזעלכע וואס גייען ארום מיט ספקות אין הארצן; אזעלכע וואס האלטן אין איין פרעגן קשיות אויף דער רעוואלוציע און געפינען ניט קיין תירוץ; אזעלכע וואס קענען ניט אויסבייטן רחמנות אויף אויסגעטראכטער גערעכטיקייט — — — „פאר אזעלכע האט לאנע ניט קיין הארץ."

— לאנע וועט נאך פארראטן איר אייגענעם טאטן...

דאס האט יוסף ניט איינמאל געטראכט ביי זיך; כאטש ער האט עס נאך קיינמאל ניט געבראכט פאר די ליפן; פונדעסטוועגן קלייבט ער זיך ניט רעדן מיט דער אינגערער ברעזער. ער ווארט אויף דער צייט, ווען זי וועט אים דערשפירן; ווען זי, ווי א פרוי, וועט אפנייגן דאס פנים פון „אינגל", און זיך ווענדן מיט אמונה צו דעם דערוואקסענעם, שטארקערן און דערפארענעם. ביילקע ברעזער איז די ניט־צופרידענע; דאריבער טראכט ער פון איר. ער קען נאך מיט איר ניט רעדן, זי איז יונג און ניט־דערפארן צו פארשטיין וואס ער מיינט, אבער זי איז דערוואקסן גענוג צו שפירן זיין געמיט; צו פילן זיין אומצופרידנקייט, און מיט דער צייט — איבערלעבן מיט אים זיין שטילשווייגן און די ספקות וואס די רעוואלוציע רופט ביי אים ארויס. איצטער, קלייבנדיק דעם קוראי, ווען די דערנער האבן שוין די פארגרעבטע הויט פון זיינע הענט צעבלוטיקט, וואלט ער וועלן, אימיצער זאל עס זען; ער וואלט וועלן, ביילקע זאל עס דערזען. כאטש ער ווייסט אליין, אז זי וועט גאר לאכן פון אים, ווי פון א שלימזל'ניק.

מיט א פערד־געשפאַן, און מיט א בראָנע אויפן וואָגן — זענען אָנגעקומען בערע קאָוואַלסקי און זיין טאַטע לייזער. זענען פאַרביי־געפאָרן, און פּלוצלונג געבליבן שטיין.

בערע איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, געהייסן זיין טאַטן פאָרן, אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן, אים אָפּגערופן אָן א זייט און געזאָגט:

— איך קלער, יוסף, ווינטערצו זאָל איך דיר איבערגעבן צו זיין „עלטסטער".

— וואָס מיינסטו? — האָט יוסף געגאַפּט.

— זאָלסט זיין דער עלטסטער אין דאָרף.

— כ׳פאַרשטיי ניט.

— וועל פאַרלייגן, מע זאָל דיך אויסקלייבן.

— און דו?

— כ׳טויג ניט דערפאַר; בין צו שטרענג.

— עט, מאַך ניט קיין חוזק.

— דו וועסט גרינגער זיך קענען צונויפרעדן מיט די איבער־וואַנדערער. ווערסנע־צו, ס׳וועלן זיך אַראָפּלאָזן דעקלאַסירטע פון שטעטל — איך בין צו האַרט פאַר זיי.

— מאַך זיך ניט קינדיש, בערע; דו ביסט דער מענטש; צו אַזעלכע ווי דו האָט די מלוכה צוטרוי. און איך? פריער אָדער שפּעטער — וועט מען אַזעלכע ווי איך פאַרשיקן וואו שווארצער פעפער ווינטערט...

בערע האָט א לאַך געטאָן, אָנגענומען יוסף׳ן פאַרביידע אַקסלען און אַריינגעקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— איך זאָג, וואָס איך מיין — האָט יוסף ווידער גערעדט — מיט אַזעלכע ווי איך וועט די רעוואָלוציע ווינציק־וואָס אויפטאָן. די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעשטעלט פירער, וואָס באַדאַרפן הערשן ביד חזקה. ווען מען זאָל וועלן אין איעדן ווינקל פון לעבן אָנווענדן רחמנות־געפילן, ווי איך פאַרשטיי עס, וועט׳ן זיך מוזן אומקערן צוריק צום אַלטן. איך באַגרייף, אַז צום אַלטן טאָר מען זיך מער ניט אומקערן. זעסט, ווי כ׳האָב מיר מיט דעם קוראַי צעשטאָכן און צעבלוטיקט די הענט, און כ׳האָב אַליין אויף זיך ניט

קיין רחמנות... כאַ־כאַ־כאַ, מיר וועט זיין אַ סך בעסער, ווען איך וועל אין דיינע אויגן אויסקוקן ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, אָנשטאָט איך זאָל גאָר דיר באַדאַרפן נאָכקוקן און כאַפּן ביי אַן עברה. אָבער זאָג מיר, בערע, ווי קומט צו דיר אין קאָפּ אריין אַזאַ מחשבה?

— בין ניט דער פּאַסיקער מענטש; כ׳מיין עס ערנסט. טראַכט עס איבער. באַדאַרפסט מיר ניט געבן קיין תשובה תיכף... און דו, שלימזל איינער, פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען דעם אייזערנעם גאָפּל מיט דעם ארויפצוואַרפן אויפן וואָגן דעם אויסגעריסענעם קוראי?

— זעסטו דאָך, אַז איך בלוטיק נאָך, צי מע באַדאַרף, צי מע באַדאַרף ניט, כאַ־כאַ־כאַ.

— ווי כ׳זע, וועסטו שוין דאָ ווינטערן, יוסף?

— דערווייַלע איז נאָך ניט באַוואוסט. מע באַדאַרף דאָך באַזאָרגן מיינע לייט, זיי זאָלן דאָ ווינטער ניט געפרוירן ווערן. איך אַליין, דערווייל ווייס נאָך ניט.

בערע האָט אַ ווייַלע אָן ווערטער אָנגעקוקט יוסף׳ן; האָט אים אַ פּאָר מאָל גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און אַוועק אַהין, וואו זיין טאַטע מיטן וואָגן האָבן געוואַרט אויף אים.

יוסף האָט געשטוינט. ער האָט דאָס ניט געוואָלט ארויסווייזן פאַר בערען; אָבער ווען בערע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך יוסף ניט געקענט מער פאַרנעמען מיטן קוראַי־זאַמלען. אים איז מיטאַמאָל דערווידער געוואָרן צו שפּירן די בלוט־פלעקן אויף די הענט. ער האָט באַטראַכט די הענט, און איצטער האָט ער באַמערקט, ווי זיינע הענט זענען פאַרגרעבט געוואָרן.

— וואָס האָט בערע געמיינט מיט דעם? — האָט יוסף געגאַפּט.

ער האָט אָנגעהויבן זיך דורכקלייבן אין בערעס ווערטער, און אויף אַלערליי אופנים חושד זיין. תחילת איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט בערע געוואָלט אַזוי אַרום ארויסקריגן ביי אים צוטרוי, פון אים זיך דערוויסן ווי מען האַלט פון אים אין דאָרף. דערנאָכדעם איז אים איינגעפאַלן אַ ווייטערער געדאַנק: אפשר וויל טאַקע בערע באמת פטור ווערן פון צו זיין דער „עלטסטער"; וויל מער ניט זיין קיין „שטרענגער טשינאָווניק" — באשר ער וויל זיך דערנענטערן צו

די ברעזערס... די לעצטע צייט זעט יוסף, ווי לאַנגע מיידט אוים בערען; לאַנגע האָט זיך גאָר פאַר׳חבר׳ט מיט סימקע קרעטשמער. דאָס באַווייזט נאָך גיט, אַז לאַנגע האָט זיך פון בערען דערווייטערט; „גיכער איז עס אַ מין ברוגז־שפּיל, וואָס לאַנגע פירט מיט בערען..." און אפשר גאָר וויל בערע מיט דעם פאַרזיכערן, אַז ער, יוסף, זאָל אויפן ווינטער ניט אַוועקפאָרן; ער וויל אים אַזוי אָרום צובינדן צום דאָרף.

יוסף איז צעטומלט געוואָרן; אים איז מער ניט אָנגעגאַנגען דאָס קוראַי־קלייבן. ווען ער האָט געבראַכט דעם וואָגן קוראַי פון סטעפּ, האָט ער אים געלאָזט שטיין הינטער דער שטוב אָן אָנגע־לאָדענעם, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אימיצן, פאַר וועמען אַראָפּצורעדן פון האַרצן.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן צו די ברעזערס. אויפן וועג האָט אים אָנגעגעגנט דער אַלטער יאָשע:

— זיי־זשע מוחל, יוסף, איז דאָס טאַקע אמת, אַז די קאָוואַל־סקים האָבן געקויפט אַ חזיר און קלייבן זיך אים קאָרמענען?...

— האַ, אַ חזיר?

— יאָ, אַזוי שמועסט מען; אימיצער האָט געבן זייער שטאַל געהערט כרוקען אַ חזיר...

— טאָ וואָס־זשע האָט איר, זיידעשי, מורא?

— דו זאָלסט עס זאָגן...

— טאַקע אַזוי, וואָס אַרט עס אייך?

— מע איז דאָך אידן!

— מיט חזירים איז מען אויך אידן...

— ס׳פאַרדריסט מיר, אַז דו רעדסט אַזוי.

— וואָס ט׳איר טאָן, אויב אייער אייניקל וועט אַריינגעמען אַ חזיר?

— זאָל איך דאָס נישט דערלעבן צו זען.

—זיידעשי, מירן נאָך דערלעבן אַ סך זאַכן... אַז דעם צאַר ניקאָלאַי וועט מען אָפּראַמען, האָט איר זיך געריכט? אַז אידן וועט מען געבן ערד, האָט איר זיך געריכט? נאָר גלויבט ניט; דערווייל האָבן מיר ניט קיין חזירים אין אונדזער דאָרף.

— סטייטש, דיין טאַטע אַליין האָט דאָך געהערט כרוקען!

— מיין טאַטע? פאַרוואָס האָט ער עס מיר ניט דערציילט?

— זעסטו, דיין טאַטע האָט פאַר דיר מורא; פונקט ווי וואָווע האָט פאַר זיין טאָכטער מורא...

— דאגה'ט ניט, זיידעשי, קינדער וועלן טאַטעס ניט באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

— ס'גייט דער ווינטער — קריכן שווערע מחשבות אין קאָפּ אַריין... אפשר האָט זיך עס דיין טאַטן נאָר אויסגעדאַכט.

ווען יוסף איז אַריין צו די ברעזערס, האָט ער געטראָפן לאַנען און סימקען; זענען ביידע געלעגן אויפן בעט ארומגענומען. אים דערזען, האָבן זיך ביידע מיידלעך פריילעך צעלאַכט.

יוסף'ן איז דאָס געפעלן געווען. די מיידלעך האָבן ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען פון זיין אָנקומען; זענען געבליבן ליגן.

— קום אַהער, יוסף; קום, זעץ זיך נעבן אונדז — האָט אים לאַנע מיט אַ צופרידענעם פנים געבעטן.

— יוסף איז צוגעגאַנגען צום בעט, און אויסגעשטרעקט צו די מיידלעך זיינע צעקראַצטע און מיט־בלוט־באַפלעקטע הענט.

— וואָס איז דאָס?!... — האָבן ביידע מיידלעך זיך אויפגעזעצט און באַטראַכט זיינע הענט.

— כ'האָב ניט געבלוטיקט געגנוג אין בירגער־קריג.

— וואו האָסטו דיר אַזוי די הענט צעריסן?! — האָט לאַנע ניט געקענט קומען צו זיך.

— ווינטער, מיידלעך... אייך ביידן וועט זיין וואַרים; אָבער מיר, ברדר, ווי קאַלט! בין אַוועק קלייבן קוראי, האָב איך מיר די הענט צעשטאָכן.

— אוי, קום אַרויס, סימקע, וועלן מיר אים די הענט אַרומוואַשן און אַרויסשלעפן די שפּילקעס... אָט, קום אַהער; לאָז, האָסט דאָך פול די הויט מיט דערנער!... העלף מיר, סימקע.

יוסף'ן איז געווען גוט; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני נעבן בעט; האָט אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט לאַנען אויפ'ן שוים

און די לינקע — סימקען.ביידע מיידלעך האָבן מיט כונה אַרויסגע־צויגן פון זייערע הענט די דראָבנע, אָבער שאַרפע ווי נאָדלען, קוראַי־דערנער.

סימקען האָט עס געפּויִשט צום לאַכן; זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן, און פאַרט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— וואָס איז, סימקע? — האָט לאַנע געפרעגט.

יוסף איז אַביסל צעטומלט געוואָרן, האָט אַרויסגעצויגן די לינקע האַנט פון צווישן סימקעס הענט; ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס אין סימקען פּויִשט עס אַזאַ געלעכטער.

— נו, גאָרניט, גאָרניט; גיב מיר צוריק דיינע הענט. ביסט דאָך אַ מאַן; אַ רחמנות אויף דיר; אַ רחמנות אויף אונדז אויך. ביסט אַוועק אין פעלד רייסן קוראַי, און מיר ביידע דאָ ליגן אין בעט און טראַכטן און רעדן. מע האָט דיך אויך דערמאָנט צום גוטן. אמת, לאַנע, מיר האָבן פון אים גערעדט?

— פאַוואָס־זשע האָסטו פאַרט געלאַכט?

— איך האָב געלאַכט, יוסף; ווייס אַליין ניט פאַרוואָס; און אפשר ווייס איך יאָ פאַרוואָס.

סימקע האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— וואָס פּויִשט אין דיר אַזוי? — האָט לאַנע גערעדט אַ פאַר־טראַכטע אין יוסף׳ס צעגראַבלטע הענט.

— כ׳האָב זיך דערמאָנט אין איינאונצוואָנציקסטן יאָר, — סימקע איז דאַביי אומעטיק געוואָרן, — אין שטוב איז ניט געווען וואָס צו עסן. אפשר דריי טעג האָט מען גאָר ניט גענומען אין מויל אַריין. באַנ׳אונדז איז געווען אַ שכן אַ סטאָליער, האָט ער געהאַט צוויי זין, איז איינער געווען פּונקט אין יוסף׳ן געראָטן, כאַ־כאַ־כאַ...

יוסף האָט ווידער צוגענומען זיין האַנט פון סימקען.

— גיב מיר דיין האַנט, יוסף; כ׳לאַך ניט פון דיר... איך גיי דאָך דערציילן, וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט... בין יעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר. קומט ער אַריין צונ׳אונדז אין שטוב, קיינער איז אין שטוב ניט געווען, און ברענגט מיר אַריין אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, נאָך גאָר אַ הייסע קאַרטאָפליע געווען, און זאָגט: אַז דו וועסט מיט מיר חתונה האָבן, טאַקע באַלד און שוין, גיב איך דיר די קאַרטאָפליע.

כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט; איך שטעל אוים די האַנט, וויל אַרויסכאַפּן די קאַרטאָפּליע באַנ׳אים, לאָזט ער ניט, סיידן איך וועל מיט אים חתונה האָבן. און מיט אַזוינע משוגענע און אָנגעצונדענע אויגן האָט ער זיך געלאָזן צו מיר... כ׳האָב מיך דערשראָקן און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

— וואָס האָסטו זיך יעמאָלט דערשראָקן? — האָט לאַנע שטיל געפרעגט.

— פאַרשטייסט ניט וואָס ער האָט געוואָלט פאַר דער קאַרטאָפליע? כאַ־כאַ־כאַ, פאַר אַ קאַרטאָפּליע האָט ער מיך געוואָלט אײַנגאַנצן...

דער געלעכטער האָט פון סימקען אַרויסגעפּוישט; זי איז אַראָפּ פון געלעגער, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן וואַנט און זיך געהאַלטן ביים בויך לאַכנדיק. לאַנע און יוסף האָבן זי אָנגעקוקט. יוסף׳ס פּנים איז געוואָרן ערנסט; ער האָט אָפּגעטראָטן צום פענצטער, און פונדערווייטנס אָנגעקוקט סימקען.

סימקע האָט עס באַמערקט; איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דאָס געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אומעט; מיט אַ דערדריקטער שטים האָט זי געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, יוסף, וואָס כ׳האָב זיך פּונקט איצטער דערמאָנט אָן יענעם בחור. איך ווייס, דו טראַכסט עפּעס איבער... זאָג אים, לאַנע, ער זאָל אויף מיר ניט זיין ברוגז. קומט, לאָמיר אַלע דריי זיך לייגן אויפן בעט און שמועסן.

— האָסט זיך ניט באַדאַרפט פוילן גיין אין סטעפּ אַריין קלייבן קוראַי, ווען מיר זענען געגאַנגען. אַן עבֿרה צו פוילן זיך. אַט האָסטו דיר דערפאַר! קיינער האָט זיך אַזוי ניט צעדראַפּעט די הענט ווי דו. כ׳זע, יוסף, קלייבסט זיך טאַקע ווינטערן. גוט אַזוי. ווינטער וועט ניט זיין וואָס צו טאָן; מע וועט זיך צונויפנעמען ביים ברענענדיקן אויוון, און מע וועט דערציילן מעשיות... און דו, סימקע, האָסט נאָך אַלץ ניט דערציילט וואָס דעם שכנ׳ס בחור האָט פון דיר געוואָלט.

סימקען איז מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן. זי איז ניט געווען פון די רעדעווודיקע. סימקע האָט פאַרמאָגט אַ סך סודות; נאָר

דורך א צופאַל האָט זיך באַנ'איר עפּעס אַרויסגעכאַפּט. און שטענ־דיק, נאָכדעם ווי זי האָט דערציילט, איז זי שטענדיק שפּעטער אומעטיק געוואָרן. אפילו פאַר לאַנען, צו וועמען זי האָט זיך אַזוי צוגע־בונדן, אפילו פאַר איר האָט זי אויך צופיל ניט דערציילט. נאָר ווען לאַנע האָט דערמאָנט דאָס אָנקומען פון ווינטער, האָט סימקע גענומען יוסף'ן פאַרביידע הענט און געזאָגט:

— הלואי וואָלט סאַוועטנפאַרבאַנד פאַרמאָגט אַ צען מיליאָן יוסף'ס, וואָלט שוין פאַר קרימער סטעפּ אויך געסטאַיעט...

— כאַ־כאַ־כאַ, ס'וואָלטן צופיל פּנים'ער מיט זומערשפּרענקעלעך געווען, סימקע! — האָט זיך לאַנע צעלאַכט — אוי, זיי ניט ברוגז, יוסף; כ'האָב ליב דיינע זומערשפּרענקעלעך... קום גאָר, סימקע, לאָמיר אים העלפן אַנרייסן קוראַי, ער איז עם ווערט... יוסף, דו ביסט ווערט! כ'האָב געמיינט, דו וועסט אַוועק אין שטאָט אַריין אויפן ווינטער, בלייבסטו גאָר דאָ; לאָמיר זיך האַלטן גרויס וואָס מיר זענען די ערשטע דאָ צו ווינטערן אין סטעפּ.

יוסף'ן האָט שטאַרק געגרופּעט דאָס, וואָס בערע האָט אים אין פעלד פאַרגעשלאָגן, ער זאָל ווערן דער „עלטסטער" אין דאָרף. ער האָט עס שיעור־שיעור די מיידלעך ניט דערציילט; אין דער לעצטער רגע האָט ער זיך געכאַפּט, און אָנשטאָט דעם, האָט ער גענומען לאַנעס האַנט, געקוקט אין אירע אויגן און מיט אַ פאַרטרערטער שטים געזאָגט:

— עך, מיידלעך! מיר לעבן אין אַ גרויסער צייט, אין אַן אַכזריות'דיקער צייט, וואָס האָט אויף קיינעם ניט קיין רחמנות. פאַר איינעם האָט זי אָנגעוויזן די שטאָט, די פאַבריק, און וועמען זי האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן צום סטעפּ... צו אונדז אידן איז די צייט שוין גאָר ניט רחמנות'דיק. נאָר ס'וואָלטן די יסורים ניט ווערט געווען, ווען איך זאָל ניט אַרויסזען, ווי מיר זענען די ערשטע אָנצוהייבן דאָ אַ געזונט, אידיש לעבן ביי דער ערד. אפילו די ערשטע צו צעשטעכן זיך די הענט מיט די דאָזיקע דערנער. אפשר איבעראַיאָר איבער־צוויי־יאָר וועט שוין באַנ'אונדז דאָ אין סטעפּ זיין עלעקטרע; מיט עלעקטרע וועט מען ווינטער וואַרימען די שטיבער...

— דערפאַר האָב איך דיך ליב, יוסף! ניט, סימקע, ער איז דער

בעסטער בחור באַנ׳אונדז? נאָר אונדזער עלטסטער גייט אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז... האָסט אים היינט געזען, יוסף?

— ווענען?

— וואָס איז מיט דיר, יוסף, חלומ׳סט?

— יאָ, לאַנע, איך חלום כסדר; אַלץ זעט מיר אויס ווי אַ חלום.

— קום, סימקע, לאָמיר אים העלפן קלייבן קוראַי... און דו, יוסף, געפין דיר אַ כלה און האָב חתונה, כאַ־כאַ־כאַ.

סימקע האָט געכאַפּט יוספ׳ן אונטערן אָרעם און אַרוים מיט אים דרויסן.

לאַנע, אַ פאַרשייטע, איז אַריבערגעלאָפן די גאַס און אַריבער־געשריען:

— קומט, לאָמיר לויפן דעם ווינטער באַגעגענען!

די צוויי מיידלעך האָבן זיך געלאָזט לויפן; און יוסף, מיט שווערע טריט, איז זיי נאָכגעלאָפן.

XXV

אַ ווייס פרעסטעלע פון דער נאַכט האָט איבערגעצויגן דעם סטעפּ מיט זילבער־ווייס, פונוואַנען עס האָט דער אויפגעגאַנגענער ווייץ זיך אַרויסגעגרינט. דעריבער, ווען די זון איז אַ וואַרימע אויפ־געגאַנגען, האָט זיך אַ ווייס־גרויער נעבל אויפגעהויבן פון דער ערד, געצויגן העכער און העכער, און אויפגעלייזט געוואָרן אונטערן בלויען הימל. ווען די שנייווייסקייט איז פאַרשוואונדן, איז נאָך אַ צייט דער סטעפּ געבליבן אַ באַטראָפּנטער מיט שווערע, קאַלטע טוי־טראָפּנס. שווערלעך פאַר די ניט־אויסגעפּרואווטע פיס אין אַזאַ פרימאָרגן באָרוועס אַרויסצוגיין דרויסן.

לאַנע איז תחילת אַרוים אַ באָרוועסע, האָט די אָקסן אַרויסגעטריבן זיי זאָלן נאָך מיט די צינגער אַ לעק טאָן דעם סטעפּ, און אפשר אָנצופּן פון די האַלב־טרוקענע און אונטערגעפוילטע, פאַרשפּעטיקטע שפּראָצונגען. די פריציייטיקע פראָסטיקייט האָט דורכגענומען די הויט פון אירע טריט, און איז פאַרגאַנגען אין די גראָבע פינגער פון די פיס. האָט זיך לאַנע אָנידערגעזעצט, מיטן וואַרימען הויך

אַנגעוואָרימט די גראָבע פינגער פון די פיס, און זיי באַהאַלטן אונ־טערן דינעם, סיצענעם קליידל. זי איז געזעסן מיטן פּנים צו דער זון, וואָס האָט זיך שוין נישקשה אויפגעהויבן איבערן האָריזאָנט. די וואַרימע זונשטראַלן אויף אירע אַקסלען, פּנים און ברוסט זענען געווען באַוועגלעך, מחמת אַ ווינטעלע האָט לינד געצויגן און באַ־וועגט אירע שוואַרצע האָר, לויז אַרומגעהאַנגענע אַרום האַלדז און נאַקן. לאַנגע האָט מיטן דמיון אָנגעהויבן דורכצולויפן דורך די זיבן חדשים אין סטעפּ, און אַ לייכטער שוידער איז דורכגעלאָפן דורך איר לייב. זי האָט די פיס אַרונטערגעצויגן אונטערן קליידל, געוואָלט זיי האָבן נענטער צום בויך.

אַ ברייטע, אָפענע, קאַלטע וועלט שפּרייט זיך פאַר די אויגן. די ערד, אויף וועלכער זי זיצט איצטער, איז זומער, אין די וואַרימע טעג און נעכט, צומאָל געווען איר אַ מאַמע. אַ גרויסע מאַמע; אַ שווערע מאַמע; אַ סך מאָל איז גאָר גוט געווען אַ קייקל טאָן זיך ביי אַזאַ מאַמען אויף דער ברוסט. אָפטמאָל, ווען זי האָט זיך געטוליעט צו דער ערד, האָט זי געשפּירט, ווי ביי מאַמע־ערד פּולסירט אַ האַרץ; די מאַמע־ערד האָט וואַרים בלוט אין די אָדערן... מאַמע־ערד איז נאָך יונג ווי זי; אין די בלוטן ביי מאַמע־ערד לעבן, און זענען וואָך יונגע לײדנשאַפטן. זי האָט עס נאָך געשפּירט מיט אַ גאָר קורצער צייט צוריק, ווען זי האָט מיטן אַקער אויפגעריסן די ערד פאַר ווינ־טער־זריעה. ס'האָט איר צומאָל אויסגעוויזן, ווי אַ וואַרימקייט שלאָגט פון מאַמע־ערדס צעאַקערטן גוף. זומערצייט, ווען זי האָט זיך באַהעפט מיט מאַמע־ערד — האָט איר גאַנצער מהות געקוואָלן. ס'האָט זיך צומאָל געגלוסט ציען און אויסציען, אויסשפּרייטן זיך, אויפגיין האָט געגלוסט דאָס גאַנצע לייב! איצטער שפּירט זי, ווי מאַמע־ערד ווערט פאַרטאָן אין זיך אַליין; מאַמע־ערד האָט זיך איינגעקאָרטשעט און וויל איינדרימלען; כאָטש עס גרינט אויף איר די אויפגעגאַנגענע ווינטער־זריעה. שפּירט לאַנע, ווי זי איז אַזאַ קליינע, אַ שרעטעלע... קלענער, אָבער ניט אינגער. און עס פאַר־קלעמט דאַריבער ביים האַרצן.

זי איז געזעסן מיט דער פּלייצע צום דאָרף און מיטן פּנים צו דער זון. זי האָט גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז הינטער איר איז

אָנהייב פון יונגן דאָרף. זי האָט מיטן חוש עפּעס דערשפּירט, און דער געדאַנק האָט זיך געוואָלט פאַרקלייבן צו יענער צייט, ווען אינאיינעם מיט דער שטוב, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָקסן, איז זי אויך געוואָקסן... האָט זי דאַריבער אָפּגעווונדט דעם קאָפּ צום דאָרף, און דערקענט פונוויטנס, אַז בערע קאָוואַלסקי שפּרייזט פון דאָרף; מיט שווערע טריט שפּרייזט ער גלייך צו איר.

— הא, ער גייט אַהער!... וואָס גייט ער עפּעס אַהער? אַזוי לאַנג מיט אים זיך כמעט אויסגעמיטן, און איצטער... וואָס גייט ער אַהער?

דאָס בלוט האָט זודיק אַ שטראָם געטאָן אין די אָדערן; דאָס גאַנצע לייב האָט פּלוצלונג אַ קוועל געטאָן; די איינגעצויגענע פּיס האָבן אויפגעוואַכט; ס'האַרץ האָט זיך דערשפּירט ענג און אָנגעהויבן אַזוי הויך צו האַמערן — אַזש אין די אויערן האָט עס אָפּגעקלונגען. לאַנע איז געבליבן אויף איר אָרט. זי האָט שוין כמעט פאַרנומען זיינע טריט, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין איר בלוט. כאָטש זי האָט געהערט, ווי ער שפּרייזט מיט שווערע, זיכערע טריט גלייך צונ'איר — האָט זי פונדעסטוועגן דעם קאָפּ מער צום דאָרף ניט געווענדט. זי האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַז ווען ער וועט זיך דערנענטערן, זאָל שוין איר לייב זיין באַרואיקט, און פון איר פּנים זאָל די היץ אָפּ־טרעטן. זי האָט געגלעט מיט די קילע הענט די אָנגעצונדענע באַקן, און די באַקן זענען ניט געווען צופרידן מיט דער גראָבער, מאָזעלי־סטער הויט פון די הענט.

בערע איז אָנגעקומען; אָן קיין שום רייד האָט ער זיך אַראָפּ־געלאָזן זייט־ביי־זייט נעבן איר. אַזוי דיכט צונ'איר האָט ער זיך געזעצט — ער האָט איר אַזש ענג געמאַכט. זי האָט זיך ניט גע־פּרוּאווט אָפּרוקן פון אים. אָבער אָנשטאָט פריערדיקער היץ, וואָס האָט געשלאָגן פון איר לייב, איז איצטער אַ קעלט אַרויסגעקומען פון איר אינער־לעבן, און געוואָרפן איר לייב אין אַ לייכטן שוידער.

בערע האָט עס געשפּירט. ער האָט די ערשטע רגע איבערגע־טראָגן אויף זיך די שולד פון לאַנעס אויפרעגונג, און האָט במחשבה זיך אַליין געמאַכט פאַרוואורף. ער האָט אויף גיך געזוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט מיט וואָס אָנצוהייבן; כאָטש די סיבה פון זיין לאָזן

זיך אין פעלד אריין אויף לאנעס שפורן איז געווען א בריוו, וואס ער האט דערהאלטן פון מאסקווע. לאנען דער ערשטער האט ער דעם בריוו געוואלט לייענען. אבער אנהייבן באדארף ער דאך מיט עפעס אנדערש, נאכדעם ווי שוין אזא לאנגע צייט, וואס זיי האבן איינס פון אנדערן אפגעקערט.

ער האט באמערקט א טייל פון אירע בארוועסע טריט וואס האבן ארויסגעשטעקט פון אונטערן קליידל. די פינגער פון די פיס זענען געווען רויט פון קעלט. ער אליין איז געווען אין שווערע, אבער גוטע שטיוול. האט ער אריינגענומען אין האנט אלע פינף פינגער פון איר רעכטן פוס, און געשפירט ווי זיי זענען אייז־קאלט; און ס'האט אים ווידער פארדראסן, וואס ער האט נאך ניט געפונען דאס פאסיקעווארט אנצוהייבן. באנ'אים איז געווען דער פארלאנג אנצואווארימען די פינגער פון אירע פיס; האט ער פארנומען אין זיינע הענט אויך די פינגער פון דעם לינקן פוס, וואס זענען נאך א סך קעלטער געווען.

אין לאנען האט עס א פויש געטאן צום לאכן; זי האט זיך איינגעהאלטן און ניט געלאכט.

בערע האט עס דערשפירט; אים איז מיטאמאל גרינגער געווארן:

— מען טאר אין אזא קאלטן פרימארגן ניט ארויסגיין בארוועס —האט ער שטיל געזאגט.

לאנע האט אים א ווילע אנגעקוקט; האט באפרייט אירע טריט פון זיינע הענט; האט ארונטערגעצויגן די פיס אונטערן קליידל, און אראפגעשלעפט דאס קליידל נידעריקער.

— כ'מיין עס ערנסט, לאנע.

— קינדער פון בורזשויסקע טאטעס זענען בעסער ניט ווערט.

— נעמסט אליין אויף זיך א שטראף?

— קיינער נעמט ניט אליין קיין שטראף אויף זיך; פאראן דא אין לאנד געזעצן וואס האבן א רעכט צו באשטראפן.

— דיך באשטראפט דען אימיצער?

— איך באקלאג זיך ניט. כ'האב אליין, מיט מיין פולן באוואוסטזיין, אויסגעקליבן מיין וועג. ס'איז ניט קיין שטראף.

— דיך האָט דיין טאַטע באַשטראָפט, מער קיינער ניט.

— וואָס מיינסטו?...

— ווען ער האָט דיך אויסגעפּאַטשט.

לאַנע האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע צעשראָקענע אויגן: אירע אויגן זענען נאָך אַמאָל אַזוי גרויס געוואָרן. זי האָט גאָרניט געזאָגט. אירע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן מיט שרעק און פאָרוואורף; מיט חשד און תחינה.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן דערשראָקן?

— איך, דערשראָקן?

— ניט נאָר דערשראָקן; אַזויפיל בייזקייט אין דיינע אויגן!

— דאָס ניט; בייז בין איך ניט. אָ, ניין... כ'האָב געהאַט אַ גרונט צו זיין בייז, נאָר כ'בין עס ניט. ווער האָט דיר דערציילט, אַז מיין טאַטע האָט מיך אויסגעפּאַטשט?

— כ'ווייס.

— מוזט עס מיר באַלד זאָגן.

— ניין, כ'וועל דיר ניט אויסזאָגן.

— וועל איך מיט דיר ניט רעדן.

— באַדאַרף מען ניט... איז דאָס דיר דיינע אַ זאַך. נאָר ווען אַן אַמאָליקער רייכער תבואה־סוחר פּאַטשט זיין טאָכטער דערפאַר, וואָס זי איז ניט קיין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע, דאָס האָט שוין אַביסל צו טאָן מיט מיר אויך.

לאַנע האָט אַ לאַך געטאָן; געביטן איר שטים און געגלעט זיין האָלדז און נאַקן, ווען זי האָט גערעדט:

— זאָג מיר, בערע, ווער האָט עס דיר דערציילט?

— זעסט, איך ווייס; ס'איז אמת!

— וואָס־זשע ווילסטו איצטער פון מיר?

— באַדאַרפט וואָלט איך וועלן פון דיר גאָר אַ סך; איך האָב באַדאַרפט פאָדערן פון דיר, זאָלסט אַזאַ טאַטן באַטראַכטן, ניט נאָר פאַר דיין שונא, נאָר פאַר אַ שונא פון דער רעוואָלוציע.

— וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען?

— אַזעלכע מענטשן טאָרן זיך דאָ מיט זייער פּוס ניט געפינען.

— ביסט שטרענג צו יענעמס אַ טאַטן...

— איך וואָלט געווען שטרענג צו מיין אייגענעם טאַטן אויך; איך וואָלט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט.

— ניין, וואָלסט עס ניט געטאָן — האָט אים לאַנע געשמייכלט מיט גוטע ווארימע אויגן אין פּנים אַריין — די רעוואָלוציע פאָדערט איצטער ניט אַזאַ זאַך.

— איצטער, ווי אין בירגער־קריג!

— איצטער בויען מיר.

— אָך און ווי צו אַזאַ בויען!... דאָ האָב איך אַ בריוו, וואָס כ׳וויל דיר איבערלייענען.

— פונוואַנען איז דער בריוו?

— פון מאָסקווע; פון מיין שוועסטערקינד; פון אַ בחור; האָב ניט קיין מורא...

לאַנע האָט פון בערעס האַנט אַרויסגעכאַפּט דעם בריוו; צוויי שמאָלע בייגעלעך פּאַפּיר, באַשריבן מיט פיאָלעטן־טינט. זי האָט דעם בריוו באַטראַכט פון אַלע זייטן: האָט זיך מער צום פּאַפּיר צוגעקוקט, ווי צום כּתב.

בערע האָט באַמערקט לאַנעס צעשטרייטקייט; האָט פון איר האַנט אַרויסגענומען דעם בריוו און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיר איבערלייענען אַ שטיקל פון בריוו; וועסט זען, וואָס רעוואָלוציאָנערן טוען אין מאָסקווע.

— גוט, לייען, כ׳וויל הערן, — און זי האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין לינקן אַקסל.

בערע האָט געלעזן מיט אַ הייזעריקייט אין שטים: „מיר דאָ אין פאַבריק שטרעקן אויס אַ האַנט צו׳ן אייך אין פעלד. כ׳ווייס, דיר איז מסתמא אַ סך שווערער אין פעלד ווי מיר אין פאַבריק, כאָטש איך אַרבעט ביי מעטאַל: אָבער דו און דיין גלייכן נעמען איין פון שונא אונדזער ערד. כ׳ווייס, מיר האָבן נאָך אַזויפיל שונאים אויף איעדן שריט און טריט דאָ אין שטאָט אויף דער פאַבריק; די שונאים זענען אין די אייגענע רייען. אָבער די פאַבריק געהער שוין פאַרט צום אַרבעטער־קלאַס. דאָס וואָס מיר בויען דאָ, איז שוין אודאי

אונדזערס; באַפרייט און אונדזערס. דאָרטן האָט איר נאָך אָנצופירן דעם קאַמף אויף אַ ברייטן שטח; אויף הונדערטער און טויזנטער מײלן גײט אָן אײער קאַמף. מיר ווייסן דאָ אויף דער פאַבריק, ווי שווער איר וועט נאָך דאַרפן קעמפן, ביז די פעלדער וועלן באַפרייט ווערן. רויטע פעלדער; רויטע פאַבריקן... ניט רויט פון בלוט — נאָר רויט פון זונאויפגאַנג; פון באַגינענליכט..."

— האַ, דאָס איז שיין! ווער איז ער, וואָס שרייבט דיר?

— מיין טאַטנס ברודערס אַ זון; ער איז אין מיינע יאָרן. מיט מיר אינאיינעם געווען אין בירגער־קריג.

לאַנע האָט גענומען פון בערעס האַנט דעם בריוו און אַריינגעקוקט אין אים. אַליין פאַר זיך האָט זי איבערגע'חזר'ט: „רויטע פעלדער, רויטע פאַבריקן; ניט רויט פון בלוט — נאָר רויט פון זונאויפגאַנג; פון באַגינענליכט..."

— ווי האַלט עס מיט אונדזערע רויטע פעלדער? — האָט בערע גערעדט, און ווידער אַריינגענומען אין זיין ברייטער האַנט אַריין אַלע פינף פינגער פון איר לינקן פוס, — יאָ, לאַנע, ווי האַלט עס מיט אונדזערע רויטע פעלדער? זאָגסט, אַז מיר באַדאַרפן ניט זיין שטרענג מיט אונדזערע אייגענע טאַטעס, אַזוי זאָגסטו. ווער זענען אונדזערע טאַטעס — די, וואָס האָבן געהאָלפן מיר זאָלן געבוירן ווערן? שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ, לאַנע! דיין מאַמע איז אומגעקומען אין די פּאָגראָמען, קענסטו אָן איר ניט פאַרגעסן; דיין שוועסטער קען אויך אָן איר ניט פאַרגעסן. די רעוואָלוציע איז אייער מאַמע. די נייע צייט איז אייער מאַמע! שלאָג צוריק איעדן, וואָס שטרעקט אויס אַ האַנט אויף דיר, מיינענדיק, אַז ער איז דיין טאַטע און האָט רעכט! זיי ווייסן, לאַנע, איך האַלט אָן אויג אויף דיין טאַטן; מיט דיינע הענט וועסטו אים ניט פאַרשטעלן: מיט דיין קליידל וועסטו אים ניט באַשיצן, ווען די צייט וועט קומען צו נעמען פון אים חשבון. יאָ, לאַנע, די צייט וועט קומען, ווען די רעוואָלוציע וועט זיך פאַרקלייבן אין פעלד אַריין; יעמאָלט וועט באַוויזן ווערן, ווער ס'איז מיט איר און ווער ניט. די רעוואָלוציע וועט זיין שטרענג מיט אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן; זאָלן עס זיין טאַטעס; זאָלן עס זיין מאַמעס. צו מיר האָסטו יעמאָלט באַדאַרפט קומען און

דערציילן. איך וואָלט אים אַרעסטירט, און געזען, מען זאָל אים פאַר׳משפּט׳ן...

— קענסט עס נאָך איצטער אויך טאָן.

— אַז דו וועסט הייסן, וועל איך עס טאָן.

— צוליב וואָס באַדאַרפסטו מיין הסכמה?

— נאָר יעמאָלט וואָלט איך געהאַט די פולע רעכט דאָס צו טאָן.

— אויב דו פאַרשטייסט אים אַזוי...

— ווען דו קומסט און קלאָגסט אָן דיין אייגענעם טאַטן פאַר קאָנטר־רעוואָלוציע, יעמאָלט איז פאַראַן די רעוואָלוציאָנערע גערעכ־טיקייט, וואָס ווייסט ניט פון קיין רחמנות. אָבער ווען דו באַשיצסט אים, זענט איר ביידע פון איין טייג געקנאָטן! יעמאָלט באַדאַרף מען וואַרטן, ביז ער וועט אַריינפאַלן אויפן חשבון פון זיינע אַנדערע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מעשים. נאָר אויב אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער אַ טאַטע שלאָגט זיין טאָכטער, און זי נעמט עס אָן פאַר גוט — זענען זיי ביידע איינס פאַרן אַנדערן ניט בעסער. כ׳ווייס שוין לאַנג פון דעם; האָב דיך דאַריבער אויסגעמיטן...

— האָסט מיך אויסגעמיטן?

— אודאי האָב איך דיך אויסגעמיטן.

— האָסט געקענט איצטער אויך בלייבן פונדערווייטן.

— כ׳האָב דיר געוואָלט לייענען דעם בריוו; ס׳איז אַ שטים פון מאָסקווע, האָב איך געוואָלט, זאָלסט עס הערן.

— דאָס איז אַלץ?

— כדאי צו וויסן וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער אויף דער פאַבריק טראַכט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פויער אין פעלד.

לאַנגע האָט געקוקט אינדערווייט. איר געדאַנק איז נאָכגעגאַנגען די צעשטרייטע אויגן. די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער און אויסגעצויגן נאָך דעם טוי וואָס איז פאַרבליבן נאָכן ביינאַכטיקן, ווייסן פרעסטל. די רייד וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהערט פון בערען, אינאיינעם מיט דעם, וואָס ער האָט פאַר איר געלייענט פון בריוו, קלעפּט זיך ניט אַזוי שטאַרק צו איר איצטיקן געמיט. „רויטע פאַב־ריקן", „רויטע פעלדער", „רויט פון באַגינענליכט"... אָט איז זי היינט אַרויסגעקומען אין פעלד; אַרויסגעקומען אין קאַלטן, פּראָסטיקן

באגינען: ברייטער, אָפּענער סטעפּ, שפּעטער האַרבסט־געוועלק, און גרינער אויפגאַנג פון ווינטער־ווייץ — — — רעוואָלוציע... רעוואָלוציע... און אַ טאַטע, אַזאַ פאַרביטערטער טאַטע, וואָס האָט אויף איר אויפגעהויבן אַ האַנט; און די רעוואָלוציע טענה'ט, מע זאָל דעם טאַטנס האַנט באַשטראָפן...

בערע האָט אויך אַ צייט געשוויגן; אויך זיינע מחשבות האָבן זיך צעשטרייטע אָוועקגעטראָגן, עט ווייט, אַזש ביז קיין מאָסקווע. זיין שוועסטערקינד, וואָס שרייבט אים דעם בריוו, איז ווי ער פונדערהיים געווען אַ שמיד; איצטער אַרבעט ער דאָרטן ביי מעטאַל; געווען אַ שמיד — לעבט ער זיך ווידער אוים ביי מעטאַל! און ער, אויך אַ שמיד, ער האָט מקנא געווען די פויערים וואָס פלעגן ברענגען צו זיין טאַטן אין קוזשניע אריין שאַרפן סערפּן, קאָסעס און אַקער־אייזנס. איצטער איז ער אין פעלד. אַזאַ גרויסער זומער געווען אין פעלד. ער האָט די ערד אויפגעריסן אין פרילינג, געזייט אין איר, און שפּעטער געשניטן די תבואה. ווידער די ערד אויפגעריסן אין האַרבסט, פאַרזייט ווייץ, און די זריעה איז אויפגעגאַנגען... איז דאָס ניט אַזוי רעוואָלוציאָנער ווי אַרבעטן אין מאָסקווע ביי מעטאַל? כאָטש זעלטן, קלינגט נאָך איצטער זיין האַמער אויף דער קאָוואַדלע...

אַ לאַנגע צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן. ניט געווען קיין חשק צו רעדן. אמת, דאָס וואָס ער האָט איר אַרויסגעלייענט פון בריוו, איז אויך אירס. זי לעבט עס איבער פונקט ווי בערע. בערע איז גערעכט, ווי די רעוואָלוציע איז גערעכט... און דאָך גייט אויף פאַר איר דמיון דאָס בלאַסע געשטאַלט פון איר טאַטן; ער קלאַפּט זיך אין ברוסט און שרייט: „איך בין נישט קיין צעשטערער! איך בין נאָך אַ גוצלעכער מענטש — זאָל מען מיך לאָזן לעבן!..." איר טאַטע וויל לעבן. און וואָס מיינט „אַרויסצוגעבן" אַ טאַטן? ער וויל, אַז נאָר אַ קינד זאָל דעם טאַטן אַרויסגעבן; ער וויל, זי זאָל פאַר'משפּט'ן איר טאַטן. בערע שטעלט זי צום פּרואוו: וועט זי הייסן פאַר־משפּט'ן דעם טאַטן אירן — וועט זי אויסהאַלטן דעם רעוואָלוציאָנערן עקזאַמען; און טאָמער ניט — איז זי אַליין אַ פאַר'משפּט'ע!...

לאַנגע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. איר איז געווען אומבאַקוועם וואָס ער איז אין שטיול און זי — אַ באָרוועסע. זי האָט

חשק: אַזוי נעמען און זיך אָפּוועגדן פון בערען, וואָס זיצט נאָך אויף דער ערד, אויסדרייען זיך צונ'אים מיט דער פּלייצע, און מיט פּאַמעלעכע, באַרוועסע טריט אַוועקשפּרייזן; פּאַמעלעך אַזוי, פונאינ־דערפרי ביז ביינאַכט שפּרייזן — ביז אַ קאַלטע, פּראַסטיקע נאַכט וועט זיך ווידער אַראָפּלאָזן אויף דער ערד... „יאָ, און וואָס וועט זיין דער תכלית? אַזוי פּילט און טראַכט אודאי דער טאַטע, וואָווע ברעזער..." שטרענג, קאַלט און שטרענג איז ער איצטער אַרויסגע־קומען צונ'איר. געקומען איר לייענען אַ בריוו פון מאָסקווע... „איז דאָרטן אין פּאַבריק, ביים מעטאַל אַרבעטנדיק, קיין ליבע ניטאָ? איז דאָרט אַלץ אַזוי קאַלט און שטרענג? טאָ ווי אַזוי וועט עס אויפגיין די זון רויט איבער שטאָט און דאָרף, איבער פּאַבריק און פעלד? ווי אַזוי וועט עס געשען אָן ליבע?..."

בערע איז אויך אויפגעשטאַנען פון אָרט; ער האָט באַטראַכט לאַנגעם שמאָלע פּלייצע און די פון קעלט רויטע טריט אירע. פאַר זיין רעיון האָט אַ שיין געטאָן די ספּריטנע לאַנע, וואָס איז מיט זיבן חדשים צוריק, אין אַ ליכטיקן פרילינג־באַגינען, אָנגעקומען אין סטעפּ. ער זעט זי, ווי זי שלעפּט זיך מיט די אָקסן פון שטאָט, שלעפּט געהילץ און ציגל פאַר אַ שטוב; ער זעט זי קנעטן מיט די פיס ליים... געוועזן יעמאָלט קלענערע פיס; ראָזע פיס; און איצ־טער — — — איז דאָס נויטיק געווען, פון איר זאָל אַזויפיל אָפּקומען אין איין לאַנגן זומער?

ער איז צוגעגאַנגען צו לאַנען, אָנגענומען אירעביידע הענט און אומגעקערט זי מיטן פּנים צו זיך. זי האָט אים אויסגעזען אַזוי קליין, אַזוי קליין! נאָר אירע אויגן — אַזוי גרויס, אַזוי שוואַרץ און טיף!... זי האָט אויך אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן; ער האָט איר איצטער אויסגעזען אַזוי הויך, גלייך און שטרענג! די אויגן, כאָטש בלויע, אָבער קאַלטע, קאַלטע...

— כ'וועל היינט אַריינקומען צונ'איך; כ'וועל האָבן אַ שמועס מיט דיין טאַטן — האָט בערע רואיק געזאָגט. קיין איין נערוו האָט אויף זיין פּנים ניט געציטערט.

— ניין, ניט דאָס פאַרלאַנג איך פון דיר — האָט לאַנע, מיט אויגן צו דער ערד, געענטפערט.

— דו ווייסט דאָך ניט וואָס איך וויל רעדן מיט דיין טאַטן.
— מיר איז אַלץ איינס.
— ווילסטו אפילו ניט, איך זאָל אריינקומען צונ'אייך אין שטוב?
— לאָז מיך איצטער; לאָז מיך אליין — האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטים געבעטן.
און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט רויט־געפּרוירענע טריט האָט זי פּאַמעלעך אוועקגעשפּרייזט איבער דער גרוי־געלער האַרבסטיקער ערד.
— לאַנע!... — האָט ער שטיל נאָכגערופן.
זי האָט זיך ניט אומגעקוקט.

* * *

בערע איז אַ צייט געשטאַנען אַ צעטומלטער. נאָכגעקוקט לאַנען, ביז זי איז פאַרשוואונדן פון אויג; דערנאָכדעם האָט ער שווער אוועקגעבראַדזשעט איבער די פעלדער, און געשפּירט ווי עס ווערט אים אין זיין ברוסט אַלץ ענגער... אים פאַרדריסט, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער מיינט זייער גוט, ווען ער וויל מיט לאַנען אַרומרעדן די גרויסע מעשים פון דער רעוואָלוציע — מישן זיך אריין געפילן, וואָס געהערן צו אַ וועלט וואָס שטאַרבט, צו דער ברעזער־וועלט, און צעשטערן אַלע זיינע גוטע מחשבות. דוכט זיך, אַזאַ שיינעם בריוו פון מאָסקווע האָט ער איר געלייענט, אַ בריוו מיט אַזעלכע שיינע ווערטער וועגן דער נייער צייט און גרויסע האָפענונגען אין שטאָט, אויף דער פאַבריק, און אין פעלד, וואו אידן בויען אַ סאָציאַליסטישע היים... האָט דען צוליב אַזאַ בריוו באַדאַרפט אַרויסקומען, זי זאָל אים איבערלאָזן אַליין אין פעלד, אפילו זיך ניט אומקוקן ווען ער האָט גערופן?...
אים האָט דאַסמאָל געקלעמט לאַנעס אויסזען: אירע באַרוועסע, פון קעלט רויט־אָנגעלאָפענע פיס; אירע שמאָלע אַקסלען און די גרויסע, צעשראָקענע אויגן. „יאָ, לאַנע איז פאַרט ניט געראָטן אין אַבי־וואָס פאַר אַ מיידל — טראַכט בערע — זי האָט פאַרט גענומען

און אוועקגעגעבן זיך דער רעוואָלוציע... צופיל האָט זי פאַר איין זומער דאָ אין סטעפּ פון זיך אָנגעוואוירן. וואָס זאָל זי טאָן מיט איר טאַטן, אויב ער איז אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער?..." ווען ער טראַכט אַזוי, ווערט אים נאָך שווערער אויפן האַרצן. ער וויל דאָך לאָנען באַווייזן, אַז צונ'איר האָט ער ניט קיין תרעומות; אדרבה, ער איז נאָר חושד, וואָס שוין צופיל וויל זי זיך אויספּיינען; זי סטאַרעט זיך באַווייזן, אַז נאָר אויף אַזעלכע ווי זי קוקט די רעוואָלוציע אַרויס.

— לאָנע רעדט נאָך פון ליבע — האָט בערע גע'טענה'ט צום גרין־אויפגעגאַנגענעם ווינטערוויץ — ס'איז אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער ענין. ליבע... מהום... אַזאַ ווערטל ניט כדאי אַרויפצוברענגען אויף די ליפּן. אַז די צייט קומט, ווען אַ מאַן באַגעגנט די פרוי, וואָס צונ'איר גלוסטן זיינע געבליטן, באַדאַרף ער צונ'איר צוגיין ווי צו אַ ברונעם און בעטן אַ טרונק וואַסער...

דאַריבער, איעדעס מאָל, ווען ער דערנענטערט זיך צו לאָנען, קומט צווישן זיי אַ דערוווייטערונג. וואָס נענטער ער קומט צו איר — אַלץ ווייטער שפּרינגט זי אָפּ פון אים. און פאַרקערט, ווען זי דערנענטערט זיך צו בערען — שפּרינגט ער אָפּ אויף טויזנט מייל... אים ווערט פאַרנעבלט אין מוח; טונקל ווערט עס אים אין די געבליטן. אָפטמאָל וואַרפט עס אים אַריין אין היץ, און אָפטמאָל שוידערט אַ קעלט זיין לייב.

בערע איז אומגעגאַנגען אין פעלד, און צו אים האָט גערעדט דער האַרבסטיקער, אָפּגעוועלקטער סטעפּ; דערציילט פון אַ זומער, וואָס איז אַזוי גיך פאַרשוואונדן הינטער די ווייטע הימלען. די ווינטער־זריעה, די גרינע, אויפגעקומענע גרעזעלעך איבער דעם ווייצנפעלד — זיי וועקן איצטער אַ קלעמעניש אין האַרצן.

— מע טאָר עס ניט לאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין; הלואי נעמט זי און פאָרט אויף ווינטער אוועק; דאָס וואָלט געווען צום בעסטן... נאָר אויב זי בלייבט דאָ ווינטערן, טאָר מען עס אַזוי ניט לאָזן...

און ער שפּירט, אַז צווישן אים און איר שטייט אַ וואַנט ברעזער! צווישן אים און איר שטייט די נייע צייט, וואָס גיסט אָן

זיין לעבן מיט ווארימקייט און ליכטיקייט, און ווענדט אָפּ זיין מהות פון אַזעלכע „קליינינקייטן", ווי ליבע צו אַ מיידל וואָס הייסט לאַנע ברעזער...

פונדעסטוועגן איז ער דעם אייגענעם פאַרנאַכט שיעור ניט צוגע־גאַנגען ביז צו די ברעזערס; געוואָלט אַריין אין שטוב אַריין און האָבן אַ שמועס מיט לאַנען; ער האָט איר געוואָלט איינלאַדן, זי זאָל מיט אים אַרויספאָרן און אַ קוק טאָן וואָס סע הערט זיך אין די יונגע, אידישע דערפער. ער האָט שוין פון לאַנג געטראַכט, ווען ער וועט זיך אַרומטאָן מיט דער אַרבעט, די ווינטער־זריעה וועט אויפגיין — וועט ער זיך דורכפאָרן איבער קרימער סטעפּ. אָבער כמעט ביי דער ברעזער־שטוב האָט זיך בערע געכאַפּט, אַז עס וועט קיין פּנים ניט האָבן, אויב ער וועט אַליין מיט לאַנען אַרויספאָרן. ערשטנס, קען לאַנע גאָר נעמען און פּשוט און פּראָסט אים אָפּזאָגן... און בכלל, מיט איר אַליין — מען וועט אים באַרעדן; פון ביידע צדדים וועט מען אים קענען באַרעדן, און אפשר אויסלאַכן אויך.

האָט בערע גענומען און פאַרקערעוועט צו יוסף ראַטנער.

— וואָס טוסטו, פּוליאַק? — האָט בערע איבערגעשראָקן יוסף׳ן, וואָס איז געשטאַנען ביים קוימען און געהאָרעוועט אויפצווזידן אַ טשייניק וואַסער.

יוסף׳ן איז געפעלן געווען, וואָס בערע איז געקומען אַן אויפגע־לייגטער.

— דו, בערע, דרייסט זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס, באשר די מאַמע קאָכט און זעט, דו זאָלסט ניט קראַפּירן פון הונגער.

— ביסט גערעכט, יוסף; איך פאַרדין איצטער ניט מיין עסן. בין געקומען דיך איינלאַדן, זאָלסט אינאיינעם מיט מיר מאָרגן באַגינען אַרויספאָרן איבער די אידישע דערפער. וועל שפּאַנען מיינע פערד.

— הא... וואויל ווי די וועלט!

יוסף האָט זיך שיעור ניט אַרויפגעוואָרפן אויף בערען קושן; זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן און געלויכטן.

— פונוואַנען האָסטו פאַרשטאַנען מיינע מחשבות, בערע? די לעצטע עטלעכע טעג האָב איך זיך געקליבן דיר עס זאָגן. כ׳האָב

שוין אפילו געקלערט אליין זיך אוועקצולאָזן צופוס איבער קרימער סטעפּ. געטראַכט, צופוס וועל איך אָנשפּארן אַ סך ווייטער ווי מיט די אָקסן. כ׳האָב דיך ליב דערפאר, בערע!

יוסף האָט ארומגענומען בערען, און אים אויפגעהויבן אינ־דערלופטן.

— ווי קלערסטו, יוסף, מע זאָל פאָרן אליין, אָדער אפשר נאָך אימיצן מיטנעמען?

— כ׳קלער, לאַנג וועט זיך אָנכאַפּן.

—מיינסטו, מע זאָל זי מיטנעמען?

— ווי דו פארשטייסט; מע קען גאָר סימקען מיטנעמען.

בערע און יוסף האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט; איינער ביים אַנדערן האָט עפּעס געפּאָרשט אין די אויגן; ביז יוסף האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן און זיך צעלאַכט:

— וואָס לאַכסטו? — איז בערע רויט געוואָרן.

— ביסט ווי אַ קינד; און אפשר מאַכסטו זיך אַזוי תמ׳עוואַטע...

— וואָס מיינסטו, יוסף?

— קום, לאָמיר אריבערגיין צו די מיידלעך און מיט זיי איבער־שמועסן.

— דו וועסט עס טאָן; רעד זיך דורך מיט לאַנען און מיט סימקען; כ׳וויל, מע זאָל מאָרגן פארטאָג ארויספאָרן.

— כ׳וועל אויסלעשן דאָס פייער, און מירןביידע אריבערגיין צו זיי; אפריער צו די ברעזערס, דערנאָכדעם צו די קרעטשמערס.

— צו די ברעזערס קען איך היינט ניט אריינגיין.

— אוי, בערע, די רעוואָלוציע האָט דיך געמאַכט פאר אויס מאַן!

— כאַ־כאַ־כאַ, פאר וועמען דען האָט זי מיך געמאַכט?

— די רעוואָלוציע האָט דיך געמאַכט פאר אַ מענטש...

— וואָס, אַ מענטש איז ניט קיין מאַן?

— אַ מאַן איז ניט קיין מענטש; ווי אַ פרוי, בשעת זי איז אַ פרוי, איז ניט קיין מענטש.

בערע האָט זיך פארטראַכט; יוסף׳ס פילאָזאָפיע איז אים תחילת שווער געווען צו באַנעמען. ער איז ווידער רויט געוואָרן.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, יוסף?

— פאַרשטייסט, בערע, דער מאַן טרייבט דיך צו לאַנע ברעזער, כאָטש זי איז אַ קינד ניט פון דיין קלאַס... נישקשה, ווי אַ מאַן וואָלסטו זי פאַרדייעט, כאַ־כאַ־כאַ! אָבער דער רעוואָלוציאָנערער מענטש אין דיר איז געוואָרן אַן איבערקלייבער.

— איז דאָס ניט גוט?

— די ריינע, הערלעכע רעוואָלוציאָנערע מענטשן — ניט שטענ־דיק געפעלן זיי מיר... דו, בערע, קענסט אָן דער רעוואָלוציע קיין טראָט ניט מאַכן; צו גיין צו די ברעזערס און איינלאַדן לאַנען, זי זאָל מיט אונדז אַרויספאָרן איבער די אידישע דערפער, מוזטו עס טאָן נאָר אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע?

— פאַרשטייסט ניט, יוסף; דו זעסט ניט די זאַך, ווי איך. דיר געפעלט דער מאַן בעסער ווי דער מענטש? האַ, זאָג, יוסף... דער מאַן האָט אין די פּאָגראָמען פאַרגוואַלדיקט אפילו אַלטע ווייבער, און דערנאָכדעם זיי דערשטאָכן; דער מאַן האָט פאַרגוואַלדיקט יונגע מיידלעך, און דערנאָך זיי אויפגעשניטן די בייכער און די בריסט אָפּגעשניטן... איז געקומען די רעוואָלוציע און האָט אַזאַ מאַן געהייסן „שטעלן צום ווענטל”; האָט אים דערשאָסן ווי אַ משוגע־געוואָרענעם הונט. נו, ווער איז גערעכט, דו, צי די רעוואָלוציע?

— פאַרשטייסט מיך ניט, בערע. איך האָב גאָרניט צום מענטשן; און האָב ניט קיין איין גוט וואָרט צו זאָגן אויף דעם מאַן וואָס דו דערמאָנסט. אודאי איז אַזאַ מאַן ווערט געווען, מע זאָל זיין לייב דורכשיסן ווי אַ רעשעטע. איך רעד דאָך איצטער פון דיר, בערע; איך האַלט דאָך פון דיר! כ'האָב שוין ניט איינמאָל געזאָגט, ווען מיר האָבן אַזעלכע ווי דו כאָטשבע אַ צענדליק אין יעדן דאָרף, וואָלטן מיר דאָ אַ נייע וועלט אויסגעבויט.

— זעסטו, יוסף, דאָס טרייבסטו איבער.

— כ'מיין וואָס איך זאָג, בערע... קום אַריבער צו די מיידלעך, און מיר וועלן אַרומשמועסן דעם גאַנצן ענין. ווען דו וואָלסט פאָרן מיט די אָקסן, האָב איך געקענט מיינע אָקסן אויך איינשפּאַנען. האַ, בערע, אפשר טאַקע לאָמיר איינשפּאַנען אָקסן און אַזוי פּאַמעלעכקע וועלן מיר זיך אַרויסלאָזן; וואָס טאַקע די איילעניש?

— וועל שפּאַנען די פערד. ווי פערד קריכן ניט, קען מען נאָך אַלץ דריי מאָל אַזוי ווייט מיט זיי אָנשפּאַרן אין איין טאָג. איכ'ל גיין געבן די פערד עסן, און דו גיי, רעד איבער מיט די מיידלעך.

— ווּעסט דער קלענערער, ביילקען, אויך מיטנעמען?

— אויב זי וועט וועלן פאָרן.

— פאָלג מיך, בערע, עקשן זיך ניט, קום אַריבער צו לאַנען; ווילסט דאָך זי זען...

דערווייל איז אין איין־געלאָף אַריינגעקומען זלמן קאַסאַי; איז שיעור ניט געפאַלן איבער דער שוועל:

— גוט וואָס כ'האָב דיך געפונען, בערע, — האָט קאַסאַי אַ פאַרסאָפּעטער גערעדט — האָב נאָר־וואָס געקראָגן אַ ידיעה, אַז מיין ווייב און די אינגערע טאָכטער זענען אָנגעקומען; כ'וויל דיך בעטן, אפשר וואָלסטו געשפּאַנט די פערד, און פאָרן זיי אָפּנעמען... זענען אין שטאָט שוין פון נעכטן אָן; ניט געהאַט מיט וועמען צו באַפוילן. הא, וואָס זאָגסטו, בערע? כ'וואָלט מיט מיינע אָקסן געפאָרן, וועט אָבער אויסקומען צופיל צו שלעפּן זיך.

בערע האָט זיך איבערגעקוקט מיט יוספ'ן.

— הייסט עס גאָר, אויפן ווינטער קומען אייערע לייט! דאָס איז גוט; דאָס איז אַ גוטער סימן.

— זאָל זיי נאָר דאָ געפעלן ווערן... האָב געטראַכט בעטן ביי די ברעזוערס די פערד; אפשר זאָל איך טאַקע אַריבערלויפן צו די ברעזוערס...

— גייט אַריבער צונ'אים, אויב ער וועט ניט פאָרן, וועל איך שפּאַנען מיינע פערד.

דער אַנטוישטער זלמן קאַסאַי האָט נאָך אַ ווײַלע אָנגעקוקט בערען; ער האָט ניט געקלערט, אַז בערע וועט אים אָפּזאָגן; ער האָט מער ניט געוואָלט צושטיין צו בערען.

— ביסט גערעכט, די ברעזוער־פערד זענען אויסגערוטע.

ביי די ווערטער האָט זלמן קאַסאַי אַרויסגעאיילט פון שטוב.

— כ'קלער, אפשר וואָלט איך טאַקע באַדאַרפט אַראָפּפאָרן און ברענגען זייניקע; האָסט געזען, ווי ער איז גאָר אויסער זיך...

— כאַ־כאַ־כאַ, ער איז דאָך אַ מאַן; אַ גאַנצן זומער אַליין, איינקליינינקייט!

— האָסט, יוסף, מיאוס'ע מחשבות.

— לאַנג וועט ביי דיר אויסכאַפּן די מצוה; וועסט זען, לאַנג גאָר וועט פאָרן ברענגען קאַסאַיס משפחה פון שטאָט.

בערע האָט זיך אַזש דערשראָקן פאַר יוסף'ס לעצטע ווערטער:

— לאַנג גאָר?...

— אודאי לאַנג; זי זוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצופאָרן.

— אויב אַזוי, וועל איך פאָרן ברענגען זיין משפחה; אודאי באַדאַרף מען אים אַרויסהעלפן; האָב אים ליב, כאָטש ער חבר'ט זיך מיט די ברעזערס.

בערע איז אַרויס פון שטוב, געוואָלט אָניאָגן זלמן קאַסאַי; אָבער יענער איז אַוועק אין איין־געלאָף. און איידער בערע האָט אים דעריאָגט, איז ער שוין געווען ביי די ברעזערס אין שטוב.

הינטער בערען איז אָנגעקומען יוסף; ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם; און איידער בערע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען ביי די ברעזערס אין שטוב; אָבער צו־שפּעט. זיי האָבן געטראָפן לאַנגען אַ פרייליכע, אַן אָנגעצונדענע מיט דער בשורה, אַז נאָך מענטשן קומען אָן; און דוקא אויפן ווינטער קומט מען אָן...

— ווער פאָרט נאָך מיט מיר היינט ביינאַכט אין שטאָט אַריין?

—האָט לאַנג פריילעך באַגעגנט יוספ'ן און בערען — איך פאָר ברענגען מענטשן אין אונדזער דאָרף אַריין! ווער פאָרט נאָך מיט מיר?

— איך פאָר מיט דיר — האָט קאַסאַי געזאָגט — מיין ווייב און טאָכטער, וועט שוין זיין זאַלבעפערט; און זייערע טלומיקעס באַדאַרפן אויך אַן אָרט; וויים איך ניט, צי דו וועסט נאָך אימיצן קענען מיטנעמען.

— פאָרסט נאָך היינט ביינאַכט? — האָט בערע געפרעגט.

— יאָ, היינט ביינאַכט. אויב דו ווילסט, וועלן מיר פאַר דיר מאַכן אַן אָרט; ווילסט מיטפאָרן?

יוסף האָט גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו? — האָט בערע, אַביסל צעטומלט, געפרעגט.

— אויב אַזוי, וועל איך לויפן אַ קוק טאָן אין שטוב; אין אַ שעה צוויי אַרום מסתּמא וועלן מיר אַרויספאָרן; כ'דאַנק דיר, לאַנע...

מיט דעם האָט קאַסאַי אַרויסגעאײַלט פון שטוב.

— זעסט, בערע, לאַנע האָט ביי דיר אויסגעכאַפּט די מצוה, איידער דו האָסט זיך אַרומגעקוקט.

בערע האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער טיר.

יוסף האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָס האָט עס איינס מיטן אַנדערן צו טאָן? מיר קענען פאָרן אין אַ פאָר טעג אַרום! לאָמיר איצטער אָפּרעדן מיט לאַנען וועגן אַרויסצופאָרן.

לאַנען איז אומעטיק געוואָרן; געוועזן אַ רעטעניש זייער ביידנס אַריינקומען. יוסף — ווי יוסף; אָבער בערע, ווי קומט ער איצטער אַהער?

— וואָס זענט איר געקומען און פאַרוואָס גייט איר שוין אַוועק?

— איך האָב זיך געשפּאַרט מיט בערען, וואָס איז וויכטיקער פאַר דער רעוואָלוציע, אַ מאַן, צי אַ מענטש?

— נו, איז וואָס?

— זענען מיר געקומען ביי דיר פרעגן, כאַ־כאַ־כאַ.

— קום, יוסף! — האָט אים בערע געצויגן פאַרן אַרבל.

לאַנע האָט זיך געשטעלט אין טיר, מיט ביידע הענט פאַרשטעלט דעם וועג, און מיט ברייט־געעפנטע אויגן האָט זי געוואַרט, די צוויי מענער זאָלן דערציילן וואָס זיי זענען געקומען.

— לאָמיר זיך איבערבעטן, זיי־זשע ניט קיין נאַר; לאָמיר זיך איבערבעטן — שטעל דעם סאַמאָוואַר...—

האָט יוסף געזונגען, קוקנדיק אַמאָל אויף לאַנען און אַמאָל אויף בערען.

לאַנען איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין; אין בערעס באַקן איז אָנגעשטאַנען אַ בלאַסקייט.

— וואָס איז מיט אייך, חברים, אויב איר זענט שוין אַריינגעקומען, טאָ וואָס גייט איר אַוועק? מסתּמא האָט איר דאָך געוואָלט עפּעס דערציילן... קומט טאָקע, העלפט מיר מאַכן דעם סאַמאָוואַר;

קום אריין, בערע, וועסט ניט באשטראָפט ווערן, אויב דו וועסט אביסל זיצן ביים קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אין שטוב, און באַנ׳אים טרינקען א גלאָז טיי... קום אריין, בערע, קום אריין...

בערע האָט זיך געלאָזט פירן טיפער אין שטוב אריין; ס׳האָט אים א ווײַלע פארשלאָגן דער אָטעם.

ער איז געקומען צו זיך און געזאָגט:

— דערציייל, יוסף, צוליב וואס מיר זענען געגאנגען אהער... כ׳וויל שפאנען די פערד, מיר זאָלן ארויספאָרן איבער די דערפער. כל זמן דער וועג איז נאָך טרוקן, קען מען עס טאָן.

— הא?... — האָט לאנע ניט געגלויבט אירע אויערן.

— געקלערט, מיר זאָלן מאָרגן ארויספאָרן; נו, פאָרסטו היינט ביינאכט אין שטאָט אריין; וועט׳ן באדארפן אָפּליגן אונדזער פאָרן ביז דו וועסט זיך אומקערן... פאָרסט דאָך אין שטאָט אריין ברענגען קאָסאָים משפחה?

לאנע האָט מיט גוטע אויגן אָנגעקוקט בערען און זיך שטיל צעלאכט.

— ווען איך האָב פערד — האָט יוסף געזאָגט — וואָלט איך געפאָרן אין שטאָט אריין ברענגען זיין משפחה; וואָלט לאנען פארביטן.

— כ׳וויל די פערד זאָלן זיך אויסרוען, כדי מיר זאָלן קענען מאכן מיט זיי א גוטע נסיעה.

— ניין, ניין, איך פאָר היינט ביינאכט אָפּנעמען קאָסאָים משפחה; זאָלן דיינע פערד זיך אויסרוען, בערע; מיט דיינע פערד וועלן מיר זיך לאָזן איבער די אידישע פעלדער!

בערע האָט זיך דערשפּירט נאריש. ווידער דאָס אייגענע: אין איין רגע האָט זיך איבערגעדרייט, אז לאנע גאָר איז די בריה! לאנע איז די וואכע, די איבערגעגעבענע; איז נאָך אלץ די, וועמען עס איז קיין שום זאך ניט שווער. בערע האָט געוואָלט ארויסקריכן פון דעם פלאָנטער און ניט געוואוסט ווי אזוי. אודאי וואָלט געווען מער יושר, ער, דער מאן, זאָל ארויספאָרן היינט ביינאכט; אָבער איצטער וועט ער עס ניט טאָן. איצטער איז ניט פאסיק; זי וועט עס ניט פארשטיין, ווי ער וואָלט וועלן... אפשר שפּעטער וועט ער

זיך אדורכרעדן מיט איר, און איר פארשפּאָרן זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט.

— ווערסטו, לאַנע, מיט מיר מיטפאָרן?... כ׳מיין, אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דו וועסט זיך אומקערן און אַביסל זיך אויסרוען?

— מירן פאָרן, מירן פאָרן, אודאי וועלן מיר פאָרן! אַלע וועלן מיר פאָרן... און איצטער, העלף מיר נאָר מאַכן דעם סאַמאָוואַר. טו, בערע, אוים אַ שטיוול, וועל איך אויפבלאָזן דעם סאַמאָוואַר!

בערע האָט געפאָלגט; האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל, און אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן דעם שטיוול פון רעכטן פוס.

יוסף האָט אונטערגעזונגען: „לאָמיר זיך איבערבעטן, איבער־בעטן — זיי־זשע ניט קיין נאַר... לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן, שטעל דעם סאַמאָוואַר...״

אין לאַנען איז געקוואָלן די פרייד ווי אַ פרישער שטראָם, און אַרויסגעוואַשן גאָר דעם טרויער וואָס האָט פון אינדערפרי אָן באַפאַלן איר לעבן.

XXVI

בערע איז ווינציק וואָס די נאַכט געשלאָפן. אַ פּאָר מאָל איז ער איז אַרויסגעגאַנגען דרויסן זען צי די פערד האָבן גענוג צו עסן; און פאַראייננוועגס אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגן, געפּרוּווט, צי עס וועט זיין ווייך צום זיצן.

דאָס צווייטע מאָל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבענאַכט; דער שווערער, פּראָסטיקער טוי, וואָס איז געלעגן אויפן סטעפּ, האָט זיך אויך נאַס און קאַלט אַריינגעקליבן אין וואָגן אַריין, און פייכט געמאַכט די אָנגעבעטע שטרוי; האָט בערע מיט אַ פּאָר צעריסענע זעק די שטרוי אין וואָגן אַריבערגע־דעקט. אין זיין לייב, ווי אויף אָן אַ שיעור דינע סטרונעס, האָט געשפּילט אַן אומרואיקע פרייד; זיין לייב האָט דורכגענומען האַלב־טאָגיקע, זומערדיקע היץ, און ווינטער־ביינאַכטיקע פּראָסטיקייט.

צום דריטן מאָל, אַז בערע איז אַרויס דרויסן, האָט אַנטקעגן אים אַ בליאַסק געטאָן דאָס ליכט פון די ווייטע ברעזער־פענצטער;

ליכט האָט ער אויך באַמערקט ביי די קרעטשמערס און ביי די ראַט־נערס. אין מזרח־דרום־הימל, ביים ראַנד, האָט געציטערט אַ ווייטער, בלאַסער שיין; די שטראַלן פון מאָרגנשטערן האָבן אויף אַלע זייטן מיט בלוי־ראָזן פייער געשפּיזלט.

— די חברה שלאָפן ניט — האָט בערע געערדט צום באַגינען — וועלן מיר זען ווער ס'וועט אַפריער צוקומען...

גוט וואָלט געווען, ווען די ערשטע קומט אָן לאַנע; ער וואָלט חשק געהאַט מיט איר פאַרוואַרפן אַ פּאָר ווערטער, איידער די אַנדערע קומען אָן; איידער מען זעצט זיך אויפן וואָגן, וואָלט ער איר חשק געהאַט זאָגן, אַז אויף איר איז ער בכלל גאָר קיינמאָל ניט געווען ברוגז; און איצטער, סע גייט צום ווינטער — מע טאָר ניט איינשלאָפן... יאָ, ס'וואָלט געווען פון וואָס צו רעדן, בעת ער פאָרט איצטער אַרוים אויף אַ באַזוך אין די יונגע, אידישע דערפער — ווען ער פאָרט אַרויס מיט איר, מיט לאַנען אַליין... נו, איז ניט אויסגעקומען. יוסף'ן האָט מען געמוזט פאַרבעטן צו פאָרן; האָט מען שוין דעריבער סימקען אויך פאַרבעטן. נאָר סע שאַדט ניט; נאָך אַלעמען בויט מען אינאיינעם אַ אידישן דאָרף; כאָטש ניט איעדערער לעבט מיט די אייגענע האָפענונגען.

בערע האָט דערהערט טריט; ער האָט דערקענט מענערשע טריט אין שווערע שטיוול, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין קאַלטן באַגינען. אין אַ ווײַלע אַרום איז יוסף אָנגעקומען. בערען האָט הנאה געטאָן, וואָס די חברה'לייט זענען וואַך.

— יוסף? אויפגעשטאַנען אין צייט! האָב געמיינט, מע וועט באַדאַרפן וואַרטן אויף די פּעפּערס. כ'גיי שוין איינשפּאַנען די פערד.

יוסף האָט פאַראיינוועגס אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגן, צי ס'איז ווייך אויסגעבעט: דערנאָכדעם האָט ער בערען אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע:

— דיר, בערע, בין איך פאַר אַלץ מוחל; פאַר אַזעלכע ווי דו וואָלט איך מיין קאָפּ געגעבן.

יוסף האָט ניט געקענט אַרויסזעען ווי זיינע רייד האָבן אָנגע־צונדן די פאַרבן אין בערעס פּנים.

— כ'ווייס, יוסף, מיר טוען איין אַרבעט... האָסט געקערט אַנקלאַפּן ביי די מיידלעך אין פענסטער, וואָרום איך גיין שוין שפּאַ־נען.

— פאַרלאָז זיך אויף זיי; זענען אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, פּונקט ווי איך האָב ניט געקענט מיט אַן אויג צומאַכן. נאָר אַ שאָד, בערע, מע וואָלט נאָך אימיצען געקענט נעמען אויפן וואָגן.

— נאָך איינעם וואָלט מען געקענט נעמען, אָבער פאַר צווייען איז קיין פּלאַץ ניטאָ; און ס'וואָלט געווען אַ ביסל צו שווער פאַר די פערד.

ביידע האָבן ניט דערמאָנט ביילקעס נאָמען. ביידע האָבן וועגן איר געטראַכט. מער ניט, וואָס בערע האָט אין דמיון שטענדיק גע־זעען ביילקען מיט זיין אינגערן ברודער, מיט נחום'ען, און יוסף האָט פון נחום'ען איצטער ניט געטראַכט. ער האָט געוואוסט, אַז ביילקע וועט גערנער בלייבן מיט נחום'ען אין דאָרף.

יוסף איז נאָכגעגאַנגען בערען אין שטאַל אַריין. אין שטאַל איז געווען וואַרימער ווי אינדרויסן. דער שאַרפער ריח פון בהמה'שן מיסט האָט אַ שפּיל געטאָן אין די נאָזלעכער. צוויי קי, אָפּגעצאַמט פון די פערד, זענען שווער געלעגן אין מיסט, האָבן זיך ביידע, מיט אַ טיפן קרעכץ, אויפגעהויבן. די פערד האָבן אַ שנאָרך געטאָן אין דער פינצטערער שטאַל; די פערד, מיט פּלעמלעך אין די אויגן, האָבן די קעפּ אומגעווענדט צו די מענטשן וואָס זענען אין שטאַל אַריינגעקומען, האָבן אַ שנאָרך געטאָן און געשנאָפּט די לופט.

בערע האָט אינדערפינצטער געטראָפן אָנצוטאָן די פערד די צוימען; און אַז מען איז אַרויס דרויסן, האָט ער געזאָגט:

— וואָלט גוט געווען, ביז די זון וועט אויפגיין זאָל מען שוין האָבן אַרויסגעפאָרן.

— ברוך, קאַלט, בערע! וועט אוודאי בייטאָג זיין וואַרימער; ווייזט אויף אַ שיינעם טאָג . . . רעדסט מיט איר, בערע?

— מיט וועמען?

— מיט לאַנען.

— כ'האָב זיך מיט איר קיינמאָל ניט געקריגט; ניט מער, אַז איך דערקען אין איר פּנים די ברעזערס...

בערע האָט געשפּאַנט די פערד און ווידער גערעדט:

— וועסט זען, יוסף, נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, וועסטו זיך אַליין ניט דערקענען... שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ דיינע נאַרישקייטן. איד, אידן, אידיש פאָלק... רק דאָס הערט מען פון דיר. ס'ווערט מיר אומעטיק, אַז איך הער אייך רעדן; פונקט ווי די גאַנצע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, כדי צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק...

יוסף האָט אים איצטער באמת ניט געוואָלט ענטפערן. ער האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס פונקט איצטער, איידער מען איז נאָך אַרויסגעפאָרן, האָט בערע פון דעם אָנגעהויבן. יוסף האָט געוואָלט די איצטיקע רייזע זאָל זיין אַ פרידלעכע, אַ פאַרגעניגנדיקע רייזע, נאָך אַ זומער פון שווערער אַרבעט און צוהונגערן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן:

— לאָמיר היינט וועגן דעם ניט רעדן; לאָמיר הנאה האָבן פון שיינעם פרימאָרגן; זעסטו, אָט־אָ דאָרטן פאַרנעמט זיך שוין גוט אויף טאָג!

יוסף איז געבליבן אַ ווײַלע מיט דער רעכטער האַנט אויסגעשטרעקט צום הימל. ס'האָט אים אַ שטומע קלעמעניש געכאַפּט ביים האַרצן:

לאַנגעם קלינגנדיקער געלעכטער האָט זיך דורכגעקייקלט לענגדאָרף, און שפּעטער — סימקעס מאַטער געלעכטער.ביידע מיידלעך זענען אָנגעקומען און איבערגעריסן די אומנויטיקע שווערע שטימונג, וואָס איז אָנגעקוואָלן צווישן די צוויי מענער. די מיידלעך זענען אָנגעקומען מיט שטורם; האָבן אַזש די פערד איבערגעשראָקן.

— אַזוי האָב איך אייך ליב — האָט בערע געזאָגט — אין צייט געקומען. און מיט פרייליכקייט געקומען, ניט ווי דער ציוניסט, וואָס...

יוסף האָט מיט דער האַנט בערען צוגעמאַכט דאָס מויל.

— קריג זיך ניט מיט מיר, בערע; סיידן דו ווילסט ניט כ'זאָל מיט דיר מיטפאָרן; אָבער סאַי־ווי וועל איך זיך אַרויפכאַפּן אויפן וואָגן.

עס זענען אַרויסגעקומען לייזער דער שמיד און נחום; אין אַ ווײַלע אַרום איז אויך וואָווע ברעזער אָנגעקומען. איידערער באַ־

זונדער האָט געפונען פאַר נויטיק אַ טאַפּ צו טאָן אין וואָגן, צי ס'וועט זיין ווייך צו פאָרן.

— נעמט מיך אויך מיט — האָט נחום געבעטן — כ'וועל די פערד ניט מאַכן שווערער.

—אויב דו ווילסט, קענסטו מיטפאָרן — האָט זיך בערע קאַלט אָפּגערופן.

— זיי אינדערהיים, נחום — האָט לייזער דער שמיד געזאָגט — אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך אויך אַרויספאָרן, וועל איך דיך מיטנעמען.

— געקערט זיך ווארים אָנטאָן, און כאָטש מיטנעמען גענוג צום עסן — דערביי האָט וואָווע אַריינגעלייגט אין וואָגן אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין אַ טיכל — זעסט, לאָנע, האָסט צוגעגרייט עסן און האָסט עס פאַרגעסן אין שטוב.

די מיידלעך האָבן זיך פאַרקליבן אין וואָגן אַריין; פאַרשטעקט די פיס אין ווייכן שטרוי. בערע האָט נאָך אויף אַ ווײַלע אַריינגעאיילט אין שטוב, און איז באַלד אַרויסגעקומען; האָט אויך מיטגעבראַכט אַ פּעקעלע עסן אין אַ פּאַטשיילקע איינגעוויקלט.

— לאָמיר ניט באַלעמוטשען, שפּרינג אַרויף, יוסף!

בערע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן. די פערד זענען געווען גוט אויסגערוט, און האָבן דעם וואָגן אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— זייט געזונט! — האָבןביידע מיידלעך נאָכגעשריען.

— פאָרט געזונט, גריסט איבערוואַנדערער! — האָט לייזער דער שמיד באַפוילן.

— גיב אויף זיך אַכטונג, — האָט וואָווע ברעזער נאָכגעשריען.

די אויסגערוטע פערד האָבן גרינג געטראָגן דעם וואָגן אויפן האַרטן, ליימיקן וועג, וואָס האָט זיך שוין קלאָר אָפּגעצייכנט צווישן די סטעפּישע, הערבסטיקע שטרעקעס. ביידע מיידלעך, וואָס זענען געזעסן פון הינטן, האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען, און ווי איינגעהערט איינער צו דער אַנדערערס האַרץ־קלאַפּעניש. בייביידן האָט דאָס בלוט געדודערט — אַזש דאָס וואָרט איז אויף אַ ווײַלע פאַרבלינעט געוואָרן. ווערטער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין האַרצקלאַפּעניש. אָן אויסטערלישער באַגינען. אָפּגעזומערט אַ זומער; גע־

אקערט, געזייט; געשניטן תבואה, און ווידער געאַקערט, און ווידער געזייט; און איצטער — גלייך ווי אַליין איז מען פון דער ערד אויפגעגאַנגען, באַגעגנען די זון וואָס באַדאַרף באַלד אויפגיין.

ביידע מענער האָבן אויך געשוויגן. יוסף איז געזעסן פון פאָרנט, זייט־ביי־זייט מיט בערען; יוסף און בערע האָבן אויך אויף אַ ווייל אַנגעוואָרן די רייד. יוספ'ן דוכט זיך, אַז בערע איז אין דער לעצטער רגע געווען אומצופרידן מיט אים: עס פאַרדריסט אים אביסל, וואָס ער איז איצטער אין וואָגן. יוסף הערט זיך איין מיטן גאַנצן מהות צו די צוויי מיידלעך הינטער אים; ער וויל זיך אויך דערגרונטעווען צו בערעס געפילן. ווען ניט סימקע, וואָלט ער זיך געוויס געשפּירט אַן איבעריקער אין וואָגן. וואָרים, ווי בערע און לאַנע האַלטן זיך די לעצטע צייט פונווייטנס, זענען זיי איצטער אין וואָגן דערנענטערט; טראַכטן איינס פון אַנדערן. ער און סימקע — צווישן זיי האָט זיך גאָרניט פאַרבונדן זינט סימקע קרעטשמער איז אָנגעקומען. פונדעסטוועגן וואָלט פאַרט גוט געווען, ווען לאַנע זעצט זיך איבער אויף זיין אָרט נעבן בערען, און ער, יוסף, וואָלט זיך געזעצט נעבן סימקען. „תחילת האָט מען זיך אַזוי באַדאַרפט זעצן..." — טראַכט ביי זיך יוסף.

באַשטימט געווען פון פריער, מען זאָל צום ערשטן פאָרן אין דאָרף וואו די פּאָלעסקינס האָבן זיך געפונען. אויף ימים נוראים, ווען די פּאָלעסניקעס זענען געווען צוגאַסט, האָט מען אַזוי אָפּגערעדט. אַ שעה דריטהאַלבן האָט די רייזע באַדאַרפט דויערן, ווען מען זאָל זיך אין וועג ניט אָפּשטעלן, און ווען די פערד זאָלן דעם גאַנצן וועג לויפן מיט דער איצטיקער פרישקייט.

— כאַ־כאַ־כאַ, וואוהין פאָרט איר עס, בחורים? — האָט סימקע אַ פרעג געטאָן און נענטער צו זיך פאַרנומען לאַנען.

— קום אַהער, יוסף, — האָט זיך לאַנע אָפּגערופן — קום אַהער, וועל איך אָן דיר אָנשפּאַרן דעם קאָפּ! סע שלעפערט מיר.

— כ'גלויב דיר ניט, לאַנע, — האָט יוסף געענטפערט.

— וואוהין פאָרט מען, בחורים? — האָט סימקע, ווי פריער, געפרעגט.

בערע האָט דעם קאָפּ אָפּגעווענדט צו די מיידלעך:

— וואוהין ווילט איר זאָל מען פאָרן? אויב אייך איז דאָרטן קאַלט, וועט׳ן זיך אומקערן צוריק אין דאָרף, און אויף אייער פּלאַץ פאַרנעמען די עלטערע אידן; זיי איז קיינמאָל ניט קאַלט, כאַ־כאַ־כאַ... וואָס האָסטו זיך אָנידערגעזעצט נעבן מיר, יוסף, און פרירסט? נעמט, מיידלעך, צו יוסף׳ן פון מיר!

— כ׳וועל אַליין פון דיר אַוועק; גיי, לאַנע, זעץ דו זיך אויף מיין אָרט...

— כ׳וויים ניט צי בערע וויל איך זאָל זיצן נעבן אים.

דערווייל האָט זיך יוסף איבערגעזעצט; איז אַריינגעקראָכן צווישן די צוויי מיידלעך; האָט אַליין ניט געוואוסט אַוואָסערער ער זאָל דערנענטערן צו זיך.

— קום צו מיר, לאַנע; קום, זע ווי דאָס ליכט רייסט זיך דאָרט פון אונטער דער ערד!

לאַנען האָט בערעס ווערטער געקלונגען ניי. ער רופט זי זיצן נעבן אים, און קוקן ווי דאָס באַגינען־ליכט רייסט זיך פון אהינטער דער ערד צום דרויסן; בערע זאָל גאָר פון דעם אָנהייבן?...

— גיי, לאַנע, — האָט איר סימקע אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער אריין — גיי, מאַכסט אונדז דאָ ענג; אמת, יוסף, זי מאַכט אונדז ענג?

— אויב אַזוי, גיי איך טאַקע פון אייך אַוועק... זע, יוסף, סימקען זאָל נעבן דיר זיין וואַרים, כאַ־כאַ־כאַ.

לאַנע האָט זיך איבערגעזעצט לעבן בערעס רעכטער זייט; האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל.

בערע האָט די בייטש, וואָס ער האָט געהאַט אין דער רעכטער האַנט, איבערגעגעבן דער לינקער; און מיט זיין רעכטן אָרעם האָט ער ארומגענומען לאַנעס קאָפּ. דאָס האַרץ האָט ביי אים שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט געוואוסט, אַז לאַנע הערט זיך איין צום קלאַפּן פון זיין האַרצן; ער האָט ניט געוואָלט, זיין האַרץ זאָל איצטער אַזוי האַמערן, אָבער ער האָט געמוזט זיין האַרץ נאָכגיין. ס׳האַרץ האָט געפאָדערט, נענטער צו זיך דריקן דעם קאָפּ פון מיידל, וואָס „טוט אים אַזויפיל צו׳להכעיס...” ס׳האַרץ האָט געפאָדערט צו פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע אָן דער רעוואָלוציע, פאַרגעסן אָן סערפּ

און האַמער, און נאָר טראַכטן פון איצטיקן באַגינען — דער ערשטער באַגינען נאָך אַזאַ לאַנגן, לאַנגן זומער, ווען די פרוי, וואָס איז פאַר אים אַ רעטעניש, זיצט זייט־ביי־זייט מיט אים, האַלט אַזוי נאָנט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט.

איינס נאָכן אַנדערן האָט דער הימל איז זיך אַריינגענומען די שטערן; דאָס ליכט אין מזרח־דרום־הימל האָט אָנגעוואָרן די בלאַס־קייט און זיך איבערגעגאָסן אין וואַרימען ראָז; די זון האָט פונ־דערטיף אַרויסגעהויכט ליכט און וואַרימקייט; כאָטש דאָס ליכט איז געווען שטאַרקער פון דער וואַרימקייט. עס האָבן זיך בולטער באַוויזן דאָ־און־דאָרטן קוראַי־קוסטעס; דאָ־און־דאָרטן איז פון אונ־טער אַ קוראַי־קוסט אַ האָז אַרויסגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן, אָוועקגעהיפּט אויף אַלע פיר. איעדנס מהות איז געווען געווענדט צום זונאויפגאַנג ווייט ביים ראַנד פון הימל; און איז אין דער איינענער צייט געווען געווענדט צום אייגענעם האַרצן, וואו ס'האָבן גערודערט פאַרשטומטע רייד.

יוסף האָט געזוכט רייד, אָנצוהייבן מיט סימקען. אַ טשיקאַווע איז זי, די סימקע, אין זיינע אויגן. אַ מיידל, וואָס האָט גאָר אַ סך איבערגעלעבט, געווען אין פּאָגראָמען און בירגערקריג, און מאַכט פון דעם קיין וועזן ניט. אים דוכט, אַז זי מאַכט אויך ניט קיין וועזן — ניט פון דער רעוואָלוציע און ניט פון ליבע. אים איז טשיקאַווע פון וואָס די דאָזיקע סימקע שמועסט מיט לאַנען; און בכלל, וואָס האָט די דאָזיקע צוויי פרויען אַזוי דערנענטערט איינס צום אַנדערן. יוסף ווייסט, אַז לאַנע גייט פון צייט־צו־צייט שלאָפן צו סימקען. איצטער זיצט ער נעבן איר, ער וויל זי פילן נאָנט, און זי איז פאַרט ווייט. אפשר איז דאָס זיין שולד; זי שפּירט אין אים ניט די צוגעלאָזנקייט. אַ פרוים מהות איז וואָך צו דעם, וואָס איז צו איר גענייגט... און ער, יוסף, איז דאָך בכלל צו קיינעם ניט אַזוי גענייגט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער האָט געפּרואווט דאָס מזל מיט ביילקען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז „איר קאָפּ איז פאַרטראָגן מיט דעם יונגן שנעק"... פונדעסטוועגן איז אים ליב, וואָס סימקע האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף זיינע פיס; האָט זיך באַקוועם געמאַכט, און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, מיטן קאָפּ אויף זיינע פיס.

לאַנע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ ווײַלע געקוקט צום באַגינען, און צוריק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף בערעס ברוסט. גוט איז איר וואָס אויפן וואָגן האָט קיינער איצטער ניט פאַרמאָגט קיין רייד. ווען זי האַלט איר קאָפּ אויף בערעס ברוסט — פאַרשווינדט זיין געשטאַלט פון איר דמיון. מיט אירע פאַר־מאַכטע אויגן זעט זי זיין איצטיק געשטאַלט ניט אַרויס. גרויס איז ער איצטער פאַר איר דמיון... אַ גרויסער אַזאַ איז ער דאָ ניט לאַנג נאָכגעגאַנגען די אָקסן; און דער אַקער, און די אָקסן, וואָס האָבן געשלעפּט דעם אַקער און אויפגעריסן די הערבסטיקע ערד — זענען אויך אַזעלכע גרויסע געווען! איצטער פאָרט ער . . . פונוואַנען און וואוהין פאָרט ער מיט איר? ער פירט זי פון וועלט צו וועלט; ער פירט זי פון אַ נאַכט אַרויס צו אַ לויטערן באַגינען. זי האַלט פאַר־מאַכט די אויגן און שפּירט ווי דער באַגינען וואַרימט איר פּנים, וואָס איז פייכט פון טוי...

לאַנע האָט עס פּלוצלונג אַ שוידער געטאָן. זי האָט איינגע־דרימלט און אַליין ניט געשפּירט; אין דרימל האָט זי אַזוי אַ שוידער געטאָן, און איבערגעגאָסן דעם קילן שטראָם פון איר לייב צום שוויינגנדיקן בערען.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט אין בערעס אויגן; געפאָרשט, ווי אַזוי האָט בערע איר שוידער אויפגענומען.

— כ'בין געשלאָפן, בערע? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— יאָ, ביסט געשלאָפן. שפּאַר אָן דעם קאָפּ, שלאָף איין; ביסט דאָך אוודאי אַ גאַנצע נאַכט אופגעווען. שפּאַר אָן דעם קאָפּ...

זיינע רייד זענען געווען רואיקע רייד; אַזוי רעדט אַ פאָטער צו זיין קינד. ניט געווען קיין ציטער אין זיין שטים.

— ניין, בערע, מיר פאַרדריסט וואָס איך בין איינגעשלאָפן. איעדע רגע איז איצטער אַ שאָד. קוק ווי דער טאָג וואַקסט און וואַקסט, און וואַקסט פון דער טיפעניש אַרויס... זעסט, דער מאָרגנ־שטערן איז שוין אויך פאַרגאַנגען... זיי זענען ביידע איינגעשלאָפן!

ביידע האָבן די קעפּ אומגעווענדט צו סימקען און יוספ'ן. סימקע האָט זיך איינגעקנוילט און איז אינגאַנצן אַריין אין יוספ'ס

אָרעמס; איז געשמאַק געשלאָפן; און יוסף, אַ זיצנדיקער, האָט געהאַלטן זיין קאָפּ אויף סימקעס קאָפּ.

— שטעל זיך אַ ווײַלע אָפּ — האָט לאַנע שטיל געזאָגט — כ'וויל הערן ווי דער טאָג קומט אָן... איך קען הערן דעם טאָג, ווי ער קומט אָן...

בערע האָט געפּרוּווט אָפּשטעלן די פערד אויף אַ ווײַלע.

— ניין, בערע, זאָלן די פערד פּאַמעלעך שפּרייזן; ווען מען פאָרט, דוכט זיך אויס, מיר קומען נענטער אַרויס צום טאָג... ווילסט ניט רעדן, בערע; נו, גוט, וועל איך שווייגן. איצטער איז גוט צו שווייגן...

— האָב שוין לאַנג געטראַכט פון אונדזער איצטיקער יאַזדע, — האָט בערע ווי געלאָזן ווערטער גלאַט אַזוי פאַר זיך — האָב געקלערט, מע וועט זיך אַרומטאָן; דער זומער וועט אַוועק, וועט'ן זיך דורכ־פאָרן, זעען וואָס אידן האָבן שוין פאַרן זומער אויפגעבויט... ביסט יעמאָלט אַליין אָן מיר געפאָרן; אַוועקגעיאָגט זיך אין אַגראָנאָמס אויטאָמאָביל... האָב איך געטראַכט: וואַרט, וואַרט, מע וועט זיך אַרומטאָן... שלאָפסט, לאַנע?

לאַנע איז ניט געשלאָפן; מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך צוגעהערט צו איעדן וואָרט וואָס ער האָט געלאָזן פאַלן פון זיין מויל. אומגעריכטע רייד זענען עס געווען; גאָר אומגעריכט האָט ער פאַר איר אַנטפּלעקט, אַז יעמאָלט, ווען זי איז מיטן אַגראָנאָם אַרויסגעפאָרן איבערן סטעפּ, האָט עס אים פאַרדראָסן. זי וואָלט איצטער וועלן מיט עפּעס אים באַלוינען; מיט אַ וואָרט אָן איינאיינ־ציקן וואָרט אים געבן צו וויסן — ווי טיף זי איז פול מיט דאַנק פאַר דער איצטיקער נסיעה. וויל זי ניט איבעררשלאָגן זיינע רייד; אפשר וועט ער נאָך עפּעס זאָגן. קיין בעסערס האָט ער ניט געקענט געפינען איצטער איר צו דערציילן.

זי האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אביסל זיך אויסגעגלייכט. גענומען פון זיין האַנט די לייטשעס און אָפּגעשטעלט די פערד. זי האָט אַרייַנגעקוקט אין בערעס פּנים; געווען שוין גענוג ליכטיק, און זי האָט קלאָר געקענט באַטראַכטן איעדן מוסקל אין זיין פּנים. זי זעט, ווי פאַר איין זומער איז זיין פּנים לענגער געוואָרן; לייכטע

קנייטשן קרייזלען זיך ארום ביי די אויגן; ליכטע קנייטשן איינגע־שניטן ביי ביידע זייטן מויל. ערנסט איז זיין פנים; ניט טרוקן — נאר ערנסט. מיט ערנסט האט ער צונ'איר נארוואס גערעדט די דאזיקע רייד, וואס האבן די זומערטעג א בלעטער געטאן פאר איר דמיון; אפגעדעקט אירע שיין באהאלטענע זומערטעג — אט־ווי דאס ליכט דעקט אפ די פארשאטענע, מיט טוי באדעקטע ערד...

לאנע האט אראפגעבויגן צו זיך בערעס קאפ, און שטיל געקושט זיין שטערן. ער האט ניט געפרואווט אפצאלן צוריק, און זי האט ניט פארלאנגט ער זאל עס טאן. ווייל דאס, וואס זי טוט איצטער צונ'אים, געהער ניט צום איצטיקן באגינען; געהער צו א צייט בסך־הכל מיט א חדשים צוויי־דריי צוריק, ווען ביידע זענען נאך א סך, א סך יינגער געווען, און אנגעלאדענע מיט פארדרוסן איינס צום אנדערן. זי האט געפילט, אז אט באלד וועלן טרערן אנהייבן קוועלן אין די אויגן, זי וואלט עס וועלן באהאלטן פון אים...

לאנען איז צוהילף געקומען די זון, וואס האט די ערשטע הייסע שטראלן ארויסגעפעכערט איבערן האריזאנט: איבערצושרייען אירע אייגענע געפילן, וואס האבן אנגעהויבן קענען איר ווילן צו ברויזן און זוכן א דערלייזונג דורך טרערן, איז לאנע אריבערגעשפרונגען צו סימקען און יוספ'ן און גענומען זיי וועקן:

— שטייט אויף, שטייט אויף, די זון גייט אויף!

יוסף און סימקע האבן געעפנט די פארשלאפענע אויגן, און געקוקט צו דער אויפגייענדיקער זון.

בערע האט אפגעשטעלט די פערד און אויך געקוקט צו דער זון, וואס איז פאמעלעך און זיכער ארויפגעשוואומען פון אהינטער דער ערד און ארויסגעטראגן דעם טאג צו א דערוואכטער וועלט...

* * *

געווען שוין ארום האלבן טאג, ווען בערע, לאנע, סימקע און יוסף האבן זיך דערנענטערט צו געגארטן דארף, וואו די פאלעסקינס האבן זיך געפונען. עטלעכע מאל זענען זיי אלע ארויסגעקראכן פון

דראביאסטן וואָגן, נאָכגעגאַנגען צופוס, ניט אַזוי גרינגער מאַכן פאַר די פערד, נאָר פשוט, די יונגע פיס האָבן געגאַרט דעם אָנריר פון דער הערבסטיקער ערד. די זון האָט גוט געוואַרימט און אויסגעזויגן די פראַסטיקייט וואָס דער פריער באַגינען און די ניט־דערשלאָפענע נאַכט האָבן אָנגעגאָסן אין די גלידער אַריין.

ס'וואָלט אַרום און אַרום איצטער גוט געווען אויפן האַרצן, ווייל די ערשטע אָנגעצויגנקייט צווישן לאַנען און בערען, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן איז צעשמאָלצן געוואָרן. מען האָט געשטיפט און מען האָט הנאה געהאַט פון ברויט מיט קעז וואָס בערע האָט מיטגענומען; שטאַרק הנאה געהאַט פון די ווייצענע, גראָבע פּלעצל, וואָס לאַנע האָט פאַרנומען. מען האָט אויך דעם דורשט אָפּגענעצט דורכפאָרנדיק דורך אַ דייטשן דאָרף — אַלע האָבן געשמאַק געטרונקען וואַסער פון קיבעל איבערן ברונעם.

ניט מער, וואָס נאָכן זונענאויפגאַנג האָבן זיי געהאַט אַ טרויעריקע באַגעגעניש: אַן אָקסן־געשפּאַן אין אַ דראביאסטן וואָגן מיט אַן אָפּגעריסן איבערוואַנדערער־געזינדל, אין שמאַטעס און לאַטעס, אַ זיבן־געזינד־משפחה — האָט געצויגן פון דאָרף אין שטאָט, איינ־איינעם מיטן ביסל פאַרבלאָטיקטע, צעריסענע, צעבראָכענע און צעשטאָכענע בעבעכעס... טאַטע־מאַמע, צוויי גרעסערע טעכטער, צוויי זין און אַ קלענער מיידל — ווי אַ ציגיינער־משפּחה האָבן זיי אויסגעזען. דאָס איז מען געפאָרן פון אַ נאָנטן ערד־חלק, וואו „מען האָט אַ זומערלאַנג די ביינער אויסגעצויגן, און שיעור אין דער ערד ניט איינגעזונקען...”

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַ ווײַלע באַטראַכט איינס דאָס אַנדערע. אַלע בייזע חלומות האָט מען פון אָקסן־געשפּאַן אויסגעגאָסן אויף דער סאָוועטנמאַכט, אויף די אַמעריקאַנער בעליטובות און אויף דער רעוואָלוציע. דער טאַטע, אַ שוואַרצער, אַ באַוואַקסענער, אַ שוסטער פונדערהיים — ער האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות און די מאַמע האָט געוויינט אויפן הויכן קול. די מיידלעך און די דערוואַקסענע זין האָבן געשוויגן. בלויז נאָך דעם ווי יוסף האָט זיי אויסגע'מוסר'ט און פאַר אַ ביישפּיל אָנגעוויזן אויף זיך אַליין און זיינע באַגלייטער — האָט איינער פון די זין געזאָגט:

„פאַר ווען די רעוואָלוציע איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ ברכה פון הימל, און פאַרווען — זי איז אַ קללה..."

— אויב ס'אי באַשערט אומצוקומען זאָל עס כאָטש זיין צווישן מענטשן אין שטאָט; דאָ וועט אונדזער געביין אויסגעטריקנט ווערן, אַ האָן וועט אפילו קיין קריי נישט טאָן.

מען איז זיך פאַנאַנדערגעפאָרן איטלעכער אויף זיין זייט. מער האָט מען ניט גערעדט. פונדעסטוועגן האָט עס איבערגעלאָזן אַ שווער־קייט אויפן געמיט. אַ געוויסע צייט איז מען שפּעטער נאָכגעגאַנגען דעם וואָגן און ווינציק־וואָס גערעדט.

— זענען גערעכט, די רעוואָלוציע איז פאַר איינעם אַ ברכה און פאַרן אַנדערן אַ קללה. ביז די רעוואָלוציע וועט פאַר אַלעמען זיין אַ ברכה וועט נאָך אַביסל געדויערן. די רעוואָלוציע — ווי דאָס לעבן; דאָס לעבן האָט אויך ניט אויף אַלעמען רחמנות. אויף אַזוינע האָט זי ניט קיין רחמנות.

בערע האָט עס ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט. די איבעריקע דריי האָבן זיך אויף בערעס ווערטער ניט אָפּגערופן.

עס האָט זיך באַוויזן דער יונגער דאָרף, צו וועלכן זיי האָבן געצויגן. אַ גאַס אַ גאַנצע אויסגעצויגן לענג־אויס דעם סטעפּ. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז אויך אַ דאָרף, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ערשטן יאָר. פונדערוויטנס האָבן זיי אָנגעציילט עטלעכע און צוואַנציק שטיבער.

— זעט איר, דאָס פאַרדריסט מיר — האָט יוסף געזאָגט — אונדז איז ניט געלונגען אַזויפיל אָנצובויען פאַרן זומער. שלים־מזל־ניקעס, אָט וואָס מיר זענען!

— דאָס האָב איך כסדר גע'טענה'ט — האָט בערע שטיל מסכים געווען.

— כאַפּט זיך צוריק אַרויף אויפן וואָגן, לאָמיר מיטן קנאַק אַריינפאָרן אין דאָרף אַריין! — האָט לאַנע אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. מיטן קנאַק איז מען אַריינ־געפאָרן אין אומבאַקאַנטן, אָבער נאָנטן און אייגענעם דאָרף, מיט־געריסן אַ שטויב העכער פון וואָגן. פון ביידע מיידלעך האָט אַ פּויש געטאָן געלעכטער, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס. אינמיטן

דארף האט בערע אפגעהאלטן די פערד, איז אראפגעשפרונגען פון וואגן און ס'האט אים הנאה געטאן, וואסביידע מיידלעך קאטשען זיך אין שטרוי און לאכן: „זאל מען דערקענען, אז מיר זענען ניט פון די גע'פגר'טע..."

אין א ווײלע ארום איז שוין דער דארף „געווען אויף די פיס". די אנגעלייגטע געסט האבן מיט זיך יונג לעבן מיטגעבראכט; האבן דאס גאר אליין ניט געוואוסט. די געזונטע פאלעסניקעס האבן זיי ארײנגענומען צו זיך; אין א קורצער ווײלע איז די שטוב געווען פול. אויף חידושים איז מען געקומען אנצוקוקן די געסט, גלייך ווי פון גרויסע מרחקים וואלט מען זיך צו זיי אראפגעלאזן.

די פיר געסט האבן צום ערשטן מאל דערשפירט די אייגענע חשיבות, באשר מען געהער צו א צעזייטער און צעשפרייטער משפחה אין קרימער סטעפ; איעדער מיטגליד פון דער משפחה האט אויף זיך גענומען די אייגענע התחיבות צו העלפן בויען אידישע דערפער, און פונדעסטוועגן איז מען אפגעריסן איינס פון אנדערן... נאכדעם ווי מען האט אויסגעפרעגט פונוואנען און וואס; נאכדעם ווי מען האט אויסגעפונען צוליב וואס-און-ווען; נאכדעם ווי מען האט אויסגעפרעגט מכח וואס מען פארט ארום גלאט אזוי און גארנישט — איז מען איבערגעגאנגען צו תכלית-ענינים. ווי איעדער נייער דארף, אזוי דא אויך, האבן זיך געפונען די גלויביקע, און אזעלכע, וואס האבן אויף אלץ א מאך געטאן מיט דער האנט.

לאנגע האט דערציילט פון דעם געשפאן מיט איבערוואנדערער, וואס זיי האבן אין וועג באגעגנט, האט באדויערט פארוואס מענטשן גיבן זיך אזוי שנעל אונטער; זענען אויף דעם געקומען רייד, אלטע און וואויל באקאנטע:

— אפגעזומערט א זומערל, איצטער קומט א ווינטער, ט'געבן צו לעקן האניק.

— אז אידן האבן זיך גענומען צו ערד, וועט שוין דער עסק ליגן אין דרערד.

— כאטש כ'האב געשניטן און געדראשן און מיט מיינע אייגענע אויגן געזען ווייץ, גלויב איך איצטער ניט, צי ס'איז אמאל פארלאפן מיט מיר.

— וואָס קומט אַרויס פֿון דעם אַלעמען, אַז מען זיצט ביי דער ערד און מען ווערט געשוואָלן פֿון הונגער!

די רייד האָבן געדרונגען. רייד, נאַקעטע און בלייכע; רייד, וואָס האָבן ניט געזוכט קיין אָפּקלאַנג. באַקאַנטע רייד. מען האָט גע־טרונקען טיי פֿון אַ סאַמאָוואַר, וואָס אַמאָל פֿינף האָט מען אים שוין דערגאָסן; געטרונקען טיי אָן צוקער; געטרונקען טיי, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פֿון ניט־דערשטאַנענער שטרוי. ניט אַלע האָבן אַפֿילו געהערט די רייד, און ניט איעדערער האָט פֿאַר די דאָזיקע רייד געזוכט אַ תּיקון. דער סווישטש פֿון די טיי־זופּער האָט אָנגע־זאָגט, אַז אין אמת'ן באַדאַרפֿן איצטער אידן קיין סך ניט האָבן:
— אַ שטיקעלע צוקער צום טיי, ווען ס'וואָלט איצטער געלעגן צווישן צונג און גומען, וואָלט עס די רייד אויך פֿאַרזיסט...

בערען איז קאַלעמוטנע געוואָרן אויפֿן האַרצן. געפֿאָרן איז ער אָנצושעפּן זיך מיט פֿרישע כּחות, „זען וואָס מען האָט אויפֿגעטאָן ביי לייטן". אין אמת'ן באַוויזט דאָך דער אויפֿגעבויטער דאָרף, אַז דאָ זענען פֿאַראַנען מענטשן בעלי כּחות; צום סוף גאָר זופּט מען טיי פֿון גלעזער און מען גיסט עמערוויז אויף אים דעם יאוש, ער האָט שוין חרטה אויף דער גאַנצער נסיעה; ניט ווערט געווען אָפּ־צובידעווען אַ נאַכט. אים איז געווען פֿריקרע פֿאַר יוסף'ן; איצטער וועט שוין יוסף אויף אים האָבן אַ בייטש...

האָט דוקא גאָר יוסף באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן פֿון אָנגעצווי־גענעם שמועס; ער איז דוקא דערמוטיקט געווען. איינקלייניקייט, אין אַ וואָגן שטרוי איז ער געשלאָפֿן אַ ווײַלע אַ צונויפֿגעקנוילטער מיט דער קרעפּטיקער און קנאַכיקער סימקען... ער פֿילט עס נאָך איצטער אין זיין לייב; גלייך ווי פֿון דער ערד אַליין וואָלט ער פֿאַר־נומען כּחות אין זיין לייב אַריין. ער האָט אין זיך דערשפּירט דאָס ריכטיקע וואָרט און ס'האָט זיך אים געוואָלט עס אַרויסזאָגן.

— חברים — האָט ער אָנגעהויבן — מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן אַ שטיק פֿאַרטאָג צופֿרידענע מיט אונדזער ערשטן זומער, צופֿרידן מיט די שטיבער וואָס שטייען באַנ'אונדז; צופֿרידן מיט דער ווינטער־זריעה; באַנ'אונדז זענען אַ סך ווינציקער מענטשן ווי באַנ'אייך, און מיר האָבן ניט אַזויפֿיל הייזער ווי איר. געקלערט, אָט ווילן מיר

דאַ היינט אַ טאַנץ־טאָן ווי אין פּסוק שטייט; צום סוף גאָר . . . וואָס זאָגסטו, בערע, צו דעם?

— כ׳קוק אויף די חברים פּאַלעסקין; ווען זיי זענען געווען באַנ׳אונדז צוגאַסט, האָבן זיי אַנדערש געזונגען.

— איך האָב געוואַרט ביז זיי וועלן אָפּזינגען זייער לידל; באַנ׳אונדז איז אַ שטייגער, אַז מע שלאָגט קיינעם ניט איבער בשעת ער רעדט. דאָס זענען די, וואָס האָבן געזויט מיט טרערן און נישט געשניטן מיט געזאַנג.

דאָס האָט גערעדט דער עלטערער פּאַלעסקין.

— וואָס האָט איר אין אמת׳ן אויפגעזונגען דאָס אַלטע לידל? איר מיינט דאָס זענען רעגירונגס־מענטשן? דאָס זענען האָרעפּאַש־ניקעס; אַרומגעאַרבעט זיך, איז מען אַרויסגעפאָרן קלייבן באַגייסטע־רונג אין יונגע, אידישע דערפער; אַ שיינע באַגייסטערונג גיט איר זיי!

גלייך נאָך פּאַלעסקינען איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער איד, מיט אַ ברייטער, גרויער באָרד — ווי אַן אויפגעעפנטער פעכער, מיט בלויע אויגן און ראָזן פּאַרב אין די טיילן פון די באַקן, וואָס זענען ניט געווען מיט האָר באַוואַקסן.

— שאַ, שאַ, שטילער זאָל זיין! וואָס איז דאָס פאַר אַ יעלה?! גלייבער מע זאָל נעמען אין מויל אַריין, מאַכן אַ לחיים און אַביסל זיך משמח זיין לכבוד די געסט. ניטאָ ביי דיר עפּעס אַ שקאַליקל? אַניט וועל איך זיך אַריבערכאַפּן צו זיך... אַוואו טאַקע וואַקסן עס אַזעטיקע פיינע בחורים און מיידן, טאַקע אין קרימער סטעפּ? כאַ־כאַ־כאַ, מען קלאָגט זיך; הערן מעג מען. באַקלאָגן מעג מען זיך, נישט מער. דאָס וואָס מע וואָלט באַדאַרפט וואויל געדענקען, האָט מען פאַרגעסן; און דאָס, וואָס ס׳וואָלט כדאי געווען צו פאַר־געסן — געדענקט מען, עט איר מיר פרעגן, וואָס האָט מען באַדאַרפט פאַרגעסן? אַז מע האָט געלעבט אונטער ניקאָלאַיען, זאָל ער האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן; און אַז ער האָט אונדז פּאַזוואָליעט צו זיין קרעמער, פוילן זאָלן זיינע ביינער; און אַז ער האָט אונדז געהאַלטן פאַר הינט, אַרויסוואַרפן זאָל עס זיינע ביינער... דוקא יענע צייטן געדענקט אַ איד און בענקט נאָך זיי. איז דאָס דערפאַר, וואָס מע

איז ערשט איצטער געבוירן געוואָרן; געבוירן געוואָרן ווי אין דער תורה שטייט — ווי אדם און חוה; געבוירן געוואָרן גרויסע, דער־וואקסענע מענטשן, וואָס האָבן תחילת שוין באַדאַרפט אַליין פאַר זיך זאָרגן. כאַ־כאַ־כאַ, געבוירן געוואָרן אָן אַ מאַמעס ברוסט... „נאַ דיר ערד" — האָט גאָט געזאָגט צום מענטשן — „פאַרנעם די ערד און עס פון אירע פירות, טרינק פון אירע זאַפטן", כאַ־כאַ־כאַ!

זיין דרשה האָט אַרויסגערופן געלעכטער. ס'האָט אויפגעמונ־טערט דעם „עלטסטן" פון דאָרף; אַ געלער, מיט גרינלעכע אויגן, מיט אַ געדיכט־קײלעכדיק געשוירן בערדל; אַ מענטש אין די דרייסי־קער, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן, גרויען שינעל. די גאַנצע צייט, וואָס דער עולם האָט זיך דורכגערעדט, האָט ער געשוויגן און צוגעשמייכלט. משה אַקערמאַן איז געווען זיין נאָמען. ער האָט פּאַמעלעך אָנגע־הויבן:

— האָט איר, חברים, געגלויבט, אַז מאַנשפּערשוינען זאָלן האָבן ניין מאָס רייד? אַז מען איז געקומען עפּעס אויפצוטאָן, רעדט מען אוועק די צייט, אָנשטאָט צו טאָן. שולדיק איז דער בירגערקריג. אַז די מלחמה האָט זיך געקאָנטשעט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגערקריג צו באַפרייען רוסלאַנד פון די פּאַראַזיטן, זענען זיך די דאָזיקע לייטלעך אונדזערע געזעסן אין שטוב, געהאַנדלט מיט די לעבנס פון די באַפרייער. אַז מיר האָבן די רוסישע ערד באַפרייט, זענען זיי געקומען נעמען אַ חלק... איז רעכט; גיט מען אייך אַ חלק; וויל מען דאָך עפּעס דערפאַר, וואָס ניין? די סאָוועטנמאַכט וויל, איר זאָלט בויען סאָציאַליזם; פאַרשטייט איר דעם באַטייט פון סערפּ און האַמער?... אַ שטיקל קאָלעקטיוו האָט מען אויסגעבויט, איז דאָס מיט די ציינער ניט איינצוהאַלטן. נעכאַי וואָלט איר דער־ציילן די געסט, אַז מיר וועלן צו וועסנע־צייט האָבן דריי טראַקטאָרס, און מיר וועלן די ערד שוין באַאַרבעטן מיט מאַשינעס, און אונדזער דאָרף וועט אפשר ווערן איין קאָלעקטיוו צו וועסנע־צייט... גערעכט, חבר פלעקסנער — האָט ער זיך געווענדט צום גרויען אידן — מען האָט פאַרגעסן וואָס מע האָט באַדאַרפט געדענקען, און מע געדענקט, צו אַלדי שווארץ יאָר דאָס, וואָס מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט פאַרגעסן.

— ס'האַנדלט זיך מכּח דעם, אַז מע זאָל מעגן ווייזן וואו דער שוך קוועטשט — האָט געזאָגט דער אינגערער פּאָלעסקין — ווען מע זאָל שווערע חלאים פאַרווערן צו קרעכצן, וואָלטן אַ העלפט פון זיי אויסגעשטאָרבן, כאַ־כאַ־כאַ. אַז מע ליגט אויף אַ טיפוס, מע פּאַ־שעיעט פון היץ; ווען יעמאָלט וואָלט דער חולה ניט געטאָרט קרעכצן, וואָלט ער אפשר פאַרברענט געוואָרן...

בערע האָט אַריבערגעקוקט צו די אייגענע מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: „כאַפּט אַן אויג וואָס מע טוט בײַ לײַטן". די מעשה מיט די דריי טראַקטאָרס איז אים אַריין אין קאָפּ אַריין. ער האָט באַשטימט אויסצופרעגן אַלע פּרטים מכּח דעם קאָלעקטיוו, וואָס מען האָט נאָרוואָס דערמאָנט. אויפן וועג אַהיים וועט מען באַדאַרפן האָבן אַן ערנסטן שמועס. רעדן מיט אַ פולן מויל, קלאָר מאַכן „ווער ס'אי פאַר און ווער ס'אי קעגן..."

דערווײַל האָט מען צונויפגעשלעפּט אַביסל משקה מיט ראָזאָוון ברויט צו פאַרבײַסן. מען האָט טראָפּעלעך געגומען אין מויל אַריין, און ס'האָט צעוואַרימט די געבליטן. עס האָבן זיך צעוואַרימט אפילו די קלאָגערס און האָבן חרטה געהאַט אויף די פריערדיקע רייד. מען האָט זיך געוואָלט דערמאָנען עפּעס אַ פּאַסיקן ניגון, און פון אַלע ניגונים וואָס מען האָט געפּרואווט פאַרציען, האָט זיך אויסגעלאָזן מיט דער „דובינושקע". דערנאָכדעם האָט איינער אונטערגעכאַפּט אַ זמירות־ניגון פון שלוש־סעודות; מיט דעם שלוש־סעודות־ניגון איז דער עולם אַביסל אַ צעוואַרימטער אַרויס דרויסן, אינאיינעם מיט די געסט באַטראַכטן דאָס, וואָס מען האָט אויפגעטאָן פאַרן זומער. ס'איז באַשטימט געוואָרן, די געסט אַזוי גיך ניט אָפּצולאָזן; מע זאָל שפּאַנען נאָך אַ פּאָר וועגענער און אינאיינעם זיך אַוועקלאָזן איבער די אידישע דערפער, באַקענען זיך, וואָס מען האָט פאַרן זומער אויף אַנדערע ערד־חלקים אויפגעטאָן.

לאַנג האָט געגומען אונטערן האַנט דעם „עלטסטן" פון דאָרף, דער חבר משה אַקערמאַן, און פאַרקערעוועט מיט אים אין פעלד אַריין.

בערען האָט עס ווי אונטערגעהאַקט די פיס. דאָס גלעזל בראַנפן

וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, איז אוועקגעשוואומען אין מוח אריין, און דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען.

בערע האָט געזוכט אַן אָנלען; תחילת האָט ער זיך געוואָלט ווענדן צו סימקען; פּשוט און פּראָסט, ער וויל ארומשמועסן מיט איר דעם ענין וועגן קאָלעקטיווע טראַקטאָרס; זעט ער, ווי יוסף, סימקע און די צוויי פּאַלעסקינס זענען באַזונדער אוועקגעגאַנגען. אים איז געוואָרן ענג ארום הארצן און הייס ארום די אויגן. נעמען און נאָכיאָגן יוסף'ן און זיינע באַגלייטער — פּאַסט שוין איצטער ניט; און נאָכיאָגן לאַנען און אקערמאַנען — דאָס טאָר ער אודאי ניט טאָן. נאָכדעם ווי מען האָט זיך ארויסגעלאָזן אויף דער גאַס, דערקענט ער אפילו קיין איינעם ניט פון עולם, וואָס זאָל אים איצטער אַצי־טאָן און אָנהייבן אַ שמועס מכח אַלע ענינים, וואָס מע וואָלט איצטער געקענט רעדן.

— זי האָט עס בכיון אַזוי געטאָן; וויל זיך איצטער מיט מיר אָפּרעכענען... טאָ זאָל זי — האָט בערע שטיל אין הארצן געערדט, און אויף די ליפּן ניט ארויסגעבראַכט.

דערווייל איז צו אים צוגעקומען דער גרויער איד:

— עך, וואו נעמט מען איצטער די יונגע יאָרן — האָט ער בערען געקלאַפּט אין פּלייצע — בין שוין באַלד אַ בן־שבעים, אַ זיבעציקער, און גיי פּאַרמעסט זיך איצטער מיט די יונגע... כ'וואָלט אַלצדינג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן; אַ נאַקעטער בלייבן! ס'האָט מיר בנאַמנות הנאה געטאָן, ווען ראש־השנה האָבן זיך עטלעכע יאַטן ארויסגעכאַפּט אקערן, כאַ־כאַ־כאַ. נאָר פונדאָסניי אָנהייבן. אידן, ערד; און טאַקע קאָלעקטיוון... אי, וואו נעמט מען די יונגע יאָרן?!... נו, און וואָס טוט מען עפּעס באַנ'איך, פּאַראַן באַנ'איך מיט וועמען צו גיין צום טיש?

— אודאי האַלטן מיר נאָך ניט אַזוי ווייט. מיר זענען אַ קלענערער עולם; האָבן פּאַרן זומער עפּעס אויפגעטאָן. וועסנע־צייט האָף איך אויף אַ סך איבערוואַנדערער. מיר האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע יוגנט... אָט־די וואָס זענען מיט מיר געקומען, איר האָט אָנגעקוקט דאָס דראָבנע, שווארצע מיידל? צען רוחות זיצן אין

איר; הלואי האָט איעדער דאָרף אַ האַלבן טוץ פון דעם מין, כאַ־כאַ־כאַ...

בערע האָט גערעדט און די ווערטער האָבן אים צו הויך געקלונגען אין די אויערן. ער האָט אַליין ניט באַגריפן, וואָס אים איז איינגעפאַלן צו לויבן לאַנגען פאַר אַ ווילדפרעמדן אידן; און נאָך אַן אַלטער מאַן דערצו. ער וואָלט איצטער געוואָלט שווייגן; רייסן זיך קעגן זיין ווילן די ווערטער פון זיין מויל:

—אייער עלטסטער איז געווען אין בירגערקריג; טראָגט נאָך דעם שינעל... צייט אַראָפּצואוואַרפן אַזאַ שינעל; געהער נאָך צו די צאַרישע צייטן, כאַ־כאַ־כאַ.

— אַ האַרטער מענטש, אונדזער עלטסטער, משה אַקערמאַן. ס'קומט אוים צו קריגן זיך מיט אים. די מלוכה הייסט גאָר ניט אַזוי שטרענג צו זיין. אַן אמת'ער טשינאָווניק. האָב ניט געוואוסט, אַז אַ איד וועט קענען ווערן אַ טשינאָווניק...

— גוט אַזוי — האָט בערע געזאָגט — די מלוכה באַדאַרף אומעטום האַלטן אַן אויג; אויב ער האָט אַן אויג אויף אייך, איז גוט, כאַ־כאַ־כאַ.

קעגן זיין ווילן האָט ער געלאַכט. קעגן זיין ווילן האָט בערע גערעדט דאָס, וואָס ער האָט גערעדט. ער האָט געלאָזן דעם עלטערן אידן. ס'האָט אים געצויגן צום וואָגן. ער איז צוגעקומען צום וואָגן און אַריין מיטביידע הענט טיף אין שטרוי אַריין; די הענט האָבן זיך געגראָבן און גערודערט אין שטרוי, און זיך דאַרטן ווי פאַרלאָרן.

דערווייל איז לאַנע צוריקגעקומען; מיט שנעלע טריט איז זי אָנגעקומען גלייך צו בערען, ווי זי וואָלט אין בערען גאָרניט באַמערקט:

— ער זאָגט, ער וועט קומען צו אונדז און העלפן איינשטעלן אַ טראַקטאָר־קאָלעקטיוו! — האָט לאַנע מיט אימפּעט בערען אָנגעזאָגט.

— ווער?...

— דער חבר אַקערמאַן!

— הייסט עס, אין דיינע אייגענע כחות גלויבסטו ניט...

— נאָך כּחות איז בעסער — האָט זי שטיפעריש אים אַריינ־געלאַכט אין פּנים אַריין.

— כ'וויל נאָך באַצייטנס אַרויספאָרן; וויל באַזוכן נאָך אַ פּאָר דערפער.

— היינט נאָך? וועלן מיר דאָ ניט איבערנעכטיקן?

—מירן נעכטיקן אין וועג.

— כ'וועל אים צורעדן, ער זאָל שפּאַנען, אינאיינעם מיט אונדז אַרויספאָרן...

בערע האָט ניט געענטפערט.

— מוז מען כּסדר זייען מיט טרערן, האַ, בערע? אויב מען וויל אַמאָל שניידן מיט פרייד, האַ בערע?

בערע האָט אַנגענומען לאַנעס הענט, אָנגענומען אַלע אירע פינגער, און אַליין ניט געפילט ווי ער דריקט זיי שטאַרקער, שטאַרקער — אַזש די פינגער האָבן זיך אין איין בינטל צונויפגעדריקט.

לאַנע האָט דעם ווייטיק באַהאַלטן און אַ ווײַלע געשוויגן; געווען אַ זיסער ווייטיק...

—גוט, בערע, מירן פאָרן איבער גאַנץ קרימער סטעפּ; מירן אָנקוקן אַלע יונגע, אידישע דערפער; גוט, בערע... זייען מיט טרערן... האַ, בערע, האָסט שוין באַלד מיינע פינגער צעבראָכן; וואָס טוסטו, בערע?

— ווער ביסטו? — האָט בערע שטיל און טרוקן געפרעגט, און באַמערקט די טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער לאַנעס באַקן.

— איך געהער צו די, וואָס זייען דערווייל מיט טרערן — האָט לאַנע געענטפערט, בשעת זי האָט באַטראַכט אירע בלאָס־געוואָרענע פינגער, וואָס זי האָט פון זיינע הענט באַפרייט.

* * *

געווען שוין דער פינפטער טאָג, זינט בערע, יוסף, לאַנע און סימקע האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג, האַלדז־און־קאָפּ געצויגן צו אומבאַקאַנטע דערפער, וואָס זענען ביי דער ערשטער באַגעגעניש געוואָרן אייגן און היימיש. טעג זענען געשטאַנען זוניק־לויטערע; און עס האָט געצויגן ווייטער, ווייטער פון אייגענעם דאָרף.

— קרים איז אַן אָפענע מדינה; שיטער פאַרזייטע דייטשע און טאַטערישע דערפער, מירן דאָ האָבן אַ אידישע רעפּובליק, בערע...

יוסף האָט עס געדעדט מער צו זיך ווי צו בערען, ווייל יוסף האָט געוואוסט, אַז בערען גרילצן אין די אויערן זיינע רייד; כאָטש יוסף האָט געשפּירט, ווי די מיידלעך הערן זיך אַ ביסל יאָ איין צו זיינע רייד.

— עך, ווען איך וואָלט געקענט אויפהייבן מיין שטים, רופן אַזוי הויך, אַז מיין שטים זאָל זיך טראָגן איבער שטאָט און שטעטל און אויפוועקן אונדזערע דערשלאָגענע, דעקלאַסירטע ווינט־מענטשן, און אַהער זיי פאַרקערעווען... ביסט ברוגז אויף מיר, בערע; אָבער איך בין זיכער, דער טאָג וועט קומען, און דו, בערע, וועסט זאָגן: „יוסף איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז סע פלאַקערט ניט קיין פייער אין די הערצער פון אונדזערע לופטמענטשן...“

— ווער ס'האָט זיך אַליין ניט באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע, דער פאַרמאָגט ניט קיין פייער צום שמידן און בויען — האָט בערע מיט דער בייטש אַ פאָך געטאָן איבער די רוקנס פון די פערד — דאָס וועסטו, יוסף, מיר נאָך אַמאָל מודה זיין. אידן ווילן קומען צום גרייטן ווילן זיי... דער, וואָס וועט אַליין ניט העלפן בויען — דער וועט בלייבן פון דרויסן; אומעטום פון דרויסן אפילו ביי זיך אין שטוב וועט ער זיך פילן ווי אין דרויסן, אָן אַ היים... ווי סע פילט זיך וואָווע ברעזער אין זיין אייגענער שטוב.

לאַנע איז געזעסן זייט־ב־זייט מיט בערען; בערע האָט מיט דעם אָנריר פון זיין אָרעם אָן אירן געוואָלט שפּירן וואָס פאַר אַ רושם זיינע ווערטער מאַכן אויף לאַנען. לאַנע שווייגט די לעצטע פאָר טעג. וואָס איר שווייגן באַטייט — ווייסט ניט בערע און ניט יוסף. ס'איז נאָר אַ רעטעניש, וואָס סימקע האַלט מיט לאַנען; די מיידלעך, ווי זיי האָבן זיך צונויפגערעדט, אַריבערצוקוקן ווייטער פון אייגענעם וואָגן און שווייגן.

פאַר די פיר טעג האָט מען פאַרזוכט ברויט און זאַלץ אין אַ פופצן דערפער; געשלאָפן אין אַלערליי ענגשאַפטן: געווען דערפער

פונוואַנען ס׳האָט זיך ניט געוואָלט אַרויספּאָרן, און געווען אַזעלכע דערפער, פונוואַנען אַ שלעכטער גייסט האָט געטריבן. געווען דער־פער, וואו דער רעוואָלוציאָנערער און פּיאָנערן־גייסט האָט באַוועגט אַ עדה אידן, אַלט און יונג; כאָטש שפּעט אין הערבסט, האָט מען נאָך געבויט און אויסגעלייגט פּלענער פאַר אַ ליכטיקן פרילינג. און געווען אַזעלכע דערפער, וואו נייע הייזער זענען שוין געשטאַנען טרויעריק־געבויגן; וואו יונגע מענטשן זענען אומגעגאַנגען דערשלאָ־גענע, געפּאַנגענע אין פרייען סטעפּ; געבויגענע אונטערן יאוש, אָן אַ וועלכן עס איז ליכטיקן אַרויסבליק צו דער צוקונפט.

אויפן פינפטן טאָג האָבן זיך אַלע פיר צונויפגערעדט; אַלע פיר האָבן אויסגעדריקט דעם אייגענעם פאַרלאַנג:

— הלואי דערשלאָגט מען זיך צו אַ דאָרף מיט רעכטע יאַטן; הלואי באַגעגנט מען אַ יוגנט, ביי וועמען מע זאָל קענען אָראָפּוואַרפן די מרה שחורה, און אַ הוליע טאָן!

זיי האָבן זיך איצטער דערנענטערט צו איינעם פון די דערפער וואָס די סאָוועטישע גזעלשאַפט „געזערד" העלפט בויען. מען האָט געשמועסט צווישן די איבערוואַנדערער, אַז די געזערדישע דערפער פאַרמאָגן פאָלקס־גייסט; באַגרייפן דעם זינען פון אידנס איינפלאַנצן זיך ביי דער ערד. בערע, וואָס האָט גאַנץ אָפט דערמאָנט מיט אַ ברוגז׳ער מינע „די אמעריקאַנער רייכע פעטערס וואָס האָדעווען אידישע באַלעגופים"; ער, וואָס האָט, ווי אַ סך פון די רעגירונגס מענטשן, חושד געווען דעם אַגראַדזשאָינט אין שלעכטע כונות — האָט איצטער ביים דערנענטערן זיך צו אַ לאַנג אויסגעצויגענעם דאָרף, אַ זאָג געטאָן מיט אַ סך צופרידנקייט:

— אָט־אָ דאָ וועלן מיר געפינען אמת׳ע רעוואָלוציאָנערע יאַטן ביי דער אַרבעט; דאָ בויט דער געזערד די אידישע דערפער; געזערד בויט פאַר סאָוועטישע געלטער, פאַר אָרענטלעך געקליבענע גראָשנס צווישן האָרעפּאַשניקעס. דאָ פּלאָדזשען זיך ניט קיין באַלע־גופים. דאָ וועלן מיר שוין געפינען אַ פאַר קאָלעקטיוון אויך.

— פאַרוואָס זענען די דעכער ניט געדעקט מיט קיין דאַכצוועקעס ווי ביי אונדז? זע, מיט ליים גאָר זענען די דעכער געדעקט! —

האָט זיך לאַנע גע׳חידוש׳ט — פּונקט ווי די טאַטערשע שטיבער... מיט ליים... זע, יוסף...

— שאַדט ניט, זאָלן זיך אידן צו דעם צוגעוואוינען — האָט בערע געענטפערט.

— מוז מען זיך צו דעם דוקא צוגעוואוינען? — האָט לאַנע ווידער געפרעגט.

— פאַרוואָס ווילן אידן זיין גרעסערע יחסנים פון די טאַטערס? אויב טאַטערס מעגן האָבן זייערע שטיבער מיט ליים די דעכער...

— זאָלן די טאַטערן זיך בעסער לערנען ביי די אידן! — האָט יוסף זיך אריינגעמישט.

— דערווייל האָט זיך נאָך קיינער ביי די אידן ניט וואָס צו לערנען; ביים געוועזענעם אידישן קרעמער וועט זיך די סאָוועטנ־מאַכט ניט גיין לערנען, דער געזערד איז אַ סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע...

— מיר געפעלן אויך ניט אַזעטיקע דעכער — האָט סימקע, מיט אַ שלעפּעריקער שטים געריעדט — מיר וועט די רעוואָלוציע ניט איינרעדן, אַז אין בלאָטע איז געשמאַק צו לעבן.

— די רעוואָלוציע רעדט עם קיינעם ניט איין, רעוואָלוציאָנערקע מיינע!

— ווילסט אַלעמען איינרעדן, אַז זאַמד אין ברויט איז גוט פאַר די ציינער... איך פאַרשטיי די רעוואָלוציע אויף מיין אופן. בשעת דו זאָגסט מיר, אַז דערווייל איז נאָך נישטאָ וואָס מען וויל, אָבער שפּעטער, אַז מירן זיך אויף דעם פאַרלייגן, אַלץ זאָל זיין, וועט ווערן בעסער, יעמאָלט פאַרשטיי איך וואָס דו רעדסט. אָבער, אַז דו זאָגסט, מיר זאָלן זיך לערנען ביי די טאַטערס ווי צו לעבן, ביסטו אין מיינע אויגן אַ שלעכטער רעוואָלוציאָנער, און אַ שלעכטער באַלעבאָס אויך. און אַזעטיקע שטיבער, מיט ליים די דעכער, ווען עס רעגנט זאָל אריינרינען, וויל איך נישט וואוינען, רעוואָלוציאָנער מיינער!

לאַנע און יוסף האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו קריגן זיך איצ־טער מיט בערען; אָבער ביידע זענען אין האַרצן צופרידן געוועזן, וואָס סימקע האָט אַזוי אומגעריכט, און גאָר פּשוט אריינגעזאָגט בערען דעם אמת.

דערווייל האָט מען אַריינגעצויגן אין דאָרף אַריין, לענג־אויס אויסגעצויגן מיט זיינע עטלעכע־און־פופציק שטיבער, און, יונגע, אָן־בלעטערדיקע אקאציע־ביימלעך ביי יעדער שטוב. געווען שוין שפּעט נאָך האַלבנטאָג.

לאַנע האָט דערזען די ביימלעך און האָט גאָר אָן די לײמענע דעכער פאַרגעסן:

— אוי, סע דוכט זיך מיר, דאָס איז אונדזער דאָרף... דיינע ביימלעך, בערע!

לאַנען איז אַזש וואַרים געוואָרן צוליב די ביימעלעך; ס'האָט איר אַ צי געטאָן צו בערען; זי האָט אים אָנגענומען פאַרן האַלדז, אויסגעצויגן אין שטרוי און אַ קוש געטאָן.

— מיר אַרט ניט, זאָל מען עס זען, כאַ־כאַ־כאַ! דאָ, בערע, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נעכטיקן; ווייטער פונדאַנען פאָר איך ניט. דאָ וועלן מיר אַ הוליע טאָן, איידער מיר וועלן זיך לאָזן צוריק אַהיים... ביימעלעך פאַר די הייזער איז אַ גוטער סימן; דערמאָנען מיר, בערע, אָן דעם פרימאָרגן ווען דו האָסט צו אונזער שטוב צוגעבראַכט ציטעריקע צוועלף אַקאַציע־ביימעלעך.

עס האָט זיך לאַנען געוואָלט אויספרעגן ביי בערען, צי ער געדענקט יענעם פרימאָרגן. מעגלעך, בערע האָט אויך איבערגעטראַכט, צי לאַנע געדענקט ווי ער האָט צו איר שטוב געבראַכט די אַקאַציע־ביימעלעך... אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך יעמאָלט מיט די אָקסן געשלעפּט, ביז ער האָט די ביימעלעך דערפירט אַהיים.

דער חוש האָט לאַנען ניט אָפּגענאַרט: מען איז אַריינגעפאַלן אין אַ לעבעדיקן דאָרף אַריין. מען איז אַריין אין אַ היימישער יונגנט אַריין, אין אַ וואַרים לעבן צווישן טאַטע־מאַמע, אידן דערוואַקסענע און איבערגעוואַקסענע; אידן בערדיקע, געשווירענע און געגאָלטע.

בערע האָט זיין גלייכן געפונען אין אַ יונג מיט ביינער, אַ סטאָליער פונדערהיים, אַ בלאָנדער ווי ער, מיט בלויע אויגן ווי ער — כאָטש מיט אַ הילצערנער קוליע אָנשטאָט דער רעכטער פוס, וואָס ער האָט אין בירגערקריג, אין שלאַכט מיט פּאָגראָמטשיקעס, אָנגעוואָרן; אָבער מיט אַ הייס האַרץ און מיט ברייטע אָרעמס, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען אַ סאָוועטישן מענטשן אין די אָרעמס

אריינכאַפּן. מאיר דוואָרקין האָט ער געהייסן און איז געווען דער „עלטסטער" פון דאָרף.

יוסף האָט דאָ געפונען אַ געוועזענעם חלוץ מיט העברעאיש אויף די ליפּן, וואָס האָט זיך מיט דער צייט געוואָלט אונטערגעבן און ניט געקענט. מנחם רייכלין האָט ער געהייסן; אַ שוואַרצער מיט איינגעצויגענע, ברוינע באַקן און מיט איינגעפאַלענע, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן.

דאָ האָט לאַנע אירם אַ גלייכן דערקענט, טאַטע־מאַמעס אַ טעכ־טערל, וואָס איז דאָ געוואָרן אַ קינד ביי מאַמע־ערד, אַ האָרעפּאַש־ניצע; אויך אַ דראָבנע, נאָר אַ בלאָנדע, מיט שמאָלע פּלייצעס, אָבער שוין מיט מאַזאָליסטע הענט, און מיט פּיס, וואָס זענען צע־שוואָלן געוואָרן אין דער ברייט און קריכן ניט מער אין די אַמאָליקע שיך אַריין. כיענע סירקין האָט זי געהייסן, אַ טאָכטער פון געוועזענע אייזנקרעמער.

סימקע האָט דערקענט איר גלייכן אין אַ שוויַיגעוודיקן יונג, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקער האָרעפּאַשניק, וואָס האָט קיין צייט ניט געהאַט דאָס פּנים צו באַזאָרגן, אַ באַוואַקסענער ווי אַ בער — בעניע צייטלין האָט ער געהייסן, אַ קינד פון בירגערקריג; אַ קינד פון פייער און בלוט, און, ווי סימקע, אַן עדות פון יענע טעג וואָס האָבן זיך ניט געקענט אָנזעטיקן מיט מענטשליכע פּגרים...

עס האָט דאָ געפעלט וואָווע ברעזער; ער וואָלט דאָ אויך גע־פונען ברידער צו זיין טרויער, ברידער צו זיין „אומגליק".

דאָ האָבן בערעס פערד געפונען אַ גוטע שטאַל. מאַמעס זענען אַנטקעגן געקומען מיט גלעזער מילך און מיט געשמאַקן, גוט־אויס־געבאַקענעם ברויט. דאָ זענען אַפילו גענדז אומגעגאַנגען, געשפּאַצירט איבערן דאָרף און פאַרלאָרן פעדערן פאַר די הייזער — אויף חידושים אַזעלכע ווייסע פעדערן, אין דער ברייטער גאַס פון יונגן דאָרף!

ווייל איַדערער האָט געפונען זיין גלייכן, דעריבער האָט מען זיך תחילת צעזייט און צעשפּרייט. בערע האָט אַוועקגעשפּאַצירט אין פעלד מיט מאיר דוואָרקינען. בערע האָט אַפילו ניט געפילט דאָס, וואָס זיין באַגלייטער הינקט און האַקט מיט דער הילצערנער קוליע, האַקט אויס אין דער ערד גריבער אַנשטאָט טריט. געוועזן פון וואָס

צו רעדן. קאָמוניזם און סאָציאַליזם, קאָלעקטיוון און טראַקטאָרס; רעוואָלוציאָנערן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן; זאַוואָרן אין שטאָט און סאָווכאָזן אין פעלד...

— די סאָוועטנמאַכט וועט זיי בייקומען; אונזער חוב איז צו האַלטן אַן אויג אויף די, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע דערפער און שטערן...

— אויסקאָרעניען זיי מיט די וואָרצלען, איידער זיי וואַקסן זיך איין אין דער באַפרייטער ערד.

— אויף אונדז ליגט דער חוב צו שטיין אויף דער וואַך.

— איך בין אויף דער וואַך אין מיין דאָרף...

— איך בין אין מיין דאָרף אויך ניט פון די פאַרשלאָפענע.

יוסף איז אַריין אין אַ סקירדע שטרוי מיט דעם הייסבלוטיקן מנחמען. שטיל האָט מען גערעדט, ווי מורא האָבנדיק, די סקירדע שטרוי זאָל צופיל ניט פאַרנעמען פון זייערע רייד.

— אַן פיאָנערן־גייסט וועט מען קיין אידיש לאַנד דאָ ניט אויפבויען.

— אַן פיאָנערן־גייסט וועט מען זיך אַפריער אַרויסשלאָגן פון די כחות און שפעטער, מיט די לעצטע כחות, זיך אַוועקלאָזן צוריק אין די שטעטלעך אַריין.

— מע באַגעגענט אויף די וועגן איבערוואַנדערער וואָס האָבן אויפגעגעבן זייער קאַמף, און ציען מיט די בעבעכעס אין שטאָט אַריין.

— מיט וועמען האָבן זיי דען געקענט פירן אַ קאַמף? די סאָוועטנמאַכט וועט אונדז אַלעמען צערייבן אויף שטויב...

— צייט צו פאַרגעסן אונדזערע אַמאָליקע האָפענונגען; כ'האָב ארץ ישראל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ... כ'וואָלט נאָך דאָ וועלן זען סמנים פון ארץ ישראל.

— איך האָב שלאָפלאָזע נעכט; קלער אַ סך מאָל אַ שפיי טאָן אויף דעם נייעם דאָרף און אַוועק גנב'ענען די גרעניץ...

— דאָס זאָלסטו ניט טאָן; זאָלסט ניט פאַרמינערן דעם ווערט פון דער רעוואָלוציע...

לאַנע איז מיט כיענען אַרויף אויפן בוידעם, אין שמעקעדיקן קלעווער אַריין... אין שמעקעדיקן קלעווער האָט דאָס בלוט אָנגע־הייבן אײַנצודרעמלען, און חלומות באַקאַנטע האָבן אינאײנעם מיטן קלעווער־ריח, געקרײַזלט אין דער טונקלקייט פון שטאַל־בוידים.

— דײַנע פּיס, חבר'טע כיענע, זענען שיעור געוואָרן פּונקט ווי מײַנע... גוט צו האָבן אַ שווערן טראָט; ס'אי אַ געזונטער טראָט; כמעט ווי אַ מאַנסבילשער טראָט...

— איך וויל האָבן קינדער, אַלע יאָר אַ קינד; איין יאָר — אַ אינגל, און איין יאָר — אַ מיידל... ווי מאַמע־ערד גלוסט זיך מיר פלאַדזשן, כאַ־כאַ־כאַ... איך וועל חתונה האָבן הײַנטיקן ווינטער: מײַן חתן איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטעטל; וועט קומען צוריק מיט צוויי בעטן. אַ שאָד וואָס ער איז דאָ ניטאָ.

— איך קען דערווײַלע ניט טראַכטן וועגן חתונה האָבן. איך טראַכט אַ סך פון מײַן טאַטן; אפשר וועט ער אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין.

— מײַן טאַטן האָב איך געהייסן, ער זאָל זיך אויסקלײַבן וואָס ער וויל. פונמיינעטוועגן קען ער זיך אַוועק אין שטאָט אַריין און עפענען דאָרטן אַן אײַזנקרעמל. איך וועל אים ניט נאָכיאָגן. די רעוואָלוציע האָט אין מיר אַרײַנגעגעבן גײַסט און כח, וואָס געהערט ניט צו טאַטע־מאַמע.

צו דידאָזיקע ווערטער האָט זיך לאַנע גוט צוגעהערט און גאָרניט געזאָגט. זי האָט אַרײַנגענומען דער אומבאַקאַנטער כיענען אין אירע אָרעמס און געדריקט צו זיך נענטער; כיענע האָט געערדט מיט אירע, לאַנעס, ווערטער. לאַנע האָט כיענען אַרומגענומען, און מיט אירע בריסט זיך אײַנגעגראָבן אין כיענעס ווייכן גוף און פון איר אַרויס־געשפּירט דעם קלעווער־ריח...

— ווילסט האָבן אַלע יאָר אַ קינד, כיענע?

— יאָ, אַלע יאָר אַ קינד. דער נײַער דור וועט שוין האָבן אַ היים; אונדזערע קינדער וועלן האָבן אַ לאַנד; אַ פרײַ לאַנד, אַ ליכטיק לאַנד. מיר אַליין זענען נאָך אינגאַנצן ניט קיין באַפרײַטע; מיר זענען נאָך פאַרקניפּט מיט אונדזערע טאַטעס און מאַמעס... דורך אונדזערע קינדער וועלן מיר אינגאַנצן באַפרײַט ווערן.

— דו זאָגסט, אַז אונדזערע קינדער וועלן שוין לעבן גאָר באַפרייטע — האָט לאַנע מיט אַ טרויער אין שטים געזעדט — פונקט ווי מיר זענען נאָך אַליין קינדער, כיענע... צופיל האָבן מיר איבערגעלעבט; עס קען זיין גענוג אויף הונדערט יאָר דאָס, וואָס איך האָב אין איין שעה איבערגעלעבט אין די שרעקלעכע טעג פון פּאָגראָמען. מיר אַליין זענען נאָך קינדער; מיר אַליין האָבן אַזויפיל קרבנות געבראַכט ביז איצטער... איך באַגרייף וואָס פרייהייט מיינט! אָבער גאָראַינגאַנצן באַפרייען זיך פון אַלטן דור, כל־זמן ער לעבט, קען איך ניט. מיין טאַטע לעבט, און גייט אויס פאַר מיינע אויגן — קען איך אים אָפרייסן פון זיך; אָדער מיט דער פוס אַוועקשטויסן אים פון זיך? טאָ ווי אַזוי קען מען ווערן פריי אויב מען איז פאַרפלאָנטערט אין די קייטן וואָס דער אַלטער דור טראָגט אויף הענט און פיס?... הערסט מיר, כיענע, וואָס איך רעד?

— איך הער, און עס ווילט זיך מיר וויינען. האָסט ביי מיר אויפגעריסן אַ ניט־פאַרהיילטע וואונד אין סאַמע האַרצן... נאָר איך זאָג, אַז צוליב דעם עלטערן דור טאָר זיך די יוגנט ניט באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

— האָף נאָר ניט פאַר דיינע קינדער; פאַר זיך אַליין געפין די אויסלייזונג. האַ, כיענע, פילסטו ניט ווי די ערד באַרואיקט? האַ, האָסטו ניט געפילט אינמיטן זומער, ווען די זאַנגען זענען פול געוואָרן מיט קערנער, אַז דאָס אייגענע לעבן איז פולער געוואָרן?...

— דעריבער רעד איך פון קינדער... אין שטאָט וואָלט איך נישט אַרויסגעזען פרייהייט מיט קינדערלעך אַרומגערינגלט; אָבער דאָ, ביי דער ערד — ווי די ערד, ווי דאָס פעלד, וויל איך זיך שפּירן... נאָר אַזוי בין איך ניט יונג, און בין ניט אַלט... גוט אַזוי, לאַנע... פאַרגעס אָן אַלטן דור... זיי וועלן קיינמאָל מער קיין פרייהייט נישט דערלעבן... אָבער מיר... אָ, הלואי וואָלטן מיר ביידע געלעבט אין איין דאָרף... אַזאַ ווי דו האָב איך ליב...

סימקען האָט פאַרנומען צו זיך בעניע צייטלין; ער האָט לכבוד איר געפּאַרעט די צעפּלאַצטע הענט און געריבן זיי מיט זאַמד — די הויט פון די שווערע הענט ווייכער צו מאַכן. דערנאָכדעם איז ער

מיט איר אוועק אין פעלד אריין, געלאכט און גערעדט פון אמאליקע צייטן אין בירגערקריג, פאגראמען, פעסט און הונגער, ווען אלץ איז געווען הפקר...

— גוט צו שפירן, אז ארום דיר איז אלץ הפקר — האט צייטלין געזאגט, און דערביי א דריק געטאן סימקען צו זיך, אזש די ביינער האבן זיך אפגערופן.

— די רעוואלוציע פארלאנגט ניט מער, די פרוי זאל זיין הפקר... מען קען שוין ניט טאן מיט דער פרוי וואס מע וויל, כא־כא־כא...

סימקע האט געלאכט און איר גוף האט הנאה געהאט פון זיינע שווערע, סענקעוואטע הענט...

ביינאכט האט זיך די יוגנט און דער מונטערער טייל פון עלטערן עולם פארזאמלט ארום א פייער אין סטעפ, ניט ווייט פון דארף. חברה האט בייצייטנס אנגעטראגן א בארג קוראי; דאס פייער האט מיט ספאזמעס אויפגעפלאקערט און אויסגעגאנגען; ס'פייער, אן הונגעריקעס, האט געפאדערט אלץ פרישן און פרישן קוראי. ארום פייער זענען געווען קלענערע קינדער פארזאמלט, זייערע פרייל־עכע פנימ'ער האבן אנטקעגן פייער געשיינט ווי געשייערטע מעש.

בעניע צייטלין איז ארויסגעקומען צום פייער מיט סימקען; אנגעקומען און געשפילט הייזריק אויף א האלב־צעבראכענער האר־מאניקע. ער איז איבערגעשפרונגען פון איין רוסישן טאנץ צום אנדערן, קונציק איבערגעהיפט די טענער, וואס האבן אין דער האר־מאניקע אויסגעפעלט.

— ווער טאנצט מיט מיר? — האט סימקע אויסגעשריען — קום, לאנע, מיט מיר טאנצן!

סימקע האט לאנען א כאפ געטאן פארן האנט, האט זי שיעור אין פייער ניט אריינגעצויגן. לאנע האט דערשפירט סימקעס אויפ־געוואכט בלוט, און איז איר אנטקעגן געקומען. לאנע האט אין סימקען דערשפירט א באהאלטענעם כח, א מאנסבילשן כח, וואס האט זי א כאפ געטאן. סימקע האט אנטקעגן לאנען געטאנצט. ביידנס אויגן האבן אין זיך געשפיגלט דעם קוראי־פייער. ס'האט א ווײַלע אויסגעוויזן, אז זאלבעדריט טאנצן זיי — סימקע, לאנע

און דאָס פייער אינמיטן... ניט דאָס פייער צעשיידט זיי; נאָר דאָס פייער פאַרבינדט זיי.

זייער טאַנצן האָט דעם עולם אַרום צעוואָרימט, מער ווי דאָס פייער פון קוראַי. הענט האָבן הענט געזוכט; אויגן האָבן אויגן געזוכט:

— באַנ׳אייך טאַנצט מען גאָרניט, כאַ־כאַ־כאַ! ס׳אי דאָך גוט אויפן הארצן. טאַנצט מיט אונדז! — האָט לאַנע מיט אַ פאַרשלאָ־גענעם אָטעם געוופן — קום, בערע; קום, יוסף, ס׳אי אונדזער ערד לאָמיר זיך גוט אויסטאַנצן אויף אונדזער ערד.

לאַנע האָט דעם עולם איינגענומען. דער עולם איז מיטגעריסן געוואָרן; תחילת האָט מען זיך גענומען פאַר די הענט, אין קאַראַ־האָד; באַלויכטן פון פייער און באַשאָטנט פון דער נאַכט. דערנאָכ־דעם האָט מען זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע גרופּן; איע־דערער אויף זיין אייגענעם אופן האָט אונטערגעכאַפּט די קלאַנגען פון צייטלינס צעבראָכענער האַרמאָניקע. עס האָבן זיך אָנטקעגן פייער פּנים׳ער געצונדן און אויסגעלאָשן; באָרוועסע פיס האָבן צו־מאָל דעם זשאַר אָנגערירט... הו־האַ — — — הו־האַ, האָפּאַי — — — הו־האַ, האָפּאַי — — — אַלע, אַלע האָבן געטאַנצט און ס׳איז ניט געווען ווער עס זאָל צוואָרפן קוראַי צום פייער — ביז אַ רויך האָט זיך אָנגעהייבן קנוילן און איינהילן די טענצער.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט מנחם רייכלין, דער יונג מיט די ברוין־איינגעפאַלענע באַקן — כאַ־כאַ־כאַ, טאַנצט, טאַנצט אויפן אייגענעם חורבן... כאַ־כאַ־כאַ, רעכט אַזוי! אָט אַזוי ברענט, אַזוי רויכערן אַלע אונדזערע האָפענונגען, כאַ־כאַ־כאַ...

דער טאַנץ איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. דער רויך האָט זיך געקנוילט פון דעם כמעט אויסגעגאַנגענעם פייער. לאַנען האָט רייכלינס געלעכטער די פיס אונטערגעבראָכן. זי האָט פון דער טונקלקייט ניט דערקענט ווער סע לאַכט אַזוי.

אַ ווײַלע זענען אַלע שטיל געבליבן. פונקט ווי דאָס פייער וואָלט איינאיינעם מיטן געלעכטער זיך אויסגעלאָשן. מנחם רייכלינס געלעכטער איז געווען באַקאַנט פאַר די אייגענע אין דאָרף; מען האָט

אים געהאַלטן פאַר אַ האַלבן משוגענעם. אָבער גאָר אומגעריכט איז דאָס געווען פאַר די געסט. אפילו פאַר יוסף'ן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט מיט דעם מנחמ'ען, געשמועסט מיט אים פון ארץ־ישראל און חלוצים, אפילו פאַר אים איז מנחמ'ס איצטיקער געלעכטער געווען אומגעריכט.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען מאיר דוואָרקין, דער הינקעדיקער סטאָליער:

— טאַנצט, יאַטן, — האָט ער באַפוילן — הערט ניט דעם פאַנאַטיקער און קאָנטר־רעוואָלוציאָנער!

אָבער ביי קיינעם האָט זיך מער קיין פוס ניט געהויבן; קיין חשק ניט געווען מער איינער ביים אַנדערן אַ האַנט אָנצונעמען.

— אויף וואָסערע חורבות טאַנצט מען באַנ'איך, חברים? — האָט בערע געפרעגט.

— חרוב געוואָרן אַ פאָלק... צעדריבלט, צעריסן געוואָרן אַ פאָלק... טאַנצט, טאַנצט און קראַפּירט פונמיינעטוועגן! — האָט מנחם רייכלין, שוין אביסל אַ דערשלאָגענער, גערעדט פון דער נאַכט אַרויס.

— כ'וועל דיך אַרעסטירן, אויב דו ס'טניט שווייגן — האָט מאיר דוואָרקין געשריען — אויב כ'האָב דיך ביז איצטער ניט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער מאַכט, איז דאָס נאָר דערפאַר וואָס כ'האַלט דיך פאַר אַ משוגענעם. נאָר דער סוף וועט זיין, כ'וועל דיך פאַרשפאַרן אין דאָפּער!...

יוסף איז צוגעגאַנגען צו מנחמ'ען, אים אַרומגענומען און איינגערעדט:

— פאַרגעס ניט, חבר, אַז די רעוואָלוציע איז געקומען אויפצובויען דאָס אידישע פאָלק... פאַרגעס ניט, חבר, אַז לענינס האָפענונג איז געווען, אויף דער רוסישער ערד וועלן אַלע אונטערדריקטע פעלקער אויפגעריכט ווערן. לענין האָט ניט פאַרלייקנט דאָס אידישע פאָלק.

— ער האָט ניט פאַרלייקנט? טאָ פרייט זיך דעריבער; טאַנצט, וואָס לענין האָט דאָס אידישע פאָלק ניט פאַרלייקנט... אָבער דאָס אידישע לאַנד וואו איז? ניטאָ קיין אידיש לאַנד אָן אַ אידי־

שער ערד; ניטאָ, ניטאָ... דאָס, וואָס עס איז געווען פריער — איז איצטער חרוב געוואָרן און איר טאַנצט אויף חורבות, כאַ־כאַ־כאַ...

מיט זיין לעצטן געלעכטער איז מנחם רייכלין שנעל אוועק און פאַרשוואונדן אין דער נאַכט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ געדריקטן געמיט ביי אַלעמען. ס'פייער האָט מען מער ניט באַנייט, כאָטש אַ היפּשער באַרג קוראַי איז נאָך געלעגן ניט פאַרברענט.

לאַנע איז צוגעגאַנגען צו בערען, האָט אים גענומען פאַרן האַנט און שטיל געפרעגט:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען מיר האָבן באַנ'אונדז אַזאַ איינעם?

— מיר האָבן אַזאַ איינעם; וועסט עלטער ווערן, וועסטו זען וואָס מירן טאָן מיט אים.

— וועמען מיינסטו?

— פאַראַן זיי געגנוג אומעטום... אַ אידיש פאָלק, שרייט ער, גייט אונטער, כאַ. וואו איז אַ אידיש פאָלק געווען? צעדריקטע מייז זענען עס געווען פאַרן צאַרס צייטן, און איצטער וויל זיי די רעוואָ־לוציע מאַכן פאַר פרייע מענטשן... טפוי, זאָל עס ווערן, ס'קערט מיר די גאַל פון זיי!

בערע האָט אויסגעשפּיגן, געלאָזן לאַנען אַליין, פאַרנומען דוואָר־קינען און איז מיט אים אוועק באַזונדער.

יוסף איז צוגעגאַנגען צו לאַנען, געוואָלט וויסן, וואָס זי האָט מיט בערען גערעדט. לאַנע האָט ניט געענטפערט. דער עולם איז אָן ווערטער צערונען געוואָרן; שווייגעוודיק געצויגן צום דאָרף.

לאַנע איז צוגעגאַנגען צו כיענען:

— ווער איז ער? פאַרוואָס האָסטו מיר פון אים פריער ניט דערציילט?

— ער וועט אים ניט אַרעסטירן — האָט כיענע געזאָגט — אַלע האָבן אים דאָ ליב. קום שלאָפן, לאַנע, מירן ליגן אין בעט, וועל איך דיר דערציילן פון אים... כ'האָב דיר אַ סך צו דערציילן...

ער האָט מיין גאַנצע פרייד אויסגעלאָשן. ער האָט אַ שטוב? כ'וויל אים נאָך היינט זען; וויל רעדן מיט אים... אָדער ניין, כ'וויל אים ניט זען. יוסף! קום אַהער, יוסף!

יוסף איז צוגעקומען.

— רעד איבער מיט בערען, מיר זאָלן היינט אַרויספאָרן אַהיים. דיר, יוסף, וועט ער פאָלגן.

— דו, לאַנע, רעד מיט אים. דיר וועט ער גיכער פאָלגן.

דערווייַלע איז בערע אַליין אונטערגעקומען. בערע אַליין האָט באַשלאָסן זיך אומקערן אַהיים.

— מאָרגן, חברים, פאַרטאָג לאָזן מיר זיך אַהיים. כ׳האָב שטאַרק מורא, סע קלייבט זיך רעגענען, און דער וועג וועט קאַליע ווערן.

לאַנע און יוסף, האָבן אים אין הארצן געדאַנקט דערפאַר.

ביי אַלע דריי פאָרן דמיון האָט זיך איצטער באַוויזן דאָס אייגענע היימישע דאָרף, וואָס האָט זיך אַביסעלע איינגעבויגן, גרייט צו באַגעגענען דעם ווינטער; און אַלע דריי האָבן דערשפּירט די וואַרימקייט וואָס איז פון וואָרט היים אַרויסגעקוואָלן און געריזלט אַרום האַרצן.

XXVII

נידעריק און שווער זענען די וואָלקן געשוואומען איבער קרימער סטעפּ און האָבן מיט רעגן אָנגעזעטיקט מאַמע־ערד. דער ברוינער גרונט איז צעיורן געוואָרן; קלעפּיק און קאַלט. די וועגן זענען חרוב געוואָרן; פאַרשוואומען סליאַד פון רעדער און טריט. און כאָטש דער רעגן האָט בערעס געשפּאַן פאַרכאַפּט שוין ניט ווייט פון דער היים, האָט מען פונדעסטוועגן אַ שטיק וועג געמוטשט נאָכשפּרייזן און טאַפּטשען זיך הינטערן וואָגן, באַשר פאַר די פערד איז שוין שווער געווען צו שלעפּן דעם וואָגן מיט די פיר פאַרשווינענע.

זעקס טעג איז לאַנע ניט געווען אינדערהיים; האָט זיך פאַר דער צייט אָנגעזעטיקט מיט פרעמדע פריידן, וואָס זענען געוואָרן אייגן; און פרעמדע טרויערן, וואָס האָבן געשניטן דאָס לייב. פונ־דעסטוועגן איז זי צוריק אַהיים געפאָרן אַ שטאַרקערע ווי זי איז אַרויסגעפאָרן. אַהיים איז זי געפאָרן דעם גאַנצן וועג זייט־ביי־זייט מיט בערען; געהערט פון אַלץ וואָס מען האָט געזען און געהערט

אין די זעכצן דערפֿער וואָס מען האָט באַזוכט. לאַנע האָט אין בערעס יעדן וואָרט געפּילט, אַז ער רעדט צו איר מיט אַ געוויסן אָבשיי. האָט זי דאַריבער ביי זיך אין וועג אָפּגעמאַכט, אַז קומענדיק אַהיים, וועט זי נאָך אַמאָל, גאָר אָפּנהאַרציק, מיט אים אַרומרעדן דעם ענין טאַטעס־און־קינדער... זי וועט מיט אים רעדן ערנסט; זי וועט אים באַווייזן, אַז די רעוואָלוציע איז אַ סך מאָל אומגערעכט מיט איר שלעכטער באַציאונג צו די קינדער פֿון געוועזענע סוחרים און פּאַרמעגליכע מענטשן. זי וועט קענען באַווייזן, אַז מיט זיי האַנדלט די רעוואָלוציע קליינלעך און אָן יושר. זי פּילט, אַז בערע וועט איר מוזן מודה זיין.

אָבער אין דער היים האָט אויף לאַנען געוואַרט ניט קיין גאָר גוטע בשורה: איר טאַטן, האָט זי ניט געפֿונען אינדערהיים. פּשוט און פּראָסט איז אַ מיליציאַנט געקומען צו רייטן, אויפגעפּאָדערט וואָוועץ און זייטשיקן, זיי זאָלן זיך „יאַווען" אין ראַיאָנעם אויספּירקאָמיטעט. לאַנע האָט אויף קלאָר ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס פֿאַר אַ חטא מען האָט אים צוגענומען. ניט אַנדערש, ער האָט אין דער שטיל ווידער געהאַנדלט אינאיינעם מיט זייטשיקן. זייטשיק האָט אויפגעקויפט און פֿאַרקויפט פֿערד און וואָווע ברעזער האָט אויף דעם אויסגעלייגט געלט... דאָס קען מיינען — נאָך אַמאָל דעקלאַסירט ווערן; אָנווערן שטימרעכט! ביילקע וועט זיך בעדאַרפֿן אָפּזאָגן פֿון דעם חלום צו פֿאָרן אין מאָסקווע שטודירן. און זי, אויב זי וועט ניט וועלן ווערן אַ שותּף'טע צו איר טאַטנס חטאים, אויפהאַלטן אירע רעכט — וועט זי מוזן אַוועק פֿון אונטער דעם דאַך וואו איר טאַטע וועט לעבן. און ווער ווייסט, אפשר שמעקט עס נאָך מיט אַראָפּזעצן פֿון ערד־חלק.

דער אַלטער יאָשע, איז אומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, האָט זיך אויסגעמאָלן, אַז מען וועט דאָרטן זיין זון חלילה עוקר מן השורש זיין.

אָבער גאָרניט פֿאַרשטענדלעך איז לאַנען תּחילת אויסגעקומען דאָס, וואָס זי האָט געטראָפֿן ביילקען מיט געשוואָלענע אויגן פֿון וויינען; און ווען לאַנע האָט פֿון איר געוואָלט אַרויסגעפֿינען וואָס

אין שטוב אין פארלאָפן, האָט זי זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו דער אמת׳ער סיבה — פארוואָס ביילקע זאָל זיין אזוי פארווײנט.

— לייג זיך ניט אין דער ערד אריין, ביילקע; מאלע וואָס די מאַכט אַרעסטירט; מע וועט אים אויספאָרשן און אָפּלאָזן צוריק; קיין קרימינעלן פארברעכן איז ער דאָך ניט באַגאַנגען. וועסט זעען, היינט־מאָרגן וועט ער קומען אַהיים. וויין ניט, ביילקע.

אָבער ביי ביילקען, מיט לאַנעס צוריקקומען, איז דער קוואַל טרערן באַנייט געוואָרן; און ווען דער אַלטער יאָשע איז אַרויס פון שטוב, האָט ביילקע אָנגעהויבן קלאָגן אויפן הויכן קול; האָט זיך געטוליעט צו לאַנען און דורכגעווייקט איר ברוסט מיט טרערן.

— הער אויף, ביילקע — האָט זי לאַנע צערטלעך איינגענומען — כ׳וויל אַריבערגיין צו בערען און באַנ׳אים אויסגעפינען. כ׳בין חושד, ער האָט אין דעם אַ חלק... ווער ווייסט, אפשר האָט ער בכיון מיך מיטגענומען, כדי דאָס זאָל אויסקומען ווען ער וועט ניט זיין דאַביי... ער האָט מסתמא אזוי אויסגערעכנט. איך גיי שוין אַריבער צונ׳אים; ער וועט מיר מוזן מודה זיין.

ביילקע האָט אויפגעהויבן אירע רויט־אָנגעוויינטע אויגן און אָנגעקוקט לאַנען אָן ווערטער. אין ביילקעס בליק איז געווען שרעק און תחינה.

— וואָס, דו ווילסט ניט, איך זאָל גיין אַהין? דערציייל מיר, ביילקע, אויב דו ווייסט פארוואָס איך באַדאַרף ניט גיין...

מיטאַמאָל האָט לאַנע עפּעס באַמערקט אין ביילקעס בליק; איר צושראָקנקייט איז געווען אַזאַ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות מיטן פאָטערס אַרעסט. די אָנגעשוואָלענע אויגן פון כסדר׳דיקן וויינען — האָבן אויך געהאַט אַן אַנדער באַטייט. לאַנע האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט ביילקען, האָט זי אַ קוש געטאָן אין קאַלטן שטערן און געפרעגט:

— איך בעט דיר, ביילקע, דערציייל מיר פון אַלץ... כ׳פאַרשטיי, אַז ניט צוליבן טאַטן וויינסטו. פאַר מיר זאָלסטו ניט באַהאַלטן קיין סוד. ביילקע, איך בעט דיר... איך מוז וויסן וואָס מיט דיר איז.

— כ׳וועל זיך נעמען דאָס לעבן...

ביילקע האָט מער ניט געקענט רעדן, האָט זיך אַנידערגעוואָרפן

אויפן בעט, באהאלטן דאָס פּנים אין קישן, און איר גאַנצער גוף האָט געצוקט אין קאָנוואולסן.

לאַנע איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אויף איר אָרט, פונדער־ווייטנס געקוקט צו דער דערשלאָגענער ביילקען, וואָס איז, ווי אַ צע־ריסענע אויף שטיקער געלעגן אויפן בעט. און איעדער שטיק באַזונ־דער האָט זיך געקרעמפּט פאַר שטאַרקן ווייטיק. ביילקעס פיס, בלויז אָנגעשוכטע אָן זאָקן, זענען געווען אָפּגעדעקט ביז צו די קני; בלוי־לעך־רויט זענען געווען די אָפּגעדעקטע פיס פון די קנעכל ביז צו די קני. ס'האָט געפעלט די יוגנט אין די אָפּגעדעקטע פיס. ניט קיין קינדערשע פיס זענען עס געווען... „כ'האָב באַדאַרפט זיין נענטער צונ'איר..." — האָט לאַנע אַ טראַכט געטאָן; און קלערער איז איר געוואָרן דער סוד, וואָס האָט איצטער אָפּגעשיידט פון איר ביילקען. איבערפרעגן נאָך אַמאָל האָט זי ניט געוואָלט.

לאַנע איז צוגעגאַנגען, זיך געזעצט אויפן ראַנד פון בעט; גע־גלעט ביילקעס קאַלטע און רויטלאַכע פיס; האָט געשפירט ווי ביילקע באַרואיקט זיך און הערט זיך איין צו אירע הענט, וואָס גלעטן אירע פיס אַרויף־און־אַראָפּ, פון די קנעכל ביז צו די קני, און פאַרגייען העכער איבער די קני, וואו איר ליב איז ווייכער און וואַרימער.

— איך ווייס אַלץ, ביילקע: פאַרשפּאָרסט מיר צו דערציילן. ווי לאַנג איז דאָס שוין? — האָט לאַנע שטיל און קאַלט געפרעגט.

ביילקע האָט געשוויגן; האָט ניט גערירט מיט קיין גליד, אויסער, וואָס איעדער אָטעם־צוג האָט אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן איר פּלייצע. ביילקע איז נאָך אַלץ געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ.

— ביילקע, איך רעד דאָך צו דיר... מעגסט אויפהייבן דעם קאָפּ און לאָזן, איך זאָל דיך אָנקוקן גלייך אין פּנים אַריין. איך האַלט עס ניט פאַר קיין זינד, ביילקע. אויב דו האָסט זיך אונטער־געגעבן, האָט אַזוי געפאָדערט דאָס לעבן. האָב חתונה מיט אים. ער האָט דיך ליב און דו האָסט אים ליב. ס'וועט דיר קיינער ניט אויפוואַרפן דערפאַר וואָס דו האָסט חתונה געהאַט פריער פאַר דיין עלטערער שוועסטער, און ער — פריער פאַר זיין עלטערן ברודער. קיינער וועט דיר ניט אויפוואַרפן טאָמער, נאָכן חשבון פון אונדזער דאָרף, וועסטו געבערן אַ קינד מיט אַ חודש, צי צוויי חדשים פריער.

דאָס זאָל זיין די קלענסטע דאגה. דו בעסער דערציילּ מיר, ווי אזוי מען האָט דעם טאַטן אוועקגענומען.

ביילקע האָט זיך איבערגעקערט אויף א זייט, מיטן פּנים צו לאַנען; גענומען לאַנעס האַנט און מיט איר געגלעט איר אייגענעם פּנים. לאַנעס האַנט האָט געקילט אירע גליענדיקע באַקן. דערנאָכדעם האָט זי פאַרנומען לאַנעסביידע הענט, צוגעצויגן צו איר פּנים לאַנעס פּנים און מיט ברענענדיקע, טרוקענע ליפּן געקושט לאַנעס פּנים, וואו נאָר די ליפּן האָבן געפונען.

— צי אזוי נעמט מען און מען פאַרליבט זיך, נאַרישע מויד — האָט לאַנע שטיל געפרעגט — אויב ס'טרעפט מע האָט ליב א מאַן און מען גיט זיך אים אוועק... לעבסט אין אַן אַנדער צייט. ניטאָ וואָס צו פאַלן ביי זיך. א פרוי איז אזוי בארעכטיקט ווי א מאַן. און אויב א פרוי וויל האָבן א קינד, איז עס איר רעכט אויף דעם; קען זי עס טאָן מיט וועמען זי וויל, און ווען זי וויל.

ביי ביילקען האָבן ווידער אָנגעהויבן קוועלן די טרערן; דאָס־מאָל ניט צוליב איר פריערדיקער חרפּה פאַר דער עלטערער שוועס־טער; ניט צוליב איר פאַרלירן אַלץ וואָס זי האָט נאָך פאַרמאָגט אין לעבן, ווי זי האָט מיט א ווײַלע פריער צוריק געשפּירט; דאָס זענען טרערן פון דערלייזונג; טרערן, — וואָס האָבן די אויגן ניט אזוי געברענט; טרערן, וואָס האָבן באַרואיקט, ווייל אונטער זיי איז געקוואָלן די שטילע פרייד, וואָס בליט אויף די טרוקענע ביימער־ריטער, ווען דער ווינטיקער און שוין זוניקער פרילינג האָט אויף די ריטער אָנגעקוואָלענע קנאָספּן אַרויסגערופן.

ביילקע האָט איצטער געגאַרט אויפצועפענען איר האַרץ פאַר דער שוועסטער, אויסדערציילן פאַר איר אַלץ וואָס זי האָט אין פאַר־לויף פון זומער פון איר אויסבאַהאַלטן; דערציילן פון די וואַרימע זומער־נעכט, ווען זי האָט זיך אָפּגע'גנב'עט פון לאַנען צו באַגעגענען נחום'ען אין די ווייצנפעלדער... אין דער צייט, וואָס לאַנע האָט זיך מיט בערען אַרומגעקריגט צוליב דער רעוואָלוציע — האָט זי מיט נחום'ען, ווי דאָס ווייצנפעלד, זיך געגערט מיט די זאַפטן וואָס די זומערנאַכט האָט געטרונקען פון מאַמע־ערד; געשפּירט דעם הויך וואָס די זומערנאַכט האָט געאָטעמט אויפן פּנים פון מאַמע־ערד.

אָבער לאַנע פרעגט ביי איר גאָרנישט. אַזוי פּשוט און אַזוי רואיק רעדט צו איר לאַנע — אַזש ביי איר אין האַרצן הייבט אָן צו וואַקסן אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט צו לאַנען. ווייל באמת קומט איר אויס, אַז דאָס האָט גאָר באַדאַרפט טרעפן מיט לאַנען און בערען, און ניט מיט איר און בערעס אינגערן ברודער. איצטער ליגט נאָר לאַנען אינזינען דער פאָטער; ס'איז ביילקען שווער צו באַנעמען לאַנעס געמיט. לאַנע וואַקסט אויס אין ביילקעס דמיון; וואַקסט אויס גרויס, און זי טרעט אָפּ פון איר ווייט...

— פאַרוואָס קען איך ניט זיין ווי דו, לאַנע — האָט ביילקע מיט אַ ציטעריקער, קינדישער שטים געפרעגט.

— באַדאַרפסט ניט זיין ווי איך. דו זיי דאָס, וואָס דו ביסט. האָסט נאָר געמאַכט אַ טעות, ווען דו האָסט געקלערט צו פאָרן קיין מאָסקווע. זאָל עס דיר ניט אַרן, וואָס דו וועסט איצטער שוין מוזן בלייבן דאָ אין דאָרף. איר וועט אייך נעמען אַ ערד־חלק; זומערצו וועלן מיר אייך העלפן אויסבויען אַ שטוב... דיין קינד וועט אודאי אָנהייבן גיין אויפן צווייטן חודש, און וועט מיט אַ נאַקעטן פּופּיקל אַוועקלויפן איבער די פעלדער.

ביילקע האָט אין זיך אַ לאַך געטאָן; איר שוועסטערס רייד זענען פאַר איר געווען נאָנט, אָבער ניט פאַרשטענדלעך. אין אַ ווײַלע אַרום איז איר אומעטיק געוואָרן צוליב לאַנעס לעצטע ווערטער. „נאָר ניט אַזוי גיך... נאָר ניט ווערן אַ מאַמע אַזוי גיך ווי לאַנע מאָלט עס מיר אויס... נאָר ניט דאָ אין דאָרף זיך באַגראָבן אויף אַ לעבן לאַנג..." דאָס טראַכט זי און וויל עס ניט ברענגען פאַר די ליפּן; זי וויל איצטער ניט זיין דערווידער איר שוועסטער, וואָס האָט זי נאָר וואָס אויפגעהויבן פון געפאַלנקייט.

לאַנע האָט ווידער אָנגעהויבן:

— מיר וועלן נאָך פון דעם רעדן, ביילקע; דו וועסט מיר אַלצ־דינג דערציילן. אָבער איצטער לאָזט מיך ניט רוען דער געדאַנק, אַז דעם טאַטן האָט מען אַרעסטירט. איך בעט דיר, דערצייל ווי איז דאָס געווען? וואָס האָט מען אים געזאָגט?

— כ'ווייס ניט, לאַנע; ס'אי נאָר אויף אַלעמען אַ שרעק אַרויפּ־געפאַלן. כ'ווייס ניט, זאָג איך דיר... אַ מיליציאָנט איז געקומען,

געבראַכט אַ פּאַפּיר וואו מען האָט אַרויסגעפּאָדערט אים און זייטשיקן אין „איספּאָלקאָם", האָבןביידע געשפּאַנט די פערד און אוועקגעפאָרן.

מער האָט לאַנע ניט גערעדט, און ניט געפרעגט. זי האָט אָנגעטאָן דעם פּאַטערס אַ פּאָר שטיוול, גענומען אַ פּאַטשיילע אויף די אַקסלען און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. ביילקע האָט איר נאָכגעקוקט און ניט גע'פּועלט ביי זיך בעטן לאַנען, זי זאָל איצטער בלייבן מיט איר אין שטוב. „אפשר גייט זי זען נחום'ען; אָדער גאָר רעדן מיט בערן וועגן איר און נחום'ען... " — לויפט איר דורך אַ געדאַנק.

אָבער ניט צוליב דעם איז לאַנע אַרויס פון שטוב. ווען איצטער וואָלט דער דרויסן ניט געווען אַזוי בלאָטיק און צעיורן וואָלט זי, ווי דער שטייגער, אַוועק אין פעלד, אַליין מיט זיך איבערלעבן דאָס געשעענע אין די ווענט פון דער ברעזער־שטוב. איצטער איז געווען אומבאַקוועם אַזוי אָן אַ ציל אַרומשליאָפּן אין זומפּ. זי האָט מיט אַמאָל אין זיך דערשפּירט די שווערקייט פון מאַמע־ערד; די ליימיקע בלאָטע האָט זיך אָנגעקלעפּט צו די שטיוול און וואָס ווייטער, איז איר אַלץ שווערער געוואָרן. אויף צוויי שטיבער איז איר בליק כמעט איינצייטיק געפאַלן — אויף דער ראַטנער־שטוב און אויף די קאָוואַלסקיס. דערנאָכדעם האָט זי שוין מיט פאַרטרערטע בליקן אויפגעזוכט די קרעטשמער־שטוב. ס'וואָלט אפשר געווען אַ יושר אַוועק צו סימקען און זיך גוט אויסוויינען אויף איר הארצן. קומט איר אָבער איצטער אויס ניט אין צייט דאָס צו טאָן; ווייל אויפן וועג צוריק פון די אידישע דערפער האָט זיך סימקע אויף איר באַליידיקט צוליב דעם, וואָס זי, לאַנע, האָט איר מכבד געווען דעם גאַנצן וועג זיצן מיט יוסף ראַטנערן. איצטער וואָלט זי באַדאַרפט מיט סימקען אָנציען אַ שמועס פון גאָר עפּעס אַנדערש.

— מיט בערען, מיט אים מוז איך רעדען...

דאָס האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט, און האָט פאַרקערעוועט מיט פעסטע טריט צו די קאָוואַלסקיס. האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרק האַרץ, ניט אַרויסצואווייזן ביי די קאָוואַלסקיס אין שטוב איר נידערגעשלאָגנקייט.

ווען זי האָט זיך דערנענטערט צום שטוב, האָט זי געפּרוּאווט אויסגלייכן דעם קאָפּ; צוליב די שטיוול אויף די פיס האָט זי גע־וואָלט צוגעבן איר גאַנג אַ מאַנסבילשקייט, אָבער שוין כמעט ביים טיר האָט איר האַרץ אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן — אַזש אין די אויערן האָט עס אָפּגעהילכט. דעריבער, אַנשטאָט אָנקלאַפּן ביי די קאָוואַלסקים אין טיר, איז זי פאַרבייגעגאַנגען ווייטער: געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַרומקלערן דאָס, וואָס איז איר אַנטפּלעקט געוואָרן פון ביילקעס געוויין. אויב אין דער ערשטער רגע איז איר אויסגעקומען נאַטירלעך ביילקעס אונטערגעבן זיך דעם יונגן קאָ־וואַלסקין — האָט עס איצטער אויסגעזעען אין אירע אויגן גאָר אומגעלומפּערט.

זי האָט געוואָלט פאַרקערעווען צוריק אַהיים; נאָך אַמאָל אָפּנ־האַרציק אויספרעגן ביי ביילקען אַלע פּרטים פון אירע באַגעגענישן מיט נחום'ען. ס'איז איר אַרוים פון זינען דעם טאַטנס אַרעסט צו־ליב וועלכן זי האָט איצטער געבראָדזשעט דורכן פאַרנאַכטיקן, טריבן און זומפּיקן דרויסן.

— זייַ־זשע מוחל, לאַנע, — האָט זי דערהערט הינטער זיך רייזלס שטים.

לאַנע האָט זיך אומגעקערט, געמאַכט אַ פּאָר טריט אַנטקעגן רייזלען, וואָס איז אין שווערע שטיוול און מיט אַ ברייטן שמייכל געגאַנגען איר אַנטקעגן.

— ביסט דען נישט געגאַנגען צו אונדז, לאַנע? בערע קען זיך גאָרניט אָנדערציילן פון די דערפער וואָס איר האָט אָנגעזעען; בויט זיך טאַקע אַ אידישע וועלט, האַ, לאַנע?

— יאָ, חבר'טע קאָוואַלסקי; ס'וואָלט אַלץ גוט געווען; בין איך געקומען אַהיים און געפונען, אַז מען האָט דעם טאַטן אַרויסגעפּאָ־דערט אין „איספּאָלקאָם".

— קיין בייז זאָל נישט זיין; מע וועט דאָך אודאי אויף אים גאָרנישט געפינען. אפשר נאָך היינט וועט'ן אים אָפּלאָזן אַהיים; ער איז דאָך נישט קיין פאַרברעכער...

— ווער ווייסט, צי מען איז אַ מענטש, צי מען איז אַ פאַר־

ברעכער... אפשר וועט מען אויסגעפינען, אז איך בין אויך ניט ווערט וואָס איך לעב אויף דער וועלט.

— קום אריין, לאַנע; אז דו ביסט שוין נעבן שטוב טאָ קום אריין: כ׳וויל מיט דיר פון עפּעס אַנדערש רעדן. כ׳האָב דאָ נאָך דיר אויסגעקוקט די אויגן; האָב געזאָגט, מיט קיינעם וויל איך נישט רעדן, נאָר מיט דיר... אפילו מיט מיין מאַן, אפילו מיט בערען וויל איך אויך נישט רעדן; וועגן נחום׳ען און ביילקען וויל איך רעדן — ער וויל מיט איר חתונה האָבן, זאָגט ער... איז דאָך גאָר אַ אינגל, איז ער...

לאַנע האָט פארביסן די ליפּן און געקוקט רייזלען גלייך אין די אויגן אריין. רייזל האָט געפאָרשט אין לאַנעס פּנים, וואָס פאר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן; און לאַנע האָט געוואַרט צו הערן נאָך עפּעס, וואָס איז וויכטיק געווען צו וויסן איידער זי זאָגט אַרויס איר מיינונג: וויכטיק צו וויסן, וואָס אַזוינס בערע מיינט און וואָס נחום׳ס טאַטע, לייזער דער שמיד, וועט אויף דעם זאָגן.

רייזל האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ווידער זיך אָנגערופן:

— אודאי וועט עס מיין מאַן נישט וועלן ליידן. נחום איז נאָך אַ אינגל, די מילך אויף די ליפּן. האָב געוואָלט, בערע זאָל אפריער חתונה האָבן... ווען דער טאַטע זיינער דערוויסט זיך — וואָלט ער אים אודאי געשלאָגן דערפאַר.

— אייך, חבר׳טע קאָוואַלסקי, געפעלט דער שידוך? — האָט לאַנע מיט אַ בלאַסן שמייכל געפרעגט.

— אַ מאַמע ווייס דען וואָס ס׳איז גוט פאַר איר קינד? ביידע זייט איר מיר איינגעבאַקן אין הארצן... זאָלסטו מיר לעבן, לאַנע, וואָס שטייען מיר אין בלאָטע? קום אריין אין שטוב.

— מיינט איר, כ׳וועל קענען עפּעס אויסגעפינען ביי בערען וועגן מיין טאַטן?

— וואָרום וואָס, ביסט חלילה אים חושד, אז ער ווייסט פון דעם?

— ער איז דאָך אונדזער עלטסטער.

— חלילה־וחס; ער וועט דען גיין דערטראָגן, אז דיין טאַטע און זייטשיק האָנדלען? מסתמא האָט אימיצער אַנדערש דערטראָגן...

אודאי קען מען אים דערפֿאַר דעקלאַסירן, צונעמען שטימרעכט... בערע זאָגט, אַז די מאַכט איז זייער שטרענג מיט איבערוואַנדערער, וואָס אַנשטאָט באַאַרבעטן די ערד, הייבן זיי אָן צו האַנדלען.

— בערע האָט געוווּסט, אַז מען האָט דעם טאַטן צוגענומען?

— מירן אים דערציילט.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— אדרבה, קום אַריין, פרעג אים... נאָר, כ'בעט דיר, לאַנע, קוק נישט אויף אים ווי אויף אַ טשינאָווניק; דערווײַלע איז ער מײַנער אַ זון... דערווײַל, כ'בעט דיר, קום אַריין אין שטוב אַרײַן; אפשר פֿאַר דיר אין די אויגן וועט מײַן מאַן נישט אַרויסווײַזן זײַן כעס... כ'וויל מיט נחום'ען רעדן, קום אַרײַן.

— וועל איך אייך בעטן אָט־וואָס... לאָזט מיך איצטער זיך אומקערן אַהיים... איצטער קען איך ניט; כ'וויל זיך דורכרעדן מיט ביילקען, ווײַל באַנ'איר עפּעס אויספרעגן. אפשר אין אָוונט וועל איך אַריבערקומען אינאיינעם מיט ביילקען...

לאַנע האָט זיך נאָך אַ ריס געטאָן צו רייזלען, אַ קוש געטאָן זי, און גלייך פאַרקערעוועט צוריק אַהיים. זי איז ניט געגאַנגען — נאָר כמעט געלאָפן; שליאָפּ, שליאָפּ, איבער דער בלאָטע, האָט זי אַ צעשראָקענע געשפּרייזט און געפילט אויפן פּלייצע רייזלס צעטומלטע בליקן, וואָס יאָגן זיך נאָך דורכן טרייבן פאַרנאַכט.

XXVIII

וואָווע ברעזער און זייטשיק זענען דערווײַל ניט באַשטראָפט געוואָרן פֿאַר זייער האַנדל מיט פערד. אין „איספּאָלקאָם" האָט מען זיי גוט אויס'געמוסר'ט און דערביי שטרענג געוואָרנט. וואָווע און זייטשיק האָבן זיך גע'חידוש'ט, ווי מען ווייסט ביי דער מאַכט פֿון יעדן טראָט וואָס אַן איבערוואַנדערער טוט. אין די אויגן פון דער מאַכט האָבן ביידע זיך געשפּירט שולדיק.

— די מלוכה גיט אייך ערד: די מלוכה וויל אייך מאַכן פאַר אַ שותּף און גלייכן מיטן אַרבעטער־קלאַס, פאַרוואָס־זשע באַנעמט

איר עס ניט? פאַרוואָס העלפט איר אונדז ניט בויען סאָציאַליזם אין לאַנד, עס זאָל מער ניט זיין קיין פּאַראַזיטן און קיין פּיאַווקעס?

ווען דאָס האָט געהערט אַ יונגער, בלוי־אויגיקער באַאַמטער, האָבן ביידע, וואָווע און זייטשיק, געשפּירט ווי זיי גיסן זיך אָפּ מיט שווייס. קיין וואָרט אויף צוריק צו ענטפערן איז בייביידן ניט געווען. בלויז ווען דער מענטש פון דער מאַכט האָט געזאָגט: „איצטער לאָזט מען אייך צורו; קיין שטימרעכט וועט מען דערווייל באַנ׳אייך ניט צונעמען; אָבער זייט וויסן, אַז די מאַכט האַלט אויף אייך אַן אויג... איצטער קענט איר פאָרן אַהיים — — —". ערשט יעמאָלט האָט וואָווע ברעזער אַ טראַכט געטאָן פון לאַנען: „עך, ווען לאַנע וואָלט דאָ איצטער געווען!" נאָר וואָס וואָלט לאַנע גע־טאָן — איז אים אין דער רגע ניט איינגעפאַלן. ער האָט בשעת מעשה פאַרגעסן, אַז מיט לאַנען האָט ער געהאַט קריגערייען פאַר דער אייגענער זאַך צוליב וועלכער די מאַכט זאָגט אים איצטער מוסר. „ווער ווייסט, אפשר איז אַן אייגן קינד אַ שפּיאָן, און דאַנאָסעט אויף אַן אייגענעם טאַטן..." — האָט וואָווע אַ טראַכט געטאָן.

— איר קענט פאָרן; איר זייט פריי — האָט דער מענטש פון דער מאַכט טרוקן אַרויסגעזאָגט — אינגיכן וועט אייער דאָרף באַ־זוכן אימיצער פון „אויספּירקאָמיטעט..." פאָרט אַהיים כל־זמן דער וועג איז נאָך אינגאַנצן ניט קאַליע געוואָרן...

דער וועג איז שוין געווען צעיורן; און ביי וואָווען אין האַרצן — אַ צערונענער וויטיק. ביידע, וואָווע ברעזער און זייטשיק, האָבן זיך געשפּירט גערעכט, און פאָרט אומגערעכט. „די מלוכה ווייס דאָך וואָס זי וויל און פאַרלאַנגט; און גיי פאָלג אויס וואָס זי פאַרלאַנגט!" אַ גאַנצן וועג האָט וואָווע ברעזער געפּרוּאווט רעדן מיט זייטשיקן, אַז אין גרונט ווייס די מלוכה ניט וואָס זי וויל פון דעם איבערוואַנ־דערער; און אַז נאָר צוליב שלעכטסקייט האָט זיך די מלוכה אָנגע־זעצט אויפן ענדלער. זייטשיק האָט כסדר מסכים געווען.

שפּעטער האָט זייטשיק געוואָלט מיט שטאַרקערע ווערטער באַ־וויזן, אַז מען קען זיך אויסדרייען פון זייערע הענט:

— ווען איך ווייס ווער אין דאָרף ס׳האַלט אַן אויג אויף אונדז

וואָלט איך אים דעם קאָפּ אַראָפּגעדרייט; באַדאַי אויף קאַטערגע אָוועק, און דעם קאָפּ וואָלט איך אַראָפּגעדרייט!

ביידע האָבן גוט געוואוסט, אַז בערע קאָוואַלסקי האַלט אַן אויג אויף אַלץ און אַלעמען, און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיין נאָמען ניט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן. איינער האָט דעם אַנדערן חושד גע־ווען. די בלאָטע איז געווען געדיכט; די בלאָטע האָט זיך שווער אָנגעזעצט אויף די רעדער, און דער וועג, וואָס האָט באַדאַרפט גע־דויערן פינף שעה, האָט געדויערט צוויי מעת־לעת. זיי האָבן אין וועג גענעכטיקט אין אַ דייטשן דאָרף, און זיך אָנגענומען מיט בענק־שאַפט — וואָס גיכער קומען אַהיים.

לאַנע איז פונקט געשטאַנען אין מיטן גאַס, מיט די שטיוול טיף אין בלאָטע; איז נאָך פול געווען מיטן שמועס, וואָס זי האָט נאַרוואָס געהאַט מיט רייזלען וועגן נחומ'ען און ביילקען; ווען זי האָט איר טאַטנס געשפּאַן דערזען אָנקומען, האָט איר ווידער אָנגע־הויבן קלאַפּן אין האַרצן; אַן אומקלאָרער געפיל האָט אַ טרייב גע־טאָן דאָס בלוט אין פּנים אַריין. צופרידן, וואָס איר טאַטע איז אויף דערפריי; און מיט אַ שניידנדיקן געפיל פון חרפּה — וואָס איר טאַטן האָט מען אַרויסגערופן אין „אויספירקאָמיטעט" צוליב זיין גיין אַנטקעגן דער מאַכט. אַ רגע האָט זיך איר אויסגעדאַכט, ווי די בלאָטע אונטער איר ווערט לויזער און אָט זינקט זי אין איר איין ביז איבער די כאַלעוועס.

וואָווע ברעזער האָט לאַנען דערזען פונוויטנס. אַנשטאָט צו־צופאָרן צום שטוב, האָט ער זיך געלאָזן לאַנען אַנטקעגן; מיט אַ פריילעכן פּנים געהייסן, זי זאָל אַרויף אויפן וואָגן.

זייטשיק האָט זיך צעלאַכט ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן, האָט אַריבערגעשריען צו די ברעזערס:

— וועל שפּעטער אַריינקומען צונ'אייך!

לאַנע האָט אין דער רגע ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן מיטן פאָטער. די פערד זענען געווען פאַרמאַטערט און אַ פּאַרע האָט געזעצט פון זייער פעל. שווער געווען צו פאַרקערעווען זיך.

— כ'וועל אַראָפּקריכן פון וואָגן, וועט פאַר די פערד זיין גרינ־גער — האָט לאַנע געזאָגט.

— זשאַלעוועסט די פערד, מחמת ביי דער מלוכה איז שוין אַ מענטש גאָרנישט ווערט.

— צוליב וואָס זאָלסטו עס ריידן?

— לאָמיר טאַקע פון דעם נישט ריידן. ווען ביסטו געקומען אַהיים?

— מיט אַ שעה דריי צוריק.

— האָסטו זיך אודאי געחידוש'ט, וואָס מע האָט מיך אַרויס־גערופן אין שטאָט...

— שטאַרק ניחא איז דאָס מיר ניט געווען; געקענט זיין רעכט אָן דעם... צוגענומען שטימרעכט?

— דערווייל נאָך נישט. סע שטעקט זיין האַנט אין דעם: אודאי האָט ער אין דעם אַ חלק.

— ווער?

— דיין גאָט... דיין לענין...

— כ'ווייס ניט וועמען דו מיינסט.

— לאָמיר בעסער שווייגן.

לאַנג האָט דעם פאָטער געלאָזן דרויסן אַליין מיטן געשפאַן; זי האָט אַריינגעאײַלט צו ביילקען, וואָס איז געשטאַנען ביים שפּיגל און זיך באַמיט אָראָפּצוואַשן מיט ביידע הענט די געוויין־צייכנס פון פּנים און פון אַרום די אויגן.

— האָסט געזען, ביילקע, דער טאַטע איז דאָך דאָ.

— כ'האָב געוואוסט, אַז מע וועט אים ניט אַרעסטירן.

— היינט וועל איך מיט אים ריידן וועגן דיר; וועל אים זאָגן, אַז דו ווילסט חתונה האָבן מיט קאָוואַלסקיס איינגערן זון.

ביילקע האָט אויף איר אָנגעשטעלט אירע צעשראָקענע אויגן.

— כ'וועל עס ניט פאַרלאָזן אין דער לאַנגער באַנק אַריין... דיר וועט זיין גוט, ביילקע.

— ניין, כ'וועל עס ניט איבערלעבן.

— מיט מיר האָט רייזל גערעדט; האָט דיך דערמאָנט. נחום האָט שוין מיט איר גערעדט.

— כ'וויל ניט, כ'וויל ניט — האָט ביילקע זיך געוועהרט.

— פאַרוואָס, ביילקע, ווילסטו ניט? ער איז דאָך שוין דיין

מאַן; ער האָט דיך ליב. מסתמא האָסטו אים אויך ליב, אויב דו האָסט זיך אים אַוועקגעגעבן איינגאַנצן. היינט וועל איך ריידן מיטן טאַטן און מיט זייערע.

— ווילסט מיך מיט געוואַלד חתונה מאַכן?

— ניט מיט געוואַלד, ביילקע, דו ביסט שוין אויסגעלייזט געוואָרן. ביסט ניט קיין קינד; ביסט שוין אַ פרוי. שאַדט ניט, וואָס דו ביסט איינגער פון מיר. דיך האָט עס געצויגן קיין מאָסקווע; האָסט דאָרטן ניט וואָס צו טאָן; דאָרטן וואַרט אויף דיר קיינער ניט. הערסט?

— וואָס וועט דאָ פון מיר ווערן?

ביילקע האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען.

— דאָס אייגענע וואָס מיט מיר, וועט אויך זיין מיט דיר. איך בוי פאַר זיך אַ נייע היים, און נאָך פאַר אַזעלכע אין מיין גלייכן.

— דו בויסט גאָרניט, לאַנע; גייסט דאָ אונטער. ביסט געוואָרן ווי די בלאָטע דרויסן; אַלע זענען מיר געוואָרן ווי די בלאָטע.

— ניט קיין בלאָטע, ביילקע; ס'אי די ערד, אַן אָנגעזעטיקטע מיט רעגן. אין דער ערד ליגט אונדזער ווינטער־תבואה. מיר איז גוט צו זיין ווי די ערד... דו ביסט דאָך שוין ווי די ערד אַליין... וועסט ווערן דאָ אַ מאַמע; אין סאַמע שניטצייט וועסטו ווערן אַ מאַמע.

— כ'האָב דיך פיינט! איך קען אויף דיר ניט קוקן... אויב דו וועסט היינט מיט אימיצן רעדן פון מיר, וועל איך מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן...

ביי די ווערטער איז וואָווע אַריינגעקומען. איצטער האָט לאַנע באַמערקט זיין אויסזען. איר טאַטע איז געווען שוואַרץ ווי די ערד; די באַקן איינגעצויגן, און די שוואַרצע אויגן אויסגעלאָשן. פאַר די זעקס טעג, וואָס זי האָט אים ניט געזען, איז ער אַ סך גרויער געוואָרן.

— וואָס האָט מען געוואָלט פון דיר, טאַטע?

— וואָס זיי האָבן געוואָלט? האָבן דערשמעקט, אַז איך זשיפּע; אַז באַנ'אונדז אין שטוב איז פאַראַן אַ שטיקל ברויט.

— זיי ניט אזוי פאַרביטערט; זעסטו דאָך, מען האָט דיך ניט איינגעזעצט.

— דיר וואָלט ניחא געווען, אַז מען זאָל דיין טאַטן אַריינזעצן אין תפיסה, וואָס, ניין?

לאַנע האָט ניט געענטפערט. באמת איז איר געדאַנק איצטער געווען פאַרנומען מיט ביילקען. פאַרנעבלטע געפילן האָבן זיך דער־וועקט צו איר שוועסטער. לאַנע האָט דעם אינגערן קאָוואַלסקין נאָכגעקוקט. זייט־ביי־זייט מיט בערען האָט ער אויסגעזען אַ אינגל. פון דער אַנדערער זייט האָט זי פון ביילקען אויך צופיל ניט דער־וואַרט: ביילקעס דערשלאָגנקייט; איר לעבן, פול מיט פיינלעכע פאַ־גראַם־זכרונות און בירגערקריג — ביילקע איז שטענדיק אומגעגאַנגען ווי אונטער טרויער געבויגן. כאָטש לאַנע האָט געוואוסט, אַז איר שוועסטער מיט די אַראָפּגעלאָזענע אויגן טראָגט אַרום אין געדאַנק דעם יונגן נחומ׳ען, האָט זי זיך צו דעם ניט באַצויגן ערנסט. און איצטער, — צי איז דאָס די אייגענע ביילקע? זי וויינט, אָבער די טרערן הערן אויף צו רירן אַזוי שטאַרק לאַנעס געפילן. ביילקע האָט דאָך גאָר געלעבט אַ דערוואַכטע, און זי האָט געהאַט איר באַ־פרידיקונג... פונדעסטוועגן וויל זיך לאַנע איצטער אַרויסווייזן פאַר דער עלטערער און פּראַקטישער, וואָס קוקט דעם לעבן גלייך אין די אויגן אַריין. כאָטש די שוועסטער האָט איר שטרענג פאַרבאָטען צו רעדן מיט איר פאָטער וועגן איר איצטיקן מצב, וועט זי דאָך נאָך היינט ביינאַכט דאָס אויפנעמען מיטן פאָטער אין ביילקעס געגנוואַרט. ביילקע האָט עס געשפּירט און געקוקט אַ צעשראָקענע צו לאַנען. גע־פאָרשט אין לאַנעס פּנים, וואָס זי קלייבט זיך זאָגן.

וואָווע האָט געביטן זיין שטים, האָט פריינטלעכער אַ קוק גע־טאָן אויף לאַנעס זייט און געפרעגט:

— דערצייל וואָס דו האָסט געזען און געהערט; זייט איר עפּעס ווייט אויסן געווען?

— אודאי איז פאַראַן געגנוג פון וואָס צו דערציילן, ווען דיר וואָלט עס אָנגעגאַנגען.

— געוויס, מיין טאָכטער, גייט מיר אָן אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר מיט די איבערוואַנדערער. געווען אין אַ סך דערפער?

— אין זעכצן.

— אין זעכצן! — האָט וואָווע זיך גע׳חידוש׳ט.

— מיר וואָלטן נאָך ווייטער געפאָרן, ווען ניט דער רעגן.

— וואָס ט׳איר געזען? וואָס געהערט?

— מיר זענען שלים־מזל׳ניקעס; באַנ׳אונדז איז מען דעם זומער געשלאָפן.

— וואָרום וואָס?

— נאָך פאַראַן גענוג מענטשן, וואָס האָבן זיך גענומען ערנסט צו דער אַרבעט; ניט ווי מיר. האָסט באַדאַרפט מיטפאָרן, וואָלסטו פון עלטערע אידן עפּעס געהערט; וואָלסט געקענט אַראָפּנעמען אַ גוטן ביישפּיל.

וואָווע האָט אַ טרוקענעם לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו?

— איך בין דאָך אויך ערגעץ געווען; האָב אויך געזען אונ־דזערע איבערוואַנדערער וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט... אַך־און־ווי, ווי ווילן נישט לעבעדיקערהייט איינגעזונקען ווערן אין דער ערד...

— דו זעסט איין זאַך, איך זע עפּעס אַנדערש. דו זעסט אין קרים אַ קבר; איך — אַ ניי לעבן!

וואָווע האָט ווידער אַ לאַך געטאָן.

— וואָס לאַכסטו? — האָט לאַנע מיט אַ האַלבן געלעכטער גע־פרעגט.

— כ׳קלייב פון דיר נחת, דאַריבער לאַך איך. און ווי איז עס דיר געגאַנגען, ביילקע? פאַרוואָס ביסטו אַזוי אומעטיק? דאַכצעך, די אויגן ביי דיר פאַרוויינט.

— ביילקע ווערט אינגיכן חתונה האָבן — האָט לאַנע מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— לאַנע! האָט ביילקע אַ געשריי געטאָן, אַזש וואָווע האָט זיך דערשראָקן.

— באַהאַלט זיך ניט אויס, ביילקע; וואָס אָפּנהאַרציקער, אַלץ בעסער.. ביילקע וויל חתונה האָבן מיט נחומ׳ען, מיט בערעס ברו־דער.

ביילקע האָט זיך געגעבן אַ ריס צום טיר און אַרויס דרויסן;

אָבער אויף יענער זייט שוועל, איז איר אַנגעקומען אַנטקעגן בערע קאָוואַלסקי, און מיט געוואַלד זי אַריינגעבראַכט צוריק אין שטוב אַריין.

— וואוהין וויל דאָס אייער טאָכטער לויפן? — האָט בערע זיך געווענדט צו וואָווען.

— כ'ווייס נישט, און פאַרשטיי גאָרנישט — האָט וואָווע געענט־פערט, און ניט געקוקט אויף בערעס זייט.

— זיי ניט קיין קינד...

לאַנע האָט אַרומגענומען ביילקען, זי אַ קוש געטאָן און גע־דריקט צו זיך.

בערעס פּלוצלונגער אַריינקומען און זיין גוטמוטיקער אויסזען, האָט אַריינגעבראַכט אַ שטראַל ליכט אין דער פאַרנאַכטיק־טריבער און מיט עגמת־נפש־פולער שטוב ביי די ברעזערס. ביידע, סאַי וואָווע און סאַי לאַנע, האָבן אָן ווערטער אויסגעדריקט זייער צופרידנ־קייט. בלויז ביילקע וואָס האָט זיך באַפרייט פון לאַנען, איז גע־שטאַנען אין טיר פון צווייטן חדר אַ צעטומלטע; געקוקט אין אַלע־מענס אויגן און געוואַרט, פון וואָס מען וועט אָנהייבן צו רעדן.

— צוליב וואָס האָט מען אייך גערופן אין „איספּאָלקאָם?"

— האָט זיך בערע געווענדט צו וואָווען:

— צוליב וואָס מען האָט גערופן... מע רופט; אימיצער דאָ־נאָסיעט, רופט מען.

— וואָס האָט מען באַנ'אייך אויסגעפרעגט?

וואָווען איז געוואָרן פריקרע אונטערן הארצן. וואָווע האָט גע־האַט אַ חשד, אַז בערע קאָוואַלסקי איז דער, וואָס האַלט אויף יעדן אָן אויג; און אוודאי האָט ער צוגעשטעלט אזא ידיעה. ווען ס'איז אפילו אמת, אַז ער, וואָווע, האַנדלט אינאיינעם מיט זייטשיקן — האָט עס קיינעמס דאגה ניט באַדאַרפט זיין: „האָט עס קיינעמס קאָפּ נישט באַדאַרפט דאַרן..." קען ער דאַריבער ניט תופס זיין, וואָס בערע מאַכט זיך אַזוי כלא ידע; ווי ער וואָלט כלומר'שט פון גאָר־ניט וויסן; געקומען בלויז ווי אַ פריינט זיך אויספרעגן... און ווייל בערע פרעגט עס פאַר לאַנע אין די אויגן — איז וואָווע ביידן חושד... האָט דאָך לאַנע אַ נאָג געטאָן יעמאָלט, ווען ער, וואָווע, האָט

נאָך זשניווע חשק געהאַט צו באַגראָבן תבואה אין דער ערד, האָט זי גענומען און אַ זאָג געטאָן: „אויב דו וועסט באַגראָבן, וועל איך אָנווייזן...״ און דאָך גלויבט זיך אים ניט, אַז די דיראַזיקע צוויי מענטשן זענען שולדיק אין דעם, וואָס מען האָט אים ווי אַ פאַרברעכער אויסגעפּרעגט; און ווי אַ פאַרברעכער, נאָר מיט אַ תנאי גוט זיך אויפצופירן — אים אָפּגעלאָזן פריי אַהיים...

—די סאָוועטישע מאַכט איז שטרענג, אָבער זי איז אמת׳דיק און מיינט גוט — האָט בערע מיט פריערדיקן, גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט — כ׳פאַרשטיי וואָס מען האָט באַנ׳אייך געפּרעגט. זאָל אייך אייער טאָכטער דערציילן וואו מיר זענען אויסן געווען און וואָס מיר האָבן געזען. דערפאַר זענען פאַרן זומער אויסגעוואַקסן אין קרימער סטעפּ! און זאָל נאָר די מלוכה לאָזן יעדערן האַנדלען ווי אין די אַלטע צייטן, וועט מען אַלץ מיט אַן אַנדער פאַרהאַנדלען.

— כ׳האָב נישט קיין פאַראיבל אויף קיינעם — האָט וואָווע קאַלט גערעדט — האָב נאָר פאַרדראָס אויף די פּאָגראָמטשיקעס, פאַרוואָס יעמאָלט, אַנשטאָט איר מאַמען, האָבן זיי איר טאַטן נישט דער׳הרג׳עט...

— רעד ניט אַזוי, טאַטע — האָט לאַנע געזאָגט.

— וואָלט איך איצטער נישט באַדאַרפט זיך טרינקען אין בזיונות — האָט וואָווע, מיט טרערן אין האַלדז פאַרענדיקט.

— כאַ־כאַ־כאַ. בזיונות... ווען מען האָט גענומען און אייך געגעבן ערד און שטימרעכט; באַטראַכט זיך וואָס דאָס מיינט... דערקלער עס, לאַנע, דיין טאַטן, וואָס דאָס מיינט.

בערעס געלעכטער האָט וואָווען אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלטע וואַסער. ער האָט אין דער ערשטער רגע ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן. ער האָט געוואָלט אָפּנייגן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס לאַנע האָט אָנגעהויבן וועגן ביילקען, איידער בערע איז אַריינגעקומען. ס׳וואָלט אפשר גלייכער געווען וועגן דעם אַ שמועס טאָן מיט בערען; האָט ער, וואָווע, נאָך אַליין ניט דעם ענין קלאָר פאַרשטאַנען.

— אין לעבן האָב איך אַזאַ בלאָטיקן וועג נישט געזען — האָט וואָווע איבערגעריסן דעם פריערדיקן שמועס.

— געוועז בלאטע געגוג אסיען־צייט אין פאדאליע אויך; נאר דארטן האט איר ניט געטריבן קיין אייגענע פערד... מילא, דאס איז נארישקייט; זעט איר דאך, די סאוועטנמאכט ווייסט פון דאנעט־אהין; ווייסט, אז וואווע ברעזער האט א טאכטער לאנע ברעזער, כא־כא־כא... אזא טאטן ועט מען ניט פארשפארן אין דאפער... יא, לאנע, צו דיר בין איך געקומען, האב נויטיק מיט דיר עפעס איבער־צורעדן.

— קענסט רעדן; קיין סודות האבן מיר דאך ניט — האט לאנע שטיל געענטפערט, און געפילט ווי דאס בלוט איז איר געקומען אין פנים ארייז.

— איך וועל ארויסגיין — האט זיך וואווע אויפגעהויבן פון ארט.

— זיץ, טאטע, איך האב קיין סודות ניט מיט בערען.

— איז רעכט... וועלן מיר מארגן פון דעם רעדן; כ׳וועל מארגן ארייגקומען.

מיט דידאזיקע ווערטער, אזוי אומגעריכט ווי בערע איז אריינ־געקומען, אזוי אומגעריכט איז ער ארויסגעגאנגען, און איבערגעלאזט אין שטוב א סוד.

— גיי, דו, לאנע, צונ׳אים ארויס; עפעס האט ער דאך גע־וואלט. — האט וואווע זיך געווענדט צו לאנען.

— בין מיד פון וועג... ער פארט נאך ניט אוועק. איצטער וויל איך מיט ביילקען רעדן, דו זאלסט הערן.

ביילקע האט א כאפ געטאן א פאטשיילקע אויף די אקסלען, און ארויסגעלאפן דרויסן.

— וואס איז דער מער, לאנע, מיט ביילקען?

— וועסט נאך היינט וויסן; אין דער לאנגער באנק ארייז וועל איך דאס ניט לאזן. וועסט אזוי גוט זיין, טאטע, און אריינברענ־גען וואסער, וועל איך מאכן א פייער און עפעס אפקאכן; ביסט דאך אודאי הונגעריק.

וואווע האט לאנען א ווײלע אנגעקוקט, ווי זי וואלט געוועז די

עלטערע און ער — דער אינגערער, דער שוואַכערער און ניט־דער־פאַרענער. דערנאָכדעם האָט ער גענומען דעם לײדיקן עמער און איז אַרויס דרויסן.

לאַנע האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיך פאַרנומען אָנלייגן אַ פייער. אין דעם מאָמענט איז ביילקע צוריק אַריינגעקומען, צוגע־פאַלן צו לאַנען און געציטערט פאַר געוויין און געבעטן:

— העלף מיר, לאַנע; נאָר דו אַליין קענסט מיר העלפן, מער קיינער ניט...

לאַנע האָט געגלעט ביילקעס קאָפּ, און איינגעשטילט איר גע־וויין:

— וויין ניט, שוועסטער! לעבט מען ביי דער ערד, באַדאַרף מען זיין ווי די ערד; זיי ווי די ערד, ביילקע!... הער אויף צו וויינען... זיי ווי די ערד...

אָבער אַ מענטש איז פאָרט ניט ווי די ערד. — — — —

XXIX

אַ סוד האָט געשוועבט אויף אַלעמענס ליפּן:

— עס האָט זיך אָפּגעטאָן די מונטערקייט פון די קאָוואַלסקיס; בערע גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ.

— דער אינגערער, נחום, אים איז נישט צו דערקענען; די קאָ־וואַלטשיכע, זייער מאַמע, באַהאַלט זיך אויס, וויל זיך ניט באַגע־גענען מיט מענטשן... און לייזער קאָוואַלסקי גייט אום אַן אָנגע־בלאָזענער, קוקט נישט אין די אויגן, אַז מען רעדט צונ׳אים.

— ביי די ברעזוערס איז מען אויך ווי דער׳הרג׳עטע.

כאַסיע אַסטראָווער האָט מיט איר מאַמעשן חוש געשנאַפּט, געפאָרשט, „וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט אַזאַ מרה־שחורה אָנגעוואָרפן אויף די קאָוואַלסקיס?...” בערען מיט לאַנען האָט די גוטע כאַסיע אין איר געדאַנק שוין ניט איינמאָל צונויפגעפּירט: „אַזאַ גלייכער שידוך אויף דער וועלט נישטאָ; רעכט, אַז מע האָט שוין לאַנג גע־קענט פּראַוון אַ חתונה... וואָרן טאַקע, ביי די קאָוואַלסקיס פעלט אַ מיידל אין שטוב, און ביי די ברעזוערס — אַן אינגל...”

— זאָלסט מיר געזונט זיין, לאַנע, — האָט כאַסיע געפּאָרשט
— דו רעדסט אַמאָל מיט די קאָוואַלסקים? וואָס פאַר אַ גוטס איז
דאָרט מיט זיי געשען? מע זעט דאָך נישט קיין ליכטיקן שמייכל
אויף זייער פּנים...

אין אמת׳ן האָט רייזל קאָוואַלסקי באַהאַלטן איר פרייד פון
אַלעמען. אויב דער אינגערער זון אירער האָט גענומען און זיך
פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט דער אינגערער מיידל ברעזוערס, — טוט עס
איר הנאה. זי וויל ניט, אַז נחום זאָל פאָרן קיין מאָסקווע און ווערן
אַ פאַבריק־אַרבעטער. רייזל וואָלט וועלן,ביידע קינדער זאָלן בלייבן
נעבן איר ביי דער ערד. איצטער, אויב ביילקע האָט זיך אַזוי ווייט
אונטערגעגעבן; כאָטש דערוויי́ל איז דאָס אַ פּחד צו טראַכטן פון
דעם — פּוישט טיף אין איר לייב אַ פרייד. „אפשר וועט זיך בערע
אויך פאַרקוקן", טראַכט רייזל. לאַנע איז דאָך רייזלען איינגעבאַקן
אין האַרצן. אָבער די מאַנסבילן אין שטוב, — ס׳איז מיט זיי שווער
אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דער אינגערער — ווי אונטער דרערד גייט
ער אַרום...

אָבער וויפל איז דער שיעור צו שווייגן? פּונקט ווי ביילקע
וועט זיך דאָך אייביק ניט קענען אויסבאַהאַלטן מיט איר קינד אונ־
טערן האַרצן, אַט אַזוי וועט מען דעם גאַנצן ענין ניט קענען באַ־
גראָבן. רייזלען איז געגאַנגען אין לעבן צו מאַכן אַ סוף פון דער
גאַנצער האַרצקלעמעניש. אַז עק און אַ סוף זאָל עס נעמען, זאָל
עס די גאַנצע וועלט וויסן! רייזל שעמט זיך ניט מיט די ברעזוערס;
רייזל באַשולדיקט ניט איר זון. זי זעט אַרויס ווי אין סטעפּ, וואו
קיין סך מענטשן זענען נאָך ניטאָ, קען אַ מאַן ניט וואַרטן צו לאַנג.

— אַז עק זאָל עס נעמען, לייזער; ס׳איז אויף ביידן אַ ביטע־
רער רחמנות!... נישטאָ זיך צוליב וואָס צו באַגראָבן. מיט אַ צייט
צוריק וואָלטן מיר עס באַטראַכט פאַר אַ גרויס גליק; מיט וואָס, בעט
איך דיר, לייזער, איז אַ מיידל פון די ברעזוערס איצטער אַזוי שפּלדיק
געוואָרן?

געוועזן פאַרנאַכטצו. דרויסן, איבערן בלאָטיקן וועג, האָט אַ
צפון־מזרח־ווינט געצויגן נידעריק, און געטראָגן אַ שניידנדיקן, שי־
טערן שניי, וואָלט צייט געוועזן אָנצוצינדן דעם לאָמפּ—איז דאָס געמיט

פלוצלונג פארפינצטערט געוואָרן. לייזער, בערע — ביידע זיצן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. נחום איז אַרויס דרויסן; האָט ניט געקענט אין שטוב איינזיצן. און רייזל, זי איז ביים אויוון, וויל אָנלייגן פייער, און סע קלעפּט זיך ניט דאָס פייער פון קוראי צו די געפּרעסטע שאָפנמיסט — צום קיזיאַק.

— פונקט ווי ביי מיר אויפן הארצן, אַזוי ברענט דאָס פייער...

— הער זיך איין, מאַמע, — האָט בערע אויפגעהויבן דעם קאָפּ — כ'האָב אויף דיר קיין פּאַראיבל ניט. די רעוואָלוציע האָט ניט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער מאַמען. קינדער געבערן אויף דער וועלט וועלן נאָך אַלץ באַדאַרפן די מאַמעס... נאָר צו דערציען די קינדער, וועט די רעוואָלוציע אַליין עס טאָן דאָרטן, וואו די מאַמע טויג ניט.

— וואָס מיינסטו מיט דעם, מיין זון? — האָט רייזל אָנגע־שטעלט אויף בערען די אויגן.

— זאָלסט אויף מיר ניט זיין אין כעס, אויב כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת.

— כ'וועל אויף דיר נישט זיין אין כעס.

— ביי דיר, מאַמע, איז שוין לאַנג רעכט געווען, כ'זאָל חתונה האָבן מיט לאַנען... נו, אויב דיין זון בערע האָט עס ניט געטאָן, ביסטו צופרידן וואָס נחום וועט אריין אין יחוס.

רייזל האָט אַ גוטמוטיקן לאַך געטאָן. אויף איר קוקנדיק האָט לייזער דער שמיד אויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים געוואַרט וואָס דאָ וועט זיך אָפּשפּילן צווישן זון און מאַמען.

— יאָ, מאַמע, — האָט בערע שוין אויך גוטמוטיק געזאָגט — יחוס איז נאָך אַלץ יחוס; דו ביסט נאָך אַלץ רייזל לייזער דעם שמידס וואָס האָט אַרויפגעקוקט צו די שטעטלשע יחסנים, אָט, צו די פּאַ־ראַזיטן, וואָס האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף דער בלאָטע, איצ־טער, ווען די רעוואָלוציע האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן מיט מענטשן צוגלייך, קענסטו נאָך אַלץ ניט אַרויסקריכן פון דיין אַמאָ־ליקער שפּלות.

— כ'ווייס נישט, מיין זון, צוליב וואָס דו זאָגסט עס. צי ווייס איך דען נישט אין וואָס פאַר אַ מעמד מיר זענען איצטער?

כ׳ווייס, מיין זון, אז מיט דיר האָט זיך די מלוכה אָן עצה, נישט מיט די דאָזיקע לייט. אָבער איינס צום אַנדערן האָט עס נישט. מיר וואָלט נישט געאַרט, ווען דו נעמסט און האָסט חתונה מיט לאַנען. נאָר אַז דו זאָגסט, אַז דיר שטייט עס נישט אָן, איז עס דיר דיינע אַ זאַך. אָבער נחום איז אַנדערש. זעסטו דאָך, ער איז אַנדערש... ביילקע איז באַנ׳אים אויך אַ מענטש. וואָס זאָגסטו, לייזער, בלוט איז דען וואַסער? איך זאָג מיר מיינס — בלוט איז נישט קיין וואַסער; און אויב ער קען אָן איר נישט לעבן...

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך אַ קייקל געטאָן בערעס געלעכטער

— בלוט איז ניט קיין וואַסער... אַלעריליי בלוטן זענען פאַראַנען; ווי אַלעריליי וואַסערן זענען פאַראַנען אַפילו אין קרימער סטעפּ!

— וואָס זאָגסטו, לייזער? פאַרוואָס שווייגסטו?

— פאַרשטייסט, אויב איך קען נישט נעמען, און צעברעכן אים די ביינער, אויסלאָזן צו אים אַלע ווייסטע חלומות, איז וואָס האָב איך צו רעדן?

— צעברעכן אים די ביינער? דיר איז עס ניחא?!...

דערביי האָט רייזל אָפּגעווישט אַ טרער.

— אָט זעסטו דאָך, מאַמע, ווי מיט דיר קען מען זיך ניט צו־נויפרעדן, אַז מע רעדט מיט שכל, מע גיט דיר צו פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ צייט דו לעבסט, הייבסטו אָן צו וויינען.

נחום איז אַריינגעקומען; ער האָט גלייך דערשפּירט וועגן וואָס מען האָט גערעדט. ער האָט באַשטימט, ער וועט באַווייזן, אַז ער איז שוין ניט קיין אינגל. ער פאַרשטייט שוין אויך ווי אַזוי מען באַ־דאַרף אויסטייטשן די דינים פון דער רעוואָלוציע:

— וואָס זייט איר שטיל געוואָרן? כ׳ווייס דאָך פון וואָס איר רעדט — האָט נחום, מיט אַ מינע פון אַ דערוואַקסענעם געזאָגט.

— פון דיר רעדן מיר איצטער, מיין זון; האָסט טאַטע־מאַמע נישט באַדאַרפט אָנטאָן אַזאַ עגמת־נפש.

— וואָס האָב איך געטאָן, כ׳וויל חתונה האָבן מיט אַ מיידל וואָס איך האָב ליב?

— ביסט דאָך נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן...

— כ׳ווייס, אייך אַרט ניט וואָס איך בין אינגער פון בערען; אייך אַרט נאָר וואָס איך וויל חתונה האָבן מיט אַ בורזשויקע...

— זע נאָר ווי ער רעדט עס פון חתונה האָבן — האָט לייזער טרוקן, פאַר זיך, אַ ברום געטאָן.

— די רעוואָלוציע מאַכט ניט קיין זאַקאָנעס ווען אַ בחור זאָל חתונה האָבן — האָט נחום מיט אַ געוויסער פאַריסנקייט אַ זאָג געטאָן.

— אָבער די רעוואָלוציע גיט אַכטונג אויף אַזעלכע בחורים׳לעך ווי דו!

— וואָס פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערקע איז ביילקע? וואָס, זי איז ניט קיין מענטש? ס׳אי קאָנטער־רעוואָלוציע, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון אַ געוועזענעם תבואה־הענדלער?

— ווען דו וואָלסט זי ליב האָבן ווי איך פאַרשטיי, וואָלסטו ניט געקראָכן צונ׳איר ווי אַ הונט צו אַ צוויג, הונט איינער! דו גייסט נאָך רעדן פון רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע... ווען איך וואָלט געווען דיין טאַטע, וואָלט איך איצטער אויפגעשטאַנען און דיינע באַקן צעפּאַטשט!

בערע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט; ס׳האָט געקענט אויסזען, אַז ער לאָזט זיך צו נחומ׳ען אים אויספּאַטשן, נאָר ער האָט פאַרקערעוועט צום טיר און איז אַרויס דרויסן.

— וואָס מיינסטו, ער איז נישט גערעכט? — האָט לייזער געזאָגט — אַזוי האָב איך באַדאַרפט טאָן. ווייס איך, אַז כ׳האָב נישט קיין רעכט צו שלאָגן אַן עלטער קינד; אָבער ער איז דאָך גערעכט. ווי פאַרגעסטו עס ווער דו ביסט?!

— אַ מענטש בין איך... אַז איר האָט זיי גענומען און אַראָפּגעקוועטשט ביז צו דער בלאָטע, ווילט איר נאָך רייטן אויף זיי? איך האָב ביילקן ליב; שעם איך זיך ניט! איך וועל מיט איר חתונה האָבן. בערע האָט ליב לאָנען, פאַרלייקנט ער עס... פאַרוואָס האַלט ער זיך אַזוי גרויס? ער האָט מורא פאַר דער רעוואָלוציע, כ׳ווייס... מיר קען די רעוואָלוציע ניט זאָגן מיט וועמען איך זאָל חתונה האָבן.

— וואָס האָט עס דיר אַזוי גיך אָנגעשפּאַרט? וואָלט נישט געווען אַ יושר, דו זאָלסט אָפּוואַרטן ביז בערע וועט חתונה האָבן?

דאָ איז אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. נחום האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און רייזל האָט זיך אויך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אויוון.

— וואָס זייט איר ביידע אַנטשוויגן געוואָרן? איך פרעג דאָך, וואָס איז אויף אים די בהלה?... אַכצן יאָר אַלט — ווילסטו חתונה האָבן?! וואָס שווייגסטו, רייזל? די דערלאָזט, ער זאָל נעמען און חתונה האָבן אַזוי יונג?

— זי טראָגט דאָך שוין פון אים — האָט רייזל מיט אַ צושראָקענער שטים געזאָגט.

— וואָס?... דאָס מיינסטו? ס'איז אמת, נחום?

— אמת, אמת — האָט רייזל געענטפערט.

לייזער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען נאָענט צו רייזלען און נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט:

— איז דאָס טאַקע אמת?

— כ'זאָג דאָך דיר, ס'איז אמת...

— אויף געוויס?

— וואָס איז מיט דיר, לייזער?

רייזל האָט אין עפּעס חושד געווען לייזערן, און זיך אַנידערגעשטעלט צווישן אים און נחום'ען.

לייזער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט נחום'ען, גלײַך ווי ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל געזען, און באַטראַכט: דערנאָכדעם האָט ער אַ ווײַלע אָנגעקוקט דער צעשראָקענער, אָבער מיט מאַמעשע פייערלעך אין די אויגן, רייזלען; האָט אָנגענומען רייזלען פאַרן האַנט און זי אָפּגעפירט צום אויוון; דערנאָכדעם איז ער צוגעקומען צו נחום'ען, אים אַראָפּגעלאָזט איין פּאַטש אויף דער רעכטער באַק, און אַ צווייטן אויף דער לינקער באַק, האָט שטאַרק אויסגעשפּיגן אויפן מיטן שטוב, און אַרויס דרויסן.

רייזל איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צעטומלטע; דערנאָכדעם

האָט זי זיך אַ ריס געטאָן צום טיר, געוואָלט עפּעס נאָכשרייען לייזערן, און איז געבליבן אויף איר אָרט. באַלד אָבער איז זי צוגעגאַנגען צו נחומ׳ען, האָט ארומגענומען זיין קאָפּ און אים געקושט אין זיינע אויסגעפּאַטשטע באַקן. נחומ׳ען האָט עס צענומען; ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער מאַמען, און שטיל געוויינט.

— נו, ניטע, וויין נישט, נחום; איצטער זענען מיר אַליין, קען איך מיט דיר רעדן; וואָס מיר פּאַרדריסט, מיין זון, איז דאָס, וואָס דו האָסט פאַרלאָפן בערען דעם וועג.

— איך לאָז אים ניט חתונה האָבן מיט לאַנען?

— נישט דאָס, מיין זון; ער וועט מיט לאַנען נישט חתונה האָבן, דאָס זע איך שוין אַרויס.

— וואָס בין איך שולדיק?

— ער איז מיט אַזויפיל יאָר עלטער פון דיר; און דו, מיר גלויבט זיך עס גאָרנישט, דו זאָלסט נעמען און ווערן אַ טאַטע אַזוי יונג... מע וועט דאָך לאַכן אין די פויסטן פון דיר. זאָג מיר, האָסטו זי טאַקע האָלד?

— סאַי־ווי וועל איך מיט איר חתונה האָבן. איכ׳ל אוועקפאָרן קיין מאָסקווע, אָדער קיין באַרקאָוו, וועל אַרבעטן אויף אַ זאַוואָר.

— און זי?

— זי וועט דאָ בלייבן.

— אפשר איז דאָס, מיין קינד, אַ שכל; וועל איבערשמועסן מיטן טאַטן.

— דאָס וועל איך, אויב זי וועט צושטימען.

— וואָס מיינסטו?

— איך וועל מיט איר אַפריער חתונה האָבן; זי וועט זיין דאָ מיט דיר.

— וואָס רעדסטו, מיין זון, פון חתונה האָבן?

— וואָס מיינט איר, איך וועל זי נעמען און אָט־אַזוי איבערלאָזן? איך ווייס וואָס כ׳האָב געטאָן!

— האָסט, מיין קינד, נישט באַדאַרפט זיך לאָזן אַזוי פאַרפירן...

— איך האָב זי פאַרפירט, ניט זי מיר,

— וואָס הייסט, דו האָסט זי פאַרפירט?

— זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן... איצטער וועט זי מיט מיר שוין חתונה האָבן... זיי גוט צונ'איר; זיי צונ'איר ווי אַ מאַמע, וועל איך יעמאָלט דיך אויך ליב האָבן. אַז איר וועט זיך שטעלן אַנטקעגן, וועל איך זי פאַרנעמען מיט זיך.

רייזל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט דרויסן. איר האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד פון איר זונס לעצטע רייד.

— ווייסטו, מיין זון, אויב דו וואָלסט זיך געקענט אַרויס־גנב'ענען, גיין אַרום־און־אַרום, בערע און דער טאַטע זאָלן עס נישט זעען, און פאַרבעטן אַהער לאַנען. זאָל זי אַליין אָנקומען, ווי גאָר־נישט געוועזן, און זיך דורכרעדן מיטן טאַטן און מיט בערען.

— כ'וועל ביי קיינעם ניט פרעגן. כ'האָב איצטער געשוויגן; נאָר טאָמער נעמט ער און גיט מיר ווידער אַ פּאַטש, וועל איך אַוועק פון שטוב... מעגסט עס זיי זאָגן. איך ווייס שוין וואָס איך טו; קיינער האָט אויף מיר קיין דעה ניט. אַלע רעוואָלוציאָנערן האָבן חתונה; בערע וועט אויך חתונה האָבן...

— אָבער וואָס אַרט דיר, אַז דו וועסט אַריבערגיין און בעטן לאַנען אַהער?

— זי וועט אַהער ניט גיין. זי ווייסט פון אַלץ; זי ווייסט, אַז מען האַלט זיך דאָ גרויס.

— געוויס, מיין זון, האָט מען איר טאַטן אַרויסגערופן אין „איספּאָלקאָם"; מע וועט נאָך באַנ'אים צונעמען שטימרעכט; מע קען זיי נאָך אַראָפּזעצן פון ערד־חלק אויך...

— לאַנע איז אַזאַ רעוואָלוציאָנערקע ווי בערע; זאָל ער זיך ניט האַלטן צו גרויס ביי זיך.

לייזער איז צוריק אַריינגעקומען; צוגעגאַנגען צו נחום'ען, ווי ס'וואָלט פריער גאָרניט פאָרגעקומען צווישן אים און זיין זון, האָט נחום'ען אַ גלעט געטאָן איבערן פּלייצע, ווי גוטמאַכן זיין פריערדיקע שטרענגע האַנדלונג, און געזאָגט:

— זעץ דיר אַנידער, נחום. איצטער, אַז בערע איז נישטאָ, קען איך רעדן מיט דיר רואיק. וואָס איז געוועזן צווישן אייךביידן?

נחום איז געזעסן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ; האט ניט גע־ענטפערט.

— רייזל, איז טאקע אמת וואס דו האסט מיר פריער געזאגט?

— ווייזט אויס, אמת.

— ווי ווייט האלט עס שוין מיט איר?

— אפשר א חודש, אפשר צוויי...

א ווײַלע איז אנגעשטאנען א שטילשווייגן. לייזער האט געוואלט הערן, וואס רייזל האט אויף דעם צו זאגן. דרויסן האט לייזערן די קעלט דורכגענומען, און ער האט חרטה געהאט אויף זיין אויס־פאטשן נחום'ען. דער דרויסן האט אים אפגעקילט און ער האט אויסגערעכנט, אז ביי היינטיקע צייטן טאר א טאטע ניט פאטשן זיין קינד, ווען אפילו... ער האט ניט געקענט באנעמען ווי ווייט בערע איז גערעכט; ווי ווייט די רעוואלוציע האט עפעס אנטקעגן אזעלכע שידוכים. לאנגען האט לייזער אויך אויפן גערדאנק; אין הארצן איז ער אויך מסכים מיט רייזלען, אז לאנע מיט בערען פאסן זיך זייער.

— זענען מיר נאך מענטשן, רייזל... אויב אזוי, וועל איך אויך נישט דערלאזן אומגליקלעך מאכן א קינד... אויב אזוי, וועסטו, נחום, מיט איר חתונה האבן.

— כ'וועל לויפן אנזאגן! — האט זיך נחום א ריס געטאן פון ארט, גרייט צו לויפן דרויסן.

—ווארט, נישט לויף; כ'וויל, בערע זאל זיין דאביי... כ'וויל הערן, וואס ער האט אויף דעם צו זאגן... מיינט ער טאקע... מיינט טאקע די רעוואלוציע, מע זאל א מאך טאן מיט דער האנט אויף זייערער א טאכטער, ווען אפילו זי איז פארגאנגען מיטן טראגן?...

— איך בין א מאמע בין איך; מיין הארץ טוט מיר וויי, אז מיין זון וועט נעמען און פארפירן אן אומשולדיק מיידל...

רייזל האט אויסגעבראכן מיט א געוויין.

— כ'וועל זיך עס א לעבן לאנג נישט קענען פארגעבן; הערסט, לייזער, וואס איך זאג דיר?

בערע איז אריינגעקומען. ביי אלעמען איז דער פריערדיקער

מוט געפאַלן. אַלע דריי האָבן געקוקט אויף דעם שטרענגן און שווייגעוודיקן בערען, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

אויסגעלאָזן האָט זיך עס אַ סך אַנדערש ווי טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט.

XXX

שטיל איז געהאַנגען דער אָנגעפּרענגטער, אויסגעשטערנטער הימל איבערן טונקל־איינגעפרוירענעם סטעפּ. לאַנע האָט איבערגע־וואַרט דעם מזרח־צפון־ווינט, וואָס האָט דריי מעת־לעת געשניטן יעדן אָפּגעדעקטן, אָפּענעם פּנים. ווען דער ווינט איז שטיל געוואָרן — איז ניט געבליבן מער צו וואַרטן. לאַנע האָט פאַרבעטן יוסף ראַטנערן מיטצופאָרן. איר טאַטן האָט זי געבעטן בלייבן אינדערהיים. דאָס האָט זי אָפּגעפירט ביילקען און נחומ'ען צום באַן, ביי אַ פּערציק וויערסט ווייט, ביים ברעג ים.

געווען שוין אַרום האַלבע נאַכט, ווען די פּאָר טונקל־גרויע פערד האָבן אַרויסגעצויגן דעם וואָגן פון דאָרף אין אָפּענעם סטעפּ אַרויס. די רעדער זענען אונטערגעשפּרונגען אויף די שאַרפע גרודעס, און די פערד האָבן צומאָל געשטרויכלט איבער די אַרויסגעשטאַרצטע, שאַרפע גליבעס. כאָטש שטיל — איז געווען קאַלט. כאָטש אין האַרצן האָט עס ביי אַלעמען געראַדערט, זענען פונדעסטוועגן ביי אַלעמען די ליפּן אַ צייט געווען צונויפגעצויגן; ווייל קיין ווערטער איז דערווייל ביי קיינעם ניט געבוירן געוואָרן פאַר די געאײַלטע מחשבות, וואָס זענען אָנגעקומען און אוועק אין דער קאַלטער נאַכט אַריין.

די ערשטע פּאָר וויערסט האָט נחום אָנגעטריבן; נעבן אים איז געזעסן יוסף. הינטער זיי, אין ווייכן שטרוי, איז געזעסן לאַנע, און ביי איר אויף דער ברוסט — ביילקעס שווייגעוודיקער קאָפּ. אַ צו אומעטיקער אָפּשייד איז דאָס געווען. נחום איז ווי אַרויסגעלאָפן פון שטוב; האָט אַפילו טאַטע־מאַמע ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. בערעס פּנים האָט ער אויסגעמיטן אָנצוקוקן, כאָטש בערע האָט צוגעאײַלט נחומ'ס אוועקפאָרן קיין כאַרקאָוו. נחום האָט

געאיילט צו די ברעזוערס, וואו אַ געשפּאַנטער וואָגן האָט געוואַרט, פונוואַנען ער האָט באַדאַרפט אָפּפאָרן אינאיינעם מיט ביילקען; און אַ געפיל, וואָס האָט אים דערוויטערט פון זיין טאַטע־מאַמעס שטוב און דערנענטערט צו דער ברעזוער־שטוב; יאָ, אַזאַ געפיל, כאָטש אַן אומהיימלאַכער, האָט געגלעט זיין האַרץ. צומאָל האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער לויפט אַרויס פון זיין אייגענער וועלט, וואו ער איז אויסגעוואַקסן, און וואו די נייע צייט האָט אויף אים געוואַרט. און ער לויפט אַריין אין אַ וועלט, וואָס וועט אים פאַרטראָגן צוריק, צוריק אין אַ צייט, וואָס ער האָט ניט געוואָלט קענען. טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט פּראַוון אַ חתונה; טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט, אַז דער גאַנצער דאָרף זאָל זיך משמח זיין, באַשר ער איז שוין ליב־און־זעל מיט דער בלאָסער, פאַרטראַכטער ביילקען. בערע האָט זיך אַנטקעגן דעם געשטעלט; ער האָט ניט דערלאָזן, זיין ברודערס געפאַלנקייט זאָל דינען פאַר אומיצנס אַ פאַלשער פרייד.

— וועט איר עס טאָן, וועל איך פון אייך אַוועק! — האָט בערע געוואָרנט.

אַזוי האָט בערע טאַטע־מאַמע געוואָרנט, און האָט טאַטע־מאַמע זייער גרינג מנצח געווען. פון ברעזוערס צד איז גאָר ניט געווען קיין פאַרלאַנג צו פּראַוון אַ שמחה. וואָווע ברעזוער איז סאַי־ווי געווען די לעצטע צייט אַ דערשלאָגענער. פון יחוס האָט ער שוין סאַי־ווי ניט געהאַלטן: „זיך משדך זיין מיט דער רעוואָלוציע... ס׳וועט מיר שוין אויספאַלן באָקאָם...״ דאָס האָט ער ניט אויסגערעדט, כאָטש די ווערטער האָבן ביי אים געשוועבט אויף די ליפּן. און לאַנע? זי האָט אודאי ניט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַן אָפענער שמחה דאָס, וואָס האָט ביי איר אויפגעוועקט אַ קוואַל פון טרויער; אויפגעוועקט אַ קלעמעניש, וואָס האָט געריזלט פון האַרצן ביז צו די שפּיצן פון די האָר אויפן קאָפּ; און פון קאָפּ — צוריק צום האַרצן. איינס האָט זי געפילט: ס׳איז גאַרניט קלוג צו שטעלן זיך אַנטקעגן די צוויי יונגע קינדער וואָס האָבן זיך באַגעגנט, ווי מאַמע־ערד באַגעגנט זיך מיטן אַקעראייזן. זי האָט, כאָטש טרויעריק, געבענטשט אין האַרצן דעם כח, וואָס האָט די צוויי יונגע קינדער צונויפגעבראַכט: „ס׳איז דאָס לעבן, וואָס שטייט העכער פון טרוקענע ווער־

טער, ווען אפילו רעוואָלוציאָנערע ווערטער..." אזוי האָט לאַנע איינ־דערשטיל געשעפּטשעט, בשעת זי האָט דערשפּירט ווי אין דעם יונגן, אכצן־ יעריקן נחום'ען האָט דערוואַכט אַ מאַן, וואָס ווייסט ניט פון אונטערגעבן זיך... וואָס ווייטער וועט זיין, וויל זי ניט קלערן. צי פאָרן זיי אויף שטענדיק אוועק אין שטאָט אריין, צי וועלן זיי זיך אומקערן צוריק... איצטער איז ניט די צייט צו קלערן פון דעם. כאָטש דער געדאַנק, אַז די צוויי יונגע קינדער וועט די פאַבריק איינ־שלינגען, די שטאָט וועט זיי איינשלינגען — פאַרמיידן האָט זי עס ניט געקענט. לאַנע האָט געוואוסט, אַז אויפן וועג וועט זי ניט האָבן מיט וועמען צו רעדן; דער וועג צוריק אַליין וואָלט פאַר איר גע־ווען צו שווער מיט איבערלעבונגען, האָט זי דאַריבער פאַרבעטן יוסף'ן מיטצופאָרן. כאָטש זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס יוסף וועט זיין פאַר איר, צי אַ געטרייער חבר, צי אַ מוסר־זאָגער, צי גאָר אַן אַפּלאַכער.

— וויפל איז דער שיעור צו שוויגן, לאַנע? — האָט יוסף פון זיין אָרט זיך אָפּגערופן —ביילקע און נחום האָבן זיך אויסגעלאַכט פון אונדז אַלעמען, און איצטער האָבן זיי פאַר די עלטערע מורא, כאַ־כאַ־כאַ... וואָס האָסטו, נחום, איינגענומען אַ שטומעניש? האָסט אפשר חרטה, וועל איך צונעמען ביילקען, אָט ווי זי איז, כאַ־כאַ־כאַ.

— הערסט, ביילקע, וואָס יוסף האָט געזאָגט? — האָט לאַנע אַ קוש געטאָן ביילקען.

נחום'ען האָט הנאה געטאָן וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, און וואָס יוסף האָט זיך אויף אַזאַ אופן אָפּגערופן.

— ווילסטו, ביילקע, גיין צו יוסף'ן, ווען מיר זיך אויפן וואָקזאַל געזעגענען; איך וועל אוועקפאָרן קיין כאַרקאָוו, און דו מיט יוסף'ן — וועט איר זיך אומקערן צוריק אויפן ערד־חלק...

ביילקע האָט אין זיך אַ לאַך געטאָן; האָט איר אינערלעכן אויפברויז איבערגעגעבן לאַנען אין לייב אריין... ס'וואָלט שוין איצ־טער גלייכער געווען, ביילקע זאָל גיין זיך איבערזעצן נעבן נחום'ען, און יוסף זאָל אריבערגיין צו לאַנען. נחום'ס ווערטער זענען גע־ווען אַ מין פאָרוואורף פאַר ביילקען, הלמאי זי זיצט איצטער אַן אומעטיקע, אַן אנטשוויגענע נעבן דער עלטערער שוועסטער.

אָבער יוסף, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו רעדן, האָט חשק געהאַט אויסצורעדן זיין האַרץ אין דער קאַלטער נאַכט אַריין. שאַדט ניט, וואָס אפשר וועט קיינער מיט אים ניט מיטפילן. נחום און ביילקע זענען צו יונג און צופיל איצטער פאַרטאָן איינס אין אַנדערן, כאָטש זיי זיצן ניט צוזאַמען. און מיט לאָנען איז ער קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי זי וויל אים פאַרשטיין, כאָטש צייטנווייז האָט זי זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד און אָפט כלומר׳שט מסכים געווען מיט אים. כאָטש לאָנע האָט עס ניט אַרויסגעוויזן — איז איר לעבן כמעט אונטערטעניק נאָכגעגאַנגען דעם שטייפן, קאַלטן און שטרענגן בערען. אַזוי האָט עס יוסף׳ן שטענדיק אויסגעוויזן.

— זאָג מיר, לאָנע, ווער האָט עס אויסגעטראַכט אויף דער רעוואָלוציע אַזעלכע נאַרישע בלבולים, וואָס מאַכט דאָס לעבן מיאוס?

— אַנטקעגען וואָס איז דאָס, יוסף?

— אַנטקעגען דעם, וואָס אונדזער יונג פאָרפאָלק האָט געפאָלגט דעם לעבן, און ניט נושא־חן געווען ביי די געטרייע היטער פון דער רעוואָלוציע. כ׳וויים פאַרוואָס מע האָט ניט אַ הוליע געטאָן לכבוד אונדזער פאָרפאָלק...

— צוליב וואָס זאָלסטו עס זאָגן, יוסף? ביסט דאָך ניט קיין נאַר; כ׳האָב דיך ליב, יוסף, פאַר דיין אָפנהאַרציקייט... גוט צו האָבן אַרום זיך אַזאַ איינעם ווי דו, יוסף.

יוסף האָט זיך צולאַכט.

— לאַך ניט, יוסף; כ׳מיין עס ערנסט. אויף אַזויפיל באַגרייפסטו דאָך די נייע צייט, וואָס האָט אָפגעשניטן אַלע קניפּלעך מיט די פריערדיקע באַגריפן פון לעבן. כאָטש איך בין נאָך אַזוי קינדיש געווען בעת די מלחמה האָט אויסגעבראָכן; און שפּעטער, ווען די רעוואָלוציע האָט זיך צעפלאַקערט... אָבער איך זע דאָך אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, כ׳זע דעם אַלטן דור מיט זיינע געפילן און באַגריפן פון לעבן, און איך זאָג דיר, יוסף, — איך וויל אים ניט נאָכגיין. כ׳האָב ליב נחומ׳ען דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן; כ׳האָב ניט קיין מינדסטן פאַראיבל, ניט אויף ביילקען, וואָס האָט זיך אים איבערגעגעבן... אַזוי באַדאַרף עס זיין, יוסף. קיין באַזונדערע שמחות באַדאַרף מען ניט פּראַווען

צוליב דעם. ליבע ברענט מיט איר אייגענעם פארבארגענעם פייער, און וויל זיך גארניט אויסמישן מיטן פייער פון דער רעוואלוציע.

— דאס זאג איך דאך, לאנע, אז מען האט אויף דער רעוואָלוציע אויסגעטראכט אלערליי נארישע בלבולים.

— פארשטייסט ניט וואס איך זאג, יוסף.

— לאמיר גאר פרעגן נחומ׳ען, וואס איז אנטשוויגן געווארן... האסט גאר ניט מורא געהאט פאר דיין ברודער צו גיין אויף אזא איינשטעלעניש, הא?

אין נחומ׳ען האט געפּוישט דער געלעכטער, בעת יוסף און לאנע האבן זיך אויף זיין חשבון אריינגעלאזן אין א ויכוח.

— ווילסט גיין צו נחומ׳ען,ביילקע? — האט לאנע שטיל געפרעגט ביי ביילקען.

— מיר איז גוט אזוי. — און ביילקע האט זיך נאך מער צוגעטוליעט צו לאנען.

— ווילסטו ניט זיצן נעבן דיין מאן?

— גיי, דו לאכסט אויך פון מיר...

— דאס איז אמת, יוסף, — האט לאנע געזאגט — אויב מיר פארדריסט, און רופט ביי מיר ארויס א הארצווייטיק, איז דאס נאר דערפאר, וואס זיי פארן איצטער אוועק אין שטאט; וואס נחומ׳ען ציט עס צום פאבריק.

— אודאי איז ער גערעכט, — האט יוסף געזאגט — וואס וואלט פון אים ווערן אין סטעפּ? ס׳וועט אייביק דער האמער שמידן און האמערן דעם סערפּ, ניט דער סערפּ וועט זיך שטעלן אנטקעגן האמער... נחום איז א גוטער ברודער מיטן האמער; ער וועט זיך אויסלאכן פון פויער. וואס זענען מיר טאקע, כ׳מיין דיך, לאנע, און זיך אליין, אנטקעגן דעם פאבריק־ארבעטער? דער רוח ווייסט מיר, פארוואס איך האב זיך דא באגראבן אין סטעפּ! א שיין פנים וועלן מיר ביידע קריגן פאר הייגטיקן ווינטער. כ׳בין זיי מקנא; מעגסטו זיי אויך מקנא זיין, לאנע...

— איך בין קיינעם ניט מקנא; פארוואס גלויבסטו מיר ניט, יוסף? מיר איז גוט ביי דער ערד דערפאר, וואס נאר ביי דער ערד וועל איך זיך מיט דער צייט איינגאנצן אפּרייסן פון די פעדים, וואס

בינדן מיך נאָך צו דער אַלטער צייט... כ׳מיין אַפילו וואָס בינדט דעם אידן צו דער אַלטער צייט. וועסט זען, יוסף, אַז נאָר ביי דער ערד וועט דער איד איבערוואַקסן זיך אַליין... ער וועט ניי־געבוירן ווערן; אויב ניט ער — וועלן זיינע קינדער זיין פעסטע, געזונטע מענטשן. איך האָב מורא פאַר די, וואָס ציען פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אריין; זיי וועלן בלייבן ווי מיר זענען געווען — שלים־מזל־ניקעס און טרונן.

—כאַ־כאַ־כאַ, לאַנע, ווי דו רעדסט איבער מיינע רייד!

— אפשר דיינע רייד, און מיינע אויך; נאָר דו האַלסט זיך ניט ביי דיינע רייד. ביי מיר וועט זיין דער גליקליכסטער טאָג, וועןביילקע וועט זיך אומקערן זומערצייט צוריק, און דאָ וועט זי גע־בערן איר קינד.

ביילקע האָט אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן לייב, און אַביסל זיך אָפּגערוקט פון לאַנען.

לאַנע האָט עס געשפּירט און געפרעגט:

— ביסט אויף מיר ברוגז, ביילקע, הלמאי איך רעד אַזוי?

ביילקע האָט ניט געענטפערט. זי, ווי נחום, זענען מיטן גע־דאַנק געלאָפן פאַראויס דעם אומעטיקן געשפּאַן, וואָס האָט זיי איצ־טער אין אַ קאַלטער נאַכט געשלעפּט איבער די געפרוירענע גרודעס צום וואָקזאַל, פונוואַנען דער צוג וועט זיי פאַרפירן ווייט, ווייט פונ־דאַנען. די צוויי יונגע מענטשן, ביילקע און נחום, האָבן איצטער אויסגעזען ווי קינדער פון דעם דור, וואָס פאַר זיי האָט די רעוואָ־לוציע שוין אָנגעהויבן בויען זייער וועלט ערגעץ אַרום גרויסע שטעט. אין דער שטיל האָט נחום כסדר אָפּגעלאַכט פון זיין ברודער בערען און חוזק געמאַכט פון לאַנען—כאָטש פאַר לאַנען האָט ער געהאַט אַ סך דרך־ארץ. ער האָט אַגב ניט געוואָלט פאַרמיאוסן אין ביילקעס אויגן לאַנעס געשטאַלט. אָבער די יונגע ביילקע, וואָס האָט אין האַרצן מיטגעפילט מיטן טאַטן, האָט אינדערשטיל געהאָפט, אַז זי וועט גאָר איינגיכן אַרויסרייסן דעם טאַטן פון זיין איצטיקן מצב; זי וועט אים צונעמען פון דער ערד. מיט נחום׳ען האָט זי פון דעם דערוויילע ניט גערעדט; דערווייל איז דאָס געווען איר אייגענער סוד.

דעריבער איז דער שמועס צווישן לאַנען און יוסף׳ן פאַרביי־

געגאַנגען און האָט כמעט ניט אָנגערירט דאָס יונגע פּאַרפּאָלק. דער געפּרווירענער סטעפּ, די קאַלטע נאַכט — זיי האָבן אָפּנים זיך יאָ צוגעהערט צו די נייע רייד, וואָס האָבן דאָ, מיט הפסקות, אַרויס־געקוואָלן ביי לאַנען און יוסף׳ן. שפּעטער אַביסל איז מען גאָר אינ־גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. קיינער האָט ניט געטראַכט פון כאַפּן אַ דרימל. עטליכע מאָל איז מען אַראָפּ פון וואָגן, נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, כדי זיך צו דערוואַרימען. געווען נאָך אַ שטיק פאַרטאָג, ווען מען איז אָנגעקומען צום וואָקזאַל. די רייד זענען אַוועק; ווערטער האָבן זיך אויסגעוועפּט. מיט אומגעדולד האָט דאָס פּאַרפּאָלק דער־וואַרט דעם צוג, וואָס האָט באַדאַרפט אין אַ האַלבער שעה אַרום אָפּגיין.

ערשט, ווען דער צוג איז שוין אָנגעקומען, ביים געזעגענען זיך, וועןביילקע האָט אַרומגעכאַפּט לאַנען און זיך געגראָבן מיט איר פּנים אין לאַנעס פּנים, גענעצט לאַנעס פּנים מיט אירע טרערן—האָט ביילקע געפונען עטליכע ווערטער צו זאָגן. געוואָלט האָט זי דער־ציילן, ווי זי האָפט, אַז לאַנע וועט גאָר אינגיכן אויך אַוועק פון סטעפּ און ווערן אַ מענטש... ס׳האָט אָבער אין דער לעצטער רגע פאַר־קוועטשט אין האַלדז... כמעט אָן ווערטער האָט מען זיך געזעגנט; כמעט אָן ווערטער איז איין וועלט צעריסן געוואָרן אויף צוויייען...

ווען דער צוג האָט פאַרנומען ביילקען און נחום׳ען, האָט לאַנע אַ רודער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, געוואָלט אָפּטרייסלען פון זיך די שפּורן פון די אַלע שווערע איבערלעבונגען. ווי שווער ס׳איז איר ניט געווען זיך איינצוהאַלטן און ניט וויינען — האָט זי עס פונ־דעסטוועגן באַוויזן: זאָל ביילקע זי ניט זעען אין טרערן... זאָל די אינגערע שוועסטער זי ניט באַדויערן.

— לאָמיר זיך גלייך אומקערן צוריק, יוסף; כ׳וויל דאָ ניט בלייבן קיין איבעריקע רגע!...

— די פערד באַדאַרפן ניט רוען?

— די פערד וועלן מיר מוחל זיין. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אין ערשטן דאָרף; און אפשר זיך אויסרוען. אין אַ שעה אַרום וועט מסתמא ווערן טאָג; כ׳וויל דאָ ניט בלייבן, יוסף... קריך אין

וואָגן אריין! איצטער וועל איך אָנטרייבן די פערד; זענען ניט אויסגעמאַטערט... שפּרינג אַרויף, יוסף!

יוסף האָט געפאָלגט. נאָר אָנשטאָט צו זיצן פון הינטן אין שטרוי, האָט ער זיך געזעצט זייט־ביי־זייט מיט לאַנען.

— אז דו זיצסט שוין נעבן מיר, קענסטו דאָך מיך האַלטן, מיר זאָל זיין װאַרימער, ווילדאַק דו איינער, כאַ־כאַ־כאַ...

— איך זע, דיר אַרט ניט, וואָס ביילקע איז אַוועקגעפאָרן.

— טויגסט אויף כפּרות; כ׳וויים דאָך, דו האָסט ליב געהאַט ביילקען; צום סוף האָסטו דערלאָזן, אַ אינגל זאָל זי אַ נעם טאָן און אַוועקטראָגן מיט זיך. כ׳וויים, אַז דו האָסט זי ליב געהאַט...

— ליב געהאַט... לאַנע, רעדסט נאָך פון ליבע; וואו איז דאָ די ליבע? די רעוואָלוציע האָט די ליבע דערוואָרגן. איך זאָג עס טאַקע אַנטקעגן דיר, לאַנע; צי דאָס איז אַ תּכלית?... אָט ביסטו שוין אַ האַלבער מאַנסביל אין די שטיוול און טאַטנס מאַנטל, כאַ־כאַ... רעדסטו נאָך פון ליבע.

לאַנע האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, און ס׳האָט איר גע־שטופּט צום לאַכן; געוואָלן איר גוט צו הערן ווי דער שוין מגושמ׳־דיקער יוסף ראַטנער שטראָפט זי, און זוכט ביי איר מיידלשע ליבע.

—אויב דאָס איז די ווירקונג פון דער ערד — האָט יוסף ווייטער גערעדט — איז גאָר ניט היימלעך; איז קיין חידוש ניט, וואָס ביילקע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַן אינגל. זי איז קליגער פון דיר, לאַנע. וואָס שווייגסטו? כ׳הער ווי סע לאַכט אין דיר... איך וויים וואָס איך רעד.

— וואָס איז ליבע, יוסף? האָט לאַנע שטיל געפרעגט.

יוסף איז צעטומלט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט ביים דרום־מזרח ראַנד פון הימל, או עס האָט אָנגעהויבן העלער אַרויסציטערן אַ וואָלקנפאַס, וואָס האָט פאַרדעקט דעם הימל. דאָרטן, אין דעם העלגעוואָרענעם וואָלקן, האָט יוסף געפונען דעם ענטפער:

— זעסטו דאָרטן דעם וואָלקן, אים האָט די ליבע אָנגערירט מיט איר ליכט און וואַרימקייט; זעסט דעם פּועל־יוצא דערפון... ליכט און וואַרימקייט, דאָס איז ליבע.

— דערפאַר האָב איך דיך ליב, יוסף.

לאָנע האָט אַראָפּגעבויגן צו זיך יוסף'ס פּנים און אים אַ קוש געטאָן.

— און איצטער, יוסף, נאַ דיר די לייצעס, כ'וויל האָבן פרייע הענט... ניין, ניט קיין פרייע הענט! כ'מיין, מיר איז קאַלט אין די הענט. פאַרשטייסט, יוסף, דו רעדסט פון ליבע און באַשולדיקסט די ערד, וואָס האָט אונדז אַלעמען אויסגעקילט. ווער איז שולדיק, יוסף? ליבע, מהום... ביילקע האָט ליב געהאַט אַ יונגן אינגל און האָט זיך אים איבערגעגעבן; גוט אַזוי. איצטער וועט זי ווערן אַ מאַמע פון אַ קינד; וועט זיין אַ יונגע מאַמע — דאָס איז אויך ליבע. ביי דער ערד האָט עס געטראָפן. נאָר ס'איז מיאוס געוואָרן איצטער, ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן פונדאַנען. איצטער וועלן זיי דערשפּירן ווי גרוי דאָס לעבן וועט זיי באַגעגענען. זאָג איך דיר, אַז דער יונגער נחום איז מער מאַן פון אייך אַלעמען. דו זאָגסט, אַז די רעוואָלוציע האָט דערוואָרגן די ליבע... איר דערוואַרגט די ליבע אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע, אָט וואָס!

—דער מענטש, וועמען דו האָסט ליב, האַלט זיך נאָך ביים פאַרטעך פון דער רעוואָלוציע.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט לאָנע אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— וואָס לאַכסטו, לאָנע? דערדאָזיקער שמיד איז געוואָרן אַ פילאָזאָף, איז קיין חידוש ניט, וואָס ביי אונדז איז אַזוי אומעטיק.

— וואָס רעדסטו פון שמיד? דו ביסט דאָך אַליין אַ מאַן; ביסט דאָך אַ סך ניכטערער פון בערען, וואו ביסטו אין דער וועלט? זעסט דאָרטן אין הימל ווי ס'ווערט ליכטיקער און ליכטיקער — עס און ניט חלילה צוליב אונדזער ליבע, כאַ־כאַ־כאַ...

אויף יוסף'ן האָט לאָנעס געלעכטער געהאַט פּונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג; ווי מיט קאַלט וואַסער וואָלט זי אים אָפּגעגאָסן. ער איז ניט געווען אויף אַזויפיל נאַריש צו גלויבן אירע רייד. יוסף האָט עס באַנומען, אַז לאָנעס איצטיקער לאַכן, לאָנעס רעדן אַזוי הויך פון ליבע — איז נאָר צו פאַרטומלען דעם ווייטיק און געשריי וואָס שלאָגט פון איר איינגענעם האַרצן אַרויס. זי האָט איצטער איר שוועסטער אויף אַזאַ טרויעריקן אופן אַרויסבאַגלייט, און זי האָט מיט אים, מיט

יוספ'ן, קיין וואָרט וועגן דעם ניט פאַרוואָרפן; דוקא פון ליבע גלוסט זיך איר רעדן...

— מיינסטו, לאַנע, אַז דער ווינטער וואָס רוקט זיך אויף אונדז אין סטעפּ... יאָ, לאַנע, מיינסט דעם ווינטער ווען מיר קענען מיט ליבע דערוואַרימען? אמת, די רעוואָלוציע האָט איר זוניקייט, איר וואַרימקייט, וועט זי דען אונדזער ווינטער לינדערן?... כ'ווייס, לאַנע, נאָר אים האָסטו ליב, מער קיינעם ניט. דערדאָזיקער מענטש באַפעלט — אים פאָלגסטו אויס, כאָטש אָן ווערטער באַפעלט ער. ער באַפעלט דיר צו האַסן דאָס, וואָס דו באַדאַרפסט ליב האָבן — פאָלגסטו אויס. ער הייסט, דו זאָלסט דערוואַרגן אין זיך דיין יוגנט, דיין מיידלשקייט — פאָלגסטו. וואָס איז פאַר דיר יוסף ראַטנער, וואָס חלומט נאָך זיינע חלומות, און וואָס פאַרשטייט די רעוואָלוציע אויף זיין אופן?...

— ווי פאַרשטייסטו די רעוואָלוציע? — האָט לאַנע שטיל און קאַלט געפרעגט.

— רעוואָלוציע איז לעבן, לאַנע.

— אמת, יוסף, כ'האָב, פּרילינגצו, ווען נאָך מענטשן וועלן אָנקומען אויף אונדזער ערד־חלק, מיט זיי וועט זיך דאָס לעבן באַנייען און ברויזן שטאַרקער אויף אונדזער ערד־חלק. יעמאָלט וועלן מיר אָנהייבן איבערבויען אונדזער דאָרף; פון די מענטשן וואָס קלייבן זיך דאָ לעבן ווי וועלף, וועלן מיר מאַכן, זיי זאָלן אָנהייבן לעבן ווי די רעוואָלוציע הייסט. די רעוואָלוציע הייסט אונדז לעבן, יוסף, נאָר מיר פאַרשטייען ניט ווי אַזוי. מיר האָבן שלעכט אָנגעהויבן. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען דיר זאָגן. מיין ניט, יוסף, אַז בערע קאָוואַלסקי זאָגט עס מיר אונטער... כ'ווייס גאָרניט צי איך האָב אים ליב, כאַ־כאַ־כאַ. דערווייל, יוסף, זע דו, מיר זאָל זיין וואַרים. נאַ דיר די לייצעס און איך וועל עפּעס געפינען וואָס איבערצובייסן. ס'ציט אין האַרצן. און שלאָפן גלוסט זיך מיר אויך זייער שטאַרק. איך וועל אפשר גאָר שלאָפן אַ ווײַלע... זאָלן די פערד אַזוי ציען פּאַמעלעך און איך וועל אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן דיר, יוסף...

יוספ'ן איז געווען גוט. לאַנע האָט אַזוי זיך געטוליעט צו אים און געזוכט ביי אים וואַרימקייט. דער קאַלטער, גרויער באַגינען איז געוואַקסן און זיך צוגעהערט צום קליפּ־קלאַפּ פון די פערדישע קלויען, וואָס האָבן אָפּגעהילכט איבער דעם קאַלטן, פאַרפרוירענעם סטעפּ.

XXXI

אין הארטן, קאַלטן גליווער איז געלעגן דער טונקעלער סטעפּ, אַ באַטרושעטער מיט שניי. וואו ווינטער־זריעה האָט אַרויסגעשיקט איר גרין פון דער ערד אַרויס, איז דער דינער שניי געווען אַ מאָ־גערער, אָבער וואַרימער צודעק, פונוואַנען גרינע גראָז־שפּיצן האָבן אַרויסגעשטעקט און געציטערט פון מזרח־צפון ווינט, וואָס האָט געבלאָזן און געבראַכט די בשורה פון גרעסערע קעלטן און זאַווע־רוכעס.

געווען אַרום עלף פאַר האַלבן טאָג. מילכיק־ווייס איז דער הימל געווען פאַרהאַנגען; די זון האָט זיך איינגאַנצן ניט באַוויזן. פונ־דעסטוועגן, ווען לאַנע איז אַריין אין שטאַל, איז איר אַ צייט געווען טונקל פאַר די אויגן, ביז זי האָט אָנגעהויבן אָפּצושיידן פערד פון קו. צוויי פערד און צוויי קי האָבן מיט זייער לעבן אָנגעוואַרימט די שטאַל. אין שטאַל האָט געשמעקט מיט מיסט און שווייסיקער פעל. די צוויי פערד, כאָטש זיי זענען געשטאַנען ווייטער, ביים וואַנט, האָבן אָפּגעווענדעט די קעפּ און מיט אָנגעצונדענע אויגן געקוקט צו לאַנען. די קי זענען ביידע געלעגן אין שטרוי; שווער געלעגן און שווער געאָטעמט. ביידע קי, סיי די שוואַרצע און סיי די ראַבע, — ביידע זענען געווען קעלביק. קענטיק געווען אין זייער פאַרטראַכט־קייט, אַז די מענטשנוועלט גייט זיי ניט אָן; ביידע קי זענען געווען פאַרטיפט אין זיך אַליין; האָבן זיך צוגעהערט צו דער טיפעניש אין די אייגענע געדערים.

לאַנע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נעבען דער ראַבער קו, וואָס איז נענטער צו איר געלעגן מער אויף דער רעכטער זייט, און באַטראַכט די אויפגעהויבענע לינקע, שוואַרצע זייט, וואָס איז געווען איבערגע־שניטן מיט אַ ווייסן, ברייט־אויסגעבויגענעם פלעק. לאַנען האָט

אויסגעוויזן, אַז דאָרט, וואו די פעל איז ווייס, טוט אַלע מאָל אַ ציטער, וואָס געהער זיך ניט אָן מיט דער בהמה'ס שווערן אָטעמען; האָט זי צוגעלייגט אַן אויער צום ווייסן פלעק און געהאָרכט... עס האָט דורך דער האָריקער פעל געריזלט אַ וואַרימקייט צו לאַנען אין אויער אַריין און זי האָט בפירוש פאַרנומען דעם ציטער פון אַן אַנדער לעבן אונטער דער פעל. דערנאָכדעם איז לאַנע מיט דער האַנט אַריין צווישן דער ראַבערס פיס־און־אייטער, און געפילט די וואַרימקייט און דאָס לעבן, וואָס איז באַהאַלטן אינעווייניק; און וואָס האָט פאַרנומען דאָס מילך אין זיך... שוין מער ווי אַ חודש, אַז די ראַבע האָט זיך פאַרלאָזן און קיין מילך ניט געגעבן.

איז לאַנען אויפן זינען געקומען ביילקע, וואָס איז אַזוי אומגעריכט געוואָרן אוים אינגערע שוועסטער; אויף איר אייגענעם אחריות שותפות געמאַכט מיט בערעס אינגערן ברודער, אים זיך אוועקגעגעבן ווי אַ צייטיקע פרוכט, און מיט אַ שפּראַצונג פון אַ יונג לעבן אין איר ליב איז זי מיט נחום'ען אוועק אין באַרקאָוו. זי, לאַנע אַליין האָט זיי ביידן אַ גאַנצע נאַכט געפירט פון אייגענעם דאָרף; זי, ווי אַן עלטערע און באַאָרנטע, אַ דערפאַרענע און מיט אחריות פאַרן לעבן, האָט עס אָנגענומען אויף זיך צו טאָן. איצטער איז זי אַליין מיט בערען ברוגז כאָטש מען האָט זיך ניט געקריגט. איצטער קוקט אויף איר בערע ווי אויף איינער, וואָס האָט אים אָפּגעטאָן דעם גרעסטן צו'להכעיס.

די ראַבע קו האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן; טיף אַריינגעצויגן די לופט אין זיך; די לינקע זייט האָט זיך הויך אויפגעהויבן, און לאַנע האָט מיט זיכערקייט באַמערקט ווי דאָרט, וואו די פעל איז ווייס, האָט זיך אַ באַזונדערער הויב געטאָן — ממש זי האָט געהערט אַ אינעווייניקסטן קלאַפּ אין דער ראַבערס לינקער וואַנט פון בויך.

און ווידער איז פאַר איר דמיון אויפגעקומען איר אינגערע שוועסטער, וואָס נאָכדעם ווי זי האָט איר סוד אַרויסגעגעבן, איז זי אויך אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרטאַיעטקייט האָט זיך אַריינגעקליבן אין אירע בליקן לאַנע טוט אַ שמייכל; זי דערמאָנט זיך ווי ערנסט דער יונגער נחום איז געוואָרן; ווי מיט אַמאָל איז ער גאָר געוואָרן אַ דערוואַקסענער, פול מיט אחריות צו איר אינגערער שוועסטער;

פול מיט באהאלטענער גאוה צוליב דעם, וואס ער איז דער מאן פון א פרוי וואס ער האט ליב, און פאטער פון א ניי לעבן, וואס ער האט פארפלאנצט אין איר יונגן לייב. די ראבע קו וואלט געווים באמערקט ווי דאס בלוט איז געקומען לאנען אין פנים אריין; נאר די ראבע האט נאך אמאל א זיפץ געטאן און צו לאנען די אויגן ניט געווענדט.

וואס פאר א בוהאי עס האט דער ראבער באשאנקען מיט זיין כח און געמאכט, די ראבע זאל אזוי רואיק ליגן און זיך צוהערן צו איר איינגעווייד — דאס ווייסט ניט לאנע, וויל שוין א קעלביקע האט מען זי געבראכט אהער. קלערט לאנע אויף טשיקאוועס: וואס פאר א מאשטש דאס קעלבעל פון דער ראבער וועט האבן. נאך א פאר חדשים וועט דער סוד אנטפלעקט ווערן. „יא, ביילקע און נחום — א יונגע און א שיינע פאר... גוט וואס ער האט ניט שלום גע־מאכט מיט זיין טאטן, לייזער דעם שמיד, וואס האט אים אויסגע־פאטשט... דאס איז א מאן...״ לאנע האט פון דעם א טראכט געטאן און זיך דערמאנט, ווי זי האט איר אייגענעם פאטער מוחל געווען נאכדעם ווי ער האט זי אויסגעפאטשט. אפשר טאקע דערפאר האט זי אונטערגעהאלפן נחום'ען, ער זאל אוועק פונדאנען אויף צו'להכעיס די קאוואלסקים... „זומערצייט וועלן זיי ביידע אראפקומען, זי וועט דא געבערן דאס קינד — וועלן זיי ביידע זיין ביי אונדז אין שטוב...״ — דאס טראכט ווייטער לאנע און פילט דעם טעם פון זיסן נצחון; אן אומקלארער נצחון איבער אימיצן, וואס טוט איר אן אזויפיל יסורים.

זי האט דערהערט דאס קלימפערן און אנקומען פון אן אויטא־מאביל איבער דעם גרודיקן, פארפרוירענעם וועג. דער אויטאמאביל, הערט זי, האט זיך אפגעשטעלט פארן שטוב. עס האט איר אזש אנגעהויבן קלאפן אין הארצן.

— לערנער, דער אגראנאם!... און איך בין אזוי פארשליומ־פערט...

זי איז אויפגעשטאנען און אנגעהויבן ארומטאפן איר גוף און אירע בגדים. זי איז געווען אין פאטערס א גרויען מאנטל, מאנס־בילשע שטיוול אויף די פיס, און מיט א שווערער פאטשיילע אויף

די אקסלען און קאָפּ. „ווי באַווייזט מען זיך פאַר אים?" — האָט זי אַ קלער געטאָן און האָט אַראָפּגעכאַפּט די פּאַטשיילע פון די אַקסלען — „כאַטש אין אַ שטיקל שפּיגל אַ קוק טאָן; האָב נאָך היינט אַפילו דאָס פּנים ניט געוואַשן..."

האָט זי אויסגעשטרעקט פּאַרזיכטיק די האַנט איבערן טיר, אָפּגעבראָכן פון סטרעכע אַ דיקן אייז־צאַפּן, און מיט אים אָנגעוואַרימט דאָס פּנים. האָט דעם אייז געפירט איבערן שטערן, אַרום די אויגן, באַקן און אַרום האַלדז. ניט קיין אייז האָט געקילט די הויט, נאָר גלייך ווי אַ פייער וואָלט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערצוגליִען אונטער דער הויט. פון פּנים איז די וואַרימקייט אַריבער צום האַרצן — אַזש איר גאַנצע ברוסט האָט געגאַרט אָנגערירט צו ווערן פון דעם אייז־צאַפּן.

אַן אויפגעמונטערטע האָט זי אַ טרייסל געטאָן מיט דעם שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ, און איז אַרויס פון שטאַל. לערנער האָט זיך נאָך געִ'עסק'ט ביים אויטאָמאָביל.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט זייט איר ביי אונדז, חבר לערנער! דער פּראָסט האָט אייך געבראַכט אַהער, כאַ־כאַ־כאַ...

לאַנג האָט אָנגעכאַפּט לערנערס ביידע הענט, אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און נאָך אַמאָל אַ לאַך געטאָן אים אין פּנים אַריין.

— גוט צו באַגעגענען אייך אַזאַ, חבר'טע ברעזער; איך קום איצטער פון אַן ערד־חלק, וואו די איבערוואַנדערער האָבן צו מיר אויסגעלאָזן אַלע בייזע חלומות, הלמאי אין קרים איז ווינטער... אייך אַפּנים האָט דער ווינטער ניט איבערגעשראָקן.

— וואָס האָט איר עפּעס גוטע נייעס צו דערציילן?

— גוטע נייעס; גוטע נייעס... מען לעבט און מען קוקט אַרויס צום קומענדיקן פרילינג; נאָר עס פעלן אין די דערפער אַ סך חבר'טעס ווי איר.

— איך דאַנק אייך זייער... איר וועט זיך ביי אונדז דערוויסן אַ סך זאַכן וואָס וועלן אייך קיין פאַרגעניגן ניט פאַרשאַפן.

— כ'ווייס, מען האָט דעם חבר ברעזער אַרויסגערופן אין איספּאָלקאָם... האָב געוואָלט אַהער אַריבערקומען, נו, איז דער וועג קאַליע געוואָרן.

— איר זעט ווי אונדזער דערפל האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד? אמת, סע ציט די שטיבער צו דער ערד? דער שניי אויף די דעכער מאַכט זיי אויסזען נאָך נידעריקער...

— נו, וואָס הערט מען עפּעס באַנ'אייך? אויב איר האָט חשק, ווען מיר צופאָרן צו אייער „עלטסטן".

לאַנע האָט אַ שמייכל געטאָן און ניט געענטפערט.

— וואָס מאַכט ער אייער עלטסטער?

— איר'ט אים זען.

— קוקן אַלע אויס אַזוי מונטער ווי איר, חבר'טע ברעזער?

— כאַ־כאַ־כאַ, חבר לערנער; ווי קענט איר עס זאָגן? איך בין דאָך שוין אַ סאַמאָראָדנע פּויערטע אין שטיוול, און... פּאָרט אַליין צונ'אים; שפּעטער וועט איר אַריבערקומען צונ'אונדז טרינקען טיי.

— וואָס מאַכט די אינגערע שוועסטער?

— איז אַוועק אין כאַרקאָוו... האָט חתונה געהאַט מיטן אינגערן קאָוואַלסקי; אפשר געדענקט איר אים.

— אַוועק קיין כאַרקאָוו?

— יאָ. כ'בין אַליין איצטער.

— חתונה געהאַט און ניט געוואָלט בלייבן אויפן ערד־חלק?

— אַ סך צו דערציילן... קומט דערווייל אַריין צו אונדז; דער טאַטע איז ערגעץ־וואו דאָ; מירן טרינקען טיי...

—כ'האָב ניט קיין סך צייט; איך וויל זיך נאָך היינט אַריבער־כאַפּן אין נאָך אַ פּאָר דערפער; וויל באַזוכן מיין ראַיאָן איידער איך פאָר אַוועק קיין מאָסקווע.

— איר פאָרט אַוועק?

— יאָ, חבר'טע ברעזער; ווינטער... די איינציקע צוויי חדשים וואָס איך קריג.

— איר לאָזט אונדז איבער גאָר אַזוי?

— ווינטער; סאַי־ווי ניטאָ וואָס צו טאָן. די ערד איז גע־פרוירן; קיין שטיבער בויט מען ניט; קיין איבערוואַנדערער קומען ניט צו.

לאַנען איז אומעטיק געוואָרן; גאָר די פרייד איז אויף אַ ווײַלע אויסגערונען פון פּנים.

לערנער האָט עס באַמערקט און געוואָלט אויפריכטן איר גע־מיט:

— אודאי, חבר'טע ברעזער, איז איצטער ווינטער. איצטער איז אַ פּויער גלייך מיט דער ערד. איר, חבר'טע לאַנע, זייט אויך געראָטן אין דער ווינטער־זריעה... איר האָט געזען ווי גרין דער ווייץ קומט אַרויס פון אונטערן שניי? זייט ניט אומעטיק, כאַפּט זיך אַריין אין אויטאָמאָביל, וועלן מיר צופאָרן צו די קאָוואַלסקיס!

— איך גיי ניט צו זיי.

— וואָס איך הער!

— מיר האָבן זיך ניט געקריגט; פּשוט, ניטאָ קיין שלום צווישן האַמער און סערפּ, כאַ־כאַ־כאַ!

— ווער איז דאָס דער האַמער?

— אודאי איז אונדזער עלטסטער נאָך אַלץ אַ שמיד; נאָך אַלץ דאָס בן־יחיד'ל ביי דער רעוואָלוציע; און מיר, דעקלאַסירטע, אָדער קינדער פון דעקלאַסירטע. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס מיר האָבן דער רעוואָלוציע גוט געדינט און אָנגענומען פון איר טרוקענע און נאַסע קלעפּ...

— ווי, איר רעדט ניט איינס צום אַנדערן?

— אפשר רעדן מיר.

— זעצט זיך אַריין אין אויטאָמאָביל; קומט, איך וועל מאַכן שלום צווישן סערפּ און האַמער.

איך דאַנק אייך זייער; פאָרט אַהין אַליין; איך וועל וואַרטן אויף אייך אין שטוב; וועל דערוויי'ל צוגרייטן טיי.

לערנער האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט לאַנען. אירע לעצטע ווערטער האָט ער גוט באַנומען. לערנער האָט עס באַטראַכט פּאַר אַ פּלאָג, וואָס דאָ, ביי דער ערד, הערשט אַזוי שאַרף די קלאַסן־שנאה.

— דאַכצעך, די רעוואָלוציע האָט אַ גאַנצע מענטשהייט צעק־אַקערט, ווי מען צעאַקערט אַ ניט־גלייכע שטיק ערד; צעאַקערט און פאַרבראָנעוועט, קיין קרומקייטן זאָלן ניט זיין... אַפּנים, ניט גרינג קומט אָן אויסצוגלייכן די קרומקייטן ביי דער מענטשהייט; האַ, וואָס זאָגט איר, חבר'טע ברעזער — האַלט איר זיך ניט אָפּטמאָל אין האַרצן צו גרויס?

— אָ, אונדזער גרויסהאַלטן זיך, משטיינסגעזאָגט... קען זיך גרויסהאַלטן דער קוראַי־קוסט, וואָס שטעקט אַט־אָ דאָרטן ארויס פון אונטערן שניי? שטערט איך ניט, חבר לערנער, איר האָט אייערע פּליכטן; אפשר וועט איר אַריינגיין צו אימיצן אַנדערש — אפשר ביי די קרעטשמערס וועט איר זיין, וועל איך צוקומען.

— מאַכט טיי, און איך וועל דעם עלטסטן ברענגען צונ׳אייך...

— דאָס וועלן מיר זען! פאָרט נאָך אזוי גיך ניט אַוועק, כ׳האָב אייך עפּעס צו דערציילן...

לערנער האָט אַנגעקוקט לאַנען. דאָס פריערדיקע אויפלעבן און די ענערגיע וואָס האָט געשפּרודלט אין איר פּנים, איז אויסגעלאָשן געוואָרן. זיין בליק איז געפאַלן אויף איר ווייסן שטערן, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכן פון אונטער שווערע, שוואַרצע קרויזן, און אַ פּאָר דינע קנייטשן אין דער לענג פון שטערן...

לאַנע האָט דערפילט, אַז ער קוקט אויף איר, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— ניט די אייגענע לאַנע ברעזער, הא?

זי האָט אָנגענומען לערנערן ביים האַנט:

— זאָגט מיר, אַגראָנאָמען פאַרשטייען, ווי לאַנג אַ ווינטער וועט זיך ציען? ס׳איז איצטער דאָך נאָך אָנהייב ווינטער, כאַ־כאַ־כאַ... פאָרט צו, חבר לערנער, צו די קאָוואַלסקים און זאַמט זיך דאָרטן ניט צופיל.

לערנער האָט זי נאָך אַ ווײַלע אָנגעקוקט. ס׳איז אים טרויעריק געוואָרן; ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער איר צו ענטפערן אויף איר פראַגע וועגן ווינטער.

שוין אין אויטאָמאָביל, האָט ער געזאָגט:

— איך פאָר ניט אַוועק אזוי גיך; וועל נאָך צופאָרן צונ׳אייך. איך האָב מיט אייער פאָטער געוואָלט רעדן, איידער איך זע זיך מיט די קאָוואַלסקים... געוואָלט האָבן מיט אים אַ שמועס. ער קריכט אין געפאַר אַריין... די מלוכה איז איצטער זייער שטרענג מיט די דעקלאַסירטע ביי דער ערד, וואָס הייבן אָן האַנדלען.

דערביי האָט דער אויטאָמאָביל אַ ריר געטאָן פון אָרט; דער

אויטאָמאָביל איז אונטערגעשפּרונגען איבער די גרודעס; די רעדער האָבן נאָכגעשלײדערט שטיקלעך געפרוירענע בלאָטע.

לאַנען האָט פּלוצלונג פאַרקלעמט ביים הארצן. מעגלעך, די לעצטע עטלעכע ווערטער וועגן איר פאָטער, וואָס לערנער האָט אַרויסגעזאָגט, זענען געווען די סיבה פון איר קלעמעניש. עס איז איר ענג געוואָרן אין האַרצן, און דער פאַרשנייטער סטעפּ און מילך־ווייסער הימל איבער אים האָבן זיך אָנגעהויבן צו וויגן און ציטערן פאַר די אויגן. וועגן לערנערן האָט זי אַ סך מאָל געקלערט די לעצטע עטלעכע טעג. זי האָט געוואָלט מיט אים רעדן און אַ סך אַראָפּרעדן פון האַרצן. זי האָט זיך געוואָלט מיט אים טײלן מיט די אײנדרוקן, וואָס זי האָט צונויפגענומען אויף איר באזוך אין די אידישע דערפער. איצטער איז לערנער, ווי איר דוכט זיך אויס, עפּעס קאַלט צו איר; און דער אופן, ווי ער האָט דערמאָנט איר פאָטער, איז אויך געווען מיט אַ געוויסער טרוקנקייט. עס האָט איר פאַרדראָסן, הלמאי זי האָט זיך ניט אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל, און ניט געפאָרן מיט אים צו די קאָוואַלסקים. ווארום וואָס האָט עס צו טאָן מיט אירער און בערעס אָנגעצויגנקייט; איצטער איז דאָך דער אַגראָנאָם געווים געקומען ארומרעדן וויכטיקע ענינים. דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט: דער ערשטער ווינטער ביי דער ערד, און מען ווייסט ניט ווי אַזוי מען וועט אַ ווינטער־לאַנג איבערציען. עס וועט דאָך קיין טעם ניט האָבן, אויב דער עולם וועט זיך צונויפנעמען ביי די קאָוואַלסקים, און זי וועט דערביי ניט זיין.

זי פילט אָבער, אַז דאָס וואָס לערנער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר שטוב און איז ניט אַריינגעקומען, האָט עס אויך אַ מיין. ווען ניט דאָס, וואָס עס האָט לעצטנס געטראָפן מיט איר טאַטן, וואָלטן אפשר אַלע זיך פאַרזאַמלט אין איר שטוב... מעגליך, לערנער האָט אָנגעהויבן צו ווייכן איר שטוב.

מיט זיינע שווערע טריט, אביסל דער קאָפּ געבויגן אין קאָלנער אַריין פון אַלטן, ברונעם אָפּגעריסענעם מאַנטל — האָט זיך באַוויזן יוסף ראַטנער.

— ווינטער, לאַנע! וועלן מיר דערלאָזן דעם ווינטער נאָנט

צום ליב, לאנע? וואָס שטייסטו אזוי אומעטיק? קום, לאָמיר אריבערגיין צו די קאָוואַלסקיס, הערן וואָס דער אגראָנאָם האָט עפּעס צו דערציילן.

ביי לאַנען איז אַ שטיין אראָפּ פון הארצן; ווי פון הימל איז איר יוסף אראָפּגעפאַלן.

— ניט צולאָזן דעם ווינטער צום ליב; טאַ גליך אוים די פּלייצע, כאַפּ מיך!

לאַנע האָט זיך אוועקגעלאָזן אין איין געלאַף מיט דער לענג פון דאָרף צו די קאָוואַלסקים, און יוסף איז איר נאָכגעלאָפן. לאַנע איז געלאָפן און געלאָזן פאַלן אהינטער איר קלינגענדיקן געלעכטער; יוסף איז דעם געלעכטער נאָכגעלאָפן.

שפּעטער האָט לאַנע אומישנע אָנגעהויבן לויפן פּאַמעלעך, כדי יוסף זאָל זי דעריאָגן. ער האָט זי דעריאָגט און געכאַפּט אונטערן אָרעם.

— געדענקסט, יוסף, ווי מנחם רייכלין האָט יעמאָלט געשריען ביים פייער? „אַ פאָלק האָט מען גענומען און צעריבן אויף אַש" — האָט ער געשריען...

— אוי, געדענק איך!

— האָט טאַקע די סאָוועטנמאַכט חרוב געמאַכט דאָס אידישע פאָלק, ווי ער האָט געשריען?

— פאַרוואָס פרעגסטו עס, לאַנע?

— איך וויל, יוסף, דו זאָלסט מיר געבן צו פאַרשטיין וואָס אַזוינס איז אַ פאָלק?

— פאַרוואָס דוקא איצטער איז דאָס דיר געקומען אויפן זינען?

— פאַרוואָס דוקא איצטער... פאַרוואָס דוקא איצטער — ווייל דו טראַכסט פון אַ פאָלק, און איך — פון אַ מענטשן... וואָס איז העכער, און וואָס איז בילכער, יוסף? איך בין היינט געזעסן אין שטאַל און זיך געוואָרימט נעבן אונדזער ראַבער קו; זי איז אין די הויכע חדשים... זי לעבט אויך איר לעבן... עך, יוסף, לאָמיר בעסער דעם לעבן גיין אנטקעגן!

ביי די ווערטער זענען זיי אָנגעקומען צו די קאָוואַלסקים. דרויסן, נעבן אויטאָמאָביל, זענען געשטאַנען בערע און לערנער, און האָבן מיט צופרידנקייט אין פּנים געוואַרט אויף לאַנעס און יוסף'ס אָנקומען.

XXXII

לאַנע האָט ניט דערוואַרט, אַז בערע קאָוואַלסקי זאָל שטיין דרויסן פאַר זיין טיר און זי אָפּוואַרטן. אמת, נעבן בערען איז געשטאַנען דער אַגראָנאָם,ביידע האָבן צו איר געקוקט מיט ליכטיקייט אין די אויגן — איז אָבער אַלץ אומגעריכט אויסגעקומען די איצטיקע באַגעגעניש.

— אפשר האָט אים דער אַגראָנאָם אויסגע'מוסר'ט — האָט לאַנע אַ טראַכט געטאָן — צי האָט ער שוין מוחל געווען פאַר נעמען און אַוועקפירן אינמיטן דער נאַכט ביילקען און נחום'ען?...

דורך איר גאַנץ לייב האָט אַ ריזל געטאָן אַ וואַרימקייט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט שטאַרקן וויין; אַ רגע האָט עס איר געשווינדלט אין די אויגן, און זי האָט געזוכט אַן אָרט פאַר אירע אָנגעשטיוולטע פיס.

בערע האָט געשפּירט לאַנעס אויפגערודערטן געמיט. אויב זיי ביידע האָבן צווישן זיך כמעט ניט גערעדט די גאַנצע צייט זינט מען האָט זיך אומגעקערט פון דער נסיעה פון די אידישע דערפער — איז דאָס געווען פון בערעס זייט די מניעה.

בערע האָט באַשטימט איצטער אַליין אָנצוהייבן.

— האָסט דערציילט, לאַנע, דעם חבר לערנער?

— יאָ, כ'האָב אים דערציילט, אַז מיר זענען כמעט אַ וואָך צייט אומגעפאָרן איבער די אידישע נייע דערפער.

— כאַ־כאַ־כאַ, ניט דאָס... איך מיין, וואָס דו האָסט אַרויסגענאַרט פון דאָרף דיין שוועסטער און מיין ברודער, אַוועקגעפירט צום באַן און אַוועקגעשיקט קיין כאַרקאָוו! מיט דיין כאַראַקטער, לאַנע, האָט דיר געפּאַסט צו זיין אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע.

לאַנען האָט עס צענומען. זי האָט געלאַכט פון פולן האַרצן;

זי האָט דערקענט אָן בערען, אַז ער האָט געזוכט אַ געלעגענהייט אָנ־צוהייבן רעדן מיט איר.

— מיין ניט, לאַנע, — האָט בערע ווידער געזאָגט — מיין ניט, איך בין אויף דיר ברוגז פאַרוואָס דו האָסט די צוויי נאַראָנים אַרויס־געהאָלפן; פאַרקערט, איך זאָג עס דיר פאַרן חבר לערנער אין די אויגן, מיר געפעלט עס... אַזוי באַדאַרף האַנדלען אונדזערער אַ מענטש. ער וויל אויף אַ זאַוואָד — זאָל ער!

— ער האָט געוואָלט זיך פאַרליבן און חתונה האָבן מיט אַ בורזשויקע — האָט לאַנע מיט געלעכטער ווייטער גערעדט — נו, האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן.

— זעסטו, לאַנע, דאָס האָב איך ניט געוואָלט זאָגן. מיר אַרט ניט פאַר אים. כאָטש מיינער אַ ברודער, האָב איך אויף אים אָנ־דערש געקוקט. דאָס וואָס ער איז אַוועק אַרבעטן אויף אַ זאַוואָד, שאַדט ניט. דאָרטן וועט ער ווערן אַ מענטש. דערפאַר, לאַנע, בין איך גרייט דיר אָפּצודאַנקען. ווייטער, וואָס עס האָט צו טאָן מיט אַ ווייב, מיט דיין שוועסטער... וואָס איז אַ ווייב?

— דיין צייט וועט אויך קומען; וועסטו אויך וויסן וואָס אַ ווייב איז...

לאַנע האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זענען אינעווייניק דערשטיקט געוואָרן. זי האָט זיינע לעצטע רייד איבער־געטראָגן אויף איר אייגענעם חשבון. זי האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און זיך צוגעהערט צו די קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער קאָוואַלסקי שטוב. די שויבן זענען געווען אינעווייניק פאַר־צויגן מיט אַ שווערן טוי; דורך די פענצטער האָט מען ניט געקענט אַרויסזען ווער עס האָט זיך אינעווייניק געפונען.

זלמן קאַסאָים שטים האָט זיך דורכגעריסן צום דרויסן:

— ווינטער איז ניט זומער... זומער בין איך אַליין געווען אַן אַנדער מענטש. איצטער איז פּשוט נישטאָ אין וואָס די הענט צו פאַרטשעפּען; האָב געמאָלקן די קו, האָט זי גענומען און זיך פאַר־לאָזן.

— אין אַלע דערפער איז די אייגענע קלאָג... ווינטער איז ניט

קיין פריינט פון אידישן איבערוואנדערער — האָט לערנער ווי פאַר זיך געזאָגט.

— איר, חבר לערנער, טאָרט אזוי ניט רעדן. ווינטער איז ניט קיין פריינט פון אידישן איבערוואנדערער... אודאי, ווי אונדזערע אמעריקאַנער בעלי־טובות ווילן באזעצן אידן אויף דער ערד, מאַכן זיי פאַר בעלי־גופים, וועט ווינטערצייט בלייבן פאַר די פויערים זיך שלאָגן קאָפּ־אין־וואַנט... די סאָוועטנמאַכט מיינט עפּעס אַנדערש. מאָלט אייך אויס, חבר לערנער, ווען מיר וואָלטן איצטער דאָ געווען אַ קאָלעקטיוו, ווי קליין מיר זענען נאָך איצטער אין צאָל, וואָלט שוין געווען פון וואָס צו רעדן. וואָלט שוין אַפילו ווינטער אויך געווען לעבעדיק ביי אונדז. אַז יעדערער באַזונדער גריזשעט זיין אייגענע לאַפּע, איז ווינטער טאַקע ווינטער.

— איך בין מסכים — האָט לערנער געקלאַפּט בערען אין פּלייצע — חבר'טע לאַנע איז מסתמא אויך מסכים; נאָר גיי, נעם און מאַך איבער מענטשן אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען.

— די באַדינגונגען זענען איצטער אַ סך גינסטיקער, חבר לערנער; פון סאַמע אָנהייב האָט מען ניט געטאָרט אָפּטרעטן פון דער פּאַרטיי־ליניע. איר וועט זען, עס וועט דאָך קיינעם ניט אויסמיידן, דאָס וואָס די רעוואָלוציע וויל, אָבער שפּעטער וועט מען דערפאַר באַדאַרפן צאָלן אַ סך טייערער... און דיר, לאַנע, וויל איך זאָגן איידער מיר גייען אריין אינעווייניק: — מיין ניט, אַז איך טראָג אויף דיר אַ כעס פאַר דיין שוועסטער, וואָס איז אַוועק מיט נחום'ען. דאָס איז דער מאַמעס נחת; זי איז אַריין אין יחוס, כאַ־כאַ־כאַ!

לאַנע האָט געהערט און האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס בערע רעדט פאַרן אַגראָנאָם אין די אויגן מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט. זי האָט ניט געוואָלט איבערשלאָגן; זי האָט געוואָלט, בערע זאָל רעדן, און סוף־כל־סוף זיך דעררעדן צום אמת'ן ענין, וואָס אים קעוועטשט. איר איז אָבער ניט געפעלן געווען דער אופן ווי ער האָט דערמאָנט זיין אייגענער מאַמען.

— פאַרלאָז זיך אַמאָל אויף מאַמעס, בערע; זיי האָבן אויך אַ האַרץ.

בערע האָט צו זיך צוגעצויגן לאַנען, זי אַריינגענומען אין זיינע

שווערע אָרעמס און געוואָלט איר ווײ־טאָן; ער האָט אָבער ניט אויס־גערעכנט, אַז לאַנען איז דער ווײטיק זיס, ווען ער וועט אפילו אירע ביינדעלעך אַ קנאַק טאָן.

— דו רעדסט פון מאַמעס — האָט בערע אַרײנגעקוקט אין לאַנעס לאַבעדיקע אויגן — דו ווייסט שוין פון אַ מאַמעס הארץ, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערקע, דו... האָסט דאָך ווי אַ מאַנסביל געשפּאַנט די פערד אין אַ קאַלטער נאַכט און אַוועק מיטן פּאָרפאָלק. דײן טאַטע, וואָווע ברעזער, ער איז אַ אידענע כאַ־כאַ־כאַ! קומט אַרײן אינע־ווייניק, מען וואַרט דאָרט אויפן חבר לערנער.

— הלואי וואָלסטו זיך וועלן מיט מיר דורכרעדן, בערע, איי־דער חבר לערנער פּאָרט אַוועק. מיר האָבן אַ סך, גאָר אַ סך פון וואָס צו רעדן, און עס וואָלט ניט געשאַדט, דער חבר לערנער זאָל זיין דאַביי.

ביי די ווערטער איז מען אַרײן אינעווייניק אין שטוב אַרײן. אין שטוב האָט געהערשט אַ ליבע וואַרימקייט. דער סאַמאָוואַר אויפן טיש האָט געפּאַרעט, און ווייל דרויסן איז געווען אַ נישקשה׳דיק פרעסטל, האָט דאַריבער די פייכקייט פאַרצויגן די שויבן ווי פאַרן פאַרפרוירן ווערן. דעם עולם האָט מיט זיך אַליין געוואַרימט די לופט. די, וואָס האָבן שוין דאָס ערשטע גלעזל טיי אויסגעזופּט, האָבן מיט די הענט געווישט דעם שווייס פון שטערן.

זלמן קאַסאַי, וואָס האָט זיין קאָפּ און שווערע הענט אַרײנגע־צויגן אין אַ שאָפּענעם טולעפּ אַרײן, ווי אַ טשערעפּאַכע שלעפּט אירע דרויסנדיקע גלידער אין פּאַנצער אַרײן — זיין הויכער גוף איז ווי קירצער געוואָרן מיטן אָנקומען פון ווינטער. אגב, מיטן אָנקומען פון זיין קיילען, אויך אזוי מגושם׳דיק ווי ער, אַ בלאָנד־גרויליעכע מיט בלויע אויגן — מיט איר אָנקומען האָט ער זיך אויך אָפּגעלאָזן, און ניט געקענט מוחל זיין פאַרוואָס קרים האָט אַ „סאַמאָראָדנעם" ווינטער.

— איצטער זעט מען שוין, אַז די רוסישע צאַרן האָבן נישט געהאַט קיין שכל פאַר קיין קאַץ; נעמען און אויסקלייבן אונדזער קרים פאַר דער וואַרימער מדינה — פע! רעכט אויף זיי...

כאַסיע אַסטראָוועך, אָט די גוטע מאַמע, ביים זייט פון איר

שמערלען, צו ווען די קינדער האבן דערווייל ניט געוואלט קומען — זי האט אפריער אין דער שטיל געפרואווט אפווישן א טרער, און דערנאכדעם זיך באקלאגט, ווי גארניט מיט איר אמאליקער שטים:

— ווער זאל זיך עס ריכטן, אז ווינטער וועט מען באדארפן הייצן מיטן ביסל קוראי; האב מיר שוין די הענט צעשטאכן און צעגראבלט... ס'ווערט ממש מיאוס דאס שטיקל ברויט ביז מע באקט עס אפ מיט די דאזיקע, שטעכיקע דערנער און די פאר מיסטפלעצ־לעך, די קיזיאקעס, מיין איך.

מען האט באסיע ניט געקענט אויסזעצן פאר איר באקלאגן זיך. זומער, ווען דאס לעבן האט געשפרודלט ארום און ארום; ווען אינ־איינעם מיטן פעלד איז מען אליין געוואקסן — איז באסיע געווען די טרייסטערן; האט זי קיינעם ניט געלאזן פאלן מיטן מוט. איר האט שטארק ווי געטאן פארוואס האט דוקא די יוגנט גענומען און אנטלאפן אין שטאט אריין. אויסער ביילקען און נחום'ען, איז סימקע, באטש ציטווייליק, אויך אוועק אין שטעטל אריין, און איר טאטן, נאטע קרעטשמער, איבערגעלאזן אליין.

— איר פארשטייט — האט באסיע ווידער גערעדט — אויב יונגע לויפן אהין וואו ס'איז ווארימער — טא וואס זאלן מיר שוין זאגן?

אין דעם דאזיקן שמועס האט זיך בערע ניט געוואלט אריינ־מישן. ער האט די לעצטע צייט ניט איינמאל, אין דער שטיל, קיינער זאל ניט הערן, פאר זיך אליין גערעדט: „זאלן נאר אהער אראפ־קומען נייע מענטשן, אונדזערע מענטשן, וואס פאר זיי האט די רע־וואלוציע א זינען... וועסנע־צייט וועלן זיי אראפקומען — יעמאלט וועט די ארבעט גאר אנדערש אוועקגיין. מע וועט בויען קאלעק־טיוון, ווי די רעוואלוציע הייסט... ניטא קיין רעוואלוציאנערער פייער ביי דעם אידישן פויער..." די לעצטע ווערטער, האט ער דוקא ביי יוסף'ן אונטערגעכאפט, און ס'האט אים הנאה געטאן, וואס יוסף האט דאס אמת'ע ווערטל געפונען. בערען טוט הנאה, וואס יוסף איז געבליבן ווינטערן. „אזעלכע ווי יוסף — טראכט בערע — ווען זיי וועלן זיך נאר ארויסשלאגן די נארישקייט פון קאפ, אויפהערן

צו דערמאָנען פאָלק, ראַסע, שמאַסע... יעמאָלט וועט ער זיין פון די בעסטע, פון די סאַמע בעסטע..."

איצטער זיצט יוסף ראַטנער אויך אַביסל אָן אַ זייט פון זיין משפחה; זיינע אויגן בלאָנדזשן אַרום, און אָפּט באַווייזט זיך אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אַרום זיין מויל. זינט ביילקע האָט גענומען און איז אַוועק מיטן אינגערן קאָוואַלסקי, טרעט כמעט דאָס דאָזיקע שמייכעלע ניט אָפּ פון אַרום זיין מויל.

— חברים, איך האָב ניט קיין סך צייט מיט אייך דאָ צו פאַרברענגען — האָט לערנער אָנגעהויבן און זיך גרייט געמאַכט אַרויסצוגיין — איך באַדאַרף נאָך היינט זיין אין עטלעכע דערפער. איך וויל אייך זאָגן, חברים: זייט נאָר ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך... כאָטש ווינטער איז אָנגעשטאַנען, אָבער איך פאַרזיכער אייך, חברים, אַז אַלץ וועט אַוועקגיין צום בעסערן. אין די דערפער, וואו ס'איז פאַראַן אַ גרעסער עולם, פילט מען גאָרניט דעם ווינטער אַזוי שטאַרק. אין אָוונט נעמט מען זיך צונויף, מען פאַרברענגט וואו ס'איז וואַרימער. איר האָט דאָך אויך אַזעלכע היימען.

זייטשיק האָט אַרויסגעפּויזשעט:

— און ברויט, וואו ט'מען נעמען ברויט, אויב די מלוכה איז נאָך זשניווע־צייט געקומען און אַלצדינג צוגענומען?! מע וועט דאָך קראַפּירן ביז וועסנע, כאַ־כאַ־כאַ!

— דאָס וויל איך אייך זאָגן — האָט לערנער אים איבערגעשלאָגן — מען האָט פון צענטער אַריבערגעשיקט גענוג תבואה אַהער אין דעם דרום ראַיאָן. ס'וועט אייך ניט אויספעלן דעם ווינטער קיין ברויט. אַפילו פּאַשע פאַר די בהמות איז אויך אָנגעקומען; אינגיכן וועט מען אייך לאָזן צו וויסן ווען איר זאָלט קומען און נעמען פּאַשע פאַר די בהמות. און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן... איר זאָלט דערפון נאָר ניט מאַכן קיין שלעכטן נוצן... איך וויל אייך זאָגן, אַז איר וועט קענען אויסניצן די תבואה וואָס איר האָלט אויף זומער־זריעה; ווייל וועסנע־צייט, ווען איר וועט באַדאַרפן האָבן תבואה פאַר דער זומערדיקער זריעה... נאָר ניט גע'דאגה'ט!

ביי די ווערטער איז לערנער אַרויס דרויסן. דער גרעסערער טייל עולם איז אים נאָכגעגאַנגען.

ווען לאַנע איז שוין געווען ביים טיר, האָט רייזל קאָוואַלסקי, מיט אַ שוויים אויפן שטערן, זיך אַ לאָז געטאָן צום טיר און פאַר־שטעלט לאַנען דעם וועג:

— זאָלסטו מיר געזונט זיין, לאַנע, אַז דו ביסט שוין דאָ אין שטוב, אַנטלויף ניט. כ׳וויל ביי דיר עפּעס פרעגן; יאָ, מיין לייזער וויל אויך מיט דיר רעדן. ער פאָרט דאָך נאָך באַלד ניט אַוועק, כ׳מיין דער אַגראָנאָם, איך בעט דיך...

לאַנע האָט באַמערקט די אונטערטעניקייט אין רייזלס אויגן, און ס׳איז איר תחילת געוואָרן אומבאַקוועם. אַ רגע האָט זי אָנ־געקוקט רייזלען, גלייך ווי זי וואָלט ניט באַנומען וואָס רייזל פאַר־לאַנגט פון איר; אָבער באַלד האָט זי לאַנע אַרומגענומען מיט אמת׳ער וואַרימקייט, און זיך אַ טוליע געטאָן צו איר. אָן ווערטער איז לאַנע געבליבן נעבן רייזלען ביז דער גאַנצער עולם, בתוכם בערע און לייזער קאָוואַלסקי, זענען אַרויס דרויסן.

— באַנ׳איך פילט מען גאָרניט דעם ווינטער, חבר׳טע רייזל...

— וואָס וואָלט מיר איצט געפעלט, ווען נחום נעמט ניט און פאָרט ניט אַוועק... פונדעסטוועגן, וועןביילקע נעמט און עקשנ׳ט זיך איין און וויל ניט פאָרן... פאַרשטייסט, לאַנע, ס׳וואָלט דאָך שוין טאַקע צופיל גליק געווען פאַר אַ מענטשן, ווען סע זאָל זיך נעמען און אויסלאָזן ווי איך האָב געטראַכט.

— איי, חבר׳טע רייזל, איר זייט אַ מאַמע און קענט ניט אייערע קינדער; כ׳מיין, איר ווייסט גאָרניט אין וואָס פאַר אַ צייט איר לעבט מיט אייערע קינדער. ווי טאַטע־מאַמע האָט איר דאָך געקענט אַ געַ־שריי טאָן אויף נחום׳ען, באַפעלן, ער זאָל דאָ בלייבן. וואָס איז דאָ געווען די חרפּה? ביילקע וועט האָבן אַ קינד, כאָטש מען האָט ניט געפּראַוועט קיין חתונה — סאַי־ווי וועט עס זיין אייערם אַן אייניקל... יאָ, חבר׳טע רייזל, אינגיכן וועט איר זיין אַ באָבע, כאַ־כאַ־כאַ... מען לעבט אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט, נאָר מיט פאַרצייטיקע געפילן, חבר׳טע רייזל...

— ביסט גערעכט, לאַנע; מען לעבט אין אַן אַנדער צייט, און פונדעסטוועגן קען מען פון זיך אַליין נישט אַרויסקריכן. הלוואי

קומט זי אהער געבערן דאָס קינד... איך וואָלט זי נאָר ביי זיך גע־וואָלט האָבן. האָב זי ליב ווי דעם לעבן. הלואי נעמט זי און קומט... כ'וויס, לאַנע, דו ביסט אָנגעשטויסן אויף מיין בערען.

— איך גאָר?

— יאָ, מיר דוכט זיך אזוי אוים; ביסט אָנגעשטויסן צוליבן טאַטן דיינעם... איך פאַרזיכער דיר, לאַנע, אַז מיין זון האָט מיט דעם גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן — כ'מיין מיט דעם, וואָס מען האָט אים אַרויסגעפאָדערט אהין... די מלוכה אליין האַלט אַן אויג. איינ־קליינינקייט, די מלוכה! איך דאַנק דיר, לאַנע, וואָס דו ביסט אַהער אַריינגעקומען. איך האָב געזען, אַז מיין זון האָט צו דיר אָנגעהויבן צו רעדן... זעסטו שוין?

— איך האָב זיך מיט אייער זון ניט געקריגט. מיר קריגן זיך בכלל ניט. אייער זון איז אַ שטרענגער; היט זיך פאַר אים, חבר'טע רייזל, כאַ־כאַ־כאַ... ער קען זיך נאָך דערוויסן, אַז איר האָט ליב וואָווע ברעזוערם קינדער...

— דו, לאַנע, זאָלסט עס זאָגן; האָסט דאָך אַ מאַמישע האַרץ. וואָרן, ווי דו האָסט באַהאַנדלט דיין שוועסטער; אליין גענומען אין אַזאַ קעלט און אָפּגעפירט צום באַן... וואָרן וואָס, מיינע מאַנסבילן האָבן עס נישט געקענט טאָן?!

רייזל האָט זיך דערביי צעוויינט כמעט אויפן הויכן קול.

לאַנע האָט זי אָנגעקוקט אָן ווערטער. לאַנע האָט גוט באַנומען, וואָס ביים קאָוואַלס ווייב אין האַרצן טוט זיך; כאָטש אַ ווייב פון אַ פּראָלעטאַריער, און קינדער פּראָלעטאַריער — איז איר האַרץ פול מיט יענע מאַמישע בענקשאַפטן, מאַמישע ליידנשאַפטן, וואָס האָבן שטענדיק מאַמעס אַרויסגעפירט פון צייט און אָרט.

לאַנע האָט תחילת געוואָלט גוטמוטיק אַ שפּאַס טאָן מיט רייזלען מכח איר זון דעם רעוואָלוציאָנער, וואָס פאַרזעט אַזוי אָפּט דעם מענטשן אין זיך; אָבער איצטער, אַז די מאַמע רייזל האָט גענומען און אַזוי זיך צעוויינט — איז ניט געווען מער וואָס צו טאָן.

— איר וועט מיר מוחל זיין, חבר'טע רייזל, — כ'וויל אַרויס־גיין דרויסן, איידער דער אַגראָנאָם פאָרט אַוועק; איך וויל אים עפּעס זאָגן. איך זע, ער איילט זיך אַוועקצופאָרן.

רייזל האָט זיך געכאַפּט, אַז זי טוט שלעכט מיטן וויינען; האָט זי אויף־גיך אויסגעווישט די טרערן מיטן פאַרטעך און ווידער אָרומגענומען לאַנען:

— איך בעט דיך, לאַנע, קום אָפּטער אַריין צו מיר; קום אַריין ווען נאָר דו האָסט צייט.

— כ'האָב מורא, איך וועל אייער זון פאַרטרייבן פון שטוב, כאַ־כאַ־כאַ.

— מאַכט נישט אויס, ער וועט נישט אַנטלויפן פון שטוב. דו פרעג אַ מאַמען; אַ מאַמע דערקענט יעדן קער־און־ווענד פון איר קינד; איך זע, ווי ער געפינט זיך ניט קיין אָרט, טאָמער זעט ער דיך נישט; ער איז ממש אומגעגאַנגען אונטער דער ערד די לעצטע פּאָר טעג...

— אַזוי גאָר, איר שעמט זיך דאָס גאָרניט צו דערציילן אויף אַן אייגענעם זון?

— וואָס אַן אמת איז אַן אמת. איך האָב נישט געקלערט, אַז נחום גאָר...

— איר האָט אַ גוטע שנור, אַ שיינע שנור; זאָל נאָר נחום זיין גוט צונ'איר. זאָל ער זיך נאָר ניט אַ כאַפּ טאָן מיטאַמאָל און ווערן אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי זיין ברודער, און פּלוצלונג דערקענען אין ביילקען, אַז איר טאַטע איז וואָווע ברעזער, אַ געוועזענער דעקלאַ־סירטער תבואה־הענדלער...

מיט די ווערטער איז לאַנע אַרויסגעלאָפן דרויסן; ניט געוואַרט צו הערן וואָס רייזל וועט ענטפערן אויף אירע לעצטע ווערטער. לער־נער איז שוין געזעסן אין אויטאָמאָביל, גרייט געווען אָוועקצופאָרן. פון צפון־מזרח האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שאַרפער ווינט און נידעריק ביי דער ערד, אינדערקרים, געטראָגן אַ קאַלטן, שניידנדיקן שניי.

נאָך איידער לאַנע האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט דעם אָגראָנאָמס אויטאָמאָביל אַ ריר געטאָן, פאַרשוואונדן אין דער ווייסער, קאַלטער ווייט.

— ערשט איצטער קומט דער אמת'ער ווינטער, — האָט זלמן קאָסאָי געזאָגט.

שטיל, ווי אין גליווער, ניט מיט קיין געאײַלטע טריט האָט יעדערער געצויגן צו זײַן שטוב.

XXXIII

תּחילת איז נידעריק בײַ דער ערד אָנגעקומען דער צפון־מזרח ווינט, אין אַ גלײַכער, שיטערער אויסשפּרייט געטראָגן דעם שניי, אַ געשטאַרקטן מיט פּראָסטיקייט; עס האָט צומאָל אויסגעוויזן, אַז אויבן, העכער אין די רוימען, איז בלויער הימל און זוניקייט. אָבער באַלד האָט דער אײַנגענער ווינט גענומען וויכערן, ציקלאָניש געקרייזט און אויפגעשרויפט זײַלן שניי, אויסגעמישט מיט ברוינעם, סטעפּישן שטויב, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז הימל און ערד האַלטן זיך בײַם צונויפמישן אינאײנעם. יעדער שפּור פון וועג און שישער־באַצייכנ־טער טעלעגראַף־סלופּ איז פאַרוויכערט געוואָרן. שטוב און שטאַל האָט די זאַווערוכע אײַנגעשלונגען, און אַרויסצוגיין פון שטוב אַ דרײַסיק שריט ווײַטער פון אײַגענער שוועל — האָט געמיינט פאַרנאַרט צו ווערן פון שניי און ווינטיקן געיאָמער; האָט געמיינט, זיך אַליין אָנצוואָווערן אין רשות פון שניי־שטורם, וואָס האָט געמאַניעט און געבלענדט; געוועקט און אײַנציייטיק אײַנגעשלעפערט; ווײַל דער פראָסט האָט שוין דערגרייכט ביז דרײַסיק גראַד. ניט צו גערעדנקען אַזוינס אין קרים.

דאָס ערגסטע איז געווען מיט באַהייצן די שטיבער. דער קוראַי איז געווען הינטער די שטאַלן אויפגעסטויגט; האָט אים די זאַווע־רוכע באַגראָבן אין שניי און פאַרשטעלט צו אים דעם וועג. אויסגעע־קומען אויף סכּנת־נפשות צו גיין ברענגען קוראַי אין שטוב אַרײַן. עס איז אָבער נאָך ערגער געווען מיט וואַסער פאַר זיך און פאַר די בהמות אין שטאַל. צום ברונעם אין עק דאָרף — איז געווען אַ צו גרויסע אײַנשטעלעניש. די בהמות אין שטאַל האָבן מיט עקשנות געמו־ו־זקעט, געבעטן עסן און טרינקען. איז אויסגעקומען אָנצושטאָפּן שניי אין טעפּ, צעלאָזן דעם שניי בײַם פײַער און באַשאַפן וואַסער פאַר זיך און פאַר די בהמות אין שטאַל.

די זאַווערוכע האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרווייען שטיבער און

שטאַלן; און שוין אויפֿן צווייטן פרימאָרגן, ווען לאַנע האָט געוואָלט עפֿענען די דרויסן־טיר, אַרויסגיין געוואויר ווערן, וואָס עס הערט זיך אין שטאַל ביי די בהמות, — האָט זי עס מיט גרויס שוועריקייטן געקענט טאָן. ווייל כמעט אין מענטשנס הויך האָט די זאַווערוכע אויפֿגעטורעמט דעם שניי פֿאַר דער טיר.

דער אַלטער יאַשע האָט אָנגעצויגן זיין שמאָלן פּנים, געקוקט אויף לאַנען, וואָס זי וועט זאָגן.

לאַנע האָט אַ צעשראָקענע אַ לאַך געטאָן און גערופֿן דעם טאַטן, ער זאָל העלפֿן עפֿענען די טיר און אַרויס מיט איר דרויסן.

— אידישע קרים — האָט וואָווע אַ ברום געטאָן — אידן גע־קומען באַזעצן זיך אויף דער ערד; האָבן קיין בעסערס ניט פֿאַרדינט.

אָבער נאָך איידער זיי האָבן געמאַכט אַ וועג צום דרויסן, איז ניט־טויט, ניט־לעבעדיק כאַסיע אָסטראָווער אָנגעקומען, אַ באַשנייטע און פֿאַרבלאָנדזשעטע; האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין שטוב אַריין און מיטגעבראַכט די זאַווערוכע אין שטוב אַריין.

— וואָס ט׳עס זיין, קינדערלעך, הימל און ערד האָבן זיך אויסגעמישט! אויף סכנות־נפשות האָב איך מיך געלאָזן; ממש אויף סכנות־נפשות... זלמן קאָסאָי איז דאָך אַנידערגעפֿאַלן ווי אַ קלאָץ; ט׳צעך פאַרקילט ווי גרויס ער איז... זי זיצט אַ צונויפגע־דרייטע אין שמאַטעס; נישטאָ אפילו ווער עס זאָל אַביסל קוראַי אַריינברענגען און אַ פייער אָנלייגן.

— האָט אויסגעקליבן אַ צייט ווען זיך אַנידערצולייגן — האָט וואָווע אַ זיפֿ געטאָן צווישן די ציינער — געקענט געווען אָפּוואַרטן ביז וועסנע, כאַ־כאַ־כאַ...

— איז וואָס־זשע, חבר׳טע, קען מען טאָן? — האָט לאַנע געפֿרעגט.

— אפשר איז באַנ׳אייך פֿאַראַן אַביסל טיי מיט אַ פּאָר שטיק־לעך צוקער; מע באַדאַרף דאָך אים דערוואַרימען.

— און די ווייב זיינע?

— זיצט ווי אַן איבערגעשראָקענע סאָווע... אוי־וויי איז מיר, לאַנע; אַז איך קוק אויף זיי, טראַכט איך; וואָס איז די ערד שול־

דיק? וואָס האָט מען זיי אריבערגעבראַכט? נעבאַי וואָלטן זיי זיך געזעסן וואו זיי זענען געזעסן.

— גוט, חבר'טע אַסטראָווער, איר'ט אונטערוואַרטן, וועלן מיר אינאיינעם גיין. מיר וועלן פאַרנעמען יוספ'ן; וועל אפשר די קאַוואַלסקים אַ רוף טאָן, מען זאָל זיי די שטוב דערוואַרימען. וועסט שוין, טאַטע, אַליין אַ קוק טאָן צו די בהמות אין שטאַל.

ביי די ברעזערס זענען נאָך געווען אַ פּאָר פעקלעך טיי; ביי די ברעזערס איז נאָך געווען אין אַ לייוונט זעקעלע אַן עטלעכע פונטלעך צוקער. ווער ס'האָט אונטערגעמורמלט, און ווער ס'האָט זיי פאַרגונען דעם אוצר... כאַסיע האָט זיך גאָרניט גע'חידוש'ט, ווען לאַנע האָט פאַרנומען אונטער דער פאַטשיילע אַ גאַנצן אַכטל טיי און בערך אַ פונט צוקער. זי האָט לאַנען אין הארצן געבענטשט.

— כ'האָב געוואוסט, לאַנעשי, אַז צו דיר באַדאַרף מען גיין.

כאַסע און לאַנע האָבן ביידע איינס דאָס אַנדערע אונטערגעהאַלטן, ווען די זאַווערוכע האָט זיי ארומגערינגלט און דוקא געוואָלט אַנידערשליידערן אין ווייכן שניי.

— מירן עס איבערלעבן; מירן עס דערמאָנען ,צום גוטן כאַ־כאַ־כאַ... האַלט זיך שטאַרק אָן מיר אָן, חבר'טע אַסטראָווער.

ווען זיי האָבן זיך דערקליבן צו קאַסאַים שטוב — זענען זיי שוין ניט געווען אַליין; האָבן דאָרטן געטראָפן רייזל קאָוואַלסקי מיט איר בערען. בערע האָט פאַר דער צייט אַריינגעשלעפּט אין שטוב קוראַי, אַנגעלייגט אַ פייער און געשטאָפּט מיט די הוילע הענט דעם שטעכעדיקן קוראַי אין טשוגונענעם אייוועלע אַריין.

מיט לאַנעס און כאַסיעס אָנקומען האָט די שווערוואָגיקע און פאַרגליווערטע קיילע, קאַסאַים ווייב, זיך אויסגעטשוכעט, און גענומען קלאָגן אויפן הויכן קול:

— וואָס האָט מען געוואָלט פון אונדז האָבן? אויף דער עלטער וואָלט מען כאָטש געלאָזט פאַרלייגן מיטן קאָפּ צווישן מענטשן אין אַ שטאָט... ווי איז מיר, ער איז דאָך געפרוירן געוואָרן... מיר אַלע וועלן דאָ געפרוירן ווערן!

מען האָט קיילען זיך געלאָזט אויסוויינען און אויסקלאָגן. ניט בערע און ניט לאַנע, אפילו רייזל און כאַסיע, האָבן ניט געהאַט

קיין ווערטער פאַר דער שווערער אידענע, וואָס איז ערב־ווינטער געקומען צום מאַן און די דערוואַקסענע קינדער געלאָזן אין שטעטל. וואָלט זי כאָטש באַצייטנס געקומען מיט איר מאַן, אים אַרויסגע־האָלפן ביים אויפשטעלן די שטוב, אונטערגעהאָלפן אים אין פעלד — קען זיין, זי וואָלט איצטער די זאַווערוכע ניט באַגעגנט מיט אַזאַ שרעק. יעדערער האָט ביי זיך געזוכט אַ פּאָר פּאַסיקע ווערטער מיט וואָס אָנצוהייבן און איינטעכעמורען דער צעיאָכמערטער קיילען. קאָסאַי איז געלעגן אויפן אויסגעקרימטן, אייזערנעם בעטל, אָן אָנגע־טאָנענער אין זיין שאָפענעם טולעפּ, האָט זיך איינגעהערט צו זיין ווייבס געיאָמער. אַ צייט איז ער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך געמאַכט ניטוויסנדיק.

ווען אין שטוב איז געוואָרן אביסל וואַרימער; דער טשייניק וואָסער האָט אָנגעהויבן זשומען ביים פייער, האָט זלמן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, און מיט אַ געמאַכטן שמייכל געזאָגט:

— ביסט געזעכט, קיילע; איך האָב אויך פאַריבל אויפן רבונו של עולם, הלמאי ער האָט מיר צו דער עלטער אָנגעוויזן מיין מנוחה און מיין נחלה. האָסט געקערט מיט געוואַלד פאַרנעמען אַהער די קינדער.

— זיי וואָלטן פונדאַנען אויפן אַנדערן טאָג געלאָפן — האָט ווידער אָנגעהויבן קיילע צו וויינען.

— ווייַן נישט, קיילע; טו נישט נאָך דעם דרויסן, כע־כע־כע... בעסער נעם אויף די געסט. זעסט, אַז מענטשן זענען מענטשן; האָבן פאַר אַ זאַווערוכע אויך נישט קיין מורא. טאַקע אַ זינד צו נעמען און איצטער קראַנק זיין.

זלמן קאָסאַי האָט זיך אַנידערגעזעצט; מיט טריבע, רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן אַ ווײַלע באַטראַכט די שטוב. מיט אַן ערנסטער מינע האָט ער ווידער געזאָגט:

— פאַרפאַלן, קיילע; צי די קינדער וועלן קומען, צי זיי וועלן ניט קומען — איך וועל פונדאַנען נישט גיין. די דאָזיקע שטוב האָב איך אויפגעשטעלט... זי וועט מיך נישט אַרויסשליידערן; וואָס זאָגסטו, בערע, ס׳לוינט צו לויפן פונדאַנען? און דו ווייסט, קיילע,

אז אונטערן שניי ליגט מיין ווינטער־זריעה; איך האָב געזען, ווי שיין און גרין זי איז אויפגעגאַנגען... קלאָג נישט, קיילע; זלמן קאַסאַי וועט אַזוי גיך נישט קראַפּירן, כע־כע־כע...

— גיי, מיין זון, צו אַהיים; דער טאַטע וועט זיך דאָרטן אַליין נישט קענען אַן עצה געבן. איך וועל דאָ מיט כאַסיען בלייבן, עפּעס אַרויסהעלפן; און דו פיר אַוועק לאַנען אַהיים... זע, מיין זון, זאָלסט זי צופירען צום סאַמע שטוב. וועסט אפשר שפּעטער אונטער־קומען, מיך און כאַסיען צופירן אַהיים.

לאַנע און בערע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן, בשעת רייזל האָט גערעדט די דאָזיקע רייד. קיין צווייִדייטיקייט האָט קיינער אין די דאָזיקע רייד נישט אַריינגעטייטשט. אַזוי שכל'דיק האָט עס אויסגעזען, בערע זאָל לאַנען איצטער פירן אַהיים.

בערע האָט געוואָרט וואָס לאַנע וועט זאָגן; ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן זלמנ'ען אין פּלייצע:

— ניט גע'דאגה'ט... וועל שפּעטער צוקומען געוואויר ווערן, וואָס די בהמות טוען אין שטאַל. קום, לאַנע!

ער האָט אַ נעם געטאָן לאַנען, און אַוועק מיט איר דרויסן. איידער לאַנע האָט זיך צייט געהאַט אַרומצואוויקלען, האָט זי בערע אַריינגעפירט אין דער זאַווערוכע אַריין. דער קאַלטער, שניידנדיקער ווינט האָט זיי ביידן באַגעגנט מיט אַ געוואַי; האָט זיי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און געקערט אין פּנים אַריין אַ שפּיזלדיקן שניי.

לאַנע האָט געעפנט דאָס מויל אַ לאַך צו טאָן — האָט איר דער ווינט דעם אָטעם פאַרשלאָגן. מיט דער זיכערקייט, אַז בערע וועט זי בשלום ברענגען אַהיים — האָט זי באַגערט זיך איבערצוגעבן דער זאַווערוכע. בערעס נאָנטקייט האָט זי דערשפּירט אין אַ קאַלטער וועלט, אין אַ שנייאיקער וועלט, צווישן ווינטן, וואָס האָבן פון אַלע זייטן געריסן. ווינט און קעלט האָבן דעם אָטעם פאַרכאַפּט, אָבער אינעווייניק האָט אין איר דאָס גאַנצע בלוט געלאַכט: „צוליב וואָס זיך שטייערן מיט דער זאַווערוכע? אָט אַזוי אַנידערפאַלן אין אויפגעהורבעטן, ווייכן שניי; אַזוי זוכן לעבן איינס ביים אַנדערן; אַזוי־אָ נאָגן וואַרימקייט איינס ביים אַנדערן..."

די זאַווערוכע האָט געדרייט און צונויפגעדרייט הימל מיט ערד;

איינגעשלונגען דעם שיטער־באַשטיבערטן דאַרף.

— דו ווייסט וואו מיר זענען, לאַנע? — האָט בערע געפרעגט, און זיין שטים האָט געציטערט.

דאָס איז בערע. ער האָט לאַנען גוט פאַרשטאַנען, אָבער ניט געפילט. ער האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַזאַ לאַנע האָט איבער אירע כחות צונויפגעשלעפּט וואַנט מיט וואַנט; מיט אירע שמאָלע פּלייצעס פאַרשטעלט דעם טאַטן אירן... ער האָט אָבער ניט גאָר איינגאַנצן געשפּירט דער פרוי, וואָס איז ניט בכח אַוועקצוגעבן דער רעוואָלוציע איר גאַנץ לעבן; ערגעץ־וואו ווי אַ שטויבעלע פאַרבלאָזן ווערן. זי האָט געוואָלט, אַז איר גאַנג אין לעבן זאָל זיין אַ באַפרייטער גאַנג; זי האָט געוואָלט אַ דערלייזטע גיין זייט־ביי־זייט מיט אַ מאַן, וואָס איז תחילת געווען אַ באַפרייטער פון אַלטע באַגריפן און אַלטן לעבן. אַ גלייכער זאָל דער מאַן זיין, און שטרענגער; אויף אים זאָל זי זיך קענען אָנלענען. ווען זי איז געקומען צו דער ערד און זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון איר טאַטן, שטאַרקער פון איר שוועסטער — האָט זי פונדעסטוועגן ניט איבערגעשאַצט אירע כחות, כחות פון אַ צאַרטער פרוי. צומאָל האָט איר אויסגעוויזן, אַז בערען געפעלט ניט, וואָס זי האָט גענומען און זיך אַליין פאַרהאַרטעוועט מעשה מאַנספאַרשוין. איצטער, אין דער זאַווערוכע, בשעת זי איז ווי אַ שנייעלע צווישן שנייען, — איז בערע פאַר איר אַ זייל אַ שטאַרקער, וועמען די זאַווערוכע קען ניט בייקומען.

— לעבסט, לאַנע? — האָט בערע ווידער געפרעגט, ווען לאַנע איז נעבן אים געוואָרן אַלץ־נידעריקער און נידעריקער, — כ'האָב מורא, די מאַמע און כאַסיע וועלן שוין דאָרטן מוזן בלייבן, ביז די זאַווערוכע וועט אַנטשווייגן ווערן... דיר איז קאַלט, לאַנע? דוכט מיר, אַז מיר גייען גאָר אויף צוריק... שטיי נאָר, שטיי, אָט דאָרטן איז, דוכט זיך, אונדזער שטוב גאָר... יאָ, דאָרטן איז אונדזער שטוב. לאָמיר זיך דאָ אַראָפּלאָזן אויפן בערגל שניי אויף אַ ווײַלע... געדענק, אַז דאָרטן איז אונדזער שטוב. האַלט אַן אויג, לאַנע אויף יענעם טונקעלן פלעק — ס'איז אונדזער שטוב... נאָכן חשבון האָבן מיר זיך אָפּגענייגט צום פעלד; מיר זענען ניט אינמיטן גאַס, ווי איך האָב געמיינט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַווערוכע, בערע?...

בערע איז געזעסן אין ווייסן שניי און האָט לאַנגע געהאַלטן אויף זיינע פּיס; איר קאָפּ איז געווען איינגעגראָבן אונטער זיין געמבע. זי האָט אַ פּאָר מאָל מיט די ליפּן געזוכט זיין האַלדז, און געפילט זיין האַרץ־קלאַפּ, וואָס אַן אַדער האָט אָפּגעענטפערט ביי דער לינקער זייט האַלדז. ער האָט אויף איר פראַגע ניט געענטפערט. זיין געדאַנק איז געווען מיט דער זאַווערוכע, וואָס האָט זיך פאַרלייגט צו פאַר־טראָגן דאָס דאָרף; זיין געדאַנק איז געווען מיט די אַלע אַנדערע דערפער, וואָס ער האָט ניט־לאַנג באַזוכט אינאיינעם מיט לאַנען. כאָטש ער פאַרשטייט ניט צוליב וואָס ער האָט גענומען און אָפּגע־נייגט אָן אַ זייט, און אָנשטאָט אָנקומען פריער אין שטוב אַריין — האָט ער זיך גאָר מיט לאַנען אויף הפקר אַוועקגעלאָזן אין שניי.

— לאַנע, מירן אויפשטיין; קיין תכלית ניט דאָ צו זיצן; מען קען דאָ אַזוי שוין בלייבן... וואָס טוסטו, דו שלאָפסט, לאַנע?

— מיר איז איצטער גוט. מיר אַרט ניט, איך זאָל דאָ אַזוי אַנטשלאָפן ווערן אויף שטענדיק.

— דו, רעוואָלוציאָנערקע, דו; אַזוי רעדט אַן אמת'ע רעוואָ־לוציאָנערקע?

— לעבן, בערע, איז ניט רעוואָלוציע. לעבן וויל יעדערער, יעדערער... איך וויל אויך לעבן, הערסט מיך, בערע? די זאַווע־רוכע דערמאָנט, אַז מיר לעבן ניט. כ'וויים, בערע, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן...

— וואָס וויל איך דיר זאָגן?

— רעוואָלוציע איז דער עיקר. רעוואָלוציע... מיר זענען געקומען צו דער ערד; געבראַכט זיך אַליין צו דער ערד. אָט אַזוי ליגט איצטער די ערד אונטערן שניי. און מיר — די ערד ציט אונדז צו זיך, וויל אינאיינעם מיט אונדז זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן שניי. כאַ־כאַ־כאַ, בערע... וואוהין האָסטו מיך פאַרפירט? זומער, ווען די פעלדער זענען געווען שמעקעדיקע; ווען די ווייצן האָבן געבליט, און ס'האָט ביינאַכט אַזוי גע'שיכור'ט און ניט געלאָזט שלאָפן, — וואו זענען מיר יעמאָלט געווען? אַך, יעמאָלט האָסטו מיך באַדאַרפט אַזוי האַלטן אין צעבליטן ווייץ, און איך וואָלט דיין לייב דיר אויס־

געקושט... דיך, בערע, האָב איך ליב. דו ווייסט עס, בערע, כאָטש איך האָב עס דיר נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט. איצטער זאָג איך עס דיר... איצטער, אונטערן שניי...

לאַנעס ווערטער האָט די זאַוועריכע אונטערגעכאַפּט און האָט זיי אינאיינעם מיטן שניי אַוועקגעטראָגן און צוריקגעבראַכט אין גע־ווירבל, אַ שאָט געטאָן בערען אין פּנים אריין. ער האָט געשפּירט, ווי אירע ווערטער, אויסגעמישטע מיטן שפּיזלדיקן שניי, פאַלן אויף זיין פּנים, ווערן צעשמאָלצן און מאַכן פייכט זיין פּנים.

— מיר באַדאַרפן אויפשטיין, לאַנע; קיין שכל ניט דאָ אַזוי צו באַגראָבן ווערן אין שניי. דו זעסט די שטוב? איך זע זי ניט ארוים.

— מיר אַרט ניט. מיר אַרט איצטער גאָרניט. אויב דו ווילסט, איך זאָל לעבן, וועסטו שוין געפינען דיין שטוב, צו מיין שטוב. אויב דו ווילסט, איך זאָל ניט געפרוירן ווערן...

— הער אויף אַזוי צו רעדן...

— איך זאָג, אַז כ׳האָב נאָר דיך ליב און מער קיינעם ניט. קענסט עס מיר ניט פאַרווערן צו זאָגן. מיר אַרט אַפילו ניט, וואָס דו הערסט ניט, אַז איך זאָג עס...

בערע איז אויפגעשטאַנען, אַ נעם געטאָן לאַנען אויף די הענט און גענומען מיט איר שפּרייזן אין דער ריכטונג וואו אים האָט אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַ שטוב. לאַנע האָט זיך ניט געווערט. אויף דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זי קיין חרטה ניט געהאַט. איר איז איצטער ניט געווען קיין חילוק וואוהין ער וועט זי דער־טראָגן; און צי ער וועט זי בכלל אינערגעצן דערטראָגן; אַבי זי איז איצטער נעבן אים; אויף זיינע הענט...

— דיר איז קאַלט, לאַנע?

— מיר איז וואַרים, זייער וואַרים, בערע.

— זאָגסט ניט דעם אמת. דיר איז קאַלט... כ׳וועל אויסטאָן מיין טולעפּ און דיר אָנטאָן...

ביי די ווערטער האָט בערע זיך כמעט אָנגעשלאָגן אָן אַ וואַנט פון אַ שטאַל. ער האָט אַליין ניט באַמערקט ווי דאָס איז געשען. ער איז נעבן זיין אייגענער שטוב געווען.

לאנע האָט זיך מיטאמאָל אויסגעטשוכעט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך צו דיר געבראַכט? איך וויל צו זיך; טראָג מיך צו מיר אַהיים...

און לאנע האָט זיך געוואָלט לאָזן צוריק אין דער זאַווערוכע אַריין.

בערע האָט זי געכאַפּט און ניט אָפּגעלאָזן:

— וואוהין, לאנע?

— לאָז מיך, איך וועל טרעפן אַליין אַהיים.

— זיי ניט קיין קינד, ס'איז אַ סכנה!

— אין סכנה וועל איך געפינען וואָס איך באַדאַרף...

— כאַ־כאַ־כאַ!

— יאָ, בערע, דיך האָב איך איצטער ניט געזוכט; דיך באַדאַרף איך ניט... לאָז מיך גיין אַהיים...

בערע האָט זי מער ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט זיך דערשלאָגן מיט איר צו דער שטוב־טיר, אויפגעעפנט, לאנען פאַרוים אַריינגעלאָזן, און די טיר, מיט גרוים מי, הינטער זיך פאַרמאַכט. אין שטוב איז געווען וואַרים, אָבער קיינער איז אין שטוב ניט געווען. בערע האָט קיין צייט ניט אָנגעוואוירן; ער האָט גענומען דערוואַרימען לאנען. ער האָט מיט שניי אירע הענט געריבן; האָט אויסגעטאָן אירע שטיוול און געטאַפּט אירע פיס, צי זיי זענען וואַרים. זי האָט זיך מיט אונטערטעניקייט געלאָזן. ביי איר אויף די ליפּן זענען נאָך אַלץ געהאַנגען די פריערדיקע ווערטער: „פאַרוואָס זומער אין שמעקעדיקן פעלד ביסטו אַזוי מיט מיר ניט געזעסן?...״

— עס טויג ניט אַזוי, לאנע. ס'איז ניט קיין דאָרף; ס'איז ניט קיין לעבן. ביסט גערעכט, ווען דו מאַכסט חוזק פון דער רעוואָלוציע. וואו איז דען רעוואָלוציע? זי איז ערגעץ אין מאָסקווע, לאנע... דאָ מיט אונדז, אין יעדן פון אונדז, איז זי אויך; נו, וואָס טוען מיר? וואָס האָבן מיר דאָ אויפגעטאָן? הערסט, לאנע, וואָס איך רעד צו דיר? איך מיין, ווען די זאַווערוכע וועט זיך איינשטילן, וועל איך אַוועק אין די שטעטלעך, וועל אַוועק אין צענטער, און איך וועל אַהער ברענגען אמת'ע מענטשן; איך וועל זיי אַליין אויסקלייבן איינס־ביי־איינס.

ער האָט געהאַלטן אירע הענט אין זיינע און זי געוואַרימט מיט דעם אָטעם פון זיין מויל, בשעת ער האָט גערעדט.

לאַנע האָט אים אָנגעקוקט און געשמייכלט. אין איר פּנים איז געווען דער אויסדרוק פון דאַנק און גוטסקייט. בערע האָט עס באַמערקט, און ס׳האָט אויפגערירט וואַרימע געפילן צו איר. כאָטש קיין אויסדרוק פאַר די געפילן האָט ער איצטער ניט געזוכט. ער האָט ניט אָפּגעשאַצט לאַנעס אויסדרוק פון ליבע צו אים. ער האָט נאָר דערקענט אין איר דעם צייכן פון עלנטקייט. דאָס האָט ער איר געוואָלט זאָגן, כאָטש עס איז ניט געווען די פּאַסיקע צייט.

— דו זאָגסט, אַז די רעוואָלוציע האָט ניט אינזינען דאָס לעבן; אומזיסט טוסטו עס, לאַנע. פריער פון אַלץ מוז מען זען, אַז אַ יונגע פרוי, ווען זי איז געקומען צו דער ערד, זאָל זי ניט זיין אַליין. כ׳מיין, זי זאָל ניט בלייבן עלנט. דו ביסט איינע, און דאָס איז שלעכט. פרויען באַדאַרף מען האָבן פונקט ווי מענער, שטאַרקע און מיט אמת׳ן ווילן. אויף יעדע פופציק מענער איין פרוי — איז אַ שלעכטער חשבון. ביסט באַנ׳אונדז אַ ציטעריקע, לאַנע; יעדער מאַן וואָלט דיך געטראָגן אויף די הענט. דו האָסט פון דעם הנאה...

ביי דעם איז לייזער אַריינגעקומען. ער איז געגאַנגען געוואויר ווערן צו די בהמות אין שטאַל; ער איז געווען פאַר׳חידוש׳ט צו געפינען זיין זון מיט לאַנען אין שטוב.

בערע האָט עס דערקענט אין לייזערן און איז פאַרלאָפן דעם וועג:

— ווייסט, טאַטע, מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט, קוים זיך דערשלאָגן אַהער. קאַסאַי איז טאַקע קראַנק; די מאַמע און כאַסיע זענען דאָרט געבליבן. קוים דעם וועג אַהער געטראָפן; ווי מיינסטו, זיי וועלן זיך קענען דערשלאָגן דעם וועג אַליין אַהער? כ׳מיין, כ׳וועל טרעפן צו די ברעזערס אָפּפירן לאַנען אַהיים?

— אודאי איז אַ סכנה אַרויסצוגיין דרויסן — האָט לייזער געזאָגט — זיץ שוין דאָ, אפשר וועט זיך דרויסן איינשטילן. איך וועל פרוואוון גיין געוואויר ווערן צו זלמנ׳ען, און אפשר ברענגען דער מאַמען אַהיים.

— איך וועל גיין מיט אייך; וועל זיך דערקלייבן אַהיים.

— גיי ניט איצטער — האָט בערע פאַרשטעלט לאַנען דעם

וועג — ס'איז אַ סכנה אַרויסצוגיין דרויסן... זיץ דאָ, איך וועל צושטעלן טיי.

בערע האָט זיך גענומען עסק'ן ביים אייוועלע; ער האָט פּאַנאַנ־דערגערודערט דעם אַש, און פונקען האָבן אָנגעהויבן צו גליען; ער האָט אַריינגעשטאָפּט קוראַי, און אַ פייער האָט זיך צעגליט אין טשוגונענעם אייוועלע. דער פלאַם האָט באַלויכטן בערעס פּנים.

לאַנגע האָט באַכגעקוקט זיינע באַוועגונגען. זי איז געזעסן אין שטוב ביי דעם מאַן, ווען זי האָט אין אַ שנייגעווירבל געזאָגט, אַז זי האָט אים ליב. אין איצטיקער נאָנטקייט האָט ער איר אויס־געזען ווייט, ווייט — ווי ווייט ס'האָט איר איצטער אין דער זאַווע־רוכע אויסגעזען דער קומענדיקער פרילינג...

XXXIV

אַ בלויער הימל איבער אַ קאַלט־אויפגעכוואַליעטן און פאַרגלי־ווערטן ים; אין אייז און שניי געשמידט איז געלעגן דער סטעפּ. ניין טעג און ניין נעכט האָט עס דרויסן געריסן און איבערגעמישט שניי מיט ברוינעם ווינטער־פּנים פון מאַמע־ערד; און מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן צווישן הימל און ערד. קרים האָט נאָך פון אַזאַ ווינטער ניט געוואוסט. אַן איבערגעשראָקענע איז געלעגן די געגנט און געוואַרט אויף זון און וואַרימען רעגן, זיי זאָלן דעם פאַרגליווערטן, קאַלטן, אויפגעכוואַליעטן ים צעלאָזן. דערווייל איז די זון אויפגע־גאַנגען אַן אויסגעקילטע; אירע שטראַלן זענען פאַרלוירן געגאַנגען, זוכנדיק אַרום די ריפּן פון די אויפגעווינקלטע און אויפגעטורעמטע שניי־און אייז־שטרעקעס. פון דער נידער האָט געצויגן אַ קעלט, וואָס האָט געלעקט און געשטאָכן אין אָפּגעדעקטן פּנים און הענט.

די ערשטע זענען די קאָוואַלסקיס אַרויס פון שטוב, באַטראַכט דעם אין־ווינטער־באַהאַלטענעם דאָרף. בערע האָט זיין פליכט דער־פילט: פאַרט דער „עלטסטער" אין דאָרף. די קאָוואַלסקי־שטוב האָט די זאַווערוכע אַביסל געשאַנעוועט. עס האָט בערען אַ ציי געטאָן צו די ראַטנערס, ווייל פונוויטן האָט אים אויסגעזען צו גרויס דער באַרג שניי אַרום שטוב. ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. יוסף

האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען אַ שויב פון פענצטער, זיך געקליבן אַרויסצושטויסן דאָס גאַנצע פענצטער, און אַזוי־אַרום אַרויס דרויסן, באשר אין דער לעצטער נאַכט איז די טיר־וואַנט פון שטוב געוואָרן ביז צום דאַך באַגראָבן הינטער אַ באַרג שניי.

בערע איז געווען פאַר׳חידוש׳ט צו טרעפן יוספ׳ן אין גוטן מוט:

— מיר לעבן, בערע! מיר וועלן שוין לעבן, בערע... טוט מיר הנאה, וואָס איך האָב עס איבערגעלעבט. צען מאָסקוועס וואָלט איך דערפאַר ניט אַוועקגעגעבן!

— האָסט אַ האַמער, יוסף, וועל איך פון דרויסן אַרויסציען דאָס פענצטער. ביסט ניט דער איינציקער דאָ אַ באַגראָבענער.

דער אַלטער ראַטנער, מיט זיין רויט־איבערגעשראָקענער באָרד, האָט פון פענצטער אַרויסגעקוקט און האָט בלאַס געשמייכלט:

— נישט אַנדערש, גאָט שטראָפט...

— וועמען שטראָפט ער?

— כ׳וויים דאָרטן, טאַקע אידן שטראָפט ער, הלמאי זיי האָבן זיך גענומען צו אַ זאַך, וואָס טויג נישט פאַר זיי.

בערע האָט אַרויסגענומען אַ פענצטער און געהאָלפן די ראַטנערס אַרויסקריכן דרויסן. מען האָט באַדאַרפט אָפּגראָבן דעם שניי פון שטאַל און זען, וואָס די בהמות מאַכן.

— איר גראָבט דאָ דעם שניי, חבר ראַטנער, און איך וועל נעמען יוספ׳ן, געוואויר ווערן וואָס אין די אַנדערע שטיבער הערט זיך. קום, יוסף!

דער עולם אַרום די שטיבער, אַ בלויליך־בלאַסער און איבערגע־שראָקענער ווי די מוילקראַטן, — האָט יעדערער נאָך זיינע כחות, ווער מיט בריה׳שקייט און ווער אומבאַהאָלפן, געראַמט דעם שניי פון פאַר טיר און פענצטער. אַן אויסטערלישע שרעק האָט יעדערער אויף זיין אופן איבערגעלעבט.

אפילו דער אָפּטימיסט קרעטשמער האָט גאָרניט געקענט באַנע־מען, ווי אַזוי אַזעטיקע קרירעס פון צפון זאָלן באַפאַלן די יונגע דערפער.

— מע וואָלט באַדאַרפט פרעגן ביי אונדזערע אַלטגעזעסענע דייטשע שכנים, וואָס האָבן זיי אויף דעם צו זאָגן...

יוסף ראַטנער, וואָס איז די לעצטע פּאָר חדשים געווען שווייגער און פילאָזאָף, האָט איצטער, בשעת ער און בערע האָבן געשפּרייזט פּאַרזיכטיק איבער דעם אויפגעכוואַליעטן, גליטשיק־פּאַראייזטן שניי, געפונען אַ שעת־הכושר בערען אַריינזאָגן עפּעס, וואָס זאָל אים עפענען די אויגן:

— דו זאָגסט, בערע, אַז אַ רעוואָלוציע איז ניט קיין שפּילכל; בשעת רעוואָלוציע באַדאַרף אַ מענטש פאַרגעסן אָן זיך אַליין, און כסדר טראַכטן פון דער אַלגעמיינער זאַך; וואָס האָט די זאַווערוכע געהאַט צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער זאַך? כאַ־כאַ־כאַ — — —

— ווי דו פאַרשטייסט, יוסף. טאַקע איצטער האָב איך דיך געכאַפּט. זעסטו, איצטער זענען מיר אַלע אין אַ צרה; אַלע! מע באַדאַרף אַ קלער טאָן, ווי אַזוי אָפּצוראַטעווען די בהמות, זיי זאָלן ניט פאַלן פון הונגער; די מענטשן, ניט ביי אַלעמען איז פאַראַן אין שטוב אַ שטיקל ברויט... זאָגט די רעוואָלוציע: די שטאַרקע זאָלן העלפן די שוואַכע; די זאַטע זאָלן העלפן די הונגעריקע. ביסט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער ווי זיי אַלע, אויב דו מיינסט, אַז אין אַזאַ־אַ צרה זאָל יעדערער האָבן אינזינען נאָר זיך אַליין, כאַ־כאַ־כאַ... איך מיין עס ניט, יוסף. איך גלויב דיר, יוסף.

בערע איז געווען אין אַ גוטמוטיקער שטימונג. דאָס וואָס די סכנה איז אַריבער, קיין אומגליק האָט אין דאָרף ניט געטראָפן — דאָס האָט ביי אים אויפגעוועקט אַ געזונט געפיל צו אימיצן. עס האָט אים געצויגן געוואויר ווערן ווי מענטשן לעבן איצטער אין די שטיבער. ער האָט איצטער אודאי ניט חושד געווען יוסף'ן אין ענגהאַרציקייט אָדער קורצזיכטיקייט.

דערווייל האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ פייגלשן פליגעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון שניי. בערע האָט פאַרזיכטיק אַרומ־געשאַרט און אַרומגעבראַכן דעם אייזיקן שניי אַרום די פליגעלעך, און אויפגעדעקט אַ געפרוירענעם סטעפּ־זאַשוראָנעק — איינער פון די זיסע זינגער אונטער קרימער בלויע הימלען.

— אַ קרירה געווען, יוסף! געדענקסט, ווי מען פלעגט זאָגן:
„אַ קעלט אַזש פייגל פאַלן פון הימל...‟ אָט האָסטו דיר אַ פאַר־פרוירענעם פויגל... זעסט, אַ גאַנצער, ווי נאָך גאָר אַ לעבעדיקער!

שווייגנדיק, האָבן זייביידע באַטראַכט דעם געפּרווירענעם פויגל. געבלאָזן אין זיינע פעדערלעך, און אָפּגעדעקט דאָס געפּרווירענע, בלויע לייב. דערנאָכדעם האָט בערע מיטן שטיוול אויפגעבראָכן אין שניי אַ גריבל, אַריינגעלייגט דעם פויגל און פאַרשאַרט.

נאָך צו זייער גרויסער איבעראַשונג, שוין ניט ווייט פון די קאָוואַלסקיס, האָבן זיי אויפן שניי דערזען אַ האָז זיצנדיק; זיצט און קוקט גלייך צו זיי, און רירט זיך ניט פון אָרט.

— וואָס איז דאָס, בערע?! אַ האָז... ניט אַנדערש, ער איז אַזוי זיצנדיק געפרוירן געוואָרן.

— יאָ, אַ געפּרווירענער האָז... ווי אַ לעבעדיקער זיצט ער, כאַ־כאַ... לאַנען וועל איך אים ברענגען, וועל זי איבערשרעקן, האַ, יוסף?

ביי בערען פון מויל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט לאַנעס נאָמען קעגן זיין ווילן. צוריק צו כאַפּן די ווערטער, איז געווען שפּעט. ער האָט באַמערקט אַ שמייכל אויף יוסף'ס פּנים. געבליבן אָנצונעמען זיך מיט מוט, באַווייזן יוסף'ן, אַז ער, בערע, האָט אויך אַ האַרץ...

ביידע האָבן זיך דערנענטערט צום געפּרווירענעם האָז, אַ ווײַלע אים באַטראַכט, געטאַפּט זיין פעל און אָנגעטאַפּט זיין געפּרווירענעם גוף. דערנאָכדעם האָט בערע דעם האָז גענומען אויף דער האַנט, ווי דער האָז וואָלט געווען אַ לעבעדיקער, און אַזוי האָט ער אים אַוועקגעטראָגן.

ביי די ברעזערס איז שוין געווען דער שניי פאַנאַנדערגעגראָבן, צווישן צוויי שניי־ווענט — אַן אָפענער וועג צו דער שטוב־טיר און אַ וועג צו דער שטאַל.

— וואָס זאָגסטו צו זיי, בערע? וואָו נעמט די מויד אַזויפיל כחות?

דערווייל איז פון שטוב אַרויסגעקומען לאַנע; איז גאָרניט געווען פאַר׳חידוש'ט צו זען פאַר זיך די צוויי מענער; איז אפילו ניט נתפעל געוואָרן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אַ געפּרווירענעם האָז. ס'איז ניט געווען קיין אָנשטעל מצד לאַנען. איר פּנים איז געווען איינגעפאַלן. קענטיק געווען די איבערלעבונגען פון די לעצטע עטלעכע טעג.

— זעסט, לאַנע, וואָס מיר האָבן געפונען; זעסט, ווי דער האָז, אַט אַזוי זיצנדיק איז ער געפרוירן געוואָרן!

לאַנע האָט אַלע צען פינגער אַריינגעשטעקט צום האָז אין דער האַריקער פעל און אומעטיק אַ זאָג געטאָן:

— געפרוירן ליב; אַ געפרוירענע שרעק... מיר זען אַלע אַזוי אויס ווי פון יענער וועלט.

— דיר איז דאָך גוט, לאַנע, כאַ־כאַ־כאַ — —

בערע האָט געוואָלט אַרויסווייזן זיין גוטמוטיקייט; ער האָט ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער דערפאַר.

— מיר, חברים, איז נעכטן ביינאַכט געווען גוט. אַבי מיר איז נאָר געלונגען אַנצושטעלן געגנוג וואַסער פאַר די קי און די פערד, איז מיר שוין געווען גוט. עס איז שווער געווען צו הערן זייערע קולות אין שטאַל. שטומע ציינגער; שרעק האָט מען געפילט אין זייער געשריי. די ראַבע אונדזערע וועט זיך היינט־מאָרגן מסתמא קעלבן, און כ'האָב געוואוסט, אַז אינעווייניק ביי איר איז אַ יונג לעבן דורשטיק...

— האַ, שליידער אַוועק דעם טויטן האָז; אַט איז אַ לעבעדיקער מענטש! כ'ווייס, בערע, אַז לאַנע האָט מיך ניט ליב, כאַ־כאַ־כאַ... שליידער אַוועק דעם האָז, נעם זי אַרום, גיב איר אַ קוש פונמיי־נעטוועגן אויך!

יוסף האָט אַ שליידער געטאָן איבערן קאָפּ דעם געפרוירענעם האָז. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו לאַנען, זי אַרומגענומען און אומגעלומפּערט געקושט איר פּנים און הענט.

— זי איז דער איינציקער לעבעדיקער מענטש באַנ'אונדז, בערע, — האָט יוסף געשטאַמלט.

יוסף האָט באמת האַרציק געוואָלט, בערע זאָל איצטער גוט באַמערקן לאַנעס אָפּגעצערט פּנים און אירע אויגן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פאַרבענקטן פייער.

בערע האָט זיך געפילט אַביסל פאַרשעמט. יוסף איז דאָך גערעכט. באמת האָט ער באַדאַרפט איצטער אַזוי האַנדלען, ווי יוסף האָט עס געטאָן; איז דען איצטער געווען פאַר וועמען אַנדערש אויסצודריקן די אינערלעכע פרייד, וואָס מען איז איבערגעקומען דעם

שניי־שטורם? און אין אָנבליק פון אויפגעכוואַליעטן און פאַרגלי־ווערטן סטעפּ האָט נאָר דאָס לעבעדיקע לעבן געקענט וואַרימען. לאַנע, מיט איר איצטיקער שטילער באַנעמונג, איז אַזוי געראָטן אין אַ פריען סוף־זומערדיקן פרימאָרגן. וואָלט נאָך לאַנעס טיר געווען מיט שניי פאַרווייעט — האָט ער און יוסף איצטער געקענט אַ שטעל טאָן זיך און באַפרייען איר טיר... נו, האָט לאַנע, און אפשר לאַנע מיט איר פאָטער, דאָס אַליין געטאָן.

אין טיר האָט זיך באַוויזן וואָווע ברעזער; איז אויך געווען איינגעצויגן און אָפּגעצערט.

— וואָס שטייט איר דרויסן? בעט זיי, לאַנע, אַריין אין שטוב.

— קומט טאַקע אַריין אין שטוב; באַנ׳אונדז איז שוין וואַרים!

וואָווע ברעזער האָט אויפגעהויבן דעם געפרוירענעם האָז, גע־פּרואווט זיין וואָג:

— דער בויך איז נישט קיין ליידיקער, מהום... געפרוירן געוואָרן מיט אַ זאַטן מאָגן; און מיר האָבן געקענט געפרוירן ווערן מיט אַ הונגעריקן מאָגן...

דערנאָכדעם האָט וואָווע דעם האָז אַנידערגעזעצט אויפן שניי דערביי, האָט אים אָנגעקוקט און געגעבן אַ פאַרטייעטן לאַך.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך וואָווע אויסגעדרייט צו די מענער, האָט זיי ביידן באַטראַכט מיט אַ שמייכל און ווידער געזאָגט צו לאַנען:

— פאַרבעט זיי, לאַנע, אין שטוב אַריין, און איך וועל גיין געוואויר ווערן וואָס זלמן קאָסאָי מאַכט; וועל געוואויר ווערן וואָס עס הערט זיך אין די שטיבער, אפשר הונגערט מען...

וואָווע ברעזער איז אַוועקגעגאַנגען; זיין פּלייצע איז געווען געבויגן מער ווי שטענדיק, און דער קאָפּ איינגעגראָבן אין די אַקסלען.

אָבער בערע האָט ניט געקענט באַהאַלטן דאָס, וואָס אים איז אָנגעלאָפן פאַרן געדאַנק:

— האָסט געהערט, יוסף, ביי די ברעזערס גלויבט מען, אַז ביי דער סאָוועטנמאַכט איז דעם האָז בעסער ווי דעם מענטשן... דער האָז האָט אַ פולן בויך...

בערע האָט דערביי מיטן פּוס אַ טורקע געטאָן דעם געפּרווירענעם, זיצנדיקן האָז:

— כאַ־כאַ־כאַ, יוסף, וואָס זאָל מען טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן אַזויפיל מוט ווי דער דאָזיקער געפּרווירענער האָז?

— עך, בערע, בערע; אָדער, חבר קאָוואַלסקי, — האָט לאַנע מיט פּאַרביטערטקייט גערעדט — קיין מאָסקווע האָט מען דיך באַדאַרפט ארויסשיקן; פון דאָרטן וואָלסטו אפשר ארויס־געזען עפּעס מער ווי אַן אָנגעהויבענעם דאָרף: פון דאָרטן וואָלסטו געזען מי־ליאָנען, מיליאָנען מענטשן, וועלכע האָבן אַ גוטן ווילן און זענען פּריינט פון דער סאָוועטנמאַכט, נאָר זייערע מאָגנס זענען פּאָרט ליידיקע... זאָג, יוסף, האָט אונדזער חבר קאָוואַלסקי ניט געקענט געפּרווירן ווערן ווי דער דאָזיקער האָז?

דערביי האָט לאַנע גאָר אומגעריכט אונטערגעכאַפּט בערען, אים אַ הויב געטאָן אינדערלופטן און אַ שטעל צוריק אויפן שניי.

— אוי, טו עס ניט, קענסט זיך נאָך איינרייסן! — האָט בערע אַ געשריי געטאָן פאַר שרעק.

— כאַ־כאַ־כאַ, יוסף, אונדזער עלטסטער האָט דאָך אַ ווייך האַרץ; ס'וואָלט אים געוועזן אַ שאָד, אז לאַנע, די בורזשויקע, זאָל זיך איינרייסן אין די געדערים... קומט אַריין אויף אַ ווײַלע אין שטוב אַריין, וועלן מיר דערנאָכדעם גיין געוואויר ווערן וואָס סע מאַכן אונדזערע איבערוואַנדערער.

פון שטאָל האָט זיך דערטראָגן אַ שוואַכער מהו־ו־ו...

לאַנע האָט אָנגעשטעלט די אויערן.

— וואָס הערסטו, לאַנע? — האָט יוסף געפרעגט.

— עפּעס הער איך... קומט מיט מיר אין שטאָל אַריין!

לאַנע האָט זיך אַ ריס געטאָן צום שטאָל, האָט אויפגעעפנט אַביסל דעם טויער, אַריינגעקוקט אין דער טונקעלער שטאָל, און מיט דער האַנט געוואונקען צו די צוויי מענער, זיי זאָלן זיך דערנענטערן:

— בערע, יוסף, זעט ווי ס'האָט זיך אויסגעלייטערט... קומט, קומט אין שטאָל אַריין...

צו זייער אַלעמענס איבעראַשונג איז געשטאַנען די ראַבע קו אַביסל איינגעהויקערט, און נעבן איר, אויף פיר ציטעריקע פיס, איז

געשטאַנען אַ ראָב קעלבל, אין דער מאַמען געראָטן, און געזוכט עפּעס מיט דער מאָרדע אַרום דער ראָבערס אייטער.

ביי אַלע דריי האָט דאָס פּנים אָנגעהויבן צו פלאַמען. אַלע דריי האָבן פאַרגעסן אָן דעם פריערדיקן שמועס; פאַרגעסן אָן דער זאַווערוכע און קאַלט־פאַרגלייזטן דרויסן.

— וואָס טוט מען, בערע?

לאַנע האָט זיך געוואָרפן צו בערען, געכאַפּט זיינע הענט און אין פאַרלאָרנקייט געקושט די שפּיצפינגער פון זיינע הענט.

— אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן — האָט יוסף געזאָגט — מיר האָבן שוין גאָרניט וואָס צו טאָן.

— אַריינגעמען דאָס קעלבל אין שטוב אַריין! ס׳קען דאָ קראַפּירן פון קעלט; זעסט, ווי ס׳ע ציטערט...

— זע, ווי די קו שטייט צעשראָקן און אויסגעמאַטערט; קום, בערע, איך האָב מורא צו איר צוצוגיין נענטער, כ׳וויל זי אַ גלעט טאָן...

בערע איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פריטשמעלעטער, כאָטש ס׳איז ניט צום ערשטן מאָל וואָס ער האָט געזען דעם ניי־געבורט אין אַ שטאַל, יעמאָלט ווען זיינע טאַטע־מאַמע האָבן נאָך געלעבט הינטערן שטעטל אין קוזשניע. אין זייער שטאַל איז יעדן סוף־ווינטער אַ קעלבל געבוירן געוואָרן. נאָר דאָ, אין יונגן דאָרף, נאָך אַזעלכע שווערע טעג וואָס מען האָט איבערגעלעבט, האָט דאָס נייע לעבן אין שטאָל אָנגעצונדן דאָס בלוט אין פּנים, און בערע האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס ער האָט צו טאָן.

— אין שטוב אַריין, לאַנע, וועל איך עס אַריינגעטראָגן... מיט אַ פלעשל וועט מען עס פּויען פון דער מאַמעס מילך.

בערע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קעלבל, האָט עס אַריינגענומען אין זיינע לאַנגע אָרעמס, אַלע פיר פיס אינאיינעם; און איידער די קו האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, איז ער מיט דעם אַרויס דרויסן.

— גיכער, לאַנע, עפן אויף די שטוב־טיר, די קעלט זאָל עס ניט אַרומכאַפּן!

בערע האָט דאָס קעלבל אַריינגעבראַכט אין שטוב, און פאַר־

זיכטיק אַפּגעלאָזן. פון קעלבל איז נאָך אַ פּאָרע געגאַנגען. פון שטאָל האָט זיך דערטראָגן דער ראַבערס פאַרבענקטער אויסגעשריי.

— גיי, יוסף, ברענג אַריין פון שטאָל אַ ברעמיע שטרוי, וועט מען דאָ אָנשפּרייטן, סע זאָל זיין ווייכער און וואַרימער פאַר דעם.

יוסף האָט געפאָלגט בערען און אַרויסגעאיילט דרויסן. דאָס קעלבל איז געשטאַנען און זיך לייכט געהוידעט אויף די פיר צע־שפּרייטע פיס; מיט תמ׳עוואַטן חידוש האָט עס געגלאָצט צום פענצטער, וואוהין דער ווייסער סטעפּ האָט אַריינגעקוקט. מיט ניט ווינציקער חידוש, אָן ווערטער, איז לאַנע געשטאַנען, געהאַלטן בערעס האַנט און געקוקט צום יונגן באַשעפעניש, וואָס האָט אויסגעקליבן געבוירן צו ווערן אין אַזאַ קאַלטן, כאָטש שוין איינגעשטילטן ווינטער אינדערפרי.

יוסף איז אַריינגעקומען מיט אַ ברעמיע שטרוי; האָט עס צעשפּרייט איבער דער שטוב, און אין איין ווײַלע איז די שטוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאָל. איבערן געמיט ביי די דערוואַק־סענע מענטשן האָט געגומען הערשן דאָס יונגע לעבן אין געשטאַלט פון אַן ערשט־געבוירן קעלבל.

לאַנע איז אַריין אין אַנדערן חדר, דאָרטן געוועקט דעם אַלטן יאָשען, וואָס איז אין די לעצטע קרירות מער געשלאָפן ווי וואַך געווען:

— זיידע, שטיי אויף! קום אַרויס; זע, וואָס מיר האָבן אין שטוב...

לאַנע אַליין האָט אויך אויפגעוואַכט ווי פון אַ לאַנגן שלאָף. זי האָט עס אויך דערקענט אין די אויגן פון די צוויי מענער, וואָס זענען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרגאַפט און האָבן קיין ווערטער ניט פאַרמאָגט אויסצודריקן די געפילן, וואָס וועקן זיך אויף ביי אַ פּויער אין בלוט ווינטערצייט, ווען אין שטאָל באַווייזט זיך דאָס ערשטע יונגע לעבן. אמת, די ראַבע ביי די ברעזערס האָט זיך אַביסל צוגעאיילט; ס׳איז נאָך געווען גענוג טיף אין ווינטער. פונדעסטוועגן האָט עס מיט אַ וואַרימקייט אַ בלאָז געטאָן איבער די געזיכטער פון די מענטשן; און ס׳איז אויך געווען אַן אָנזאָג, אַז ניט אייביק בושעווען זאַווערו־כעס; און ניט אייביק וועט דער שניי־און־אייז באַפאַנצערטער סטעפּ

אזוי בלייבן. דער געדאַנק האָט זיך אָוועקגעטראָגן צו דער גרינער ווינטער־זריעה, וואָס האָט געאָטעמט אונטערן שניי און, ווי מענטש, געוואַרט אויף וואַרימקייט פון יונגע, באַזונטע טעג.

דער אַלטער יאָשע איז אַריינגעקומען, געריבן די אויגן, געקוקט און ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן:

— פונוואַנען און פון וואָס, אייניקל מיינס, האָט זיך עס גענומען?

— דאָס איז לאַנעס אַן אייניקל, זיידעשי, — האָט יוסף זיך געוויצלט.

— אָ־וואָ, אָ־וואָ — האָט דער אַלטער געגאַפט — גאָטס נסים... אַ, וואָס זאָגסטו, בערע, אמת, אַ גרויסער גאָט פאַראַן אויף דער וועלט?... אין אַזעטיקע קעלטן; אין אַזעטיקע זאַווערוכעס... טו עס נאָר אַ טאַפּ, ס'איז וואַרים און לעבעדיק, כע־כע־כע!

דאָס קעלבל, פון שוואַכקייט, האָט פריער אַנידערגעקניט אויף די פאָדערשטע פיס, און שפּעטער זיך אַראָפּגעלאָזן שווער אויפן אונטערגעבעטן שטרוי און צוגעמאַכט די אויגן.

— דעק עס צו מיט עפּעס, לאַנע, — האָט דער אַלטער יאָשע געזאָגט — באַדאַרפן אָנזאָגן אין דאָרף, אַז דאָס ערשטע קעלבל איז געבוירן געוואָרן, אָ־וואָ...

— זאָל עס שלאָפן, שפּעטער וועל איך פאַר דעם אָנמעלקן מילך... איצטער קומט, לאָמיר געוואויר ווערן אין די שטיבער און אָנזאָגן, אַז אין אונדזער דאָרף איז דאָס ערשטע קעלבל געבוירן געוואָרן. זאָלסט, זיידע, אויף דעם אַכטונג געבן, סע זאָל זיך ניט אוועק'הרג'ענען.

בערע האָט אַליין, ניט ווייסנדיק פאַר־וועמען און פאַרוואָס, זיך צעלאַכט אויפן הויכן קול. געוואָלט האָט ער עפּעס זאָגן פּאַסיקס לכבוד דעם קעלבל, וואָס זאָל לאַנען שטאַרק הנאה טאָן, און האָט די פּאַסיקע ווערטער ניט געפונען.

האָט ער יוסף'ן אַ שטאַרקן פּאַטש געטאָן אין פּלייצע, אים אויפגעהויבן ביז צו דער סטעליע און געטרייסלט:

— שטיי אויף פון שלאָף, דו באַוואַקסענער בער, כאַ־כאַ־כאַ; דער ווינטער איז שוין אַוועק! אַז דער וועג וועט זיך איינשטעלן,

פֿאַר איך אַרוים און וועל זען, מענטשן זאָלן קומען, און אונדזער דאָרף זאָל אָניאָגן און איבעריאָגן, כאַ־כאַ־כאַ! הערסט, לאַנע: דער־יאָגן און איבעריאָגן! פּופּציק שטיבער זאָלן איבעראַיאָר אין דער צייט אָטאָ־דאָ שטיין. דו הערסט, בער מאַכנאַטער!

בערע האָט יוסף׳ן אַ שטעל געטאָן אויפֿן דיל, אַזש דאָס קעלבל האָט זיך איבערגעשראָקן.

— הלואי קומט אַהער אין פֿרילינג אַן עולם, מיט וועמען מען זאָל קענען אָנהייבן בויען אויפֿסניי... בויען, בערע! איך וויל בויען, בערע... — האָט יוסף ניט מיט זיין קול געשריען.

— ס׳לייטערט זיך אויס דרויסן, קינדער; ווען איך זאָל נישט מורא האָבן פֿאַר די בערג שניי, וואָלט איך אַרויס דרויסן און אפֿשר זיך דערקליבן צו זלמנ׳ען.

— קומט, זיידע, מירן אייך פֿירן!

אַלע דריי האָבן דעם אַלטן יאָשען אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב; פֿאַרזיכטיק אים געפֿירט אונטער די הענט איבער די אייזיקע רוקנס פֿון אויפֿגעכוואַליעטן שניי און אייז.

פֿון שטאַל האָט זיך ווידער דערטראָגן דער ראַבערס פֿאַרבענקטער רוף צו איר קינד, וואָס די מענטשן האָבן ביי איר צוגענומען אין דער וואַרימער שטוב אַריין.

ווען די בשורה וועגן ניי־געבוירענעם קעלבל האָט זיך צעטראָגן איבער די שטיבער, האָבן אַלע געפֿילט, אַז עס האָט זיך שוין אויף צום אמת׳ן אויסגעלייטערט; און אַז דער טאָג איז שוין טאַקע אויך אַ סך, גאָר אַ סך לענגער.

די גרינע זריעה אונטערן שווערן אייז און שניי האָט דאָס אייגענע געשפּירט.

XXXV

עס האָט אויסגעוויזן, ווי די ערד האָט שוין אָנגעהויבן אויפֿאָטעמען אַנטקעגן דער זון, וואָס האָט אַזוי העל און וואַרים אַרויסגעשיינט פֿון סאַמע באַגינען טאָג־נאָך־טאָג און געשמאָלצן דעם שניי; אָבער די נעכט האָבן געהויכט מיט פֿראָסט און די גלידער געטריבן

אין ווארימען ווינקל אריין. ניט אומעטום איז אויף דעם אייגענעם אופן ווארים געווען. דעם עולם האט זיך אויסגעדוכט, אז בלויז אין צוויי שטיבער איז ווארים און ליכטיק — ביי די קאוואלסקים און ביי דער ברעזער. נאר ווי באלד ביי די ברעזער איז געווען דאס ערשטע געבוירענע, ראבע קעלבעלע אין שטוב, א יאלעשקעלע, האט דעריבער אלעמען אויסגעוויזן, אז ביי די ברעזער איז צום ווא־רימסטן און צום ליכטיקסטן. אגב, האט לאנע לכבוד דער ראבער יאלעשקעלע פארבעטן אלעמען אויף קארטאפלענע לאטקעס. אויף אין אוונט האט זי אלעמען פארבעטן.

דער ערשטער איז אראפגעקומען זלמן קאסאי; ער האט זיך געשטארקט, ארויסגעטרייסלט פון זיך דאס פארקילעכץ; ער האט נאך שטארק געהוסט; מיט א וואלענעם זאק ארום האלדז ארומגע־וויקלט, איז ער אראפגעקומען ווינטשן מזל־טוב. זיין שווערע אידענע, אן איינגעדרייטע אין א וואטאווקע, מיט צוויי פאטשיילעס, ארום קאפ און פלייצע, האט אים נאכגעטאפטשעט ביי דער זייט.

— א גוטנאוונט אייך, און מזל־טוב אייך, און מזל־טוב אונדז אלעמען! — האט זלמן הוסטנדיק געווינטשעוועט — אפילו מיט אן אמאליקן גביר זאל מען זיך נישט אבי־ווי שפילן; אפילו אין לאנד פון סאוועטן קוקט נאך צונ'אים דער רבונו של עולם אראפ... קוק, אידענע, א ראבע קעלבעלע; זעסט, ווי סע שלאפט, כא־כא־כא; סע באנעמט גארנישט, אז סע איז געבוירן געווארן אין א אידיש לאנד, כא־כא־כא.

— מיין מאן איז גוט אויפן הארצן, און מיר איז דאס לעבן נישט ניחא — האט זלמנ'ס אידענע אנגעהויבן מיט א ניגון — זאגט מיר, כ'בעט אייך, דאס איז טאקע געבוירן געווארן באנ'אייך אין שטאל? זע נאר, זלמן, ווי סע שאקלט מיט אן אויער, זאלסטו מיר געזונט זיין...

נאכדעם האט זיך זלמנ'ס אידענע ארויסגעוויקלט פון די פא־טשיילעס, און זיך צוגערוקט נענטער צום טשוגונענעם אייוועלע.

וואווע ברעזער, וואס האט תחילת געקוקט קרומלעך אויף לאנען צוליבן גאנצן „טאראראם" וואס זי מאכט, איז צופרידן געווען, ווען

זלמן איז אראָפּגעקומען: מען האָט מורא געהאַט, אַז זלמן האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף צום אמת'ן, ניט מער אויפצושטיין.

— וואָס הייסט, וואָוו, לאַנע בעט אויף לאַטקעס, וועל איך ליגן ווי אַ בערוועגע? בפרט, אַ קעלבל איז געבוירן געוואָרן! מיין קו בלאָזט זיך אויך; וועט מסתמא אַ ליאַדע טאָג... נו, וואָס שוויַיג־סטו, לאַנע?

לאַנע איז געזעסן אויף אַ פוסבענקעלע, ניט ווייט פון אייוועלע, און געשיילט קאַרטאָפליעס אין אַ גרויסער, בלעכענער שיסל אַריין.

— איך הער, ווי איר רעדט, חבר קאַסאַי; איר זענט דאָך פון די גלוביקע, איז דען אַ חידוש, אַז איר האָט זיך ניט אַנידערגעלייגט גאָר אינגאַנצן? איר וועט זען, חבר קאַסאַי, וואָס שווערער דער ווינטער, אַלץ זיסער וועט זיין דער זומער.

— מיין טאַכטער האָט אמונה אפילו אין אַ שווערן ווינטער; איך קלער אָפּט, פונוואַנען איז ביי מיר אויסגעוואַקסן אַזאַ נאַרישע מויד... געגנוג דיר שיילן קאַרטאָפליעס; עס וועלן גאָר אַזויפיל עסערס נישט קומען.

אויף דעם זענען אַריינגעקומען כאַסיע אַסטראָווער און איר מאַן שמערל. ביידע האָבן געבראַכט אַ ברייטן שמייכל אין פּנים.

כאַסיע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַ קוש געטאָן לאַנען, און געזאָגט:

— טאַקע נאָר לאַנען קען אַזאַ זאַך איינפאַלן, רופן אויף לאַט־קעס אין אַזאַ קאַלטער נאַכט. זעסט, שמערל, זאָלסטו מיר געזונט זיין, ס'איז דאָך שוין געבוירן געוואָרן אַ קעלבל אין אַ אידישן דאָרף; זע נאָר, ווי סע שלאָפט, זאָלסטו מיר געזונט זיין... אַ בהמה, ווי להבדיל, אַ מענטש, אַז עס ווערט געבוירן — שלאָפט עס... ס'ווילט זיך מיר עס אָפּבלאָזן, זאָל עס קיין עין־הרע נישט שאַדטן.

— אַלץ לעבט מען איבער, חבר'טע אַסטראָווער, — האָט זיך לאַנע אויפגעהויבן, און אַריינגעשטאָפּט אין אייוועלע אַריין קוראַי.

— וואָס־זשע מאַכט איר? — האָט כאַסיע זיך געווענדט צו זלמנ'ען — ווען מען וואָלט אויף אַ גאַנצן ווינטער געקענט אָט־אַזוי איינשלאָפן...

— כאַ־כאַ־כאַ, חבר'טע אַסטראָווער, ס'וואָלט זיך אייך גאָרניט

געגלוסט שלאָפן, ווען איר וואָלט אייערע קינדער דאָ געהאַט נעבן זיך. קומט נענטער צום אייוועלע.

— זאָלסטו מיר געזונט זיין, לאַנע, וועסטו האָבן גענוג כח אַנצורייבן אַזויפיל קאַרטאָפליעס? אפשר וועסטו מיך לאָזן, איך זאָל דיר העלפן?

— דאגה'ט ניט, ס'וועט זיין ווער עס זאָל העלפן... איך הער, מען גייט!

לאַנע איז אויפגעשטאַנען, אַ טרייסל געטאָן מיט דעם געקרויזטן קאָפּ. אויף דער וואַנט, אַנטקעגנאיבער דעם וואַנט־לעמפּל, האָט איר שאָטן דאָס אייגענע נאָכגעטאָן.

אין שטוב זענען אַריינגעקומען נאָטע קרעטשמער, יוסף ראַט־נער און זייטשיק.

זייטשיק האָט פאר התפעלות זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט איןביידע זייטן, אַזש דאָס קעלבל האָט אויפגעוואַכט און זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַ פּאָר מאָל איבערגעשטעלט די פיס און געקוקט מיט תמימות'דיקע אויגן צו די מענטשן.

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זייטשיק אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער —סאַראַ קוקן סע קוקט, כאַ־כאַ־כאַ... ממש סע וויל מיר עפּעס זאָגן! מהו־ו־ו־ו, ס'איז נאָך גרויסער ווינטער; האָסט נאָך באַדאַרפט ליגן ביי דער מאַמען אין בויך, מהו־ו־ו־ו...

זייטשיק האָט זיך קינדיש אַראָפּגעזעצט, אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן צום קעלבל; ביידע האָבן זיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, און דער עולם האָט געלאַכט פון פולן האַרצן.

— לאָז מיך, לאַנע, — האָט זיך יוסף אַראָפּגעלאָזן צו דער שיסל אָנגעשיילטע קאַרטאָפליעס — דו האָסט געשיילט, איצטער וועל איך זיי רייבן.

יוסף האָט איבערגענומען ביי לאַנען דעם ריבאייזן, אָנגעהויבן געשמאַק רייבן די קאַרטאָפליעס; אַלעמענס אויגן זענען געפאַלן אויף זיינע הענט.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, איר האָט קיינמאָל ניט געזען ווי אַ מאַן רייבט קאַרטאָפליעס? כאַ־כאַ־כאַ... זאָג זיי, לאַנע, אַז פאַר דיינעטוועגן וועט דער שוטה יוסף אַלצדינג טאָן.

— זאָג נאָך עפּעס, יוסף, — האָט לאַנע אים אַ דריי געטאָן ביים אויער — זאָג, ווי לאַנג וועט נאָך זיין ווינטער?

יוסף האָט געשוויגן; צו לאַנען האָט ער איצטער געהאַט אַ געפיל פון דרך־ארץ. מחמת די אַלע, וואָס ער זעט דאָ אין שטוב, דוכט זיך אים, גייען אַרום ווי אין שלאָף. אפילו ביי די קאָוואַל־סקיס דרעמלט מען אויך. נאָר לאַנע, זי איינע איז אַ וואַכע. ווילט זיך אים איצטער גאָרניט זאָגן; ער רייבט די קאַרטאָפליעס, און שוויַיגט.

— נו, יוסף, האָסטו טאַקע גאָרניט וואָס צו זאָגן? — איז לאַנע צו אים צוגעשטאַנען — האָסט דאָך פאַר אַלצדינג דעם ריכטיקן געדאַנק; וואָס זאָגסטו צום קעלבל, וואָס רק עס דרעמלט?...

יוסף האָט געריבן די קאַרטאָפליעס און זיך איינגעהערט צו לאַנעס רייד. ביי אים זענען דוקא אָנגעקוואָלן עטלעכע ווערטער, וואָס ער וואָלט אַרויסגעזאָגט, ווען דאָס אַלטווארג וואָלט איצטער דערביי ניט געווען. ער וואָלט לאַנען געזאָגט, אַז דער שווערער ווינטער איז אָנגעשטאַנען נאָר צוליב דעם, וואָס רעכטע בחורים פעלן אין דאָרף; און אַז ניט ער און ניט בערע טויגן פאַר איר. שפּאַרט עס אין אים צו לאַכן פון אַזאַ חכמה; ער האַלט זיך איין ניט אַ לאַך צו טאָן.

די קאָוואַלסקיס זענען אַריינגעקומען. אַפריער ליזער, דערנאָכ־דעם רייזל, און הינטער איר — בערע. בערע האָט מעשה באַלעבאָס אָפּגעקלאַפּט די שטיוול ביי דער שוועל; מיט אַ געווייסער ווערדע איז בערע אַריינגעקומען.

יוסף איז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט בערען דעם ריבאייזן

— זיי־זשע מוחל, באַוויַיז, אַז דו ביסט ניט נאָר אונדזער עלטסטער, נאָר טאַקע אַ גוטער חבר. איך מיט לאַנען וועלן אָנהייבן צו באַקן די אָנגעריבענע קאַרטאָפליעס.

בערע האָט געפאָלגט: האָט אפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט אַנטקעגן; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דר׳ערד, און מיט גרויס ערנסט געריבן די קאַרטאָפליעס.

לאַנען איז יוספ׳ס דרייסטקייט געפעלן געווען. זי האָט אויף דעם טשוגונענעם אייוועלע, אין אַ סקאָווראָדע, אָנגעגאָסן אייל פון

א פלעשל. די שטוב איז פול געוואָרן מיט דעם ריח פון געפּרעגלטן אייל, וואָס איז געקראָכן אין די מאַנסבילשע און ווייבערשע נאָז־לעכער אריין, און מיט אמאָל אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען א זיסע מידקייט.

דער אַלטער יאָשע, וואָס איז געזעסן אָן א זייט, דעם קאָפּ אין טולעפּ אריינגענומען, פון לאַנגאָן געדרעמלט, האָט דעם קאָפּ און באָרד אַרויסגעצויגן פון טולעפּ ארויס, ווי נאָר אויף דער סקאָווראָדע האָט עס אָנגעהויבן צו קלעקטשען, און דער געפּרעגלטער אייל־ריח האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטוב.

— אך, קינדערלעך, — האָט דער אַלטער גוטמוטיק אָנגעהויבן —וואו איז מען אין דער וועלט? איך טראַכט, איך טראַכט, צי זענען מיר עס אידן?... צי זענען מיר גאָר קיינמאָל קיין אידן נישט געווען? אביסעלע בראָנפן וואָלט נישט שאַדטן, אז מע וויל זיך שוין טאַקע יאָ משמח זיין.

— מיטן ביסעלע בראַנפן, זיידע, זייט איר גערעכט — האָט פון זיין אָרט ביים ריבאייזן בערע זיך אָפּגערופן — ס'וועט באַלד זיין א ביסעלע בראַנפן; און איר וועט זען, זיידע, אז די סאָוועטנ־מאַכט ווייסט וואו אידן זיצן... כאַפּ זיך, טאַטע, אריבער אהיים און ברענג דאָס פלעשל אהער!

— כ'האָב געמיינט, מיין זון, אז דו האָסט מיטגענומען...

דערביי האָט לייזער דער שמיד אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, און איז אַרויסגעגאַנגען.

לאַנע האָט פון א זייט א קוק געטאָן צו בערען; זי האָט ניט נעגלויבט אירע אויערן: „ווי קומט עס צו אים אזא צוגעלאָזנקייט?...” אָבער תיכף איז איר אומעטיק געוואָרן; זי האָט אַליין ניט באַ־גריפן פאַרוואָס דאָס איז. עס איז געווען דער ערשטער אָוונט, וואָס מען האָט זיך ביי די ברעזערס צונויפגענומען; צום ערשטן מאָל דעם ווינטער, וואָס די קאָוואַלסקים זענען אַלע אינאיינעם אראָפּגעקומען; עס האָט איר אויסגעוויזן, ווי אין שלאָף זעט זי עס ארויס. דער בלוילעכער רויך וואָס האָט געצויגן פון דער סקאָווראָדע, און שפּע־טער זיך פאַרשפּרייט איבערן שטוב, האָט דאָס לעבעדיקע פאַרנעבלט; פאַרנעבלט געוואָרן דער מהות, און דורך א בלוילעכן רויך האָבן

געצויגן מחשבות פאַרן איינשלאָפן; אויף אַ רגע נאָך געפּרוּווט אָנצונעמען אַ בולט געשטאַלט. די רואיקייט וואָס האָט באַהערשט אַלעמען נאָך דער זאַווערוכע, האָט אַפילו ביי די ענערגישערע אויפגעוועקט אַ פאַרלאַנג, ניט דווקא צום שלאָפן, נאָר דרעמלען און חלומ'ען, ביז דער פרילינג וועט קומען און אויפוועקן. אָבער ווי נאָר די מחשבות האָבן געפּרוּווט איינדרעמלען, זענען פון גאָר נאָנטן עבר אַרויסגעקומען שווערע און בלוטיקע איבערלעבונגען; רעשטלעך, ברעקלעך פון דעם גרויסן הפקר־מאַרש, פון הונגעריקע, באָרוועסע, וואָס האָבן מאַרשירט פאָרויס צו באַפרייען לאַנד און וועלט; און אויך דעם בלוטיקן פאַגראָמען־מאַרש, וואָס איז פאַרלאָפן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע...

כאַסיע אַסטראָווער איז אָפט געווען די, וואָס האָט באַשיינפערלעך באַוויזן, אַז די שרעקן, וואָס אידן האָבן איבערגעלעבט גאָרניט לאַנג ביי די טייכן דניעפּער און דניעסטער, זיי האָבן נאָר מכלומרשט אויף אַ ווײַלע ערגעץ־וואו די קעפּ באַהאַלטן; ס'איז נאָר נויטיק איין שטילע שעה, און די שרעקן זאָלן די קעפּ ווידער אַרויסשטעקן.

— איר ווייסט, קינדערלעך — האָט כאַסיע אָנגעהויבן, און אַ קינדערשער חידוש־שמייכל האָט באַלויכטן איר פּנים — איר ווייסט, אַז סע אי שוין גאָר צו שטיל באַנ'אונדז! אויב אַזוי וועט עס זיין ווינטער נאָך ווינטער, געפעלט עס מיר נישט. אין אַ גאָרער שטילקייט קומען אַרויס פאַר די גערדאַנקען די אַמאָליקע פּחדים... אַז די בורע האָט געריסן, דוכט זיך, שיעור דעם דאָך נישט אַראָפּגעטראָגן, בין איך מיט די מחשבות געווען . . . אוי, קינדערלעך, לאָמיר עס שוין בעסער נישט דערמאָנען.

— גוט און קלוג טוט איר, חבר'טע אַסטראָווער, וואָס איר דערמאָנט עס נישט — האָט בערע פון זיין אָרט זיך אָפּגערופן.

— איך האָב פון זיך אַראָפּגעטרייסלט דאָס פאַרלאָפענע; איצטער ווייס איך, ווען כ'וועל אַפילו נישט פאַרשפּאַרן די טיר ביינאַכט, וועט מיר קיין בייז נישט טרעפן. נאָר וואָס עס איז שייך דעם זכרון, איז אַ מענטש דאָך נישט קיין בערוועגע; דאָס וואָס מע האָט איבערגעלעבט, האָט איבערגעלאָזן אַ צייכן. וואָס זאָגסטו, וואָווע, מע

קען פאַרגעסן דאָס וואָס מע האָט איבערגעלעבט? — האָט זלמן פילאָזאָפירט.

— צוליב וואָס זאָלסטו זאָגן איבערגעלעבט? — האָט וואָווע געענטפערט — מען קען מיינען, אַז איצטער איז מען שוין אויסגע־לייזטע. איך זאָג נישט, אַז פּאָגראָמען איז געווען דאָס ערגסטע. איינמאָל ווערט מען גע'הרג'עט; איר מאַמע איז מער נישט ווי איינמאָל גע'הרג'עט געוואָרן...

— אַזוי באַדאַרפסטו, וואָווע, נישט רעדן — האָט קאָסאָי באַ־מערקט — דער וואָס איז גע'הרג'עט געוואָרן, דער וועט שוין לע־בעדיק נישט ווערן; און דער עיקר זאָלסטו נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי און פון וועמעס הענט דער טויט איז געקומען...

בערע האָט געלאָזן דעם ריבאייזן מיט אַ האַלבער ניטדעריבענער קאַרטאָפליע אויף אים, און איז אויפגעשטאַנען:

— אַזעלכע לאַטקעס, לאַנע, געפעלן מיר ניט! — האָט בערע אַ פּירסקע געטאָן.

יוסף איז צוגעגאַנגען צו בערען, האָט אים אַרומגענומען, און אַריינגעלאַכט אים אין פּנים אַריין:

— וואָס עסטו זיך אָפּ דאָס האַרץ, בערע? — האָט יוסף אים איינגענומען — יעדערער זעט דאָס לעבן מיט זיינע אויגן. יעדערער האָט די רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען אויף זיין אייגענעם אופן איבערגעלעבט. ווען דו זאָגסט, אַז אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע איז אַלצדינג באַרעכטיקט, זאָלסטו אָבער ניט פאַרגעסן, אַז דעם, וואָס מען האָט געשניטן דאָס לעבעדיקע ליב, איז האָט ווי געטאָן; און אים טוט נאָך עד היום ווי... איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, בערע, אַז נאָר צוליב דעם, וואָס דער אַמאָליקער פויער איז אין פאַרלויף פון אַ לאַנגן ווינטער איינגעשלאָפן ווי דער בער אין זיין נאָרע, האָט די צאַרישע מאַכט אים געקענט האַלטן אין חשבות אפילו אין די זוניקע, זומערדיקע טעג, ווען דער פויער איז געווען פאַרהאַרעוועט, און קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן. דערווייליע איז נאָך אונדזער מצב ביי דער ערד ניט קיין סך אַ בעסערער פון דעם אַמאָליקן פויער פון פאַר דער רעוואָלוציע. ווען ניט די זאַווערוכע, וואָלטן מיר דאָך אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן; וואָלט מען אפילו היינטיקע לאַטקעס ניט גע־

געסן. אמת, ווען ניט די רעוואָלוציע, וואָלטן מיר דאָ היינט אויף אַן אייגענער ערד ניט געווען... נאָר איך זאָג דיר, אַז נחום, וואָס איז אַנטלאָפן קיין כּארקאָוו, ער שלאָפט איצטער אודאי ניט. גיב אַ טראַכט, בערע, צי אין מאָסקווע שלאָפט דאָס לעבן ווי באַנ׳אונדז...

— איך האָב איצטער גאָרניט וואָס צו זאָגן, יוסף — האָט בערע יוסף׳ן געקלאַפּט איבערן פּלייצע — ווער סע שלאָפט איצטער אין סאָוועטנלאַנד איז אודאי ווערט דעם שטעקן. אַפילו דאָ טאָר מען אויך ניט שלאָפן!

לייזער דער שמיד איז אַריינגעקומען און אַריינגעבראַכט אַ פול פלעשל מיט בלוילעך ווייסן בראַנפן. ער האָט דאָס פלעשל אַנידער־געשטעלט אויפן טיש; אַלעמענס אויגן זענען אַוועק צום פלעשל; יעדערער האָט זיך אָביסעלע אַ ריר געטאָן פון אָרט. דאָס קעלבל, וואָס איז מיט אַ ווײַלע פריער געשטאַנען, געגלאָצט אין עולם אַריין, איז איצטער ווידער געלעגן אויפן שטרוי־אונטערבעט; אַלע ווײַלע האָלב געעפנט די אויגן, און ווידער די ברעמען אַראָפּגעלאָזן.

מיטן אָנקומען פון פלעשל בראַנפן האָט זיך דער געמיט אַ הייב געטאָן, און אויף אַ ווײַלע אויפגעעפנט די אויגן.

— מיר זענען נישט אַליין — האָט דער ערשטער אויפגעוואַכט דער אָפּטימיסט, נאָטע קרעטשמער — עס האָט זיך טאַקע געקערט אויסדראַכטן, אַז מען האָט אונדז גענומען און פאַרשיקט אין ווייטן סיביר ערגעץ, מען זאָל אָפּקומען שטראָף פאַר אַ שווערער זינד... ערד האָט מען אונדז געגעבן און געזאָגט, ס׳איז אין קרים. אלא, מע האָט תחילת געטראַכט, אַז קרים איז וואַרים... בע־בע־בע, לחיים! זאָל דאָס ערשטע געבוירענע קעלבל, נאָך אַ יאַלעשקע דערצו, זיין אַן אָנהייב פון אַ גרויסער גערעטעניש, לחיים!

— לחיים, בערע, — האָט יוסף אויפגעהויבן זיין גלעזל — זעסטו, איך בין ביי זיך דווקא ניט געפאַלן... זומערצייט, בשעת מען האָט זיך אַוואָרף געטאָן צום ביסל אויסגעדראָשענעם ווייץ, פאַרגעסן אַן אַלץ מיט אַן אַנדער, האָב איך געוואָלט אַ שפּיי טאָן און אַוועק קיין מאָסקווע. אויב זיין אַ גוי, וועל איך זיין צווישן אַ סך גויים... איצטער האָב איך צייט צו טראַכטן; בעת די זאַווערוכע האָט גע־בושעוועט, האָב איך אויך צייט געהאַט צו טראַכטן. און איצטער

זאָג איך דיר, בערע, צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט ניט, דאָ וועט זיין אַ אידישע היים... גאַנץ קרים וועט ווערן אַ אידישע היים... לחיים, אידן!

בערע איז געווען די לעצטע צייט צוגעלאָזענער צו יוספ'ן; ער האָט איצטער אויך יוספ'ס ווערטער ניט נאָר פאַרשטאַנען, נאָר אַ סך בעסער געפילט, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק.

בערע האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפן, און גערעדט אויף לאַנעס זייט.

— לחיים, לאַנע, איך רעד עס צו דיר און וויל, דיין טאַטע זאָל הערן. אייך דוכט זיך אויס, אַז ביים רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געהאָלפן אַ תל צו מאַכן פון דער בורזשואַזיע און פון די פּאָגראָמ־שטשיקעס, איז דאָס האַרץ פאַרשטיינערט געוואָרן; און אַז איר דערמאָנט די שחיטה, וואָס מען האָט געמאַכט באַנ'אייך אין שטוב, מיינט איר, אַז איך האָב הנאה פון דעם... איך בין נאָר ניט מיט אייך איינאיינעם, בשעת אייך נעמט עס ציען אויף צוריק, צו אַלדי שוואַרץ יאָר, צו פּעטליורן... אידן האָבן דאָך געהאַט אמונה אין די פירער פון די פּאָגראָמסקע שייקעס...

— דו זאָלסט עס זאָגן, מיין זון! — האָט לייזער אים איבער־געשלאָגן.

— יאָ, טאַטע, איך זאָג עס, באשר איך ווייס, ס'איז אמת. יעדערער וואָס קוקט אויף צוריק און בענקט צום אַלטן, בענקט צו דער ממשלה פון די פּאָגראָמשטשיקעס...

— אַזוי טרינקסט עס צו מיר לחיים? — האָט לאַנע, מיט טרערן אין איר שטים, שטיל געזאָגט, בשעת דער רויך פון סקאָוור־ראָדע האָט פאַרנעבלט איר געזיכט — ווער האָט אייך געבעטן איר זאָלט אויפמישן דאָס, וואָס מען באַדאַרף פאַרגעסן?

דערנאָכדעם האָט לאַנע אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך בראַנפן, איינס האָט זי דערלאַנגט יוספ'ן און איינס האָט זי אויפגעהויבן הויך; מיט געצוואונגענער מונטערקייט האָט זי גערעדט צו יוספ'ן:

— לחיים, יוסף, מיר ביידע זענען דערוויל די איינציקע אין דאָרף. איך ווייס, ווילסט ניט פאַרגעסן וואָס נעכטן איז געווען, און טראַכסט פונדעסטוועגן פון דעם וואָס מאָרגן וועט זיין... אונדזער

מאָרגן וועט זיין אזא וואַרימער און ליכטיקער... זאָלן זיך נאָר אַראָפּ־לאָזן אהער א סך איבערוואַנדערער, וועלן מיר זיי העלפן בויען... לחיים, קעלבעלע, כאַ־כאַ־כאַ...

— איך האָב דיך ליב, לאַנגע, ווי דו שטייסט און גייסט — האָט בערע זיך אָנגעגאָסן נאָך א גלעזל — איר, חבר ברזער, האָט ניט וואָס צו זאָרגן - מיט אייער טאָכטער; זי איז קליגער פון אונדז אַלעמען. גיב מיר דיין האַנט, לאַנגע; ס'איז טאַקע א זינד, אז מען פאַרזעט דאָס איינציקע מיידל ביי אונדז אין דאָרף; וואָס ניט, יוסף? יעדערער פון אונדז מיינט דאָך גוט, לחיים . . . לחיים, קאָסאַי! לחיים, זייטשיק; וואָס האָסטו איינגענומען א שטומעניש? !

זייטשיק איז געזעסן די גאַנצע צייט איינגעקאָרטשעט, האַלב ווי אין דרעמל. ער האָט יאָ געהערט, און ניט געהערט וואָס מען האָט גערעדט. נאָר אַז בערע האָט צו אים אויפגעהויבן דאָס גלעזל לחיים, האָט ער זיך א טשוכע געטאָן; האָט אויך גענומען א גלעזל בראַנפן און אָנגעהויבן:

— אַז די־אַ צוויי, בערע און יוסף הייבן זיך אָן טשעפּן איינס צום אַנדערן; בערע שרייט: רעוואָלוציע, און יוסף — אידיש פאָלק, כאַ־כאַ־כאַ, שווייג איך און לאַך. נישט די רעוואָלוציע פרעגט בא מיר, און נישט דאָס אידישע פאָלק פרעגט בא מיר. איך ווייס, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַנען אָקסן, און אויף דער וועלט זענען פאַראַנען פערד; זאָג איך מיר, אַז א מענטש באַדאַרף פאָרן מיט פערד און נישט מיט אָקסן; און אַז די רעוואָלוציע האָט גענומען פירן אידן אויף אָקסן — ט'זי זיי ווייט נישט פאַרפירן... בין איך א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער אַז איך זאָג עס; אַרט מיך נישט!... לחיים, בערע! מעגסט לאַכן פון זייטשיקן. אין די פּאָגראָמען איז זייטשיק נישט געלעגן מיט פאַרלייגטע הענט. אמת, כ'האָב גע'גנב'עט פערד, האָב זיי אַליין נישט געהאָדעוועט; אָבער פאַרקויפן האָב איך זיי פאַרקויפט בודיאָנען, און נישט פּעטליורען, כאַ־כאַ־כאַ...

צוליב דער וואַרימקייט אין שטוב איז דער פראָסט אַראָפּגע־קראָכן פון די שויבן. נאָך די ערשטע לחיים'ס, און נאָך דעם ערשטן פאַרבייסן מיט וואַרימע לאַטקעס, איז א שווערניש אריין אין אַלעמענס גלידער; יעדערער באַזונדער האָט גענומען טראַכטן פון

געלעגער; אפילו איבעריק געווען צו רייבן די לעצטע איבערגע־בליבענע קארטאפליעס.

לאנע האט זיך אנגעטראפן מיט בערעס בליקן, בייביידן האט א בלישטש געטאן די אייגענע מחשבה:

לאנע האט געזאגט:

— איך בין דיר מקנא, בערע, וואס דו פארסט אין שטעטל א רודער טאן אידן, זיי זאלן קומען קיין קרים. פאר וואס גיכער, און שיק זיי וואס פריער, מען זאל דא ניט איינשלאפן...

— מסכים! — האט יוסף געזאגט — פאר, פאר, בערע, און טרייב זיי מיט שטעקנס אהער...

דאס קעלבל האט זיך ווידער אויפגעשטעלט, געגאפט, א ווייל, געגלאצט צו די מענטשן; האט אויפגעעפנט דאס מויל, באוויזן אינדערקרום די צונג, און ארויסלאזן א צעצויגענעם מלע־הע־הע...

פון שטאל איז ניט געקומען קיין ענטפער; די ראבע מאמע איז אפנים געשלאפן.

געווען שוין נאך האלבע־נאכט, ווען דער עולם, מיט א לייכטן נעבל אין קאפ, איז ארויס דרויסן. שטיל און שווער און קאלט איז געהאנגען דער בלוי־אויסגעשטערנטער הימל איבער סטעפ אין יונגן, ציטריקן דארף.

א שטערן האט זיך ארויסגעריסן ערגעץ פון צפון־מזרח הימל און, לאזענדיק הינטער זיך א ווייס־ראזן ליכט־שטעג, איז ער אראפגעשוואומען צום מערב. ווען דער שטערן איז געפאלן און ס'ליכט הינטער אים האט זיך אויסגעלאשן, האט דער גאנצער הימל אינאיינעם מיט דער נאכט א ציטער געטאן, און עס האט א רגע אויסגעוויזן, אז אין מזרח זייט הייבט עס אן צו ווערן העלער און בלאסער. נידעריקער האבן אויסגעזען די צוויי שיטערע שורות שטי־בער, און שווער, מיט איינגעהאלטענעם אטעם איז געלעגן אויסגע־שפרייט די ווינטערדיקע ערד.

באטש די טריט האבן שלעפערדיק געמאסטן דעם שטעג צו שטוב און געלעגער, האבן די אויגן פונדעסטוועגן געפארשט אין מזרח־דרום הימל־ראנד, געזוכט צייכנס פון באגינען און פון נאנטן פרילינג...